לואים אואָלעם

# ירושלים און רוים

היסטאָרישער ראָמאַן

אויס דער צייט פון בית־שני

פאַריידישט פון ז. רייזען

ווילנע — וואַרשע — 1926

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

לואים אואַלעס

# ירושלים און רוים

היסטאָרישער ראָמאַן

אויס דער צייט פון בית־שני

פאַריידישט פון ז. רייזען

צווייטע אויפלאַגע

1926

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

Printed in Poland

Bibliotheca Universitatis Tartuensis
1942:1812

L. Uoles. — Jeruzalem i Rzym.

Drukarnia „Wyd. Wileńskie" B. Kleckina, Wilno.

ערשטער טייל

## קאַפּיטעל איינס.

### דער איד און דער רוימער.

ס׳איז געווען מיט אַ יאָר פֿופֿציג פֿאַר׳ן חורבן בית־שני אין איינעם פון די פּאַלאַץ־סעדער אויפ׳ן בארג ציון, אין אַ הייסען בייטאָג אין מיטען תמוז, ווען די זומערדיגע היץ דערגרייכט דאָ איר העכסטען גראַד.

דער סאָד איז פון אַלע זייטען אַרומגערינגעלט געווען מיט בנינים, ערטערווייז צווייגאָרענדיגע, מיט גאַלעריען און ווערענדעס ביי די זייטען, וואָס האָבען בעשאָטענט די טירען און פענסטער. דאָ און דאָרט זיינען די בנינים אַריבער אין שיינע קאָלאָנאַדעס, צווישען וועלכע ס׳האָבען פריי די ווינטען שפּאַצירט און וואָס האָבען אַנטפּלעקט פאַר די אויגען די איבעריגע טיילען פון דעם גראַנדיעזען וואונדער־שיינעם פּאַלאַץ.

אויך דער גאָרטען האָט פֿאַרנומען אַ אויג, מיט זיינע אַלייען גרינע לאָנקעלעך, קוסטעס, הייכע ביימער. זעלטענע מינים פּאַלמען, גרופּעס פון באָקסער־ביימער, אַפּריקאָסען און נוס־ביימער. פון מיטען אָן האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזען אויף אַלע זייטען; אויפ׳ן העכסטען אָרט האָט זיך געפינען אַ טיפער באַסיין פון מורמעלשטיין מיט אַ סך שליוזען, דורך וועלכע דאָס וואַסער פלעגט אַרומלויפען אַלע אַלייען — אַ שכל׳דיגער איינפאַל, צו בעוואָרענען דעם גאָרטען מיט וואַסער בשעת טריקעניש.

ניט ווייט פון׳ם באַסיין איז געווען געמאַכט אַ קליין טייכעלע

מיט העלען קלאָרען וואַסער, אַרומגערינגעלט מיט קוסטעס אָלעאַנדער און ראָר-שטעקעלעך, וואָס וואַקסען אַזויפיל ביים ירדן סאַמע ביז'ן ים-המלח. צווישען די ראָזיגע קוסטעס ביים טייכעל זיינען געזעסען צוויי בחורים פון אַ יאָר ניינצעהן און זיבעצעהן, פאַרטיפט אין אַ ערנסטען שמועס, זיך גאָר נישט קימערנדיג וועגען די ברענענדיגע זונען-שטראַלען, וואָס זיינען געפאַלען אויף זיי ניט געלינדערט דורך דעם מינדסטען ווינטעלע אַפילו.

ביידע זיינען זיי געווען שיין אין געשטאַלט און אויפ'ן ערשטען אָנבליק האָט מען זיי געקאָנט אָננעמען פאַר ברידער. ביידע האָבען געהאַט שוואַרצע האָר, שוואַרצע אויגען און שטאַרק פאַרברוינטע פּנימער. אַזוי ווי זיי זיינען געזעסען, האָט דער חילוק אין זייער וואוקס אויסגעוויזען פונקט אַזוי קליין ווי דער אונטערשייד אין זייערע יאָרען.

ביים עלטערען איז דער קאָפּ געווען אומבעדעקט. זיינע מלבושים זיינען בעשטאַנען נאָר פון סאַנדאַלען און אַ ברייטער טוניקע, וואָס איז אים אַראָפּגעפאַלען ביז די קניה. דעם העל-בלויען מאַנטעל האָט ער אויסגעשפרייט אונטער זיך. די טוניקע האָט נעלאָזט נאַקעט זיינע הענט און פיס, וואָס זיינען געווען פונקט אַזוי טונקעל פאַרברוינט ווי דאָס פּנים. פונדעסטוועגען האָבען די דינע איברים פון זיין געזיכט, דער חן פון זיינע מאַנירען און דער איידעלער קול עדות געזאָגט וועגען זיין הויכען ראַנג.

די טוניקע פון פיינעם גרויען וואָלענעם שטאָף, מיט אַ רויטען קאַנט אַרום האַלז, אַרום די אַרבעל און אַרום די פאָלעס, צוזויפגענומען מיט אַ זיידענעם שנור מיט פרענז, איז געווען אַ סימן, אַז ער איז אַ רוימער.

די גאַווה אין בליק און אין ריידען, וואָס האָט זיך פון צייט צו צייט אַרויסגעוויזען ביי אים בנוגע צו זיין חבר, גלייך ווי ער וואָלט קוקען אויף אים פון אויבען אַראָפּ, האָט זיך ערקלערט דערמיט, וואָס ער האָט געהערט צו אַ פאַמיליע, וועלכע האָט זיך אַפילו אין רוים גערעכענט זעהר פאַר אַ חשוב'ע; און צוליב אַזאַ יחוס האָט מען אין יענע צייטען געמאָגט מוחל זיין די גרעסטע בעלי-גאַוות.

בשעת די שרעקליכע מלחמות צווישען צעזאַר און זיינע שונאים איז איינער פון די מעסאַלעס געווען ברוטוסעס אַ פריינד. שפּעטער האָט ער, ניט אָנרירענדיג דעם אייגענעם כבוד, זיך איבערגעבעטען מיט'ן זיגער און ווען אָקטאַוויוס האָט געשטערבט צום קיסר־טראָן, האָט מעסאַלע אים אונטערגעהאַלטען. אַז אָקטאַוויוס איז געוואָרען קיסר אַווגוסטוס, האָט ער זיך דערמאָנט אָן די טובות, וואָס מעסאַלע האָט אים געטאָן. און האָט פאַרשאָטען מיט כיבודים זיין גאַנצע פאַמיליע. און אַז יהודה איז געוואָרען אַ רוימישע פּראָווינץ, האָט ער געשיקט דעם זון פון זיין אַלטען אָנהענגער קיין ירושלים אַלס איינזאַמלער און ממונה איבער די שטייערן, וואָס זיינען אַרויפגעלייגט געוואָרען אויף דעם לאַנד. פון דעמאָלט אָן איז מעסאַלע דער אינגערער פאַרבליבען אינ'ם דאָזיגען אַמט און האָט פאַרנומען אַ וואוינונג אינ'ם קיניגליכען פּאַלאַץ אַזוי ווי דער כהן־גדול. דער נאַר־וואָס בעשריבענער בחור איז געווען דעם שטייער־ממונה'ס אַ זון, וועלכער האָט געהאַט אַ טבע שוין צו אָפט געבען צו פילען די צוהערער, אַז זיין זיידע איז געווען אַ מקורב צו די גרעסטע רוימער פון זיין צייט.

מעסאַלעס חבר איז געווען מילדער פון אים; זיינע קליידער זיינען געווען פון דינעם ווייסען לייווענט, ווי מ'פלעגט געוויינטליך טראָגען אין ירושלים. אויפ'ן קאָפּ האָט ער געטראָגען אַ מין טוך, וואָס איז געווען איינגעצוינגען מיט אַ געלען שנירעל און איז אַראָפּגעפאַלען אויפ'ן נאַקען. אַ מבין אויף נאַציאָנאַליטעטען וואָלט אין אים אָן די איברים פון זיין געזיכט גלייך דערקאָנט אַ אידען. דעם רוימערס שטערן איז געווען הויך און שמאָל, די אָדלער־נאָז שאַרף, די ליפּען דין און גלייך געשניטען און די אויגען קאַלט און פאַרבאָרגען אונטער געדיכטע ברעמען; אַקעגען־זשע, דער איד האָט געהאַט אַ נידעריגען ברייטען שטערן, אַ לאַנגע שיין־געשניצטע נאָז און פולע ליפּען, האַלב־קיילעכדיג ווי קופּידאָנס[1] בויגען. צוזאַמען מיט דעם קיילעכדיגען קין, מיט די גרויסע אויגען און די אָוואַלע באַקען האָט עס צוגעגעבען זיין פּנים יענע ווייכקייט, חן און קראַפט,

1) קופּידאָן — ביי די רוימער דער גאָט פון ליבע; ווערט פאָרגעשטעלט ווי אַ אינגעל מיט פייל־און־בויגען (דער גריכישער עראָס).

וואס איז אזוי כאראקטעריסטיש פאר דער אידישער ראסע. דעם רוימערס שיינקייט איז געווען א שטרענגע און א צניעות'דיגע, דעם אידענס—א בלענדענדע און א תאווה'דיגע.

— דער נייער פראקוראטאר, זאנסטו, וועט מארגען אלזא אנקומען קיין ירושלים?—האט דער אינגערער פון די פריינד געפרעגט אויף גריכיש; ווי מארגע דאס זאל ניט זיין — נאר די גריכישע שפראך איז דעמאלט געווען די אומגאנג-שפראך פון די העכערע קרייזען אין יהודה. זי איז אריינגעדרונגען פון פאלאץ ביז'ן פעלד-לאגער און אין די שולען אריין, און פון דארטען — ווער ווייס, ווען און ווי אזוי—אין בית-המקדש אריין, יע, אין סאמע בית-המקדש אפילו, וואו ס'האט ניט געטארט אריינקומען קיין שום גוי'אישעס.

— יע, מארגען,—האט מעסאלע געענטפערט.

— ווער האט עס דיר געזאגט?

— איך האב געהערט, ווי ישמעאל, דער נייער פאלאץ-פארוואלטער — ביי איך הייסט ער כהן-גדול — האט עס נעכטען געזאגט דעם פאטער מיינעם. איך מוז אפילו מודה זיין, אז די ידיעה וואלט פארדינען מער אמונה, ווען זי וואלט געשטאמט פון א מצרי — די מצרים האבען דאך פארגעסען, וואס אמת הייסט — אדער אפילו פון א אדומי, וואס זיי האבען דאך גלאט קיינמאל ניט געוואוסט, וואס אמת איז. אבער כדי דיך איננאנצען צו איבערציינגען, האב איך היינט אין דער פריה געפרעגט ביי א צענטוריאן פון שלאס-טורים, האט ער מיר דערציילט, אז דארטען ווערען שוין געמאכט די הכנות צום קבלת-פנים. די געווער-מייסטערס פוצען די העלמס און די פאנצערס און בעגילען פריש די אדלערס און די העלם-שפיצען; א סך חדרים, וואס מ'האט שוין א צייט ניט געניצט, ווערען געלופטערט און אויפגעראמט, גלייך ווי דער גארניזאן וואלט געדארפט פארגרעסערט ווערען; אפנים, זיי זיינען בעשטימט פאר דער לייב-גווארדיע פונ'ם גרויסען מאן.

ס'איז נישט מעגליך איבערציגעבען אויפ'ן פאפיר דעם טאן און דעם גאנצען ארט און שטייגער פונ'ם רוימערס ענטפער; נאר דאס לעבעדיגע גערעדטע ווארט קאן אויסדריקען די פיינע ניואנסען פון

ריידען. אין דעם פֿאַל מוז זיך דער לעזער צו הילף נעמען די פֿאַנטאַזיע, דערצו מוז ער אין זינען האָבען, אַז דער רוימער פֿון יענער צייט האָט שוין כמעט אינגאַנצען געהאַט פֿאַרלאָרען די פּריהערדיגע עניוות פֿון זיינע אָבות; אָדער ריכטיגער געזאָגט, זי איז פֿאַר אים געווען צו אַלטמאָדיש. די אַלטע אמונה איז אין תּוך גענומען געבליבען נישט מער ווי אַ פּוסטע פֿאָרם, אַ געוואוינהייט פֿון געדאַנק און אויסדרוק, אָפּגעהיט און קולטיווירט פֿון די פּריסטערס, ווייל דער טעמפּעל־דינסט האָט זיך גוט בעצאָלט, און פֿון די פּאָעטען — ווייל זיי האָבען אין זייערע שירים ניט געקאָנט אויסקימען אָהן די ליבע געטער. די פֿילאָזאָפֿיע האָט פֿאַרנומען דעם אָרט פֿון דער אמונה, און דער דרך־ארץ׳דיגער אָפּשיי איז אַלץ מער און מער פֿאַרשטויסען געוואָרען דורך דער לוסט צו וויץ און סאַטירע; אַזוי ווייט, אַז לויט דער מיינונג פֿון די רוימער האָט עס ניט געטאָרט פֿעלען אין קיין שום געשפּרעך, אַפּילו אין אַ סאַמע געוויינליכען שמועס, אַזוי ווי זאַלץ צו פֿלייש, אַזוי ווי אַראָמאַט צו ווין. דער יונגער מעסאַלע, וואָס איז אויפֿגעהאָדעוועט געוואָרען אין רוים און האָט זיך אָקאָרשט אומגעקערט פֿון דאָרטען, האָט אויך אין זיך איינגעזויגען די דאָזיגע געוויינהייט און מאַנירען. אַ קיום מערקליכען צוקען פֿון דער אונטערשטער ברעם, אַ ציטערן פֿון די נאָזלעכער און אַ לאַנגזאַמען מידען שטייגער אין ריידען האָט מען געהאַלטען פֿאַר די בעסטע סגולות צו מאַכען אַ איינדרוק פֿון אַ גלייכגילטיגקייט צו אַלצדינג, פֿון אַ פֿולקומען מהיכי־תּיתי־טאָן.

דערהויפּט נאָך דערפֿאַר, ווייל דורכדעם האָט מען געהאַט די געלעגענהייט צו מאַכען אַלע ווילע רעטאָרישע פּויזעס, וועלכע האָבען דעם צוהערער אַזוי ווי געגעבען צייט גוט צו בענעמען דעם ריידערס אַ שכל׳דיגען איינפֿאַל אָדער צו בע׳טעמ׳ען דעם פֿעפֿער פֿון אַ בייסענדיגען עפּיגראַם.

אַזאַ מין רעטאָרישע פּויזע האָט דער יונגער רוימער געמאַכט אויך נאָך זיינע רמזים אויפֿ׳ן מצרי און אַדומי. דעם אידענס באַקען זיינען נאָך רויטער געוואָרען; ער האָט געשוויגען און פֿאַרטראַכטערהייט געקוקט טיף אין וואַסער אַריין.

— אָט דאָ אין דעם גאָרטען האָבען מיר זיך אַמאָל צוזעגענט.

„דער פֿרידען פֿון גאָט דעם האַר זאָל זיין צו דיר!“ זיינען געווען דיינע לעצטע ווערטער. „די געטער זאָלען דיך בעשיצען!“ האָב איך דיר געענטפֿערט. געדענקסטו עס נאָך? וויפֿיל יאָר איז שוין אַריבער פֿון דעמאָלט אָן?

— פֿינף יאָר, — האָט געענטפֿערט דער איד, נאָך אַלץ קוקענדיג אין וואַסער אַריין.

— נו, על־כּל־פּנים האָסטו פֿאַרוואָס צו דאַנקען?... ווע֗מען?... די געטער אָדער ניט — דאָס איז אַלץ איינס. דו בּיסט אויסגעוואַקסען אַ פּראַכֿט, בּיי די גריכען וואָלסטו געהייסען אַ שיינער... אָ דו גליקליכֿע יוגענד־יאָרען! ווען יופּיטער וואָלט זיך בּעגוגעט מיט איין גאַנימעד [1], וואָלסטו דאָך זיין פֿאַר׳ן קיסר דער שענסטער שר־המשקים! זאָג מיר, יהודה, פֿאַרוואָס אינטערעסירט דיך אַזוי דעם פּראָקוראַטאָרס אָנקומען?

יהודה האָט אָנגעשטעלט זיינע גרויסע אויגען אויף זיין פֿריינד; זיין ערנסטער פֿאַרטראַכֿטער בּליק האָט זיך טיף אַריינגעשפּיזט אין דעם רוימערס אויג, כּשעת ער האָט אים געענטפֿערט:

— יע, פֿינף יאָר. אוי געדענק איך אונזער צוזעגענען זיך! דו בּיסט אַוועקגעפֿאָרען קיין רוים; איך בּין געווען בּיי דיין אָפּפֿאָר און האָב געוויינט, ווייל איך האָב דיך האָלט געהאַט. די יאָרען זיינען אַוועקגעגאַנגען; דו האָסט זיך אומגעקערט צו מיר אַ הויכגעבּילדעטער און חשוב׳ער מאַן... איך מיין אָהן שפּאַס. און פֿונדערסטוועגען... פֿונדערסטוועגען וואָלט זיך מיר וועלען, דו זאָלסט זיין נאָך דער זעלבּיגער מעסאַלע, מיט וועלכען איך האָב זיך דעמאָלט צושיידט.

מעסאַלע דעם סאַטיריקערס דינע נאָזלעכֿער האָבען אַ ציטער געטאָן און ער האָט געענטפֿערט, פֿלייסענדיג זיך וואָס מערער פֿונאַנדערצוציהען די ווערטער:

— ניין, ניין, נישט קיין גאַנימעד — אַ אָראַקעל בּיסטו, מיין יהודה! נאָר עטליכע לעקציעס בּיי מיין לערער פֿון רעטאָריק זיינען דיר נייטיג ווי לעבּען. איך וועל דיר געבּען אַ רעקאָמענדאַציע־בּריוו צו אים, אויבּ דו האָסט גענוג שכל צו פֿאָלגען די עצה, וואָס מיר

---

1) גאַנימעד — אַ טראָיאַנישער בּן־מלך, וואָס איז אַרויפֿגענומען געוואָרען אויפֿ׳ן אָלימפּ, וואו ער איז געוואָרען יופּיטערס שר־המשקים און ליבּלינג.

ווילט זיך דיר ראָטען. נאָר אַ ביסעלע געניטשאַפט אין דער חכמה זיך אַרומצורינגלען מיט דעם אָרעאָל פון סודות — אין דעלפי [1]) וועט זיך צונעמען פאַר אַפּאָלאָנען אַליין, ביים קלאַנג פון דיין פייערלי־כער שטים וועט פּיטיע [2]) בכבודה ובעצמה אַראָפּנידערן צו דיר מיט איר קרוין. אָבער אַ געלעכטער אָן אַ זייט — פאַרוואָס בין איך עפעס ניט דער אייגענער מעסאַלע וואָס געווען? איך האָב אַמאָל געהערט אַ רעדע פונ׳ם גרעסטען לאָגיקער אין דער וועלט; ער האָט געלערנט חכמת-הוויכוח. איך געדענק איינעם פון זיינע כללים: „זעה צו פאַרשטיין דיין געגנער, איידער דו גייסט אים ענטפערן“. אַלזאָ, לאָמיך דיך אַ פריהער פאַרשטיין.

דאָס אינגעל איז רויט געוואָרען אונטער׳ן חוזק-בליק, וועלכען ער האָט דערפילט אויף זיך; פונדעסטוועגען האָט ער פעסט גע־ענטפערט:

— דו האָסט, ווי איך זעה, גוט אויסגעניצט דיינע געלעגענהיי־טען. פיל חכמה און בריה׳שאַפט האָסטו פון דיינע לערערס אי־בערגענומען. דו דריקסט זיך אויס מיט דער לייכטקייט פון אַ מייסטער. אָבער אין דיינע רייד זיינען בעהאַלטען שטעכווערטלעך. ווען מיין מעסאַלע איז פון מיר אַוועקגעפאָרען, האָט אין זיין ריי־דען און אין זיין כאַראַקטער קיין גיפט ניט געשטעקט; פאַר קיין שום זאַך אין דער וועלט וואָלט ער ניט אָנגעטראָטען דעם פריינדס געפילען.

דער רוימער האָט אַ שמייכעל געטאָן ווי נע׳הנפ׳עט און האָט נאָך שטאָלצער אויפגעהויבען זיין שיינעם קאָפּ.

— אָ, מיין פייערליכער יהודה, מיר זיינען דאָך ניט אין דאָ־דאָנע [3]) אָדער אין דעלפי. וואַרף אַוועק די אָראַקעל-רמזים און רייד קלאָרע דיבורים. מיט וואָס האָב איך דיך דען פוגע בכבוד געווען?

יהודה האָט טיף אויפגעעטעמט און, צופענדיג דעם גאַרטעל־שנור, האָט ער געזאָגט:

---

1) דעלפי און דאדאנע – שטעט אין גריכענלאנד מיט בערימטע אראקעלס (נביאות־זאגערס).

2) פּיטיע—די נביאות־זאגערין ביים אראקעל.

3) רי ים – א פלאץ אין רוים, דער גייסטיגער צענטער פון דער אלטער וועלט־שטאט.

— פֿאַר די פֿינף יאָר האָבֿ איך אויך עפּעס געלערנט. הילל זועט זיך אפשר ניט קענען מעסטען מיט'ן גרויסען לאָגיקער, וועלכֿען דו האָסט געהערט ריידען, און שמאי מיט שמעונען זיינען אָהן ספֿק נישט אַזעלכֿע מיוחסים ווי דיינע לערער פֿון פֿאָרום. אָבֿער זייער תּורה פֿירט ניט אויף פֿאַרבאָטענע וועגען; די, וואָס זיצען בײַ זיי צו די פֿיס, בֿערייכערן זייער שכל מיט די געבאָטען פֿון גאָט, מיט פֿאָרשען זיין תּורה און זיין פֿאָלק ישראל. און די פּרוכֿט פֿון זייער לערע איז ליבֿע און יראַת-הכּבֿוד פֿאַר אַלצדינג, וואָס האָט דערצו אַ שייכֿות. לערנענדיג אין דער ישיבֿה און פֿאַרנעמענדיג, וואָס איך האָבֿ דאָרטען געהערט, בין איך דערגאַנגען, אַז יהודה איז שוין נישט מער דאָס, וואָס זי איז פֿריהער געוועזן. איך פֿאַרשטיי זעהר גוט די נפֿקא-מינה צווישען אַ אומאָפּהענגיגער מלוכה און דער אָרימער פּראָווינץ, וואָס יהודה איז אַצונד. און איך וואָלט זיין נידעריגער, מיאוסער פֿאַר אַ שומרוני, ווען איך וואָלט זיך טיף צום האַרצען ניט גענומען די דערנידעריגונג פֿון מיין לאַנד. ישמעאל איז נישט דער אמת'ער כּהן-גדול און קאָן עס ניט זיין, כּל-זמן ס'לעבֿט דער איידעלער חנה. און פֿונדעסטוועגען איז ער פֿאָרט אַ לוי, איינער פֿונ'ם הייליגען שבֿט, וואָס טויזענטער יאָרען נאָכֿאַנאַנד דינט ער גאָט דעם האַר, לויט אונזער אמונה און אונזערע דינים. זיין ...

מעסאַלע האָט אים איבֿערגעריסען מיט אַ שפּאָטיש געלעכֿטערל.

— אָ, איצט פֿאַרשטיי איך דיך. ישמעאל איז אַ אוזורפּאַטאָר, האָסטו אליין געזאָגט. ווי נאָר אָבֿער איך האָבֿ געזאָגט, אַז אַ אַרומי מעג מען גיכֿער גלויבֿען איידער אים, האָט עס דיך געטראָפֿען ווי אַ בּיס פֿון אַ שלאַנג. איך שווער בײַ דעם שיכּורן זון פֿון סעמעלע — אַ איד בֿלייבֿט תּמיד דער אייגענער! אַלע מענשען, אַלע זאַכֿען, אַפֿילו הימעל און ערד בּײַטען זיך — אַ איד אָבֿער — אין לעבֿען ניט! פֿאַר אים איז ניט שייך קיין פֿריהער, קיין שפּעטער; ער איז אַצונד נאָך דערזעלבֿיגער ווי זיינע אָבֿות זיינען געוועזן פֿון קדמונים אָן. זעה, אָט צייכֿען איך אָן דאָ אין זאַמד אַ קרייז, אָט אַזוי! זאָג זשע מיר — איז דאָס דען ניט אַ אידענס לעבֿען? פֿון אייבֿיג אָן אַלץ דער אייגענער קרייז. דאָ אַבֿרהם, דאָרטען יצחק און יעקבֿ,

און אין מיטען גאָט! און איך שווער בײַ יופּיטער! דער דאָזיגער קרייז איז נאָך צו גרויס. איך וועל עס אָנצייכענען איבעראַניס.

ער האָט זיך אײַנגעבויגען, אײַנגעשפּאַרט זיך מיט׳ן גראָבען פינ-גער אין זאַמד און מיט די אויסגעשטרעקטע פינגער האָט ער אַרום אים אַרומגעצייכענט אַ רעדעל.

— זעה, האָט ער ווידער אָנגעהויבען, דער סימן פֿון גראָבען פֿינגער איז דער בית-המקדש, דאָס רעדעל אַרום אים — יהודה. איז דען אויסער דעם דאָזיגען קרייז פֿאַראַן פאַר אײַך אַ זאַך, וואָס זאָל האָבען אַ ווערט? די קונסטען? הורדוס איז געווען אַ בוי-מײַ-סטער, דעריבער ווערט זיין נאָמען פאַרשאָלטען. מאָלעריי? סקול-פּטור? אויף זייערע ווערק צו קוקען איז דאָך שוין אַ זינד! די פּאָעזיע האָט איר צוגעבונדען צו אײַערע מזבחות! די קונסט פון ריידען? ווער טראַכט דען בײַ אײַך צו קולטיווירען זי, סיידען אין די בתי-מדרשים. אויף דער מלחמה ווערט איר אינ׳ם זיבעטען טאָג אָן אַלץ, וואָס איר האָט געהאַט געוואונען פאַר די זעקס טעג. אָט דאָס איז אײַער לעבען און זיין תּחום! היינט ווער קאָן מיר פֿאַרווערען צו לאַכען פֿון אײַך? אויב אײַער גאָט בענוגענט זיך מיט דעם בוקען זיך פון אַזאַ פֿאָלק, איז וואָס האָט ער פאַר אַ בעטרעף אַנטקעגען דעם גאָט פון די רוימער, אַנטקעגען אונזער יופּיטער, וואָס זיינע אָדלערס האָבען די גאַנצע וועלט בעצוואונגען! הילל, שמעון, שמאי, אבטליון — וואָס פֿאַר אַ ווערדע האָבען זיי קעגען די חכמים, וואָס לערנען אונז, אַז קיין שום חכמה איז ניט אַזוי נישטיג, אַז ס׳זאָל ניט כּדאַי זיין די טירחה צו לערנען זי?

יהודה האָט זיך אויפגעהויבען; זיין פּנים האָט געפֿלאַמט.

— ניין, ניין, בלייב זיצען, מיין יהודה, בלייב זיצען! — האָט מעסאַלע אויסגערופֿען, אויסשטרעקענדיג די האַנט.

— דו מאַכסט פון מיר חוזק!

— הער מיך אויס נאָך אַ ביסעל ווייטער. תּיכּף-ומיד וועלען קו-מען צו מיר ווי תּמיד — דער רוימער האָט שפּאָטיש אַ שמייכעל געטאָן — יופּיטער מיט זיין גאַנצער משפּחה, דער גריכישער און דער רוימישער, און וועט מאַכען אַ סוף צו אונזער ערנסטען געשפּרעך. בײַ מיר איז זעהר אָנגעליינט, וואָס דו ביסט פֿונ׳ם אַלטען הויז פון

דיינע אָבות געקומען אַהער מיך מקבל פּנים צו זיין בּיי מיין צו־ריקקער און ווידער בּענייען, אויב ס׳איז מעגליך נאָר, די ליבּע, וואָס האָט אונז קינדווייז פאַרבּונדען. „גייט", האָט מיר געזאָגט מיין לע־רער אין זיין לעצטער לעקציע, „גייט, און זוילט איר ווערען גרויס און בּערימט, זאָלט איר געדענקען, אַז קיניגען קיניגט מאַרס, און עראָס איז שוין מער נישט בּלינד!" ער האָט געמיינט דערמיט צו זאָגען, אַז ליבּע איז גאָרנישט, די מלחמה — אַלצדינג. און רוים איז טאַקע אַזוי. די חתונה איז דער ערשטער טריט צום גט. גוט און פרום זיין — דאָס איז אַ אבן־טוב פאַר אַ קרעמער. קלעאָפּאַטרע האָט געלאָזט דער וועלט בּירושה אירע קונסטען; מ׳האָט פאַר איר נקמה גענומען; אין הויז פון יעדען רוימער לעבּט אירע אַ יורש׳טע. און אַזוי איז עס אין דער גאַנצער וועלט. דעריבּער איז בּנוגע צו אינזער צוקונפט — עראָס געפאַלען, און קיניגען טוט מאַרס! איך ווער אַ סאָלדאַט! און דו? אָ, מיין יהודה, דו טוסט מיר באַנג — וואָס קאָנסטו ווערען?

דער איד איז צוגעגאַנגען נעהענטער צום וואַסער. אַלק נאַכלע־סיגער און צוצויגענער האָט מעסאַלע ווייטער גערעדט:

— יע, דו טוסט מיר בּאַנג, מיין שיינער יהודה. פון שול אין בּית־מדרש; פון דאָרטען אין בּית־המקדש; און דערנאָך — אָ ס׳אַר אַ כּבוד! — אַ שטול אין סנהדרין! אויך מיר אַ לעבּען! זאָלען דיר די געטער בּיישטיין! איך אָבּער...

יהודה האָט אויפגעהויבּען די אויגען און האָט דערזעהן דעם אויסדרוק פון שטאָלץ, וואָס האָט זיך צולייגט איבּער דעם רוי־מערס גאַווה׳דיגען פּנים.

— ...איך אָבּער, אָ! — נאָך איז די גאַנצע וועלט ניט בּעצוואונ־גען! אין ים ליגען נאָך אינזלען פאַרבּאָרגען, וואו דעם מענשענס פוס האָט נאָך קיינמאָל ניט געטראָטען; אין צפון איז נאָך פאַרהאַן אומבּעקאַנטע פעלקער. דעם כבוד, צו פאַרענדיגען אַלכּסנדר מוקדונס מאַרש קיין ווייטען מזרח, האָט נאָך קיינער ניט דערגרייכט. זעהסט, ס׳אַרא פּערספּעקטיוון ס׳עפענען זיך פאַר אַ רוימער!

ער איז ווידער אַריינגעפאַלען אין זיין געוויינליכען פוילען טאָן:

— אַ קאַמפּאַניע קיין אַפריקע, אַ פעלד־צוג אין לאַנד פון די

סקיטען; און דערנאָך — אַ לעגיאָן! דאָס רוב ענדיגען אַזוי זייער קאַריערע; איך אָבער ניט. איך שווער ביי יופּיטער! ס'אַר אַ גליקליכער איינפאַל!... איך וועל מיין לעגיאָן אויסבייטען אויף אַ פּרעפעקטור. שטעל זיך פאָר — לעבען אין רוים מיט געלט... געלט, וויין, ווייבער, שפּיל... סעודות מיט פּאַטען צוזאַמען, אינטריגעס ביים הויף, קוביה-שפּיל — אַ קיילעכיג יאָר נאָכאַנאַנד! אַזאַ מין לעבען איז נישקשה פון אַ יצר-הרע — אַ פעטע פּרעפעקטור וועט קלעקען אויף דעם. און צו אַ פּרעפעקטור וועל איך זיך שוין דערשלאָגען! אָ, מיין יהודה, אַט איז סיריע! יהודה איז רייך! אַנטיאָכיע מעג זיין אַ הויפּטשטאָט פאַר די געטער אַפילו! איך וועל איבערנעמען קירעניוסעס ירושה — און דו וועסט מיט מיר טיילען מיין גליק.

די סאָפיסטען און רעטאָריקער, וואָס זיינען געווען די טאָן-געבער אינ'ם געזעלשאַפטליכען לעבען פון רוים און וועלכע האָבען כמעט אינגאַנצען מאָנאָפּאָליזירט די ערציהונג פונ'ם מיוחסדיגען יונגוואַרג, וואָלטען אָהן ספק שטאַרק הנאָה געהאַט פון מעסאַלעס דרשה; מחמת זיינע ווערטער זיינען געווען אַ טרייע אָפּשפּיגלונג פון דעם טאָן און שטייגער ריידען, וועלכע האָבען דעמאָלט געהערשט. פאַר'ן אידישען אינגעל אָבער האָבען זיי געקלונגען פרעמד, לחלוטין נישט ענליך אויפ'ן פייערליכען געמאָסטענעם טאָן, וואָס איז געווען אָנגענומען אין זיינע קרייזען. אַגב האָבען די דינים, זיטען און מנהגים פונ'ם אידישען פאָלק בכלל פאַרבאָטען די קונצען פון סאַטירע און וויץ; דעריבער לייגט זיך זעהר אויפ'ן שכל, וואָס יהודה האָט פאַרנומען די רייד פון זיין פריינד מיט די פאַרשיידענסטע געפילען; דאָ פלעגט ער ווערען אַ אָנגעצונדענער, און אין אַ רגע אַרום האָט ער שוין ווידער ניט געוואוסט, ווי זאָל ער קוקען אויף יענעמס ווערטער. דעם רוימערס גאַווה'דיגער טאָן האָט אים לכתחילה גע'חידוש'ט און געקרענקט, דערנאָך אַלץ מער געהייצט, ביז ער האָט אין אים אָנגעהויבען צו שפּירען אַ טיפע בעליידיגונג. אַזאַ געפיל לאָזט זיך געוויינליך אויס ביי אונז מיט אַ גרימצאָרן, און דעם דאָזיגען גרימצאָרן האָט דער אָפּשפּעטער אַרויסגערופען ביי זיין פריינד אויך אויף אַ אַנדער אופן. ביי די אידען פון הורדוסעס תקופה איז די ליבע צום פאָטערלאַנד געוואָרען אַ ווילדע ליידענ-

שאַפֿט, וועלכע מ'האָט קיים געקאָנט פֿאַרבאָרגן אונטער דער אָנגענומענער געלאַסענקייט. די דאָזיגע ליבע איז געווען אַזוי שטייף פֿאַרבונדן מיט זייער געשיכטע, מיט זייער אמונה, און מיט גאָט אַפֿילו, אַז ביים מינדסטען אָפּלאַכן דערפֿון פֿלעגן זיי זיך פֿילן באַליידיגט אויפֿ'ן טיפֿסטן אופֿן. דעריבער איז זעהר פֿאַרשטענדליך, אַז מעסאַלעס ווערטער האָבן פֿון אָנהייב ביז'ן סוף פֿאַרשאַפֿט דעם חבר זיינעם אמת'ע עינויים. און אַז יענער האָט געענדיגט, האָט יהודה זיך אָפּגערופֿן מיט אַ געצוואונגענעם שמייכעל:

— איך האָב געהערט, אַז ס'איז פֿאַראַן מענשן, וואָס קאָנען זיך וויצלען איבער זייער אייגענער צוקונפֿט; איך אָבער, מעסאַלע, געהער נישט צו די דאָזיגע מענשן. דאָס איז פֿאַר מיר קלאָר.

דער רוימער האָט אים פֿאַרשענדיג אָנגעקוקט, דערנאָך האָט ער געענטפֿערט:

— פֿאַרוואָס זאָל מען ניט טאָרן זאָגן דעם אמת אין דער געשטאַלט פֿון אַ וויץ, פּונקט אַזוי ווי מ'מעג עס אין דער פֿאָרם פֿון אַ משל? די גרויסע פּולוויע איז אַמאָל געגאַנגען כאַפּן פֿיש. האָט זי אָנגעכאַפּט מער פֿאַר אַלעמען. האָט מען געזאָגט, אַז דאָס איז געשעהן דערפֿאַר, ווייל דער האַטשיק פֿון איר ווענטקע איז געווען בעגולט.

— דו האָסט, הייסט עס, געמיינט טאַקע נים אויף געלעכטער?

— איך זעה, מיין יהודה, אז איך האָב דיר צו ווייניג אָנגעמוט! — האָט דער רוימער האַסטיג געענטפֿערט, אַ בליץ טועענדיג מיט די אויגען — אַז איך וועל זיין אַ פּרעפֿעקט און וועל נתעשר ווערען פֿון יהודה, וועל איך דיך מאַכען פֿאַר אַ כהן=גדול.

דער איד האָט מיט כעס זיך גערירט פֿון אָרט.

— גיי ניט אַוועק! — האָט אים מעסאַלע געבעטען.

יהודה האָט זיך קווענקלענדיג אָפּגעשטעלט.

— אָ געטער, ווי הייס די זון באַקט! — האָט דער רוימער אויסגערופֿען, פֿאַרשטייענדיג דעם חבר'ס האַרץ און וועלענדיג געבען דעם שמועס אַ אַנדער ווענדונג — קום לאָמיר גיין זוכען אַ שאָטען.

נאָר יהודה האָט קאַלט אים געענטפֿערט:

— גלייכער מיר זאָלען זיך צושיידען. הלוואַי וואָלט איך בעסער ניט געקומען. איך האָב געמיינט — איך וועל טרעפען אַ פֿריינד, און האָב געטראָפען...

— אַ רוימער! — איז אים מעסאַלע האַסטיג אַריינגעפֿאַלען אין די רייד.

דעם אידענס הענט האָבען זיך צונויפגעדריקט אין פויסטען, דאָך האָט ער זיך אײַנגעהאַלטען און האָט זיך אויף גיך געלאָזט גיין. מעסאַלע איז אויך אויפגעשטאַנען, האָט אויפֿגעהויבען פון באַנק זיין מאַנטעל, אַרויפגעוואָרפען אים אויף די אַקסלען און אַוועק נאָך יהודה׳ן. אָנגעיאָגט אים, האָט ער אַרויפֿגעלייגט די האַנט אויף זיין פלייצע און זיך געלאָזט גיין לעבען אים.

— אָט אַזוי אַרומגענומענערהייט פלעגען מיר קינדווייז שפּאַצירען אין גאָרטען. לאָמיר אויך איצט אַזוי גיין ביז דער גאָרטען-טיר.

ס׳איז קאָנטיג געווען, אַז מעסאַלע האָט זיך געפלייסט צו זיין ערנסט און פריינדליך, נאָר אים האָט זיך ניט אײַנגעגעבען אינגאַנצען צו פֿאַרטרייבען דעם סאַטירישען אויסדרוק פֿון זיין פנים. יהודה האָט ניט פּראָטעסטירט קעגען דעם רוימערס פֿאַמיליערקייט.

— דו ביסט אַ אינגעל, און איך בין אַ מאַן, טאָ לאָז מיר מיט דיר ריידען אַזוי ווי ס׳רעדט אַ מאַן.

זיין זעלבסט-צופרידענקייט איז געווען אין לשער. דער מענטאָר, וואָס זאָגט מוסר טעלעמאַכ׳ן, וואָלט ניט געקאָנט בעסער שפּילען די ראָלע זיינע.

— גלויבסטו אין די פּאַרקען[1]? אַך יע, איך האָב גאָר פאַרגעסען, דו ביסט דאָך אַ צדוקי. די איסיים זיינען די קליגסטע צווישען אײַך, זיי גלויבען יע אין די דריי שוועסטער. און איך גלויב אויך אין זיי. שטענדיג שטעלען זיי זיך אונז אין וועג, בשעת מיר ווילען פֿאַרווירקליכען אונזערע פֿאַרלאַנגען. דו בויסט זיך דיינע פּלענער, דו טראַכטסט דורכפירען דאָס און דורכפירען יענץ. ערשט דווקא

1) אין דער גריכישער מיטאלאגיע — דריי שוועסטער, די געטינס פון מזל. די עלטסטע, קלאטא, שפינט דעם פאדים פון לעבען; די אינגסטע אטראפאס שניידט דעם פאדים איבער מיט איר שער, ווען ס׳קומט די שעה, וועלכע ווערט בעשטימט דורך דער מיטעלער לאכעזיס.

אינ׳ם מאָמענט, ווען דו שטרעקסט שוין אויס די האַנט אָנצוכאַפּען דאָס, צו וואָס דו האָסט אַזוי לאַנג געשטרעבט, דערהערסטו היני טער זיך דאָס גרילצען פון דער שער. קוקסט זיך אום — ערשט דאָס שטייט זי, די פאַרשאָלטענע אַטראָפּאָס! זאָג מיר אָבער, מיין יהודה, פאַרוואָס ביסטו אַזוי אין כעס געוואָרען, ווען איך האָב גע־זאָגט, אַז איך וואָלט וועלען זיין דער יורש פונ׳ם אַלטען קירעניוס? דו האָסט אַוודאַי געמיינט, אַז איך וויל נתעשר ווערען דורך אויס־זייגען אייער יהודה. זאָל זיין אַפילו אַז יע — וועט דאָך עמיצער פון די רוימער דאָס מוזען טאָן. פאַרוואָס־זשע ניט איך?

יהודה האָט פאַרהאַלטען זיינע טריט.

— גויים האָבען געהערשט איבער יהודה אויך פאַר די רוימער — האָט ער געזאָגט, אויפהייבענדיג די האַנט — וואו זיינען זיי איצט, מעסאַלע? יהודה האָט זיי אַלעמען איבערגעלעבט. און וואָס ס׳איז געשעהן, וועט נאָך ווידער געשעהען.

מעסאַלע האָט ווייטער אָנגעהויבען פונאַנדערצוציהען די ווערטער.

הייסט עס, האָבען די פאַרקען חסידים ניט נאָר צווישען די אי־כיים. ברוך־הבא, יהודה, ברוך־הבא, אין דער מחנה פון די גלויביגע!

— ניין, מעסאַלע, איך געהער נישט צו זייערע חסידים. מיין אמונה איז געגרונדפעסטיגט אויפ׳ן פעלז, וואָס איז געוועזן דער ווינקעלשטיין פונ׳ם גלויבען פון מיינע אָבות־אַבותינו ביז פאַר אברהם אָבינו. זי איז געגרונדפעסטיגט אויפ׳ן בונד, וואָס גאָט דער האַר האָט געשלאָסען מיט ישראל.

— ביסט צו היציג, מיין יהודה! אַך, ווי מיין לערער וואָלט זיך געבייזערט, ווען איך וואָלט זיך אַזוי צוהיצט אין זיין געגענוואַרט! איך האָב געוואָלט מיט דיר איבעררעדען נאָך וועגען עפּעס, אָבער איך האָב שוין מורא.

שווייגענדיג זיינען זיי אָפּגעגאַנגען נאָך עטליכע טריט, דערנאָך האָט דער רוימער ווידער אָנגעהויבען:

— איך מיין, אַז דו מעגסט מיך אויסהערען, בפרט אַז דאָס, וואָס איך האָב דיר צו זאָגען, האָט אַ שייכות צו דיר. איך וואָלט דיר וועלען בעהילפיג זיין, מיין שיינער גאַנימעד! איך וואָלט דיר וועלען דינען מיט׳ן גאַנצען האַרצען. ווייל איך האָב דיך האָלט,

איך וויפֿיל איך בין דערצו פֿײַאיג. איך האָב דיר שוין נאָר־וואָס געזאָגט, אַז איך טראַכט צו ווערן אַ סאָלדאַט. פֿאַרוואָס ווילסטו ניט אַרויסטרעטען פֿון׳ם ענגען קרייז, וואו דו בלײַבסט — ווי איך האָב דיר עס שוין דערוויזען — צוליב געזעץ און אָפּשטאַמונג אויסגעשלאָסען פֿון יעדען אײדעלער׳ן העכערען שטרעבען?

יהודה האָט נישט געענטפֿערט.

— ווער זײַנען דען די חכמים בײַ הײַנטיגען טאָג? — האָט מעכאַלע ווײַטער גערעדט. געווים נישט יענע, וואָס פֿטר׳ן זייערע כּוחות אין פּרוכטלויזע וויכּוחים וועגען טויטע אויסגעדראָשענע ענינים, וועגען אַ בּעל, וועגען אַ יופּיטער, וועגען אַ יהוה, וועגען פֿילאָסאָפֿישע סיסטעמען און אמונית. רוף מיר אָן אַ איין גרויסען נאָמען, יהודה — מעגסט אים זוכען וואו דו ווילסט אַליין — אין רוים צי אין מצרים, אין מזרח־לאַנד אָדער אַפּילו דאָ אין ירושלים — פּליטאָן[1]) מעג מיך צונעמען אין זײַן שאָטען־מלוכה, אויב דו וועסט כאָטש איינעם געפֿינען, וואָס איז נתעלה געוואָרען, האַלטענדיג פֿאַר הייליג דאָס, וואָס דינט נישט זײַן ציל, און מבטל זײַענדיג דאָס, וואָס וואָלט אים געקאָנט העלפֿען אין זײַנע פּלענער. נעם למשל הורדוס׳ן, די מכבים, דעם ערשטען צעזאַר אָדער דעם צווייטען. נעם פֿון זיי אַראָפּ אַ בײַשפּיל! מאַך טאַקע גלייך אַ אָנהייב. זעה — רוים שטרעקט דיר אויס די האַנט, איז גרייט דיר צו העלפֿען, אַזוי ווי ס׳האָט געהאָלפֿען אַנטיפּאַטער דעם אדומי.

דער יונגער בן־ישׂראל האָט געציטערט פֿאַר גרימצאָרן און אויפֿרעגונג, און אַזוי ווי זיי זײַנען שוין כּמעט צוגעקומען צו דער גאָרטען־טיר, האָט ער געמאַכט גיכערע טריט, כּדי צו אַנטרינען.

— אָ, רוים, רוים! האָט ער געמורמעלט.

— זיי נישט קיין נאַר! — האָט אים מעסאַלע ניט אָפּגעלאָזט — וואַרף אַוועק די אײַנרײדענישען פֿון משה און פֿון די זקנים. נעם די זאַכען ווי זיי זײַנען. קוק די פּאַרקען בּעהאַרצט אין פּנים אַרײַן און זיי וועלען דיר זאָגען, אַז רוים איז די וועלט. פֿרעג זיי וועגען

---

1) פּלוטאָן — בּײַ די רוימער דער גאָט פֿון דער אונטערערדיגער מלוכה, דער הערשער אינ׳ם קיניגרייך פֿון די שאָטענס.

יהודה און זיי וועלען דיר ענטפערן, אַז יהודה איז דאָס, וואָס רוים זועט פֿון איר וועלען מאַכען.

אָצונד זיינען זיי צוגעגאַנגען צו דער טיר. יהודה איז שטיין געבליבען, זאַנפֿט אַראָפּגענומען מעסאַלעס האַנט פֿון זיין פּלייצע און אים אָנגעקוקט מיט אויגען, אין וועלכע ס'האָבען געציטערט טרערען.

— איך פֿאַרשטיי דיך — דו ביסט אַ רוימער; מיך אָבער קאָנסטו ניט פֿאַרשטיין — איך בין אַ בן־ישראל. דו האָסט מיר היינט אָנגעטאָן גרויס עגמת־נפש, ווייל דו האָסט מיך איבערצייגט, אַז מיר קאָנען שוין ווייטער נישט זיין די גוטע פריינד וואָס אַמאָל — אין לעבען נישט! דאָ גייען זיך אונזערע וועגען פונאַנדער. דער פרידען פֿונ'ם גאָט פון מיינע אָבות זאָל זיין מיט דיר אַלע מאָל!

מעסאַלע האָט אים דערלאַנגט די האַנט. דער איד איז אַוועק דורכ'ן טויער.

שווייגענדיג האָט אים דער רוימער אַ ווייליע נאָכגעקוקט; דערנאָך איז ער אויך אַרויס פון גאָרטען, האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און געזאָגט צו זיך אַליין:

— זאָל זיין אַזוי! עראָס איז טויט, לעבען זאָל מאַרס!

## קאַפּיטעל צוויי.

### יהודה און רוים.

אין דער געשיכטע פֿון ירושלים איז די צייט, וואָס מיר בעשרייבען, געווען אַ תקופה פֿון סיכסוכים און פּאָליטישע מהומות, וועלכע האָבען סוף־כל־סוף געבראַכט צום לעצטען קאַמף צווישען יהודה און רוים.

הורדוס, דער בלוטיגסטער אידישער קיניג, איז געשטאָרבען פֿון אַ שרעקליכער קראַנקהייט, אין וועלכער דאָס פֿאָלק האָט געזעהן גאָטס שטראָף פֿאַר זיינע רציחות און מערדערייען. פֿאַר זיין טויט, זאָגט מען, האָט ער אַרויסגעגעבען אַ בעפעל, אַז אין דעם טאָג, וואָס ער וועט שטאַרבען, זאָל מען אויסשעכטען די חשוב׳סטע לייט פֿון פֿאָלק, וועלכע ער האָט געהאַלטען פֿאַרשפּאַרט אין היפּאָדראָם, כדי דאָס פֿאָלק זאָל האָבען אויף וואָס צו קלאָגען. אַזוי ווי אַלע גרויסע הערשערס, וואָס זיינען דאָס גאַנצע לעבען פֿאַרנומען מיט בעפעסטיגען די מאַכט, וואָס זיי האָבען פֿאַרכאַפּט, אַזוי האָט אויך הורדוס געהאַלטען אין איין טראַכטען איבערצולאָזען דעם טרון אין די קרוין בירושה זיינע קינדער, כדי — די רוימער אויף־צו־להכעיס — ווערען דער גרינדער פֿון אַ קיניגליכער דינאַסטיע. אין זיין צוואָה האָט הורדוס זיין מלוכה צוטיילט צווישען זיינע דריי זין: אַרכילוס, אַנטיפּס און פיליפּוס.

דעם טיטעל קיניג האָט בעקומען אַרכילוס. זיין ערשטע דאַגה האָט געמוזט זיין צו פּועל׳ן ביים רוימישען קיסר די בעשטעטיגונג פֿון דער צוואה; און צוליב דעם האָט ער געהאַט בדעה צו פֿאָרען

קיין רוים. אָבער איידער ער האָט געקאָנט פאָרען אַהין, האָט ער געמוזט איינשטילען אַ אויפשטאַנד אין ירושלים, דען דאָס פאָלק האָט ניט געקאָנט פאַרגעסען הורדוסעס רציחות און האָט שטורמיש פאַרלאַנגט פון אַרכילוס׳ן, ער זאָל בעשטראָפען זיין פאָטערס יועצים. תחילת האָט אַרכילוס געפּרובט איינצונעמען דאָס פאָלק מיט גוטען. אָבער אַז דאָס האָט נישט געהאָלפען און די מהומות זיינען געוואָרען נאָך גרעסער, מחמת ס׳האָבען זיך שוין אָנגעהויבען צו קלייבען פון לאַנד די עולי-רגל צום נאָהענטען פסח, האָט ער בעשלאָסען אונטערצודריקען די מרידה מיט געוואַלט, און האָט אַרויסגעשיקט אַ אָפּטיילונג זעלנער קעגען דעם המון, וואָס האָט זיך צונויפגעקליבען אין בית-המקדש. אָבער די אָפּטיילונג איז געווען צו שוואַך אויף עפּעס וואָס אויפצוטאָן. אַ טייל זעלנער האָט דאָס פאָלק פאַרשטיינט, און די איבעריגע זיינען זיך צולאָפען איינ-איינעם מיט זייערע אָנפירערס. אַרכילוס האָט געמוזט אַרויסשיקען זיין גאַנץ מיליטער, און ערשט דעמאָלט האָט זיך אים איינגעגעבען איינשטילען די מרידה מיט גרויס בלוט-פאַרגיסען.

פאַרטיג געוואָרען מיט׳ן אויפשטאַנד און איבערגעלאָזט פאַר אַ ממלא-מקום זיין ברודער פיליפּוס, איז אַרכילוס אַוועק קיין רוים. גלייכצייטיג זיינען קיין רוים אָנגעקומען דער צווייטער ברודער אַנטיפּס, וואָס האָט אַרויסגעשטעלט זיינע תביעות אויפ׳ן טרון, און אַ סך אַנדערע מיטגלידער פון הורדוסעס משפּחה, וואָס זיינען אַרויסגעטראָטען קעגען אַרכילוס׳ן.

אין ארץ-ישראל זיינען דערווייל אויסגעבראָכען נאָך גרעסערע מהומות און מרידות, צווישען זיי — דער אויפשטאַנד, וואָס איז אין גמרא בעוואוסט אונטערן נאָמען „פילמוס של אסוירוס".

ענדליך האָט אַווגוסטוס אין אַ טעמפּעל פון אַפּאָלאָ צונויפגעקליבען אַ פאַרזאַמלונג צו בעשליסען די פראַגע וועגען הורדוסעס ירושים. צוערשט האָט ער אויסגעהערט די שלוחים פונם אידישען פאָלק; זיי האָבען אויסגערעכענט אַלע עוולות, וואָס הורדוס האָט אָפּגעטאָן, און האָבען פאַרלאַנגט, אַז קיין שום מיטגליד פון הורדוס׳עס משפּחה זאָל ניט קריגען די ממשלה איבער ארץ-ישראל נאָר מ׳זאָל ערלויבען די אידען צו לעבען אונטער רוימישער איי-

בערהערשאַפט, לויט זייערע חוקים. אויסגעהערט דערנאָך דעם אַנדער צד, האָט אַווגוסטוס בעשטעטיגט הורדוסעס צוואה. אַרכילוס האָט בעקומען יהודה, שומרון און אדום, — אַחוץ די שטעט עזה, גדרה און היפּאָס, וועלכע זיינען געוואָרען אָפּגעטיילט פון יהודה און פאַראייניגט מיט סוריע; אַנטיפּס האָט בעקומען גליל און עבר-הירדן, און פיליפּוס — די געגענדען פון בשן, טרכונא און הורן. דעם טיטעל קיניג האָט קיינער ניט געקריגען; אָנשטאָט דעם האָט אַרכילוס געקריגען דעם טיטעל עטנאַרך, אַנטיפּס און פיליפּוס — דעם טיטעל טעטראַרך. אמת, דער קיסר האָט אַרכילוס'ן צוגעזאָגט, אַז אויב ער וועט זיך גוט אויפפירען, וועט ער געהעכערט ווערען צו אַ קיניג; אָבער אויסגעלאָזט האָט זיך אַ סך ערגער. אין ניין יאָר אַרום איז ער אינגאַנצען אַראָפּגעזעצט געוואָרען פון זיין ממשלה, מחמת ער האָט נישט געקאָנט איינפירען קיין אָרדענונג אין לאַנד און איינצושטילען די אומרוהיגע עלעמענטען.

דער קיסר האָט זיך אָבער ניט בענוגענט מיט אַראָפּזעצען אַרכילוס'ן. ער האָט דעם פאָלק פון ירושלים געגעבען אַ קלאַפּ, וואָס האָט טיף-טיף אָנגערירט דעם שטאָלץ אין די געפילען פון די אויסדערוויילטע בני-יהודה. דאָס לאַנד איז אַרונטערגעשטעלט געוואָרען אונטער דער דירעקטער פאַרוואַלטונג פון די רוימער. עס איז פאַראייניגט געוואָרען מיט דער סירישער פּרעפעקטור, אַראָפּגעזונקען צו דער מדריגה פון אַ רוימישער פּראָווינץ. דורך דעם דאָזיגען פאַקט איז די לאַגע פון יהודה אין גרונד אומגעביטען געוואָרען. אָנשטאָט אַ קיניג, וואָס זאָל הערשען פון הורדוסעס פּאַלאַץ אויפ'ן באַרג ציון, איז ירושלים אַרונטערגעפאַלען אונטער דער ממשלה פון אַ מין אונטער-פּרעפעקט, וואָס האָט געהאַט דעם טיטעל פּראָקוראַטאָר און האָט זיך צונויפגעטראָגען מיט'ן קיסר אין רוים ערשט דורך דעם לעגאַט פון סיריע, וועלכער איז געזעסען אין אַנטיוכה. כדי נאָך טיפער צו טרעפען דאָס פאָלק, איז דעם פּראָקוראַטאָר ניט ערלויבט געווען צו בעזעצען זיך אין ירושלים, און פאַר אַ רעזידענץ איז אים בעשטימט געוואָרען קיסריה. נאָר ביי בעזונדערע געלעגענהייטען, דערהויפּט אין דער צייט פון די

שלוש-רגלים, בשעת אין ירושלים פלעגען זיך צונויפקלייבען גרויסע פאָלקס-מאַסען, פלעגט דער פּראָקוראַטאָר קומען קיין ירושלים און פלעגט וואוינען דעמאָלט אין הורדוסעס געוועזענעם פּאַלאַץ. אזוי ווי דער דאָזיגער פּאַלאַץ איז געווען דערצו נאָך אַ שטאַרקע פעסטונג, פלעגט דאָרט שטיין אויך די מיליטער-אָפּטיילונג, וואָס דער פּראָקוראַטאָר פלעגט שטענדיג נעמען מיט זיך.

אינ'ם דאָזיגען ים מיט צרות איז דעם דערנידעריגטען פאָלק געבליבען איינאיינציגע נחמה: דער כהן-גדול, דער פּאָרזיצענדער אין סנהדרין, דער אָנפירער פון פאָלק, וועלכער האָט פאַרנומען דעם קיניגליכען פּאַלאַץ אויפ'ן מאַרק-פּלאַץ און האָט דאָרטען געהאַלטען אַ מין הויף. באמת איז די מאַכט זיינע געוועזען זעהר אַ קליינע. דאָס רעכט איבער לעבען און טויט האָט געהערט דעם פּראָקוראַטאָר. משפט'ן פלעגט מען אינ'ם נאָמען פון רוים און אויפ'ן סמך פון רוימישע דעקרעטען. און טאָמער איז דאָס נאָך ווייניג געווען — איז אַ טייל פונ'ם קיניגליכען פּאַלאַץ אָפּגעגעבען געוואָרען אין רשות פון דעם קייזערליכען שטייער-ממונה און זיין גאַנצען שטאַט בעאַמטע, שרייבערס, מוכסים, מוסרים און שפּיאָנען.

און פונדעסטוועגען האָבען די טרוימער וועגען דער קומענדיגער בעפרייאונג געפונען אַ שטיקעל בעפרידיגונג אין דעם פאַקט, וואָס דער כהן-גדול, דער העכסטער בעאַמטער אין פּאַלאַץ, איז געווען אַ איד. בלויז זיין אָנוועזענהייט דאָרטען פלעגט ביי זיי אַרויסרופען אין זיכרון די הבטחות פון גאָטס נביאים; זיי פלעגען זיך דערמאָנען אָן די צייטען, ווען די בני-אַהרון האָבען אין גאָטס נאָמען געוועלטיגט איבער די שבטים, און זיי האָבען געהאַט ביטחון אַז דער גאָט פון ישראל האָט זיי נישט פאַרלאָזען.

מער ווי אַכציג יאָר איז שוין יהודה געווען אַ רוימישע פּראָווינץ — אַ גענוג לאַנגע צייט פאַר די צעזאַרס, צו בעקאָנען זיך מיט די בעזונדערקייטען פונ'ם אידישען פאָלק, לכל-הפּחות צו וויסען, אַז נישט קוקענדיג אויפ'ן גאַנצען שטאָלץ פון די אידען, קאָן מען פאָרט מיט זיי גאַנץ לייכט אויסקומען, ווען מ'זאָל נאָר נישט אָנרירען די אמונה זייערע. ניט שטענדיג אָבער איז געווען דער גוטער ווילען. הגם די רוימישע קיסרים גופא זיינען געווען גרייט צו

מאַכען הנחות, נאָר די אויספירער פון זייערע כוונות, די פּראָקוראַטאָרען, האָבען לאָ־די וואָס ניט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי צו בעגיין זיך מיט די אידען, נאָר אָפטמאָל האָבען זיי אויך אונטערגעדריקט מיט גוואַלט־מיטלען. די דאָזיגע נידעריגע בעאַמטע זיינען שטענדיג געווען האָפּערדיג ביי זיך און דורך זייערע אונטערדריקונגען און נגישות האָבען זיי סוף־כל־סוף אַזוי ווייט צורייצט דאָס פאָלק, אַז ס'האָט זיך מיט אַ ווילדען יאוש אַריינגעלאָזט אינ'ם קאַמף, וואָס האָט זיין פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע געבראַכט צום אונטערגאַנג.

דערהויפּט האט אויפגערייצט קעגען זיך דאָס פֿאָלק דער פּראָקוראַטאָר וואַלעריוס גראַטוס, וועלכער, גלייך ביי זיין בעשטימונג, האט זיך גענומען אַריינמישען אין די רעליגיעזע ענינים פון יהודה. כמעט זיין ערשטע אָפיציעלע עובדה איז געווען אַראָפּזעצען דעם כהן־גדול חנה און מאַכען אויף זיין אָרט ישמעאל'ן, דעם זון פון פיאַבי.

צי איז דאָס געטאָן געוואָרען לויט אַ בעפעל פֿון אווגוסטוס, אָדער גראַטוס אַליין איז געווען שולדיג אין דעם — אַבי די טאַקטלאָזיגקייט דערפֿון האָט זיך באַלד ארויסגעוויזען.

אין יענער צייט זיינען אין יהודה געווען צוויי פּאַרטייען: די פּאַרטיי פון די אַריסטאָקראַטען אָדער די צדוקים און די פאָלקס־פּאַרטיי אָדער די פרושים. נאָך הורדוסעס טויט האָבען די ביידע פּאַרטייען זיך פאַראייניגט קעגען אַרכילוס'ן, סיי אין בית־המקדש, סיי אין פּאַלאַץ, סיי אין ירושלים, סיי אין רוים — אומעטום האָבען זיי געקעמפֿט קעגען אים. טיילמאָל הינטען אַרום דורך אינטריגעס, טיילמאָל אויך אין אַ אָפענער מלחמה מיט געווער אין דער האַנט. ניט איין מאָל האָבען די הייליגע בנינים אויפ'ן באַרג מוריה געהילכט פֿון דעם רעש און געשריי פֿון די קעמפֿערס. און סוף־כל־סוף האָט זיך זיי פֿאָרט איינגעגעבען צו פּטור ווערען פונ'ם עטנאַרך, וועלכער איז פאַרשיקט געוואָרען קיין גאַליע. הגם ביידע פּאַרטייען זיינען געווען יד־אַחת אין קאַמף, איז אָבער יעדערע פֿון זיי אויסען געווען בעזונדערע צילען. די צדוקים האָבען געטראָגען אַ שינאה אויפ'ן כהן־גדול יועזר; אַקעגען־זשע די פרושים זיינען געווען זיינע פֿאַרברענטסטע חסידים. בשעת הורדוסעס דינאַסטיע איז — מיט אַרכילוס'ן — אונטערגעגאַנגען, איז אויך יועזר

געפאַלען, און חנה, דער זון פֿון שת, איז בעשטימט געוואָרען דורך די צדוקים פאַר אַ כהן-גדול; דאָס האָט געבראַכט אַ שפאלטונג צווישען ביידע פאַרטייען, און די שינאה צווישען זיי האָט זיך פוּנאַנדערגעפלאַקערט אַלץ מערער און מערער.

בשעת דעם קאַמף מיט דעם אומגליקליכען עטנאַרך, האָבען די צדוקים אַיינגעזעהן, אַז פאַר זיי איז גלייכער זיך צו פאַרבינדען מיט רוים. פאָראויסזעהענדיג, אז נאָכ'ן אונטערגאַנג פֿון הורדוסעס דינאַסטיע, מוז געוויינטליך אַיינגעפירט ווערען אַ אַנדערע רעגירונגס-פאָרם, האָבען זיי אָנגעהויבען צו אַרבעטען, אַז יהודה זאָל ווערען אַ רוימישע פראָווינץ. דאָס האָט געגעבען די פרושים נייע סיבות צום אָנפאַל; און ווען שומרון איז נאָך דערצו אויך פֿאַרבונדען געוואָרען מיט דעם פראָווינץ, זיינען די צדוקים געבליבען אין דער מינדערהייט און האָבען ניט געהאַט מער קיין אַנדער אָנהאַלט, אויסער דער קיסר אין רוים און אויסער זייער חשיבות און עשירות.

פֿונדעסטוועגען האָט זיך זיי נאָך 15 יאָר נאָכאַנאַנד אַיינגעגעבען אַיינצוהאַלטען זייער מאַכט סיי אין בית-המקדש, סיי אין פּאַלאַץ — ביז וואַלעריוס גראַטוס איז געקומען צו דער ממשלה.

חנה, דער אָפּגאָט פון זיין פאַרטיי, האָט ווי אַ טרייער אונטערטאַן אויסגענוצט זיין השפעה אין די אינטערעסען פון זיין קיסר'ליכען שיצער. דעם שלאָס-טורים אַנטאָניע האָט פאַרנומען אַ רוימישער גאַרניזאָן; ביי די טויערן פון פאַלאַץ איז געשטאַנען אַ רוימישע וואַך; די שטרייִנגע אומברחמנית'דיגע רוימישע שיטה פֿון אַיינמאָנען שטייערן און מכּס האָט ווי אַ שווערע משא געדריקט אויף שטאָט און לאַנד; אַלע טאָג און אַלע שעה, אויף טויזענטערליי אופֿנים האָט מען אָנגעטאָן דעם פאָלק נגישות און ביזיונות, און מ'האָט אים געגעבען גוט צו פילען די נפֿקא-מינה צווישען אַ אומאָפּהייניגען לעבען און אַ לעבען אין קנעכטשאַפט. דאָך האָט זיך חנה'ן פאָרט ווי-עס-איז אַיינגעגעבען צו האַלטען דאָס פאָלק אין לפֿי-ערכדיגער רוהיגקייט. קיין געטרייערען פֿריינד ווי אים האָט רוים נישט געהאַט, און אַז ער איז אַראָפּ האָט רוים גלייך דערפילט די רעזולטאַטען דערפֿון. נאָכדעם ווי ער האָט איבערגעגעבען זיינע בגדי-כהן-גדול דעם יורש זיינעם ישמעאל'ן, איז ער אַוועק פֿון בית-

המקדש־הויף אויף דער אַסיפה פון די פרושים און איז דאָרטען אויסגעקליבען געוואָרען פאַר דעם ראש פון אַ נייער פאַראייניגונג צווישען בעטויזיאַנער און סעטיאַנער.

פאַרלאָרען די שטיצע פון ביידע פאַרטייען, האָט גראַטוס דער פראָקוראַטאָר דערזעהן, אַז דער פייער, וואָס האָט פּופּצעהן יאָר נאָכאַנאַנד געטליהעט אונטער אַש, קאָן זיך אַלע ווייל צופלאַקערן אין פלאַמען. אין אַ חודש נאָך דעם, ווי ישמעאל איז געוואָרען כהן־גדול, האָט דער פראָקוראַטאָר געפונען פאַר פאַסיג אָפּצושטאַטען אים אַ וויזיט קיין ירושלים. מיט קולות און פייפערייען האָבען די אידען בעגעגענט דעם רוימערס לייב-גוואַרדיע, וואָס איז אַריין אין שטאָדט; אַז זיי האָבען אָבער דערזעהן, ווי די סאָלדאַטען מאַרשירען דורך דעם צפונ׳דיגען טויער צום שלאָס־טורים אַנטאָניע, האָבען זיי דאַן ערשט פאַרשטאַנען די כוונה פונ׳ם וויזיט: גראַטוס האָט געהאַלטען פאַר נייטיג צו פאַרשטאַרקען דעם גאַרניזאָן פון דעם שלאָס-טורים מיט אַ גאַנצער קאָהאָרטע רוימישע לעגיאָנערען. אַצונד האָט דער יאָך אומגעשטראָפט געקאָנט אײנגעצויגען ווערען אַלץ שטייפער און דריקענדיגער. אויב דער פראָקוראַטאָר האָט שוין בעשלאָסען צו ווייזען אַ ביישפיל — איז ווי צו יענעם מענשען, וואָס וואָלט געוואַגט צו בעליידיגען ישמעאל׳ס כבוד!

## קאַפּיטעל דריי.

### בית־חור.

פון דעם טויער אין דער הייליגער שטאָט אריין, וועלכער האָט זיך געפונען אויף דעם אָרט פון היינטיגען סאַנקט־סטעפען־טויער, האָט זיך געצויגען אַ גאַס צו מערב־צו, פּאַראַלעל מיט'ן צפון'דיגען פּאַסאַד פונ'ם שלאָס־טורים אַנטאָניע. דאָרטען, וואו די דאָזיגע גאַס האָט זיך אונטער אַ גלייכען ווינקעל פאַרנומען צו דרום־זייט, איז געשטאַנען אַ הויז. אַזוי ווי דאָס רוב מער אָדער ווייניגער פּרעטענציעזע הייזער אין מזרח, איז עס געווען צוויי גאָרן הויך און האָט אויסגעזעהן ווי אַ אמת'ער קוואַדראַט, ערך פירהונדערט פיס סיי אין דער לייִנג סיי אין דער ברייט. דער בנין האָט זיך געוואָרפען אין די אויגען מיט זיין אומגעלומפּערטען, אָדער אומפּאָזאַנטען אויסזעהן. די מויער־ווענט זיינען געווען פון גרויסע ניט־אַרומגעהאַקטע שטיינער, וועלכע האָבען פון דרויסען אויסגעוויזען פּונקט ווי מ'וואָלט זיי נאָר־וואָס געהאַט געבראַכט פון דער שטיינבּרעכעריי. דעם בּנין וואָלט מען געקאָנט אָננעמען פאַר אַ פעסטונג, ווען נישט די פענסטער אויפ'ן צווייטען גאָרן — פיר צו מערב־זייט און צוויי צו צפון־זייט — און ווען ניט די פאַרצירונגען איבער טיר און טויער. די טויערן זיינען געווען בּעשלאָגען מיט אַזעלכע גרויסע אייזערנע פלעקלעך, אַז זיי וואָלטען, דאַכט זיך, בּכוח זיין אויסצוהאַלטען די גרעסטע מויער־בּרעכערס. אָן די וואונדער־שיין געשניצטע מאַרמאָרנע געזימסען איבּער די טויערן וואָלט אַ בּע־

האַווענטער אינ׳ם לעבּען און אין די מנהגים פֿון פֿאָלק גלייך ווי
געשטויסען, אַז דער עושר, וואָס וואוינט דאָ, איז אַ צדוקי, סיי
אין פּאָליטישער הינזיכט, סיי אין רעליגיעזער.

צושיידט זיך בּיים פּאַלאַץ אויפ׳ן מאַרק-פּלאַץ מיט׳ן רוימער, האָט יהודה אין אַ ווײַלע אַרום זיך געוויזען בּיים מערב׳דיגען טויער פֿון דעם נאָר-וואָס בּעשריבּענעם הויז און האָט אָנגעקלאַפּט. די פּאָרטקע אין טויער האָט זיך געעפענט פאַר אים און ער איז גיך אריין, אַפילו ניט געענטפערט אויף דעם בּוקען זיך פֿונ׳ם טיר-שומר.

ער איז דורכגעגאַנגען אַ שמאָלען געוועלבּטען קאָרידאָר, מיט שטיינערנע בּיינק בּיי די זייטען, שוואַרץ פון דער צייט און גלאַנציג פון לאַנגען ניצען, און איז ארויסגעקומען אויף אַ לענגליכען הויף, וואָס איז פֿון אַלע זייטען, אויסער דער מזרח-זייט, געווען אַרומגע-רינגעלט מיט צווייגאָרענדיגע בּנינים. אין דעם אונטערשטען גאָרן האָבּען זיך געפונען די שטאַלען, און אויבּען האָבּען זיך אַוועקגע-צויגען טעראַסען מיט שטאַרקע פּאָרענטשעס. די פּאַרהאַוועטע בּע-דינער, דער רעש פון די מילשטיינער, די אויף אָנגעצויגענע שטריק צוהאַנגענע מלבּושים, די הינער און טויבּען, וואָס האָבּען זיך לוסטיג דאָ אַרומגעדרייט, די שטאַלען מיט ציגען, אייזלען, רינ-דער און פֿערד, דער שטיינערנער וואַסער-בּאַסיין, אַ פּנים פֿאַר די שטובּ-חיות צום טרינקען, — דאָס אַלץ האָט עדות געזאָגט, אַז דאָ האָט זיך געפונען די בּעל-הבּת׳ישקייט פֿון אַ רייכען הויף. פֿון מזרח-זייט איז ער געווען אָפּגעצאַמט מיט אַ געמויערטער וואַנט, מיט אַ טויער דערינען.

דורך דעם דאָזיגען טויער איז יהודה אַריין אין אַ צווייטען גע-ראַמערן פירקאַנטיגען הויף, פּאַרפֿלאַנצט מיט קוסטעס און מיט וויינשטאָקען. אַ פּאָנטאַן ניט ווייט פונ׳ם פּאָרטאַל אין צפֿון-זייט האָט פֿאַרשפּרייט פרישקייט און קילקייט. דער אונטערשטער גאָרן איז דאָ בּעשטאַנען פֿון הויכע לופטיגע אַרקאַדעס, וואָס זיינען אָנ-געשפּאַרט געווען אויף קאָלאָנעס און בּעשאָטענט מיט פּאָרהאַנגען אין ווייסע און רויטע פּאַסען. אין דרום-זייט האָבּען געפירט טרעפּ צו די טעראַסען אַרויפצו אויפ׳ן אייבּערשטען גאָרן, וואו ס׳זיינען אויפגעצויגען געווען גרויסע בּיידלעך צום שוץ קעגען דער זון. פֿון

די טעראַסען האָט מען זיך אויפגעהויבען איבער נייע טרעפ אויף׳ן פלאַכען דאַך מיט אַ געשניצטען געזימס אַרום-און-אַרום און אַ באַלוסטראַדע פון העלרויטע, זעקס-קאַנטיגע געברענטע ציגעל.

אומעטום האָט געהערשט די גרעסטע זויבערקייט; אין ערגעץ איז נישט געווען צו זעהן קיין שפּריינקעלע, אין ערגעץ ניט — קיין איין פאַרוועלקט בלעטעלע. קיין זאַך האָט נישט געשטערט דעם געלוסטיגען רושם, וואָס דער ליבליכער הויף האָט געמאַכט. יעדער איינער, וואָס האָט אַפילו ניט געקאָנט די בעוואוינער פונ׳ם הויז, האָט פון אַלצדינג געזעהן בעשיינפּערליך, אַז דאָס איז די שטוב פון אַ זעהר מיוחס׳דיגער פאַמיליע.

אַצונד האָט יהודה זיך גענומען רעכטס, פאַרבייגעגאַנגען די טיילוויז בליהענדיגע קוסטעס, צו די טרעפּ, און איז אַרויף אויף דער טעראַסע, וואָס איז געווען אויסגעלייגט מיט ברוינע און ווייסע, שוין גאַנץ אָפּגעניצטע, שטיינערנע טאָוולען. פון דאַנען איז ער אַריין אין אַ צימער, וואָס איז געלעגען צו צפון-זייט און איז אָפּגעטיילט געווען דורך אַ פאָרהאַנג. אינווייניג איז געווען כמעט פינסטער, פונדעסטוועגען האָט ער זיך גלייך אָריענטירט דאָרטען, זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אַ דיוואַן און געבליבען ליגען פאַרגליווערט, דאָס פּנים בעהאַלטען אין די הענט.

אַז ס׳איז שוין געוואָרען רעכט פינסטער, האָט זיך אין טיר בעוויזען אַ פרוי און האָט אים אַ רוף געטאָן ביים נאָמען. ער האָט זיך אָפּגערופען און זי איז אַריין.

— מ׳האָט שוין אָפּגעגעסען, און ס׳איז שוין נאַכט. ביסט דען גאָר ניט הונגעריג, מיין זון? האָט די פרוי געפרעגט.

— ניין — האָט ער געענטפערט.

— ביסטו ניט געזונט?

— איך בין פאַרמאַטערט.

— דיין מוטער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף דיר.

— וואו איז זי?

— אין זומער-חדר אויפ׳ן דאַך.

ער האָט זיך אויפגעזעצט.

— נו, טאָ ברייננג מיר עפּעס עסען.

— וואָס גלוסט זיך דיר צו עסען?

— ברייננ וואָס דו ווילסט, עמרה. איך בין געזונט, נאָר איך האָב צו קיין זאַך קיין לוסט ניט. דאָס לעבען קומט מיר שוין ניט אויס אַזוי פריינדליך ווי היינט אין דער פריה. ס'איז אַ נייע קראַנקהייט, מיין עמרה; און דו, וואָס קענסט מיך אַזוי גוט און וואָס האָסט מיר אַלע מאָל געהאָלפען, וועסט אויך איצט וויסען, וואָס ס'קאָן מיר דינען אַלס שפּייז און אַלס רפואה. ברייננ וואָס דו פאַרשטייסט.

עמרה'ס פראַגען, דערהויפּט איר שטילער זאַנפטער פאַרזאָרגטער, טאָן האָבען געלאָזט דערקאָנען, אַז צווישען איר און דעם איינגעל האָבען עקזיסטירט פריינדשאַפטליכע בעציהונגען. זי האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף יהודה'ס שטערן און אַ פּנים בערוהיגט, איז זי אַרויסגעגאַנגען, זיך אָפּרופענדיג: „גוט, איך וועל שוין ברייננען".

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי זיך אומגעקערט און געבראַכט אויף אַ הילצערנעם טאַץ אַ שאָל מיט מילך, עטליכע דינע פעניצלעך חלה, אַ לייכט געבעקס פון ווייצען מעל, אַ געבראָטען עוף, האָניג און זאַלץ. דערנעבען האָט זי אַוועקגעשטעלט אַ זילבערנעם בעכער מיט ווײַן און אָנגעצונדען אַ קופערן האַנט-לעמפּעל.

לאָמיר בײַ זיין שיין בעטראַכטען דאָס צימער.

די ווענט זיינען געוועזן איינפאַך געקאַלכט, די סטעליע — פון גראָבע דעמבענע באַלקעס, טונקעל-געוואָרענע פון רעגען און פון יאָרען; דער בריק איז בעשטאַנען פון קליינע, זעהר פעסטע און דויערהאַפטיגע ווייסע און בלויע ציגעל. עטליכע שטולען מיט פיסלעך אַזוי ווי לאַפּעס פון אַ לייב, אַ נידעריגער דיוואַן בעצויגען מיט בלויען שטאָף און פאַרדעקט מיט אַ גרויסער וואָלענער געשטרייפטער קאָלדרע — מיט איין וואָרט, אַ איינפאַכער שלאָף-חדר פון אַ יהודי.

דער שיין פון לאָמפּ איז אויך געפאַלען אויף דער פרוי. עמרה האָט צוגערוקט אַ שטול צום דיוואַן, אַוועקגעשטעלט דערויף דעם טאַץ און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קניה, צו בעדינען דעם איינגעל. דאָס איז געוועזן אַ פרוי פון אַ יאָר פופציג מיט שוואַרצע אויגען און אַ פאַרברוינט טונקעל פּנים, אויף וועלכען ס'איז איצט גע-

לעגען צוגאָסען אַ אויסדרוק פון כּמעט מוטערליכער צערטליכקייט. אַ ווייסער טורבּאַן האָט בּעדעקט איר קאָפּ, לאָזענדיג אָפען נאָר די אויער־לעפּלען מיט אַ צייכען פון איר קנעכטשאַפט, אַ דורכגע־שטאָכען לעכעלע מיט אַ גראָבּען אָל... זי איז געווען אַ שקלאַפין, פון מצרים, און אַפילו דער היילינגער יובל־יאָר האָט איר ניט גע־קאָנט בּריינגען די פרייהייט. נאָר צוריקגערעדט וואָלט זי די פריי־הייט גאָר ניט אָנגענומען, ווייל דאָס אינגעל, וועלכען זי האָט אָצינד בּעדינט, האָט זי האָלט געהאַט אַזוי ווי אַ אייגען קינד. זי האָט אים פון קינדווייז אויף אויסגעקאָרמעט און אויסגעבּאָוועט און האָט זיך גאָר ניט געקאָנט פאָרשטעלען, אַז ער זאָל זיך ווען־עס־איז קאָנען בּעגיין אָהן איר בּעדינען און צוזעהן. אין אירע אוי־גען איז ער אַלץ נאָך געוועזען אַ קינד, ניט געוואָרען קיין מאַן.

בּשעת׳ן עסען האָט ער זי אַ פרעג געגעבּען:

— דו געדענקסט נאָך, מיין עמרה, מעסאַלען, וועלכער פלעגט בּיי מיר אַמאָל דאָ פאַרבּריינגען גאַנצע טעג?

— אָ יע, איך געדענק אים.

— פאַר עטליכע יאָרען איז ער אַוועקגעפאָרען קיין רוים און איז אַצונד געקומען צוריק. איך בּין בּיי אים היינט געוועזען.

אַ צאַפּעל פון ווידערווילען איז דורכגעלאָפען איבּערן אינגעלס פּנים.

— איך האָבּ גלייך פאַרשטאַנען, אַז ס׳האָט זיך עפּעס געטראָ־פען, — האָט זיך עמרה אָפּגערופען מיט אַ וואַרימען אינטערעס — מעסאַלע איז מיר קיינמאָל ניט געווען געפעלען. דערצייל מיר אַלצדינג.

יהודה האָט זיך פאַרטראַכט, און אויף אַלע אירע איבּערגע׳חזר׳טע פראַגען האָט ער בּלויז געענטפערט:

— ער האָט זיך זעהר איבּערגעבּיטען, און איך וויל מיט אים מער ניט האָבּען צו טאָן.

אַז עמרה האָט אַרויסגעטראָגען דעם טאַץ, האָט ער זיך אויך אויפגעהויבּען און איז אַרויף אויפ׳ן דאַך.

אין מזרח־לאַנד שפּילט דער דאַך אַ גרויסע ראָלע. דער קלימאַט איז אומעטום דער געזעצגעבּער פון מנהגים. פאַר דער היץ פון אַ ארץ־ישראל׳דיגען זומערטאָג אַנטלויפט דער תּענוגים־זוכער אין

די טונקעלע לופטיגע אינווייניגסטע חדרים; ווי־נאָר אָבער ס׳פֿאַלען צו די שאָטענס פֿון דער נאַכט און טוליען איין די בערג מיט זייערע בין־השמשות׳דיגע שלייערס, קריכט ער אַרויף אויפ׳ן דאַך. דער דאַך הייבט זיך אויף גענוג הויך איבער דער ערד, אַז די קילע ווינטען זאָלען פריי דאָרטען וויען, און אין דער ריינערער לופט דאַכט זיך אויס, אַז די שטערן אין הימעל זיינען נעהענטער און פֿינקלען מיט אַ העלערן גלאַנץ. אָט אַזוי איז דער דאַך געוואָרען פֿאַר דעם מיזרח־מענש אַ גלוסטיגער מקום־מנוחה, אַ שפּילפּלאַץ, אַ שלאָף־קאַמער, אַ פֿאַמיליען־חדר, אַ אָרט פֿאַר תּענוגים און פֿאַרגעניגענס, אָבער אויך אַ פּלאַץ פֿאַר ערנסטע מחשבות און כוונה׳דיגע תּפֿילות.

אַזוי ווי דער אײַנוואוינער פֿון די קעלטערע געגענדען האָט ליב צו פֿאַרפּוצען די אינווייניגסטע חדרים פֿון זיין הויז, אַזוי פֿלייסט זיך דער מיזרח־מענש, פֿאַרקערט, וואָס שענער און וואָס היימישער צוצוקלייבען זיין דאַך. די מעקה, וואָס משה רבינו האָט עם נאָך פֿאַרזאָגט צו מאַכען, גיט דעם טעפּער אַ געלעגענהייט אַרויסצוווייזען זיין גאַנצע בריה׳שאַפֿט אין ברענגען שיין־געצירטע ציגעל; דערצו האָט מען נאָך שפּעטער צוגעגעבען מער אָדער ווייניגער פֿאַנטאַסטישע טורימדלעך; נאָך שפּעטער האָבען די מלכים און די שרים אויסגעבויט אויף זייערע דעכער זומער־הייזלעך פֿון מירמעלשטיין און פֿון גאָלד, און נאָך שפּעטער האָבען די בבלים געמאַכט דאָרטען היינג־סעדער. מער דערפֿון האָט שוין די פֿאַנטאַזיע נישט געקאָנט אויפֿטאָן.

יהודה איז פּאַמעליך געגאַנגען איבער׳ן דאַך צו אַ מין טורים אינ׳ם צפֿון־מערב׳דיגען ווינקעל; דאָס איז געווען אַ זעלטען אַרכיטעקטור־ווערק מיט גראַטעס, קאָלאָנעס און אַ קופּאָל. ער האָט אָפּגעשאַרצט אָן אַ זייט דעם האַלב אַרויפֿגעצויגענעם פֿאָרהאַנג און איז אַריינגעגאַנגען אינווייניג. דאָרטען האָט געהערשט כמעט אַ אמת׳ע פֿינסטערניש; נאָר דורך די אַרקעס, וואָס זיינען געמאַכט געווען ביי אַלע פיר זייטען אַזוי ווי טירען, האָט אַריינגעקוקט דער אויסגעשטערנטער הימעל.

אויף אַ קישען פֿון אַ נידעריגען דיוואַן איז האַלב געלעגען אַ

פֿרוי אין אַ געפֿעלבעלטען ווייסען קלייד. דערהערט טריט פֿון דער נאָהענט, האָט זי אָפּגעהאַלטען דעם פֿאָכער אין איר האַנט; די אַבנים־טובות, מיט וועלכע ער איז געווען רייך בעזעצט, האָבען געפֿינקעלט אין שיין פֿון די שטערן.

— יהודה מיין זון, דאָס ביסטו? האָט זי אַ רוף געטאָן און האָט זיך איינגעזעצט אויף דעם דיוואַן.

— יע, מאמע, איך בין דאָס — האָט ער געענטפערט און איז צוגעלאָפען צו איר.

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קניה, און זי האָט אים אַרומגענומען און צערטליך אַ קוש געגעבען.

## קאפיטעל פיר.

### יהודה׳ס פראגע.

די מוטער האָט זיך ווידער אָנגעלענט מיט דער האַנט אן קישען, און יהודה האָט זיך געזעצט ביי אירע פיס און אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אין איר שויס אַריין. דורך דער אַרקע האָבען זיך געזעהן די נידעריגערע דעכער פון די שכנישע הייזער און די בערג וואָס האָבען זיך דערהויבען אין מערב-זייט אַזוי ווי אַ בלוי-שוואַרצע וואָלקען-וואַנט, מיט אַ אויסגעשטערנטען הימעל איבער זיי. אונטען איז געלעגען די שטאָט אין טיפער רוה. נאָר אַ ווינטעלע האָט שטיל געפליסטערט דורך די ביימער-קרוינען.

— עמרה האָט מיר געזאָגט, אַז מיט דיר האָט זיך עפּעס געטראָפּען — האָט די מוטער געזאָגט, גלעטענדיג דעם אינגעלס באַקען — כל-זמן יהודה איז געוועזן נאָך אַ קינד, האָט ער געמעגט זיך בעאומרוהיגען פון קלייניגקייטען, אָבער אַצונד איז ער שוין אַ מאַן. ער טאָר ניט פאַרגעסען — איר שטים איז געוואָרען נאָך ווייכער — אַז אַצונד דאַרף ער זיין שוין מיין העלד.

זי האָט גערעדט אויף דעם לשון, וואָס איז אין לאַנד ביסלעכווייז אַלץ מער און מער געוואָרען פאַרגעסען; נאָר געציילטע, בעזונדערס אַלטע, חשוב׳ע און רייכע משפחות, האָבען זיך געפלייסט צו דערהאַלטען דעם לשון אין זיין גאַנצער רייכקייט, כדי דערהויפּט דורכדעם נאָך שאַרפער אונטערצושטרייכען דעם אונטערשיד צווישען אידען און געצענדינער; דער לשון, אויף וועלכען

ס'האָט אַמאָל גערערט ריבקה און אין װעלכער רחל האָט לידער געזונגען.

ביי דער מוטערס װערטער האָט יהודה זיך װידער פאַרטראַכט; נאָר אין אַ װײַלע אַרום האָט ער אָנגעכאַפּט איר האַנט, װאָס האָט אויף אים אָנגעפּאַכט קילונג, און ער האָט געזאָגט:

— היינט, מאַמע מײַנע, האָבן זיך אין מײַן גײַסט דערװעקט אַלערליי געדאַנקען, װאָס זיינען מיר ביז אַהער פרעמד געװען. אָבער קודם־כל זאָג מיר, װאָס זאָל איך זײַן?

— איך האָב עס דיר, דאַכט זיך, נאָר־װאָס געזאָגט. דו דאַרפסט זײַן מײַן העלד.

הגם ער האָט נישט געקאָנט זעהן דעם אויסדרוק פון איר פּנים, דאָך האָט ער אָבער געװאוסט, אַז זי מאַכט שפּאַס. ער איז געװאָרען ערנסטער:

— דו ביסט אַזאַ גוטע, אַזאַ ליבע, מאַמע מײַנע. קיינער װעט מיך קיינמאָל ניט האָבן אַזוי האָלט, װי דו האָסט מיך האָלט.

ער האָט איר עטליכע מאָל אַ קוש געטאָן די האַנט און גערעדט װײַטער:

— דאַכט זיך, איך פאַרשטיי, פאַרװאָס דו מײַדסט אוים מײַן פראַגע. ביז אַהער האָט מײַן לעבן געהערט צו דיר אינגאַנצען. װי צערטליך, װי מילד איז געװען דײַן השגחה! אָ, הלװאַי װאָלט איך זי קיינמאָל נישט איבערגעװאַקסען! אָבער דאָס קאָן דאָך ניט געמאָלט זײַן. דאָס איז דאָך דער רצון פון גאָט, אַז איך זאָל פריי־ הער אָבער שפּעטער אַליין װערען אַ בעל־הבית איבער מײַנע מעשים. ס'װעט קומען אַ טאָג פון צושיידען זיך — אַ שרעקליכער טאָג פאַר דיר, מאַמע מײַנע! לאָמיר אים בעגעגענען ערנסט און בעהאַרצט. איך װעל װערען דײַן העלד, אָבער דו מוזט מיר װײַ־ זען דעם װעג דערצו. דו װייסט דאָך דעם דין, אַז יעדער בן־ ישראל מוז האָבן אַ בעשטימטע טועכץ. איך בין ניט קיין יוצא־ מן־הכלל אין פרעג דיך אַצונד: װאָס זאָל איך װערען? זאָל איך פּאַשען די שאָף? אַקערן דאָס פעלד? טרײַבען די מיל? אָדער זאָל איך אפשר װערען אַ שרײַבער צי גאָר אַ מחוקק? טײַערע, גוטע מאַמע, העלף מיר געפינען אַ ריכטיגען ענטפער אויף דעם.

— גמליאל האָט היינט געהאַלטען אַ דרשה, האָט זי פאַרטראַכט געזאָגט.

— איך ווייס ניט, איך האָב אים ניט געהערט.

— ביסטו מסתמא געווען ביי שמעונ׳ען; מ׳זאָגט, אַז ער האָט גע׳ירשנט די הויכע גייסטיגע מעלות פון זיין משפחה.

— ניין, איך האָב אים ניט געזעהן. איך בין געווען ניט אין בית־המקדש, נאָר אויפ׳ן מאַרק־פּלאַץ; איך בין געווען ביים יונגען מעסאַלען.

אַ געוויסע פאַרענדערונג אין דעם טאָן פון זיין שטים האָט אַרויסגערופען דער מוטערס אויפמערקזאַמקייט. אַ אומרוהיגער פאַרגעפיל האָט געמאַכט קלאַפּען איר האַרץ האַסטיגער; דער פאַכער אין איר האַנט איז ווידער געבליבען רוהען.

— מעסאַלע! האָט זי אויסגערופען. — מיט וואָס האָט ער עס דיך געקאָנט אזוי צורודערן?

— ער האָט זיך שטאַרק אומגעביטען.

— דו ווילסט זאָגען, אַז ער איז געקומען צוריק אַ רוימער?

— יע.

— אַ רוימער! האָט זי ווייטער גערעדט, עפּעס אַזוי ווי מיט זיך אַליין. — פאַר דער גאַנצער וועלט איז דער טייטש פונ׳ם דאָזיגען וואָרט „הערשער". ווי לאַנג איז ער געווען ניט הי?

— פינף יאָר.

זי האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און האָט פאַרקלערט געקוקט אין דער נאַכט אַרויס.

— די וועגען צו סדום טויגען פאַר מצרים און בבל, אָבער אין ירושלים, אין אונזער ירושלים הערשט גאָטס געבאָט פעסט ווי אַ מויער.

פאַרטיפט אין דער דאָזיגער מחשבה, האָט זי זיך ווידער אַראָפּגעלאָזט אויפ׳ן קישען. יהודה האָט דער ערשטער איבערגעריסען דאָס שווייגען.

— מעסאַלעס ווערטער אַליין, מאַמע מיינע, זיינען שוין געווען גענוג פאַרדראָסיג; אָבער דער טאָן און שטייגער פון זיין ריידען האָט זיי געמאַכט נאָך ניט צו פאַרטראָגען.

— מיר דאכט זיך, איך פארשטיי דיך. רוים מיט זיינע פאטעטן, אראטארס, סענאטארס און שררות — זיי פלייסען זיך אלע דורכצוזאפען זייערע ווערטער מיט דעם, וואס זיי רופען סאטירע.

— אלע גרויסע פעלקער, דאכט זיך, זיינען שטאלץ — האט יהודה גערעדט ווייטער, כמעט ווי ניט פארנעמענדיג דער מוטערס ווערטער — אבער דער שטאלץ פון די רוימער איז פון א גאנץ אנדער מין. פאר דער לעצטער צייט איז ער אריבער אלע גרעניצען, געווארען ממש ניט צו פארטראגען. אפילו אויף זייערע געטער לייגען זיין קיין שום כבוד ניט.

— זייערע געטער! איז אים די מוטער מיט היץ אריינגעפאלען אין די רייד — ניט איין רוימער האט שוין געפאדערט, מ'זאל אים אפגעבען כבוד ווי א גאט.

— יע, מעסאלען האט קיינמאל ניט געפעלט די דאזיגע מיאוסע מידה, נאך אינגעלוויז האב איך אפט געהערט, ווי ער פלעגט מאכען חוזק פון פרעמדע, אפילו פון אזעלכע, וואס זיינען חשוב ביי הורדוס'ן אליין; אבער יהודה האט ער ביז אהער ניט אנגערירט. היינט האט ער צום ערשטען מאל, שמועסענדיג מיט מיר, אפגעלאכט פון אונזערע מנהגים און פון אונזער גאט. מיר דאכט זיך, איך האב געטאן ריין רצון, פונאנדערגייענדיג זיך מיט אים אינגאנצען. און אצינד, א מיינע טייערע מאמע, וואלט איך וועלען וויסען אויף זיכער, צי די רוימער האבען טאקע א גרונד צו פאראכטען אונז. מיט וואס בין איך דען ערגער פאר מעסאלען? שטייט דען אונזער פאלק אויף א נידעריגערער מדרינה ווי אנדערע פעלקער! פארוואס זאל איך זיך פילען ווי א שקלאף, מעג זיין אפילו אין דער געגענוואארט פון צעזארן אליין? דער עיקר אבער זאג מיר, פארוואס זאל איך ניט טארען — אויב איך האב א השק דערצו, — דערגרייכען אלע כיבודים פון דער וועלט אויף אלע געביטען פון דער מענשליכער טעטיגקייט? פארוואס זאל איך ניט טארען זיך נעמען צום שווערד און ערווערבען זיך כבוד אויף דער מלחמה? פארוואס ניט אלס פאעט בעזינגען אלצדינג, וואס פילט אן מיט בעגייסטערונג די נשמה? איך מעג ווערען א בעל-מלאכה, א פאסטוך, א סוחר — פארוואס-זשע ניט — אויך קיין קינצלער, אזוי ווי

די גריכען? אָ, מאַמע מײַנע, זאָג מיר — ווייל אין דעם שטעקט דער גאַנצער עצם, די גאַנצע סיבה פון מיין צער — פאַרוואָס טאָר אַ בן-ישראל ניט טאָן אַלצדינג, וואָס אַ רוימער מעג יע?

מ׳קען פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ שייכות די דאָזיגע פראַגען האָבן געהאַט צו יהודה׳ס שמועס מיט מעסאַלען. די מוטער האָט אים צוגעהערט מיט קאָפּ און די מינדסטע דעטאַל האָט זיך ניט אַרויסגעגלישט פון איר געשפאַנטער אויפמערקזאַמקייט: ניט דער ענין פון דעם שמועס, ניט דאָס שטעלען די פראַגען מיט׳ן שטעקען אין דער ברייט, ניט דער טאָן, ניט די אינטאָנאַציע פון זיינע רייד. זי האָט זיך אויפגעזעצט און האָט אים געענטפערט פונקט אַזוי שאַרף און היציג, ווי ער האָט געפרעגט:

— איך פאַרשטיי, איך פאַרשטיי! צוליב זיין שטענדיגען חבר׳ן זיך מיט דיר און דיינע חבירים איז מעסאַלע קינדווייז כמעט געוואָרען אַ איד. ווען ער וואָלט געבליבען דאָ, וואָלט ער זיך אפשר גאָר מגייר געווען. אַזוי שטאַרק איז די השפעה פון די אַיינדרוקען, וועלכע ווירקען אויף אונז אין דער קינדהייט און אין דער יוגענד. אָבער די יאָרען, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין רוים, האָבען אים פאַרענדערט. איך וואונדער זיך ניט איבער דער דאָזיגער פאַרענדערונג; פונדעסטוועגען — דאָ איז איר שטים געוואָרען אַיינגעהאַלטענער — האָט ער זיך מיט דיר לכל-הפחות געמעגט בעגיין אַ ביסעלע איידעלער. נאָר האַרטע, שלעכטע כאַראַקטאָרען קאָנען שוין אין דער יוגענד פאַרגעסען די, וואָס זיינען זיי געווען ליב און טייער אין דער קינדהייט.

איר האַנט האָט זיך זאַנפט אַראָפּגעלאָזט אויף יהודה׳ס שטערן, און אירע פינגער האָבען צערטלענדיג געשפּילט זיך מיט זיינע האָר; די אויגען האָט זי אויפגעהויבען צו די שטערן אין הימעל. איר נאַציאָנאַלער שטאָלץ איז געווען אין הסכם מיט׳ן זונס; ניט קיין בת-קול איז עס געווען, נאָר ס׳האָט טיף געוואָרצעלט אין איר נשמה. זי האָט געמוזט ענטפער׳ן אויף יהודה׳ס פראַגען, אָבער די תשובה האָט כשום-אופן אין דער וועלט ניט געטאָרט זיין אַ ניט-בעפרידיגענדיגע אָדער אַ ניט-גענוגענדיגע. מהמת טאָמער וואָלט זי דערלאָזט, אַז דערפאַר ווייל ער איז אַ איד, איז די ספערע פון זיין

טעטיגקייט דעריבער אַ בעגרעניצטערע, וואָלט זי דורכדעם אויפ׳ן גאַנצען לעבען געקאָנט פאַראַליזירען זיין גייסט און ווילען. זי האָט געצווייפעלט אין אירע אייגענע כוחות.

— ס׳איז שווער צו געבען אַ תשובה אויף דיינע פראַגען, מיין יהודה, דערהויפט איז עס שווער פאַר אַ פרוי. לאָז מיר ביז מאָרגען צייט אויף ישוב-הדעת; מיר וועלען פרעגען ביי שמעון דעם חכם...

— שיק מיר נישט צו דעם רבין, — האָט זי יהודה איבערגעשלאָגען.

— איך וועל אים לאָזען רופען אַהער.

— ניין, איך נייטיג זיך מער ניט אין פשוט׳ע עצות. עצות וואלט מיר שמעון טאַקע אפשר געבען בעסערע ווי דו, ליבע מאַמע; אָבער דאָס, וואָס מיר פעלט, קאָנסט דו נאָר אליין מיר געבען — די ענטשלאָסענקייט, וואָס איז דער עצם פון דער נשמה.

איבערטראַכטענדיג נאָך אַמאָל וועגען דעם אינהאַלט פון זיינע פראַגען, האָט זי געוואָרפען אַ בעטענדיגען בליק צום הימעל אַרויף.

— אויב מיר פארלאַנגען גערעכטיגקייט פאַר זיך, טאָרען מיר ניט זיין אומגערעכט צו אַנדערע. אָפלייקענען די גבורה פונ׳ם בעזיגטען שונא הייסט פאַרמינערן דעם אייגענעם ניצחון. אויב דער שונא איז גענוג שטאַרק צושטעלען אונז פאָדערונגען, אָדער גאָר איינגאַנצען אונז מנצח צו זיין — זי האָט זיך אַ רגע אָפגעהאַלטען — איז די אַכטונג צו זיך אַליין שוין אונז מחייב צו זוכען די אמת׳ע סיבות פון די צרות און ניט טרייסטען זיך מיט דער נחמה, אַז מיר שטייען העכער פאַר אים, פאַר דעם שונא.

אָפגעזאָגט דאָס אַזוי ווי פאַר זיך, האָט זי זיך געווענדט צו יהודה׳ן:

— הער מיך אויס, מיין זון! מעסאַלע איז פון הויכען יחוס; זיין פאַמיליע איז בערימט שוין צייט עטליכע דורות. נאָך אין די צייטען פון דער רוימישער רעפּובליק — ווי לאַנג צוריק קאָן איך דיר ניט זאָגען — האָבען זיי זיך אויסגעצייכענט סיי אין מלחמה סיי אין דער פאַרוואלטונג. אמת איך ווייס נאָר פון איין קאָנסול מיט׳ן נאָמען מעסאַלע, אָבער די דאָזיגע פאַמיליע האָט אַרויסגע-

געבען אַ סך סענאַטאָרען, איז געווען זעהר רייך און די צאָל פֿון אירע אָנהייגער איז דערום געווען זעהר גרויס. נאָר אויב דיין פֿריינד האָט זיך היינט בערימט פֿאַר דיר מיט זיינע אבות, וואָלסטו אים לייכט געקאָנט פֿאַרשעמען אויסרעכענענדיג דיין יחוס. אויב ער האָט זיך סומך געווען אויף די הונדערטער יאָרען, וואָס זיין משפחה איז אַלט; אויב ער האָט דערמאָנט איר חשיבות, עשירות און זכות'ן, דערמיט נעמען זיך, אַגב, איבער נאָר מענשען מיט קליינע השגות, מחמת נאָר אין בעזונדערע פאַלען קאָן מען דערמיט זיך גרויס האַלטען; אויב ער האָט דורכדעם געוואָלט ווייזען זיין העכערקייט איבער דיר, האָסטו אויך אים געקאָנט אַרויסשטעלען צום פֿאַרגלייך דעם ערשטען בעסטען פון דיינע אָבות, וועלכער וואָלט אין קיין שום פרט ניט אַראָפּגעפאַלען פאַר מעסאַלעס.

זיך אַ ווײַלע פֿאַרטראַכט, האָט זי אָנגעהויבען ווייטער:

— ביי היינטיגער צייט איז אָנגענומען צו האַלטען, אַז וואָס עלטער ס'איז דאָס פֿאָלק אָדער די משפחה, אַלץ חשוב'ער איז עס. דער רוימער, וואָס וואָלט געפּרובט דערויף בויען זיין העכערקייט איבער אַ בן-ישראל, וואָלט שטענדיג געהאַט אַ אָפּשניט. אַפֿילו דער עלטסטער רוימישער דור קאָן ציהען זיין יחוס נאָר ביז דער גרינדונג פון רוים; און די געציילטע פאַמיליעס, וואָס פּרעטענדירען ווירקליך אויף אַזאַ יחוס, קאָנען זיך שטיצען אויף מינדליכע טראַדיציעס; בשום-אופן וואָלט מעסאַלע ניט אימשטאַנד זיין בריינגען אַנדערע ראיות. לאָמיר אָבער אַצינד בעטראַכטען, ווי האלט עס מיט אונזער יחוס.

ווען ס'וואָלט ניט געווען זיין אַזוי פֿינסטער, וואלט יהודה געקאנט בעמערקען דעם אויסדרוק פֿון שטאָלץ, וואס האט זיך ביי די דאָזיגע ווערטער אנגעצונדען אויף דער מוטערס פנים.

— טאמער וואלט דער רוימער זיך געוואלט פֿאַרגלייכען מיט אונז אין יחוס, וואלט איך אהן ספיקות און שעמעריי אים געענטפערט.

איר שטים האט אנגעהייבען ציטערן; אומעטיגע זיכרונות האבען זי דורכגענומען.

— דײַן פֿאָטער, יהודה, איז לאַנג שוין אײַנגעזאַמעלט מיט זײַנע עלטערן. אָבער פּונקט ווי דאָס וואָלט נעכטן געווען — אַזוי לעבעדיק געדענק איך דעם טאָג, ווען מיר זײַנען צוזאַמען מיט נאָך אַ סך פֿרײַנד געגאַנגען אין בית־המקדש אַרײַן צו הייליגן דיך פֿאַר גאָט. מיר האָבן מקריב געווען די טויבן, און איך האָב געזאָגט דעם כהן דײַן נאָמען, און ער האָט אים פֿאַרשריבן אין מײַן געגענוואַרט: יהודה בן איתמר מבית חור. דער דאָזיגער נאָמען איז דערנאָך אַרײַנגעטראָגן געוואָרן אין אַ בוך, וואו ס'ווערן פֿאַרצײַכנט די משפּחות פֿון ישראל.

איך ווייס ניט, ווען מ'האָט אָנגעהויבן צו פֿירן אַזעלכע ביכער, אָבער דאָס איז זיכער, אַז מ'האָט זיי געפֿירט נאָך פֿאַר יציאת־מצרים. איך האָב געהערט פֿון הילל'ן, אַז אַברהם אָבינו האָט דער ערשטער געעפֿנט דאָס יחוס־בוך, פֿאַרשרײַבנדיק דאָרטן זיך אַליין און די קינדער זײַנע, מחמת אַזוי האָט אים פֿאַרזאָגט גאָט דער האַר, וועלכער האָט אים אָפּגעשיידט מיט זײַנע קינדער און קינדס־קינדער פֿון אַלע אַנדערע פֿעלקער און זיי אויסדערוויילט פֿאַר דעם העכסטען אין חשוב'סטען פֿאָלק אויף דער וועלט. פּונקט אַזוי איז געווען דער בונד מיט יעקב'ן. „און מיט דײַן נאָמען וועלען זיך בענטשן אַלע פֿעלקער פֿון דער ערד" — אַזוי האָט געזאָגט דער מלאך צו אברהם'ען. און גאָט דער האַר אַליין האָט געזאָגט צו יעקב'ן, בשעת ער איז צו אים געקומען צו חלום אויפֿ'ן וועג פֿון באר־שבע קיין חרן: „די ערד, וואָס דו ליגסט אויף איר, וועל איך אַוועקגעבן דיר און דײַנע קינדער". האָבן די אָבות אונזערע, די חכמים, געזעהן צו בעוואָרענען, אַז דאָס צוגעזאָגטע לאַנד זאָל צוטײלט ווערן על־פּי־יושר; און כדי מ'זאָל וויסען אין דעם טאָג פֿון דער צוטײלונג, ווער ס'האָט רעכט אויף דער נחלה, האָט מען אײַנגעפֿירט די יחוס־ביכער. פֿרעגט זיך נאָר, צי זײַנען זיי געפֿירט געוואָרן מיט דער געהעריגער גענויקייט און פּינקטליכקייט.

דער פֿאָטער האָט זיך ווידער אָנגעהויבן צו בעוועגען אין איר האַנט הין און צוריק, ביז יהודה האָט ניט אויסגעהאַלטען פֿאַר אומגעדולד און האָט זי געפֿרעגט:

— זיינען די ביכער טאַקע באמת געפירט געוואָרען אַזוי זיכער ביז'ן היינטיגען טאָג?

— הילל זאָגט, אַז יע, און פון אַלע מענשען, וואָס האָבען ווען־עס־איז געלעבט, איז קיינער אין דעם ענין ניט געווען אַזאַ בקי ווי ער. אונזער פֿאָלק האָט ניט אַלע מאָל טריי אָפּגעהיט די געבאָטען פֿון גאָט, אָבער דאָס געזעץ פֿון די יחוס־ביכער האָט עס שטענדיג געהאַלטען הייליג. דער גרויסער הילל האָט זיי אַליין דורכגעשטודירט דורך אַלע דריי פּעריאָדען. דער ערשטער פּעריאָד האַלט פון דעם בונד אָן ביז צום ערשטען בית־המקדש, דער צווייטער פּעריאָד — פֿון בית־ראשון ביז גלות־בבל, דער דריטער — פון גלות־בבל ביז היינטיגען טאָג. נאָר איין מאָל זיינען די פֿאַרצייכענונגען געוואָרען איבערגעריסען — צום סוף פון צווייטען פּעריאָד. אָבער אַז דאָס פֿאָלק האָט זיך צוריק אומגעקערט פֿון זיבעציגיאָריגען גלות, האָט זרובבל געהאַלטען פאַר דער ערשטער מצוה קענגען נאָט—ווידער צו ברייגגען אין אָרדענונג די הייליגע ביכער, און האָט אַזוי אַרום געגעבען אונז די מעגליכקייט נאָכצופֿאָרשען די אידישע דורות אין אַ משך פון צוויי טויזענט יאָר נאָכאַנאַנד אָהן אַ שום הפסקה. און אַצינד...

זי איז אויף אַ ווײַלע אַנטשוויגען געוואָרען, גלייך ווי געבענדיג דעם צוהערער צייט גוט צו בענעמען דעם ענין.

— און אַצינד — האָט זי ווייטער אָנגעהויבען — וואָס פאַר אַ בעטרעף האָט דעם רוימערס בערימערייען אין פאַרגלייך מיט אַזאַ יחוס־בריוו? אויפֿ'ן גרונד פון די דאָזיגע פֿאַרצייכענונגען זיינען די זין פון ישראל, וואָס האָבען אַמאָל געפיטערט די שאָף ביי דעם אַלטען רפאים, אַ סך גרעסערע מיוחסים פאַר די חשוב'סטע צווישען די פּאַטריציער.

— און איך, מאַמע — ווער בין איך אויפֿ'ן גרונד פון די דאָזיגע ביכער?

— דאָס, וואָס איך האָב דיר ביז איצט געזאָגט, מיין זון, איז אַ הקדמה צו מיין ענטפֿער אויף דיין פֿראַגע. ווען מעסאַלע וואָלט געווען דאָ, וואָלט ער אפשר געזאָגט, ווי אַנדערע זיין גלייכען, אַז גענוי אויפֿצווייזען דעם יחוס פון דיין משפחה איז בשום־אופן ניט

מעגליך, מחמת בײם אײננעמען ירושלים און בײם חורבן בית־המקדש דורך נבוכדנאצר מלך בבל זײנען צוזאַמען מיט אַלע טײַערסטע אוצרות פֿאַרלאָרען געגאַנגען די הײליגע ספרים אויך. דאָ װאָלסטו אים אָבער געקאָנט אָנװײזען אויף דער פֿרומער עובדה פֿון זרובבל און אָפּענטפֿערן אים. אַז אַלע זיכערע ידיעות װעגן דעם יחוס און עלטער פֿון די רוימישע פֿאַמיליעס רײסען זיך אײַבער, נאָכדעם װי די באַרבאַרען פֿון מערב האָבען אײַנגענומען רוים און זעקס חדשים געראָנדעװעט — אויף זײנע חורבות. האָט דען די רוימישע מלוכה געפֿירט יחוס־ביכער? און אויב יע — טאָ װאו זײנען זײ אַהינגעקומען אין יענע שרעקליכע טעג? נײן, נײן, דעם אמת געפֿינסטו נאָר אין אונזערע ביכער. דורכשטודירענדיג זײ ביז גלות בבל, ביז דעם בנין פֿונ׳ם ערשטען בית־המקדש, ביז יציאת־מצרים, האָסטו די שטאַרקסטע ראיה, אַז דו שטאַמסט אָפּ אין אַ גלײכער ליניע פֿון חור, יהושע־בין־נונס חבר. קאָנסטו זיך גאָר פֿאָרשטעלען אַ שענערען יחוס? און טאָמער איז דאָס דיר נאָך אַלץ װײניג, טאָ עפֿען אויף די תורה, מיש אויף ספר במדבר און װעסט צװישען די צװײ און זיבעציג דורות, װאָס ציהען זיך ביז אדם־הראשון, געפֿינען דעם שטאַמפֿאָטער פֿון דײן הויז.

אין דעם טורים־צימער אויפֿ׳ן דאַך האָט אַ צײט געהערשט אַ שטילקײט.

— איך דאַנק דיר, אָ מאַמע מײנע! — האָט יהודה ענדליך אויסגערופען, פֿעסט צונויפֿדריקענדיג דער מוטערס הענט אין זײנע — איך דאַנק דיר פֿונ׳ם גאַנצען האַרצען. גוט, װאָס מיר האָבען ניט גערופֿען אַהער דעם בכבוד׳יגען רבין; ער װאָלט מיר ניט געקאָנט מאַכען בעסער בעהאַװענט, װי דו האָסט עס געטאָן. צי איז אָבער מער ניט װי די טיפֿע עלטער פֿון אַ משפחה אַ גענוגער זכות, אַז זי זאָל פֿאַררעכענט זײן פֿאַר אַ מיוחס׳דיגע?

— אָ, יהודה מײנער, דו פֿאַרגעסט, אַז ניט די עלטער אַלײן איז דער יחוס פֿון אונזער פֿאַמיליע. אונזער העכסטער זכות איז, װאָס מיר זײנען דאָס אויסדערװײלט פֿאָלק פֿון גאָט.

— דו רעדסט װעגען דעם גאַנצען פֿאָלק, מאַמע, איך אָבער פֿרעג דיר נאָר װעגען דער פֿאַמיליע — װעגען אונזער פֿאַמיליע.

מיט וואָס האָבען זיך אונזערע קרובים אויסגעצייכענט צייט אברהם אָבינו? מיט וואָס פֿאַר אַ גרויסע מעשים, מיט וואָס פֿאַר אַ גבורות האָבען זיי זיך דערהויבען איבער אַנדערע בני-ישראל?

די מוטער האָט זיך געקווייקעלט. אפשר האָט זי שלעכט אויסגעטייטשט דעם זונס פראַגען? אפשר זיינען זיי אַרויסגערופֿען געוואָרען דורך טיפֿערע סיבות ווי דער בעליידיגטער שטאָלץ? די יוגענד איז דאָך נאָר די שיינע שאָלעכץ, הינטער וועלכער עס לעבט, שטענדיג וואַקסענדיג, די וואונדערליכסטע זאַך — דער מענשליכער גייסט, וואַרטענדיג אויף דעם מאָמענט זיך צו אַנטפלעקען צייטיגערהייט, ביי איינעם פריהער, ביי דעם אַנדערן שפּעטער. זי האָט געציטערט פֿאַר דעם געדאַנק, אַז אפשר איז דער דאָזיגער מאָמענט אַצינד אָנגעקומען פֿאַר איר זון. פונקט אַזוי ווי אַ עופֿעלע שטרעקט וויינענדיג און שרייענדיג די הענטעלעך אויס צו דעם שאָטען, אַזוי אפשר אויך מאַטערט זיך זיין יונגער, דערוויילע נאָך בלינדער גייסט אָנצוכאַפּען די נעפּעלהאַפטיגע צוקונפט. מ'מוז זיין זעהר געוואָרענט, ענטפערנדיג אויף די פראַגען פון אַ אונטערוואַקסענדיגען אינגעל: „ווער בין איך? און וואָס זאָל איך ווערען?" איטליכעס וואָרט פונ'ם ענטפער קאָן פֿאַר דער צוקונפט פונ'ם פרעגער זיין דאָס אייגענע, וואָס ס'איז פֿאַר'ן ווייכען מאָרעליר-לייס דער פֿינגער-דריק פונ'ם קינסטלער.

— מיר דאַכט זיך, יהודה מיינער — האָט זי געזאָגט, גלעטענדיג אים מיט ליבשאַפֿט די באַקען — אַז איך האָב דאָ צו טאָן ניט מיט געפֿילען, וואָס זיינען נאָר-וואָס אויפגעוואַכט אין דיר, נאָר מיט אַ אמת'ן געגנער. און אויב מעסאַלע איז עס דער דאָזיגער געגנער, טאָ לאָז מיך ניט קעמפען קעגען אים אין דער פינסטער. גיב מיר איבער אייער גאַנצען שמועס.

## קאַפּיטעל פינף.

### דער מוטערס ענטפער.

דער יונגער בן־ישראל האָט איר דאַן דערציילט אויספֿירליך וועגען זיין שמועס מיט מעסאַלען, דער עיקר זיך אָפּגעשטעלט אויפ׳ן רוימערס פֿאַראַכטליכֿע מיינונגען איבער די אידען, זייערע מידות און מינהגים און זייער ענגען בעגרעניצטען לעבענס־קרייז.

די מוטער האָט זיך צוגעהערט, ניט איבערשלאָגענדיג אים. זי האָט קלאָר און דייטליך פֿאַרשטאַנען די זאַך. יהודה איז אַוועקגעגאַנגען אין דעם פּאַלאַץ צו מעסאַלען מיט אַ האַרץ פֿול ליבע צום חבר פון זיינע קינדער־יאָרען, האָפֿענדיג צו געפינען אין אים דעם אייגענעם, מיט וועלכֿען ער האָט זיך פֿאַר עטליכֿע יאָרען צושיידט. אָבער אָנשטאָט אַ אינגעל האָט ער געטראָפען אַ מאַן, אין וועמעס האַרץ ס׳איז נישט געבליבען קיין זכר פון די זיסע פרייליכֿע זיכרונות אוים ביידענס קינדער־יאָרען; אַ מאַן וואָס האָט געחלומ׳ט נאָר פון קומענדיגער גדולה, פון עשירות און פון מאַכֿט. יהודה האָט זיך אַליין נישט אָפּגעגעבען קיין דין־וחשבון אין דעם, אַז די ווערטער פֿון זיין פריינד, וואָס האָבען אַזוי טיף בעליידיגט זיין שטאָלץ, האָבען אויך אויפֿגעוועקט אין אים אַ נאַטירליכען ער־גייץ. אָבער פון דער מוטערס וואַכענדיג אויג האָט עס זיך ניט געקאָנט אויסבעהאַלטען; און אַזוי ווי זי האָט ניט געוואוסט, אין וועלכער ריכֿטונג דאָס ראָזיגע, דעם זון ביז אַהער אומבעקאַנטע געפיל וועט זיך אַנטוויקלען -- האָט זיך אין איר אויפֿגעוועקט די

אידישע פרוי. ווי איז, אַז די דאָזיגע נייע גערדאַנקען וועלען אים אָפּקערען פֿון דער אמונה פֿון זיינע עלטערן? אין אירע אויגען איז דאָס געווען דאָס שרעקליכסטע אומגליק, וואָס האָט געקאָנט נאָר געשעהן. זי האָט געפֿונען נאָר איין וועג, ווי אַזוי דאָס אומגליק אָפּצוּווענדען, און זי האָט בעשלאָסען מיט אַלע אירע כּוחות דערפֿון אים צו פֿאַרהיטען. דער כּיח פֿון דער מוטער־ליבע האָט צוגעגעבען אירע רייד אַ מענליכע קראַפֿט און זיי צייטענווייז דערהויבען כּמעט צו אַ פּאָעטישער מדריגה.

— ס'איז נאָך קיינמאָל אין דער וועלט נישט געוועזען קיין פֿאָלק — האָט זי אָנגעהויבען — וואָס זאָל זיך ניט האַלטען לכל־הפּחות פֿאַר אַ גלייכען מיוחס מיט אַלע אַנדערע פֿעלקער, — און קיין גרויסע אומה, וואָס זאָל ניט האָבען געמיינט, אַז זי איז די גרעסטע און די אויסדערוויילטסטע. ווען דער רוימער קוקט אַראָפּ אויף ישׂראל מיט חיזוק און שפּאָט, חזר'ט ער איבער בלויז דאָס, וואָס דער מצרי, דער אַשורי און דער מוקדוני האָבען געטאָן פֿאַר אים.

איר שטים איז געוואָרען פֿעסטער.

— ס'איז נישטאָ קיין מאָס אויף צו בעשטימען די אויסדערוויילטקייט פֿון אַ אומה, און דעריבער זיינען אַלע וויכּוחים וועגען דעם אַרויסגעוואָרפֿען און אַ סימן נאָר פֿון פּוסטער גאווה. האָט אַ פֿאָלק דורכגעמאַכט דעם וועג, וואָס איז אים בעשערט געווען, גייט ער אונטער אָדער פֿון זיך אַליין אָדער דורך אַ אַנדער פֿאָלק, וואָס נעמט איבער זיין מאַכט, זעצט זיך אויף זיין אָרט און שרייבט נייע נעמען אויף זיינע מאָנוּמענטען. דאָס איז געשיכטע. ווען מ'וואָלט מיר פֿאַרגעבען פֿאַרצושטעלען גאָט און דעם מענשען אויפֿ'ן איינפֿאַכסטען אופֿן, וואָלט איך אָנצייכענען אַ גראָבע ליניע אין אַ קרייז. וועגען דער ליניע וואָלט איך געזאָגט: „דאָס איז גאָט, וואָרום ער אַליין בעוועגט זיך אייביג אין אַ גראָדען וועג", און וועגען דעם קרייז — „דאָס איז מענש, וואָרום זיין פֿאָרשריט איז געגליכען צום קרייז". איך וויל ניט זאָגען, אַז אינ'ם גורל פֿון פֿעלקער זיינען ניטאָ קיין אונטערשיידען; ניטאָ קיין צוויי פֿעלקער, וואָס זאָלען אינגאַנצען גלייך

זיין צווישען זיך. אָבער דער אונטערשייד ליגט נים, ווי אַנדערע זאָגען, אין דער גרויס פונ׳ם קרייז, וואָס אַ פאָלק לויפט דורך, אָדער אין דער אויסשפּרייטונג פונ׳ם שטח, וואָס עס פאַרנעמט אויף דער ערד, נייערט אין דער נאהענטקייט צו גאט; וואס נע־הענטער צו גאט — אַלץ העכער איז די אומה.

פארהאַן געוויסע סימנים צו בעשטימען די דאָזיגע נאָהענטקייט. לויט די דאָזיגע סימנים לאָמיר פּרובען פאַרגלייכען די אידען מיט די רוימער. דער הויפּט־סימן איז דאָס גייסטליכע לעבען פון אַ פאלק; בנוגע דערצו וויל איך נאר בעמערקען, אַז ישראל האט צייטענווייז נאר פאַרגעסען אין גאט, דער רוימער אבער האט אים קיינמאל ניט געקאנט. קלאר, אַז אין דעם פּרט קאן ניט געמאלט זיין קיין שום פאַרגלייך.

דיין פריינד, אָדער ריכטיגער גערעדט — דיין געוועזענער פריינד — אויב איך האָב דיך ריכטיג פאַרשטאַנען — זאָגט, אַז די אידען האָבען ניט אַרויסגעגעבען קיין פּאָעטען, קיין קינסטלער, קיין גיבורי־מלחמה. יע, ווען מ׳זאָל אונטער „קונסט״ פאַרשטיין מאָ־לעריי און סקולפּטור, איז אמת, אַז ישראל האָט ניט קיין קינסט־לער — האָט זי געזאָגט מיט בעדויערונג; דען זי האָט נעהערט צו די צדוקים, וועלכע האָבען להיפך די פּרושים קולטיווירט די ליבע צו שיינקייט אין אַלע אירע פאָרמען — אָבער מ׳טאָר נישט פאַרגעסען, אַז קינצלערשאַפט פון אונזערע הענט איז געוועזן גע־בונדען דורך דעם פאַרבאָט „דו זאָלסט נישט מאַכען קיין שום בילד אין קיין שום געשטאַלט, סיי וואָס אין הימעל אויבען, סיי וואָס אויף דער ערד אונטען״. דעם דאָזיגען פאַרבאָט טייטשען די סופרים אויס, ניט רעכענענדיג זיך ניט מיט׳ן לכתחילה׳דיגען מיין, ניט מיט דער צייט. און דערצו דאַרף מען אין זינען האָבען, אַז אַ צייט פריהער, איידער דעדאַלוס[1]) האָט זיך בעוויזען, אין אַטיקע און האָט מיט זיינע פון האָלץ געשניצטע פיגורען געמאַכט אַ איבער־קערעניש אין דער סקולפּטור, אַזוי אַז אין קאָרינט און אין עגינע זיינען אַ דאַנק דעם געגרינדעט געוואָרען קונסט־שולען מיט זייערע

1) דעדאלוס — א סקולפטאר און ארכיטעקטאר אין דער גריכישער מיטאלאגיע.

העכסטע מייסטער-ווערק, דעם פּאָרטיק אין דעם קאַפּיטאָליום — אַ צייט פֿריהער, זאָג איך, פֿאַר דערדאַלוס'ן האָבען צוויי בני-ישראל, בצלאל און אהליאב, די קינסטלער, וועלכע האָבען געבויט דעם אוהל-מועד, געהאַט אַ שם פֿאַר זייער חכמה אין אַלערליי ווערק. זיי האָבען געמאַכט פֿון געקלאַפּטען גאָלד די כּרובים אויף דעם כּפּורת איבער דעם אָרון. „און די כּרובים זאָלען אויסשפּרייטען זייערע פליגלען אין דער הייך, צודעקען מיט די פליגלען דעם כּפּורת און די פּנים'ער פון די כּרובים זאָל זיין איינער אַנטקעגען דעם אַנדערן". ווער וואַגט עס צו זאָגען, אַז די דאָזיגע כּרובים זיינען ניט געווען וואונדערשיין? ווער קאָן עס לייקענען, אַז טאַקע זיי זיינען געווען די ערשטע סטאַטועס, וואָס זיינען ווען עס איז געמאַכט געוואָרען".

— אָ, אַצינד פֿאַרשטיי איך, פֿאַר וואָס די גריכען האָבען אונז אַריבערגעיאָגט! — האָט אויסגערופען יהודה, וואָס איז געווען אינגאַנצען אַריינגעטאָן אין דער מאָמעס דערציילונג — היינט דער אָרון אַליין! אַ קלאָג צו בבל, וואָס האָט אים צושטערט!...

— אָ ניין, יהודה, גלויב עס ניט. ער איז ניט געוואָרען צושטערט, ער איז נאָר פֿאַרלאָרען געגאַנגען און רוהט אין אַ זיכער בּעהעלטעניש ערגעץ אין אַ באַרג-הייל. אָבער ס'וועט קומען אַ טאָג — אַזוי זאָגען הילל און שמאי — און מ'וועט אים ווידער געפינען, און צוריק ברייננגען אויף זיין אָרט, און ישראל וועט פֿאַר אים טאַנצען און זינגען ווי אין די אַלטע צייטען. און יענע, וועלכע וועלען זוכה זיין צו קוקען אויף די כּרובים, איז אויב אַפילו זיי האָבען פֿריהער געזעהן די פֿון העלפֿאַנר-ביין אויסגעשניצטע מינערווע [1], וועלען זיי זיך אויך מוזען בייגען זיך מיט התפּעלות און ליבע פֿאַר די גאונות פון ישראל, וואָס האָט געדרעמעלט הונדערטער יאָרען נאָכאַנאַנד.

אין איר צוהיצטער התלהבות איז די מוטער אַריינגעפאַלען כּמעט אין דעם טאָן פון אַ בעגייסטערטען אָראַטאָר. אַצינד האָט זי געמאַכט אַ הפסקה, כּדי זיך אַ ביסעל צו בערוהיגען און צונויפנעמען די געדאַנקען.

---

1) ביי די רוימער – די געטין פון חכמה, די שטיצערין פון קינסט, וויסענשאַפט און מלאכה.

— דו ביזט אַזוי גוט, אַזוי שיין, מאַמע מיינע! — האָט יהודה זיך אָפּגערופען פול התפעלות און דאַנקבאַרקייט — הילל און שמאי וואָלטען אייך בעסער ניט גערעדט. אַצינד פיל איך מיך ווידער ווי אַ אמת'ער זון פון ישראל.

— דו הונף איינער! האָט די מוטער געזאָגט מיט אַ שמייכעל— איך חזר דאָך נאָר איבער דאָס, וואָס איך האָב געהערט פון הלל'ן, בשעת איך בין געוועזן אויף אַ וויכוח צווישען אים און אַ רוימישען פֿילאָסאָף.

— יע, אָבער די האַרציגקייט, די נשמה פון די ווערטער, איז דיינע אַ אייגענע.

מיט נייעם ערנסט און התמדה האָט זי ווידער אָנגעהויבען:

— וואו האָב איך זיך, הייסט עס, אָפּגעשטעלט? יע, איך האָב דערוויזען, אַז די אידען קאָנען זיך בערימען אַלס די מייסטערס פון די ערשטע סטאַטועס. אָבער די חכמה פון שניצען בילדער איז דאָך ניט די איינציגע קונסט, פונקט ווי די קונסט בכלל איז ניט דאָס איינציגע פעלד פאַר גרויסע מענשען. די גרויסע מענשען שטעל איך מיר שטענדיג פאָר, ווי זיי שפּרייזען גרופּעסווייז גע'סדר'ט לויט די אומות: דאָ די אינדער, דאָרטען די מצרים, און דער דריטער גרופּע די בני-אשור; עס שאַלען די שופרות, ס'פּלאַטערן די פאָנעם, און ביי די זייטען שפּרייזען דורות אָהן אַ שיעור פון פשוט'ע בשר-ודם'ס. דער גרעק גיט אַ געשריי: „שטיי! דעם העלענער געהערט דער ערשטער פּלאַץ!“ אָבער דער רוימער ענטפערט אָפּ: „שווייג! דער פּלאַץ, וואָס האָט אַמאָל געהערט צו דיר, איז איצט אונזערער; מיר האָבען אייך אַזוי ווי דעם שטויב פון וועג געלאָזען הינטער אונז!“ און איבער דער גאַנצער מחנה, פון קדמונים אָן ביז אין דער ווייטסטער צוקונפט אַריין, גיסט זיך אַ אייביג ליכט, פון וועלכען די אַמפּערער ווייסען נאָר, אַז ער פירט זיי אַלץ ווייטער און ווייטער פאָראויס — ראָס איז דאָס ליכט פון דער אַנטפּלעקונג! ווער-זשע זיינען די טרעגער פונ'ם דאָזיגען ליכט? מיר, דאָס אויסדערוויילט פאָלק פון גאָט! אָ, דאָס אַלטע אידישע בלוט! ווי דאָס הייבט אָן שטאַרקער צו פליסען ביים דאָזיגען געדאַנק! אָן דעם דאָזיגען ליכט דערקאָנט מען אונזער פאָלק!

דרײַ מאָל געבענטשט זאָלען זײַן אונזערע אָבות, די דינער פֿון גאָט און די היטער פֿון דעם בונד! מיר זײַנען די פֿירערס פֿון דער מענשהײַט, סײַ אין דעם עבר סײַ אין דעם עתיד! דאָרטען איז אויך דײַן פּלאַץ, מײַן יהודה, און מעג יעדער רוימער זײַן אַפֿילו צעזאַר, זאָלסטו אים ניט אָפּטרעטען דעם דאָזיגען אָרט.

יהודה איז געװען טיף אױפֿגעטרײסעלט.

— הער ניט אױף, איך בעט דיך, מאַמע! — האָט ער אױסגערופֿען — דײַנע װערטער קלינגען מיר װי הימלישע מוזיק, װי ניצחון־געזאַנגען. מיר דאַכט זיך, איך זעה מרים הנביאה און די פֿרױען, װאָס טאַנצען און זינגען אַרום איר!

— גוט, מײַן זון, אױב דו קאָנסט זיך אַריבערטראָגען אין דעם עבר אַרײַן, טאָ לאָמיר זיך שטעלען פֿון דער װײַטענס בײַם ראַנד פֿון װעג און צוזעהן, װי די אױסדערװײלטסטע פֿון פֿאָלק ישראל ציהען פֿאַרבײַ. אָט דערנעהענטערן זײַ זיך: צוערשט די אָבות, דערנאָך די עלטסטע פֿון די שבטים. מיר דאַכט זיך, איך הער דאָס קלינגען פֿון זײערע קעמלען און דאָס מעקען פֿון זײערע שאָף. װער זשע גײט דאָרטען אײנער אַלײן, און מיטען צװישען די אַנדערע? אַ זקן — דאָך איז זײַן אױג קלאָר און די קראַפֿט זײַנע איז ניט געבראָכען. ער האָט דערזעהן דעם האַר צבאות פּנים אל פּנים! אַ גיבור־מלחמה, אַ פּאָעט, אַ אָראַטאָר, אַ געזעצגעבער, אַ נביא — האָט צו זיך קײן גלײַכען ניט! זײַן גדולה שטראַלט װי די מאָרגענזון, און זײַן שײַן װערט פֿאַרטונקעלט אַפֿילו דער גלאַנץ פֿון ערשטען און אײדעלסטען צעזאַר! נאָך אים גײען די שופֿטים, דערנאָך די מלכים: בן־ישי — אַ העלד אין מלחמה, אַ משורר פֿון די אומשטערבליכסטע תּהילים־געזאַנגען. דערנאָך דער זון זײַנער, קליגער און רײַכער פֿון אַלע אַנדערע קיניגען אין דער װעלט; בעפֿעלקערנדיג מדבריות, בױענדיג שטעט אין די װײַטסטע װיסטסטע ערטער, האָט ער ניט פֿאַרגעסען אָן ירושלים, װאו דער האַר גאָט האָט זיך אױסדערװײלט צו װאױנען אױף דער ערד. בײַג טיפֿער אַײַן דעם קאָפּ, מײַן זון! די, װאָס קומען איצט — זײַנען די ערשטע אין זײער אָרט און די לעצטע! זײער פּנים איז געװענדט אין דער הױך, גלײַך זײ װאָלטען פֿאַרנעמען אַ שטימע פֿון הימעל, זײער

לעבען איז געווען פיל טרויום און צער. פון זייערע מלבושים גייט אריח ווי פון קברים און פון היילען. בוק זיך און שטויב פאר זיי, מיין זון! זיי זיינען געווען גאטס שלוחים און דינער. זיי האבען אריינגעקוקט אין הימעל אריין, זיי האבען געזעהן דאס בילד פון דער צוקונפט; און זיי האבען פארשריבען זייערע נבואית, די צייט זאל בעווייזען די אמת׳קייט פון זייערע זעהענישען. מלכים פלעגען בלייך ווערען ביי זייער ערשיינען, און די פעלקער האבען געציטערט פאר דעם קלאנג פון זייער קול. די יסידות פון דער וועלט האבען זיי געפאלגט, און זייער האנט האבען זיי געטראגען ברכה און שטראף. זעה — אט איז אליהו התישבי און אלישע זיין דינער! גיב א קוק אויף דעם טרויעריגען זון פון חילקיהו, און אויף אים, דעם בעל־החזיונות ביי דעם טייך כבר.

דער פאלער האט זיך די גאנצע צייט האסטיג בעוועגט אין דער מוטערס האנט; אצינד האט זי אים אראפגעלאזט און שטיל א פרעג געגעבען:

— דו ביסט מיד, מיין יהודה?

— ניין — האט ער געענטפערט — איך האב געהערט א נייעם לויב־געזאנג לכבוד ישראל.

ניט אפלאזענדיג פון אויג איר בעזונדערע כוונה, האט די מוטער ווידער אנגעהייבען:

— מיין טייערער יהודה, ווי ווייט איך האב געקאנט, האב איך פאר דיינע אויגען פארבייגעפירט די גדולים פון אונזער פאלק: די אבות, די געזעצגעבערס, די גיבורי־מלחמה, די משוררים און די נביאים. לאמיר אצינד נעמען די העלדען פון רוים. שטעל אנטקעגען א צעזאר — משה רבינו, אנטקעגען א מארקוויניום — דויד המלך, אנטקעגען א סילען — איינעם פון די חשמונאים, אנטקעגען אווגוסטוס׳ן — שלמה המלך, — ס׳איז דאך גאר קיין דימיון ניט! היינט אנטקעגען די נביאים, די דאזיגע גרעסטע צווישען די גדולים, איז אפילו גאר ניטא וועמען אועקצושטעלען.

א שמייכעל פון חוזק און ביטול האט זיך דורכגעגליטשט איבער איר פנים.

— זיי מיר מוחל דעם פארגלייך — נאר איך האב זיך דער־

מאַנט אָן די אַוונירען, וואָס פֿאַרשען די צוקונפֿט אין די געדערים פֿון טויבען, ווי זיי זיינען מתרה — קאַי יוליוס'ן פֿאַר די אידען[1]) פֿון מערץ, און טויזענט מאָל להבדיל — אליהו הנביא'ן, ווי ער זיצט אויפֿ'ן באַרג, וואָס אויפֿ'ן וועג קיין שומרון און וואָרנט אחאב'ן פֿאַר גאָטס גרימצאָרן... און וואָס איז שייך דיין צוקונפֿט...

די לעצטע ווערטער האָט זי אַרויסגערעדט לאַנגזאַם, מיט ניט קיין זיכערער שטים.

— וואָס איז שייך דיין צוקונפֿט, מיין זון, זאָלסטו דינען גאָט דעם האַר, דעם גאָט פֿון ישראל, און ניט רוים. פֿאַר אַברהם אָבינו'ס אַ אייניקעל איז ניטאָ קיין אַנדער כבוד, ווי דינען גאָט דעם האַר, און דאָס איז אַ הויכער כבוד.

— ני, און אַ קריגער מעג איך ווערען? — האָט יהודה געפֿרעגט.

— פֿאַרוואָס ניט? אָט רופֿט דאָך משה רבינו גאָט — דער האַר פֿון צבאות.

אַ לאַנגע שטילקייט האָט געהערשט אינ'ם טורים־חדר אויפֿ'ן דאַך.

— איך בענטש דיר אויף דעם — האָט זי ענדליך געזאָגט — אָבער געווער דאַרפֿסטו טראָגען נאָר כדי צו דינען גאָט דערמיט, ניט — דעם קיסר.

מיט שימחה האָט יהודה מסכים געווען דערצו. ער איז געוואָרען מיד און איז פּאַמעליך אַיינגעשלאָפֿען. די מוטער האָט זיך אויפֿגעהויבען, אונטערגעלייגט אים־אַ קישען אונטערן קאָפּ, צוגעדעקט אים מיט אַ קאָלדרע, צערטליך אַ קוש געגעבען און איז אַרויסגעגאַנגען.

1) אידען — דער מיטען חודש, ווען די רוימער פֿלעגען פּראַווען יום־טוב לכבוד יופּיטערן.

## קאפיטעל זעקס.

### דאס אומגליק מיט וואלעריוס גראַטוס.

אַז יהודה האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז די זון שוין געשטאַנען איבער די בערג. די טויבען זייגען מתנות'ווייז געפֿלויגען הין און צוריק, און זייערע ווייסע פעדערן האָבען ווי זילבער שעמערירט אין שיין פון דער זון. אין דרום־מזרח־זייט האָט זיך דערהייבען דער בית־המקדש, גלאַנצענדיג מיט זיין גאָלד אין דער הערליכער בלויקייט פונ'ם פֿרימאָרגען־הימעל. יהודה האָט נאָר איין בליק גע־שיינקט דעם דאָזיגען אים גוט־בעקאַנטען בילד. ציפּוסענס דיוואַן, האַרט לעבען אים, איז געזעסען אַ מיידעל, קוים פופצעהן יאָר אַלט; זי האָט מיט אַ ליבליכער שטים געזונגען אַ ליד און אַקאָמ־פּאַנירט איר געזאַנג אויף אַ מין האַרפע, וואָס האָט גערוהט אויף אירע קניה. יהודה האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו איר ליד.

אַז זי האָט געענדיגט, האָט זי אָפּגעלייגט דאָס כּלי־זמר אָן אַ זייט, אַראָפּגעלאָזט די הענט אויפ'ן שויס און אָנגעקוקט יהודה'ן ווי וואַרטענדיג, ער זאָל אָנהייבען ריידען.

לאָמיר זי בעטראַכטען אַ ביסעל נעהענטער און פאַר איין גאַנג אויך בעקאַנען דעם לייענער מיט דער פֿאַמיליע חור בכלל.

אַ דאַנק דער שטיצע פֿון הורדוס'ן האָבען אַ סך פערזאָנען דער־גרייכט צו אומגעהייערע עשירות. און אויב די דאָזיגע נגידים האָ־בען נאָך דערצו געשטאַמט פֿון מיוחס'דיגע פאַמיליעס, דערהויפּט פון שבט יהודה, פֿלעגען זיי בעקומען דעם שם פון ירושלים'ער

נשיאים; דאָס איז געווען אַ אויסצייכענונג, וואָס האָט זיי פאַרשאַפט יראת-הכבוד צווישען די וויינינגער גליקליכע לאַנדסלייט, און דרך-ארץ צווישען די געצענדינער, מיט וועמען זיי איז אויסגעקומען צו האָבען אַ געשעפטליכען אָדער אַ געזעלשאַפטליכען מגע-ומשא. צו די דאָזיגע בר-מזל'ס האָט אויך געהערט יהודה'ס פאָטער. קיי-נער איז ניט נעהען אַזאַ חשוב ווי ער, סיי אין פריוואַטען לעבען, סיי אין כלל-ענינים. אַ גאָטספאָרכטיגער, זעהר אָפגעהיטענער איד, האָט ער דאָך טריי און ערליך געדינט דעם קיניג הורדוס סיי אין דער היים, סיי אין דער פרעמד. אַ קאָפּ-מענש און אַ בר-דעת, איז ער אָפטמאָל געשיקט געוואָרען מיט וויכטיגע שליחות'ן קיין רוים, וואו ער האָט געצויגען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון'ם קיסר אוגוסטוס און געוואונען זיין חסד און פריינדשאַפט. אין זיין הויז האָט מען דעריבער געקאָנט געפינען גאַנץ שיינע מתנות — פור-פורנע טאָגעס, שטולען פון העלפאַנדביין, גאָלדענע כוסות — אַלץ אַזעלכע חפצים, וואָס זייער הויפטווערט איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט זיי בעקומען פון'ם קיסר'ס האַנט, אלס בכבוד'יגע צייכענס פון קיסר'ס חסד.

אַזאַ מענש איז געוויינטליך געווען אַ גרויסער עושר. אָבער זיין גרויס עשירות האָט ער בשום אופן נישט געהאַט צו פאַרדאַנקען דעם קיסר'ס חסד אַליין. דעם דין, וואָס האָט געפאָדערט, אַז יע-דערער מוז האָבען אַ וועלכען ס'איז געשעפט, האָט ער מקיים גע-ווען נאָך מער ווי מ'דאַרף: ער האָט געהאַט אַ סך געשעפטען; פאַר אַ פולע פאַסטאַכער, וואָס האָבען אין די טאָלען און אויף די בערג ביז ווייט אין לבנון אַריין געפיטערט די הערטשאַפטען, איז ער געווען דער ברויטגעבער; אין די ים-שטעט און טיף אין לאַנד האָט ער געגרינדעט האַנדעלס-הייזער. זיינע שיפען פלעגען אים ברייגגען זילבער פון שפאַניע, וואו ס'האָבען זיך געפינען די רייכ-סטע זילבער-גרובען אין דער דעמאָלט בעקאַנטער וועלט, און צוויי מאָל אַ יאָר פלעגען זיינע קאַראַוואַנען זיך אומקערען פון מזרח-לאַנד, רייך בעלאָדען מיט זיידענס און בשמים.

ער האָט זיך געהאַלטען פעסט אָן דער אַלטער אידישער אמונה, שטרייגג אָפגעהיט די דינים און די מיצוות און האָט זעלטען גע-

פעלט אויף זיין שטאָט אין שול און אין בית־המיקדש. ער איז געווען גוט בעהאַווענט אין די הייליגע ספרים און האָט געהאַט אַ נחת־רוח צו פאַרברייינגען מיט די תנאים און תלמידי־חכמים. דערהייפּט פאַר הילל'ן האָט ער געפילט דרך־ארץ, מען קאָן זאָגען — כמעט יראת־הכבוד. דערביי איז ער אָבער אויך ניט געווען קיין קנאי. גאַסטפריינדליך פלעגט ער אַנטפאַנגען פרעמדע פון אַלע מדינות און די מדקדקים די פרושים האָבען אים אַפילו בעשולדיגט, אַז ביי זיין טיש זיינען ניט איין מאָל געזעסען שומרונים. וואָלט ער געווען אַ געצענדינער, וואָלט די וועלט פון אים אפשר געהערט ווי וועגען אַ קאָנקורענט פון הורדוס אַטיקוס; אָבער ער איז געווען אַ יהודי אין איז מיט אַ יאָר צעהן פאַר אונזער סיפור־המעשה אומגעקומען אויפ'ן ים, אין די בעסטע יאָרען און בעווייינט געוואָרען פון גאַנץ יהודה.

מיט צוויי מענשען פון זיין משפחה זיינען מיר שוין בעקאַנט: מיט דער אַלמנה און מיט'ן זון. אויסערדעם איז נאָך אים איבערגעבליבען אַ טאָכטער — דאָס יונגע מיידעל, וואָס מיר האָבען זי געטראָפען זינגענדיג ביי איר ברודערס ציפּוסענס.

מ'האָט זי גערופען תירצה און זי איז געווען זעהר געראָטען אין ברודער: דיזעלביגע רעגעלמעסיגע איברים, דערזעלביגער אידישער טיפּ ווי ביים ברודער, נאָר געמילדערט דורך דעם חן פון קינדישער אומשולד און אויסדרוק.

די אָפּגעזונדערטקייט פונ'ם לעבען אין דער היים האָט איר אַצינד, פריהמאָרגען־צייט, ערלויבט די לייכטע קליידונג, וואָס זי האָט געהאַט אויף זיך. אַ דין העמדעל, פאַרשפיליעט אויפ'ן רעכטען אַקסעל, איז איר פריי אַראָפּגעפאַלען אויף ברוסט און נאַקען אין געלאָזען נאַקעט דעם האַלז און די הענט. אַ גאַרטעל האָט פעסט צונויפגעהאַלטען אויף די לענדען די פאַלבען פון איר קלייד. פאַרקאַמט איז זי געווען איינפאַך און חנ'עוודיג; אַ הייבעלע פון צור'ער פורפור־זייד און אויף דעם אַ געשטרייפט טוך פונ'ם זעלביגען שטאָף, זעהר שיין אויסגעהאַפטען, אין לייכטע פאַלדען אויסגעבונדען אַרום דעם שיינעם קעפעלע; פון שפיץ הייבעלע איז אַראָפּגעהאַנגען אַ פרענזועלע. זי האָט געטראָגען אויף די פינגער —

פינגערלעך, אין די אויערן — אוירינגלעך, אויף די הענט און די פיס — בראַסלעטעון אַלץ פון ריינעם גיגאָלד. אַ גאָלדען באַנד, גאָר זעלטען פאַרצירט מיט פיינע קייטעלעך און פערלנע היינגערלעך, האָט אַרומגענומען איר האַלז.

אונטער די אויגען און די שפּיצען פינגער זיינען ביי איר געווען געפאַרבט. די האָר איז אין צוויי לאַנגע צעפּ אַראָפּגעלאָזען איבער'ן רוקען און אויף יעדער באַק סאַמע ביים אויער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ לאָקען. מיט איין וואָרט, מ'האָט נישט געקאָנט לייקענען אין איר חן, גראַציע און שיינקייט.

— זעהר שיין, תירצה, זעהר שיין! — האָט דער ברודער אויסגערופען מיט התפעלות.

— דאָס ליד מיינסטו? — האָט זי געפרעגט.

— יע — און אויך די זינגערין. דאָס ליד האָט גריכישע טענער. פון וואַנען קאָנסטו עס?

— געדיינקסט דאָך מסתמא דעם גרעק, וואָס איז מיט אַ חודש צוריק אַרויסגעטראָטען אין טעאַטער. מ'זאָגט, ער האָט אַמאָל געזונגען פאַר'ן קיניג הורדוס און פאַר זיין שוועסטער שלומית. ער איז אַרויסגעטראָטען נאָך די גלאַדיאַטאָרען, בשעת אין טעאַטער האָט נאָך געהערשט אַ שרעקליכער רעש. אָבער ביים ערשטען קלאַנג פון זיין שטים איז גלייך געוואָרען אַזוי שטיל, אַז איך האָב געקאָנט פאַרשטיין איטליכס וואָרט. פון אים האָב איך זיך דאָס אויסגעלערנט דאָס ליד.

— ער האָט דאָך עס אָבער געזונגען אויף גריכיש?

— און איך זינג עס אויף לשון-קודש.

— אַזוי גאָר!... איך מעג זיך איבערנעמען מיט מיין שוועסטערל! קאָנסטו נאָך אַזעלכע שיינע לידער?

— אָ אַ סך, אַ סך. אָבער לאָמיר עס איצט לאָזען. עמרה האָט מיך געשיקט דיר זאָגען, אַז זי וועט דיר אַרויסברייננגען דעם אָנבייסען אַהער, דו דאַרפסט ניט אַראָפּגיין אונטען. זי מיינט, אַז דו ביסט ניט געזונט, אַז מיט דיר האָט זיך נעכטען געטראָפען עפּעס אַ שרעקליכע זאַך. וואָס איז עס געווען מיט דיר? דערצייל מיר, וועל איך העלפען עמרה'ן דיך אויסהיילען. זי קען די רפואות פון

מצרים. נאָר זי האָבען נאָך קיינמאָל קיינעם ניט געהאָלפען. איך האָב אָבער טאַקע אַ גוזמה אַראַבישע סגולות, וואָס...

— טויגען נאָך ווייניגער ווי די מצרישע, — איז איר יהודה אַרײנגעפאַלען אין די רייד, שאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ.

— אַזוי מיינסטו? נו, גוט — האָט זי זיך אָפּגערופען און אָנגעהויבען זיך עסק׳ן ביים לינקען אויער — האָב איך פאַר דיר עפּעס, וואָס איז אַ סך בעסער און זיכערער — אַ קמיע, וואָס אַ פּערסישער מאַניער האָט אַמאָל — ווער ווייס שוין מיט וויפיל יאָר צוריק — געגעבען איינעם פון אונזערע עלטער־זיידעס. זעהסט, די אויפשריפט איז שוין כמעט אינגאַנצען אָפּגעריבען.

און זי האָט אים דערלאַנגט אַ אויערינגעל. ער האָט עס גענומען בעטראַכט און מיט אַ שמייכעל איר אָפּגעגעבען צוריק.

— ווען איך וואָלט אַפילו געהאַלטען ביים שטאַרבען, תירצה, וואָלט איך זיך מיט׳ן דאָזיגען כישוף ניט בענוצט. אַזעלכע זאַכען איז עבודה־זרה און אַ זינד פאַר די גלויבינע קינדער פון ישראל. נעם עס צו און טו עס מער קיינמאָל ניט אָן.

— אַ זינד, זאָגסטו נאַר? — האָט זי זיך אָפּגערופען — אונזער פאָטערס מוטער האָט געטראָגען דאָס אויערינגעל אַ גאַנץ לעבען, אַפילו אום שבת, און האָט אויסגעהיילט דערמיט אפשר מער ווי דריי חולאים...

— איך גלויב ניט אין קמיעות.

זי האָט שטאַרק פאַרחידושט אָנגעקוקט אים.

— וואָס וואָלט עמרה געזאָגט?

— עמרה׳ס עלטערן זיינען געווען מצרים.

— און גמליאל?

— גמליאל זאָגט, אַז קמיעות — דאָס האָבען אויסגעטראַכט געצענדינער און אַפּיקורסים.

תירצה האָט ניט זיכער אַ קוק געטאָן אויפ׳ן רינג, וואָס זי האָט געהאַלטען.

— איז וואָס זאָל איך דערמיט טאָן?

— טראָג עס, שוועסטערל. עס פּאַסט דיר, ס׳מאַכט דיך שיין, הגם דו ביסט אַזוי אויך גענוג שיין.

צופֿרידען האָט זי עס ווידער אַריינגעטאָן אין אויער. אין דער רגע איז עמרה אריין אין חדר און אַריינגעטראָגען אויף אַ טאַץ אַ האַנטפֿאַס וואַסער און אַ האַנטוך.

יהודה איז ניט געווען פֿון די פּרושים אין דאָס וואַשען האָט ביי אים ניט לאַנג געדויערט. אַז עמרה איז אַרויסגעגאַנגען, האָט תּירצה אים אָנגעהויבן צורעכט מאַכען די האָר, פֿון צייט צו צייט דער־לאַנגענדיג אים אַ קליין מעטאַלען שפּיגעלע (וואָס זי האָט לויט׳ן מינהג פֿון די אידישע פֿרויען געטראָגען אויפ׳ן גאַרטעל), כּדי ער זאָל זעהן, ווי שיין זי האָט אים פֿאַרקאַמט.

— דו ווייסט, תּירצה — האָט ער זיך פּלוצלונג אָפּגערופֿען — איך פֿאָר דאָך אַוועק.

פֿאַר גרויס חידוש האָבען זיך איר אַזש די הענט אַראָפּגעלאָזען.

— דו פֿאָרסט אַוועק? ווען? וואוהין? צו וואָס?

ער האָט זיך פֿונאַנדערגעלאַכט.

— דריי קשיות פֿאַר אַמאָל! ס׳אַר אַ ציקאַווע מיידעלע דו ביסט!

אָבער גלייך איז ער ווידער געוואָרען ערנסט: — דו ווייסט, על־פּי־דין בין איך שוין מחייב נעמען זיך צו אַ ווייבען - ס׳איז תּכלית. אונזער גוטער פֿאָטער, עליו־השלום, האָט מיר אין דעם פּרט געגעבען דאָס בעסטע ביישפּיל. אַפֿילו דו וואָלסט מיך אויך פֿאַראַכטען, ווען איך וואָלט געפֿטר׳ט די פֿרוכט פֿון זיין פֿלייס און וויסען, אַרומגייענדיג פּוסט־און־פּאַס. איך פֿאָר קיין רוים.

— אַך, איך וועל מיט דיר מיטפֿאָרען!

— דו מוזט בלייבען מיט דער מאַמען. זי וועט שטאַרבען, אַז מיר ביידע וועלען זי פֿאַרלאָזען.

די גאַנצע פֿרייד איז פֿאַרשוואונדען פֿון איר פּנים.

— יע, יע! — האָט זי געזיפֿצט. — אָבער צו וואָס זאָלסטו אַוועקפֿאָרען? קאָנסט דען ניט דאָ אין ירושלים איסלערנען אַלצ־דינג, וואָס אַ סוחר דאַרף וויסען?

— איך וויל גאָרניט זיין קיין סוחר. על־פּי דין איז דער זון ניט מחוייב אויסצוקלייבען דווקא דעם טאַטענס בעשעפֿטיגונג.

— איז וואָס זשע ווילסטו ווערען?

— אַ סאָלדאַט! האָט ער געענטפֿערט מיט אַ מין שטאָלץ.

תירצה׳ס אויגען זיינען מיט טרערען פאַרלאָפען.

— מ׳וועט דיך הרג׳ענען.

— אויב ס׳וועט בעשערט זיין פון גאָט, איז מילא. אָבער ניט אַלע סאָלדאַטען ווערען גע הרג׳עט.

זי האָט פאַרוואָרפען די האַנט אַרום זיין האַלז, גלייך ווי וועלענדיג אים צוהאַלטען.

— מיר זיינען אַזוי גליקליך צוזאַמען, בלייב בײַ אונז, ברודער מיינער!

— דאָס הויז פון די עלטערן קאָן ניט בלייבען אייביג דאָס, וואָס עס איז פאַר אונז אַצינד. איך דו וועסט עס פאַרלאָזען אין דער ניט גאָר ווייטער צוקונפט.

— קיינמאָל ניט!

ער האָט אַ שמייכעל געטאָן פון איר ערנסטען טאָן.

— באַלד וועט קומען אַ נשיא פון יהודה אָדער פון אַ אַנדער שבט ישראל און וועט נעמען מיין תירצה׳ן און זי אַוועקפירען פון דאַנען, כדי זי זאָל זיין דאָס שיינדעל אין דאָס צירונג פון אַ אַנדער הויז. וואָס וועל איך דעמאָלט טאָן?

זי האָט זיך פינאַנרערגעווײנט.

— די מלחמה איז אַ חכמה — האָט ער זיך אָפּגערופען מיט ערנסט — און כדי זי צו קאָנען, מוז מען דורכגיין אַ שול. די בעסטע שול אָבער איז דער רוימישער פעלד־לאַגער.

— דו וועסט דאָך ניט קעמפען פאַר רוים, יע? — האָט זי געפרעגט, איינהאַלטענדיג דעם אָטעם פאַר אויפרעגונג.

— אפילו דו האַסט אים איך! אַה, די גאַנצע וועלט גייט זיך צונויף אין דער שינאה צו רוים! אין דעם, תירצה, געפין דעם פשט פון מיין תשובה. יע, איך וועל קעמפען פאַר רוים, כדי ער זאָל מיך דערפאַר אויסלערנען, ווי אַזוי ווען־ס׳איז צו קעמפען קעגען אים.

— ווען טראַכסטו אַוועקצופאָרען?

ס׳האָבען זיך דערהערט טריט פון דער צוריקקערענדיגער עמרה.

— שטיל! — האָט יהודה זיך אָפּגערופען. — זי טאָר אַ וואָרט דערפון ניט וויסען.

די טרייע שקלאַפֿין איז אַריין מיט דעם אָנבייסען, אַוועקגעשטעלט דעם טאַץ פֿאַר זיי ביידען אויף אַ שטול און איז געבליבען שטיין דערנעבען, כּדי זיי צו בעדינען. זיי האָבען שוין געהאַט איינגעטינקט די שפּיצפֿינגער אין אַ כּלי מיט וואַסער, ערשט פּלוצלונג האָט אַ רעש דערגרייכט צו זייערע אויערן. זיי האָבען זיך צוגעהערט און באַלד האָבען זיי פֿאַרנימען מיליטערישע מוזיק, וואָס האָט אַרויפֿגעשאַלט צו זיי אַהער פֿין גאַס פֿין צפֿון־זייט הויז.

— סאָלדאַטען פֿון פּרעטאָריום! — האָט יהודה אויסגערופֿען אויפֿשפּרינגענדיג און איז אַרויסגעלאָפֿען.

אין אַ רגע אַרום איז ער שוין געשטאַנען אָנגעלענט איבער דער מעקה פֿין געמויערטע ציגעל, וואָס האָט אַרומגערינגעלט דעם דאַך פֿין דער צפֿונ׳דיגער זייט; אַזוי צוהיצט איז ער געווען אָנצוקוקען דאָס בילד, אַז ער האָט גאָר ניט בעמערקט, ווי תּירצה האָט זיך געשטעלט לעבען אים און אַרויפֿגעלייגט די האַנט אויף זיין פּלייצע.

זייער דאַך האָט זיך דערהויבען איבער דער גאַנצער סביבה, און זיי האָבען פֿין זייער אָרט געקאָנט צוזעהן אַלצדינג ביז ווייט אין מזרח־זייט, וואו ס׳איז געשטאַנען דער גוואַלטיגער אומרעגעלמעסיגער טורים פֿונ׳ם שלאָס אַנטאָניע, וואָס האָט געדינט, ווי מיר ווייסען שוין, אַלס ציטאַדעל פֿאַר׳ן גאַרניזאָן און אַלס הויפּט־קוואַרטיר פֿאַר דעם פּרעפֿעקט. איבער דער גאַס, מער ניט ווי צעהן פֿים ברייט, זיינען אין אַ סך ערטער געווען איבערגעוואָרפֿען בריקען, וואָס האָבען אַזוי ווי די דעכער פֿאַזע ביידע זייטען גאַס, זיך אָנגעהויבען אָנצופֿילען מיט מענער, ווייבער און קינדער, וואָס די מוזיק האָט זיי אַרויסגעלאָקט. הגם דאָס וואָרט „מוזיק“ האָט זיך קוים נעפּאַסט צום טרומייטען־רעש, אונטערגעמישט מיט׳ן קלאַנג פֿון די הילצערנע בלאָז־אינסטרומענטען, וואָס איז אַזוי ליב געווען פֿאַר דעם אויער פֿין רוימישען סאָלדאַט.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט מען פֿונ׳ם דאַך פֿין בית־חור געקאָנט זעהן די גאַנצע פּראָצעסיע. אויף צופֿריהער — אַ מחנה לייכט בעוואָפֿענטע שליידערער און בויגענשיסער; דערנאָך — שווער בעוואָפֿענטע אינפֿאַנטעריע מיט גרויסע פּאַנצערס און לאַנגע שפּיזען;

דאַן זיינען ̇געגאַנגען די מוזיקאַנטען און הינטער זיי, בעזונדער פון אַלעמען, איז געריטען אַ אָפיצער, אַרומגערינגעלט מיט אַ לייבוואַך אויף פֿערד. דערנאָך האָט ווידער מאַרשירט אַ אָפּטיילונג שווער בעוואָפענטע פוס־גייער, אין געשלאָסענע שורות, וואָס האָט אָנגעפילט די גאַנצע גאַס אין דער ברייט און האָט זיך, דאַכט זיך, אַוועקגעצויגען אָהן אַ סוף און אָהן אַ ברעג.

די פאַרבראַונטע פנים׳ער פון די סאָלדאַטען, די ריטמישע בעוועגונגען פון זייערע פאַנצערס, פון רעכטס און פון לינקס, דער גלאַנץ פון די בלאַנק־געפוצטע בלעכלעך, קנעפּ, שילדען און העלמס, דאָס פלאַטערן פון די פֿעדערן אויף די היטלען, דאָס וויגען זיך פון די פֿאָנעס און שפּיזען, דער האָפערדיגער זיכערער געמאָסטען גלייכער גאַנג, די ערנסטע אויפמערקזאַמע האַלטונג, די ווי פון איין ווילען געהאַלטענע גלייכמעסיגקייט אין די בעוועגונגען פון דער גאַנצער מחנה, — דאָס אַלץ האָט געמאַכט אַ אומגעהייער שטאַרקען רושם אויפ׳ן יונגען יהודה׳ן. דערהויפּט האָבען צוויי זאַכען צוגעשמידט זיין אויפמערקזאַמקייט: ערשטענס דער בעגולטער אָדלער פונ׳ם לעגיאָן, וואָס איז געווען אַרויפגעזעצט מיט ברייט צושפּרייטע פליגלען אויף אַ הויכען העלצעל; יהודה האָט געוואוסט, אַז דעם דאָזיגען אָדלער טוט מען אָן כבוד אַזוי ווי אַ גאָט, בשעת די סאָלדאַטען פלעגען אים אַרויסטראָגען פון זיין שטיי־אָרט אין שלאָס.

די צווייטע זאַך, וואָס האָט יהודה׳ן אינטערעסירט מער ווי אַלץ, איז געווען דער אָפיצער, וואָס איז געפאָרען רייטענדיג אין מיטען דער מחנה, אָבער אָפּגעזונדערט פון אַלעמען. ער איז געווען קאָמפּלעט בעוואָפענט, אָבער מיט אַ אומבעדעקטען קאָפּ. אויף דער לינקער זייט איז ביי אים געהאַנגען אַ קורצער שווערד; אין דער האַנט האָט ער געהאַלטען אַ קאָמאַנדע־שטעקעל, געגליכען צו אַ צונויפגעוויקעלטער מגילה. איבער׳ן רוקען פֿון זיין פערד איז אָנגעשטאָט אַ זאַטעל געווען אויסגעשפּרייט אַ פּורפּורנע דעקע; דאָס ציימעל איז געווען רייך בעפּוצט מיט גאָלד און געל־זיידענע שניר, וואָס האָבען זיך געענדיגט מיט ברייטע פֿרענז.

יהודה האָט שוין פֿון אַ צייט בעמערקט, אַז די ערשיינונג פונ׳ם

דאָזיגען אָפּיצער האָט אַרויסגערופען בײַם פֿאָלק גרימצאָרן און אויפרעגונג. דער עולם האָט זיך אַריבערגעלענט ווײַט איבער די מעקות פֿון די דעכער און עזות׳דיג געפּאָלט מיט די פויסטען קעגען אים; זיי האָבען אים בעלייט מיט קולות און געשרייען און האָבען אַראָפּגעשפּיגען אויף אים פֿון די בריקען, בשעת ער פלעגט פֿאַרבײַפּאָרען אונטער זיי. די ווײַבער האָבען אים אַזש נאָכגעוואָרפען די סאַנדאַלען זייערע און אָפּטמאָלס אַזוי גוט געצילט, אַז זיי האָבען טאַקע געטראָפען אין אים. אַז ער איז צוגעקומען נעהענטער, האָט מען דײַטליך געקאָנט פֿאַרנעמען די קולות: „רויבער! טיראַן! רוימישער כּלב! אַוועק מיט ישמעאל! גיב אונז חננ׳ען צוריק!“

יהודה האָט גוט בעמערקט, אַז דער אָפּיצער איז ניט געווען אַזוי שטאָלץ-גלײַכגילטיג צו דער פײַנדליכער האַלטונג פֿונ׳ם המון ווי די סאָלדאַטען זײַנע; זײַן פּנים איז געווען פינסטער און פֿאַרביסען, און די בליקען, מיט וועלכע ער פלעגט פֿון צײַט צו צײַט אַ קוק טאָן אויף זײַנע שונאים, זײַנען געווען אַזוי אימה׳פֿול בײז, אַז די שרעקעדיגע האָבען געציטערט פֿאַר פּחד.

יהודה האָט געוואוסט פֿונ׳ם מינהג, וואָס האָט געשטאַמט נאָך פֿונ׳ם ערשטען צעזאַר, אַז דער איבער-קאָמאַנדיר פֿלעגט זיך ווייזען פֿאַר׳ן פֿאָלק נאָר מיט אַ לאָרבער-קראַנץ אויף דעם אומבעדעקטען קאָפּ — אַלס צײַכען פֿון זײַן הויכען ראַנג. און אָן דעם דאָזיגען צײַכען האָט ער גלײַך דערקאָנט אין דעם אָפּיצער — וואַלעריוס גראַטוס׳ן, דעם נײַעם פּראָקוראַטאָר פֿון יהודה.

דעם אמת געזאָגט, האָט יהודה געשפּירט אַ מין מיטגעפיל צו דעם רוימער, וואָס האָט אַרויסגערופען בײַם פֿאָלק אַזאַ שטורעם פֿון גרימצאָרן; און ווען דער פּראָקוראַטאָר האָט דערגרייכט דעם ראָג פֿון חור׳ס הויז, האָט יהודה — כּדי בעסער אים צו בעטראַכטען — זיך אַריבערגעבייגען נאָך ווייטער איבער דער מעקה, און דערבײַ זיך מיט דער האַנט אָנגעשפּאַרט אָן אַ ציגעל, וועלכער איז שוין פֿון לאַנג אָן געווען אָפּגעטינקעוועט. אונטער דעם דרוק האָט זיך דער ציגעל אָפּגעריסען און זיך אַוועקגעגליטשט. אַ ציטער פֿון פּחד איז דורכגעלאָפען דעם אינגעל איבער׳ן לײַב. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט אָנצוכאַפּען ווי-עס-איז דעם ציגעל;

דערבײ האָט זיך געקאָנט אָפּדאַכטען, אַזױ װי ער װאָלט עפּעס אַ װאָרף געטאָן. דאָס ציגעל אָבער האָט ער ניט נאָר ניט אָנגעכאַפּט, נאָר פאַרקערט — דורך זײן בעװעגונג האָט עס זיך נאָך װײטער אַראָפּגעגליטשט פון דאַך. יהודה האָט דערלאַנגט אַ געשרײ. די סאָלדאַטען פון דער לײבװאַך האָבען אַרױפגעקוקט אין דער הײך, און אױך דער פּראָקוראַטאָר האָט אױפגעהױבען די אױגען. אין דער רגע האָט דאָס ציגעל אים געטראָפען אין אומבעדעקטען קאָפּ אַרײן — און ער האָט װי אַ טױטער אַ פאַל געטאָן פון פערד אַראָפּ.

די קאָהאָרטע האָט זיך אָפּגעשטעלט. די לײב־סאָלדאַטען זײנען אַראָפּגעשפּרונגען פון די פערד און זיך צוגעאײלט צו בעדעקען מיט די שילדען זײער האַר. דער המון אָבער, װאָס האָט צוגעזעהן דעם אינצידענט, האָט געמײנט ניט אַנדערש, אַז דעם ציגעל האָט מען אַ װאָרף געטאָן מיט אַ כּיװן, און מיט שמחה־געשרײען האָט ער בעגריסט דעם אינגעל, װעלכער איז נאָך אַלץ געשטאַנען װי צוגעשמידט צו דער מעקה, אױסער זיך פון דער פּאַסירונג, און פאַר זײנע גײסטיגע אױגען האָבען זיך פאַרבײגעטראָגען שרעקליכע בילדער פון די רעזולטאַטען, װאָס דער צופאַל װעט אַראָפּברענגען אױף זײן קאָפּ.

אַ בײזער גײסט פון האַס און נקמה האָט מיט אַ אומגלױבליכער געשװינדקײט זיך אַריבערגעלאָפּט פון דאַך צו דאַך, בעהערשט דעם המון און אים װי משוגע געמאַכט. די מענשען האָבען אָפּגעבראָכען ציגעל פון די מעקות, אױסגעריסען שטיקער פאַרשטײנערטע געברענטע לײם, װאָס האָט בעדעקט דאָס רוב הײזער, און אין בלינדער רציחה געשלײדערט עס אױף די לעגיאָנערען, װאָס זײנען געשטאַנען אונטען. ס׳האָט זיך צופלאַקערט אַ װילד געראַנגעל, אין װעלכען די סאָלדאַטען האָבען נאַטירליך בעקומען די איבערהאַנט. דיסציפּלין, געניטשאַפט, געװער — אױף אײן זײט, און פאַרצװײפלונג אױף דער אַנדער זײט -- אַזױ האָט אױסגעזעהן דאָס בילד פון׳ם געשלעג.

לאָמיר זיך אָבער אומקערען צום שלים׳מזל׳דיגען שולדיגען פון דער גאַנצער מהומה.

בלייך ווי דער טויט איז יהודה אָפּגעגאַנגען פון דער מעקה.

— אָ, תּירצה, תּירצה! וואָס וועט מיט אונז זיין!

תּירצה דאָט ניט בּעמערקט, ווי דער ציגעל איז אַראָפּגעפאַלען; זי האָט נאָר געהערט דעם ליאַרים אויף דער גאַס אונטען און געזעהן די ווילדע בּעוועגונג פּינ'ם המון אויף די דעכער. זי האָט געפילט, אַז ס'איז געשעהן עפּעס שרעקליכס, אָבער וואָס דאָס איז אַזוינס געווען, די סיבּה דערפון, — דאָס האָט זי זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלען; זי האָט אויך גאָרניט חושד געווען, אַז זי און אירע נאָהענטע זיינען אין גרויס סכּנה.

— וואָס איז געשעהן? וואָס בּעטייט דאָס אַלץ? — האָט זי געפרעגט מיט אַ פּלוצליכען שרעק.

— איך האָב גע'הרג'עט דעם רוימישען פּראָקוראַטאָר. דאָס ציגעל האָט אים געטראָפען.

אַ בּלאַסקייט ווי די וואַנט האָט פאַרצויגען איר פּנים. זי האָט אַרומגענומען דעם בּרודער און געקוקט אים צורודערט אין די אויגען אריין, ניט אַרויסריידענדיג קיין וואָרט. דער פּחד, וואָס האָט אים צונויפגעקלעמט דאָס האַרץ, האָט זיך אויך איר איבּערגעגעבּען, און דאָס האָט אים אַ בּיסעל געשטאַרקט.

— איך האָבּ עס געטאָן ניט מיט אַ כּיוון, תּירצה! דאָס איז געווען אַ אומגליקליכער צופאַל — האָט ער געזאָגט עטוואָס רוהיגער.

— וואָס וועט איצט זיין — האָט זי געפרעגט.

ער האָט געקוקט אויף דער בּהלה אין גאַס, וואָס איז געוואַקסען מיט יעדער רגע, און האָט זיך דערמאָנט אָן דער פאַרבּיסענער מינע פון גראַטוס. איז ער געבּליבּען לעבּען — טאָ ווי וועט געשטילט ווערען זיין נקמה? און אויבּ ער איז טויט — טאָ וואָס פאַר אַ רציחות קאָנען אָפּטאָן די לעגיאָנערען, אויפגערייצט דורך די מעשים פון'ם המון? כּדי אויסצומיידען דעם ענטפער אויף תּירצה'ס פראַגע, האָט ער זיך נאָך אַמאָל אַריבּערגעבּויגען איבּער דער מעקה גראָד אין דעם מאָמענט, בּשעת די לייבּ-סאָלדאַטען האָבּען געהאָלפען דעם פּראָקוראַטאָר זיך ווידער אַרויפזעצען אויפ'ן פערד.

ער לעבט, תּירצה, ער לעבט! געלויבט איז דער האַר, דער גאָט פֿון אונזערע עלטערען!

אַ ביסעל בערוהיגט, האָט ער זיך אומגעווענדט צו דער שוועסטער און געענטפערט איר אויף איר פראַגע:

— האָב ניט מורא, תּירצה. איך וועל דערציילען, ווי די זאַך איז פאָרגעקומען; זיי וועלען זיך דערמאָנען אָן אונזער פאָטער און אָן זיינע פאַרדינסטען, און וועלען אונז קיין בייז ניט טאָן.

ער האָט זי אַוועקגעפירט אין טורעם־חדר, אָבער אין דעם אויגענבליק האָט דער דאַך אַ ציטער געטאָן אונטער זייערע פיס. זיי האָבען דערהערט אַ קראַכען, ווי דאָס הויז וואָלט איינגעפאַלען; פון הויף האָבען זיך אַהער געטראָגען קולות פון אימה און טויט־שרעק. יהודה איז געבליבען שטיין און זיך גענומען צוהערען. ווידער קולות; דערנאָך אַ ערד־טרעטעניש און טופעניש פון טריט אָהן אַ צאָל, צודולטע שטימען, רציחה־געשרייען, אויסגעמישט מיט די תחנונים און יללות פון אויף טויט איבערגעשראָקענע פרויען. די סאָלדאַטען האָבען זיך אַ פּנים אַריינגעריסען דורך דעם צפוני־דיגען טויער און בעצוואונגען דאָס הויז. אַ מורא׳דיגער געפיל, אַז מ׳יאָגט אים, מ׳העצט אים, האָט בעהערשט יהודה׳ן. זיין ערשטע מחשבה איז געווען: אַנטלויפען — אָבער וואוהין? נאָר פליגלען וואָלטען אים געקאָנט מציל זיין.

מיט ווילדער אימה אין די אויגען, האָט אים תּירצה אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט.

אָ, יהודה, וואָס בעטייט עס?

ער האָט געהערט, ווי מ׳הרגעט די קנעכט פון הויז... און זיין מוטער?... איז דאָס ניט איר קול? אין צוזייפנעמענדיג דעם גאַנצען כּוח פון זיין ווילען, האָט ער געזאָגט:

— בלייב דאָ, תּירצה, און וואַרט אויף מיר. איך וועל אַראָפּגיין און זעהן, וואָס ס׳קומט פאָר. איך קום גלייך צוריק.

אומגעאַכט אויף דער גאַנצער מיה, וואָס ער האָט אָנגעווענדט צוצוגעבען פעסטקייט זיין שטים, האָט זי געקלונגען אומזיכער. תּירצה האָט זיך נאָך פעסטער צוגעטוליעט צו אים.

העכער, דורכדרינגענדיגער, אַצינד שוין גאַנץ דייטליך — האָט

זיך דערהערט דאָס געשריי פֿון זיין מוטער. ער האָט זיך מער ניט געקווינקעלט.

— טאָ קום, לאָמיר גיין!

אויף דער טעראַסע אונטען בײַ די טרעפּ איז געווען פֿיל מיט סאָלדאַטען. אַנדערע זיינען געלאָפֿען הין און צוריק איבער די צימערן מיט אַנטבלויזטע שווערדען. אין אַ ווינקעל איז געשטאַנען אַ גרופּע פֿרויען אויף די קניה, צונויפֿגעדריקט אינאיינעם און זיך געבעטען רחמים. אין מיטען צימער האָט אַ פֿרוי, אין צוריסענע קליידער און מיט ווילד אַרום קאָפּ צופֿלאָסענע האָר זיך מיט אַלע כּוחות געפּרובט אַרויסרייסען פֿון אַ סאָלדאַט, וועלכער האָט געמוזט אָנווענדען זיין גאַנצע קראַפֿט זי אייַנצוהאַלטען. איר געשריי, העכער פֿאַר אַלע אַנדערע קולות, האָט איבערגעשריען דעם גאַנצען רעש און געגרייכט אַזש ביז'ן דאַך אַרויף. מיט לאַנגע שפּרונגען האָט זיך יהודה אַ לאָז געטאָן צו איר. „מאַמע! מאַמע!" — האָט ער געשריען. זי האָט צו אים אויסגעשטרעקט די הענט. אָבער אין דער רגע, ווען ער האָט זיי שוין געהאַט אָנגענומען, האָט מען אים אַ כאַפּ געטאָן און אָפּגעשטויסען. דאַן האָט ער דערהערט, ווי איינער האָט געזאָגט הויך אויף אַ קול:

— דאָס איז ער!

יהודה האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזעהן — מעסאַלען.

— וואָס? אָט דער אָ איז דער מערדער? — האָט ערשטוינט אַ פֿרעג געטאָן אַ שלאַנקער לעגיאָנער אין אַ פּראַכטפֿולער בעוואָפֿענונג. — ער איז דאָך נאָך גאָר אַ אינגעל.

— אָ געטער! — האָט מעסאַלע זיך אָפּגערופֿען, ניט פֿאַרגעסען אַפֿילו אַצינד פֿונאַנדערצוציהען די ווערטער. — גאָר אַ נייער מין פֿילאָזאָפֿיע! וואָס וואָלט סענעקע זאָגען דערהערענדיג, אַז מ'מוז זיין אַלט, כּדי צו קאָנען האַסען אויף טויט! — ער איז דאָס דער מערדער; און אָט איז זיין מאַמע; דאָרט שטייט זיין שוועסטער. איר האָט דאָ די גאַנצע משפּחה.

פֿאַר ליבע צו זיינע טײַערסטע האָט יהודה פֿאַרגעסען דעם ברוגז מיט זיין יוגענד-פֿריינד און ער האָט אים גענומען בעטען:

— העלף זיי, אָ מעסאַלע מיינער! אין נאָמען פֿון אונזער אַמאָ-

ליגער פֿרײַנדשאַפֿט, העלף זײ! איך, יהודה, בעט דיך װעגען דעם!

מעסאַלע האָט זיך געמאַכט ניט הערענדיג. און װענדענדיג זיך צים אָפּיצער, האָט ער געזאָגט:

— איך קאָן אײַך שױן דאָ מער ניט זײַן נוצליך. אונטען אויף דער גאַס איז אַ סך אינטערעסאַנטער! עראָם — אַװעק! לעבען זאָל מאַרס!

מיט די װערטער איז ער אַרױסגעגאַנגען. יהודה האָט אים גוט פֿאַרשטאַנען; און מיט אַ פֿאַרביטערטער נשמה האָט ער זיך געבעטען בײַם הימעל:

— אין דער שעה פֿון דײַן נקמה, אָ גאָט, זאָל איך זײַן די האַנט, װעלכע װעט אים דערשלאָגען!

מיט גרױס מיה האָט זיך אים ענדליך אײַנגעגעבען דורכצושטופּען זיך צום אָפֿיצער.

— אָ, האַר, יענע פֿרױ איז מײַן מוטער. האָב רחמנות אויף איר, האָב אויך רחמנות אויף מײַן שװעסטער אָן דאָרטען. גאָט איז גערעכטיג, ער װעט דיר בעצאָלען מיט באַרימהערציגקײט פֿאַר באַרימהערציגקײט.

דער מאַן איז קאָנטיג געװאָרען אַ ביסעל גערירט.

— פֿירט אָפּ די פֿרױען אין טורעם אַרײַן! — האָט ער געהײסען. — עס זאָל זײ אָבער קײן שום בײז ניט געשעהן! איר װעט מיר ענטפֿערן פֿאַר זײ!

דערנאָך האָט ער זיך געװענדט צו די לײַט, װאָס האָבען צוגעהאַלטען יהודה'ן:

— ברײנגט אַהער שטריק, בינדט אים די הענט און פֿירט אים אויף דער גאַס אַרױס. פֿון זײַן שטראָף װעט ער שױן ניט אַנטרינען!

די מוטער האָט מען אַװעקגעפֿירט. די קלײנע תּירצה, אין איהרע שטוב-קלײדער, װי פֿאַרגליװערט פֿאַר אימה און פּחד, איז אױטאָמאַטיש נאָכגעגאַנגען אירע שומרים. אַ לעצטען, לאַנגען בליק האָט יהודה זײ צוגעשיקט. דערנאָך האָט ער פֿאַרבאָרגען דאָס פּנים אין די הענט, גלײַך װי ער װאָלט װעלען אויף אײביגע צײַטען אײַנקריצען אין זכרון דאָס דאָזיגע בילד. צי האָט ער אויך טרערען פֿאַרגאָסען — דאָס האָט קײנער ניט געזעהן.

אינ׳ם דאָזיגען אויגענבליק איז אין אים פֿאָרגעקומען יענער וואונדערליכער גילגיל, וואָס מוז געשעהן מיט איטליכען — פֿריהער אָדער שפּעטער. דער אויפֿמערקזאַמער לייענער האָט שוין מסתּמא בעמערקט, אַז דער יונגער בן-ישׂראל איז בטבע געווען צאַרט כמעט ווי אַ פֿרוי, מיט אַ ווייכער נאַטור, ווי ס׳איז געוויינטליך דער פֿאַל ביי אַ ליבעפֿולער ערציהונג. זיינע ביז-אַהעריגע איבערלעבינגען האָבען ניט אויפֿגעוועקט די האַרטערע זייטען פֿון זיין נאַטור, אויב ער האָט זיי אַפֿילו יע געהאַט. פֿון צייט צו צייט פֿלעגט ער פֿילען לייכטע נטיות פֿון ערגיץ, זיי האָבען אָבער קוים געהאַט בעשטימטע חלומות פֿון אַ אינגעל. דער איינציגער כאַראַקטער-שטריך, וואָס איז ביז אַהער גאַנץ שטאַרק געווען אין זיין וועזען, איז געווען די כמעט פֿאַרגעטערישע ליבע צו דער מוטער און צו דער שוועסטער. קיין שום סימן האָט ניט אַרויסגעגעבען די פֿאַרענדערונג, וואָס איז אין אים אַצינד פֿאָרגעקומען; נאָר... אַז ער האָט אויפֿגעהויבען דעם קאָפּ און אויסגעשטעלט די הענט צום בינרען, האָבען זיינע ליפּען פֿאַרלאָרען זייער ביז-אַהעריגען ווייכען אויסדרוק. אינ׳ם דאָזיגען מאָמענט האָט ער אונטערגעפֿירט אַ שטריך אונטער דער קינדהייט.

דאָס אינגעל איז געוואָרען אַ מאַן.

אַ טרומייטען-סיגנאַל האָט אַ זעץ געטאָן דורכ׳ן הויף, און איידער ער האָט פֿאַרקלונגען, האָבען די סאָלדאַטען פֿאַרלאָזען די טעראַסע. אַ סך פֿון זיי, וואָס האָבען ניט געהאַט קיין העזה צו שטעלען זיך אין די רייהען מיט די אָנגעראַבירטע זאַכען, האָבען ווידער אַוועקגעוואָרפֿען זייער רויב, און די ערד אַרום און אַרום האָט זיך בעדעקט מיט כל המינים זאַכען, צווישען וועלכע עס זיינען אויך געווען גאָר טייערע חפֿצים.

אַז יהודה איז אַרויסגעקומען אויף דער גאַס, זיינען די סאָלדאַטען שוין געווען אויסגעשטעלט, און דער אָפֿיצער האָט נאָר געוואַרט, מ׳זאָל אויספֿירען זיינע לעצטע בעפֿעלען.

די מוטער, די שוועסטער און אַלע קנעכט און דינסטען האָט מען אַרויסגעפֿירט דורך דעם צפֿונ׳דיגען טויער, וואָס די חורבות האָבען כמעט פֿאַרשפּאַרט צו אים דעם וועג. האַרץ-רייסענדיגע

יללות האָבן זיך געטראָגן פֿון צווישן די קנעכט און דינסטען, וואָס אַ סך פֿון זיי זיינען דאָ אין הויז געבאָרען געוואָרען. און ווען מ'האָט צום סוף פֿאַרביינגעטריבן פֿאַר יהודה'ן די פֿערד און דאָס גאַנצע פֿיך פֿון הויף, האָט ער ערשט אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין, ווי גרויס ס'וועט זיין דעם פּראָקוראַטאָרס נקמה. אַפֿילו דאָס הויז איז ניט פֿאַרמיטען געוואָרען דערפֿון. קיין שום לעבעדיגע זאַך האָט ניט געטאָרט אין אים פֿאַרבלייבן. און טאָמער וואָלטען זיך אין יהודה געפֿונען היץ־קעפּ, וואָס וואָלטען געהאַט די העזה אויפֿציהייבן די האַנט אויף אַ רוימישען שני־למלך, וואָלט דער גורל פֿון חור דעם נשיא'ס הויז זיי דינען פֿאַר אַ התראה, און דער אָנבליק פֿון דעם חרוב־געוואָרענעם פּאַלאַץ וואָלט פֿאַר זיי שטענדיג געווען אַ לעבעדיגע דערמאָנונג.

דער אָפּיצער האָט פֿון דער ווייטענס געוואַרט, ביז מ'וועט צורעכט מאַכן די טויערן.

דער קאַמף אין גאַס האָט שוין כּמעט אויפֿגעהערט; און נאָר די וואָלקענס שטויב איבער די דעכער פֿון איינִיגע הייזער האָבן געוויזן אויף די ערטער, וואו די מהומה איז נאָך ניט געוואָרען איינגעשטילט. די קאָהאָרטע איז געשטאַנען שורה אין שורה, ניט פֿאַרלאָרען קיין האָר פֿון איר פֿריהערדיגען גלאַנץ און סדר. אינגאַנצען פֿאַרגעסען אָן זיך, האָט יהודה געטראַכט נאָר וועגן די געפֿאַנגענע, און זיינע אויגען האָבן אומזיסט געזוכט צווישן זיי די מוטער און די שוועסטער.

פּלוצלונג האָט זיך פֿון דער ערד אויפֿגעהויבן אַ פֿרוי און זיך אַ וואָרף געטאָן צוריק צום טויער. איינִיגע סאָלדאַטען האָבן זי געפּרובט אָנכאַפּן, אָבער זי האָט זיך אַרויסגעמאַכט פֿון זיי, אַרויסרופֿענדיג ביי דער מחנה אַ הויכן געלעכטער. זי איז צוגעלאָפֿען צו יהודה'ן, צוגעפֿאַלען צו זיינע פֿיס און אַרומגענומען זיינע קניה; דערביי זיינען איר די גראָבע מיט שטויב בעדעקטע האָר אַראָפּגעפֿאַלען איבער די אויגען.

— עמרה, גוטע עמרה, — האָט ער צו איר געזאָגט, — גאָט זאָל דיר העלפֿען! איך קאָן עס שוין ניט!

זי איז ניט געווען אימשטאַנד אויסצורייידן אַ וואָרט.

ער האָט זיך אײַנגעבויגען און איר אײַנגערוימט:

— לעב, עמרה, לעב פאַר תּירצה׳ן און פֿאַר דער מאַמען טײַנער: זײ זאָלען זיך אומקערען און...

אַ סאָלדאַט האָט זי אָפּגעשלעפּט; זי האָט האַסטיג אַ שפּרונג געטאָן און איז דורכ׳ן טויער אַרײַנגעלאָפען צוריק אין הויף אַרײַן.

— לאָזט זי — האָט דער אָפיצער געהייסען — מיר װעלען פאַרחתמענען דאָס הויז, און זי װעט דאָרטען סײ־װי אויסגיין פֿאַר הונגער.

די סאָלדאַטען האָבען װידער זיך גענומען צו דער אַרבעט און, פאַרטיג װערענדיג, זײַנען זײ אַװעק צו דער מערב׳דיגער זײַט הויז, כּדי אויך דאָרטען צו פאַרשליסען דעם טויער. און דער פּאַלאַץ פון בית־חור איז געבליבען שטיין ליידיג און װיסט.

די קאָהאָרטע האָט אַװעקגעמאַרשירט צום שלאָס־טורים. דאָרט איז דער פּראָקוראַטאָר פֿאַרבליבען, צו גענעזען װערען פון דער װאונד און אַרויסגעבען זײַן פּסק איבער די געפֿאַנגענע. און צעהן טעג אַרום האָט ער שוין װידער געקאָנט בעזוכען דעם מאַרק־פּלאַץ.

אויף מאָרגען איז אַ אָפּטײלונג לעגיאָנערען געקומען צום פאַרלאָזטען פּאַלאַץ; זײ האָבען פֿאַרהאַקט טיר און טויער אויף אײביגע צײַטען, פֿאַרחתמעט זײ מיט װאַקס און צוגעשלאָגען צום הויז אַ ברעטעל מיט אַ לאַטײנישער אויפֿשריפט:

ד אָ ס א י ז ד ע ם ק י ס ר ׳ ס א י י ג ע נ ט ו ם.

סוף ערשטער טײל.

# צווייטער טייל

## ערשטער קאַפּיטעל.

קווינטוס אר״וס.

פֿון דער האַפּען-שטאָט מיזענום, וואָס איז געלעגען אויפֿ׳ן סאַמע שפּיץ קאַפּ עטליכע מייל צו דרום-מערב-זייט פֿון נעאַפּאָל, זיינען אַצונד איבערגעבליבען נאָר רואינעם און חורבות. אָבער מיט 47 יאָר פֿאַרן חורבן בית שני איז זי געווען איינע פֿון די וויכטיגסטע ערטער אויפֿ׳ן מערב׳דיגען ברעג פֿון איטאַליע.

פֿאַר דעם רייזענדער, וואָס וואָלט אין יענעם יאָר ארויפגעשטיגען אויף דער שטאָטישער מויער-וואַנט אויפ׳ן קאַפּ, כדי צו געניסען די אויסזיכט איבער נעאַפּאָלער ים-אויסגוס, וואָלט זיך דעמאָלט אַנטפּלעקט דאָס אייגענע אומפֿאַרגלייכליכע בילד, וואָס אַנטציקט אונז אַצינד. דער אייגענער מאָלערישער ברעג, דער רוּיִגער קאָנוס פֿון וועזוביוס, דער טיף-בלויער הימעל, וועלכער שפּיגעלט זיך אין די ליבליכע אינדען, מיט איסקיע פֿון דער נאָענט און קאַפּרי פֿון ווייטען, — אַלץ וואָלט געלעגען פֿאַר זיינע התפּעלות׳דיגע בליקען דעמאָל׳ט אָט אַזוי ווי אַצונד.

אַריבערטראָגענדיג זיין בליק פֿון בילד צו בילד, וואָלט ער זיך ניט געקאָנט אָפּרייסען פֿון דער וואונדער-שיינער אויסזיכט; ענדליך במעט פֿאַרמאַטערט פֿון דער דאָזיגער שפֿע בעצויבערנדיגע איינדרוקען וואָלט ער דערזעהן ניט ווייט פֿון זיך אַ בילד, וואָס איז ביי היינטיגען טאָג שוין ניטאָ מער: די העלפֿט פֿונ׳ם רוימישען רעזערוופלאָט, וואָס איז צום טייל געלעגען פֿאַראַנקערט אונטען אין האַפֿען, צום טייל געמאַכט איבונגען און מאַנעווערס אויפֿ׳ן וואַסער-

אין יענער אַלטער צייט איז אין דער שטאָטישער וואַנט סאַמע בײַם ים געווען אַ טויער, דורך וועלכען ס'האָט זיך פֿון שטאָט אַהער געצויגען אַ גאַס ביז'ן ברעג און איז דאָ איבערגעגאַנגען אין אַ ברייטען דאַם, וואָס האָט אַרויסגעשטרעקט היפּשע עטליכע סטאַדיעס אין ים אַריין.

אין אַ קילען אלול-פֿרימאָרגען איז דער וועכטער, וואָס איז געשטאַנען אויף דער מויער-וואַנט איבערן טויער, איינגעוועקט געוואָרען פֿון זיין דרעמעל דורך אַ רעדעל מענשען, וואָס איז געגאַנגען אַראָפּ גאַס, פֿאַרנומען מיט אַ הייכען לעבעדיגען שמועס. ער האָט געכאַפּט אַ קוק אויף זיי און איז ווידער אַריינגעפֿאַלען אין זיין דרעמעל.

דאָס רעדעל איז בעשטאַנען פֿון צוואַנציג — דרייסיג מאַן, דאָס רוב שקלאַפֿען מיט פֿאַקלען, וועלכע האָבען פֿאַרשפּרייט ווייניג שיין, אָבער אַ שטאַרקען רויך און אָנגעפֿילט די לופֿט מיט'ן ריח פֿון אינדישע בשמים. די האַרען זיינען געגאַנגען אויף צופֿריהער האַנט אין האַנט. איינער פֿון זיי, אַ מאַן פֿון אַ יאָר פֿופֿציג, שוין מיט אַ שטיקעל פּליך, האָט געטראָגען איבער דעם קאַרגען ביסעל האָר אַ לאָרבער-קראַנץ. פֿון דער אויפֿמערקזאַמקייט, וואָס מ'האָט אים אַרויסגעוויזען, האָט מען געקאָנט דרינגען, אַז ער איז געווען דער מיטעלפּונקט און דער הויפּט-העלד פֿון דער דאָזיגער גוטברידערליכער קאָמפּאַניע. אַלע האָבען געטראָגען ברייטע טאָגעס פֿון ווייסען וואָלענעם שטאָף, מיט פּורפּור בעברעמט. איין קוק איז געווען גענוג פֿאַר'ן וועכטער צו דערקאָנען אָהן שום ספק, אַז דאָס זיינען געווען זעהר הויכגעשטעלטע לייט, וואָס האָבען אונטערגעפֿירט זייער פֿריינד אויף זיין שיף נאָך אַ מאָלצייט לכבוד זיין אָפּפֿאָר, וואָס האָט געדויערט אַ גאַנצע נאַכט. דער אונטערגעהערטער שמועס האָט בעשטעטיגט די דאָזיגע השערה.

— ניין, מיין קווינטוס, — האָט זיך איינער פֿונ'ם רעדעל אָפּגערופֿען צום מאַן אין לאָרבער-קראַנץ; ס'איז ווירקליך אַ טוולה פֿון פֿאָרטונען, וואָס זי נעמט דיך שוין ווידער אַזוי גיך אַוועק פֿון אונז. ערשט נעכטען ביסטו דאָך צוריקגעקומען פֿון די ים'ען, וואָס אויף יענער זייט גיבראַלטאַר. דו האָסט נאָך אַפֿילו קיין צייט ניט געהאַט צוריקצוגעוויינען דיין פֿוסטריט צו דער יבשה

— איך שווער ביי קאַסטאָר׳ן האָט אויסגערופֿען אַ צווייטער, וואָס האָט קאָנטיג אַ ביסעל צופיל אַריינגעקערט — לאָמיר זיך ניט קלאָגען אויפ׳ן מזל! אונזער קווינטוס וויל נאָר צוריק אָפּגעווינען, וואָס ער האָט היינטיגע נאַכט אָנגעוואָרען. שפּיל-ביינדלעך אויף דער שיף אין ים איז גאָר עפּעס אַנדערש ווי שפּיל-ביינדלעך אויף דער יבשה, — אפשר ניט אַזוי, קווינטוס?

— זייט ניט ברוגז אויף פאָרטונען! — האָט געזאָגט אַ דריטער — זי איז ניט בלינד און ניט קאַפּריזנע. אין אַנציום האָט זי געשמייכעלט צו קווינטוס׳ן און אויפ׳ן ים פֿירט זי זיין רודער. אמת, זי נעמט אים אַמאָל אַוועק פֿון אונז, אָבער צי דען ברייננט זי אים איטליכס מאָל ניט צוריק אָפּ מיט נייע ניצחונות?

— די גריכען נעמען עס אים אַזוי אָפּט צו פון אונז, — האָט זיך אַריינגעמישט נאָך איינער. — לאָמיר זיך בייזערן אויף די גריכען, ניט אויף די געטער. איבער דעם האַנדעל האָבען זיי אינגאַנצען פֿאַרגעסען מלחמה צו האַלטען.

דערוויל איז די קאָמפּאַניע דורכגעגאַנגען דעם טויער און איז אַרויסגעקומען אויפ׳ן דאַם. הערליך איז די בולטע געלעגען פֿאַר זיי אין גלאַנץ פון פֿאַרטאָגיגען שיין. פאַר׳ן אַלטען ים-פֿאָרער האָט דאָס פליעסקען פֿון די כוואַליעס געקלונגען ווי אַ פריינדליכער ברוך-הבא. אין טיפע אָטעם-ציהען האָט ער געשעפּט די קרעפטיגע ים לופט, גלייך ווי זי וואָלט פאַר אים בעסער געשמעקט ווי די נרד-בשמים. ער האָט אויפגעהויבען די האַנט.

— ניט אין אַנציום, אין פרענעסטע האָב איך מקריב געווען מיינע קרבנות — און זעהט! דער ווינט וויעט פון מערב-זייט. איך דאַנק דיר, אָ פאָרטונע! דו ביסט שטענדיג געווען צו מיר גנעדיג! — האָט ער געזאָגט מיט אַ ערנסטען טאָן.

אַלע פריינד האָבען איבערגעחזרט זיין אויסרוף; די שקלאַפען האָבען געפּאָכט מיט די פאַקלען.

— אָט קומט זי אָן! — האָט קווינטוס ווייטער גערעדט, ווייזענדיג אויף אַ גאַלערע גאַנץ וויט נאָך אויף יענער זייט דאַם. — דאַרף דען גאָר אַ ים-פֿאָרער גלוסטען אַ אַנדער ליבהאָבערין? איז דען דיין לוקרעציע בעחנטער פון איר, אָ, קאַיוס?

מיט לייכטענדיגע אויגען האָט ער געקוקט אַנטקעגען דער שיף, וואָס האָט זיך דערנעהענטערט צום ברעג; אויפ'ן נידעריגען מאַסט־בוים האָט געפלאַטערט אַ ווייסער זעגעל. די רודערס האָבען זיך אַראָפּגעלאָזען און אויפֿגעהויבען, אַ רגע געבליבען אומבעוועגליך, דאַן ווידער זיך אונטערגעטונקט אינ'ם וואַסער, פונקט ווי די ריט־מישע בעוועגונגען פֿון אַ שווימענדיגען פיש.

— לעסטערט ניט די געטער! האָט ער ערנסט געזאָגט, נים אַראָפּנעמענדיג די אויגען פֿון דער שיף, זיי גיבען אונז די געלע־גענהייט אַרויסצווייזען אונזערע פֿייאיגקייטען, און מיר זיינען אַליין שולדיג, אויב מיר ניצען זיי ניט אויס. און וואָס איז שייך די גריי־כען, פאַרגעסטו, מיין לענטולוס, אַז די ים־רויבער, וואָס איך בין געשיקט זיי צו שטראָפֿען, זיינען אויך גריכען. איין ניצחון איבער זיי איז מער ווערט ווי הונדערט ניצחונות איבער די אַפֿריקאַנער.

— הייסט עס, לאָזטו זיך אַוועק אין דעם עגייאישען ים אַריין?

דעם ים־פאָרערס בליק האט נאך אַלץ גערוהט אויף זיין שיף.

— ס'אַר אַ חן! ס'אַר אַ לייכטקייט! אַ פייגעל פליהט ניט זאָרג־לאזער איבער די גענאַרערישע אינדען! גיט נאר אַ קוק!— האט ער געזאגט, נאר גלייך זיך פֿאַרכאַפּט און געווענדט זיך צום פריינד:— אַנטשולדיג, מיין לענטולוס, יע, איך פֿאָר אין עגייאישען ים אַריין, און אַזוי ווי די שעה פֿון מיין אפּפֿאָר איז נאָהענט, וועל איך אייך פאַרטרויען די סיבה דערפֿון, אבער צווישען אונז זאל עס בלייבען. איך וואלט ניט וועלען, איר זאלט עס אויפוואַרפֿען דעם דואומוויר, בעגעגענענדיג אים. ער איז מיינער אַ פריינד.

דער האַנדעל צווישען גריכענלאַנד און אַלכסנדריה־של־מצרים איז, ווי איר ווייסט מסתמא, אפשר פּונקט אַזוי וויכטיג ווי צווישען אַלכסנדריה און רוים. דאס דאַרטיגע פאלק האט פאַרגעסען צו־פייערן דעם יום־טוב לכבוד די צערסאַליען און טריפּטאַלעמוס האָט זיי געשטראָפֿט דורך אַ אומגערעטעניש, וואָס איז אַפילו ניט כדאי איינצוזאַמלען. און דער האַנדעל איז דאָרטען געוואָרען אַזוי גרויס, אַז עס טאָר ניט זיין קיין אָפּהאַלט אויף קיין איין טאָג אַפילו. איר האָט דאָך מסתמא אויך געהע"ט פֿון די כערסאָנעסער ים־רויבער, וואָס האָבען זיך געמאַכט אַ נעסט אין עווקסינים. איך

שווער בײַ באַקכוס! קיין גרעסערע מזיקים זיינען גאָר ניטאָ! נעכ-
טען איז קיין רוים אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז זייער פלאָט האָט דורכ-
גערודערט דעם באָספאָר, אַראָפּגעלאָזט צו גרונד די גאַלערעס בײַ
ביצאַנץ און כאַלקעדאָן, דורכגעזעגעלט דורך פּראָפּאָנטידע, און אין
זייער דאָרשט נאָך גזילה אַצינד זיך אַריינגעריסען אין עגייאישען
ים אַריין. די תּבואה-סוחרים, וואָס זייערע שיפען פאָרען אַרום אין
מזרח פון׳ם מיטעללענדישען ים, זיינען אויסער זיך פאַר שרעק און
מורא. האָבען זיי זיך געווענדעט נאָך הילף צום קיסר, וועלכער
האָט זיי אויפגענומען אויף אַ אוידיענץ. אין היינט נאָך גייען פון
ראַוועננע אַרויס הונדערט גאַלערעס און פון מיזענום —... ער האָט
זיך אָפּגעשטעלט, גלייך ווי וועלענדיג צורייצען די נייגיריגקייט פון
זיינע פריינד — און פון מיזענום נאָר איינע!

— גליקליכער קווינטוס! מיר ווינשען דיר מזל-טוב!

— די דאָזיגע בעשטימונג איז אַ סימן, אַז דו וועסט דערהוי-
בען ווערען, מיר בעגריסען דיך אַלס דואומוויר, ניט ווייניגער ווי
דואומוויר!

— קווינטוס אַרויס דער דואומוויר — דאָס קלינגט נאָך שענער
ווי קווינטוס אַרויס דער טריבון!

— איך דאַנק אייך, איך דאַנק אייך פון טיפען האַרצען, מיינע
פריינד. הכּלל, איך האָב נאָך ניט געענדיגט. איר זעהט אָט דאָס —
נאַט לייענט!

פון צווישען די פאַלבען פון זיין טאָגע האָט ער אַרויסגעצויגען
אַ פאַרמעטענע מגילה און דערלאַנגט זי זיינע פריינד מיט די ווער-
טער: היינט בײַנאַכט, ווען מיר האָבען געפּראַוועט די סעודה, האָב
איך דאָס בעקומען — פון סעיאַנוס׳ן.

דער דאָזיגער נאָמען האָט שוין דעמאָלט געקלונגען אין דער
רוימישער וועלט; ער איז נאָך דאַן געווען ריין פון דער חרפּה,
מיט וועלכער ער איז בעדעקט געוואָרען שפּעטער.

— פון סעיאַנוס׳ן! — האָבען אַלע אויסגערופען אין איין קול
און זיך צונויפגעשטופּט אין אַ רעדעל, כּדי איבערצולייענען, וואָס
דער הויכער שררה האָט געשריבען.

„סעיאַנוס צו צעציליוס רופוס, דעם דואומוויר.

„סעיאנים צו צעציליוס רופוס, דעם דואימוויר.
רוים, 19 סעפטעמבער.
דער קיסר האָט בעקומען גוטע ידיעות וועגען קווינטוס אריוס דעם טריבון. דערהויפט האָט ער געהערט פון די גבורות, וואָס ער האָט געוויזען אין די מערבדיגע ים'ען; דערום איז זיין ווילען, אַז דער דאָזיגער קווינטוס זאָל זיך תיכף-ומיד אָוועקלאָזען קיין מזרח.
ווייטער בעפעלט דער קיסר, אַז הונדערט טרירעמעס, אויסגע-ריכט אין פאַרמינג צו מלחמה, זאָלען תיכף אַרויסגעשיקט ווערען קעגען די פיראַטען, וואָס האָבען זיך בעוויזען אין עגייאישען ים, און אַז קווינטוס אַריוס זאָל איבערנעמען די איבער-קאָמאַנדע אי-בערן דאָזיגען פלאָט.
אין די פרטים פאַרלאָז איך זיך אויף דיר, צעציליוס.
די שליחות טאָר ניט אָפּגעליינט ווערען, ווי דו וועסט עס אַרויס-זעהן פון די בייגעלייגטע בעפעלען פאַר דיר און פאַר קווינטוס'ן.
„סעיאַנוס."
אַריוס האָט קיין אַכט ניט געליינט אויף דעם לייענען דאָס פּאַפּיר. זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט איז געווען פאַרנומען מיט דער שיף, וואָס איז צוגעקומען אַלץ נעהענטער. ענדליך האָט ער אָנגעהויבען צו פאָכען אין דער לופטען מיט אַ פאָלע פון זיין טאָגע. אַלס תשובה אויפ'ן צייכען האָט זיך אויפ'ן פאָנען-מאַסט אין הינטער-טייל פון שיף אויפגעהייבען אַ פורפור-רויטער פלאַג; אויפ'ן באָלווערק האָבען זיך געוויזען עטליכע מאַטראָסען, אַרויפגעקלע-טערט פון דאַנען איבער די קאַנאַטען אויף די רייעס און אַראָפּ-געצויגען די זעגלען. דער שנאָבעל פון שיף איז אָנגעשטעלט גע-וואָרען צום ברעג, דער טאַקט פון די רודער-קלעפּ איז געוואָרען האַסטיגער און די שיף האָט זיך מיט דער גאַנצער געשווינדקייט אַ לאָז געטאָן גלייך אויף אַריוס'ן און זיינע פריינד. מיט אַ קאָנטי-נער הנאה האָט דעם טריבונס בליק געפּאָרשט אַלע בעהעניגונגען פון דער שיף. די גיכקייט, מיט וועלכער זי האָט געפאָלגט דעם שטייער-רודער, די זיכערקייט פון איר גאַנג האָבען געהאַט אַ בע-זונדער ווערט פאַר אַ מלחמה-שיף.
— איך שווער ביי די נימפען! — האָט זיך אָפּגערופען איינער

פון די פריינד, אָפּגעבּענדיג קווינטוס׳ן די מגילה. — מיר קאָנען שוין ניט זאָגען, אַז אונזער פריינד וועט ערשט געגרויסט ווערען; ער איז שוין אַצינד געװוּג גרויס. מיר מעגען זיך איבּערנעמען מיט דער ליבּע פון אַזאַ הויכגעשטעלטען פריינד. האָסטו נאָך עפּעס נייס פאַר אונזערטוועגען?

— ניין, מער גאָרנישט, — האָט אַריוס געענטפערט. — און דאָס, וואָס איר זייט דאָ אַצונד געוואָר געוואָרען, איז אין רוים, דערהויפּט אין פּאַלאַץ און אויפ׳ן פאָרום, שוין לאַנג קיין נייס ניט. דער דואומוויר איז זעהר פאָרזיכטיג. די גענויערע אינסטרוקציעס וועגען דעם, וואָס איך האָב צו טאָן, וואו איך וועל טרעפען מיין פלאָט, וועל איך ערשט דערגיין אויף דער שיף; דאָרטען וואַרטען זיי אויף מיר אין אַ גוט־פאַרחתמעטען פּאַקעט. טאָמער אָבּער האָט איר בּדעה צו בּרענגען די געטער אַ קרבּן, טאָ זייט פאַר זיי מתפּלל וועגען אַייער פריינד, וואָס רודערט אָדער זעגעלט ערגעץ צו סיציליע צו. נאָר אָט איז שוין די שיף — האָט ער נעזאָגט, זיך ווידער ווענדענדיג צום ים. — די מאַטראָסען אינטערעסירען מיך זעהר, איך וועל מיט זיי מוזען זעגלען און קעמפען. ס׳איז ניט קיין גרינגע אַרבּעט צו צושטיין צו אַ בּרעג אַזוי ווי אָט דער דאָזיגער; לאָמיר אַ קוק טאָן, ווי אַזוי זיי וועלען עס דורכפירען, וועלען מיר קאָנען זיך שאַפען אַ מיינונג וועגען זייער בּריה׳שאַפט און געניטשאַפט.

— וואָס הייסט, די שיף איז דיר דען אומבּעקאַנט?

— איך זעה צום ערשטען מאָל, און איך ווייס אַפילו ניט, צי וועל איך אויף איר געפינען כאָטש איין בּעקאָנטען מענשען.

— איז דאָס דען אַ מעלה?

— ס׳האָט קנאַפּ וואָס צו זאָגען... מיר שיפסלייט ווערען גיך בּעקאַנט צווישען זיך. אין דער שעה פון אומגעריכּטער סכּנה ווערט געבּאָרען סיי ליבּשאַפט, סיי שינאה.

די שיף האָט געהערט צום קלאַס לאַנגע שמאָלע, גאַנץ טיף אין וואַסער זיצענדיגע מלחמה־שיפען, געבּויט פאַר האַסטיגע, אומגע־ריכטע בּעוועגונגען. איר קאָנסטרוקציע איז נעוועזען זעלטען גיט. דאָס וואַסער האָט זי געשפּאָלטען מיט אַזאַ כּוח, אַז די כוואַליעס האָבּען זיך שוימענדיג און שפּריצענדיג געהויבּען אין דער הייך

אויף בײדע זײטען שיף. דער זעהר שײן אויסגעבויגענער פֿאָרדער=
טײל אירער האָט זיך דערהויבען איבערן דעק צװײ מאָל אַזוי
הויך װי אַ מענשענס װאוקס און איז געװען בעצירט אויף די זײ-
טען מיט פֿיגורען פון טריטאָנען, װאָס בלאָזען אויף מושלען, עט-
װאָס נידעריגער פֿון דער װאַסער-ליניע, בעפעסטיגט צום קיל,
האָט אַרויסגעשטאַרצט דאָס ראָסטרום — אַ מין שנאָבעל
פון פֿעסטען האָלץ, מיט אַײזען בעשלאָגען, װאָס האָט געדינט אין
די ים-געשלעגען פאַר אַ שרעקליך געװער, מיט װעלכען די שי=
פען פֿלעגען דורכשטעכען אײנע די אַנדערע.

בײדע זײטען שיף זײנען געװען בעשלאָגען מיט אַ פעסטען
איבערציה; דער באָרט איז געװען אַרומגערינגעלט מיט אַ שײן
געשניצט װענטעל; און אַ ביסעלע נידעריגער, אונטערן װאַסער,
האָבען זיך געזעהן דרײ שורות קײלעכדיגע לעכער, בעשיצט
מיט ברילען פון אָקסען-לעדער, װאו ס'האָבען זיך בעװעגט די
רודערס — צו זעכציג אויף יעדער זײט. צװײ געזונטע קאַנאַטען,
אײנער איבערן אַנדערן, האָבען געװיזען, װיפיל אַנקערס ס'זײנען
דאָ אויפ'ן פאָרדער=דעק.

די פשוטע קאָנסטרוקציע פונ'ם אײבער=דעק האָט געזאָגט
עדות, אַז דער עקיפּאַזש פֿון דער שיף האָט זיך דערהויפט פאַר=
לאָזען אויף די רודערס. אומגעפער אין מיטען שיף, מער צו
פֿאָרנט-צו, איז געשטאַנען אַ מאַסטבוים, װאָס האָט זיך געהאַלטען
דורך שטאַרקע שטריק, װעלכע זײנען מיט רינגען געװען בעפעס-
טיגט צו דער אינװײניגסטער זײט באָלװערק. דאָס שטריקװאַרג
איז בעשטאַנען נאָר פון דעם, װאָס ס'איז נײטיג געװען פאַר דעם
אײנאײנציגען גרויסען פירקאַנטיגען זעגעל און דער רײע, אויף
װעלכער ער איז געהאַנגען.

אויסער די מאַטראָסען, װאָס האָבען געהאַט אַראָפּגעצויגען דעם
זעגעל און זײנען נאָך געשטאַנען אויף די רײעס, האָבען די פרײנד
פון דער יבשה בעמערקט נאָר אײן מאַן אויפ'ן שיף; ער איז גע=
שטאַנען אָנגעטאָן אין העלם און פאַנצער פאָרנט אויפ'ן דעק.

די הונדערט צװאַנציג דעמבענע רודערס, װאָס זײנען גע-
װאָרען גלאַנציג - װײס פונ'ם שטענדיגען טוקען זיך אין

וואַסער און פֿונ׳ם אָפּטען אָפּרייבּען מיט פּימסענשטיין, האָבּען זיך געהויבּען און אַראָפּגעלאָזט צום טאַקט, גלייך ווי איין האַנט וואָלט זיי געפֿירט, און די שיף איז געפֿלויגען מיט אַזאַ גיכקייט, אַז זי וואָלט אפשר ניט אָפּשטיין פֿון אַ הייזעריגען דאַמפּער.

זי איז געפֿלויגען צום ברעג אַזוי האַסטיג און אויפֿ׳ן ערשטען בליק עפּעס אַזוי משוגענערווייז ריזיקאַליש, אַז דעם טריבונס חברים, וואָס זיינען ניט געווען בּעהאַווענט אין שיפעריי, האָבּען אַפילו אַ ביסעל מורא געהאַט פֿאַר איר. פּלוצלונג האָט דער מענש, וואָס איז געשטאַנען אויפֿ׳ן באָרט, אייפגעהייבּען די האַנט מיט אַ בּע-זונדער מין זשעסט; אַלע רודערס האָבּען אַ פֿליה-געטאָן אין דער הייך, געבּליבּען אַ רגע אין דער לופֿטען און זיך שנעל אַראָפּגע-לאָזט. דאָס וואַסער האָט זיך צושוימט און צוזאָרען, די גאַלערע האָט זיך אַ טרייסעל געטאָן און איז מיט אַ מאָל געבּליבּען שטיין ווי פֿון שרעק געליימט. נאָך אַ זשעסט מיט דער האַנט — און ווי-דער האָבּען די רודערס אַ פֿליה געטאָן אין דער הויך, אַ שוועב געטאָן אין דער לופֿטען און זיך אַראָפּגעלאָזט; אָבער אַצונד האָ-בּען די מאַטראָסען פֿון רעכטס גערודערט אויף פֿאָראויס, און די מאַטראָסען פֿון לינקס — אויף צוריק. צוויי מאָל האָבּען זיי אויף אַזאַ אופֿן געאַרבּעט קעגען אַנאַנד. די שיף האָט זיך געגעבּען אַ דריי איבּער אַזוי ווי אַרום דער אייגענער אַקס, און איז דאַן לאַנגזאַם און רוהיג צוגעשטאַנען צום בּרעג.

אַצינד האָט מען געקאָנט זעהן אויך דעם הינטערטייל פֿון שיף, מיט אַלע זיינע פֿאַרצירונגען מיט די אייגענע טריטאָנען, מיט די גרויסע אותיות פֿונ׳ם נאָמען פֿון דער שיף, מיט׳ן שטייער-רודער און מיט דער הויכער פֿלאַט-פֿאָרמע, וואו ס׳איז געזעסען דער שטייערמאַן, אַ גבר אין פֿולער בעוואָפּענונג, די האַנט אויפֿ׳ן רודער און איבּער אים אַ הויך בּעגולט און שיין געשניצט רעכעל, וואָס האָט אים געשיצט אַזוי ווי אַ ריזיג-גרויס בּלאַט.

בּשעת די גאַלערע האָט זיך איבּערגעדרייט, האָט זיך דער-הערט אַ קורצער און שאַרפֿער טרומייטען-שאַל און די שיפס-לייט זיינען אַרויסגעלאָפּען אויפֿ׳ן דעק, אַלע פּרעכטיג בּעוואָפֿענט, מיט קופּערנע העלמס, גלאַנציגע פֿאַנצערס און וואַרף-שפּיזען. די שיף-

סאָלדאַטען האָבּען זיך אויסגעשטעלט ווי צום קאַמף אין די אמתע מאַטראָסען האָבּען אַרויפֿגעקלעטערט אויף די רייעס. די אָפּיצערען און מוזיקאַנטען האָבּען פֿאַרנומען זייערע ערטער. אַלץ איז צוגעגאַנגען רוהיג, אָהן קולות און נישט־נייטיגען רעש. אַז די שיף איז צוגעקומען צום דאָס, האָט מען פון שטייערמאַנס דעק אַריבערגעוואָרפען אויפ׳ן בּרעג אַ טראָפּ. דאָ האָט דער טריבּון זיך געווענדעט צו זיינע פריינד און געזאָגט מיט אַ ערנסט, וואָס ער האָט נאָך אַזאַ בּיזאַהער ניט אַרויסגעוויזען:

— ני, מיין פֿריינד, אַצונד רופט מיך דער חיב!

ער האָט אַראָפּגענימען דעם לאָרבּערקראַנץ פון קאָפּ און דערלאַנגט אים דעם קוביה־שפּילער.

— נעם צו דעם קראַנץ, אָ ליבּלינג פון דעם מזל! — האָט ער געזאָגט.

— טאָמער קום איך צוריק, וועל איך ווידער פּרובּען אָפּגעווינען מיינע סעסטערציעס; אָבּער אָהן אַ ניצחון וועל איך ניט קומען. היינג אויף דעם קראַנץ אין דיין אַטריום.

ער האָט אַרומגענומען אַלע פריינד כּסדר.

די שקלאַפען, וואָס האָבּען אָנגעבּויגען זייערע פֿאַקלען, האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. דערנאָך האָט ער זיך אומגעווענדעט צו דער שיף, וואָס האָט פאָרגעשטעלט אַ פּראַכטפּיל בּילד מיט די אויסגעשטעלטע גלאַנציגע שירות מאַטראָסען אין זייערע העלמס, פּאַנצערס און פינקעלדיגען כּלי־זיין און וואַפען־פּיץ. אַז ער איז אַרויף אויפֿ׳ן טראָפּ, האָבּען אַ שאַל געטאָן די טרומפּייטען, און אויפֿ׳ן שיף האָט זיך אויפגעוויקעלט דער פּורפּורנער פֿלאַג פון דעם אויבּערקאָמאַנדיר פֿונ׳ם פלאָט.

## צווייטער קאַפּיטעל.

### אויף דער גאלערע.

דער טריבון איז געשטאַנען אויפ'ן שטייערמאַן-דעק. ער האָט געהאַלטען אין האַנט די אָפֿענע מגילה מיט דעם דואומווירס בע-פעלען, און האָט גערעדט מיט'ן האָרטאַטאָר — דעם אויפזעהער איבער די רודערער.

— ווי שטאַרק איז מיין עקיפּאַזש?

— צוויי הונדערט צוויי און פופציג רודערער און צעהן אויסערן קאָמפּלעקט.

— ווי אָפֿט בייטען זיי זיך?

— אַלע צוויי שעה.

דער טריבון האָט זיך אַ ווײלע פאַרטראַכט.

— דאָס איז צו שווער. מ'וועט עס דאַרפען ענדערן, אָבער ניט איצטער. די רודערער קאָנען דאָך ניט אויסרוהען זיך ניט ביי טאָג און ניט ביינאַכט.

דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צום זעגעלמייסטער:

— דער ווינט איז גינציג, ציה אויף די זעגלען, וועט גרינגער זיין דאָס רודערן.

אַז ביידע אויפזעהער זיינען אוועק ערפילען די בעקומענע בע-פעלען, איז דער טריבון צוגעגאַנגען צום רעקטאָר — דעם הויפּט-שטייערמאַן.

— ווי לאַנג דינסטו שוין?

— צוויי און דרייסיג יאָר.
— אין וועלכע ים'ען ביסטו דערהויפּט געשוואומען?
— צווישען רוים און מזרח־לאַנד.
— אַט אַזעלכען דאַרף איך טאַקע האָבען.
אַריוס האָט נאָך אַ מאָל איבערגעלייענט דעם דואומוויר'ס אינסטרוקציעס.
— נעם דעם וועג קיין מעסינע פאַרביי דעם קאַפּ פון קאַמפּאַ־נעלע. דערנאָך זעגעל פאַזע דעם קאַלאַברישען ברעג, ביז דו וועסט דערזעהן צו דיין לינקער האַנט מעליטאַ. דערנאָך... זאָג מיר, די קאָנסט די שטערן, וואָס בעהערשען דעם יאָנישען ים?
— יע, איך קאָן זיי גוט.
— אַלזאָ פון מעליטאָ רודער צו מזרח־זייט קיין קיטערע. אויב די געטער וועלען אונז שיקען אַ גינציגען ווינט, וועל איך ערשט וואַרפען דעם אַנקער ניט פריהער ווי אין דער אַנטעמאַנער בוכ־טע. איך האָב זעהר אַ אייליגע שליחות. איך פאַרלאָז זיך אויף דיר.
אַריוס איז געווען קלוג, קלוג און פאָרזיכטיג. אמת, ער האָט טאַקע געבראַכט רייכע קרבנות אויף די מזבחות אין פרענעסטע און אַנציום; אָבער זיין קלוגשאַפט האָט אים דיקטירט ניט צו פאַרגעסען, אַז דעם חסר פון דער בלינדער פאָרטונע פאָרדינט מען ניכער דורך אייגענע פאָרזיכטיגקייט, אייגענע אָנשטריינגונגען, ווי דורך קרבנות און נדרים לכבוד איר. אַלס הויפּט־העלד פון דעם מאָלצייט, האָט ער אַ גאַנצע נאַכט בסדר פאַרבראַכט ביי וויין און שפּיל מיט זיינע פריינד; אָבער ווי נאָר ער האָט דער־שפּירט דעם ערשטען אָטעם פון ים־לופט, האָט זיך אין אים גלייך דערוועקט דער ים־פאָרער, און ער האָט זיך ניט בערוהיגט, ביז ער איז ניט בעקאַנט געוואָרען מיט זיין שיף אין אַלע פּרטים. די ניט־פאָראויסגעזעהענע סיבות וועלען אים שוין ניט טרעפען אומ־געריכט. מיט'ן אויפזעהער איבער די רודערער, דעם זעגעלמייס־טער און דעם שטייערמאַן האָט ער אָנגעהויבען; אַצינד האָט ער זיך בעקאַנט מיט די איבעריגע אָפיצערען און אויפזעהער — מיט דעם אָנפירער פון די ים־סאָלדאַטען, מיט דעם פאַרוואַלטער אי־בער'ן עסענוואַרג און איבער'ן לאַגער, מיט'ן שיף־מייסטער און

מיט'ן ממונה איבער דער קיך און דעם פייער. דערנאך האט ער בעקוקט די גאנצע שיף. קיין זאך האט זיך ניט אוועקגעגליטשט פון זיין שארפען בליק. אז ער האט געענדיגט די איבערזיכט, האט ער געקאנט אלצדינג, וואס האט זיך געפונען אין דעם גבול פון די איינגע שיף-ווענט, און האט זיך איבערצייגט, אז די גאלערע איז אויפ'ן בעסטען אופן צוגעגרייט און אויסגעריכט צו דער נסיעה און צו די פארשיידענע סיבות, וואס קאנען זיך טרעפען אויפ'ן וועג. ס'איז אים נאר געבליבען בעקאנט צו ווערען מיט די פערזענליכע מעלות און חסרונות פון דעם עקיפאזש, וואס איז געווען אונטער זיין קאמאנדע. דאס איז געווען דער הארבסטער טייל פון דער אויפגאבע און האט געפאדערט א לייגערע צייט. ער האט זיך גענומען דערצו אויף זיין אייגענעם שטייגער.

אום האלבען טאג איז די גאלערע געשוואומען איבער ים פארביי פעסטום. דער ווינט האט כסדר געווייט פון מערב-זייט און האט אנגעבלאזען די זעגלען — צו דער גרויסער הנאה פון דעם זעגעלמייסטער. די וואכען זיינען געווען שוין איינגעטיילט. אויפ'ן פאדערדעק האט מען אוועקגעשטעלט א אפערשטול, בעשאטען מיט זאלץ און גערשטען, און דער טריבון האט געשיקט פאר אים פייערליכע תפילות צו יופיטער. נעפטון און אלע אקעאנידעס, געבעטען ביי זיי שוץ און הילף, אויסגעגאסען פאר זיי נדרים-וויין און גערויכערט קטורת. אפגע'פטר'ט דאס, האט אריום, כדי צו קענען בעסער דורכשטודירען זיין עקיפאזש, זיך אוועקגעזעצט אין דער גרויסער קאיוטע — א אמתע'ר איש-מלחמה פון קאפ ביז די פיס.

די קאיוטע האט זיך געפונען אין מיטען גאלערע, פארנומען א שטח פון פינף און זעכציג פוס אין דער לייגג און דרייסיג פוס אין דער ברייט און האט בעקומען איר ליכט דורך דריי גרויסע לוקען. דער דאך איז געווען אנגעלענט אויף א ראנד זיילען; אין מיטען הדר איז דורכגעגאנגען דער מאסטבוים, אויף וועלכען ס'זיינען געווען אנגעהאנגען ארים און ארום העק, שפיזען, שלייידער-כלי-זיין, דעכטס און לינקס פון יעדער לוק זיינען געגאנגען

טרעפּ אַראָפּ-צו, וואָס זיינען געהאַנגען אויף זאַוויעסעס, מ׳זאָל זיי קאָנען אַרויפציהען און אַראָפּציהען; אַזוי ווי זיי זיינען אַצינד גע-ווען אַרויפגעצויגען, האָט דער חדר אויסגעזעהן ווי אַ האַלע, וואָס אירע פענסטער זיינען געווען די לוקען.

די דאָזיגע קאַיוטע איז געווען אַזוי צו זאָגען דאָס האַרץ פֿון דער שיף. זי האָט געדינט אַלס זאַמעלפּונקט פֿאַר אַלע שיפֿס-לייט — זייער דירע, עסצימער און שלאָף-חדר, אויך אַלס גימנאַס-טישער זאַל און אָפּרוה-אָרט פֿאַר די שיפֿסלייט, וואָס זיינען ניט געווען פֿאַרנומען. דער דאָזיגער פילזייטיגער געברויך האָט גע-קאָנט געמאָלט זיין, אַדאַנק דער שטרייננער דיסציפּלין אויפֿ׳ן באָרט, וועלכע האָט רעגולירט פּינקטליך צו דער מינוט דאָס טעגליכע לעבען פון די מענשען אויף דער שיף און האָט זיך געשאַפט מויערפעסט און אומברחמנות׳דיג ווי דער טויט.

אויפֿ׳ן הינטערשטען עק קאַיוטע האָט זיך געפונען אַ פּלאַט-פאָרמע אויפגעהויבען אייף עטליכע טרעפּלעך. דאָרט איז געזע-סען דער אויפזעהער איבער די רודערער; פֿאַר אים איז געשטאַ-נען אַ רעזאָנאַנס-טיש, אויף וועלכען ער האָט מיט אַ הילצערנעם האַמער אויסגעקלאַפּט דעם טאַקט פאַר די רודערער. צו זיין רעכטער האַנט איז געשטאַנען אַ קלעפּסידרע אָדער אַ וואַסער-זייגער, וואָס האָט רעגולירט די צייט, ווען די וואַכען פֿלעגען זיך ביטען. איבער דעם זייגער, אויף אַ נאָך העכער ליגענדיגער פּלאַטפאָרמע, וואָס איז געווען אַרומגערינגעלט מיט אַ בעגילטער פּאַרענטשע, האָט זיך געפונען דעם טריבונס קוואַרטיר, פון וואַ-נען ער האָט געקאָנט צוקוקען אַלצדינג אַרום אים. דאָרט איז געשטאַנען אַ בעט, אַ טיש און אַ בימה, ד. ה. אַ שטול מיט אַ קישעלע און מיט אַ הויכען אָנלעהן. די דאָזיגע הפצים זיינען אַ דאַנק דעם קיסר׳ס ברייטער האַנט געווען טאַקע כיד-המלך.

אינ׳ם דאָזיגען היסב-שטול, שאָקלענדיג זיך הין און צוריק נאָך די בעוועגונגען פון דער שיף, איז געזעסען אַריוס; דעם כאָלדאַ-טען-מאַנטעל אַרויפגעוואָרפען איבער דער טאָגע, מיט אַ אָנגעגור-טער שווערד, האָט ער ניט אַראָפּגענומען זיין שאַרף אויג פון דער קאָמאַנדע, וועלכע האָט אים צוריק בעטראַכט פּונקט אַזוי שאַרף,

הגם אפילו בגניבה. די מינדסטע זאַך האָט זיין בליק ניט איבער־געהיפּט, צום לייגנסטען אָבער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף די רודערער. דער לעזער וואָלט אָהן שום ספק אויך געטאָן דאָס אייגענע; אָבער ביי אים אין האַרצען וואָלט דער אָנבליק אויפ־געוועקט נאָר אַ טיף רחמנות־געפיל, אין דער צייט וואָס דער טרי־בין האָט, ווי דער סדר איז פון געוועלטיגער, ניט אזוי געקיקט אויף די פּערזאָנען, ווי אויף די רעזולטאַטען פון זייער אַרבעט, אויף וויפיל זיי זיינען געווען ווילטיג פאַר אים.

דאָס בילד, וואָס האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט, איז געווען זעהר אַ פּשוטס. ביי די זייטען קאַיוטע, איבער איר גאַנצער לייגנ, האָ־בען זיך געצויגען דריי שורות ביינק, וואָס זיינען געווען בעפעס־טיגט צו די טימבערסען אויף אַזאַ אופן, אַז די צווייטע שורה איז געווען הינטער און העכער פון דער ערשטער, און די דריטע — הינטער און העכער פון דער צווייטער. די זעכציג רודערער זיינען געווען אויסגעזעצט אַזוי, אַז יעטווידער האָט געהאַט גענוג פּלאַץ פריי צו אַרבעטען מיט די רודערס, אויב נאָר ער האָט גענוי גע־האַלטען דעם טאַקט. אין תוך גענומען, די זעלביגע זאַך ווי ביי סאָלדאַטען, וואָס מאַרשירען אין געשלאָסענע רייען צום טאַקט.

די רודערער פון די ערשטע צוויי שורות ביינק זיינען ביי דער אַרבעט געזעסען, בשעת ווען די רודערער פון דער דריטער שורה האָבען געמוזט שטיין, ווייל זיי האָבען געהאַט לייגגערע רודערס. די רודערס זיינען ביי די ענטלעך געווען אָנגעגאָסען מיט בליי און געהאַנגען אין בייגעוודיגע רימענדלעך, וועלכע האָבען געגע־בען די מעגליכקייט צו רודערן קעגען ווינט; דערצו אָבער האָט זיך געפאָדערט אַ גרויסע בריה'שאַפט, און גאַנץ אָפט האָט גע־טראָפען, אַז אַ אומגעריכטע הויכע כוואַליע פלעגט פאַרפלייצען און אַראָפּטראָגען פון אָרט דעם אומפאָרזיכטיגען רודערער.

דורך די רודער־לעכער איז אויך אַריין פרישע לופט, און דורך די גראַטעס אויבען אויפ'ן דעק איז צוגעקומען דאָס ביסעל שיין פאַר די קנעכט פון דער גאַלערע. אין איינינע פּרטים אַלזאָ האָט די לאַגע פון די רודערער געקאָנט זיין נאָך ערגער. אָבער דערפון איז נאָך גאָרנישט געדרונגען, אַז זייער לעבען איז געווען זעהר

אָנגענעם. קיין שום מגע-ומשא צווישען זיך האָבען זיי ניט געטאָרט האָבען. טאָג איין, טאָג אויס זיינען זיי געזעסען אויף זייערע ערטער, ניט אויסריידענדיג קיין איינציג וואָרט; בשעת דער אַרבעט האָבען זיי ניט געקאָנט זעהן איינער דעם אַנדערן אין פּנים; און די קורצע הפסקות, וואָס מ׳האָט זיי געגעבען אויף אָפּרוהען, פלעגען ביי זיי אַוועקגיין אויף עסען און שלאָפען.

שווער איז אין יענע צייטען בכלל געווען די שקלאַפען-אַרבעט פון די פאַר׳משפּט׳ע — סיי אויף די וואַלען פון די פעסטונגען, סיי אויף די שאָסייען און אין די בערג-גרובען. אָבער די קריגס-גאַלערעס ווי אויך די האַנדעלסשיפען האָבען זיך ניט אָנגעזעטיגט מיט קרבנות. זינט דרואילוס האָט אויסגעשפּילט די ערשטע ים-שלאַכט פאַר זיין פאָטערלאַנד, האָבען די רוימער זיך אָפּגעלייגט אויף די רודערס און זיי האָט געהערט דער כּבוד פון ניצחון פּונקט אַזוי ווי די ים-סאָלדאַטען. די דאָזיגע רודער-בּיינק זיינען געווען די עדות פון רוים׳ס וואַקסענדיגער מאַכט און פון דער גבורה פון די רוימישע העלדען. פון כמעט אַלע אומות זיינען געזעסען אויף די דאָזיגע בּיינק, דאָס רוב מלחמה-געפאַנגענע, וואָס זיינען בעשטימט געוואָרען צום רודער-דינסט אַ דאַנק זייער מוסקול-קראַפט און דעם כּוח אַריבערצוטראָגען צרות. דאָ איז געזעסען אַ בריט, אַנטקעגען אים אַ ליוויער, הינטער אים אַ זון פון קרים אויף איין באַנק מיט אַ סקיט, אַ גאַליער, אַ טעבענער. רוימישע פאַרברעכער צווישען גאָטען און לאַנגאָבאַרדען, אידען, כּושים און באַרבאַרען פון ווייטען צפון-לאַנד. דאָ אַ אַטענער, דאָרט — אַ רויטהאָריגער ווילדער פון דער פאַרוואָרפענער היבערניע, און ווייטער — בלוי-אויגיגע ריזען פון קימבערלאַנד. קיינעם פון זיי האָט מען קיינמאָל ניט געזעהן לאַכענדיג און קיינעם האָט מען קיינמאָל ניט געהערט זינגענדיג. וואָס טויג דעם מענשען די צונג, ווען זי דינט נאָר צום זיפצען און קרעכצען און טאָר ניט אויסדריקען קיין שום מחשבה? די מערכה פון די דאָזיגע אָרימע פאַר׳משפּט׳ע איז געווען געגליכען צו אַ אינטערערדישען שטראָם, וואָס שטרעבט פּאַמעליך און מיט מאַטערניש צו געפינען אַ אַרויסגאַנג אויף דער פריי, אָבער כמעט שטענדיג אומזיסט.

די אַרבעט פֿון די רודערער האָט געפֿאָדערט צו ווייניג חכמה, אַז זי זאָל קאָנען שאַרפֿען זייער גייסט. די קראַפֿט פֿון שטוים, דאָס שוועבען און דאָס טונקען די רודערס אין וואַסער, די געניטשאַפֿט צו קאָנען רודערן קעגען ווינט, — דאָס איז געווען די גאַנצע תּורה פֿון אַ רודערער. און וואָס אַווטאָמאַטישער די בעוועגונגען זיינען געווען, אַלץ בעסער פֿלעגען זיי זיך איינגעבען. אַפֿילו די פֿאָרזיכטיגקייט, וואָס איז אַזוי נויטיג אויפֿ'ן ים, איז פֿאַר זיי געווען גיכער אַזאַך פֿון אינסטינקט איידער פֿון בעוואוסטזיין. די לאַנגע קנעכטשאַפֿט פֿלעגט די אומגליקליכע פֿאַרטעמפֿען, מאַכען זיי געדולדיג, געהאָרכזאַם, אָהן אַ ווילען און אָהן אַ געדאַנק. זיי פֿלעגען ווערען בעשעפֿענישען מיט אַ געוואַלטיגער מוסקעל־קראַפֿט, אָבער מיט אַ אויסגעצאַפּטען גייסט, וואָס פֿלעגען אויסגיין פֿון די געוויינליך אָרימע, אָבער דערפֿאַר נאָך טייערערע זכרונות, ביז זיי פֿלעגען סוף־כּל־סוף אַריינפֿאַלען אין אַ מין מרה־שחורה, אין אַ צושטאַנד פֿון האַלבער בעוואוסטלאָזיגקייט. זייער עלענד און צער פֿלעגט ביסלעכווייז ווערען פֿאַר זיי אַ רגילות.

אַ שעה נאָך אַ שעה איז דער טריבון געזעסען אין זיין ווייכען שטול און זיינע מחשבות זיינען געווען פֿאַרנומען מיט די פֿאַרשיידענסטע זאַכען, נאָר ניט מיט דעם עלענד פֿון די שקלאַפֿען אויף די רודער־בּיינק פֿאַר אים. זייערע גלייכמעסיגע בעוועגונגען סיי פֿון רעכטס סיי פֿון לינקס זיינען אים באַלד נמאס געוואָרען, און ער האָט אָנגעהויבען צו בעטראַכטען זיי איינציגווייז. מיט זיין „סטיל“ אָדער גריפֿעל האָט ער געמאַכט בעמערקונגען אויף זיין שרייבטאָוועל וועגען איינינע רודערער, וואָס זייערע אַרבעט איז אים ניט גאָר געפֿעלען, און ער האָט געטראַכט דערביי, אַז ווען אַלץ וועט גיין כּשורה, ווען ער וועט מנצח זיין די פּיראַטען, וועט ער מסתּמא געפֿינען צווישען זיי אַזעלכע, וואָס וועלען זיין בעסערע רודערער, ווי איינינע פֿון די, וואָס זיינען אַצינד געזעסען פֿאַר אים דאָ און דאָרט אויף די בּיינק.

ס'איז געווען גאַנץ איבעריג, אַז די שקלאַפֿען זאָלען ווייטער טראָגען זייערע נעמען; ווען זיי פֿלעגען אַראָפּנידערן אין דעם קבר פֿון די גאַלערעס, פֿלעגען די נעמען אָפּגעשאַפֿט ווערען און צוליב

איינפּאַכקייט פלעגן זיי בעצייכענט ווערן נאָר מיט נומערן, וואָס זיינען אָנגעשריבן געווען איבער זייער ערטער אויף די ביינק.

דעם טריבונס שאַרף אויג, וואָס איז אַריבערגעגאַנגען פֿון באַנק צו באַנק, פֿון זייט צו זייט, איז ענדליך שטיין געבליבן אויף נומער זעכציג. דאָס איז געווען יענער אָרט, וואָס האָט אייגענטליך נעהערט צו דער לעצטער שורה פון דער לינקער זייט, אָבער מחמת דיחק אין פלאַץ האָט ער זיך געפונען איבערן ערשטען אָרט פון ער ערשטער שורה.

די באַנק פון נומער זעכציג איז געווען נאָר עטוואָס העכער פאַר דער פלאַטפאָרמע און ווייט פֿון איר — ניט מער ווי עטליכע פיס. דורך די גראַטעס אויף דעם דעק איז דער שיין געפֿאַלען אויף דער גאַנצער פיגור פון דעם רודערער, אַזוי אַז דער טריבון האָט אים גוט געקאָנט בעטראַכטען. ער איז נאָך געווען זעהר יונג, ווייזט אוים קיים עלטער פֿון צוואַנציג יאָר. ער איז געשטאַנען גלייך אויסגעצויגען און ווי אַלע זיינע חברים אויף די ביינק — מוטער־נאַקעט אויסער אַ טוך אויף די לענדען.

געפֿינענדיג זיך אויף דער יבשה, איז אַריוס ניט נאָר געוועזען אַ פרייליכער שפּילער אין קוביה, נאָר אויך אַ אָפטער בעזוכער פֿון גימנאַסטישע שולען, וואו ער האָט זעהר ליב געהאַט צוקוקען, ווי ס׳ראַנגלען זיך די בערימטעסטע אַטלעטען. ער האָט זיך געהאַלטען פֿאַר אַ אָנהענגער און אַ מבין פֿון דער קערפערליכער קראַפֿט און שיינקייט, וואָס איז אויסגעבילדעט אין די ספעציעלע אַטלעטישע שולען. פון אַ לערער אין אַזאַ מין שול האָט ער אַמאָל געהערט, אַז די קערפערליכע קראַפֿט ווענדט זיך נאָר אָן דעם כּוח און דער גוטער אויסבילדונג פון דער מוסקולאַטור, אָבער די העכערע מעלות פֿון פיזישער קראַפט און גבורה קאָנען ערשט געמאָלט זיין דורך דער מיטווירקונג פֿון שכל און גייסט. אָננעמענדיג די דאָזיגע שיטה, פֿלעגט ער אָפט הנאה האָבען אויסצופרובען די ריכטיגקייט דערפֿון, שטודירענדיג ביי יעדער געלעגענהייט דעם מענשליכען קערפער.

זעלטען אָבער האָט דער טריבון בעגעגענט אַ מענשען, וואָס זאָל בעפרידיגען זיינע פרעטענזיעס אויף קערפערליכע פולקומהייט.

ערשט אַצונד אין נומער זעכציג האָט ער ענדליך געפֿונען אַ אָביעקט, וואָס האָט פֿולקום פֿאַרדינט זיין אויפֿמערקזאַמקייט.

ביים פאַרמעסטען זיך צו יעדער רודער־שטויס, האָט מען דעם רודערערס פנים און קערפער געקאָנט זעהן פון פלאַטפאָרמע נאָר אין פראָפיל; דערנאָך פלעגט זיך דער קערפער אַבייג טאָן אַהינטער, כדי צו געבען אַ נייעם שטויס דעם רודער. דער חן און די לייכטקייט, מיט וועלכע די דאָזיגע בעוועגונגען זיינען אויסגעפירט געוואָרען, האָבען לכתחילה געקאָנט דערוועקען אַ חשד, אַז ער פטרט צו לייכט אָפ זיין אַרבעט; אָבער דער חשד איז באַלד פאַרשוואונדען. די פעסטקייט, מיט וועלכער ער האָט געהאַלטען דעם רודער איבערן וואַסער, דער שטייגער ווי אַזוי ער פלעגט זיך אַ בייג טאָן אונטער דעם שטויס זיינען געווען זיכערע בעווייזען ניט נאָר פאַר דער קראַפט, וואָס איז דערביי אָנגעווענדט געווען, נאָר אויך פאַר דער קינצלערשאַפט און בריה׳שאַפט, מיט וועלכער דער רודער איז געפירט געוואָרען. דער נאָכשפירער אין ווייכען שטול האָט אָפגע׳פסק׳עגט ביי זיך אין האַרצען, אַז טאַקע אין אָט דעם פאַל קאָן זיין אַ רייד וועגען אַ קעגענזייטיגער שייכות צווישען גייסטיגער און קערפערליכער קראַפט, וואָס דאָס איז געווען דער תמצית פון זיין טעאָריע.

די קאָנטיגע יונגשאַפט פון דעם רודער־שקלאַף האָט ניט דערוועקט קיין שום סימן פון אַ רחמנות־געפיל ביי דעם טריבון; אָבער די הויכע, איידעלע וואוקס, די שיין געבויטע געשטאַלט האָבען זיך אים געוואָרפען אין די אויגען און שטאַרק ביי אים אויסגענומען. די הענט ביים נומער זעכציג זיינען אפשר געווען אַ ביסעל צו לאַנג, אָבער דער דאָזיגער חסרון האָט זיך פאַרגלעט דורך דעם אומגעוויינליכען פאַרנעם פון די מוסקלען, וואָס פלעגען ביי געוויסע בעוועגונגען אָנגעלאָפען ווערען און זיך אויסגעפלאָכטען ווי קאַנאַטען. יעדער ריפ האָט זיך דייטליך אָפגעצייכענט צוליב דער מאָגערקייט, וואָס איז אַזוי געשעצט געווען אין די אַטלעטישע שולען. איבער דער גאַנצער געשטאַלט און די בעוועגונגען פון דעם יונגען רודערער איז געלעגען אַ געוויסע האַרמאָניע, וואָס האָט אַרויסגערופען ביים טריבון ניט נאָר נייגיריגקייט, בעשטעטי־

נענדיג אויפ׳ן בעסטען אופן זיין טעאָריע, נאָר האָט אויך אויפגעוועקט אין אים אַ ריין מענשליכען אינטערעס צו דעם בחור.

— איך שווער ביי די געטער! — האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין, — דער יונג אינטערעסירט מיך! מ׳קאָן פון אים אַ סך ערוואַרטען! איך מוז דערגיין וועגען אים אַ ביסעל מערער.

אין דער רגע האָט דער רודערער אויסגעדרייט זיין פנים צו אַריוס׳ן און האָט אים אָנגעקוקט.

— אַ איד! און כמעט נאָך גאָר אַ אינגעל!

אונטער דעם טריבונס שאַרפען בליק זיינען דעם שקלאַפס גרויסע אויגען נאָך גרעסער געוואָרען, דאָס בלוט האָט אים הייס אַ זעץ געטאָן אין פנים אַריין און אַ רגע איז דער רודער געבליבען אָהן בעוועגונג אין זיין האַנט. אָבער תיכף האָט זיך דעם האָרטאַטאָרס האַמער מיט גרימצאָרן אַ זעץ געטאָן אין טיש. דער רודערער האָט אַ ציטער געטאָן, האָט אָפגעקערט דאָס פנים און ווידער זיך גענומען אַרבעטען קעגען ווינט, גלייך ווי דעם האָרטאַטאָרס קלאַפ וואָלט עס געוועזן צוליב אים. אז ער האָט נאָכדעם ווידער אַ קוק געטאָן אויפ׳ן טריבון, איז ער געוואָרען נאָך מער ערשטוינט ווי פריהער — זיין אויג האָט בעגעגענט אַ גוטמיטיגען שמייכעל.

דערווייל איז די גאַלערע אַריין אין מעסינער דורכגוס, פאַרבייגעפאָרען די שטאָט מעסינע און זיך באַלד פאַרנומען צו מזרח-זייט, איבערלאָזענדיג הינטער זיך די וואָלקענס רויך פון דער עטנע.

פון דעמאָלט אָן פלעגט אַריוס, זיך אומקערענדיג אויף זיין לוג-פאָסט אויף דער פלאַטפאָרמע אין דער קאַיוטע, שטענדיג זוכען מיט די אויגען דעם רודערער נומער זעכציג און שטענדיג איבער-חזר׳ן פאַר זיך:

— דער דאָזיגער יונג איז ניט ווי אַלע; ער האָט שכל. אַ איד איז ניט קיין באַרבאַר! איך מוז אים דערקאָנען נעהענטער.

## קאַפּיטעל דריי.

אריוס און בן־חור.

אין פיר טעג אַרום איז „אַסטרייע“ — אַזוי האָט געהייסען די שיף — שוין געשוואומען איבערן יאָנישען ים. דער הימעל איז געווען קלאָר און דער ווינט האָט געווייעט אַזוי גינסטיג, גלייך ווי ער וואָלט בריינגען דעם חסר פֿון אַלע געטער מיט זיך.

די בוכטע ביים מזרח־ברעג פון אינזעל ציטערע איז בעשטימט געוואָרען אַלס זאַמעל־פּונקט פֿאַר׳ן גאַנצען פֿלאָט, און אַריוס האָט אין אומגעדולדיגער ערוואַרטונג דאָס רוב צייט פֿאַרבראַכט אויפֿ׳ן דעק. אַלצדינג, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו זיין שיף, האָט ער געפֿאָרשט מיט קאָפּ און איז בכלל געבליבען פֿון איר זעהר צו־פרידען. זיצענדיג אין זיין וויכען שטול אין דער קאַיוטע, פֿלעגען זיינע מחשבות נאָכאַנאַנד זיך אומקערען צו דעם רודערער פון נומער זעכציג.

— קאָנסטו דעם מאַן, וואָס האָט זיך נאָר־וואָס אויפֿגעהויבען דאָרטען פון דער באַנק? — האָט ער ענדליך אַ פרעג געטאָן דעם האָרטאַטאָר.

עס איז גראָד געווען די צייט פון בייטען די רודערער.

— פון נומער זעכציג? — האָט דער געפֿרעגטער זיך אָפּגע־רופען.

— יאָ.

דער אויפזעהער האָט אויפמערקזאַם בעטראַכט דעם פֿאַרביי־גייענדיגען רודערער.

— ווי דיר איז בעוואוסט, — האָט ער געענטפערט, — איז די שיף אַרויס פון דעם בוימייסטערס הענט ערשט מיט אַ חודש צו־ריק, און די מענשען דאָ זיינען מיר פונקט אַזוי אומבעקאַנט ווי די שיף.

— ער איז אַ איד, — האָט אַריום פאַרטראַכטערהייט בעמערקט.

— דער איידעלער קווינטוס האָט אַ שאַרפען בליק.

— ער איז זעהר יונג, — האָט דער טריבון ווייטער גערעדט.

— אָבער דער בעסטער רודערער אונזערער, — האָט זיך יע־נער אָפּגערופען. — איך האָב געזעהן, ווי דער רודער האָט זיך אונטער זיין דרוק געבויגען שיעור זיך ניט צובראָכען.

— ווי איז ער בטבע?

— ער פאָלגט אין פייער און אין וואַסער. מער ווייס איך פון אים גאָרנישט. נאָר איינמאָל האָט ער זיך געווענדט צו מיר מיט אַ בקשה.

— דהיינו?

— ער האָט געבעטען, איך זאָל אים לאָזען רודערן אַמאָל אויף דער רעכטער זייט שיף, אַמאָל אויף דער לינקער.

— האָט ער ערקלערט די טעמים פון זיין בקשה?

— ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט בעמערקט, אַז די, וואָס רו־דערן שטענדיג אויף איין זייט, ווערען איינגעקרימט. דערצו האָט ער ערקלערט, אַז טאָמער וועט אים אויסקומען אַמאָל בשעת אַ שטורים־ווינט אָדער אַ שלאַכט צו אַרבעטען על־פּי־נויט אויף דער זייט, קאָן גרייליך זיין, אַז ער זאָל דערצו גאָרניט טויגען.

— ווי איך בין אַ רוימער! אַ זעלטענער איינפאַל! וואָס נאָך האָסטו אין אים בעמערקט?

— ער איז זויבערער פאַר זיינע חברים.

— אין דעם פּרט איז ער אַ רוימער, — האָט אַריום מיט צו־שטימונג געזאָגט. — ווייסט אפשר עפּעס פון זיין פאַרגאַנגענהייט?

— קיין שום זאַך ניט.

דער טריבון האָט זיך אויף אַ ווייַלע פאַרקלערט און דאַן האָט ער זיך אָפּגערופען:—

— אויב איך וועל זיין אויפ׳ן דעק, בשעת ער וועט זיך דאַרפען

ווידער זעצען צום רודער, זאָלסטו אים צושיקען צו מיר. אָבער ער זאָל צוגיין איינער אַליין.

אין אַ שעה צוויי אַרום נאָך דעם דאָזיגען שמועס איז אַריום געשטאַנען אונטער דער שיפּס־פּאָי. ער איז געווען אין דער שטי־מונג פון אַ מענשען, וואָס גייט אַנטקעגען אַ געשעהעניש פֿון דער גרעסטער וויכטיגקייט, און קאָן אָבער דערווייל גאָרנישט טאָן ווי וואַרטען; אין אַזאַ מין שטימונג טוט די פֿילאָזאָפֿיע אַ גרויסע טובה דעם פאַרהאַרטעוועטען גייסט, העלפענדיג אים בלייבען פולקום רוהיג. דער שטייערמאַן איז געזעסען אויף זיין פּלאַץ, האַלטענדיג די האַנט אויפ׳ן קאַנאַט, וואָס האָט געקערעוועט די שופלען פון די רודערס אויף ביידע זייטען שיף. אין שאָטען פֿון זעגעל זיינען געשלאָפען עטליכע מאַטראָסען. אָבער אויפ׳ן מאַסטבוים איז גע־זעסען דער וועכטער. אויפהייבענדיג די אויגען פון סאָלאַריום, וואָס האָט זיך געפֿונען אונטער דער שיפּס־פּאָן און האָט געדינט דער־צו, מ׳זאָל קאָנען בעשטימען, אין וועלכער זייט צו פאָרען, האָט אַריום דערזעהן דעם רודער־שקלאַף, וועלכער האָט זיך דערנעהענ־טערט צו אים.

— דער אויפֿזעהער האָט דיך אָנגערופען דער איידעלער אַריום און האָט געזאָגט, אַז דו האָסט בעפוילען, איך זאָל צוגיין צו דיר. בין איך געקומען.

מיט בעוואונדערנדיגע בליקען האָט אַריום בעטראַכט די הויכע מוסקולדיגע געשטאַלט פֿון דעם יונגען מאַן, וועלכע האָט גע־גלאַנצט אויף דער זון מיט גערויטעלטקייט פון געזונט און פריש בלוט, און ניט ווילענדיג איז דעם טריבון אַרויף אויפ׳ן גע־דאַנק די אַטלעטען פון די אַרענעס. דער בחור האָט געמאַכט אויף אים אַ גוטען אַיינדרוק. זיין שטיינער ריידען, דער טאָן פון זיין שטים האָט אויסגעזאָגט, אַז זיין לעבען האָט ער פריהער פאַר־בראַכט אין אַ איידעלערער סביבה; די אויגען האָבען געקוקט קלאָר און אָפֿען, מער נייגיריג, ווי מיט העזה. אונטער טריבונס שאַרפֿען, פאָרשענדיגען, הערשערישען בליק, וואָס איז געווען פעסט אויף אים אָנגעשטעלט, האָט זיין פנים ניט פֿאַרלאָרען אין יוגענד־ליכער שיינקייט; קיין סימן פון פאָרוואורף, חוצפה אָדער נקמה־

נעפּיל האָט זיך ניט אָפּגעשפּיגעלט אין זיין אויג; נאָר די שפּורען פון אַ טיפען, לאַנג אין שטום געטראָגענעם צער האָט מען גע־קאָנט דערין לייענען. אונטער דער ווירקונג פון דעם דאָזיגען גינ־סטיגען איינדרוק האָט דער רוימער גערעדט צו דעם יונגען בן־ישראל ווי אַ עלטערער מענש צו אַ אינגערען, ניט ווי אַ האַר צו אַ קנעכט.

— דער האָרטאַטאָר האָט מיר געזאָגט, אַז דו ביסט זיין בעס־טער רודערער.

— דער האָרטאַטאָר איז זעהר גנעדיג, — האָט דער יונג גע־ענטפערט.

— דו דינסט שוין לאַנג?

— אַ דריי יאָר.

— אַלץ ביי די רודערס?

— איך קאָן זיך ניט דערמאָנען קיין איין טאָג, וואָס איך זאָל ניט געווען געזעסען אויף דער רודער־באַנק.

— זעהר אַ שווערע אַרבעט. זעלטען ווער עס קאָן זי איבער־טראָגען אַפילו אַ יאָר, און דו ביסט דאָך דערצו נאָך אַ אינגעל.

— דער איידעלער אַריוס פאַרגעסט, אַז דער ווילען מאַכט די קראַפט שטאַרק ווי שטאָל. מיט דער הילף פון גייסט איז דער שוואַכער מנצח, בשעת ווען דער שטאַרקער גייט אונטער.

— נאָך דיין לשון דערקאָן איך אַ אידען אין דיר.

— שוין לאַנג איידער ס'האָט נאָך געלעבט דער ערשטער רוי־מער, זיינען מיינע אָבות געוועזען עברים.

— דער מויערפעסטער שטאָלץ פון דיין פאָלק איז אויך אין דיר ניט אָפּגעשטאָרבען, — האָט אַריוס געזאָגט, בעמערקענדיג אַ גע־רויטעלטקייט אויפ'ן רודערערס פנים.

— דער שטאָלץ ווייזט זיך קיינמאָל אַזוי שטאַרק ניט אַרויס, ווי ווען ער איז אין קייטען געשמידט.

— מיט וואָס האָסטו דען שטאָלץ צו זיין?

— איך בין אַ איד.

אַריוס האָט אַ שמייכעל געטאָן.

— איך בין אַפילו אין ירושלים קיינמאָל ניט געווען, — האָט

ער זיך אָפּגערופֿן, — אָבער פֿון די ירושלים׳ער פֿירשטן האָב איך געהערט. איינעם פֿון זיי האָב איך זאָגאַר געקאָנט, און וואָס אמת איז אמת — ער איז ווערט געווען צו זיין אַ קיניג. ער איז געווען אַ סוחר און זיינע שיפֿן פֿלעגט מען בעגעגענען אין אַלע ים׳ען. ווער ביסטו?

— איך מוז דיר ענטפֿערן פֿון דער רודערבאַנק אויף דער גאַלערע. איך בין אַ שקלאַף. אָבער מיין פֿאָטער איז געווען אַ פֿירשט אין ירושלים, אַ סוחר, און זיינע שיפֿן האָבן דורכגעזעגלט אַלע ים׳ען. מ׳האָט אים געקאָנט און געשעצט אין פּאַלאַץ ביים גרויסן אווגוסטוס.

— זיין נאָמען.

— איתמר פֿון בית חור.

פֿאַר גרויס איבערראַשונג האָט דער טריבון אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט.

— דו ביסט חורס אַ זון?

אין דערנאָך פֿאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע, האָט ער געפֿרעגט:

— וואָס האָט דיך געבראַכט אַהער אויף דער גאַלערע?

יהודה האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און האָט שווער געאָטעמט. אָבער בעהערשט זיין צערודערונג, האָט ער אַ קוק געטאָן דעם טריבון גלייך אין די אויגן אַריין און האָט געענטפֿערט:

— מ׳האָט מיך בעשולדיגט, אַז איך האָב געפּרובט הרג׳ענען גראַטוס׳ן, דעם פּראָקוראַטאָר.

— דו! — האָט אַריוס אויסגעשריען נאָך מער איבערראַשט און האָט געמאַכט אַ טריט אַ הינטער. — דו ביסט דאָס יענער מערדער! גאַנץ רוים איז געווען אויפֿגערודערט צוליב דעם דאָזיגן פֿאַרברעכן. איך האָב געהערט דערפֿון אויף מיינע שיפֿן אַפֿילו.

שווייגענדיג האָבן זיך ביידע מענער אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן.

— איך האָב געמיינט, אַז די פֿאַמיליע חור איז שוין אָפּגעמעקט פֿון דער ערד, — האָט זיך אין אַ ווײַלע אַרום אַריוס דער ערשטער אָפּגערופֿן.

אַ שטראָם זיסע טייערע זיכרונות האָט אַ פֿלייץ געטאָן אויף׳ן

בחור און אַוועקגענומען בײַ אים דעם שטאָלץ. טרערען האָבען אַרויסגעפינקעלט אויף זיינע אויגען.

— אָ מאַמע, מאַמע! אָ מיין קליינע תּירצה! וואו זיינען זיי? אָ טריבון, איידעלער טריבון, טאָמער ווייסטו פון זיי וואָס־עס־איז, — האָט ער מיט תּחנונים אויפגעהייבען די הענט, — טאָ זאָג עס מיר! זאָג מיר, צי זיי לעבען נאָך, און אויב זיי לעבען — וואו זיינען זיי? און אין וואָס פאַר אַ לאַגע? אָ, איך בעט דיך רחמים — זאָג מיר אַלצדינג אויס!

ער איז אַזוי נאָהענט צוגעטראָטען צו אַריוס'ן, אַז זיין האַנט האָט בערירט דעם טריבונס מאַנטעל.

— דריי יאָר זיינען פאַרשוואונדען זינט יענעם שרעקליכען טאָג, — האָט יהודה ווייטער גערעדט, — דריי יאָר, אָ טריבון, און אין יעטווידער שעה פון די דאָזיגע דריי יאָר איז געלעגען דער צער פון אַ גאַנצען לעבען — פון אַ לעבען אין אַ אָפּגרונד, אין אַ תּהום פון אייביגען שטרעבען, מיט דער שווערסטער אַרבעט נאָר אַלס איינציגער אָפּרוה — און פאַר דער גאַנצער לאַנגער צייט קיין שום וואָרט פון קיינעם, קיין שום קלאַנג! אָ, ווען מיר וואָלטען כאָטש קאָנען פאַרגעסען, אויב מ'האָט פאַרגעסען אין אונז! אָ, ווען פאַר מיינע אויגען וואָלט שטענדיג און תּמיד ניט געשטאַנען יענץ בילד — מיין שוועסטער אַוועקגעפירט דורך די סאָלדאַטען, מיין מוטערס לעצטער בליק! איך האָב געפילט, ווי דער אָטעם פון מגיפה האָט אויף מיר געהויכט, ווי די שיף האָט געציטערט אונטער מיר אין דער שלאַכט; איך האָב געהערט דאָס וואָיען פון שטורעם און דעם רעש פון די כוואַליעס, און האָב געלאַכט בשעת די אַנדערע האָבען מתפּלל געווען; דער טויט וואָלט פאַר מיר געווען אַ ישועה, אַ דערלייזונג. נאָר אין דער גוואַלטיגער פיזישער אָנשטריינגונג האָב איך געקאָנט פּרובען צו פאַרגעסען די שרעקבילדער פון יענעם טאָג. גיב נאָר אַ טראַכט, ווי ווייניג דו דאַרפסט, כּדי מיר צו העלפען! זאָג מיר, צי זיינען זיי טויט, אָדער נאָך אפשר ערגערס, דען גליקליך קאָנען זיי ניט זיין, כּל־זמן איך בין פאַרלאָרען פאַר זיי. אין די נעכט האָב איך געהערט ווי זיי רופען מיך, אויף די כוואַליעס, האָב איך זיי געזעהען בלאָנדזשען. אָ, אין

דער גאַנצער וועלט איז ניטאָ עטוואָס געטרײַערס. עטוואָס אמת׳-ערס ווי די ליבע פֿון מײַן מוטער! און תּרצה — זי איז געווען רײַן און צאַרט ווי דער דופֿט פֿון ווײַסע ליליעס. זי איז געווען דער אינגסטער צווײַג פֿון דער פּאַלמע — אַזאַ פֿרישע, אַזאַ ליבליכע, מיט אַזוי פֿיל חן און שײַנקײַט! זי איז געווען די זון פֿון מײַן לע-בען, איר גאַנץ וועזן איז געווען ליבליכע מוזיק. און מײַן האַנט האָט זיי בײדען געפּטרט! איך...

— ביסט כּודה אין דײַן שולד? האָט אַריוס שטרײַנג געפֿרעגט.

די פֿאַרענדערונג, וואָס איז נאָך דער פֿראַגע פֿאָ־געקומען מיט בן-חור׳ן, איז געווען אויסטערליש אָנציזעהן; אַזוי אומגעריכט, אַזוי פּלוצלונג איז זי געקומען. זײַן קול איז געוואָרען האַרט און שאַרף, זײַנע הענט האָבען זיך צונויפֿגעדריקט, די אויגען האָבען געברענט; יעדער אבר האָט אין אים געציטערט.

— דו האָסט געהערט וועגען דעם גאָט פֿון מײַנע עלטערן, — האָט ער געזאָגט, — וועגען דעם אײביגען יהוה. בײַ זײַן חכמה און אַלמאַכטיגקײַט, בײַ דער ליבע, מיט וועלכער ער האָט דאָס פֿאָלק ישראל געפֿירט פֿון קדמונים אָן, שווער איך, אַז איך בין אומשולדיג!

דער טריבון איז געווען טיף אויפֿגערודערט.

— אָ אײדעלער רוימער! האָט בן-חור ניט אײפּגעהערט, שײַנק מיר אַ פּינק אמונה! שיק אַרײַן אַ שטראַל ליכט אין דער טיפֿע-ניש פֿון מײַן חושך, וואָס ווערט פֿון טאָג צו טאָג אַלץ געדיכטער!

אַריוס האָט זיך אָפּגעקערט און גענומען שפּרײַזען הין און צוריק איבערן דעק.

— איז איבער דיר דען ניט געוועזען קײן משפּט? — האָט ער אַ פֿרעג געטאָן, פּלוצלונג שטײן בלײַבענדיג.

— נײן.

פֿאַרוואונדערט האָט דער רוימער אויפֿגעהויבען דעם קאָפּ.

— קײן אויספֿאָרשונג ניט, קײן עדות ניט! ווער־זשע האָט דיך פֿאַר׳משפּט?

ווי בעוואוסט, האָבען די רוימער דווקא אין די צײַטען פֿון זײער

ירידה געהאַלטען זיך שטריינג אָן געזעץ און אָן זיינע פאָרמאַלי־טעטען.

— מ׳האָט מיך געבונדען מיט שטריק און אַוועקגעשלעפּט אין אַ קעלער־תפיסה אין טורים. איך האָב קיינעם ניט געזעהן; קיינער האָט מיט מיר קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. אויף מאָרגען האָבען די סאָלדאַטען מיך אַוועקגעפירט צום ברעג ים. פון דאַמאָלסט אָן בין איך אַ גאַלערען־שקלאַף.

— וואָס פאַר אַ בעוויזען וואָלסטו נעקאָנט ברענגען, אַז דו ביסט אומשולדיג?

— איך בין געווען אַ אינגעל, צו יונג, צו זיין אַ פאַרשווערער. גראַטום׳ן האָב איך גאָר נישט געקאָנט. וואָלט איך באמת געהאַט בייזע כוונות אויף זיין לעבען, איז ניט דער אָרט און ניט די צייט געווען מסוגל דערצו. ער איז געריטען אין מיטען העלען טאָג, אַרומגערינגעלט פון אַ גאַנצען לעגיאָן. אַנטלויפען וואָלט איך בשום־אופן ניט געקאָנט. איך האָב געהערט צו אַ קלאַס, וואָס האָט זיך צו די רוימער פאַרהאַלטען זעהר פריינדליך. מיין פאָטער איז אַ סך מאָל אויסגעצייכענט געוואָרען אין זכות פון זיינע גרויסע פאַרדינ־סטען פאַרן קיסר. מיר האָבען געהאַט צו פאַרלירען גרויס עשירות. פאַר אונז אַלעמען — פאַר מיר, פאַר מיין מיטער און מיין שוועס־טער — איז דער שלעכטער אָפּשניט געוועזען זיכער. איך האָב ניט געהאַט קיין שום סיבה צו האַסען; פאַרקערט, ווען די כוונה צו דעם בייזען אָקט וואָלט אַפילו זעהר שטאַרק געווען אין מיר, וואָל־טען אַ סך אַנדערע טעמים — דאָס עשירות, די פאַמיליע, דאָס לעבען, דאָס געוויסען, דער דין, וואָס איז באַר די קינדער פון ישראל נאָך טייערער פון לופט, — אָפּגעהאַלטען מיין האַנט. איך בין ניט געווען אַראָפּ פון זינען, איך וואָלט ליבער אויסגעקליבען דעם טויט איידער די חרפה; און גלויב מיר, איך בעט דיך, איך וואָלט עס נאָך אַצונד אויך געטאָן.

— ווער איז געווען לעבען דיר, ווען דער שטיין איז אַראָפּגע־פאַלען?

— איך בין געשטאַנען אויפ׳ן דאַך, אויפ׳ן דאַך פון מיין פאָ־טערס הויז. לעבען מיר איז געווען תרצה, דער מלאך פון גוטס־

קייט און צניעות. מיר האבען זיך אריבערגעבויגען איבער דער מעקה, כדי בעסער צו זעהן דעם פארבייגייענדיגען לעגיאן. אונטער דעם דרוק פון מיין האנט האט זיך אפגעריסען א ציגעל, איז אראפגעפאלען און געטראפען גראטוס'ן. איך האב געמיינט — כ'האב אים גע'הרג'עט, און א אימה איז מיך בעפאלען.

— וואו איז געוועזען דיין מוטער?

— אונטען אין איר חדר.

— וואס איז געווארען מיט איר? ¡

בן-חורים הענט האבען זיך צונויפגעדריקט אין פויסטען; אים איז שווער געווארען צו כאפען דעם אטעם. — איך ווייס ניט. איך האב געזעהן, ווי מען האט זי געשלעפט, דאס איז אלץ, וואס איך ווייס. איטליכם לעבעדיג בעשעפעניש, אפילו דאס פיה אהן שכל, אהן פארשטאנד האט מען ארויסגעטריבען פון הויז און די טויערן האט מען פאר'התמ'עט. דאס האט בעטייט, אז קיינער וועט זיך שוין ניט אומקערען אין אונזער הויז. א, ווען איך וואלט געוואוסט, וואו זיי זיינען! א כאטש נאר איינאונאיינציג ווארט! זי, די מוטער, לכל-הפחות, איז דאך געוויס געוועזען אומשולדיג! איך בעט דיך מוחל זיין, איידעלער טריבון, הגם מוחל זיין וואלט איך גאר געדארפט! אבער זאל דען א שקלאף ווי איך ריידען פון מחילה אדער נקמה! איך בין אויף מיין גאנצען לעבען צוגעשמידט צו דעם רודער!

אריוס האט זיך אויפמערקזאם צוגעהערט. אנווענדענדיג זיין גאנצע געניטשאפט אין בעציהונגען מיט שקלאפען, איז ער געקומען צו אזא אויספיר: אויב דעם רודערערס געפילען זיינען געמאכטע, איז ער א קינצלער אין פארשטעלען זיך; זיינען זיי אבער אמת'ע, בלייבט ניט איבער קיין שום ספק, אז ער איז אומשולדיג. און טאמער איז ער טאקע געוועזען אומשולדיג — איז מיט וואס פאר א בלינדען גרימצארן די מאכט האט זיך עס אויף אים ארויפגעווארפען! א גאנצע פאמיליע געבראכט פאר א קרבן, אבי זיך נוקם צו זיין פאר א ניט-בכיוונ'דיגען בייזען צופאל! ער האט זיך א צאפעל געטאן ביי דעם דאזיגען געדאנק.

די קלוגע השגחה לאזט דעם מאראלישען געפיל ניט אפשטארבען אין איז, ווי רוי אין בלוטיג אונזער באשעפטיגונג זאל ניט

זיין; יושר און רחמנות, אייב ווי האָבן נאָר פֿריהער געלעבט אין אונז, װערן ניט אויסגעשלאָסן אַפּילו אין ימלחמה אַזוי ווי בלומען אונטער שניי. דער טריבון האָט געקאָנט אויך זיין אומברחמנות'דיג שטרייננג, אַניט וואָלט ער ניט געטויגט פאַר דעם פּאָסטען, וואָס ער האָט פֿאַרנומען; ער האָט אָבער אויך געקאָנט זיין גערעכטינג און האָט ער געזעהן ערגעץ אַ עוולה, פֿלעגט ער גלייך טאָן אַלצדינג, כּדי זי צו פֿאַרריכטען. די עקיפּאַזשען פון די שיפען, וואו ער האָט געקאָמאַנדירט, האָבען אים גערופען דער גוטער טריבון. דער קלוגער לעזער דאַרף קיין בעסערע כאַראַקטעריסטיק גאָר ניט האָבען.

דאָ אין דעם ראָזיגען פֿאַל האָבען אַ סך אומשטאַנדען גאַנץ בעשטימט גערעדט לטובת דעם יונגען בן־ישראל; נאָר אויסערדעם האָבען זיך געלאָזט טייטשען נאָך אַנדערע טעמים. אפשר האָט אַריוס געקאָנט וואַלעריוס גראַטוס'ן און האָט געהאַט אַ גרונד אים ניט ליב צו האָבען. ס'קאָן אויך זיין, אַז ער האָט געקאָנט בן־חור'ס פאָטער. בשעת דעם געשפּרעך האָט יהודה געפרעגט אים וועגען דעם, ער האָט אָבער אויף זיין פראַגע קיין תשובה ניט בעקומען.

מיט דעם טריבון האָט עס אפשר געטראָפען צום ערשטען מאָל, ער זאָל זיך קווינקלען, ניט קאָנען בעשליסען, אין וואָס פֿאַר אַ וועג צו גיין. זיין מאַכט איז געווען אומבעגרעניצט. ער איז געווען אַ אַליינהערשער אויף דער שיף. דער בעקומענער רושם האָט אים גענייגט צו חסד; דער בחור האָט געוואונען זיין צוטרוי. פונדעסטוועגען — האָט ער געטראַכט — איז ניטאָ זיך וואָס צו אַיילען, אָדער ריכטיגער געזאָגט, מ'דאַרף זיך טאַקע אַיילען, אָבער קיין ציטערע, און מ'קאָן זיך ניט בעגיין אַצונד אָהן דעם בעסטען רודערער. בעסער אָפּוואַרטען, דערקענען אים נעהענטער. סיי־ווי־סיי האָט ער זיך געוואָלט איבערצייגען אויף זיכער, צי איז דער רודערער אויף אַ אמת טאַקע געווען אַ זין פֿון פֿירשט בן־חור און צי איז ער אומשולדיג. אַגב האָט ער זיך אויך געוואָלט בעקאַנען נעהענטער מיט זיין כאַראַקטער. שקלאַפען זיינען געוויינטליך לינגנערס. און ער האָט געזאָגט הויך אויף אַ קול:

— גוט, גיי זעץ זיך אויף דיין אָרט.

בן־חור האָט זיך פֿאַרנייגט; נאָך אַמאָל האָט ער אַ קוק געטאָן

דעם קאָמאַנדיר אין פּנים אַריין, ער האָט אָבער אויף אים גאָר־
נישט בעמערקט, וואָס זאָל אים קאָנען איינגעבען אַ שטיקעל האָפֿע־
נונג. לאַנגזאַם האָט ער זיך אומגעווענדט אַוועקצוגיין, האָט זיך
נאָך אַמאָל אומגעקוקט און זיך אָפּגערופֿען:

— טאָמער וועסטו זיך ווען־עס־איז דערמאָנען אין מיר, טריבון,
זאָלסטו געדענקען, אַז איך האָב בײַ דיר געבעטען ניט מער ווי
אַ ידיעה פֿון מײַן מוטער און שוועסטער.

און ער איז אַוועק.

מיט בעוואונדערונג האָט אים אַריוס נאָכגעשיקט זײַנע בליקען.

— איך שווער בײַ יופּיטער! — האָט ער געטראַכט. — ס׳אַראַ
גאַנג! ס׳אַר אַ אָרים פֿאַרן שווערד אָדער פֿאַר אַ גלאַדיאַטאָר! —
שטיי! — האָט ער אַ געשריי געטאָן.

בן־חור איז געבליבען שטיין און אַריוס איז צו אים צוגעגאַנגען.

— וואָס וואָלסטו געטאָן, ווען דו וואָלסט געוועזען פֿרײַ?

— דער איידעלער אַריוס מאַכט פון מיר חוזק! — האָט יהודה
געזאָגט מיט ציטערנדיגע ליפּען.

— ניין, בײַ די געטער — ניין!

— אויב אַזוי וועל איך דיר גערן ענטפערן. קודם־כּל וואָלט
פֿאַר מיר עקזיסטירט נאָר איין חוב. פֿון קיין שום אַנדער זאַך
וואָלט איך ניט געטראַכט. איך וואָלט ניט גערוהט, ביז וואַנען איך
וואָלט ניט אומקערען מײַן מוטער און תּרצה׳ן אין דעם הויז פון
מײַנע עלטערן. יעדען טאָג, יעדע שעה פון מײַן לעבען וואָלט איך
אַוועקגעגעבען צוליב זייער גליק. איך וואָלט זיי דינען טרייער ווי
דער טרייסטער קנעכט. זיי האָבען פיל פאַרלאָרען, אָבער איך
שווער בײַ דעם גאָט פון מײַנע עלטערן — איך וואָלט פאַר זיי
ערווערבען נאָך מער!

אויף אַזאַ תּשובה האָט זיך דער רוימער ניט געריכט. אַ רגע
האָט ער זיך געשלאָגען מיט דער דעה. דערנאָך האָט ער זיך
אָפּגערופֿען:

— מײַן פֿראַגע איז אויסען געווען דײַן אַמביציע. וואָס וואָלסטו
טאָן, ווען דײַן מוטער און שוועסטער וואָלטען זײַן טויט אָדער
ווען דו וואָלסט זיי ניט קאָנען אויפזוכען?

אַ טיפֿע בלאַסקייט האָט בעדעקט בן-חור׳ס פּנים. זיין בליק האָט אַוועקגעבלאָנדזעט צום ים. ער האָט אָנגעווענדט זיין גאַנצע קראַפט צו בעהערשען זיין ברויזענדיגע אינערליכע איפּרעגונג. דערנאָך האָט ער זיך ווידער געווענדט צום טריבון:

— דו פרעגסט מיך, וואָס פאַר אַ קאַריערע איך וואָלט מיר אויסגעקליבען?

— יאָ.

— איך וועל דיר ענטפֿערן דעם ריינעם אמת, טריבון! אין דער נאַכט ערב יענעם שרעקליבען טאָג, פון וועלכען איך האָב דיר נאָר-וואָס דערציילט, האָב איך בעקומען פון מיין מיטער אַ ערלויבעניש צו ווערען אַ קריגער. מיין פאַרלאַנג האָט זיך ניט געביטען. און אַזוי ווי אין דער גאַנצער וועלט איז פאַרהאַן נאָר איין שול פאַר מלחמה, וואָלט איך זיך אַוועקלאָזען אַהינצו.

— אין פּאַלעסטרע*)! — האָט אַריוס אויסגערופען.

— ניין, אין אַ רוימישען פעלד-לאַגער.

— אָבער אפריהער דאַרפסטו דאָך זיך אויסלערנען צו האַלטען געווער אין האַנט.

פאַר אַ האַר האָט עס ניט געפאַסט אַריינצולאָזען זיך אין אַזעלכע מחזקות מיט זיין שקלאַף. אויסגערעדט די לעצטע ווערטער, האָט אַריוס גלייך זיך געכאַפּט, אַז ער האָט געמאַכט אַ פעלער; און תיכף איז זיין קול געוואָרען שטריינג און זיין האַלטונג — קאַלט און פרעמד.

— גיי! — האָט ער געזאָגט, — און בוי קיין שום זאַך ניט אייך דעם, וואָס איך האָב מיט דיר דאָ גערעדט. אפשר האָב איך נאָר געטריבען קאַטאָוועס מיט דיר. אָבער — האָט ער צוגעגעבען, קוקענדיג פאַרטראַכטערהייט אָן אַ זייט, — אָבער אויב דו וועסט יאָ זיך דערמאָנען אָן אונזער שמועס מיט אַ שטיקעל האָפענונג, טאָ קלייב אויס צווישען דעם רום פון אַ גלאַדיאַטאָר און דער דינסט פון אַ סאָלדאַט. דאָס ערשטע קאָן דיר געווינען דעם קיסר׳ס

---

*) אַ גימנאַסטישע שול.

חסד; דאָס צווייטע וועט דיר אָבער גאָרנישט ניט געבען -- ניט קיין שכר און ניט קיין כבוד, דו ביסט דאָך ניט קיין רוימער. ניין!

אין אַ ווײַלע אַרום איז בן-חור ווידער געזעסען אויף זיין רודערבאַנק.

אַז ס'איז גרינג אויפ'ן האַרצען, איז אַפילו די שווערסטע אַרבעט לייכט. דער רודער האָט אויסגעוויזען יהודה'ן שוין ניט אַזוי שווער. אין זיין האַרצען האָט זיך גערירט די האָפענונג, שטיל ווי דאָס זינגען פון אַ פייגעלע. ער האָט קלאָר ניט געוואוסט, וואָס און ווען, אָבער ער האָט געפילט מיט זיין גאַנ'ץ וועזען, אַז עפּעס האָט זיך געענדערט. דעם טריבונס התראה -- „אַפשר האָב איך מיט דיר קאטאָוועס געטריבען" — האָט ער אָפּגעיאָגט פון זיך, ווי אָפּט זי איז אים ניט אַרויף אויפ'ן זינ'ען. דאָס, וואָס דער מעכטיגער טריבון האָט אים גערופען צו זיך און אויסגעפרעגט אים וועגען זיין גורל, איז געווען פון איצט אָן שפּייז פאַר זיין לעכצענדיגער נשמה, פאַר זיין פאַרזאָרגטען האַרץ. געוויס האָט אים ערוואַרט עפּעס גוטס. העל און קלאָר האָט אים געלויכטען דאָס ליכט פון דער האָפענונג און פון אירע הבטחות. און ער האָט מתפלל געווען: „אָ גאָט! איך בין אַ טרייער זין פון פאָלק ישראל וואָס דו האָסט אים דאָך אַזוי ליב געהאַט! איך בעט צו דיר — העלף מיר!"

## קאַפּיטעל פֿיר

### די פּיראַטען זיינען נאָהענט!

אין דער בוכטע פֿון אַנטעמאָנע, אויפֿ׳ן מזרח׳דיגען ברעג פֿון אינזעל ציטערע, האָבען זיך פֿאַרזאַמעלט די הונדערט גאַלערעס. איין טאָג האָט דער טריבון דאָרט אַוועקגעגעבען אויף בעקוקען די שיפֿען. דערנאָך האָט ער אַוועקגעזעגעלט ווייטער צו נאַקסאָס, דעם גרעסטען פֿון די ציקלאַדען-אינזלען, וואָס שטאַרצט אַזוי ווי אַ ריזיגער פֿעלז אַרויס פֿון דעם ים, כמעט אין מיטען צווישען דעם גריכישען ברעג און דעם אַזיאַטישען. פֿון דעם דאָזיגען פּונקט האָט דער טריבון בעהערשט דעם ים אַרום און אַרום, האָט געקאָנט אָפּשטעלען יעדע פֿאַרבײפֿאָרענדיגע שיף און איז געווען אימשטאַנד גלייך צו לאָזען זיך נאָכיאָגען די ים-רויבער, וואו זיי זאָלען זיך ניט געווען ווייזען — צי אין עגייאישען ים צי אין מיטעל-לענדישען.

אויסגעשטעלט אין שורות, האָט דער פֿלאָט זיך דערנעהענטערט צו די פֿעלזיגע ברעגעס פֿון דעם אינזעל. פֿלוצלינג האָט די וואַך געמאָלדען, אַז אין צפֿון האָט זיך געוויזען אַ גאַלערע. אַריוס האָט זיך געלאָזט פֿאָרען איר אַנטקעגען. דאָס איז געווען אַ פּראַכטשיף, וואָס איז געגאַנגען גלייך פֿון ביצאַנץ, און פֿון איר קאַפּיטאַן איז אַריוס געוואָר געוואָרען וועגען די פּיראַטען אַ סך פּרטים, וועלכע זיינען געווען פֿאַר אים העכסט וויכטיג.

די דאָזיגע פּיראַטען האָבען דאָס רוב געשטאַמט פֿון די ווייט-סטע ברעגעס פֿון דעם ים עווקסינוס, אַפֿילו פֿון טאַנאַאיס בײַ דער

לעפצונג פון דעם טייך, וועלכער טראָגט איצט דעם נאָמען דאָן. אַלע הכנות האָבען זיי געמאַכט בסודי סודות. מ'האָט פון זיי דער־הערט ערשט דאַן, ווען זיי האָבען זיך פלוצלונג געוויזען אין טראַ־קישען ים־בוזים און פאַרטיליגט דעם פלאָט, וואָס איז דאָרט גע־לעגען פאַראַנקערט. פון דאָרטען אָן ביז צום אַרויסגאַנג פון הע־לעספאָנט איז אלצדינג, וואָס איז געשוואומען אויפ'ן ים, געפאַלען זיי צו רויב. זייער עסקאדרע איז בעשטאַנען פון אַ זעכציג גאַלע־רעס, אַלע מיט געניטע מענשען און גוט בעוואָפענט. נאָר אייניגע גאַלערעס זיינען געווען צווייערודערדיגע, דאָס רוב זיינען זיי געווען שווערע דרייערודערדיגע. דער קאָמאַנדיר איז געווען אַ גריך, און די שטייערלייט, וואָס האָבען געהאַט אַ שם פאַר אויסגעציי־כענטע קענער פון די מזרח'דיגע ים'ען, זיינען אויך געווען גרי־כען. די פיראַטען האָבען פאַרכאַפּט רויב אָהן אַ שיעור. ניט נאָר אויפ'ן ים האָבען זיי געוואָרפען פחד און שרעק; אפילו די שטעט האָבען פאַרהאַקט זייערע טויערען און ארויסגעשטעלט ביינאַכט וואַכען אויף די ווענט ארום שטאָט. דער מסחר און דער מגע־משא האָט זיך אינגאַנצען אָפּגעשטעלט.

וואו זיינען די ים־רויבער געוועזען אָט איצטער?

אויף דער דאָזיגער פראַגע, וואָס האָט געהאַט פאַר אריום'ן די גרעסטע בעדייטונג, האָט ער בעקומען אזא תשובה:

נאָכדעם ווי די ים־רויבער זיינען בעפאַלען און צוראַבירט די שטאָט העפעסטיע אויפ'ן אינזעל לעמנאָס, האָבען זיי אַוועקגעזע־געלט צו דער טעסאַלישער גרופּע אינזלען און לויט די לעצטע ידיעות זיינען זיי פאַרשוואונדען אין די בוכטעס צווישען עובייע און העלאַדע.

אַזוי איז געוועזען דער מצב.

די איינוואוינער פון נאַקסאָס האָבען זיך מחנות'ווייז צונויפגע־קליבען אויף די בערגלעך ביים ברעג, כדי אָנצוקוקען דאָס זעל־טענע בילד, אַ פלאָט פון הונדערט גאַלערעס אין אַ געשלאָסענער עסקאַדרע־קאָלאָנע. פלוצלונג האָבען זיי דערזעהן, ווי די פאָדער־שטע אָפּטיילונג האָט זיך אויף גיך אַ קערעווע־געטאָן צו צפון־זייט און נאָך איר האָבען זיך אַ לאָז־געטאָן אויך די איבעריגע

שיפּען, איסגעשטעלט קאָלאָנעסווייז, אַזוי ווי אין דער קאַוואַלעריע.
דער שם פון די ים-רויבער און זייערע מעשים איז שוין דערגאַנ-
גען אויך צו די אַיינוואוינער פון דעם אינזעל, און אַצינד, נאָכ-
קוקענדיג נאָך די ווייסע זעגלען, וואָס האָבען זיך אָפּגעטראָגען
אַלץ ווייטער און ווייטער, ביז וואַנען זיי זיינען אינגאַנצען פאַר-
שוואונדען פון זייערע אויגען, האָבען אַפילו די סאַמע שרע-
קעדיגע בעקומען נייעם מוט. זיי האָבען געוואוסט, אַז וואָס רוים
האָט פאַרכאַפּט מיט איר שטאַרקער האַנט, האָט עס שטענדיג גע-
שיצט און פאַרטיידיגט, און פאַר די צינז און די שטייערן האָט זי
זיי צוריק געגעבען שוץ און זיכערקייט.

דעם טריבון האָט זעהר הנאָה-געטאָן צו הערען די בשורה ווע-
גען דעם שונא'ס בעוועגונגען. ער האָט זיך געפילט מחוייב טאָ-
פעלט צו דאַנקען די געטין פאָרטונע. זי האָט אים געשיקט
אַ ניכע און זיכערע בשירה און אריינגענאַרט דעם פיינד אין אַזעלכע
וואַסערן, וואו מ'האָט אים געקאָנט פאַרלענדען זיכערער ווי ער-
גיץ-וואו אַנדערש. אַריום האָט געוואוסט, וואָס פאַר אַ גרויסע צרות
איין איינציגע גאַלערע האָט געקאָנט אָנמאַכען אויף אַזאַ אָפּענעם
ים, ווי דעם מיטעללענדישען, און ווי שווער עס איז געווען זי
דאָרטען אויסצושפירען און איבערכאַפּען. ער האָט אויך געוואוסט,
אַז זיין בריה'שאַפט און זיין נאָמען וואָלט זיך זעהר געהויבען, ווען
עס וואָלט זיך אים אַיינגעגעבען מיט איין קלאַפּ צו פּטר'ן די גאַנצע
שטרייט-מאַכט פון די פּיראַטען.

אויף דער קאַרטע פון גריכענלאַנד און דעם עגייאישען ים קאָן
דער לעזער זעהן, אַז דער אינזעל עוובייע ליגט אַנטקעגען דעם
קלאַסישען ברעג ווי אַ שוץ-וואַל קעגען אַזיע און איז אָפּגעטיילט
פון דעם קאָנטינענט דורך אַ דורכגוס פון אַ הונדערט צוואַנציג
מייל לאַנג, אָבער אין דער ברייט דורכשניטליך ניט מער ווי
אַכט. די בוכטע אין צפון-זייט האָט אַמאָל געהאַט אויפגענומען
דעם פלאָט פון קסעריקס-אחשוורוש, און אַצינד האָבען זיך דאָרט
בעהאַלטען די דרייסטע ים-רויבער פון עווקסינוס. די שטעל פון
דער פעלאַזגישער בוכטע און פון דער מעלישער זיינען געווען
רייך, און האָבען צוגעזאָגט אַ גוזמא רויב. אַריוס איז סוף-כל-סוף

געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די ים־רויבער מוזען זיך געפינען ערגעץ אונטער די טערמאָפּילען, כּדי אויסצונוצען די גינסטיגע בעדינגונגען, האָט ער בעשלאָסען צו פֿאַרשפּאַרען זיי פֿון צפון־זייט און פון דרום־זייט. דערצו אָבער האָט מען ניט געטאָרט פֿאַרלירען קיין איין שעה צייט; אַפילו די זעלטענע פּירות און ווייַנען און די ליבליכע פֿרויען פֿון נאַקסאָס האָט מען געמוזט איבערלאָזען ניט־פֿאַרזיכטערהייט. אָהן אַ אָפּהאַלט האָבען זיי זיך געלאָזט רודערן פֿאָרווערטס, ביז קירץ פֿאַר'ן צופֿאַלען פֿון דער נאַכט איז אַרויסגעשוואומען אויפ'ן האָריזאָנט דער באַרג אָכאַ, און דער שטייער־מאַן האָט געמאָלדען וועגען דעם ברעג פֿון עובייע.

אויף אַ געגעבענעם סיגנאַל זיינען די רודערס שטיין געבליבען. אַ ריזס האָט צוטיילט דעם פֿלאָט אויף צוויי דיוויזיעס צו פופציג שיפען; מיט איינער האָט ער בדעה געהאַט אַליין אַריינצופאָרען אין קאַנאַל, און די אַנדערע האָט בעקומען דעם בעפעל וואָס גיכער אַוועקצורודערן אַרום דעם אינזעל, צו צפון־צו כּדי אַרויסקימען אים אַנטקעגען פֿון דער אַנדער זייט קאַנאַל.

אַוודאַי איז יעדע אָפּטיילונג בעזונדער ניט געווען שטאַרקער אין צאָל פֿון די פּיראַטען; דערפֿאַר אָבער האָט יעדערע געהאַט אַנדערע מעלות אַנטקעגען די ים־רויבער, און קודם־כּל די שטרייַנגע דיסציפּלין, וואָס אַ אַנאַרכיסטישע באַנדע האָט בשום־אופן ניט געקאָנט האַלטען, ווי העלדיש זי זאָל ניט געווען זיין. דערום האָט דער קלוגער טריבון זעהר גוט אויסגערעכענט, אַז ווען איין אָפּטיילונג זאָל אַפּילו געשלאָגען ווערען, וואָלט אָבער דער שונא דורכדעם זיך געמוזט צושפּרייטען אין בוכטע, און דער אַנדער אָפּטיילונג וואָלט זיך דאַן לייכט איינגעגעבען מנצח צו זיין די פּיראַטען.

דערווייַלע האָט בן־חור נאָך אַלץ פֿאַרנומען זיין אָרט אויף דער רודער־באַנק, אומבייטענדיג זיך, ווי דער סדר איז, אַלע זעקס שעה. דער אָפּרוה אין דער אַנטעמאָנער בוכטע האָט אים אַ ביסעל אָפּגעפֿרישט, און די אַרבעט איז אים אויסגעקומען ניט אַזוי שווער. דער אויפזעהער אויף דער פּלאַטפֿאָרם האָט ניט געקאָנט האָבען צו אים קיין טענות.

געוויינטליך שטעלט מען זיך כּמעט גאָר ניט פֿאָר, וואָס פֿאַר

אַ בערוהיגונג ס'ליגט אין דעם געפיל, צו וויסען וואו מען געפינט זיך און וואוהין מען גייט. די הרגשה, אַז מ'האָט זיך פאַרבלאָנדזיעט, טוט זעהר באַנג, אָבער ניט אין אַ ערך שווערער איז דאָס געפיל, ווען מ'ווערט געטריבען צו אַ אומבעקאַנטען ציל.

די רגילות האָט אין אַ בן-הזוג'ן דאָס דאָזיגע געפיל אַ ביסעל אָפּגעטעמפּט, אָבער אינגאַנצען אויסוואָרצלען עס פון אים האָט די געוואוינהייט ניט געקאָנט. זיצענדיג טאָג נאָך טאָג, שעה-איין-שעה-אויס בײַם רודער, האָט אים קיינמאָל ניט פאַרלאָזט דער פאַרלאַנג צו וויסען, אין וועלכען טייל ים די שיף געפינט זיך און וואוהין זי גייט; און אַצונד איז דער דאָזיגער פאַרלאַנג נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרען אין אים דורך דער האָפענונג, וואָס האָט זיך דערוועקט אין זיין נשמה זינט דעם נעכטיגען שמועס מיט'ן טריבון. יעטווידער געראויש אויף דער שנעל-לויפענדיגער שיף איז אים פאָרגעקומען ווי אַ בת-קול, וואָס זאָגט אָן אַ פאַרענדערונג אין זיין לאַגע; ער האָט געקוקט אַרויפצו אויף דעם שוואַכען שטראַל-ליכט, וואָס איז געפאַלען דורך די גראַטעס איבער זיין קאָפּ, מיט אַ געפיל פון דערוואַרטונג, אַליין זיך ניט קאָנענדיג אָפּגעבען קיין דין-וחשבון אין אים. אָפטמאָל האָט ער זיך געלאַפּט בײַ אַ כמעט ניט בײַצוקומענעם פאַרלאַנג אָנצוהייבען ריידען מיט דעם אויפזעהער אויף דער פּלאַטפאָרמע; אַ זאַך, וואָס וואָלט יענעם געוויס מערער איבערראַשט, ווי יעטווידער ניט פאָראויסגעזעהענע ווענדונג אין שלאַכט.

פאַר דער לאַנגער צייט פון זיין דינסט, צוקוקענדיג זיך צו די קאַרגע זונען-שטראַלען, וואָס זיינען געפאַלען אויפ'ן בריק פון דער קאַיוטע, האָט יהודה זיך אויסגעלערנט צו דערקאָנען די ריכטונג, אין וועלכער די שיף איז געפאָרען, אין דרום-זייט אָדער אין מערב, אין צפון-זייט אָדער אין מזרח; דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, געקאָנט געמאָלט זיין נאָר אין זוניגע טעג, ווי למשל, די, וואָס די פאָרטונע האָט אַצונד געשיינקט דעם טריבון. אויך זינט דעם אָפּפאָר פון ציטערע איז אים די דאָזיגע בעאָבאַכטונג געקומען צו ניץ; ער האָט בעמערקט יעטווידע אָפּווייכונג פון דער שיפס-וועג און אַ שאַרפער ווייטאָג האָט אים דורכגענומען, ווען ער האָט בעמערקט,

אַז ניט ווייט פון נאַקסאָס האָט זיך די שיף גענומען צו צפון-זייט; דען ער האָט זיך שוין געהאַט משער געווען, אַז זי רודערט גלייך קיין ארץ-ישראל צו. וועגען דער סיבה פון דער אומגעריכטער ווענדונג האָט ער אַפילו ניט געקאָנט האָבן דעם מינדסטן בעגריף; ניט אים, ניט זיינע מיט-שקלאַפן האָט מען קיינמאָל ניט געזאָגט, וואו די גאַלערע געפינט זיך און וואוהין זי טוט גיין. זיין אָרט איז געווען אויף דער רודערבאַנק און דאָרט האָט מען אים אָהן רחמנות געהאַלטן סיי ווען די שיף איז געלעגן פאַראַנקערט, סיי ווען זי האָט געשפּאָלטן די אינדען פון ים. איין-איינציג מאָל פאַר די גאַנצע דריי לאַנגע יאָרן האָט ער געהאַט די מעגליכקייט אַ קוק צו טאָן פון דעק אַראָפּ — בשעת דער טריבון האָט אים גערופן צו זיך. ער האָט אַפילו קיין השגה ניט געהאַט, אַז נאָך דער גאַלערע, וואָס ער האָט געהאָלפן טרייבן פאָרווערטס מיט אַלע זיינע כוחות, איז נאָכגעגאַנגען אַ גאַנצע עסקאַדרע שיפן, און פּינקט אַזוי ווייניג האָט ער געוואוסט דעם צוועק פון דער נסיעה.

אַז פון דער קאַיוטע זיינען פאַרשוואונדען די לעצטע זונען-שטראַלן, האָט די גאַלערע אַלץ נאָך גערודערט צו צפון. ס'איז צוגעפאַלען די נאַכט, און בן-חור האָט ניט געקאָנט בעמערקען קיין שום ענדערונג אין דעם קורס פון דער שיף. אין דער צייט האָט זיך דורך די לוקען פון דעק פאַרשפּרייט אַראָפּצו אַ ריח פון קטורת.

„דער טריבון רויכערט קטורת ביים מזבח — האָט ער אַ טראַכט געטאָן ביי זיך — אפשר שטייט אונז גאָר פאָר אַ שלאַכט?“

אויפמערקזאַם האָט ער זיך גענומען צוקוקן, וואָס ס'איז געשעהן.

אין אַ סך ים-שלאַכטען האָט ער זיך שוין געהאַט בעטייליגט, אָבער קיין איינע אַפילו האָט ער נאָך קיינמאָל ניט געזעהן. פון זיין רודער-באַנק האָט ער געהערט, ווי די שלאַכט האָט גע'רעש'ט אַרום אים און איבער אים, און איז געווען גוט בעהאַוועַנט אין אַלע גערוישען, וועלכע האָבן אָנגעזאָגט דאָס אָנקומען פון אַ געשלעג. ער איז אויך געווען קלאָר אין אַ סך הכנות צו די שלאַכ-

טען, צו וועלכע ס׳האָט קודם־כּל געהערט דאָס מקריב זיין קרבּנות סיי דורך די רוימער סיי דורך די גריכֿען. די מנהגים, וואָס פּלעגן דערביי געבּרויכֿט ווערן, זיינען געווען די אייגענע ווי בּיים לאָזען זיך אין וועג אַריין, און האָבּען פֿאַר אים שטענדיג געדינט פֿאַר אַ צייכֿען, אויבּ ער האָט זיי נאָר בּעמערקט.

אַ שלאַכֿט — דאָס דאַרף מען האָבּען אין זינען — האָט פֿאַר אים און פֿאַר זיינע מיט־שקלאַפֿען, וואָס זיינען געזעסען בּיי די רודערס, געהאַט אַ גאַנץ אַנדער אינטערעס, ווי פֿאַר די פֿרייע מאַטראָסען און ים־סאָלדאַטען; דער דאָזיגער אינטערעס איז בּעשטאַנען ניט אַזוי אין דער פֿאָרשטייענדיגער סכּנה, ווי אין דעם, וואָס אַ מפּלה וואָלט פֿאַר זיי געקאָנט מיטבּריינגען אַ פֿאַרענדערונג אין זייער לאַגע — אפֿשר גאָר די פֿרייהייט, לכּל־הפּחות אָבּער אַנדערע בּעלי־בּתּים, וואָס וועלען — אַ קשיא אויף אַ מעשה? — זיין בּעסער ווי די איצטיגע.

מ׳האָט בּעצייטענס אָנגעצונדען די לאַמטערנעס און אויפֿגעהאַנגען בּיי די טרעפּ. דער טריבּון איז אַראָפּגעגאַנגען פֿון דעק. אויף זיין בּעפֿעל האָבּען די מאַטראָסען אָנגעטאָן זייערע מלחמה־מלבּושים. שפּיזען, שליידער־פּיקעס און פּיילען זיינען געלעגען גאַנצע קופּעס־ווייז אויף די שיפֿס־בּריקען. קריג מיט לייכֿט אָנצינדענדיגען אייל, קערבּ פֿול מיט פּוסטע צונויפֿגעוויקעלטע בּאַוועלנע בּאַלאָנען זיינען געווען אָנגעגרייט. און ווען בּן־חור האָט ענדליך דערזעהן, ווי דער טריבּון איז אַרויף אויף זיין פּלאַטפֿאָרמע, אָנגעטאָן זיין וואָפֿען־אָנצוג און אַראָפּגענומען פֿון וואַנט זיין פּאַנצער און העלם, איז בּיי אים שוין ניט געבּליבּען מער קיין ספק אין דער בּעדייטונג פֿון די דאָזיגע הכנות און ער האָט זיך געמאַכֿט גרייט צו דער גרעסטער חרפּה, וואָס מ׳פּלעגט אין אַזעלכֿע פֿאַלען אָנטאָן די שקלאַפֿען.

בּיי יעדען רודער־פּלאַץ איז געווען בּעפֿעסטיגט אַ קייט מיט שווערע אייזערנע פֿוס־קלעצלעך. אָט די דאָזיגע קלעצלעך האָט דער האָרטאַטאָר גענומען אָנטאָן אויף די רודערער, איבּערגייענדיג פֿון נומער צו נומער. די אומגליקליכֿע איז נעבּאַך ניט געבּליבּען קיין אַנדער בּרירה ווי שטום פֿאָלגען. אין פֿאַל פֿון אַ אומגליק

וואָלטען זיי ניט געהאַט קיין שום מעגליכקייט זיך צו ראַטעווען.

אַ טיפע שטילקייט האָט געהערשט אין דער קאַיוטע איבערגעריסען נאָר דורך דעם קלאַנג פֿון די רודערס, רייבענדיג זיך אין די רימענע לעבער. יעדער איינער פֿון די שקלאַפֿען האָט געפילט די שאַנדע, אָבער קיינער אַזוי ביטער און שאַרף ווי בן-חור. קיין שום פּרייז וואָלט פֿאַר אים ניט געווען צו טייער, אַבי זיך אויסצוקויפען דערפֿון. אַלץ נעהענטער און נעהנטער האָט זיך געלאָזט הערען דאָס גרילצען פֿון די קייטען, וואָס האָט אָנגעזאָגט, אַז דער האָרטאַטאָר קומט צו. באַלד וועט מען שוין האַלטען ביי אים. אפֿשר וועט דער טריבון פֿאַר אים גאָר מאַכען אַ אויסנאַמע?

צי גאווה צי ענגאָאיזם האָבען עס אויפגעוועקט אין בן-חיר'ן אַזעלכע האָפֿענונגען, אַבי ער האָט זיי ניט געקאָנט גובר זיין. ער האָט געגלויבט באמונה, אַז דער טריבון וועט זיך פֿאַר אים אָננעמען. יעדענפֿאַלס וועט זיך אַצונד אַרויסווייזען דעם טריבונס בעציהונג צו אים. אויב ער וועט איצט, ווען זיינע געדאַנקען זיינען אינגאַנצען פֿאַרנומען מיט די הכנות צו דער שלאַכט, געפֿינען צייט זיך צו דערמאָנען אָן דעם אומגליקליכען שקלאַף אויף דער רודער-באַנק, וועט עס זיין אַ סימן, אַז ער האָט בסוד אַרויסגעטיילט דעם אידען פֿון דער מחנה זיינע מיט-שקלאַפֿען און דאָס וואָלט אים געגעבען אַ רעכט צו האָפֿען אויף נאָך מערערס און מיט אַ ציטער האָט בן-חור געוואַרט. די קורצע צווישענצייט האָט אים אויסגעוויזען לאַנג ווי די אייביגקייט. ביי יעדען מאָך מיט'ן רודער פלעגט ער אַ קוק טאָן אויף אַרויס'ן, וועלכער האָט אָפּ-פּטרנדיג אַלע הכנות, זיך אויסגעצייגען אויפ'ן געלעגער אויסצורוהען זיך. דער נומער זעכציג האָט זיך פֿאַרשאָלטען זיין נאַאיווקייט, האָט מיט כעס און גאַל געלאַכט פֿון זיך אַליין און אָפּגעפּסק'נט מער אַפילו ניט אַ קוק צו טאָן אין דעם טריבונס זייט.

דער האָרטאַטאָר האָט זיך דערנעהנטערט. אַצונד האָט ער געהאַלטען ביי נומער איינס — דאָס גרילצען פֿון דעם אייזען האָט געקלונגען מיט אימה. אָט שטייט ער שוין ביי נומער זעכציג! מיט דער רוהיגקייט פֿון יאוש האָט בן-חור אויפגעהערט צו רודערן און אויסגעשטרעקט דעם פֿוס. דאָ האָט דער טריבון געגע-

כען אַ מאַך מיט דער האַנט, זיך אויפגעזעצט און אַרופגעטאָן דעם האָרטאַטאָר.

אַ שרעקליכע אויפרעגונג האָט בעהערשט דעם אידען. און אַז ער האָט דערזעהן, ווי דער טריבון האָט ריידענדיג מיט'ן האָר־טאַטאָר פּלוצלונג אַ קוק געטאָן אויף אים, האָט זיך אים אויסגע־דאַכט, אַז אַלץ אַרום האָט אָנגעהויבען צו שטראַלען. ער האָט ניט געהערט אַ וואָרט, וואָס מ'האָט גערעדט; אַבי די קייט איז פיול געבליבען היינגען אין איר רינג און דער האָרטאַטאָר איז אַוועק צוריק אויף זיין אָרט ביים רעזאָנאַנס־טיש. קיינמאָל האָבען דעם רודערער אַזוי ליב ניט געקלונגען די קלעפּ פון דעם היל־צערנעם האַמער. אָנגעליינט זיך מיט דער ברוסט אויף דעם מיט בליי אָנגעגאָסענעם הענטעל, האָט ער געשטויסען דעם רודער פאָראויס מיט אַזאַ מין כּוח, אַז אָט־אָט, האָט זיך געדאַכט, ברעכט ער זיך איבער.

דער אויפזעהער איז צוגעגאַנגען צו אַריוס'ן און האָט אָנגעווי־זען מיט אַ שמייכעל אויפ'ן נומער זעכציג.

— ס'איז אַ קראַפט! — האָט ער געזאָגט.

— און ס'איז אַ שטאָלץ! — האָט דער טריבון צוגעליינט. — ביי יופּיטער! אָהן קייטען איז ער נאָך בעסער! זאָלסט זיי אים מער קיינמאָל נישט אָנטאָן.

מיט די ווערטער האָט ער זיך ווידער אויסגעצויגען אויף זיין געלעגער.

אַ שעה נאָך אַ שעה האָט די שיף געטראָגען זיך פאָרווערטס, געטריבען פון די רודערס. אַ ווינטעל האָט קוים געדריבעלט דעם ים־שפּיגעל, און אַלע ניט־פאַרנומענע שיפסלייט האָבען געשלאָפען; אַריוס אויף זיין רוהע־בעט אויף דער פּלאַטפאָרמע, די קאָמאַנדע אויפ'ן בריק.

איין מאָל און נאָך אַ מאָל האָט מען אָפּגעביטען בן־חור'ן, אָבער אַנטשלאָפען ווערען האָט ער ניט געקאָנט. דריי יאָר נאָכאַנאַנד אַ שטאָק־פינסטערע נאַכט און אַצונד ענדליך — ענדליך אַ ליכ־טיגער שטראַל! ווי אַרומגעטראָגען נאָך אַ שיף־קאַטאַסטראָפע אי־בער די ווילדע כוואַליעס — און אַצונד אויף דער יבשה! געשטאָר־

בען, בענראָבען לעבעדינערהייט — און פלוצלונג אַ בת-קול פון תחית המתים! אין אַזעלכע מינוטען ווייכט דער שלאָף. פאַרגאַנ־גענהייט און געגענוואַרט זיינען נעלם געוואָרען — נאָר אין דער צוקונפט לעבט די האָפענונג. יהודה'ן האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי דער טריבון האָט אים אַרויסגעצויגען פון זיינע צרות און ער איז אַצונד ווידער אין דער היים, אין זיין פאָטער-פּאַלאַץ, און דריקט אין זיינע אָרימס די מוטער און שוועסטער. די דאָזיגע בילדער, וואָס זיין אויפגערעגטע פאַנטאַזיע האָט אין אים געמאָלט, האָבען אים גליקליכער געמאַכט אין דעם מאָמענט מער ווי ווען-עס-איז אַנדערש. קיין איינציגער פון זיינע געדאַנקען איז ניט געווען פאַר־בונדען מיט דעם שלאַכט, וואָס איז אים פאָרגעשטאַנען, און מיט אירע סכנות. אין זיין האַרץ איז ניט געבליבען קיין אָרט פאַר דעם בעגער נאָך נקמה. מעסאלע, גראַטיס, רוים און די אַלע מיט די דאָזיגע נעמען פאַרקניפטע ביטערע, טרויעריגע זכרונות האָבען עפּעס ווי אײנגאַנצען זיך געהאַט אָפּגעטאָן פון אים אַזוי ווי אַ אַרי־בערגעקומענע קראַנקהייט; אָט אַזוי רירט דער גיפטיגער אָטעם פון דער ערד ניט אָן דעם, וואָס שוועבט הויך-הויך איבער איר, אין דער שטערן-מלוכה.

די טיפע פאַרבייגיי־ענדיגע פינסטערניש איז געלעגען אויף די וואַסערן, אויף דער „אַסטרייע" איז אַלץ געווען גרייט און אין אָר־דענונג. פלוצלונג איז פון דעק אַיילענדיג איימיצער אַראָפּ אויף דער פּלאַטפאָרמע, וואו דער טריבון איז געשלאָפען, און האָט אים אויפגעוועקט. אַריוס האָט זיך אויפגעהויבען, אָנגעטאָן דעם העלם אויפ'ן קאָפּ, גענומען דעם שווערד און דעם פאַנצער און האָט זיך געלאָזט גיין צום קאָמאַנדיר פון די מאַטראָסען.

— די ים-רויבער זיינען גאָר נאָהענט. שטייט אויף! יעדערער אויף זיין פּלאַץ! — האָט ער בעפוילען; און איז אַרויף צוריק אויף די טרעפּ אַזוי רוהיג און זיכער אין זיך, גלייך ווי ער וואָלט זיך געגרייט מקבל פנים-זיין אַ יום-טוב.

## קאַפּיטעל פינף.

### די שלאַכט מיט די ים-רויבער.

אַלע אויפ'ן באָרט האָבען זיך אויפגעכאַפּט. אויפ'ן שיף איז געוואָרען לעבעדיג. די אָפיצערען האָבען פאַרנומען זייערע ערטער; די מאַטראָסען מיט געווער אין די הענט האָבען זיך מיט קיין שום זאַך ניט אָפגעשיידט פון די לעגיאָנערען אויף דער יבשה. אויפ'ן דעק האָט מען אַרויפגעבראַכט גרויסע קופּעס פּיילען און שליי-דער-שפּיזען. ביי די מיטעלסטע טרעפּ האָט מען אַוועקגעשטעלט פעסער אייל און צינד-באַלאָנען. מ'האָט אָנגעצונדען נאָך לאַמ-טערנס און אָנגעגאָסען מיט וואַסער נייע כלים. די ניט-פאַרנומענע רודער-שקלאַפען זיינען געשטאַנען אונטער דעם האָרטאַטאָרס שמירה, און די השגחה האָט בעשערט, אַז צווישען זיי זאָל זיך געפינען בן-חור.

פון אויבען האָט אַראָפּגעקלונגען דער פאַרמישטער רעש פון די לעצטע הכנות — מ'האָט אַראָפּגעצויגען די זעגלען, מ'האָט אויס-געשפּרייט די נעצען און איבער די זייטען שיף האָט מען אויפגע-האַנגען די שוץ-פּאַנצערס פון רינדערנע לעדער. און גלייך נאָך דעם איז ווידער שטיל געוואָרען אויף דער גאַלערע, אַ שטילקייט, וואָס איז פול אומבעשטימטען פחד און דערוואַרטונג, און וואָס בע-טייט, אַז אַלץ איז גרייט.

אויף אַ סיגנאַל פון דעק, וואָס אַן אָפיצער האָט איבערגעגעבען דעם האָרטאַטאָר, זיינען אַלע רודערס מיט אַמאָל שטיין געבליבען.

וואָס האָט דאָס געקאָנט בעטייטען?

פון די הונדערט און צוואַנציג שקלאַפען, וואָס זיינען געווען צו-געשמידט צו די רודער-בענק, האָט מסתמא ניט איינער זיך גע-שטעלט די דאָזיגע פראַגע. וואָס האָט זיי אייגענטליך געקאָנט בע-וואויגען דערצו? קיין פאַטריאָטיזם, קיין געפיל פון התחייבות, קיין לוסט נאָך כבוד האָבען זיי ניט געפילט; זיי האָבען נאָר געפילט יענעם מין אימה, וואָס בעהערשט אַ מענשען, ווען ער ווערט אומ-בעהאָלפען און מיט געבונדענע הענט געטריבען קעגען אַ סכנה. אַפילו דעם סאַמע טעמפּסטען פון זיי איז געווים אַרויפגעקומען דעם געדאַנק, אַז ער האָט ניט אויף וואָס צו האָפען; אַ ניצחון וואָלט אים נאָך פעסטער אין זיינע קייטען געשמידט, און אַ אונ-טערגאַנג פון דער שיף וואָלט אויך זיין אונטערגאַנג זיין, קיין נפקא-מינה ניט, צי זי וואָלט אַראָפּ צום גרונד, אָדער אומקומען אין פייער — פאַר זיין שקלאַפען-גורל וואָלט עס זיין אַלצאיינס.

די פאַרמשפטע האָבען ניט געטאָרט פרעגען קיין שום קשיות. זיי האָבען ניט געוואוסט, ווער זיינען די פיינד. ווי איז, אַז זיי זיי-נען געווען פריינד, ברידער, לאַנדסלייט? ווען דער לעזער וועט נע-מען אין אַכט סיי דאָס, סיי די ווייטערדיגע אומשטענדען, וועט ער איינזעהן, פאַרוואָס די רוימער זיינען געצוואונגען געווען אין אַזעל-כע פאַלען צוצושמידען די אומגליקליכע שקלאַפען צו די רודער-ביינק.

אָבער לאַנג פאַרטיפען זיך אין אַזעלכע מיני מחשבות האָבען זיי קיין צייט ניט געהאַט. אַ געררויש, וואָס איז געקומען פון הינ-טען און האָט געקלונגען אַזוי ווי די רודער-קלעפּ פון אַנדערע שיפען, האָט אויפגעוועקט בן-חורם אויפמערקזאַמקייט. די „אַסטרייע" האָט זיך אָנגעהויבען צו שאָקלען ווי אין מיטען אויפגעברויזטע כוואַליעס. דער געדאַנק, אַז הינטער איר גייט-נאָך אַ פלאָט, אַ פלאָט, וואָס גרייט זיך מן-הסתם צו אַ שלאַכט, האָט אים אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ אַריין און אים אָנגעצונדען מיט עפּעס אַ מעכ-טיגען געפיל.

נאָך אַ מאָל האָט זיך דערהערט אַ סיגנאַל פון דעק אַראָפּ. די רודערס האָבען זיך אַראָפּגעלאָזען און די גאַלערע האָט זיך שטיל

אָנגעהויבען צו רירען פאָרווערטס. קיין איינציגער קלאַנג ניט פון דרויסען ניט אין אינוויינג. אָבער יעדער איינער אין דער קאיוטע האָט זיך אינסטינקטיוו צוגעגרייט צו דעם אָנפאַל; אפילו די שיף אליין האָט, דאכט זיך, פארהאלטען דעם אָטעם, גלייך זי וואָלט זיך אזוי ווי א טיגער אונטערגענודעט צום שונא.

ביי אזא לאנגע גייט ביי דעם מענשען פארלאָרען דאָס געפיל פאר דער צייט. בן-חיר האָט ניט געהאַט קיין פאָרשטעלונג, וואָס פאר א מהלך זיי זיינען דורכגעגאנגען. ענדליך האָט אויפ׳ן דעק אויפגעשאלט א הילכיגער, העלער, אויסגעצויגענער טרומייטען־טאָן. דער האָרטאטאָר האָט א זעץ געטאָן אין רעזאָנאנס־טיש ווי נאָר ער האָט געקאָנט; די שקלאפען האָבען זיך מיט אלע כוחות אָנגעלייגט אויף די רודערס; די גאלערע האָט א ציטער געטאָן מיט׳ן גאנצען קאָרפּוס און גענומען פליהען פייל פון בויגען. דאס שאלען פון אנדערע טרומייטען האט זיך אויסגעמישט מיט דעם ליארים, וואס האט זיך געטראגען פון אויבען. אבער דער גאנצער רעש האט זיך געטראגען פון הינטען; פון פארענט האט זיך נאך איינמאל דערהערט א אפגעהאקט גערויש פון צומישטע שטימען. פלוצלונג האט די שיף בעקומען א געוואלטיגען שטויס; די רודערערס, וואס זיינען נעווען אויסגעשטעלט לעבען הארטאטאר, האבען זיך א וואקעל געטאן פון די פיס, איינינגע זיינען אומגעפאלען אויף דער ערד. די שיף האט אפנים געקריגען דעם שטויס אויף אהינטער, איז אבער תיכף געבליבען שטיין און גלייך זיך א לאז געטאן ווייטער, נאך כמעט האסטיגער ווי פריהער.

דאָס שאַלען פון די טרומייטען, דאָס געקראַכעריי און געטרעשטשעריי פון דעם צוזאַמענשטויס זיינען פאַרהילכט געוואָרען דורך די קוויטשיגע רייסענדיגע אימה-געשרייען פון דערשראָקענע מענשען, און בן־חור האָט דערפילט, אַז אונטער אים, אונטער דעם קיל פון דער שיף, גרילצט עפּעס, רעש׳ט, ווערט צושמעטערט, צוריבען, צומורשט; ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט מען אַ שיף אַראָפּגעלאָזט צום גרונד. אַלע אַרום אים האָבען מיט אימה אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן. נאָר אָט האָט פון דעק זיך דערהערט אַ טריאומף-געשריי — די רוימער האָבען געזיגט! ווער זיינען

אָבער געווען יענע, וואָס דער ים האָט פֿאַרשלונגען? פֿון וועלכען פֿאָלק, פֿון וואָסער לאַנד?

קיין שום הפסקה, קיין שום אָפּשטעל! די „אַסטרייע" איז גע־פֿלויגען ווייטער. מאַטראָסען האָבען געאײַלט אַרונטער, אײַנגעטונקט די באַוועלנע באַלאָנען אין די פעסער אײל, דערלאַנגט זיי די וואָס זײַנען געשטאַנען אויבען, און יענע האָבען זיי אָנגעצונדען. צו די פחדים פֿון דער שלאַכט איז צוגעקומען דער גרויל פֿון אַ שריפֿה.

פלוצלונג האָט זיך די גאַלערע אַזוי טיף אָנגעבויגט אָן אַ זייט, אַז די רודערער אויפֿ׳ן אייבערשטען טייל שיף זײַנען שיעור ניט אַראָפּגעשליידערט געוואָרען פֿון זייערע ערטער. ווידער אַמאָל טריאומף־קולות פֿון די רוימער און אימה־געשרייען פֿון די בעזיג־טע. די האָקענס פֿון דעם גרויסען קראַן, וואָס האָט זיך אַראָפּ־געלאָזט פֿון דעם מאַסטבוים, האָבען געכאַפּט דעם שונא׳ס אַ שיף, אויפגעהויבען זי אין דער לופֿטען, אַראָפּגעלאָזט אין וואַסער און דערטרונקען אין די איגרען.

פֿון רעכטס און פֿון לינקס, פֿון פֿאָרנט און פֿון הינטען איז דער ליאַרים אויסגעוואַקסען אין אַ שרעקליכען אומבעשרײַבליכען רעש. פֿון צײַט צו צײַט איז ער פֿאַרהילכט געוואָרען דורך אַ קראַכען, וואָס פלעגט בעגלייט ווערען מיט געטרייען פול שרעק און אימה — אַ סימן, אַז נאָך אַ שיף איז דערטרונקען געוואָרען און איר קאָ־מאַנדע פֿאַרשלונגען פֿון די ברויזענדיגע כוואַליעס.

דער גורל פֿון דער שלאַכט האָט זיך נאָך אַלץ געוויגט. קרבנות זײַנען געפֿאַלען פֿון ביידע צדדים. פֿון צײַט צו צײַט פלעגט מען ברײַנגען צוטראָגען פֿאַרבלוטיגטע אָדער שטאַרבענדיגע רוימער און אַוועקלייגען זיי אויפֿ׳ן בריק פֿון דער קאַיוטע.

צײַטענווייז האָבען זיך אין דעם אונטערשטען טייל שיף אַרײַנ־געריסען וואָלקענס רויך, דורכגעזאַפּט מיט אַ ריח פֿון צוגעסמאַל־יעטען פֿלייש. קיים אָפּכאַפּענדיג דעם אָטעם אין דער דאָזיגער לופֿט, האָט בן־חור פֿאַרשטאַנען, אַז אין אַזעלכע מאָמענטען גייען זיי פֿאַרבײַ אַ ברענענדיגע שיף, און מיט אַ שוידער האָט ער גע־טראַכט פֿון די צו די בײַנק צוגעשמידטע רודערער, וואָס האָבען געמוזט פֿאַרברענט ווערען צוזאַמען מיט דער שיף.

די „אכטרייע" איז די גאנצע צייט געגאנגען אלץ פארווערטס נאר. פלוצלונג האט זי זיך אפגעשטעלט. די פארערשטע רודערס זיינען ארוסגעריסען געווארען ביי די שקלאפען פון די הענט, און זיי אליין זיינען אראפגעפאלען פוז זייערע ערטער. אויפ'ן דעק האט זיך דערהערט א שרעקליכע טופעריי, און פון די זייטען א טרעשטשען און קראכען פון צוויי צונויפגעטשעפעטע שיפען. צום ערשטען מאל האט דער טומעל פארהילכט דעם קלאנג פון דעם הארטאטארס האמער. בעהערשט פון אימה זיינען די מענשען געפאלען אויף דער ערד אדער געזוכט, וואו זיך צו ראטעווען: אין מיטען דער אלגעמיינער בהלה איז דורך א לוק אראפגעפאלען א מענשליכער קערפער, סאמע לעבען בן-חורס פיס. ער האט א קוק געטאן אויף דעם האלב-נאקעטען הרוג און אן דעם שילד, וואס איז געווען געמאכט פון רודערנעס לעדער און ווערבענע ריטער, האט ער אין אים דערקאנט א בארבאר, א בלוי-אויגיגען זון פון די צפון-אומות, וואס דער טייט האט ביי אים ארויסגעריסען די מעגדיכקייט צו רויבען און זיך נוקם צו זיין. אבער ווי איז ער גע קומען אהער? דאט אים א אייזערנע פויסט אראפגעריסען פון דעם שינא'ס שיף? — ניין די „אכטרייע" איז געווען אין דעם שונא'ס הענט!

די רוימער האבען זיך שוין געשלאגען אויפ'ן אייגענעם דעק. א קעלט איז אריבער בן-חור'ן איבערן לייב. אריוס'ן מוז מען שוין אוודאי הארט צודריקען — אפשר ראנגעלט ער זיך שוין גאר פאר זיין לעבען! און טאמער ווערט ער דער'הרג'עט! א גאט פון אברהם — בעשיץ אים און בעשירם! צי דען וועלען די נאר-וואס אויפגעוועקטע האפענונגען בלייבען ניט מער ווי פוסטע חלומות? און ער וועט שוין קיינמאל מער ניט זעהן ניט די מאמען און די שוועסטער, ניט דאס הויז פון זיינע עלטערן, זיין היים און דאס הייליגע לאנד?

איבער אים האט ניט אויפגעהערט דער שרעקליכער טומעל, ער האט זיך ארומגעקוקט ארום זיך. אין דער קאיוטע האט געהעשט די גרעסטע בהלה; די רודערערס זיינען געזעסען אויף די בייגק אזוי ווי געליימט; די מאטראסען זיינען ווי פאר'סמטע אומ-

געלאָפֿען הין און צוריק. נאָר דער האָרטאַטאָר איז געזעסען בײַ זײַן טיש און װײַטער געקלאַפּט טיט׳ן האַמער צום טאַקט, װאַרטענדיג אויף דעם טריבונס בעפֿעלען — און אין דעם דאָזיגען רויטליכֿען בין־השמשות האָט ער פֿאַרקערפּערט די אומפּאַרגלײַכֿליכֿע דיסציפּלין פֿון די רוימער, װאָס האָט די גאַנצע װעלט בעצװאונגען.

זײַן בײַשפּיל האָט גוט געװירקט אויף בן־חור׳ן. ער איז געװאָרען רוהיגער און האָט זיך גענומען בעטראַכטען. די ערע און דער חיוב האָבען צוגעבונדען דעם רוימער צו זײַן אָרט; אָבער װאָס פֿאַר אַ שײַכות האָבען אַזעלכֿע מאָטיװען געקאָנט האָבען צו אים, דעם רודער־שקלאַף? פֿון דער רודערבאַנק איז געלאָפֿען יעדערער, װאָס האָט געהאַט די מעגליכקײַט דערצו. װעמען װאָלט ער דען אַ טובה געטאָן װען ער װאָלט שטאַרבען אַ שקלאַף? ל ע ב ע ן איז פֿאַר אים געװעזען אַ חוב, אויב ניט קײן כּבוד. זײַן לעבען האָט געהערט זײַנע אײגענע. קײנמאָל זײַנען זײ אים אַזוי דײַטליך ניט געשטאַנען פֿאַר די אויגען. ער האָט געזעהן, װי זײ שטרעקען צו אים די הענט אויס, ער האָט געהערט זײער תּחנונים׳דיגען רופֿען יע, ער מוז לויפֿען צו זײ! ער איז אויפֿגעשפּרונגען—און איז שטײן געבליבען. אַך, אַ רוימישער פּסק־דין האָט געלויערט איבער אים, געהאַלטען אים אין חרם. און כּל־זמן דער פּסק־דין איז ניט בטל, איז דאָס אַנטלויפֿען אַרויסגעװאָרפֿען. אויף דער גאַנצער גרויסער ערד איז ניט געװען שום אָרט, ניט אויף דער יבשה, ניט אויפֿ׳ן ים, װאו ער זאָל זיך קאָנען פֿילען זיכֿער פֿון דער רוימישער מאַכֿט. נאָר װען אים װאָלט אָפּגעגאָלטען צו געװינען צוריק די געזעצליכע פֿרײַהײַט, װאָלט ער זיך געקאָנט בעזעצען אין ארץ־ישראל און ערפֿילען די התחייבות׳ן קעגען די, װעלכֿע ער האָט געװאָלט װידמען זײַן לעבען. אין קײן שום אַנדער לאַנד האָט ער ניט געהאַט װאָס צו טאָן. גרויסער גאָט! װי לאַנג, װי הײס האָט ער מתפּלל געװען װעגען בעפֿרײַאונג! און װי לאַנג, װי לאַנג האָט ער געװאַרט און געהאָפֿט! ענדליך האָט זיך אים אַנטפּלעקט אַ שטראַל האָפֿענונג און דער פּערזאָן פֿונ׳ם טריבון, װעלכֿע איז דאָך געװיס געװען אַ שליח פֿון גאָט. און איצט זאָל דער דאָזיגער

מלאך מושיע, וואָס האָט זיך אים אַזוי שפּעט געוויזען, דער'הרג'עט ווערען אין שלאַכט! די טויטע שטייען דאָך ניט אויף תחיית-המתים, כּדי מקיים צו זיין די הבטחות, וואָס זיי האָבען געגעבען ביים לעבען. ניין, ס'טאָר ניט געשעהן. אַריוס טאָר ניט שטאַרבען! בעסער שוין אומקומען צוזאַמען מיט אים איידער ווייטער שלעפּען דעם יאָך פון אַ רודער-שקלאַף.

נאָך אַ מאָל האָט בן-חור זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך. אויף דעם פאָדערשטען דעק האָט נאָך אַלץ גע'רעשט די שלאַכט. נאָך אַלץ האָבען פיינדליכע שיפען געדריקט די „אַסטרייע". די שקלאַפען אויף די רודער-בּיינק האָבען זיך געריסען פון זייערע קייטען — אָבער אומזיסט! און אַז זיי האָבען דערזעהן, אַז אַלע זייערע מאַ-טערנישען זיך צו בעפרייען זיינען אַרויסגעוואָרפען, האָבען זיי גע-דעוועט און געוואָיעט ווי משוגעים. די וואַך איז אַוועק אויפ'ן דעק; די אָרדענונג איז פאַרשוואונדען נאָר די אימה האָט געהערשט. און אין מיטען דער דאָזיגער אַלגעמיינער בהלה איז דער הארטאַטאר נאָך אַלץ געזעסען אויף זיין אָרט, רוהיג ווי תּמיד, און האָט גע-שלאָגען מיט האַמער אָן טיש אין דעם ווילדען רעש און טימעל אַריין. אַ לעצטען בליק האָט בן-חור אויף אים אַ וואָרף געטאָן און האָט זיך געלאָזט לויפען אַרויף, אָבער ניט כּדי צו אַנטלויפען, נאָר צו זוכען דעם טריבון.

מיט איין שפּרונג איז ער געוועזען ביי די טרעפּ. נאָך אַ שפּרונג — און ער איז שוין האַלב אין דער הייך, ער זעהט שוין דעם פייער-רויטען הימעל, די אַטאַקירענדיגע שיפען, דעם ים בע-דעקט מיט שיפס-חורבות, דעם ווילדען קאַמף אויף דער גאַלערע, וואו אָנפאַלער איז געוועזן אַ סך, און פאַרטיידיגער גאַנץ ווייניג. פּלוצלונג זיינען די טרעפּ אַרויסגעריסען געוואָרען פון אונטער זיינע פיס און ער איז צוריק אַראָפּגעפאַלען אונטער דעם באָדען פון דער קאַיוטע האָט זיך עפּעס ווי אויפגעהויבען און זיך גענו-מען ברעכען אויף שטיקער; דער קאָרפּוס פון דער שיף האָט זיך מיט אַ געוואַלטיגען קראַך צושפּאָלטען אויף צווייען, און שיפענדיג און שוימענדיג האָבען זיך די כוואַליעס אַ ריס אַריין געטאָן, גלייך ווי זיי האָבען נאָר געוואַרט אויף דעם מאָמענט. אַלץ אַרום בן-

חור'ן איז געוואָרען איין שטיק פינסטערניש אין כֿאָרכלענדיגע קעסעל-גרוב.

הגם צו זיין אויסערגעוויינליך גרויסער יוגענדליכער שטאַרקייט איז אַצונד נאָך צוגעקומען יענע קראַפט, וואָס די נאַטור האַלט בּיים מענשען אַזוי ווי אין רעזערוו אויף די פֿאַלען, ווען דאָס לעבען געפינט זיך אין אַ סכּנה, — פֿונדעסטוועגען איז ער אין דער רגע ניט געווען בּכּוח אויסצוניצען די דאָזיגע קראַפט אויף צו ראַטעווען זיך: די פינסטערניש און דער רעש פון די כוואַליעס האָבּען אים ווי בּעטויבּט. אַפילו דעם אָטעם האָט ער פֿאַרהאַלטען נאָר אינסטינקטיוו.

די אַריינגעריסענע כֿוואַליעס האָבּען אים ווי אַ שפּענדעל געוואָרפֿען הין און צוריק אין דער קאַיוטע, און סוף-כּל-סוף וואָלט ער זיך דאָרט דערטרונקען, ווען אים וואָלט ניט געקומען צו הילף דער אָפּפלוס פון די כֿוואַליעס. בּשעת ער האָט אָנגעהויבּען אַראָפּצוזינקען, איז ער דורך דער גאַנצער מאַסע אָפּגעפּלייצטע וואַסער אַרויסגעשליידערט געוואָרען פֿון דער צובּראָכֿענער שיף אין ים אַריין. ער האָט זיך אָנגעכֿאַפּט אָן אַ שטיק פֿון די פיל שיף-חורבות, וואָס האָבּען זיך געטראָגען איבּערן וואַסער, און האָט זיך פעסט אָן דעם אָנגעקלאַמערט. די צייט, וואָס ער האָט פֿאַרבּראַכט אונטער'ן וואַסער, האָט זיך אים אויסגעוויזען ווי אַ גאַנצע אייבּיגקייט. ענדליך איז ער אַרויפגעשוואומען אויבּען אויפ'ן וואַסער. מיט טיפע אָטעם-ציהען האָט ער געשלונגען די לופט, וואָס האָט אים אַזוי לאַנג געפעלט, אָפּגעטרייסעלט די זאַלציגע וואַסער פון די האָר און פֿונ'ם פּנים, זיך אַרויפגעדראַפּעט העכער אויפ'ן בּרעט, וואָס ער האָט אָנגעכאַפּט, און זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך.

אין דער טיפעניש פון ים איז דער טויט צו אים גאַנץ נאָהענט געווען; איצט האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז אויך דאָ אויבּען לויערט ער אויף אים פון אַלע זייטען.

ווי אַ האַלבּ-דורכֿזיכֿטיגער נעפּעל איז דער רויך געלעגען איבּערן ים, ערטערווייז דורכֿגעצויקט פון העלע פֿלאַמענדיגע צונגען; בּן-חיר האָט גלייך זיך געכֿאַפּט, אַז דאָס זיינען בּרענענדיגע שיפען. דער קאַמף האָט זיך נאָך ניט געענדיגט, און ווער עס האָט מנצח

געווען, האָט ער ניט געקאָנט וויסען. פֿון צייט צו צייט פֿלעגען אין די גרעניצען פֿון זיין האָריזאָנט פֿאַרבייששווימען שיפען, וואָס פֿלעגען פֿאַרשווינדען ווי שאָטענס איבער די רויטע פֿלאַמען. פֿון דער ווייטענס האָט זיך דערטראָגען צו אים דאָס געקראַכעריי און געטרעשטשעריי פֿון קעמפֿענדיגע גאַלערעס. אָבער די סכנה פֿאַר אים איז געווען אַ סך נעהענטער. אַז די „אַסטרייע" איז אַראָפּ צום גרונד, האָט זיך אויף איר באָרט געפינען ניט נאָר איר אייגענע קאָמאַנדע, נאָר אויך די קאָמאַנדע פֿין די צוויי גאַלערעס, וואָס האָבען זי געהאַט אַטאַקירט. די כוואַליעס האָבען זיי אַלעמען אַראָפּגעריסען אין אָפּגרונד אַריין. אַצונד זיינען אַ סך פֿון זיי ווי־דער אַרויפגעשוואומען אויבען. אָפּטמאָל פלעגט אַ רוימער און אַ ים־רויבער זיך אָנכאַפּען אָן דעמזעלבינגען ברעט און האַלטענדיג זיך איינס אים איבער'ן וואַסער האָבען זיי ווייטער געפֿירט דעם קאַמף, וואָס האָט זיך שוין אפשר געהאַט אָנגעהויבען אינ'ם אָפּ־ג־ונד. אין גראַנגעל אויף טויט, ווען יעדערער האָט זיך געפלייסט אַראָפּצושטויסען דעם קעגנער אין וואַסער, האָבען זיי נאָך געפרובט צו בעניצען זייער געווער און האָבען געבראַכט אין בעוועגונג דאָס וואַסער, וואָס איז ערטערווייז געווען שוואַ־ץ ווי טינט און ערטערווייז רויט פֿון בלוט און פלאַמען־אָפּגלאַנץ. זייער קאַמף איז בן חור'ן געווען אינגאַנצען פרעמד; זיי זיינען אַלע געווען זיינע פיינד; קיינער פֿון זיי וואָלט זיך גאָר ניט אַ קוויינקעל געטאָן אַראָפּצושטויסען אים פֿון זיין ברעט אין וואַסער אַריין, אַבי זיך אַליין דערויף צו ראַטעווען. און ער האָט געזעהן וואָס גיכער אַנ־טרינען פֿון זיי.

פלוצלונג האָט ער דערהערט האַסטיגע רודער־קלעפּ און האָט דערזעהן אַ גאַלערע, וואָס האָט זיך געטראָגען גלייך אויף אים. דער הויכער שנאָבעל פֿון דער שיף האָט אים אויסגעוויזען אין צווייען הויך, און דער רויטער פלאַקער פֿון דער שריפֿה האָט געשפּילט אויף אירע בענולטע שניצערייען, צוגעבענדיג איר דאָס אויסזעהן פֿון אַ שלאַנג. ווי אַ ווייסער שוים האָט דאָס וואַסער גע־רוישט אונטער איר.

מיט אַלע כּיחות האָט בן־חור געאַרבעט אָפּצושטויסען די ברעט,

וועלכע איז געוועזן זעהר אַ ברייטע און זיך שווער אונטערגעגעבען. אין דאָ איז יעדע רגע געוועזן טייער, איין האַלבע סעקונדע האָט אים געקאָנט ראַטעווען אָדער דאָס לעבען קאָסטען. פּלוצלונג אין דעם מאָמענט פֿון זיינע גרעסטע אָנשטריינגונגען האָט אויף אַ האַנט ווייט פֿון אים אַרויסגעבליצט פון אונטער די כוואַליעס אַ גאָלדענער העלם. דערנאָך האָבען זיך געוויזען צוויי הענט מיט אויסגעשטרעקטע פינגער — גרויסע געזינטע הענט, וועלכע וואָלטען, דאַכט זיך, שוין ניט אַרויסלאָזען דאָס, וואָס זיי וואָלטען געהאַט אַריינגעכאַפּט. אויסער זיך פאַר שרעק, האָט בן־חור געוואָלט זיי אויסמיידען. ערשט ווידער האָט זיך דער העלם אַרויסבעוויזען, דערנאָך דער קאָפּ, וועלכען ער האָט בעדעקט, דערנאָך צוויי הענט, וועלכע האָבען ווילד אָנגעהויבען צו שלאָגען ארום זיך איבערן וואַסער — אַצונד האָט זיך דער קאָפּ פֿאַרוואָרפען אַהינטער, אַזוי אַז דער שיין איז געפאַלען אויפ'ן פּנים. דאָס מויל איז געוועזן פונאַנדערגעעפענט, די ברייט אויפגעריסענע אויגען האָבען ווי גלעזערנע געגלאָצט אין דער וועלט אַריין און דער פּנים איז געוועזן איבערגעצויגען מיט אַ ערדענער מת־בלאַסקייט פֿון אַ דערטרונקענעם — אַ שרעקליכען אימה'דיג בילד! און דאָך האָט זיך ביי בן־חור'ן אַרויסגעריסען אַ פרייד־געשריי, און ווען דער דערטרונקענער האָט ווידער אָנגעהויבען אַראָפּצוזינקען, האָט ער אים אָנגעכאַפּט פאַר דער קייט, וואָס האָט פֿאַרבונדען דער העלם אַרום האַלז, און האָט אים אַרויפגעצויגען אויפ'ן ברעט.

דער דאָזיגער מענש איז געוועזן אַריוס, דער טריבון.

אַ לאַנגע צייט האָבען די אויפגערודערטע כוואַליעס געברויזט אַרום בן חור'ן מיט אַזאַ קראַפט, אַז ער האָט געמוזט אָנווענדען אַלע כּחות ניט אַרויסצולאָזען די ברעט און אין דער אייגענער צייט אַיינהאַלטען דעם רוימערס קאָפּ איבערן וואַסער. די רודערס פֿון דער גאַלערע האָבען זיי שיר־שיר ניט אָנגערירט. און זי האָט זיך דורכגעטראָגען ווייטער צווישען חורבות פֿון אַלערליי שיפען, איבער קעפּ אין העלמס און אומבעדעקטע, איבערלאָזענדיג הינטער זיך אַ גאָלדיג־רויטען פּאַס פון לייכטענדיגען וואַסער. פּלוצלונג אַ דומפּער קראַך און גלייך נאָך דעם קולות פֿון ווילדער אימה.

בן-חור האָט זיך אומגעקוקט, אין אַ געפיל פון אַ מאָרנער ווילדער פרייד און הנאה האָט אים בעהערשט — די „אַסטרייע" האָט דערלעבט אַ נקמה!

דער אומברחמנות'דיגער קאַמף האָט אָפגערעשט. פון דעם ווידערשטאַנד איז געוואָרען אַ פליטה. ווער איז אָבער געבליבען זיגער? בן-חור האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז זיין פרייהייט און דעם טריבונס לעבען ווענדען זיך אָן דעם. ער האָט אַרויפגערוקט אַריוסעס קערפער איינגאַנצען אויפ'ן ברעט און האָט אָנגעווענדט אַלע מיטלען, ער זאָל זיך האַלטען אויף איר. דער בעגינען האָט זיך דערנעהענטערט לאַנגזאַם. ער האָט בעגעגענט דעם שיין פון פאַרטאָג מיט בייטענדיגע געפילען; דאָ פלעגט אים בעהערשען אַ האָפענונג, דאָ פלעגט אַ שרעק בעפאַלען זיין נשמה. האָבען די רוימער מנצח געווען? דען אויב זיי האָבען אַ מפלה געליטען, איז דער טריבון, וואָס געפינט זיך אַצונד אונטער זיין שוץ, פאַרלאָרען!

ענדליך איז די זון אַרויס אַ פולע פון איר פוטערפאַס. קיין מינדסט ווינטעלע האָט זיך ניט גערירט, צו דער לינקער האַנט האָט בן-חור פון דער ווייטענס דערזעהן יבשה, אָבער אויף אַזאַ מהלך, אַז ער האָט גאָר ניט געקאָנט טראַכטען וועגען דערלאַנגען אַהין. דאָ און דאָרט האָבען זיך אומגעטריבען איבערן ים געליטענע, וואָס האָבען געטיילט זיין שיקזאַל, צווישען פאַרקוילטע אָדער רויכערדיגע בראָכוואַרג פון שיפען. אויף אַ היבשען מרחק האָט זיך געזעהן אַ גאַלערע, אָהן רודערס, איבערגעלאָזט, ווייזט אויס, אויפ'ן הפקר דעם ווינט און די כוואַליעס מיט צופלאַטערטע זעגלען, וואָס האָבען אָהן לעבען אַראָפגעהאַנגען פון דער צובראָכענער רייע. נאָך ווייטער האָט ער בעמערקט רירענדיגע פינטעלעך, וואָס ער האָט געהאַלטען פאַר אַנטלויפענדיגע אָדער נאָכיאָגענדיגע שיפען. זיי האָבען אָבער פונקט אַזוי גוט געקאָנט זיין גרויסע ווייסע וואַסער-פייגעל.

אַזוי איז אַריבער אַ שעה, און ס'האָט זיך גאָרנישט געענדערט. זיין אומרוהיגקייט איז געוואַקסען. אויב קיין הילף וועט ניט קומען באַלד, מוז אַריוס שטאַרבען. צייטענווייז פלעגט זיך דאַכטען, אַז ער איז שוין טויט — אַזוי אומבעוועגליך איז ער געלעגען פאַר

אים. בן-חור האָט אים אָפּגעבונדען דעם העלם פון קאָפּ און קוים מיט צרות אויסגעטאָן דעם ברוסט-פּאַנצער. דאָס האַרץ האָט נאָך שוואַך געשלאָגען. דאָס האָט אים צוגעגעבען האָפענונג. ער האָט ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי וואַרטען און, ווי דער שטייגער פון זיין פאָלק איז, מתפלל זיין צו גאָט.

## קאַפּיטעל זעקס.

אַרויס דער זיגער.

דאָס אומקערען זיך צום לעבען איז פֿאַר אַ רערטרונקענעם פֿאַרבונדען נאָך מיט גרעסערע יסורים ווי דאָס דערטרינקען זיך גופֿא. אויך אַרויס האָט געמוזט אַריבערטראָגען די אַלע עינויים, ביז ער האָט זיך ענדליך, צו בן־חור׳ס גרעסטער פֿרייד, אויף אַזוי פֿיל דערמינטערט, אַז ער האָט צוריק בעקומען לשון.

נאָך אַ סך פֿראַגען אָהן אַ שום צוזאַמענהאַנג, וועגען דעם, וואו ער געפֿינט זיך, ווי אַזוי ער איז געראַטעוועט געוואָרען און דורך וועמען, איז ער בּיסלעכווייז אַריבער צו דער שלאַכט. דער ספק, צי ער איז געבליבען זיגער. און דער לאַנגער אָפּרוהע — אויף וויפֿיל דאָס איז מעגליך געווען אויף׳ן וויגענדיגען ברעט — האָבען מיטגעהאָלפען, ער זאָל אינגאַנצען קומען צו זיך. און אַ ווײַלע אַרום איז ער שוין געוואָרען בערײַדעוודיג.

— אונזער רעטונג, זעה איך, ווענדט זיך אָן דעם אויסגאַנג פֿון דער שלאַכט. איך אָנערקען אַלצדינג, וואָס דו האָסט פֿאַר מיר געטאָן. דו האָסט מיר מציל געווען פֿון טויט, שטעלענדיג דײַן אייגען לעבען אין קאָן. דערפֿאַר קום איך דיר מײַן דאַנק, וואָס ס׳זאָל מיט מיר ניט געשעהען. ווער רעדט, אַז אונז וועט שפּילען דאָס גליק און מיר וועלען בשלום אַרויס פֿון דער סכנה, וועל איך דיר אָפּשיטען מיט אַזויפֿיל חסדים, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ רוימער, וואָס אים איז געגעבען די געלעגענהייט און דער רשות

אַרויסצוווייזען זיין דאַנקבאַרקייט. ס'בלייבט נאָך אָבער אַ קשיה, צי דו האָסט מיר ווירקליך אַ טובה געטאָן, ביי אַלע דיינע גוטע כּוונות... — ער האָט זיך אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט. — אָדער בעסער געזאָגט, איך וויל זיך ווענדען צו דיין גוטען רצון און בעטען ביי דיר די הבטחה, צו טאָן מיר אין אַ געוויסען פאַל די גרעסטע טובה, וואָס איין מענש קאָן נאָר טאָן דעם אַנדערן. די דאָזיגע הבטחה מוזטו מיר איצט געבען.

— אויב נאָר מ'מעג עס על־פּי־דין וועל איך עס טאָן, — האָט בן־חיר זיך אָפּגערופען.

אָפּגעמאַטערט זיך פון ריידען, האָט אַריוס געמוזט אַ ביסעל אָפּרוהען.

— דו ביזט טאַקע חור'ס אַ זון? האָט ער געפרעגט אין אַ ווײלע אַרום.

— איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, אַז יע.

— איך האָב געקאָנט דעם פאָטער דיינעם.

יהודה האָט זיך צוגערוקט נעהענטער צו אים, מחמת דעם טריבונס קול איז נאָך געווען שוואַך, און האָט אויפגעשפּיצט די אויערן, טראַכטענדיג: ענדליך וועל איך פאָרט עפּעס געוואָר ווערען וועגען מיין פאַמיליע.

— איך האָב אים געקאָנט און ליב געהאַט, — האָט אַריוס ווייטער געזאָגט.

ווידער איז אויף אַ ווײלע שטיל געוואָרען; דעם טריבונס געדאַנקען האָבען אַפּנים זיך איבערגעטראָגען אויף עפּעס אַנדערש.

— ווייבאַלד דו ביזט חור'ס אַ זון, — האָט ער ווידער אָנגעהויבען, קאָן גאָר ניט געמאָלט זיין, אַז דו זאָלסט ניט האָבען געהערט פון ק אַ ט אָ און ב ר ו ט ו ס 'ן. זיי זיינען געווען גרויסע לייט, וואָס האָבען דערהויבט אין זייער טויט דערוויזען זייער גרויסקייט. אַז זיי זיינען געשטאָרבען, האָבען זיי איבערגעלאָזט אַ געזעץ — אַז אַ רוימער טאָר ניט איבערלעבען זיין גליק. דו הערסט, וואָס איך רייד?

— איך הער.

— ביי די חשובע רוימער איז אַ מינהג צו טראָגען אַ פינגערל.

אַט דאָ אויף מיין האַנט זעהסטו מזלכּם. ציה אים אַראָפּ פון מיין פינגער.

ער האָט אויסגעצויגען יהודה'ן זיין האַנט, און יענער האָט געפּאָלגט, וואָס ער האָט אים געהייסען.

— טו אָן דעם פינגערל אויף דיין אייגענער האַנט.

בן־חור האָט אייך דאָס מקיים געווען.

— דער דאָזיגער חפץ וועט דיר צ'נ'ץ קומען, — האָט אריוס ווייטער געזאָגט, — איך האָב אַ גרויסען פאַרמעגען, אַפילו אין רוים האַלט מען מיך פאַר אַ עושר. איך בין איין מענש אַליין; קיין פאַמיליע האָב איך ניט. דו דאַרפסט נאָר ווייזען דעם פינגערל דעם פרייגעלאָזענעם קנעכט, וואָס איז דער ממונה איבער מיינע גיטער, בשעת איך בין ניטאָ; דו וועסט אים געפינען אין ווילע נים ווייט פון מיזענום. דערציייל אים, ווי אַזוי ס'קומט צו דיר דער פינגערל, קאָנסטו ביי אים פאַרלאַנגען וואָר דו ווילסט און וויפיל דו ווילסט, און ער וועט דיר ניט אָפּזאָגען; אַפילו אַז דו זאָלסט פון אים פאַרלאַנגען דאָס גאַנצע עשירות. טאָמער בלייב איך לעבען, וועל איך פאַר דיר טאָן נאָך אַ סך מער און אַ סך גרעסערע זאַכען. איך וועל דיר צוריקגעבען די פרייהייט און וועל דיך אומקערען אין דיין פאַטערלאַנד צו דיין פאַמיליע. אָדער דו וועסט זיך קאָנען אַליין אויסקלייבען אַ קאַריערע פאַר דיר. דו הערסט מיך מיט קאָפּ?

— איך קאָן קיין שום זאַך ניט טאָן ווי נאָר הערען אייך.

— טו גיב מיר דיין הבטחה. אין דעם נאָמען פון די געטער...

— ניט אַזוי, איידעלער טריבון, איך בין דאָך אַ איד.

— נו, איז אין נאָמען פון דיין גאָט אָדער אין נאָמען פון דעם, וואָס איז ביי דיין אמונה הייליגער פון אלץ — זאָג מיר צו צו טאָן, וואָס איך וועל דיר באַלד זאָגען, און טאָן עס אַזוי, ווי איך וועל דיר הייסען. איך וואַרט. גיב־זשע מיר דיין וואָרט.

— איידעלער אַריוס; פון דיינע רייד בין איך משער, אַז ס'האַנדעלט זיך וועגען זעהר אַ ערנסטע און וויכטיגע זאַך.

— וועסטו מיר געבען דיין וואָרט?

— דאָס וואָלט הייסען מיך בינדען איידער... געבענשט זאָל זיין דער גאָט פון מיינע עלטערן! אָן גייט אַ שיף!

— פון וועלכער זייט?

— פון צפון-זייט.

— אָן אירע אויסווייניגסטע סימנים קאָנסטו דערקאָנען איר נאַציאָנאַליטעט?

— ניין. איך פלעג שטענדיג זיין צוגעשמידט צום רודער.

— האָט זי אַ פלאַג?

— דערווייל זעה איך ניט קיין פלאַג אויף איר.

אַריוס איז אַ ווײלע אַנטשוויגען געוואָרען, און טיף זיך פֿאַרטראַכט.

— די שיף גייט נאָך אַלץ אין דערזעלביגער ריכטונג? — האָט ער ענדליך געפֿרעגט

— יאָ, נאָך אַלץ אין דערזעלביגער ריכטונג.

— גיב נאָך אַ מאָל אַ קוק, צו ס'איז פאַראַן אַ פלאַג.

— קיין פלאַג איז ניטאָ.

— אפֿשר אַ אַנדער צייכען!

— די שיף איז מיט דריי שורות רודערס און די זעגלען זיינען אַריינגעטערנעצויגען, זי פֿאָרט זעהר שנעל — דאָס איז אַלץ, וואָס איך קאָן דיר זאָגען וועגען איר.

אַ רוימישע שיף נאָך אַ ניצחון וואָלט זיך אויסגעפּיצט מיט אַ סך פלאַגען. ס'איז מסתמא אַלזאָ אַ פֿיינדליכע שיף. טאָ הער מיך אויס, — האָט אַריוס מיט אַ טיפען ערנסט געזאָגט, — הער מיך אויס, כל-זמן איך קאָן נאָך ריידען. טאָמער איז די גאַלערע פון די ים-רויבער, איז דיין לעבען געראַטעוועט. זיי וועלען דיך אפֿשר ניט לאָזען פריי, וועסט אפשר ווידער צוגעשמידט ווערען צום רודער, אָבער הרגענען וועלען זיי דיך ניט. איך אָבער...

דער טריבון האָט זיך פֿאַרהאַקט.

— איך שווער ביי יופיטער! האָט ער פלוצלונג שאַרף אויסגערופען, — איך בין צו אַלט, אויף איבערצולעבען דעם אָנוועך פון מיין כבוד! זאָל מען אין רוים דערציילען, אַז אין דער שלאַכט מיט דעם שונא איז קווינטוס אַריוס אונטערגעגאַנגען צוזאַמען מיט זיין שיף, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ רוימישען טריבון. אָט דאָס פֿאַרלאַנג

איך פון דיר. טאָמער איז די שיף דעם שונא׳ס, זאָלסטו מיך אַראָפּשטויסען פון ברעט אין ים אַריין און דערטרינקען מיך. דו הערסט, וואָס איך זאָג? טאָ שווער מיר, אַז דו וועסט עס טאָן.

— שווערען דערויף וועל איך ניט, און כ׳וועל אייך ניט פאָלגען, וואָס דו הייסט מיר, — האָט בן-חור פעסט געענטפערט. — דער דין, וואָס איך בין זיין קנעכט, איז פאַר מיר הייליג; און על-פּי דעם דאָזיגען דין טראָג איך אויף זיך די אַחריות פאַר היין לעבען. טריבון, נעם דיין פינגערל צוריק,— ער האָט אַראָפּגעצויגען דעם רינג פון זיין פינגער,— און צוזאַמען מיט אים אַלע גנעדיגע הבטחות, וואָס דו האָסט מיר געגעבען אויפ׳ן פאַל, טאָמער וועלען מיר ניצול ווערען פון דער סכנה. דער פּסק-דין, וואָס האָט מיך פאַרמשפּט אויף אייביג צום רודער, האָט מיך געמאַכט פאַר אַ שקלאַף; פונדעסטוועגען בין איך פאָרט ניט קיין שקלאַף; און דיין פריי-געלאָזענער געווים ניט. איך בין אַ זון פון ישראל און, לכל-הפחות אין דעם מאָמענט, אַליין איבער זיך אַ האַר. נעם דיין פינגערל צוריק!

— אַריים האָט זיך קיין ריר ניט געטאָן.

— דו ווילסט עס ניט נעמען? — האָט יהודה ווייטער גערעדט. — וואָרף איך דיין מתנה אין ים אַריין, ניט פאַר כעס חלילה און אויך ניט פאַר גאַווה, נאָר כדי פּטור צו ווערען פון דיינע הבטחות. גיב נאָר אַ קוק, טריבון!

ער האָט אַ וואָרף געטאָן דאָס פינגערל ווייט פון זיך: אַריים האָט געהערט, ווי דאָס וואַסער האָט זיך אַ פּליעסק געטאָן, אָבער ער האָט זיך ניט אומגעקוקט אַהינצו.

— דו האָסט אָפּגעטאָן אַ נאַרישקייט, — האָט ער געזאָגט, — בפרט נאָך אין דיין לאַגע איז ממש ווילד אַזוי צו טאָן. מיין טויט ווענדט זיך סוף-כל-סוף ניט אָן דיר. איך קאָן איבעררייסען מיין לעבענס-פאָדים אָהן דיין הילף אויך; און ווען איך וועל עס טאָן, וואָס וועט זיין מיט דיר? מענשען, וואָס ביי זיי איז געבליבען צו שטאַרבען, ווילען בעסער אומקומען פון אַ פרעמדער האַנט, ווייל די נשמה, וועלכע לעבט אין אונז, ווי פּלאַטאָן וויל האָבען, איז מורד קעגען דעם געדאַנק פון זעלבסטמאָרד; דאָס איז גאָר. טאָ-

מער איז די שיף א פיינדליכע, וועל איך זיך סיי ווי נעמען דאס לע־בען. מיין בעשלוס איז פעסט. איך בין א רוימער; ערפאלג און ערע האבען פאר מיר מער האפט ווי דאס לעבען פונדעסטוועגען בין איך געווען גרייט דיר בעהילפיג צו זיין; דו האסט עס אבער ניט געוואלט. ביי דער לאגע, אין וועלכער איך געפין זיך אצונד, איז דאס פינגערל געווען די איינציגע בעשטעטיגונג פון מיין ווילען. אצונד זיינען מיר ביידע פארלארען. איך וועל שטארבען מיט'ן עגמת־נפש, וואס דער ניצחון און דער רום זיינען מיר ארויסגעריסען געווארען; דו וועסט לעבען, כדי צו שטארבען א ביסעל שפעטער פול חרטה, וואס דו האסט צוליב דיין אייגענע נארישקייט בידים אוועקגערויבט ביי זיך אליין די מעגליכקייט צו קענען ערפילען די התחייבות'ן פון א זון. איך בעדויער דיך.

די רעזולטאטען פון זיין טאט האבען זיך איצט פארגעשטעלט בן־חיר'ן דייטליכער; פונדעסטוועגען האט ער ניט חרטה געהאט אויף דעם, וואס ער האט געטאן.

פאר די גאנצע דריי יאר פון מיין קנעכטשאפט ביסט דו, א טריבון, געוועזען דער ערשטער, וואס האט מיר געשיינקט א פריינד־ליכען בליק; דו ביסט געווען דער ערשטער, וואס האט מיך גע־פרעגט, ווער איך בין. און טאמער אפילו, בשעת דו ביסט שוין שיר־שיר צום גרונד ניט אראפ און איך האב דיך אנגעכאפט און ארויפגעצויגען אויפ'ן ברעט, איז מיר אפשר ארויף דער געדאנק, אז דו האסט אין דיין רשות א סך מיטלען מיך ארויסצוהעלפען פון מיין אומגליקליכער לאגע, איז אבער דער דאזיגער אייגענוצי־גער געדאנק ניט געווען דער איינציגער מאטיוו פון מיין האנד־לען. גלויב מיר דאס, איך בעט דיך! אגב שווער איך דיר ביי גאט, אז די צילען, וועגען וועלכע איך טרוים, מוזען לויט מיין אינערליכער איבערצייגונג דערגרייכט ווערען נאר דורך רעכטפאר־טיגע מיטלען. איך וויל ניכער שטארבען מיט דיר אינאיינעם, איידער העלפען דיר אין דיין טויט. מיין בעשלוס איז פונקט אזוי פעסט ווי דיינער. ווען דו וואלסט מיר אפילו צוגעזאגט גאנץ רוים מיט אלע זיינע אוצרות, און עס וואלט טאקע געווען אין דיין רשות די הבטחה מקיים צו זיין, וואלט איך פונדעסטוועגען דיך דאך

ניט געטויט. דיין קאַטאַ און ברוטוס זיינען געוועזען קינדער אין פאַרגלייך מיט דעם מאַן, וואָס פאָ׳גען זיינע געבאָטען איז דער הייליגסטער חוב פון יעטווידער אידען.

— אָבער טאָמער וועל איך דיר הייסען, וועסטו דאָך...

— אפילו ווען דו וואָלסט געוואָגען בכוח פון מיר עס צו פאָדערן, וואָלט איך אויך דאַן ניט געפאָלגט דיין בעפעל. דאָס איז מיין לעצט וואָרט.

ביידע זיינען אַנטשוויגען געוואָרען.

בן-חור האָט אָפּט געקוקט אויף דער שיף, וואָס האָט זיך אַלץ דערנעהנטערט. אַריוס איז געלעגען מיט פאַרמאַכטע אויגען, אינגאַנצען גלייכגילטיג צו אַלעם.

— דו ביסט זיכער, אַז די שיף איז דעם שונא׳ס? — האָט בן-חור ענדליך געפרעגט.

— איך מיין אַזוי, האָט יענער זיך אָפּגערופען.

— זי איז שטיין געבליבען און לאָזט אַראָפּ אַ שיפעל.

— אַ פלאַג זעהט זיך צי ניט?

— פאַרהאַן אפשר נאָך אַ סימן צו דערקענען אַ רוימישע שיף?

— אַ רוימישע שיף האָט אַ העלם אויפ׳ן שפיץ מאַסט.

— טו פריי ויך, און זיי מוטיג, זי האָט אַ העלם אויפ׳ן שפיץ מאַסט.

אָבער אַריוס איז נאָך אַלץ געוועזען אין ספק.

— די מענשען אין דעם שיפעל נעמען אַרויף די שיפס-פאַראומגליקטע אויפ׳ן באָרט. ים-רויבער זיינען ניט אַזעלכע בני-רחמנים.

— מסתמא פעלט זיי אויס רודערער, האָט אַריוס זיך אָפּגערופען, דערמאָנענדיג זיך מסתמא אָן אַזעלכע פאַלען, ווען ער אַליין פלעגט צוליב דעם אַראָפּלאָזען שיפלעך.

מיט געשפאַנטער אויפמערקזאַמקייט האָט בן-חור נאָכגעקיקט יעדע בעוועגונג פון דער אומבעקאַנטער שיף.

— די שיף פאָרט ווידער אָפּ, -- האָט ער געמאָלדען.

— וואוהין?

— רעכטס פון אונז ליגט אַ גאַלערע, וואָס די קאָמאַנדע האָט זי, ווייזט אויס, פאַרלאָזען. די פרעמדע שיף רודערט צו איר צו.

אַט איז זי שוין לעבן איר. אַט זעצט זי אַרויס מענטשן אויף דער גאַלערע.

ערשט איצט האָט אַריס געעפֿנט די אויגן און זיך אויפֿגעזעצט.

— דאַנק דיין גאָט, — האָט ער געזאָגט, אַ קוק טוענדיק אויף דער שיף, — דאַנק הי דיין גאָט, ווי איך דאַנק מיינע. אַ פּיראַט וואָלט דערטרונקען די גאַלערע און ניט געפּרובט זי ראַטעווען. אָן דעם אין אָן דעם העלם אויפֿ'ן שפּיץ מאַסט דערקאָן איך, אַז ס'איז אַ רוימישע שיף. מנצח געווען האָבן מיר! די פֿאָרטונע איז מיר געבליבן געטריי, מיר זיינען געראַטעוועט. מאַך צו זיי מיט דער האַנט... רוף צו זיי... גיכער... זאָלן זיי אײַלען!... איך וועל ווערן דואומוויר און דו... איך האָב געקאָנט דיין פֿאָטער און האָב אים ליב געהאַט. ער איז באמת געווען אַ פֿירשט. ער האָט מיך געלערנט צו פֿאַרשטיין, אַז אַ איד איז ניט קיין באַרבאַר. איך וועל דיך מיטנעמען מיט זיך. איך וועל דיך דערקלערן פֿאַר מיינעם אַ זון. דאַנק זשע דעם גאָט דיינעם און רוף די מענטשן אַהער! גיכער, גיכער! מיר מוזן נאָכיאָגן די רויבער! קיין איינער טאָר ניט אַנטרינען! גיכער, גיכער!

יהודה האָט זיך געשטעלט אויפֿ'ן ברעט, געמאַכט מיט דער האַנט און געשריען ווי הויך ער האָט נאָר געקאָנט. ענדליך האָבן די מענטשן אין דעם קליינעם שיפֿעל באַמערקט זיי ביידן, זיינען זיי צוגעפֿאָרן און אַרויפֿגענומען זיי אין שיפֿעל אַריין.

אויפֿ'ן באָרט פֿון דער גאַלערע האָט מען אַריוס'ן אַנטפֿאַנגען מיט אַלע כּבֿוד'ן, ווי עס קומט אַ העלד, וואָס די פֿאָרטונע איז אַזוי גנעדיג צו אים. אויסגעצייגן אויפֿ'ן רוה־בעט אויפֿ'ן דעק האָט ער אויסגעהערט די פּרטים וועגן דעם סוף שלאַכט. נאָך דעם ווי מ'האָט געראַטעוועט אַלע לעבן־געבליבענע, וואָס זיינען צווישן געווען איבער'ן ים, און מ'האָט איינגעזאַמלט די רויב, האָט איבער דער שיף זיך ווידער צופֿלאַטערט דער פֿלאַג פֿון דעם איבער־קאָמאַנדיר, און מיט דער גרעסטער געשווינדקייט האָט זי זיך געלאָזט צו צפֿון, כּדי צו פֿאַראייניגן זיך מיט'ן פֿלאָט און דערפֿירן דעם ניצחון ביז'ן סוף.

די פֿופֿציג שיפֿן, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט פֿון דעם צפֿונ־דיגן אַריינגאַנג פֿון קאַנאַל, זיינען אָנגעקומען צו דער רעכטער צייט; זיי האָבן געפּאַקט די אַנטלויפֿענדיגע פּיראַטען און זיי אינגאַנצען פּאַרטיליגט. קיין איין שיף האָט זיך ניט געראַטעוועט. מיט צוואַנ־ציג פֿאַרכאַפּטע גאַלערעס האָט דער טריאומפֿירענדיגער זיגער זיך געלאָזט רודערן אַהיים.

ביי זיין אָנקומען אין פּאָרט פון מיזענום איז אַריוס בעגריסט געוואָרען מיט דער גרעסטער פייערליכקייט. דער בחור, וואָס האָט אים בעלייט, האָט אַרויסגערופען גרויס אויפמערקזאַמקייט און אינ־טערעס ביי דעם טריבונס פריינד, וואָס האָבן זיך צונויפגעקלי־בען צו מאַכען אים אַ קבלת־פנים. אויף זייערע פראַגען, פון וואַ־נען האָט ער אים גענומען, האָט אַריוס זיי דערציילט אין די רי־רענדיגסטע און פריינדליכסטע ווערטער די געשיכטע פון זיין רע־טונג און האָט זיי פאָרגעשטעלט דעם פרעמדען בחור; אָבער ווע־גען זיין פאַרגאַנגענהייט האָט ער זיי קיין וואָרט ניט דערמאָנט. געענדיגט זיין דערציילונג, האָט ער צוגערופען צו זיך בן־חור׳ן און אַרויפלייגענדיג אים מיט ליבע די הענט אויף דער פּלייצע, האָט ער געזאָגט:

— ליבער פריינד, דאָס איז מיין זון און יורש. איך בעט אייך, איר זאָלט אים רופען אויף מיין נאָמען. ווייל מיין פאַרמעגען וועט אַמאָל זיינס זיין, אויב נאָר די געטער וועלען מיר בעשערען, איך זאָל נאָך זיך עפּעס איבערלאָזען. איך בעט אייך, זייט זיינע פריינד, אַזוי ווי איר זייט מיינע.

אין ניכען, ביי דער ערשטער מעגליכקייט, איז יהודה געזעצליך אָנערקענט געוואָרען פאַר אַריוסעס אַ זון און אויף אַזאַ אופן האָט ער בעקומען אַ צוטריט אין די חשוב׳סטע קרייזען פון רוים. אַזוי האָט דער איידעלער טריבון געהאַלטען די הבטחה, וואָס ער האָט געהאַט געגעבען זיין רעטער, בן־חור׳ן.

אין אַ חודש אַרום נאָך אַריוסעס אומקערען זיך פון זיין עקספּע־דיציע איז דער ניצחון זיינער געפייערט געוואָרען מיט דער הער־סטער פּראַכט אין טעאַטער פון ס ק אַ ו ר ו ס. איין זייט פון דעם בנין איז געווען פאַרפּוצט מיט די מלחמה־טראָפייען. פון זיי האָבן

דעם גרעסטען חידוש אַרויסגערופען די צוואַנציג שיפֿס-שנאָבלען מיט די דערצו געהעריגע פאָנען פון די אָפגענומענע גאַלערעס. איבער זיי איז געווען געמאַכט אַ אויפשריפט מיט גרויסע אותיות, דייטליך צו לייענען פאַר אַלע אַכציג טויזענט צושויער, וואָס האָבען אָנגעפילט דעם טעאַטער:

אָפגענומען ביי די פיראַטען אין ים פון עווריפוס
דורך
**קווינטוס אריוס**
**דעם דואומוויר.**

סוף פון צווייטער טייל

# דריטער טייל

## קאַפּיטעל איינס

### בן־חור קערט זיך אום קיין ארץ־ישראל

ס׳איז אַריבער פֿינף יאָר. ס׳איז געווען אין חודש תמוז אין אַנטיואָכיע, דער קיניגין פֿון מזרח־לאַנד, דעמאָלט — אפשר די מעכטיגסטע און בעפֿעלקערטסטע שטאָט אין דער גאַנצער וועלט נאָך רוים.

ס׳איז אָנגענומען צו מיינען, אַז די אויסגעלאַסענקייט און לוקסוס פֿון יענער צייט האָבן געהאַט זייער מקור אין רוים, און פֿון דאָרט ערשט זיך פֿאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער אימפּעריע, און אַז די אַנדערע גרויסע שטעט האָבן נאָר נאָכגעטאָן די פֿאַרדאָרבענע מינהגים, וואָס האָבן געהערשט אין דער וועלט־שטאָט בײַם טיבער. ס׳איז נאָך אָבער אַ קשיה, צי די דאָזיגע מיינונג איז אינגאַנצען ריכטיג. אדרבה, ס׳איז אַ גרויסע סברה, אַז די זיגער, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן זעהר גרויס צו האַלטען אַדאַנק זייערע ניצחונות, האָבן איבערגענומען פֿון די בעזיגטע די פֿאַרדאָרבענע און אויסגעלאַסענע זיטען און מינהגים. די רוימער האָבן געפֿונען פֿאַרטיגע נעסטען פֿון אויסגעלאַסענקייט אין גריכענלאַנד און מצרים. ווער ס׳פֿאַרנעמט זיך גרינדליך מיט׳ן דאָזיגען ענין, קומט צו דער איבערצייגונג, אַז דער דעמאָראַליזירענדיגער שטראָם איז געגאַנגען פֿון מזרח קיין מערב און אַז דווקא אַנטיואָכיע, איינע פֿון די עלטסטע רעזידענצען פֿון אַשורס מאַכט מיט זיין פּראַכט

און לוקסוס, איז געווען אַ הויפּט-קוואַל פֿון דעם פֿאַרדאַרבע-רישען שטראָם.

פֿון די בלויע ים-וואַסערן איז אַ פֿאַסאַזשירען-גאַלערע אַריין אין דער לעפֿצונג פֿון דעם טייך אָראָנטעס. ס'איז געווען אַרום האַלבען טאָג און די היץ איז געווען זעהר גרויס. פֿונדעסטוועגען האָבען זיך אַלע פֿאַסאַזשירען געפֿונען אויפֿ'ן דעק — און צווישען זיי אויך בן-חור.

פֿאַר די פֿינף יאָר איז דער יונגער בן-ישראל געוואָרען אַ מאַן. אין זיין גאַנצער אויסערליכקייט האָט געשטעקט עפּעס העכסט סימפּאַטישעס, הגם דער ווייסער ליינענער מלבוש, וואָס ער האָט געטראָגען, האָט אַ ביסעל פֿאַרהילט די קאָנטורען פֿון זיין פֿיגור. ער איז שוין געזעסען מער ווי אַ שעה אין שאָטען פֿון אַ זעגעל. פֿאַר דער ראָזיגער צייט האָבען אייניגע פֿאַסאַזשירען פֿון זיין איי-גענער אומה געפּרובט פֿאַרבינדען מיט אים אַ שמועס, אָבער אומ-זיסט. ער האָט געענטפֿערט אויף זייערע פֿראַגען, אַפֿילו ערנסט און העפֿליך, נאָר קורץ, אין דער לאַטיינישער שפּראַך. זיין אויס-געאיידעלטע ריינע אויסשפּראַך, זיינע פֿיינע פֿאָרנעמע מאַנירען, און צוריקגעהאַלטענקייט, — דאָס אַלץ האָט נאָך מער צורייצט זייער נייגירינקייט. די, וואָס האָבען אים בעטראַכט נעהענטער, האָבען זיך ניט געקאָנט אָפּוואונדערן, וואָס זיין האַלטונג, די ניט-געצוואונגענע און העפֿליכע ווי ביי אַ אמת'ן פּאַטריציער, האָט ניט אינגאַנצען געשטימט מיט זיין אויסזעהן. זיינע הענט, למשל, זיינען געווען אומפּראָפּאָרציאָנעל לאַנג, און בשעת ער פֿלעגט ביי די שאָקלענישען פֿון דער שיף זיך אָנכאַפּען אָן אַ קאַנאַט, אָן אַ שטאַנג אָדער אָן עפּעס אַנדערש, כּדי איינצוהאַלטען דאָס גליי-געוויכט, האָט זיך געוואָרפֿען אין די אויגען די גרויס פֿון זיינע דאָלאָניעס און זייער קאָנטיגע קראַפֿט. יעדער איינער האָט זיך נעחידושט, ווער ער איז און וואָס ער איז, און האָט געחלש'ט דערגיין עפּעס גענויערס וועגען זיין לעבען און זיינע שיקזאַלען. מיט אַנדערע ווערטער, דער אַלגעמיינער איינדרוק פֿון זיין פּער-זענליכקייט איז געווען, אַז דער ראָזינער מאַן האָט געהאַט אַ פֿאַרגאַנגענהייט.

די גאַלערע איז אויפ׳ן וועג צוגעשטאַנען צו איינעם פון די פּאַרטען אויפ׳ן אינזעל קיפּער און האָט דאָרטען אַרויפגענומען אויפ׳ן באָרט אַ אידען פון אַ זעהר חשוב׳ער געשטאַלט און אַ רוהיגער, צוריקגעהאַלטענער פּאַטריאַרכאַלישער בענעמונג. בן-חור האָט געוואגט אים צו שטעלען איינינע פראַגען. די תשובות האָבען דערוועקט אין אים אַ צוטרוי און סוף-כל-סוף האָבען זיי זיך פונאַנדערגערעדט.

בשעת די גאַלערע איז, גייענדיג פון קיפּער, אַריין אין דער לעפצונג פון אָראָנטעס, זיינען נאָך איר נאָכגעגאַנגען צוויי שיפען, וואָס מ׳האָט געהאַט נאָך בעגעגענט אין אָפענעם ים; ביידע שיפען האָבען גלייך אַרויסגעוואָרפען העל-געלע פלאַנעלעך. די דאָזיגע סיגנאַלען האָבען אַרויסגערופען אויף דער גאַלערע אַ סך השערות. ענדליך האָט זיך איינער פון די פּאַסאַזשירען געווענדט צום חשוב׳ען אידען, ער זאָל אים עס קלאָר מאַכען.

— יע, איך ווייס, וואָס די דאָזיגע פלאַגען בעטייטען, — האָט יענער געענטפערט. זיי ווייזען נ י ט אויף דער נאַציאָנאַליטעט פון די שיפען, נאָר זיי זיינען אַ סימן, אַז זיי געהערען צו איין אייגענטימער.

— און ער האָט אַ סך שיפען?

— יאָ, ער האָט זיי אַ סך

— איר קאָנט אים?

— איך האָב מיט אים געשעפטען.

די פּאַסאַזשירען האָבען געקוקט אויפ׳ן ריידער, גלייך זיי וואָלטען נייגעריג זיין צו הערען ווייטער. אויך בן-חור האָט צוגעהערט מיט גרויס אינטערעס.

— ער וואוינט אין אַנטיאָכיע, — האָט דער איד ווייטער גערעדט אין זיין רוהיגען טאָן, — זיין גרויס עשירות האָט אים געמאַכט אַ שם ביי אַלעמען, ווי דער סדר איז; מ׳רעדט פון אים אַ סך, הגם ניט שטענדיג פריינדליך. אַמאָל האָט געלעבט אין ירושלים אַ פירשט פון זעהר אַלטען יחוס מיט׳ן נאָמען חור.

יהודה האָט זיך געפליסט צו בלייבען אויסערליך רוהיג, אָבער זיין האַרץ האָט אָנגעהויבען צו שלאָגען האַסטיגער.

— דער פירשט איז געווען אַ געשעפטסמאַן מיט אומגעוויינליך

גרויסע סוחרישע פֿינאַנקייטען. ער האָט געגרינדעט אַ סך גרויסע אונטערנעמונגען, האָט געפֿירט געשעפֿטען פֿון דעם ווייטסטען מזרח ביז די ווייטסטע מערבֿ־לענדער און אין אַ סך גרויסע שטעט האָט ער געהאַט פֿאַקטאָריעס. איבער דער פֿאַקטאָריע אין אַנטיאָכיע איז געווען אַ ממונה איינער אַ סימאָנידעס. מ׳זאָגט, אַז ער האָט געהערט צו די קנעכט פֿון בית־חור. דער פֿירשט איז אומגעקומען אויפֿ׳ן ים. זיינע געשעפֿטען זיינען אָבער געגאַנגען ווייטער און אפֿשר מיט ניט וויינציגער הצלחה. אָבער אין אַ געוויסער צייט אַרום האָט די פֿאַמיליע געטראָפֿען אַ גרויס אומגליק. דעם פֿירשטס איינאַנאיינציגער זון, נאָך אַ אינגעל, האָט געמאַכט אַ אָנפֿאַל אין איינער פֿון די ירושלימער גאַסען אויף גראַטוס דעם פּראָקוראַטאָר; דורך אַ צופֿאַל האָט זיך דער אָנפֿאַל ניט איינגעגעבען. פֿון דעמאָלט אָן איז דער אינגעל ווי אין וואַסער אַריין. דעם רוימערס נקמה האָט ניט אויסגעמיטען דאָס גאַנצע הויז. קיין איינעם פֿון דער משפּחה האָט מען ניט געשאָנעוועט. זייער פּאַלאַץ איז פֿאַרחתמעט געוואָרען און איז אַ צינד אַ נעסט נאָר פֿאַר טייבען. דעם פֿאַרמעגען האָט דער רוימער קאָנפֿיסקירט; אַלצדינג, וואָס האָט געהאַט דעם מינדסטען חשד, אַז ס׳געהערט צו דער פֿאַמיליע חור, איז צוגענומען געוואָרען. דער פּראָקוראַטאָר האָט פֿאַרהיילט זיין וואונד מיט גאָלד.

די צוהערער האָבען זיך צולאַכט.

— איר ווילט זאָגען, אַז ער האָט איבערגעלאָזט דעם פֿאַרמעגען פֿאַר זיך? — האָט זיך איינער פֿון זיי אָפּגערופֿען.

— אַזוי זאָגט מען, — האָט דער איד געענטפֿערט. — איך דערצייל נאָר דאָס, וואָס איך האָב געהערט. סימאָנידעס, וואָס האָט געפֿירט חורס געשעפֿטען דאָ אין אַנטיאָכיע, האָט אין אַ קורצער צייט נאָך דער מעשה, וואָס איך האָב אייך נאָר-וואָס דערציילט, אָנגעהויבען צו האַנדלען אויף זיין אייגענעם חשבון און איז אומגלויבליך גיך געוואָרען דער ערשטער סוחר דאָ אין שטאָט. פּונקט ווי זיין האַר. האָט ער אויך געשיקט קאַראַוואַנען קיין אינדיע, און די צאָל פֿון זיינע גאַלערעס אויפֿ׳ן ים וואָלט קלעקען אויף צונויפֿצושטעלען אַ קיניגליכען פֿלאָט. אין אַלץ, זאָגט מען,

האָט ער הצלחה. זיינע קעמלען פּגר'ן קיינמאָל ניט פאַר דער צייט; זיינע שיפען גייען ניט אונטער; ווען ער וואָלט אַפילו אַ שפּאָן האָלץ אַראָפּגעלאָזט אויפ'ן וואַסער, וואָלט עס אים אויך אַריינגעבראַכט גאָלד.

— ווי לאַנג שוין פירט ער דעם געשעפט?

— קיין צעהן יאָר אַפילו ניט.

— אַ פּנים ער האָט געהאָט מיט וואָס אָנצוהייבען?

— יאָ, מ'זאָגט, אַז דער פּראָקוראַטאָר האָט פאַרלאָזט נאָך דעם אָפּעגעם איינענס חורם, — דאָס פיך, די הייזער, די שיפען, די סחורות, די קרקע. קיין געלט אָבער האָט מען ניט געקאָנט געפינען. הגם ס'האָבען געטויזט זיין גוואַלטיגע סימעס. וואו דאָס איז אַהינגעקומען, איז עד־היום געבליבען אַ רעטעניש ניט צו בעשיידען.

— פאַר מיר אָבער ניט, — האָט איראָניש זיך אָפּגערופען איינער פון די פּאַסאַזשירען.

— איך פאַרשטיי, וואָס דו ווילסט זאָגען, — האָט געענטפערט דער איד. — אַנדערע האָבען אויך אַזוי געמיינט. אַלע האָבען געגלויבט, אַז אַט טאַקע פון דעם געלט איז דאָס סימאָנירעם נתעשר געוואָרען. אויך דער פּראָקוראַטאָר האָלט אַזוי — ווייניגסטענס פריהער האָט ער אַזוי געהאַלטען, וואָרום אין משך פון פינף יאָר האָט ער צוויי מאָל געלאָזט אַרעסטירען דעם סוחר און האָט אים אָנגעטאָן עינויים.

יהודה האָט פעסט צונויפגעדריקט דעם קאַנאַט, אָן וועלכען ער האָט זיך געהאַלטען, גלייך ווי ער וואָלט אים וועלען צומורשטען.

— מ'זאָגט, — האָט דער דערציילער ווייטער געערדט, — אַז ביי דעם מענשען איז ניט געבליבען קיין גאַנצער אבר, קיין ניט־צובראָכענע ביין. אַז איך האָב אים דאָס לעצטע מאָל געזעהן, איז ער געזעסען אין אַ לענשטול אונטערגעשפּאַרט פון אַלע זייטען מיט קישענס, אַ קאַליקע אָהן אַ געשטאַלט פון אַ מענשען.

— ווי, ווי געשריען! אזא אכזריות! — האָבען עטליכע צוהערער אויסגערופען אין איין קול.

— אַ קראַנקהייט וואָלט ניט געקאָנט אַזוי ציקריפּלען. אָבער

די עינויים האָבען גאָרנישט געהאָלפען. וואָס ער האָט פאַרמאָגט, איז געווען זיין כשר איינענס און ער האָט זיך דערמיט כשר בע־נוצט — מער האָבען זיי פון אים קיין שום זאַך ניט געקאָנט אַרויספרעסען. איצט דאַרף ער שוין מער ניט מורא האָבען פאַר רדיפות. ער האָט אַ כתב צום האַנדלען, געהתמעט פון טיבער־יוסען אַליין.

— מסתמא האָט ער עס בעקומען פאַר אַ שיינע אַפּותיקי!

— די דאָזיגע שיפען געהערען צו אים, — האָט דער איד גע־זאָגט, ניט נעמענדיג אין אַכט די בעמערקונג. — ביי זיינע שיפס־לייט איז אַ מינהג ביים בעגעגענען זיך אויפ'ן ים צו בעגריסען זיך — דורך אַרויפציהען געלע פלאַגעלעך, גלייך ווי דאָס וואָלט בעטייטען, אַז זיי האָבען געהאַט אַ גליקליכע נסיעה.

דערמיט האָט זיך די דערציילונג זיינע געענדיגט. אַז די גאַלערע איז אַריינגעפאָרען אין דעם טייך, איז יהודה צוגעגאַנגען צו דעם אומבעקאַנטען און געפרעגט:

— ווי האָט מען גערופען סימאָנידעסעס בעל־הבית?

— בן־חור, פירשט פון ירושלים.

— און וואָס איז געוואָרען מיט דעם פירשטס פאַמיליע?

— דעם זון האָט מען פאַרשיקט אויף די גאַלערעס. ער איז געוויס שוין לאַנג ניטאָ מער צווישען די לעבעדיגע. לענגער ווי אַ יאָר האַלט קיינער ניט אויס אויף דער רודער־באַנק. פון דער אַלמנה און דער טאָכטער האָט מען מער שוין ניט געהערט. טאָ־מער ווייס ווער עפּעס וועגען זייער גורל, שווייגט ער. מסתמא זיי־נען זיי אומגעקומען אין איינער פון די תפיסות, וואָס זיינען דאָ אַזויפיל איצט אין יהודה.

יהודה איז אַוועק אויפ'ן שטייערמאַנס דעק. ער איז געווען אַזוי טיף פאַרזונקען אין זיינע מחשבות, אַז ער האָט ניט אָנגעהויבען אפילו צו בעמערקען די אַנטציקענדיגע שיינקייט פון די ברעגען טייך. פון ים ביז סאַמע שטאָט האָבען זיך געצויגען הערליכע וויינגערטענער און סעדער פול מיט די זעלטענסטע פירות, און אין זייער שאָטען זיינען געלעגען ווילעס, וואָס זיינען געווען ניט ווי־ניגער פראַכטפול ווי די, וואָס אין נעאַפּאָל. ער האָט ניט געזעהן

די מאַסע שיפען, וואָס זיינען פאַרבייגעצויגען פאַר אים ווי אַ אומ־ ענדליכער פלאָט, האָט ניט געהערט דעם געזאַנג און די לוסטיגע מינטערע אויסגעשרייען פון די מאַטראָסען, וואָס האָבען ביי דער אַרבעט פריילין געשפּאַסט. העל און וואַרים האָט די זון פון לוי־ טערן הימעל אַראָפּגעשטראַלט אויף יבשה און וואַסער — נאָר אי־ בער זיין לעבען אַליין איז געלעגען אַ טיפער פינסטערער שאָטען.

בלויז איין מאָל האָט ער אויף איין רגע מיט אינטערעס אויפ־ געהויבען זיין בליק, בשעת איינער פון די פּאַסאַזשירען האָט אָנ־ געטייט אויף ד אַ פּ נ ע ס וועלדעל, וואָס האָט זיך בעוויזען ביי דעם אויסבייג פון טייך.

## קאַפּיטעל צוויי.

### א׳ן אנטיאכיע.

ווען די שטאָט האָט זיך בעוויזען פאַר די אויגען, האָבען אַלע פּאַסאַזשירען זיך אַ שאָט געטאָן אויפ׳ן דעק, כדי ניט דורכצולאָזען קיין איין פּרט פון דעם הערליכען בילד. דער חשוב׳ער איד האָט גענומען איף זיך די ראָלע פון אַ דערקלערער.

— דער טייך פאַרנעמט זיך דאָ צו מערב־זייט, — האָט ער זיך געווענדט צו דעם אַרומיגען עולם. — איך געדיינק נאָך די צייט, ווען ער האָט אַרומגעשווינקט דעם צופוסענס פון דער שטאָט-וואַנט; אָבער פאַר דער לאַנגער צייט, זינט מיר לעבען בשלום אַלס רוימישע אונטערטאַנען, האָט זיך דער מסחר און געשעפט דאָ גוואַלטיג אַנטוויקעלט, און דער גאַנצער ברעג טייך איז בעדעקט געוואָרען מיט ווערפען און דאָקען. אָן דאָרטען, — האָט דער ריידער געוויזען אין דרום-זייט, — ליגט דער באַרג קאַזיוס אָדער די אָראָנטעס־בערג, ווי דאָס פאָלק איז געוויינט אים אָנצורופען, אין אַנטקעגען אים, אין צפון-זייט, איבערן טייך—זיין ברודער-באַרג אַמנוס. צווישען זיי שפּרייט זיך דער פליין פון אַנטיאָכיע. דאָרט ווייטער זעהט איר די ש ו ו אַ ר צ ע בערג, פון וואַנען ס׳ציהען זיך די קיניגליכע קאַנאַלען און ברייננגען דער שטאָט די קלאָרסטע וואַסער צו שטילען דעם דאָרשט פון דער בעפעלקערונג און צו רייניגען די גאַסען. דאָרטען געפינען זיך נאָך גרויסע אוראַלטע וועלדער, רייך מיט פייגעל און ווילדע חיות.

— און וואו איז די אָזערע ? — האָט איינער פון די צוהערער געפרעגט.

— דאָרט צו צפון צו. מ׳קאָן צופאָרען אַהין רייטענדיג אָדער נאָך בעסער אין אַ שיפעלע, וואָרום אַ קאַנאַל פאַרבינדט די אָזערע מיט׳ן אָראָנטעס.

— דאַפנעס וואַלד! — האָט ער געענטפערט אויף אַ נייער פראַגע. — קיינער איז ניט אימשטאַנד אים צו בעשרייבען. אָבער היט זיך! אַ אַנדערער גייט אַהין אַוועק נאָר אים אָנצוזעהן, איין קוק אויף אים טאָן, און קאָן זיך שוין קיינמאָל מיט אים ניט צו־שיידען. פאַראַן דאָ אַ גאַנץ כאַראַקטעריסטיש ווערטעל: „בעסער זיין אַ וואָרים און עסען די ווידען־בלעטער אין דאַפנעס וואַלד, איידער צו זיצען ביים קיניגס טיש“.

— דיין עצה איז אַלזאָ אויסצומיידען דעם וואַלד?

— ס׳הייבט זיך ניט אָן. גיין אַהין מעגט איר אַלע. יעטווידע־רער גייט אַהין: דער צינישער פילאָזאָף, דער קוים דערוואַקסע־נער אינגעל, די ווייבער, די פריסטער — אַלע גייען אַהין. איך בין אַזוי זיכער, אַז אויך איר וועט דאָס טאָן, אז איך בין גרייט אייך שוין צו געבען אַפילו אַ עצה. דינגט ניט אַ פריהער קיין דירה אין שטאָט — אַ עבירה די צייט! גייט תיכף אַוועק אין דעם דאָרף, וואָס ליגט ביים ראַנד וואַלד. דער וועג אַהינצו פירט דורך אַ גאָר־טען מיט שפרודלענדיגע פאָנטאַנען. די חסידים פון גאָט אַפאָלאָן און זיין פעניזאישער יונגפרוי האָבען עס אויסגעבויט די שטאָט. אין אירע האַלעס און אַלייעס, אין די אָהן אַ שיעור פאַרבאָרגענע רוה־פלעצער געפינט מען נאָך אַזעלכע אָריגינעלע מענשען און מינהגים, אַזעלכע תענוגים און פאַרגעניגענס, ווי אין ערגעץ אין דער וועלט ניט. היינט די שטאָט־וואַנט! דאָס מייסטערווערק פון קסערעאוס, דעם קיניג צווישען די בוימייסטערס!

אַלע אויגען האָבען זיך געווענדט נאָך זיין טייט־פינגער.

— זי איז געמאַכט געוואָרען מיט דריי הונדערט יאָר צוריק אויפ׳ן בעפעל פון דעם ערשטען פון די סעלעווקידען. פאַר די דריי הונדערט יאָר איז זי זיך ממש צונויפגעוואַקסען מיט דעם פעלז, אויף וועלכען זי איז געבויט.

די מויער-וואַנט האָט טאַקע פאַרדינט די שבחים. הויך און פֿעסט מיט אַ סך נעוואַגטע ווינקלען, האָט זי זיך געצויגען אַרום שטאָט, ביז זי האָט זיך פאַרקערעחעט צו דרום-זייט און פאַרשוואונדען פון די פּאַסאַזשירענס בליקען.

— די וואַנט האָט פֿיר הונדערט טורימס, — האָט דער איד ווייטער גערעדט, — און אין יעדען טורעם איז דאָ אַ גרויסער רעזערוואואַר מאַסער. גיט אַ קוק אַהינצו! דאָרט אין דער ווייטענס דערהייבען זיך צוויי בערגלעך, די שפּיצען פון באַרג סולפּיוס, וואָס ווי די וואַנט איז הויך, זיינען זיי נאָך העכער. דער בנין אויף דעם ווייטען בערגעל איז די ציטאַדעל, וואָס איז אַ גאַנץ יאָר נאָכאַנאַנד פֿאַרנומען פון אַ רוימישען לעגיאָן. אויפ'ן בערגעל אַנטקעגען, וואָס ליגט נעהענטער צו אונז, שטייט יופּיטערס טעמפּעל; אונטען — דעם לענאַטס פּאַלאַץ, אַ בנין, פול מיט חדרים פאַר בעאַמטע, אָבער פֿעסט און מאַסיוו ווי אַ פעסטונג, קענען וועלכער ס'זיינען איסמעכטיג די צובינטעוועטע כוואַליעס פון המון.

אין דער רגע האָבען די מאַטראָסען אָנגעהייבען אַראָפּציהען די זעגלען, און דער איד האָט מיט געפיל אויסגערופען:

— קוקט! אַצינד איז געקומען די צייט צו זעגענען זיך מיט דער שיף! יענע בריק אָן דאָרטען, איבער וועלכער ס'גייט דער וועג קיין סעלעוקיע, בעצייכענט די גרעניץ פון דער ים-נסיעה. דאָ ווערען אויסגעלאָדען די שיף-סחורות און ווייטער בעזאָרגט דורך קעמעל-קאַראַוואַנען. איבער דער בריק הייבט זיך אָן דער אינזעל, וואו קאַליניקוס האָט זיך אויסגעבויט די נייע שטאָט. פינף נוואַלטיגע ביאַרוקטען פאַרבינדען זי מיט דער אַלטער און זיינען אַזוי פעסט און סאָליד געבויט, אַז ניט די צייט, ניט די וואַסערשטראָמען, ניט די ערדציטערנישען האָבען זיי ניט געשאַדט. וועגען דער אַלטער שטאָט גופא, מיינע פֿריינד, קאָן איך אייך נאָר זאָגען, אַז יעדערער, וואָס האָט זי נאָר געזעהן, קאָן זיך שעצען גליקליך זיין גאַנץ לעבען.

די שיף האָט זיך אויסגעדרייט און איז לאַנגזאַם צוגעפאָרען צו דער סטאַנציע אונטער דער וואַנט, אַזוי אַז די פּאַסאַזשירען האָבען אויסגעצייכענט גוט געקאָנט בעקוקען דאָס לעבען און די בעווע-

גינג, וואָס האָט געהערשט דאָ אויפ'ן טייך. ענדליך האָט מען אַרויסגעוואָרפען די אַנקער-קאַנאַטען און אָפּגעלייגט די רודערס. די נסיעה איז געווען געענדיגט.

איידער בן-חור האָט פאַרלאָזען די שיף, איז ער נאָך אַ מאָל צוגעגאַנגען צו דעם אַלטען אידען.

— נעם ניט פאַר אומגוט, וואָס איך בין דיך אַ רגע מטריח, פאַר'ן געזעגענען זיך.

דער אַלטער האָט צושטימענדי'ג אַ נייג געטאָן דעם קאָפּ.

— די געשילדעטע דיינע מיט דעם סוחר האָט מיר אַריינגעגעבען אַ חשק צו בעקאָנען זיך מיט אים. מ'רופט אים, דאַכט זיך, סימאָנידעס?

— יאָ, ער איז אַ איד מיט אַ פאַרגריכישטען נאָמען.

— וואו קאָן איך אים געפינען?

דער פרעמדער האָט פאָרשענדיג אָנגעקוקט דעם יונגען מאַן און דאַן געענטפערט:

— איך קאָן דיר פאַרשפּאָרען דעם עגמת-נפש צו בעקומען אַ אָפּזאָג. ער איז ניט קיין מלווה.

— און איך בין ניט קיין לווה, — האָט בן-חור אַ שמייכעל געטאָן איבער דעם אַלטענס שאַרפזיניגער השערה.

דאָ האָט יענער אויפגעהויבען דעם קאָפּ און פאַרטראַכט זיך אַ ווײלע, געזאָגט:

— מ'וואָלט געקאָנט מיינען, אַז דער רייכסטער סוחר אין אַנטיאָכיע וואוינט אין אַ הויז, וואָס זאָל פּאַסטען פאַר זיין עשירות; אָבער אין דער אמת'ן איז עס ניט אַזוי. אויב דו ווילסט אים געפינען, טו גיי פּאַזע טייך ביז יענער בריק, וואו ס'געפינט זיך אַ גרויסע ברייטע שיפס-סטאַנציע, וואָס איז שטענדיג פאַרוואָרפען מיט פּעק סחורה. די שיפען, וואָס ליגען דאָרט פאַראַנקערט, זיינען אַלע סימאָנידעסעס. און דערביי וואוינט ער טאַקע. דו וועסט געוויס לייכט טרעפען.

— אַ יישר כוחו!

— דער שלום פון גאָט פון אונזערע עלטערן זאָל זיין מיט דיר!

— און מיט דיר אויך.

און זיי האָבן זיך צושיידט.

צוויי טרעגער האָבן גענומען בן־חורס באַגאַזש און געוואַרט אויף זיין בעפֿעל, וואוהין צו גיין.

— צו דער ציטאַדעל, — האָט ער געהייסן. דערפֿון האָט מען געקאָנט דרינגען, אַז אָפּיציעלע אָדער מיליטערישע ענינים האָבן אים געבראַכט אין שטאָט.

צוויי לאַנגע, ברייטע גאַסען, וואָס האָבן זיך איבערגעהאַקט אונטער אַ גלייכען ווינקעל, האָבן געטיילט די שטאָט אין קוואַרטאַלען. אין עק פֿון דער גאַס, וועלכע האָט זיך געצויגען פֿון צפֿון צו דרום, האָט זיך דערהויבען אַ מערקווירדיגער קאָלאָסאַלער בנין, וואָס האָט געהייסען נימפעאָן. אַז די טרעגער האָבען זיך פֿאַרקערעוועט דאָרט צו דרום, איז בן־חור אַ ווײלע געבליבען שטיין; די פּראַכט און די הערליכקייט פֿון דער גאַס האָבען אים איבערראַשט, הגם ער איז נאָך־וואָס געקומען צו פֿאָרען פֿון דעם פּרעכטיגען רוים. רעכטס און לינקס האָבען זיך דערהויבען פּאַלאַצען, און צווישען זיי זיך געצויגען צוויי שורות מירמעלשטיינערנע זיילען, וואָס האָבען אָפּגעגרעניצט דעם וועג פֿאַר פֿוסגייער פֿון דעם וועג פֿאַר בהמות און פֿור׳ען. דאָס אַלץ איז געווען באַשאָטענט און די לופֿט האָט זיך דאָ אָפּגעפֿרישט דורך ליבליכע פֿאָנטאַנען, וואָס האָבען געשלאָגען אָהן אַ אויפֿהער.

אָבער בן־חור איז ניט געווען אויפֿגעלייגט צו קוויקען זיך מיט דעם הערליכען אָנבליק. די געשיכטע מיט סימאָנידעס׳ן איז אים ניט אַרויס פֿון קאָפּ. צוקומענדיג צום אָמפאַלוס (אַ מאָנומענט מיט פֿיר אַרקעס, וואָס איז געווען אַריבערגעצויגען איבער דער גאַנצער ברייטער גאַס און אויסגעבויט דורך עפּיפאַנעס, דעם אַכטען פֿון די סעלעוקידען, צוליב זיין אייגענעם כבוד וועגען), האָט בן־חור פּלוצלונג איבערגעביטען זיין לכתחילה׳דיגע כוונה.

— היינט וועל איך ניט גיין אין דער ציטאַדעל אַריין, — האָט ער געזאָגט צו די טרעגער. — פֿירט מיך אין אַ אַכסניה, ערגיץ ניט וויט פֿון דער בריק וואָס אויפֿ׳ן וועג קיין סעלעוקיע.

די טרעגער האָבען זיך פֿאַרנומען אַהין און אין אַ קורצער צייט

אַרום האָבּען זיי געבּראַכט בּן־חור'ן אין אַ פּשוט'ע, אָבער גערוימע אַכסניה, אַ ערך אַ שטיין־וואָרף ווייט פון דער בּריק, אונטער וועלכען עס האָט געוואוינט סימאָנידעס.

אַ גאַנצע נאַכט איז ער אָפּגעלעגען אויפ'ן דאַך פון גאַסטהויז, ניט צוטוענדיג קיין אויג. טיף אין האַרצען האָט זיך בּיי אים געצאַפּעלט דער איין געדאַנק: „בּאַלד, בּאַלד וועל איך שוין הערען וועגען דער מאַמען מיינער און דער ליבּער קליינער תּירצה. אויבּ זיי לעבּען נאָך, וועל איך זיי געפינען".

## קאַפּיטל דריי.

### ביי סימאָנידעס'ן.

אויף מאָרגען אין דער פריה האָט בן-חור, ניט בעקוקענדיג אפילו די שטאָט, זיך אַוועקגעלאָזט זוכען סימאָנידעסעס הויז. דורך אַ געצייגטען טויער איז ער אַרויסגעקומען צו אַ גאַנצער ריי ווערפען. פון דאַנען איז ער אַוועק אַרויף טייך צווישען אַ געדיכטען עולם, וואָס איז געווען פאַרהאַוועט אין פאַרשמייעט, ביז ער איז דערגאַנגען צו דער סעלעווקישער בריק, דאָ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און זיך אַרומגעקוקט.

דעם סוחר'ס הויז האָט זיך געפונען גלייך אונטער דער בריק. אַ גרויסע מאַסע פון ניט אַרומגעהאַקטע שטיינער, צונויפגעמויערט אָהן אַ שום סטיל, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי אַ אינטערשפּאַרונג פאַר דער וואַנט, אָן וועלכער זי איז געווען אָנגעלעהנט. — צוויי משונה גרויסע טויערן פון פאָרנט האָבען געפירט אויף דער ווערף. איינינע עפענונגען, סאַמע אונטערן דאַך, מיט געזונטע גראַטעס, האָבען געדינט אַלס פענסטער. אין די מויער-שפּאַלטען איז געוואַקסען גראָז און ערטערווייז האָט אַ שוואַרצער מאָך בעדעקט די הוילע שטיינער.

די טויערן זיינען געווען פאַנאַנדערגעעפענט. דורך איין טויער האָט מען צוגענומען די סחורות, דורך דעם אַנדערן — אַרויסגעגעבען. אומעטום האָט געהערשט אַ פאַרנומענקייט, אַ שטופעריי און אַ איילעניש.

אויף דער ווערף זײַנען געווען אָנגעוואָרפֿן גרויסע קופּעס סחורות פֿון כל המינים אין די פֿאַרשיידענסטע פֿאַרפּאַקונגען, און אַ סך שקלאַפֿן, נאַקעט ביז'ן גאַרטעל, האָבן זיך געמ'עסקט מיט פֿאַרלאָדען זיי.

נידעריגער פֿון בריק איז געלעגען פֿאַראַנקערט אַ פֿלאָט פֿון גאַלערעס; אַ טייל האָט מען אויסגעלאָדן, אַ טייל — אויף דאָס ניי אָנגעלאָדן. איבער יעדן מאַסט־שפּיץ האָט געפֿלאַטערט אַ געלער פֿלאַג. פֿון פֿלאָט צו דער ווערף, פֿון ווערף צום פֿלאָט און פֿון שיף צו שיף איז געגאַנגען דער רוישיגער שטראָם פֿון האַנדעל, אָהן שום אָפּשטעל, אָהן שום אָפּרוה.

אויף יענער זײַט בריק האָט זיך פֿון ברעג דערהויבן אַ וואַנט, און איבער איר האָבן געשטייגט אין דער הייך די פֿאַנטאַסטישע געזימסן און טורעמדלעך פֿון אַ קייזערליכן פּאַלאַץ, וואָס האָט פֿאַרנומען דעם גאַנצן אינזעל; אָט דעם פּאַלאַץ האָט עס דער־מאָנט דער איד. הגם דער פּאַלאַץ האָט צוגעשמידט יעטווידערנס אויפמערקזאַמקייט, אָבער בן־חור האָט אים כמעט ווי גאָר ניט בעמערקט. אַצינד האָט ער ענדליך געהאָפּט צו דערגיין עפּעס פֿון זײַנע ליבסטע און טייערסטע, געוויינטליך, אויב ס'איז נאָר אמת, אַז סימאָנידעס איז געווען זײַן טאַטענס אַ קנעכט. צי וועט דער סוחר אָבער וועלען זיך מודה זײַן אין דעם? דאָס וואָלט דאָך פֿאַר אים הייסען זיך אָפּזאָגען פֿון זײַן גאַנצער עשירות און פֿון זײַן אויבענאָן אין דער האַנדעלס־וועלט; און וועגן דער באמת קיניגליכער גרויסאַרטיגקייט פֿון זײַנע געשעפֿטען האָבן קלאָר עדות געזאָגט דער טײַך, די ווערף און אַלצדינג וואָס איז דאָ גע־ווען אַרום און אַרום. דער עיקר אָבער וואָלט דער סוחר געדאַרפֿט דאָן איבעררייסען זײַן סוחרישע קאַריערע אין רעכטען מיטען פֿון איר גלענצענדסטער הצלחה און ווידער זיך אומקערען צו דער מדריגה פֿון אַ קנעכט. שוין דער געדאַנק אַליין, צו פֿאַרלאַנגען אַזעלכעס פֿון אים, האָט אויסגעוויזען אַ משונה־ווילדע עזות'קייט. דאָס וואָלט, פּשוט גערעדט, הייסען זאָגען סימאָנידעס'ן: „דו ביסט מײַן שקלאַף; גיב מיר אָפּ אַלץ, וואָס דו פֿאַרמאָגסט, און דיך אַליין".

פינדרעסטווענען האָט בן-חור געשעפּט נייעם מוט פאַר זיין ווי־זיט צו סימאָנידעס׳ן אין דעם בעוואוסטזיין פון זיין ניטען רעכט און אין דעם ביטחון, וואָס ער האָט ניט געקאָנט פאַרטרייבען פון זיין האַרצען. אויב נאָר ס׳איז אמת, וואָס דער איד האָט דערציילט, געהערט דאָך סימאָנידעס צו אים מיט זיין גאַנץ האָב־און־גוטס. דאָס עשירות האָט בן-חור׳ן אין פלוג ניט אָנגעהויבען צו אַרען. אַז ער איז אַנטשלאָסענערהייט געבליבען שטיין ביי דער אַריינ־גאַנגס-טיר, איז ביי אים געבליבען פעסט, אַז „זאָל ער מיר נאָר געבען אַ ידיעה פון מיין מוטער און תירצה׳ן, שיינק איך אים אַוועק די פרייהייט אָהן אַ שום תנאַי“.

ער איז בעהאַרצט אַריין אין הויז.

פון אינווייניג איז דאָס הויז געווען אַ מין אומגעהייער גרויסער לאַגער, וואו סחורות פון כל המינים זיינען געווען אויסגעליינט אין אַ שטרייגען סדר און אָרדענונג. ניט קיקענדיג אויפ׳ן קאַרגען שיין און אויף דער פאַרדומפענער לופט האָט זיך דאָ געמערקט אַ שטאַרקע בעוועגונג פון אַ סך מענשען, וואָס זיינען אַריין און אַרויס. עטליכע גרופעס אַרבעטער זיינען געווען פאַרנומען מיט זעג און האַמערס ביים פאַרפאַקען די סחורות צום לאָדען. לאַנג־זאַם איז בן-חור געגאַנגען דורך די אָנגעלייגטע פעק און האָט מיט פאַרוואונדערונג זיך אַליין געפרעגט, צי דער מאַן, וואָס זיין געשעפטס-גאונות האָט זיך דאָ אומעטום אַרויסגעוויזען אין אַזאַ וואונדערליכער גרויסקייט, איז באמת געווען זיין פאָטערס אַ שקלאַף. און טאָמער טאַקע יע, איז צו וועלכער קאַטעגאָריע האָט ער גע־הערט? אויב ער איז אַ איד, צי איז ער געווען אַ דינערס אַ זון? אָדער ער איז אפשר געווען אַ בעל-חוב, אָדער אַ בעל-חוב׳ס אַ זון? אָדער איז ער אפשר פאַר׳משפט געוואָרען פאַר אַ גניבה און מ׳האָט אים פאַרקויפט פאַר אַ קנעכט? די דאָזיגע געדאַנקען, וואָס האָ־בען געיאָגט איינער דעם אַנדערן, האָבען אפילו אַ האָר ניט גע־מי־נערט זיין אַכטונג צום סוחר; אדרבה, זי איז געוואַקסען, וואָס ווייטער ער איז געגאַנגען, געפינענדיג אַלץ נייע זאַכען צו בעוואונדערן.

ענדליך האָט ער זיך געוואָרפען אין די אויגען, און איינער אַ אַרבעטער איז צו אים צוגעגאַנגען:

— וואָס איז דיין בּעגער?

— איך וואָלט וועלען זעהן סימאָנירעס'ן דעם סוחר.

— טאָ זיי אַזוי גוט און קום נאָך מיר.

שלייגלענדיג זיך דורך די פּעק סחורות, זיינען זיי ענדליך צו-געקומען צו טרעפּ. אַז ער איז אַרויף אויף זיי, האָט ער זיך גע-פונען אויפ'ן דאַך פון דעם לאַגער. ער האָט דערזעהן פאַר זיך אַ בנין — אַ קלענערען מויער, וואָס איז אויסגעבויט געווען אויף דעם אונטערשטען און האָט זיך דערהויבען צו מערב-זייט פון דער בּריק אין פרייען הימעל אַריין. דער דאַך, אַרומגערינגעלט מיט אַ נידעריגער וואַנט, איז געווען נעגליכען צו אַ טעראַסע און איז צו בן-חורס גרעסטען וואונדער געווען פאַרפּוצט מיט בלומען. צו דער איינאוּנאיינציגער טיר אין דער פאָדערשטער זייט האָט גע-פירט אַ וויבער-געהאַלטענער שטעג צווישען קוסטעס פּערסישע רייזען, וואָס זיינען געווען אין רעכטען בליהען. איינעטעמענדיג דעם זיסען דופט, איז בן-חור נאָכגעגאַנגען נאָך זיין פירער.

אין עק פון אַ פינסטערען קאָרידאָר, אינעווייניג אין הויז, זיינען זיי שטיין געבליבען פאַר אַ האַלב אָפנעשאַרצטען פאָרהאַנג.

דער פירער האָט געמאָלדען:

— אַ פרעמדער וויל זעהן דעם האַר!

אַ קלאָרע שטים האָט זיך אָפגערופען:

— לאָז ער אַריין אין נאָמען פון גאָט.

דער הדר, אין וועלכען מ'האָט אַריינגעפירט בן-חורן, וואָלט בּיי אַ רוימער געהייסען אַטריום. אויף די ווענט זיינען געמאַלט געווען אַ סך פּאָליצעס, וואָס זיינען אָנגעפילט געווען מיט נומערירטע, פון צייט אין אָפטען בעניצען פאַרגעלטע געשריפטסען. דער אוי-בערשטער און אונטערשטער ראַנד פון די ווענט איז געווען בּע-שלאָגען מיט הילצערנע לייסטען, בּעצירט מיט קונציגע אַראַבּעס-קען און שניצערייען. איבערן געזימס פון בעגולטע קוילען האָט זיך דערהייבען דער סופיט אַזוי ווי אַ קופּאָל, און אין מיטען זיי-נען געווען אַריינגעשטעלט הונדערטער קליינע פיאָלעטע שייבּע-לעך, וואָס האָבען דורכגעלאָזען אַ שטראָם זעלטען רוהיגען שיין. די דילען זיינען געווען אויסגעלייגט מיט דיקע גרויע טעפּיכער,

אין וועלכע די פיס פלעגן איננאַנצען פאַרזינקען, אַז מ׳פלעגט ניט הערען קיין מינדסטען שאָרך פון טריט.

אינ׳ם האַלבטונקעל פונ׳ם צימער האָט בן-חור דערזעהן אַ מאַנס-פּאַרשוין, וואָס איז געזעסען אין אַ הייכען לען-שטול, אויסגעבעט מיט ווייכע קישענס, און צו זיין רעכטער האַנט אַ מיידעל, שוין אַ גאַנץ היפשע, וואָס איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן דעם אָנלען פון דעם שטול. בן-חור האָט דערפילט, ווי דאָס בלוט האָט אים אַ זעץ געטאָן אין פּנים אַריין, אַז ער האָט זיי דערזעהן. ער האָט זיך פאַרנייגט, סיי אויס דרך-ארץ, סיי כדי צו פאַרבאָרגען זיין פאַר-לעגענהייט; דעריבער האָט ער ניט בעמערקט ניט די האַסטיג אויפגעהייבענע האַנט, ניט דעם אויסדרוק פון אימה און שרעק, וואָס איז בעפאַלען דעם אַלטען ביי בן-חורס דערשיינען. דער דאָ-זיגער אויסדרוק איז פאַרשוואונדען פונקט אַזוי שנעל, ווי שנעל ער האָט זיך געהאַט בעוויזען. אַז יהודה האָט אויפגעהייבען די אויגען, האָט ער זיי ביידען געפונען אין דערזעלביגער פּאָזע ווי בשעת ער איז אַריין, נאָר דער מיידעלס האַנט האָט אַצונד לייכט גע-רוהט אויף דעם אַלטענס אַקסעל. ביידע האָבען אים אויפמער-קזאַם בעטראַכט.

— אויב דו ביסט דער סוחר סימאָנידעס און ביסט אַ איד...— בן-חור האָט זיך אַ רגע אָפּגעשטעלט, — טאָ זאָל דער פריד פון גאָט פון אברהם אבינו רוהען אויף דיר און... אויף דיין הויז.

ביי די לעצטע ווערטער האָט ער אַ קוק געטאָן אויף דער מיידעל.

— איך בין דער סימאָנידעס, וועלכען דו מיינסט, און בין אַ איד פון געבורט, — האָט דער אַלטער געענטפערט מיט אַ אומ-נאַטירליך הילכיגער שטים. — איך סימאָנידעס דער איד ענטפער דיר אויף דיין שלום און בעט מיין גאַסט צו זאָגען זיין נאָמען.

אויסהערענדיג אים, האָט בן-חור פון אים קיין אויג ניט אַראָפּ-גענומען.

אָנשטאָט די פולע פאָרמען פון אַ געזונטען מאַנספּאַרשוין, איז אין די קישענס געלעגען פאַרזונקען אַ פאָרמלויזע מאַסע, איינגע-הילט אין אַ געשטעפּטער דעקע פון טונקעלע זייד. איבער דער דאָזיגען געשטאַלטלויזען גוף האָט זיך אויפגעהייבען אַ אמת

מלכות׳דיגער קאָפּ — אַ אידעאַלער קאָפּ פון אַ מלוכה-מאַן און לענדער-בעצווינגער, אַ איידעל געפֿורימטער קאָפּ מיט אַ הויכען שטערן, אַ קאָפּ, וואָס מיקעל-אַנדזשעלאָ וואָלט גענומען אַלס מאָדעל פאַר צעזאַרן. די ווייסע האָר זיינען אין קאַרגע לאָקען געפאַלען איבער׳ן ברייטען שטערן, און אונטער די גרייזגרויע ברעמען איז נאָך ברענענדיגער אויסגעקומען דער בליצענדיגער פייער פון די טיפע שוואַרצאַפּלען. דאָס פנים האָט קיין טראָפּען בלוט ניט געהאַט און איז געווען צואַקערט אין מורא׳דינע קנייטשען. מיט איין וואָרט, דאָס איז געווען אַ מענש, וואָס וואָלט גיכער אַליין איבערגעקערט די וועלט איידער זיך איר אונטערצוגעבען, אַ מענש, וואָס וואָלט גיכער אַריבערגעטראָגען נאָך צוואַנציג מאָל אַזעלכע עינויים, ווי די וואָס האָבען אים געמאַכט פאַר אַ אומגליקליכען קאַליקע, און זיך ניט פאָרט מודה זיין, אַפילו ניט אַרויסלאָזען קיין קרעכץ; אַ מענש, וואָס וואָלט גיכער אָפּגעגעבען דאָס לעבען, איידער זיך אָפּצוזאָגען פון אַ פּרינציפּ אָדער אַ אָנגענומענעם בעשלוס; אַ מענש, וואָס איז געווען בעוואָפּענט קעגען יעדען מין געוואַלט, און וואָס נאָר די ליבע צו איימיצען וואָלט געקאָנט ווירקען אויף זיינע מעשים.

דעם דאָזיגען מענשען האָט בן-חור אויסגעשטרעקט זיינע הענט, אָפען און פריי, און האט געזאָגט:

— איך בין יהודה, דער זון פון איתמר, דעם פאַרשטאָרבענעם ראש פון בית-חור און פירשט פון ירושלים.

דעם סוחרס רעכטע האַנט, אַ לאַנגע און אַ מאָגערע, וואָס האָט דערציילט פון די אויסגעשטאַנענע עינויים קשים, האָט זיך קאָנוואולסיוו איינגעדריקט אין די פאַלבען פון דער דעקע. דאָס איז געווען דער איינציגער צייכען פון זיין אויפרעגונג. אַזוי אָבער האָט מען אויף אים ניט געקאָנט בעמערקען דעם מינדסטען סימן פון איבעראַשונג, ערשטוינונג אָדער נייגיריגקייט. ער האָט רוהיג געענטפערט:

— די פירשטען פון ירושלים פון די אלטע משפחות זיינען אַלע מאָל אָנגעלייגטע געסט אין מיין הויז. און אויך צו דיר רוף איך: ברוך-הבא! אסתר, דערלאנג דעם יונגען מאַן אַ שטול.

די מיידעל האָט געטאָן, וואָס דער טאַטע האָט איר געהייסען.

צוריקקענדיג דעם ווייך-געבעטען שטול צו בן-חורן, האָט זי זיך בּענגענט מיט זיינע בליקען.

— דער פריד פֿון גאָט אונזער האַר זאָל זיין צו דיר, — האָט זי מיט צניעות געזאָגט, — זעץ זיך און רוה אָפּ.

און זי איז ווידער צוגעגאַנגען צום פֿאָטער, אַפילו ניט אָנהייבענדיג צו שטויסען זיך, וואָס ס'האָט אַהער געבראַכט דעם יונגען אידען.

ניט פֿאַרנעמענדיג דעם פֿאָרגעלייגטען פּלאַץ, האָט בן-חור מיט דרך-ארץ געזאָגט:

— איך בעט דעם איידעלען האַר סימאָנידעס ניט צו האַלטען מיך פֿאַר אַ מענשען, וואָס האָט געשטערט אַייער מנוחה צוליב פּוסטער נייגיריגקייט. פֿאָרענדיג אַהער, האָב איך געהערט אויף דער שיף, אַז דו האָסט געקאָנט מיין פֿאָטער עליו השלום.

— איך האָב געקאָנט דעם פֿירשט חור. מיר האָבען בשותפות געפֿירט די גרעסטע געשעפֿטען און אונטערנעמונגען מיט די ווייטסטע מדינות, וואָס ליגען אויף יענער זייט ים און איבער דער מדבר. פֿאַרוואָס אָבער זיצטו ניט, איך בעט דיך!.. אסתר, דערלאַנג דעם גאַסט וויין. ביי נחמיה'ן ווערט שוין דערמאָנט איינער אַ חור, וואָס האָט געהערשט איבער האַלב ירושלים. אַ אַלטע משפּחה, יאָ, זעהר אַ אַלטע! נאָך אין די טעג פֿון משה רבינו און יהושע זיין קנעכט האָבען איינינגע מיטגלידער פֿון בית חור געפֿונען ליטזעליגקייט אין די אויגען פֿון גאָט אונזער האַר און האָבען זוכה געווען צו דיזעלבּיגע חסדים ווי יענע גרעסטע צווישען די בני-אדם. איך קאָן זיך קיים פֿאָרשטעלען, אַז זייערער אַ אוראייניקעל זאָל זיך אָפּזאָגען פֿון אַ בעכער וויין פֿון אמתע שורק'ער ווײנטרויבען, געצייטיגט אויף דעם דרום'ריגען אַראָפּהאַנג פֿון חברון.

אַז סימאָנידעס האָט געענדיגט, האָט אסתר דערלאַנגט בן-חור'ן אַ זילבּערנעם בעכער, וואָס זי האָט אָנגעפילט מיט וויין פֿון אַ קרוג, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ טיש אָן אַ זייט. די אויגען האָט זי געהאַלטען אַראָפּגעלאָזען. אָפּרוקענדיג פֿון זיך דעם בעכער, האָט ער לייכט בעריהרט איהר האַנט. זייערע בליקען האָבען זיך בּענגענט, און ער האָט ערשט איצט בעמערקט, אַז זי איז גע-

זוען קליין, קוים געגרייזלט אים ביז׳ן אַקסעל, אָבער פול מיט חן, ליבליך און צאַרט פון געזיכט, מיט שוואַרצע, אומבעשרייבליך זאַנפטע אויגען. „זי איז גוט און שיין, האָט ער געטראַכט אין האַרצען. — ווען תּירצה וואָלט געלעבט, וואָלט זי אויסגעזעהן פּונקט אַזוי. אָרימע תּירצה״... און אויפ׳ן קול האָט ער געזאָגט:

— ניין, מ׳דאַרף ניט. דיין פאָטער... סימאָנידעס איז דאָך דיין פאָטער? — ער האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— מ׳רופט מיך אסתּר, איך בין סימאָנידעסעס טאָכטער, — האָט זי געזאָגט מיט ווערדע.

— ליבע אסתּר! איך האָף, אַז דיין פאָטער וועט קיין פאַראיבעל ניט האָבען, ווען איך וועל זיך אָפּזאָגען צו פאַרזוכען זיין בערימטען וויין, איידער ער וועט מיך האָבען אויסגעהערט ווייטער. אויך דו, האָף איך, וועסט ניט אָפּטאָן פון מיר דיין ליטזעליגקייט. שטעל זיך אַ רגע אָט דאָ לעבען מיר.

און זיי האָבען זיך ביידע געשטעלט פאַר דעם סוחר, איינס לעבען אַנדערען.

— סימאָנידעס, — האָט בן-חור געזאָגט מיט אַ פעסטער שטים, — מיין פאָטער האָט נאָכ׳ן טויט איבערגעלאָזט אַ געטרייען אויסגעפּרובטען דינער מיט׳ן נאָמען סימאָנידעס. מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז דו ביסט עס יענער דינער!

דעם אַלטענס צוקריפּעלטע גלידער האָבען זיך קאָנוואולסיוו אַ צאַפּעל געטאָן אונטער דער דעקע, און די מאָגערע האַנט האָט זיך צונויפגעדריקט אין אַ פויסט.

— אסתּר, אסתּר! — האָט ער שטריינג אַ רוף געטאָן. — קום אַהער, אַהערצו! דו ביסט מיינס אַ קינד און דיין מוטערס, דיין אָרט איז דאָ לעבען מיר און ניט דאָרטען; קום אַהערצו, זאָג איך דיר!

ערשטוינט און דערשראָקען האָט דאָס מיידעל איבערגעפירט איר בליק פון פאָטער אויפ׳ן גאַסט, האָט אַוועקגעשטעלט דעם בעכער אויפ׳ן טיש און פאַרנומען איר פריהערדיגען פּלאַץ לעבען פאָטערס שטול.

מיט ליבע האָט סימאָנידעס אָנגענומען מיט זיין לינקער האַנט

איר האַנט, וואָס זי האָט צערטליך געהאַט אַרויפגעלייגט אויף זיין פּלייצע, און ווידער בעהערשט זיך, האָט ער רוהיג געזאָגט:

— דער מגע-ומשא מיט מענשען האָט מיך אַלט געמאַכט, אַלט פאַר דער צייט. אייב דער מענש, וואָס האָט דיר דערציילט דאָס, וועגען וואָס דו האָסט אָקאָרשט גערעדט, איז מיינער אַ פריינד, אויב די געשיכטע, וואָס דו האָסט פון אים געהערט, האָט ער דיר איבערגעגעבען אָהן פּניות, האָסטו געמוזט בעקומען די איבער- ציינונג, אַז איך קאָן גאָר ניט אַנדערש בעגעגענען אַ מענשען ווי נאָר מיט חשד. דער גאָט פון ישראל זאָל העלפען דעם, וואָס איז צום סוף פון זיינע טעג געצוואונגען אין דעם זיך מודה צו זיין! מיין ליבע געהערט נאָר געציילטע, זיי אָבער — אינגאַנצען! און צווישען די דאָזיגע איז פאַרהאַן נאָר איין נשמה, — ער האָט צו- געטראָגען די האַנט, אין וועלכער ס'איז געלעגען די זייניגע, צו די ליפען, — אַ נשמה, וואָס האָט ביז דער איצטיגער רגע געהערט אינגאַנצען צו מיר און איז געווען פאַר מיר אַזאַ זיסע נחמה, אַז איך וואָלט מוזען שטאַרבען, ווען זי וואָלט ביי מיר אַוועקגענומען ווערען.

אסתר האָט זיך צוגענייגט צו אים און צוגעטוליעט זיך מיט איר באַק צו זיינער.

— די צווייטע ליבע מיינע איז נאָר אַ ערינערונג. וועגען איר קאָן איך נאָר זאָגען, אַז די דאָזיגע ליבע מיינע וואָלט זיך אויס- געגאָסען אויף אַ גאַנצער משפחה, ווען איך וואָלט... זיין שטים האָט אַ ציטער געטאָן און איז געזונקען קוים צו הערען, — ווען איך וואָלט נאָר ווּיסען, וואו זיי זיינען.

בן-חורס פּנים האָט זיך אָנגעצונדען. ער האָט געמאַכט אַ טריט נעהענטער און האָט מיט פייער אויסגערופען:

— מיין מאַמע! מיין שוועסטער! אָ, איך וויים, דו מיינסט עם זיי!

אסתר האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ, גלייך די ווערטער זיינען געווען צו איר געווענדט. סימאָנידעס אָבער האָט זיך ווידער בע- הערשט און האָט קאַלט געענטפערט:

— הער מיך אויס ביז'ן סוף. צוליב דעם, וואָס איך האָב ווי-

ניג צוטרוי צו מענשען, ווי איך האָב דיר שוין געהאַט געזאָגט, און אין נאָמען פון דער ליבע, וואָס איך האָב נאָר-וואָס דערמאָנט, איז איידער איך וועל דיר איבערגעבען ווייטערדיגע פּרטים וועגען מיינע בעציהונגען צום פירשט חור, פאַרלאַנג איך פון דיר בעשיינפּערליכע ראיות, אַז דו ביסט עס טאַקע יענער, פאַר וועמען דו גיסט זיך אַרויס. האָסטו שריפטליכע בעווייזען אָדער קאָנסטו שטעלען עדות?

די דאָזיגע פאָדערונג איז געווען גאַנץ נאַטירליך און, אָפּפרעגען איר גערעכטקייט האָט מען גאָר ניט געקאָנט. בן-חור איז רויט געוואָרען פאַר גרויס צוטומעלטקייט, האָט צונויפגעדריקט די הענט און אומזיסט געזוכט וואָס צו ענטפערן. סימאָנידעס האָט ניט נאָכגעלאָזען:

— בעווייזען, בעשיינפּערליכע בעווייזען, זאָג איך דיר! שטעל זיי מיר צו, גיב זיי מיר אַהער!

בן-חור האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. אויף אַזאַ מין פאָדערונג האָט ער זיך ניט גערעכט. ערשט איצט, ווען די דאָזיגע פאָדערונג איז אים געשטעלט געוואָרען, האָט ער צום ערשטען מאָל בעמערקט דעם שרעקליכען פאַקט, אַז די דריי יאָר, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אויף דער גאַלערע, האָבען אָפּגעמעקט אַלע בעווייזען פון זיין פּערזענליכקייט. זינט זיין מוטער און זיין שוועסטער זיינען פאַרשוואונדען, איז ניט געבליבען קיין מוטער-מענש, וואָס זאָל אים גערעדינקען. וואָס וואָלטען אים געקאָנט העלפען זיינע איצטיגע גוטע פריינד? אַפילו קווינטוס אַריוס אַליין, ווען ער וואָלט אַצונד געווען דאָ, וואָלט געקאָנט נאָר דערציילען, ווי און וואו ער האָט אים געפונען, און אַז ער האָט אים געגלויבט אויפ'ן וואָרט, אַז ער איז חורס אַ זון; אָבער דער העלדישער רוימישער ים-פאָרער איז שוין געווען טויט, ווי מיר וועלען עס באַלד געוואָר ווערען. יהודה האָט שוין פריהער אָפטמאָל געשפּירט זיין עלענדקייט, אָבער ערשט אַצונד האָט ער דערפילט מיט זיין גאַנצער נשמה, ווי עלענד און פאַר'יתומט ער איז אין דער גאַנצער וועלט. ווי מבולבל, מיט צונויפגעדריקטע הענט האָט ער זיך אָפּגעקערט. סימאָנידעס האָט בעמערקט זיין צער און האָט געשוויגען.

— סימאָנידעס, — האָט יהודה ענדליך אָנגעהויבן, — איך קאָן דיר נאָר דערציילען מיין לעבענס־געשיכטע, און דאָס וועל איך טאָן, אויב נאָר דו וועסט זיך מטריח זיין מיך אויסצוהערען. און ביז ווען בעט איך דיך אָפּוואַרטען מיט דיין לעצטען וואָרט.

— רייד, — האָט געזאָגט סימאָנידעס, אצינד דער בעל־הבית פון דער לאַגע, — רייד, און איך וועל דיר גערן אויסהערען, בפרט אז איך האָב גאָר ניט געלייקענט, אז דו ביסט עס די פּערזאָן, פאַר וועלכע דו גיסט זיך אַרויס.

דאַן האָט בן־חור גענומען דערציילען זיין געשיכטע. ער האָט זי איבערגעגעבען אין קורצע ווערטער, אָבער מיט יענער וואַרימקייט, וואָס גיט צו דעם כוח־הדיבור די קראַפט פון דער איבערציינונג. אַזוי ווי זיין גורל איז אונז בעקאַנט ביז דעם מאָמענט, ווען ער האָט מיט אַריוס דעם טריאומפאַטאָר זיך אומגעקערט פון עגייאישען ים קיין מיזענום, וועלען מיר אויסהערען זיין געשיכטע נאָר פון דעם מאָמענט אָן.

— דער קיסר, — האָט בן־חור דערציילט, — האָט מיין בעשיצער ליב געהאַט און געהאַט צו אים צוטרוי; ער האָט אים אָפּגעשאָטען מיט כל'ערליי כיבודים. די סוחרים פון מזרח־לאַנד האָבען אים געבראַכט טייערע מתּנות, און צווישען די גבירים פון רוים האָט ער באַלד פאַרנומען דעם אויבענאַן. קאָן אַ בן־ישראל פאַרגעסען ווען זיין אמונה? קאָן ער פאַרגעסען דעם אָרט פון זיין געבאָרען, אויב דער דאָזיגער אָרט איז דאָס הייליגע לאַנד פון אונזערע אָבות? דער איידעלער מאַן האָט מיך לויט די געזעצען פון זיין לאַנד צוגעשריבען פאַר אַ זון, און איך האָב געזעהן נאָך מיינע כוחות אַרויסצווייזען אים מיין דאַנקבארקייט. קיינמאָל האָט אַ זון אַזוי ניט געפאָלגט זיין פאָטער, ווי איך — אַריוס'ן. ער וואָלט מיך גערן געמאַכט פאַר אַ געלערנטען און האָט מיר אָנגעמוט די בערימטסטע לערער, זיי זאָלען מיך אויסבילדען אין קונסט, פילאָזאָפיע און אין דער חכמה פון שיין ריידען. איך האָב עס אָפּגעזאָגט; דען איך בין געווען אַ איד און האָב ניט געקאָנט פאַרגעסען גאָט אונזער האַר, די גרויסקייט פון זיינע נביאים און די פּראַכטפולע שטאָט פון דויד המלך און שלמה זיין זון אויפ'ן

הר־ציון און דעם באַרג פֿון מוריה. אָ, דו ווילסט אפֿשר פֿרעגן, פֿאַרוואָס האָב איך בכלל אָנגענומען וואָסערע ס׳איז טובֿות פֿון דעם רוימער? ערשטענס, האָב איך אים האָלט געהאַט; אויסער דעם האָב איך געהאָפֿט, אַז מיט זיין הילף, דורך זיין השפּעה קאָן מיר אַמאָל זיך איינגעבן צו אַנטפּלעקן דעם סוד, וואָס ליגט איבער דעם גורל פֿון מיין מוטער און שוועסטער. ס׳איז געווען נאָך אַ מאָטיוו דערביי, נאָר וועגן דעם וועל איך דיר לעת־עתה בלויז זאָגן, אַז דער דאָזיגער מאָטיוו האָט מיך בעוואויגען צו נעמען זיך פֿאַר דער קונסט פֿון געברייכען געווער און צו שטרעבען דערגיין די אַלע חכמות, וואָס זיינען שייך צו תּכסיסי מלחמה. איך האָב געאַרבעט אין די קאַמפּשולען, אין די פֿעכט־שולען און אין די צירקען און געאיבט זיך ניט ווייניגער ווי אין די פֿעלד־לאַגערס. אומעטום דאָרט האָב איך זיך געמאַכט אַ נאָמען, אָבער ער איז ניט געווען דער נאָמען פֿון מיינע עלטערן. די קרענץ וואָס מ׳האָט מיר דערלאַנגט (זיי הייגגען אַ סך אויף די ווענט פֿון דער ווילע אין מיזענום) האָט מען מיר דערלאַנגט אַלס אַ זון פֿון אַריוס דעם דואומוויר. נאָר אַלס אַזעלכער בין איך בעקאַנט די רוימער. ניט אַרויסלאָזענדיג פֿון זינען מיין ציל, וואָס איז געווען אַ סוד פֿאַר דער וועלט, בין איך אַוועק פֿון רוים, כּדי צוצושטיין ראָ אין אַנטיאָכיע צום קאָנסול מאַקסענציוס אין דעם פֿעלדצוג, וואָס ער נעמט פֿאָר קעגען די פּאַרטער. אַ מייסטער אין דער קונסט צו בענוצען זיך מיט יעדען מין געווער, וויל איך אַצינד דערווערבען יענע העכערע חכמה, וואָס איז נייטיג כּדי צו פֿירען גרעסערע מחנות אויף דעם שלאַכטפֿעלד. דער קאָנסול האָט מיך צוגענומען אין דער צאָל פֿון זיינע מקורבים. נעכטען, בשעת אונזער שיף איז אַריינגעפֿאָרען אין אָראָנטעס, זיינען צוגלייך מיט איר אַריין אין טייך צוויי אַנדערע שיפֿען, וואָס האָבען אַרויסגעשטעלט געלע פֿלאַגען. איינער פֿון די פּאַסאַזשירען, מאחינו בני ישראל, וואָס האָט זיך געזעצט אויף דער שיף אין קיפּער, האָט אונז דערקלערט, אַז די שיפֿען געהערען סימאָנידעס׳ן, דעם ערשטען סוחר אין אַנטיאָכיע; ער האָט אונז אויך דערציילט פֿון זיין גורל, פֿון זיין וואונדערליכער הצלחה אין האַנדעל, פֿון זיינע פּלאַטען און קאַראַוואַנען.

ניט אָנהייבענדיג אַפילו חושד צו זיין, אַז איך בין אין זיין דער־ציילונג פאַראינטערעסירט ניט דער ערך מער ווי אַלע איבעריגע, האָט ער צוגעגעבן, אַז סימאָנידעס איז אַ איד און איז אַמאָל געווען פירשט חורס אַ קנעכט; ער האָט אויך דערמאָנט די אכזריות פון גראַטוס'ן און די סיבה דערפון.

ביי דער דאָזיגער אָנצוהערעניש האָט סימאָנידעס אָנגעבויגען דעם קאָפּ. און אסתר האָט צוגעטוליעט איר פנים צום טאַטענס אַקסעל, גלייך ווי העלפענדיג אים בעהאַלטען זיין אויפרעגונג און צוגלייך אויך פאַרבאָרגענדיג איר אייגענע טיפע סימפּאַטיע צו דעם אַלטען בעל-יסורים. אָבער יענער האָט באַלד אויפגעהייבען די אויגען און מיט אַ קלאָרער שטים געזאָגט:

— איך הער, דערצייל ווייטער.

— יאָ, איידעלער סימאָנידעס, — האָט בן-חור ווידער אָנגע־הויבען, אַריינלייגענדיג, דאַכט זיך, זיין גאַנצע נשמה אין די דאָ־זיגע ווערטער, — איך זעה, אַז ס'איז נאָך אַלץ ניט צורונען דער שאָטען פון דיין אומצוטרוי צו מיר!

אומבעוועגליך און קאַלט ווי מאַרמאָר זיינען געבליבען די געזיכטס-שטריכען פון'ם אַלטען סוחר. ער האָט שטיל געשוויגען.

— און ניט ווייניגער קלאָר זעה איך די גאַנצע שווערקייט פון מיין לאַגע, — האָט דער יונגער מאַן ווייטער גערעדט, — איך קאָן דערווייזען אַלע מיינע רוימישע בעציהונגען. איך דאַרף זיך נאָר ווענדען צום קאָנסול, וואָס איז אַצונד צו גאַסט ביים לעגאַט פון דער דאָזיגער שטאָט. אָבער די בעווייזען, וואָס דו פאַרלאַנגסט פון מיר, קאָן איך ניט צושטעלען. איך קאָן ניט דערווייזען, אַז איך בין מיין טאַטענס אַ זון. די, וואָס וואָלטען מיר געקאָנט העלפען דעם, זיינען אָדער טויט אָדער גאָט ווייס וואו.

ער האָט בעהאַלטען זיין פנים אין די הענט. דאָ איז אסתר צו אים צוגעגאַנגען, האָט אים נאָך אַמאָל דערלאַנגט דעם בעכער וויין, וואָס ער האָט זיך פריהער געהאַט אָפּגעזאָגט צו פאַרזוכען, און האָט געזאָגט:

— דער וויין איז פאַרטיג געוואָרען אין דעם לאַנד, וואָס מיר אַלע האָבען אַזוי היים ליב. טרינק, איך בעט דיך!

איר קיל איז געווען זאַנפט אַזוי ווי רבקה'ס, ווען זי האָט דער-
קוויקט מיט איר וואַסער דעם דאָרשטיגען אליעזר ביים ברונען.
דערזעהן טרערען גלאַנצען אויף אירע אויגען, האָט יהודה גענו-
מען דעם בעכער און געזאָגט:

— טאָכטער פון סימאָנידעס! דיין האַרץ איז פול גוטסקייט;
דו ביסט אַזוי באַרימהאַרציג, אַז אפילו דעם פרעמדען טיילסטו
דערמיט איין. דער האַר פון אונזערע אבות זאָל דיך בענשען
דערפאַר! איך דאַנק דיר!

דערנאָך האָט ער זיך ווידער געווענדט צו דעם סוחר.

— אַזוי ווי איך קאָן דיר ניט דערוויזען, אַז איך בין ווירקליך
מיין טאַטענס אַ זון, נעם איך צוריק די פראַגע, וואָס איך האָב
דיר געשטעלט. איך גיי פון דיר אַוועק, סימאָנידעס, און וועל זיך
מער ניט מטריח זיין. נאָר איינס וויל איך דיר נאָך זאָגען: איך
בין ניט געקומען צו דיר, כדי אומצוקערען דיך צוריק צו דער
מדרגה פון אַ קנעכט, און אויך ניט כדי פאַרלאַנגען פון דיר
אַ דין-וחשבון איבער דיין עשירות. אין יעדען פאַל וואָלט איך דיר
געזאָגט, וואָס איך זאָג צו דיר אַצונד: אַלץ, וואָס דו האָסט דער-
וואָרבען דורך דיין פלייס און טאַלאַנט, געהערט צו דיר, פאַרניץ
עס געזונטערהייט. איך נייטיג זיך ניט אין דעם. איידער דער
איידעלער קווינטוס, מיין צווייטער פאָטער, האָט זיך אַוועקגעלאָזט
אין דער נסיעה, וואָס איז געווען פאַר אים די לעצטע, האָט ער
מיר אָפּגעזאָגט זיין גאַנץ פאַרמעגען, און איך בין אַצונד רייך ווי
אַ פירשט. טאָמער אָבער וועסט זיך אַמאָל דערמאָנען אָן מיר,
זאָלסטו זיך אויך דערמאָנען אָן דער פראַגע, וואָס איז געווען די
הויפט-סיבה פון מיין קומען צו דיר — איך שווער עס ביי יהוה
און זיינע נביאים, ביי דיין גאָט, וועלכער איז אויך מיין גאָט:
וואָס ווייסטו, וואָס קאָנסטו מיר זאָגען וועגען מיין מוטער און
תירצה'ן מיין שוועסטער? זי וואָלט איצט אַזוי שיין און בליהענדיג
זיין ווי דיין טאָכטער אָט דאָ, די פרייד און דער נחת פון דיין
לעבען, אויב ניט דיין לעבען אַליין. אָ זאָג, וואָס קאָנסטו מיר
איבערגעבען וועגען זיי?

טרערען האָבען גערונען איבער אסתר'ס באַקען, אָבער איר

פֿאָטער איז געבליבן האַרט. מיט אַ פֿעסטער שטים האָט ער געענטפֿערט:

— איך האָב דיר שוין געזאָגט, אַז איך האָב געקאָנט דעם פֿירשט חור. מיר ראַכט זיך, איך האָב שוין געהערט אַמאָל וועגן דעם אומגליק, וואָס האָט געטראָפֿן זײַן פֿאַמיליע. איך דערמאָן זיך אויך דעם צער און צאָרן, וואָס די מעשה האָט בײַ מיר אַרויסגערופֿן. דער, וואָס האָט פֿאַרשאַפֿט אַזעלכע גרויסע צרות דער אלמנה פֿון מײַן פֿרײַנד, איז דער אייגענער, וואָס האָט שפּעטער אויך מיך געררודפֿ׳ט. איך גײ נאָך ווײַטער און דערקלער דיר, אַז איך האָב גרינדליך חוקר ודורש געווען וועגן דעם גורל פֿון דער דאָזיגער פֿאַמיליע, אָבער — איך קאָן וועגן זײ דיר גאָרנישט ניט זאָגן. זײ זײַנען ווי אין וואַסער אַרײַן.

אַ טיפֿער שמערצליכער קרעכץ האָט זיך אַרויסגעריסן בײַ בן־חורן.

— אָט איז צורונען נאָך אַ האָפֿענונג! — האָט ער געזאָגט מיט אַ זיפֿץ, אומזיסט זיך בעמיהענדיג צו בעהערשען זײַן צער. — איך בין געחײַנט צו אָפּגענאַרטע האָפֿענונגען. איך בעט דיך, זײ מיר מוחל, וואָס איך האָב זיך אַרײַנגעריסן צו דיר אומגעבעטענערהייט. טאָמער האָב איך דיר פֿאַרשאַפֿט פֿאַרדראָס, טאָ פֿאַרגיב עס מיר אין נאָמען פֿון מײַן קומער. און בײַ מיר איז געבליבן אין לעבען נאָר איינס נאָך: נקמה! זײַט געזונט!

בײַם טיר־פֿאָרהאַנג האָט ער זיך נאָך אַ מאָל אויסגעדרייט און פּשוט געזאָגט:

— איך דאַנק אײַך בײדען!

— שלום און פֿריד זאָל מיט דיר זײַן! — האָט דער סוחר געענטפֿערט.

אסתּר האָט קײן וואָרט ניט געקאָנט אַרויסברײנגען צוליב די טרערען, וואָס האָבען זי געשטיקט.

אַזוי האָט בן־חור פֿון זײ גענומען אָפּשײד.

## קאַפּיטעל פיר.

### סימאָנידעס און אסתּר.

ווי נאָר בּן-חור איז אַוועקגעגאַנגען, האָט סימאָנידעס עפּעס ווי פון שלאָף זיך אויפגעכאַפּט. זיינע בּאַקען האָבּען זיך בּעדעקט מיט אַ גערויטעלטקייט, די אויגען, וואָס זיינען בּיז אַהער געווען אַזוי מרה-שחורה׳דיג, אַזוי קאַלט, האָבּען אָנגעהויבּען צו שטראַלען און ער האָט פרייליך אויסגערופען:

— אסתּר, טו אַ קלונג... גיכער!

זי איז צוגעלאָפען צום טיש און האָט אַ קלונג געטאָן אין גלעקעל, וואָס איז דערויף געשטאַנען.

איינער פון די וואַנט-אַלמערם האָט זיך פונאַנדערגערוקט, ס׳האָט זיך אַנטפּלעקט אַ טיר, און אַ מענש איז אַריין און זיך אַ בּוק געטאָן צום סוחר.

— קום אַהער, מלוך, נעהענטער צו מיר, — האָט דער בּעל-הבּית געזאָגט מעשה האַר. — איך האָבּ פאַר דיר אַ שליחות, וואָס מוז דורכגעפירט ווערען אויפ׳ן בּעסטען אופן. הער מיך אויס מיט קאָפּ: פון די טרעפּ נידערט איצט אַראָפּ צום לאַגער צו אַ יונגער מאַן, אַ הויכער און אַ שלאַנקער, אָנגעטאָן נאָך דעם שטייגער פון אַ בּן-ישראל. גיי אים נאָך פּיס-טריט, אַזוי ווי זיין שאָטען. אַלע אָוועגט שטעל מיר צו ידיעות, וואו ער האַלט זיך אויף, וואָס ער טוט און מיט וועמען ער האָט אַ מגע-ומשא. טאָמער גיט זיך דיר איין אונטערצוהערען זיינע רייד מיט אַנדערע, זאָלסטו מיר עס איבּערגעבּען וואָרט אין וואָרט. דערלייג מיר אַלצדינג, וואָס דו

וועסט געוואר ווערען ווענען זיינע געוויינהייטען, זיינע כוונות, זיין לעבענס-שטייגער, זיין פארגאנגענהייט. גיב אכטונג אויף איטליכס פיצעלע. פארשטייסט, וואס איך זאג דיר? גיי זשע גיכער!... ווארט, ווארט, מלוך! אויב ער וועט פארלאזען די שטאט, זאלסטו אים נאכפאלגען, און איין זאך ניט פארגעס, מלוך — ער איז מיינער א פריינד! טאמער הייבט ער מיט דיר אן צו ריידען, מעגסטו אים דערציילען, וואס נאר דיר וועט זיך לייגען אויפ'ן זינען, אבער בשום אופן זאלסטו אים קיין ווארט ניט זאגען, אז דו ביסט ביי מיר אויף דינסט, קיין איין ווארט! גיי זשע גיכער, גיכער!...

דער מענש האט זיך ווידער א בוק געטאן און איז ארויסגעגאנגען.

סימאנידעס האט אנגעהויבען צו רייבען די הענט און האט זיך פלוצלונג צולאכט.

— וואס פאר א טאג איז היינט, מיין טאכטער? — האט ער געפרעגט מיט א פרייליכען קול. — וואס פאר א טאג האבען מיר? מיר גלוסט זיך צו בעהאלטען אים אין זיכרון, ווייל עס איז א גליקליכער טאג, און נאך גליקליכערע וועלען קומען נאך אים. גיב נאר א קיק אין לוח, אסתר און זאג עס מיר. טו א שמייכעל, מיין קינד!

זיין פרייליכקייט האט אסתרן אויסגעוויזען אומנאטירליך און עפעס ווי וועלענדיג זי פארטרייבען, האט זי טרויעריג זיך אפגערופען:

— ווי זאל מיר זיין, פאטער, אויב איך וועל ווען עס איז פארגעסען דעם דאזיגען טאג!

זיין האנט האט זיך גלייך אראפגעלאזען און דער קאפ איז געפאלען אויף דער ברוסט.

— אמת, זעהר אמת, מיין טאכטער! — האט ער געזאגט, ניט אויפהייבענדיג די אויגען. ס'איז דער צוואנציגסטער טאג אין פערטען חודש. היינט איז פינף יאר, אז מיין רחל, דיין מאמע, איז אנידערגעפאלען און געשטארבען. זיי האבען מיך געבראכט אהיים א צו מזיק'טען, מיט צובראכענע גלידער, אט אזוי ווי דו זעהסט מיך אצונד, און מיר האבען זי דערוויסט א אייסגעגאנגענע פאר צער און שרעק. זי איז געווען דער לויטערער קוואל פון מיין לעבען;

זי איז געווען פֿאַר מיר ווי זיסע ווייַנטרויבן, ווי דער בע'טעמ'טער האָניג, ווי די וואויל־שמעקעדיגע בשמים־קוסטעס אין די טאָלען פֿון עין־גדי. מיר האָבן זי געבראַכט צו קבורה אין אַ וויסטען אָרט, אויסגעהאַקט איר קבר אין אַ באַרג־פעלז. דאָרט רוהט זי אַליין, קיינער ליגט ניט אין איר גבול. אָבער זי האָט מיר איבערגעלאָזען אַ קליינעם שייַן, צו לייַכטען מיר אין דעם חושך פֿון מייַן צער, און דער דאָזיגער שייַן איז אויסגעוואַקסען אַזוי, אַז ער שטראַלט איצט פּונקט ווי די זון אין פֿריהמאָרגען. — ער האָט מיט ליבשאַפֿט אַרויפֿגעלייגט זייַן האַנט אויף דער טאָכטערס קאָפּ. — אַלמאַכטיגער גאָט, איך דאַנק דיר דערפֿאַר, וואָס אין אסתּר מייַן קינד האָט ווידער אָפּגעלעבט פֿאַר מיר די פֿאַרלאָרענע רחל!

ער האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און ווי געטראָפֿען פֿון אַ פּלוצליכען געדאַנק, האָט ער אַ פֿרעג געטאָן:

— איצט איז דאָך שוין רעכט ליכטיג אין דרויסען, ניט אמת?

— ס'איז שוין געווען ליכטיג, בשעת דער יונגער מאַן איז אַרייַן.

— טאָ לאָז קומען אַבימלך און מיך אַרויספֿירען אין מייַן גאָרטען אַרייַן, איך וויל זעהן דעם טייַך און די שיפֿען. דאָרטען, מייַן אסתּר, וועל איך דיר זאָגען, פֿאַרוואָס מייַן נשמה איז אַזוי מיט שמחה איבערפֿולט און פֿאַרוואָס מייַן האַרץ טאַנצט אַזוי פֿאַר פֿרייד גלייַך ווי אַ יונגער אינד אויף די גרינע בערגלעך.

אויף אַ קלונג פֿון גלעקעל האָט זיך געוויזען אַ בעדינער, און אסתּר האָט אים געהייסען אַרויסקייַקלען דעם שטול, וואָס איז געווען אויף רעדלעך, אַרויפֿצו אויפֿ'ן דאַך פֿונ'ם אונטערשטען הויז, וואָס סימאָנידעס האָט עס אָנגערופֿען זייַן גאָרטען. צווישען זאָרגעוודיג אָפּגעהיטע בלומען־בייטען און בליהענדיגע רויזען־קוסטעס האָט סימאָנידעס זיך געלאָזט פֿירען צו אַ אָרט, וואו ער האָט געהאַט פֿאַר די אויגען די דעכער פֿונ'ם פּאַלאַץ אויפֿ'ן אינזעל קעגענאיבער, די בריק, וואָס האָט געפֿירט אויפֿ'ן אַנדער ברעג אין דעם טייַך מיט דער מאַסע שיפֿען, וואָס האָבען זיך געוויגט אויף דעם לייַכט אויפֿגערודערטען וואַסער אין די שטראַלען פֿון דער פֿריהמאָרגענדיגער זון. דאָ האָט סימאָנידעס אָפּגעלאָזט דעם דינער און געבליבען אַליין מיט אסתּר'ן.

די קלאַפּעריי און דאָס האַמערן, דער רעש און די געשרייען פון די אַרבעטער האָבן אים פּונקט אַזוי ווייניג געאַרט, ווי דאָס גערויש פון די אָהן אַ שיעור פוס-טריט, כמעט סאַמע אים איבער׳ן קאָפּ. זיין אויער איז געווען צודעם אַלעם פּונקט אַזוי צוגעוויינט, ווי זיין אויג צום בילד, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט איצט פאַר אים. ער האָט דאָס אַלץ בעמערקט נאָר אויף אַזויפיל, אויף וויפיל דאָס איז געווען ווילטיג פאַר זיינע קינפטיגע רווחים און ערפאָלגען.

אסתּר האָט זיך צוגעזעצט אויפ׳ן הענטעל פון שטול, האָט מיט ליבשאַפט געגלעט דעם פאָטערס האַנט און געוואַרט, ער זאָל אָנהייבן צו ריידען. ענדליך האָט ער מיט אַ מעכטיגער ווילען-אָנשטריינגונג גובר געווען זיין אויפרעגינג און האָט אָנגעהייבן מיט זיין געוויינליכער רוהיגער שטים:

— בשעת דער יונגער מאַן האָט גערעדט, האָב איך געקוקט אויף דיר און מיר דאַכט זיך, דו ביסט געווען אויף זיין צד.

מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגען האָט זי געענטפערט:

— אויב דו מיינסט צו פרעגען, צי איך האָב אים געגלויבט, פאָטער, זאָג איך דיר, אַז יע, איך האָב געהאַט אמונה אין זיינע רייד.

— אין דיינע אויגען איז ער הייסט עס דער פאַרפאַלענער זון פון פירשט חורז?

— טאָמער איז דאָס ניט ער...— האָט זי קווינקלענדיג אַרויס-גערעדט.

— טאָמער איז עס ניט ער, איז וואָס, אסתּר?

— זינט נאָט דער האַר האָט גערופען צו זיך מיין מוטער, בין איך געווען דיין בעדינערין, פאָטער. זייענדיג מיט דיר, האָב איך געהערט און געזעהן, ווי קלוג און מיט שכל דו בעגייסט זיך מיט מענשען פון יעדען גראַד, סיי ווען זיי קומען מיט ריינע כוונית, סיי — ווען מיט אומריינע. און איך זאָג, אַז טאָמער איז דער יונגערמאַן טאַקע ניט דער פירשט, פאַר וועלכען ער גיט זיך אויס, דאַן האָבען מיינע אויגען היינט געזעהן דאָס ערשטע מאָל, אַז פאַלשקייט זאָל אַזוי קונציג שפּילען איר ראָל.

— איך שווער מיט שלמה המלכ׳ס גאונות, מיין טאָכטער,

דיינע רייד זיינען ערנסט, גלויבסטו, אז דיין פּאָטער איז געווען זיין פּאָטערס אַ קנעכט?

— מיר דאַכט זיך, ער האָט אַליין עס דערמאָנט ווי עפּעס אַ זאַך, וואָס ער האָט נאָר געהערט פון אַנדערע.

אַ ווײַלע האָבן סימאָנידעסעס בליקען געבלאָנדזשעט איבער די טיפען אויפ'ן טייך, אָבער זיינע געדאַנקען זיינען געווען ווייט פון זיי.

— יע, יע. דו ביסט אַ גרייליך קינד, מיין אסתר, געבענשט מיט דעם שכל פון אונזער פאָלק. אויך ביסטו שוין אין אַזעלכע יאָרען און אויף אַזייפיל שטאַרק, אַז דו ווערסט, דאַכט מיר, אימשטאַנד זיין אויסצוהערען מיין טרויעריגע געשיכטע. הער־זשע צו, און איך וועל דיר דערציילען פון מיר אַליין, פון דיין מוטער און פון אַ סך אַנדערע פאַרגאַנגענע זאַכען, וואָס דו הייבסט פון זיי נישט אָן צו וויסען און ס'האָט זיך דיר אַפילו וועגען זיי ניט געחלומ'ט, זאַכען, וואָס אַפילו דעם רוימערס עינויים האָבען עס ניט געקאָנט ביי מיר אַרויסרייסען, צוליב דער האָפענונג, וואָס האָט מיך קיינמאָל ניט פאַרלאָזען, וועלכע איך האָב ביז אַצינד געהאַלטען בשתיקה פון דיר, כדי דיין נשמה זאָל זיך קערען צו גאָט ווי די בלום צו דער זון...

... איך בין געבאָרען געוואָרען אין טאָל פון הינום אויף דער דרום'דיגער זייט פון הר־ציון. מיינע עלטערן זיינען געווען קנעכט, וואָס האָבען געדאַרפט אַרומגיין אַרום די פייגענביימער, איילבערט־פלאַנצונגען און ויינשטאָקען אין די קיניגליכע סעדער ניט ווייט פון'ם טייך שילוח, און אינגעלוויז האָב איך זיי צוגעהאָלפען אין דעם. זיי האָבען מיך פאַרקויפט צום פירשט חור, וואָס איז נאָך הורדוס'ן געווען דער רייכסטער מאַן אין ירושלים. פון די סעדער האָט ער מיך אַוועקגעשיקט אין זיינע סחורה־לאַגערס אין אַלכסנדריה של־מצרים, וואו איך בין אויסגעוואַקסען. איך האָב אים געדינט זעקס יאָר. אין זיבעטען יאָר בין איך על־פי תורת־משה געוואָרען פריי.

אסתר האָט פריילעך אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט.

— אָ, ביסטו דאָך טאַקע ניט זיין פּאָטערס קיין קנעכט.

— האָב געדולד, מיין טאָכטער, און שלאָג מיך ניט איבער.

אַז מײַן דינסט־צײַט איז אויסגעגאַנגען, האָב איך עולה־רגל געווען קיין ירושלים אויף פּסח. מײַן געוועזענער האַר האָט מיך אויפגענומען אַלס גאַסט אין זײַן הויז. שוין דעמאָלט האָב איך אים ליב געהאַט און געבעטן אים, ער זאָל מיך איבערלאָזן אין זײַן דינסט. ער האָט אײַנגעווילגט און איך האָב אים געדינט נאָך זיבן יאָר, אָבער שוין ניט אַלס קנעכט, נאָר אַלס אַ געדונגענער בן־ישראל. אין זײַן נאָמען האָב איך געפירט גרויסע אונטערנעמונגען אויפ׳ן ים און אויף דער יבשה, געפאָרן אויף זײַנע שיפן אין ווײַטע ים׳ען און געצויגען מיט זײַנע קאַראַוואַנען אין די מזרח־לענדער קיין שושן און פּערסעפּאָלים און נאָך ווײַטער אין די פֿאַרוואָרפענסטע זייר־מדינות. דאָס זײַנען געווען נסיעות מיט סכּנות־נפשות, מײַן טאָכטער, אָבער גאָט דער האַר האָט געבענטשט אַלץ, וואָס איך האָב געטאָן. דעם פירשט האָב איך אײַנגעבראַכט רווחים אָהן אַ שיעור, און פֿאַר מיר גופֿא האָב איך געזאַמעלט אַ רײַכען אוצר פון ידיעות, וואָס אָהן זיי וואָלט איך ניט געקאָנט אויספירען די גרויסע אויפגאַבען, וואָס זײַנען פֿון דאַן אָן מיר אויסגעפֿאַלען. אײַנמאָל בין איך געזעסען אינ׳ם פירשטס הויז אין ירושלים אַלס גאַסט בײַ זײַן טיש. דאָ איז אַרײַן אַ בעדינערין מיט אַ טאַץ אָנגעשניטענעם ברויט. צו מיר איז זי צוגעגאַנגען דעם ערשטען. אָט דעמאָלט האָב איך ס׳ערשטע מאָל דערזעהן דײַן מוטער... און מיט׳ן דאָזיגען ערשטען בליק האָט זיך אין מײַן האַרץ אַרײַנגעצויגען די ליבע צו איר און איך האָב אוועקגעטראָגען מיט זיך אין דער נשמה איר ליבעס בילד. אין אַ געוויסער צײַט אַרום האָב איך געבעטן דעם פירשט, ער זאָל זי מיר געבען פֿאַר אַ ווײַב.

— דער פירשט האָט מיר מודיע געווען, אַז הגם זי געהערט צום גראַד פֿון אייביגע קנעכט, פֿונדעסטוועגען איז ער גרייט צו שיינקען איר די פֿרייהייט, אויב נאָר זי וועט מסכּים זײַן צו חתונה האָבען מיט מיר. זי האָט מיך אויך האָלט געהאַט, האָט זיך אָבער געפילט גליקליך אויף איר שטעלע, און האָט ניט אָנגענומען די אָנגעמוטע פֿרייהייט. קומענדיג פֿון צײַט צו צײַט צו פֿאָרען קיין ירושלים, האָב איך ניט אויפגעהערט צו בעטען זי רחמים צו דער־

פֿילען מיין בעגער. אָבער אויף אַלע מיינע בקשות האָט זי געהאַט איין תּשובה: זי וועט ווערען מיין ווייב נאָר בתּנאַי, אַז איך זאָל ווידער ווערען אַ קנעכט פֿון דעם פֿירשט. יעקב אָבינו האָט גע־דינט צוויי מאָל צו זיבען יאָר פֿאַר זיין רחל׳ען; האָב איך דען ניט געדאַרפֿט טאָן דאָס אייגענע פֿאַר מיינער? דיין מאַמע, אָבער, האָט פֿאַרלאַנגט, איך זאָל, אַזוי ווי זי ווערען, אַ אייביגער קנעכט. איך האָב זי פֿאַרלאָזען, נאָר סוף־כּל־סוף האָב איך זיך אומגעקערט צוריק. גיב אַ קוק אָט אַהער, אסתּר!

ער האָט אָנגעוויזען אויף זיין לינקען אויער־לעפּעל.

— דו זעהסט דעם שטאָך פֿון אַ אָל?

— יע, איך זעה! — האָט אסתּר געזאָגט. — אָ, ווי שטאַרק דו האָסט מיין מאַמען ליב געהאַט!

— אַך האָב איך זי ליב געהאַט! זי איז געווען פֿאַר מיר מער ווי די שיינע שולמית פֿאַר שלמה המלך, שענער, ליבליכער און ריינער. זי איז געווען ווי אַ קוואַל לעבעדיגע וואַסער, ווי די בעך פֿון לבנון. אויף מיין בקשה האָט מיין האַר מיך אָוועקגעפֿירט צו די שופֿטים און דערנאָך צוריק צו דער טיר פֿון זיין הויז; דאָרט האָט ער צוגענאָגעלט מיין אויער־לעפּעל צום בייסטידעל פֿון דער טיר, און פֿון דעמאָלט אָן בין איך געוואָרען זיין קנעכט אויף איי־ביג. אָט אַזוי האָב איך בעקומען מיין רחלען פֿאַר אַ ווייב. האָט דען ווער געליבט אַזוי שטאַרק ווי איך?

אסתּר האָט זיך צוגעבויגען צו אים און אים אַ קוש געטאָן. זיי זיינען ביידע אַנטשוויגען געוואָרען, פֿאַרזונקען אין מחשבות וועגען דער פֿאַרשטאָרבענער.

— דער ערשטער צער, וואָס האָט מיך געטראָפֿען, איז געווען דער טויט פֿון מיין האַר, — האָט דער סוחר ווייטער דערציילט. — ער האָט זיך דערטרונקען אויף אַ נסיעה איבער׳ן ים. טרויער האָט געהערשט אין זיין הויז אין ירושלים, און ניט ווייניגער אויך אין מיינעם אין אַנטיאָכיע, וואו איך האָב שוין דעמאָלט געוואוינט. אַצונד, אסתּר, הער צו מיט קאָפּ. בשעת דער גוטער פֿירשט איז געשטאָרבען, בין איך שוין געהאַט געווען דער איבערשטער ממונה איבער זיינע געשעפֿטען. איבער אַלץ, וואָס ער האָט פֿאַרמאָגט,

איבער זײַן גאַנצען אײגענס האָב איך געהאַט צו שאַפען און צו זאָגען. דערפון קאָנסטו אַלײן פֿאַרשטײן, װי אַזױ ער האָט מיך געליבט און געשעצט, און געטרויט! איך בין גלײַך אַװעק קײן ירושלים, כּדי אָפּצוגעבען דער אַלמנה אַ דין־וחשבּון. זי האָט אויך אויף װײַטער איבערגעלאָזט דעם גאַנצען געשעפט אין מײַן רשות, און איך האָב זיך אים אָפּגעגעבען נאָך מיט מער התמדה װי פֿריהער. פֿון יאָר צו יאָר האָט ער אַלץ מער זיך פֿונאַנדערגעבליהט און פֿאַרגרעסערט. אַזױ איז אַריבער צעהן יאָר. דאַן איז געקומען דער אומגליק, װאָס דער יונגערמאַן האָט נאָר־װאָס דערצײלט װעגען אים. דער אומגליקליכער צופֿאַל מיט גראַטוס דעם פּראָקוראַטאָר, װי ער האָט עס אָנגערופֿען. דער רוימער האָט געװאָלט זעהן אין דעם אַ אָפּגעטראַכטע זאַך, אַ כּװנה אים צו הרג׳ענען. אונטער׳ן דאָזיגען אויסרײד האָט ער מיט׳ן קיסרס דערלויבעניש צוגענומען פֿאַר זיך גופֿה דעם אומגעהײערען פֿאַרמעגען פֿון חור׳ס אַלמנה און די קינדער, אָבער דאָס איז געװען נאָך װײניג פֿאַר אים. כּדי זיך צו בּעװאָרענען אויף שטענדיג מיט׳ן קאָנפֿיסקירטען גוטס, האָט ער בעזײטיגט אַלע פֿאַראינטערעסירטע. פֿון יענעם שרעקליכען טאָג אָן איז פֿאַרלאָרען געגאַנגען יעטװידער שפּור פֿון דער פֿאַמיליע חור. דעם זון, װאָס איך האָב אײנמאָל געהאַט געזעהן אַלס קינד, האָט מען פֿאַרמשפּט צו די גאַלערעס. די אַלמנה און די טאָכטער, אויב זײ לעבען נאָר, מוזען שמאַכטען ערגעץ אין אײנער פֿון די תּפֿיסות אין יהודה. אַזאַ תּפֿיסה איז אַ מין פֿאַר׳חתמ׳עטער קבר, װאָס, אײנמאָל זיך פֿאַרשלאָסען הינטער די אומגליקליכע, עפֿענט ער זיך קײנמאָל מער נישט אָפּ. די בײדע פֿרויען זײַנען אַזױ װײַט אויסגעמעקט געװאָרען אויס דעם געדעכעניש פֿון די מענשען, גלײַך װי דער ים װאָלט זײ פֿאַרשלונגען. מיר האָבען קײנמאָל ניט געקאָנט דערגײן, װי אַזױ זײ זײַנען געשטאָרבען, און אַפּילו ניט, צי זײַנען זײ בּכלל געשטאָרבען.

אסתּר׳ס אויגען זײַנען פֿאַרלאָפען געװאָרען מיט טרערען. דער פֿאָטער האָט װײַטער דערצײלט:

— איך בין תּיכּף אַװעק קײן ירושלים כּדי בּײַצושטײן מײַן האַרינטע אין אירע נויטען. בּײם שטאָט־טויער אָבער האָט מען מיך

געכאַפּט און מ׳האָט מיך אַרײַנגעוואָרפֿן אין אַ פֿינסטערער אונ־טערערדיגער תּפֿיסה אין שלאָס־טורים אַנטאָניע. פֿאַרוואָס? דאָס האָב איך ניט געוואוסט. איך בין עס ערשט געוואָר געוואָרן, בשעת גראַטוס זעלבסט איז געקומען צו מיר און האָט געפֿאָדערט פֿון מיר די געלטער פֿון בית־חיר. ער האָט געוואוסט, אַז לויט די מינהגים פֿון אונזער אידישען מסחר, קאָן ער זיי אײַנקאַסירען דורך מײַנער אַ אָנווייזונג אין אַלע גרעסערע האַנדעלס־פּונקטען פֿון דער וועלט. האָט ער פֿאַ־לאַנגט, איך זאָל אים אונטערשרײַבען אַזעלכע אָנווייזונגען. האָב איך זיך אָפּגעזאָגט. די ערד, די הײַזער, די סחורות, די שיפֿען, די גאַנצע מטלטלים פֿון די, וועמען איך האָב געדינט, האָט ער אַרײַנגעכאַפּט אין זײַנע הענט, די געלט אָבער האָט ער ניט געטאָרט בעקומען. איך האָב געהאָפֿט, אַז אויב גאָט דער האַר וועט אויך אויף ווייטער זײַן חסד פֿון מיר ניט אָפּסאָן, וועט זיך מיר אײַנגעבען מיט דער צײַט צוריק צו דערוווערבען פֿאַר דער פֿאַמיליע די פֿאַרלאָרענע עשירות. איך האָב אָפּגעוואָרפֿען דעם טיראַנס פֿאָדערונגען. ער האָט מיר אָנ־געטאָן די שרעקליכסטע עינויים. אָבער מײַן ווילען האָט פֿאָרט גובר געווען: איך בין געבליבען פֿעסט בײַ מײַן דעה, און ער האָט מיך געמיזט אַרויסלאָזען פֿרײַ, נישט האָבענדיג געפּועלט בײַ מיר וואָס אַ האָר איז ווערט. בין איך געקומען אַהיים און איבעראַנײַס אָנגעהויבען צו פֿירען געשעפֿטען אונטערן נאָמען סימאָנידעס פֿון אַנטיאָכיע, אָנשטאָט פֿירשט חור פֿון ירושלים. דו ווייסט, אסתּר, ווי די הצלחה האָט מיר געשפּילט, דו ווייסט, ווי וואונדערליך דעם פֿירשטס מיליאָנען האָבען זיך פֿאַרמערט אין מײַנע הענט. דו ווייסט אויך, אַז בשעת איך בין אין דרײַ יאָר אַרום געפֿאָרען קיין קיסריה, האָט מען מיך ווידער געכאַפּט, און גראַטוס האָט מיך געלאָזט פּײַניגען אַ צווייטען מאָל. ער האָט געוואָלט אַרויספּרעסען פֿון מיר אַ הסכּמה, אַז אויף מײַן גאַנצען האָב־און־גוטס זאָל חל זײַן די קאָנפֿיסקאַציע זײַנע. דו ווייסט, אַז ער האָט אויך דאָסמאָל מיט מיר גאָרנישט ניט געקאָנט מאַכען. מיט צובראָכענע גלידער האָב איך זיך אומגעקערט אַהיים און האָב געטראָפֿען מײַן רחל׳ען אַ טויטע. זי איז געשטאָרבען פֿאַר שרעק און עגמת־נפֿש וועגען

מיר. גאָט דער האַר איז געווען מיט מיר און איך בין געבליבן לעבן. פון דעם קיסר אַליין האָב איך מיט געלט זיך באַוואָרענט פאַר ווייטערדיגע רדיפות און האָב זיך געקויפט אַ דערלויבעניש צו מעגן פירען מסחר אין דער גאַנצער וועלט. און ביי היינטיגען טאָג — געלויבט זאָל זיין גאָט דער האַר, וואָס זיצט אין די וואָלקענס און פאָרט אויף די ווינטען — ביי היינטיגען טאָג, אסתר, איז דאָס, וואָס עס האָט מיר אָנגעטרויט צו שאַפען איבער דעם, אויף אַזוי פיל פאַרמערט געוואָרען, אַז דער קיסר אַליין וואָלט זיך נית געדאַרפט שעמען מיט אַזאַ עשירות.

ער האָט שטאָלץ אויפגעהויבען דעם קאָפּ. זייערע אויגען האָבען זיך באַגעגענט. איינער האָט ביים צווייטען געלייענט דעם אַנדערנס געדאַנקען.

— וואָס זאָל איך טאָן מיט די אוצרות, אסתר? — האָט סימאָנידעס געפרעגט, נית אַראָפּנעמענדיג פון איר זיין בליק.

— מיין פאָטער, — האָט זי זיך אָפּגערופען מיט אַ שטילער שטים, — האָט זיך דען אָקאָרשט נית געמאָלדען דער אמת'ער אייגענטימער?

זיין בליק איז נאָך אַלץ אָנגעשטעלט געווען אויף דער מיידעל.

— און דו, מיין קינד, זאָלסט בלייבען אַ בעטלערקע?

אַ שטראַל פון גרויסער ליבע האָט באַלויכטען זיין פנים. ער האָט צוגעצויגען די טאָכטער צו זיך און זי צערטליך אַ קוש געטאָן.

— הער נאָר, — האָט ער ווידער אָנגעהויבען, — הער אויס פאַרוואָס איך בין היינט אַזוי פריילִיך געווען. אין דער געשטאַלט פון דעם יונגען מאַן איז פאַר מיר אויפגעשטאַנען דער פאָטער זיינער, מיט'ן גאַנצען חן און פראַכט פון זיין יוגענד. ס'האָט מיך אַ ציה געטאָן מיט אַ מאָדנעם כוח צו באַגריסען אים. איך האָב דערפילט, אַז די טעג פון נסיונית האָבען זיך געפעלט און ס'איז געקומען אַ סוף צו מיין האָרעוואַניע. איך האָב זיך קוים געקאָנט איינהאַלטען נית אויסצושרייען דאָס אויפ'ן קול. ס'האָט זיך מיר גע'חלש'ט אָנצונעמען אים פאַר דער האַנט, ווייזען אים די אוצרות, וואָס איך האָב פון זיינטוועגען געזאַמעלט, און זאָגען צו אים: „זעה, דאָס אַלץ געהערט צו דיר! און מיר, דיין דינער, איז שוין

צײַט אין דער רוהע אַרײַן. אַזוי וואָלט איך געטאָן, אסתּר, אַזוי וואָלט איך גערעדט; אָבער אין דעם זעלבּיגען אויגענבּליק האָבּען דרײַ געדאַנקען זיך דורכֿגעטראָגען דורך מײַן מוח און אָפּגעהאַלטען מיך דערפֿון. איך דאַרף זיך איבּערצײַגען, צי ער איז טאַקע מײַן האַרס זון — דאָס איז געווען דער ערשטער געדאַנק. טאָמער איז ער יע דעם פֿירשט חורס זון — וועל איך זעהן וואָס נעהענטער צו דערקענען זײַן כֿאַראַקטער. צווישען די, וואָס דער גורל האָט זיי עשירות בּעשערט, איז פֿאַראַן אַ היבּש בּיסעל, וואָס פֿאַר זיי איז דאָס גאָר אַ שחיטה!...

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט צונויפֿגעדריקט די הענט אין פֿויסטען און זײַן שטימע האָט אָנגעהויבּען צו ציטערן פֿאַר לײַדענשאַפֿט:

— אסתּר, גיבּ אַ טראַכֿט וועגען די עינויים, וואָס איך בּין אײַנגעשטאַנען פֿון דעם רוימערס הענט. און ניט נאָר פֿון גראַטוס'ן אַלײן. יענע אַכזריות'דיגע אומגליקליכֿע קנעכֿט, וואָס האָבּען מקיים געווען זײַנע בּעפֿעלען, זײַנען אויך געווען רוימער; אַלע האָבּען זיי חוזק געמאַכֿט פֿון מײַנע יסורים און פּײַן. גיבּ אַ טראַכט וועגען מײַנע צובּראָכענע איבֿרים, וועגען די יאָרען, וואָס די דאָזיגע עינויים האָבּען אויסגעמעקט פֿון מײַן לעבּען. גיבּ אַ טראַכֿט וועגען דײַן מאַמען, וואָס ליגט דאָרטען אין איר עלענדען קבֿר, וואָס איר נשמה האָבּען זיי צופּײַניגט אַזוי ווי מיר — דעם גוף. גיבּ אַ טראַכט וועגען די צרות פֿון מײַן האַרס פֿאַמיליע, אויבּ אימיצער פֿון זיי לעבּט נאָך, און וועגען די אַכזריות'דיגע יסורים פֿון זייער טויט, אויבּ זיי זײַנען געשטאָרבּען. וועגען דעם אַלעם גיבּ אַ טראַכט אין, אום גאָטס ווילען, זאָג מיר טאָכֿטער — זאָל דען קײן אײן האָר פֿון קאָפּ ניט פֿאַלען, זאָל דען קײן אײן טראָפּען בּלוט ניט פֿליסען צו נקמה? זאָג מיר ניט, ווי דאָס זאָגען אָפּט די נבֿיאים, אַז נקמה געהער צו גאָט. צי דען זײַנען די מענשען בּײַ אים אין האַנט ניט קײן געצײַג פֿון זײַן ליבּע, פּונקט ווי פֿון זײַן גרימצאָרן? איז דען די צאָל פֿון זײַנע אַנשי מלחמה ניט גרעסער פֿון דער צאָל זײַנע נבֿיאים? שטײט בּײַ אים אין דער תּורה דען ניט געשריבּען: אויג פֿאַר אויג, צאָן פֿאַר צאָן? אַך, אין די דאָזיגע אַלע

יאָרען האָב איך געחלומט פון נקמה, האָב מתפלל געווען וועגן איר, אַלצדינג צוגענרייט פֿאַר איר! פאַרמערענדיג מיין עשירות, האָב איך געשעפּט געדולד אין דעם, און האָב געהאַלטען אין איין טראַכטען, אַז גאָט דער האַר לעבּט, און אַז ס׳וועט קומען דער טאָג, ווען ער וועט מיך רופען צו נקמה נעמען אין די רשעים. און בשעת דער יונגער מאַן האָט געזאָגט, אַז ער האָט זיך געאיבּט אין געבּרויכען נעווער צוליב עפּעס אַ געהיימען צוועק, האָב איך דערפילט, נאָך איידער ער האָט עס אַרויסגערעדט, אַז דער דאָזיגער צוועק איז — נקמה! און דאָס, אסתּר, איז דער דריטער געדאַנק, וועלכער האָט מיך בּעוואויגען צו בּלייבּען האַרט און קאַלט אין זיין געגענוואַרט און פריילין זיך פונאַנדערצולאַכען, נאָכדעם ווי ער איז אַוועקגעגאַנגען.

אסתּר האָט געגלעט דעם פאָטערס צודאַרטע הענט און האָט געזאָגט, גליך ווי אירע געדאַנקען זיינען, אינאיינעם מיט זיינע, פאַרלאָפען די געשעהענישען אַ פריהער:

— ער איז אַוועקגענאַנגען. צי וועט ער זיך אָבּער אומקערען?

— אָ, יע. דער טרייער מלוך גייט אים נאָך און וועט אים בּריינגען צוריק, ווי נאָר איך וועל צוגענרייט זיין.

— און ווען וועט דאָס זיין, טאַטע?

— אין גיכען, אין גיכען! ער מיינט, אַז אַלע עדות זיינען טויט. אָבּער ניין! ס׳לעבּט נאָך אַ עדות, וואָס וועט אים זיכער דערקאָנען, אויב נאָר ער איז טאַקע מיין האַרס זון.

— די מאַמע זיינע?

— ניין, טאָכטער מיינע. איך וועל צו דער רעכטער צייט שטעלען אים מיט׳ן עדות פּנים-אל-פּנים. און בּיז דאַן וועלען מיר איבּערלאָזען די זאַך אויף גאָט. איך בּין מיד. טו אַ רוף אַבימלכ׳ן.

אסתּר האָט אַ רוף געטאָן דעם בּעדינער און זיי האָבּען זיך אומגעקערט אַהיים.

## קאַפּיטעל פינף.

### דאַפנעס וואַלד.

פונ'ם גרויסען האַנדעלס-הויז איז בן-חור אַרויס מיט אַ געדאַנק, אַז צו די פּולע חלומות, וואָס האָבען זיך שוין אויסגעלאָזען פון זיין פאָרשען און זוכען די מאַמען און שוועסטער, איז צוגעקומען נאָך איינער. און דער דאָזיגער געדאַנק האָט אים פאַרביטערט און גע-פייניגט פונקט אַזוי שטאַרק, ווי טייער זיין האַרצען איז געווען דער געדאַנק וועגען די, וואָס ער האָט געזוכט. אים האָט בע-הערשט יענער געפיל פון פאַרוואָגעלטקייט און עלענדקייט, וואָס קאָן ביי אַ געבויגענער נשמה זעהר לייכט אוועקנעמען דאָס לעצ-טע ביסעל פרייד און אינטערעס צום לעבען.

דורך דער בעשעפטיגטער מחנה קנעכט — פאַרביי אָהן אַ שיעור קופּעס סחורה — איז ער דורכגעגאַנגען צום ברעג טייך; ס'האָבען אים געצויגען אַהין די קילע שאָטענס, וואָס האָבען גע-דרעמעלט אין די טיפע וואַסערן. דער לאַנגזאַמער שטראָם פון דעם טייך איז עפּעס אַזוי ווי געבליבען שטיין, גלייך ווי וואַרטענ-דיג אויף אים. דאָ האָבען זיך אים פּלוצלונג דורכגעטראָגען אין זיכרון די ווערטער פונ'ם אַלטען אידען אויפן שיף, אַז — „בעסער צו זיין אַ וואָרים און עסען די זיידען-בלעטער אין דאַפנעס וואַלד, איידער צו זיצען ביים קיניגס טיש". ער האָט זיך אויסגעדרייט און האָט זיך מיט גיכע טריט געלאָזט גיין פון טייך אוועק צו דער אַלסניה צו.

— דער וועג אין דאַפנעס וואַלד אַריין? — האָט געפרעגט

דער שומר בײם טויער, זעהר פאַרחדושט פון בן־חורס פראַגע — דו ביסט אַפנים דאָ צום ערשטען מאָל? אויב אַזוי, דאַרפסטו האַלטען דעם הײנטיגען טאָג פאַר דעם גליקליכסטען אין דײן לעבען. דעם וועג וועסטו לײכט קאָנען געפינען, די ערשטע גאַס לינקס פירט צו דרום, גלײך צום באַרג סולפּיוס, וואָס אויף זײן שפּיץ וועסטו דערזעהן יופּיטערס אַלטאַר און דעם אַמפּיטעאַטער. מיט דער דאָזיגער גאַס זאָלסטו גײן ביז דער דריטער קווער־גאַס — זי רופט זיך הורדוסעס קאָלאָנאַדע. דאָרטען נעם זיך רעכטס און גײ דורך דער אַלטער שטאָט פון סעלעווקוס ביז די בראָנזענע טויערן פון עפּיפאַנעס. דאָרטען הײבט זיך אָן דער וועג אין דאַפנעס וואַלד אַרײן — זאָלען די געטער זײן גנעדיג צו דיר!

פאַרזונקען אין זײנע אומעטיגע מחשבות, האָט בן־חור כמעט נישט בעמערקט ניט די קײזערליכע פּראַכט פון דער וואונדער־שײנער גאַס, איבער וועלכע ער איז געגאַנגען, ניט דעם פאַרשײדענפאַרביגען עולם פּוסגײער, רײטער און פאָרער, וואָס האָבען זיך געצויגען אין געדיכטע מחנות. אָבער די סיבה פון זײן גלײכגילטינקײט צום ארום איז אין פלוג געלעגען ניט נאָר אין זײן געדריקטער שטימונג, נאָר אויך אין דעם ביטול פון א רוימער צו דער פּראָווינץ. וואָס האָט אים די פּראָווינץ געקאָנט געבען, וואָס ער זאָל דאָס ניט קאָנען געניסען אַ סך בעסער און שענער אין רוים, דעם דאָזיגען צענטער פון דער וועלט! ער האָט נאָר געזעהן וואָס ניכער דורכצורײסען זיך דורך דעם עולם, וואָס איז ווי אים האָט זיך געדאַכט, געגאַנגען צו פּאַמעליך.

דער שפּאַציר האָט אים אַ ביסעל אָפּגעפרישט און צושטרײט. אין צוקומענדיג צו הערעקלעא, אַ דאָרף אויפ'ן האַלבען וועג צווישען שטאָט און וואַלד, האָט ער אָנגעהײבען מער צו קיקען אַרום זיך. אײנמאָל האָט ער זיך אַפילו אָפּגעשטעלט אַ קוק צו טאָן אויף אַ פּאָר ציגען, וואָס אַ שײנע פרוי האָט געפירט; די פרוי אַלײן און די ציגען זײנען געווען פּרעכטיג אויסגעפּוצט מיט בענדער און בלומען. דערנאָך האָט ער פאַרהאַלטען דעם שריט, כדי דורכצולאָזען אַ ריזיגען שנײ־ווײסען שטיר־אָקס, וואָס איז געווען בעהאַנגען מיט פרישע גרינע הײנגלעך ווײנטרויבען און האָט אויף זײן ברײ־

טען רוקען געטראָגען אין אַ קאָרב אַ נאַקעט קינד — אַ בילד פֿונ'ם יונגען באַקכוס, וואָס קוועטשט אוים דעם זאַפט פון די צייטיגע ווייַנטרויבען אין בעכער אַריין און טרינקט עס מיט די געהעריגע ברכות.

בן-חור איז געגאַנגען ווייטער, טראַכטענדיג, לכבוד וועלכען גאָט ווערען דאָס געבראַכט די דאָזיגע קרבנות. ס'איז פאַרבייגעפאָרען אַ רייך-געקליידעטער רייטער אויף אַ פערד מיט אַ אונטערגעשיי-רענער גריווע, ווי ס'איז געווען דאַן דער מנהג. בן-חור האָט אַ שמייכעל געטאָן, בעמערקענדיג די גאַווה פון רייטער, וועלכע האָט האָט זיך אויך דעם פערד איבערגעגעבען. ביסלעכווייז האָט ער זיך פאַראינטערעסירט מיט דער דאָזיגער פּראָצעסיע פון רייטער, רייטוועגען, פוסגייער און ער האָט אָנגעהייבען אײַנצוקיקען זיך אויף דעם פאַרשיידענאַרטיגען המון. דאָ זיינען געווען מענשען פון אַלע האַנדעלס-פעלקער פון דער וועלט, פון אַלע עלטערס און פון אַלע גראַדען, אַלע יום-טוב'דיג געקליידט. איין גרופּע איז גע-ווען אין ווייסען אָנגעטאָן, אַ צווייטע — אין שוואַרצען; אַ טייל האָבען געטראָגען פאָנען, אַ טייל — גערויכערט קטורת; אַנדערע האָבען געזונגען לויב-געזאַנגען, נאָך אַנדערע זיינען געגאַנגען אונ-טער די קלאַנגען פון פלייטען און טאַצען. וואָס פאַר אַ וואונדער האָבען זיך געמוזט אָפּשפּילען אין דאַפנעס וואַלד, אויב ער האָט אַלע טאָג צוגעצויגען צו זיך אַ זעלכע פּראָצעסיעס!

פלוצלונג האָט בן-חור דערהערט אַ פרייליכע פּאַטשערייַ מיט די הענט און הילכיגע פרייד-געשרייען. ער האָט אויפגעהויבען די אויגען און דערזעהן אויפ'ן שפּיץ פון אַ בערגעל די מאָנומענטאַלע טויערן פונ'ם הייליגען וואַלד. די לויב-לידער האָבען אויפגעקלונ-גען הילכיגער און דער טאַקט פון די פלייטען איז געוואָרען לע-בעדיגער. מיטגעריסען פונ'ם אַלגעמיינעם שטראָם, איז בן-חור אַריין אין טויער.

פאַר זיינע אויגען האָט זיך אַנטפּלעקט אַ ברייטער פרייער פּלאַץ, אויסגעפלאַסטערט מיט פּאָלירטע שטיינערנע טאָוולען. אַ לעבעדי-גער רעש'דיגער עולם האָט זיך בעוועגט ארום אים; אין דער לופט האָט געציטערט דער גערודער פון לוסטיגע קולות. די פאַר-

שיידענפאַרביגע פּרעכטיגע מלבושים האָבן געפינקעלט צווישן דעם ווייסן שוים פון אָהן אַ שיעור פּאָנטאַנען, און די גאָלדענע שטראַלען פון דער זון האָבן זיך אָפּגעשפּיגעלט אין זייערע קריסטאָלענע שפּריצן. פון דעם פּלאַץ זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען זויבער געהאַלטענע שטעגעלעך אין גאָרטען אַריין און האָבן זיך ווייטער פאַרלאָרען אין וואַלד, איבער וועלכן ס'האָט געשוועבט אַ לייכטער ווייס-בלויער נעפּעל.

בן-חור האָט זיך נייגיריג גענומען אַרומקוקען, ניט צו ווייסן אין וועלכער זייט ער זאָל זיך נעמען. אין דער רגע האָט ער דערהערט, ווי אַ פרויען-שטים האָט אַ רוף-אויס געטאָן:

— וואונדערשיין! אָבער וואוהין אַצינד?

איר בעלייטער, מיט אַ לאָרבער-קראַנץ אַרום קאָפּ, האָט לאַכענדיגערהייט געענטפערט:

— וואוהין אַצינד? אין דיין פראַגע, מיין שיינע קליינע באַרבאַרין, קלינגט אַ ערדישע מורא. מיר האָבן דאָך אָבער אָפּגעמאַכט איבערצולאָזן אַלדאָס ערדישע הינטער זיך אין אַנטיאָכיע. וואוהין אַצינד? — וואוהין די ווינטען וועלען טראָגען! די ווינטען, וואָס ווייען אָט דאָ, זיינען דאָך דער אָטעם פון די געטער. לאָמיר זיך לאָזען אויף זייער בעראָט!

— און טאָמער וועלען מיר זיך פאַרבלאָנדזיען?

— אָ דו, פּחדנטע! קיינער איז נאָך קיינמאָל ניט פאַרלאָרען געוואָרען אין דאַפנעס וואַלד, אויסער די, הינטער וועלכע זיינע טויערן האָבן זיך אויף אייביג פאַרשלאָסען.

— און ווער זיינען זיי דאָס? האָט זי געפרעגט, נאָך אַלץ אין שרעק.

— די, וואָס זיינען ניט געווען בכוח ביי-צושטיין די תענוגים פון דעם אָרט, און האָבן זיך ניט געקאָנט מיט אים שיידען ביז אין טויט אַריין.

אויף דעם מירמעלשטיינערנעם פלאַסטער האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ טופּען פון סאַנדאַלען. דער עולם האָט געמאַכט אַ וואַרע, און אַ מחנה לייכטפיסיגע מיידלעך זיינען אַרויסגעפליגען אויפ'ן מיטען פּלאַץ און גענומען טאַנצען אַרום דעם מאַן מיט זיין שיינער פריינדין, צוזינגענדיג און פּאַטשענדיג אין טאַצען.

דערשראָקען האָט די יונגע אומבעקאַנטע זיך צוגעטוליעט צו איר בעגלייטער, וועלכער האָט מיט איין האַנט זי אַרומגענומען און די אַנדערע אויפגעהייבען איבער'ן קאָפּ, צוקנאַקענדיג צום טאַקט פֿין דער מוזיקע, מיט אַ שטראַשענדיג געזיכט. די האָר פון די טענצערקעס זיינען זיך צופלויגען אין אַלע זייטען און דאָס לייב זייערס האָט דורכגעשימערט דורך די טוליענע מלבושים. אומבעשרייבליך איז געווען די ליידענשאַפטליכקייט פֿון זייער טאַנץ. אָפּגעטאַנצט אַ קאַרעהאָר, זיינען די מיידלעך אַוועקגעפלויגען פון דאַנען פונקט אַזוי לייכט געשווינד, ווי זיי זיינען געקומען.

— ווער זיינען זיי? — האָט די אומבעקאַנטע געפרעגט.

— דאָס זיינען די דעוואַדאַזים, די כּוהנ'טעס פון אַפּאָלאָנס טעמפּעל. זיי זיינען דאָ אַ גאַנצע אַרמיע. זיי וואוינען טאַקע דאָ אין וואַלד.

קום לאָמיר גיין!

זיי זיינען אַוועק אין גאָרטען אַריין. פֿאַרביי בן-חור'ן איז דורכגעגאַנגען אַ פּראָצעסיע, אין וועלכער ס'האָבען זיך בעטייליגט דער וויסער שטיר-אָקס מיט'ן קליינעם באַקכוס, די פרוי מיט די ציגען און די מוזקאַנטען מיט די פֿלייטען און טאַצען.

— וואוהין גייען זיי דאָס? — האָט געפֿרעגט איינער פֿון עולם.

— ברייגען קרבּנות די געטער: דעם אָקס — יופּיטערן, די ציגען — אַפּאָלאָנען.

בן-חור איז אַריין אין וואַלד צוזאַמען מיט דער פּראָצעסיע. אונטער די טרוימערישע קלאַנגען פין דער מוזיקע און דעם שטימען-כאָר איז אין זיין מוח געבוירען געוואָרען די פראַגע: אין וואָס בעשטייט דער צויבער פונ'ם דאָזיגען וואַלד? צעהנדלינגער טויזענטער מענשען קומען אַהער אַלע יאָר. וואָס-זשע ציהט זיי צו? צי געפינען זיי דאָ אַ אָרט, וואו ס'ווערען פאַרגעסען אַלע צרות און יסורים, אַלע ניט מקויים-געוואָרענע האָפענונגען, אַלע ביטערע אַנטוישונגען? אויב יע אַזוי, טאָ פֿאַרוואָס זאָל אויך ער דאָ ניט געפינען קיין טרייסט אין זיין צער? איז ער אַ איד. צו'דען אָבער טאָרען די קינדער פון אברהם ניט געניסען די תּענוגים און פאַרגעניגענס, וואָס אַנדערע מעגען עס יע?

אַ לינד ווינטעל האָט פֿאַרטראָגן צו אים אַ שטראָם זיסע ריחות פֿון רויזען און אַלערליי קטורת׳ן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַרומגעקוקט זיך.

— אַפֿנים דאָ איז דערנאָהענט מוז זיין אַ בלומען־גאָרטען? — האָט ער אַ פֿרעג געטאָן אַ אומבעקאַנטען, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים.

— גיכער קומט דאָרטען פֿאָר אַ רעליגיעזע צערעמאָניע לכּבוד דיאַנען, פֿאַנען אָדער אַ אַנדער גאָט, — האָט יענער געענטפֿערט אויף לשון־קודש.

בן־חור האָט פֿאַרוואונדערט אים נאָכגעקוקט.

— דו ביסט אַ איד? — האָט ער אים געפֿרעגט.

— יע, איך בין געבאָרען געוואָרען ניט ווייט פֿון׳ם מאַרק־פּלאַץ אין ירושלים, — האָט יענער געענטפֿערט מיט אַ דרך־ארץ׳־דיגען שמייכעל.

בן־חור האָט געוואָלט זיך פֿונאַנדעררײדען מיט אים, אָבער דער עולם האָט זיך אַ שטופּ געטאָן פֿאָרווערטס און האָט אים צושיידט מיט׳ן אומבעקאַנטען. אָבער יענעמס געשטאַלט, זיין אָנגענומענע אידישע קליידונג, דאָס ברוינע טוך אויפֿ׳ן קאָפּ, איבערגעבונדען מיט אַ געלען שנירעל, זיין עכט־אידיש פּנים האָבען זיך אײנגע־קריצט אין בן־חורס זכּרון.

כּדי זיך צו דערווייטערן פֿון דעם רוישענדיגען המון, האָט בן־חור זיך פֿאַרנומען אויף אַ זייטיגען שטעגעל אין וואַלד אַריין. גיי־ענדיג אַלץ טיפֿער און טיפֿער, איז ער פֿאַרגאַנגען אין דער סאַמע געדיכטעניש, וואו ס׳האָט נאָך, דאַכט זיך, ניט געטראָטען קיין מענשענס פֿוס. אָבער אויך דאָ האָט ער באַלד בעמערקט סימנים פֿון מענשליכער קולטור. די קוסטעס זיינען בעדעקט מיט בליהעכץ אָדער מיט פּירות; אונטער דעם שאָטען פֿון די צווייגען האָבען געשפּראָצט די הערליכסטע בלומען. די צאַרטע בלי־הונגען פֿון זשאַסמינען און רויזען, ליליעס און טולפּאַנען, אָלע־אַנדערס און בעז — די אַלע אַלטע בעקאַנטע פֿון די טאָלען און גערטענער אַרום דער שטאָט פֿון דויד המלך — האָבען אָנגעזאַפּט די לופֿט מיט זיסע ריחות. און כּדי ס׳זאָל גאָרנישט־ניט פֿעלען

אין דעם הערליכען בילד, האָט דורך דעם בלומיגען טעפּיך געפּליצט אַ קריסטאָל-קלאָר טייכעל און האָט זיך זאַנפט געשליינגעלט ווייט דורך די קוסטעס אַוועק.

איבער אים, אַרום אים, האָט זיך געהערט דער רוף פונם קיקיק און דאָס וואָרקען פון דער טירקעל-טויב. דראָסלען האָבען אים בעגריסט אָהן שום פּחד, און אַ נאַכטיגאַל איז רוהיג געבליבען זיצען אויף איר צווייג, הגם ער האָט זי שיר מיט'ן אַרבעל ניט בערירט. פּלוצלונג איז פאַר בן-חורן אויסגעוואַקסען צווישען די צווייגען אַ מענשליכע פיגור, אָבער אַזוי אומגעריכט, אַז ער האָט אַ ציטער געטאָן. דער מענש האָט אים אָנגעקוקט און ער האָט דערזעהן, אַז ער האַלט צווישען די ציין אַ קרומען גאָרטען-מעסער. בן-חור האָט אין האַרצען נעלאַכט פון זיין שרעק — פּלוצלינג האָט זיך אים אַנטפּלעקט דער סוד פונ'ם צויבער, וואָס איז געלעגען אין דעם דאָזיגען וואַלד: שלום מיט אַלצדינג אַרום, שלום אָהן שום פּחד און מוראָ — דאָס איז געוועזען דער סוד.

## קאפיטעל זעקס.

### די בעגעגעניש מיט מעסאלען.

בן־חור איז ענדליך אַרויס פֿון דער גערילֿטעניש.

פאַר בן־חור'ן איז אַצינד געלעגען אַ וואַלד פון ציפּר־עסען, איט־ליבער הויך און שלאַנק ווי אַ זעגעלבוים. ווי נאָר ער איז אַריין אַ אונטער זיין שאָטען, האָט ער דערהערט אַ פריילִיך שאַלען פֿון טרומייט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזעהען ניט וויט פון זיך אין גראָז דעם אידען, וועלכען ער האָט פֿריהער בעגעגענט אין דער פּראָצעסיע. דער אומבעקאַנטער האָט זיך אויפֿגעהויבען און איז צו אים צוגעגאַנגען.

— פֿריד צו דיר! — האָט ער העפֿליך געזאָגט.

— איך דאַנק דיר — האָט בן־חור געענטפֿערט. — אפשר גייסטו מיט מיר אין איין וועג?

— איך גיי אויפ'ן היפּאָדראָם. גייסטו אויך אַהינצו?

— אויפ'ן היפּאָדראָם?

— יע. דו האָסט געהערט דאָס טרומייטערן? דאָס רופֿט מען צונויף דעם עולם צום טורניר.

— ליבער פריינד, איך בין אינגאַנצען אומבעקאַנט מיט דאַפ־נעם וואַלד, און כ'וואָלט דיר דאַנקבאַר געווען, ווען דו זאָלסט זיך אָננעמען צו זיין מיין וועגוויזער.

— מיט גרויס פֿאַרגעניגען. דו הערסט דאָס קלאַפּען פֿון רע־דער. דאָס פאָרט מען אויפ'ן היפּאָדראָם צום טורניר.

בן־חור האָט זיך אַ ווײַלע צוגעהערט, דאַן האָט ער אַרויפֿגעלייגט די האַנט זײַן נײַעם פֿרײַנד אויף דער פּלײצע און האָט געזאָגט:

— איך בין דעם דואומוויר אַריוסעס זון. און דו ביסט ווער?

— איך בין מלוך, אַ סוחר פֿון אַנטיאָכיע.

— דער קלאַנג פֿון די טרומייטערס און דאָס קלאַפּען פֿון די רעדער רעגען מיך אויף, גוטער מלוך. איך בין אַ ליבהאָבער פֿון אַזעלכע טורנירען און האָב אַליין אַ שטיקעל ידיעה אין דעם. אין די גימנאַסטישע שולען פֿון רוים קאָן מען מיך גוט. קום לאָמיר גיין אויפֿ'ן היפּאָדראָם.

מלוך האָט זיך אַ רגע געקווײנקעלט און דאַן האָט ער געפֿרעגט:

— דער דואומוויר איז געווען אַ רוימער, פֿאַרוואָס־זשע טראָגט זײַן זון מלבושים פֿון אַ בן־ישראל?

— איך בין אַ צוגעשריבענער זון פֿון דעם איידעלן אַריוס.

— אַזוי גאָר! טאָ זײַ מיר מוחל מײַן שאַלה.

זיי זײַנען אַרויס פֿון וואַלד אויף אַ פֿעלד, וואו ס'האָט זיך געפֿונען דער היפּאָדראָם. דער באָדען פֿון היפּאָדראָם איז געווען שטײַף אײַנגעטראָטען און אַרום איז געווען דורכגעצויגען אַ שטריק, וואָס איז געווען צוגעבונדען צו שפּיזען, אַרײַנגעשטעקטע אין דער ערד. אַרום היפּאָדראָם זײַנען געמאַכט געווען ערטער פֿאַר די צושויער, געשיצטע מיט זון־דעכלעך. בן־חור און זײַן פֿירער האָבען פֿאַרנומען דאָרטען ערטער.

בן־חור האָט איבערגעציילט די פֿאַרבײַפֿאָרענדיגע רײַטוועגן. בסך־הכל איז געווען נײַן.

— איך מוז די לײַט לויבען, — האָט ער געזאָגט מיט אָנערקענונג — איך האָב געמיינט, אַז דאָ אין מזרח בענוגענט מען זיך מיט אַ פּאָר פֿערד. איך זעה אָבער, זיי האָבען אַמביציע און פֿאַרגינען זיך צו פֿיר פֿערד אין שפּאַן. לאָמיר כאָטש זעהן, ווי זיי פֿאָרען.

אַכט פֿון די פֿיר־געשפּאַנען זײַנען פֿאַרבײַגעפֿאָרען, איינִיגע טריט־בײַ־טריט, אַנדערע גיך, אַלע גוט געקערעוועט; דער נײַנטער האָט זיך געטראָגען אין גאַלאָפּ. בײַ בן־חור'ן האָט זיך אַרויסגעריסען אַ קול פֿון התפּעלות.

— איך בין געווען אין דעם קיזערס שטאַלען, מלוך, אָבער איך שווער ביי אברהם-אבינו — אַזעלכע פערד ווי דאָ האָב איך נאָך אין לעבען ניט געזעהן!

דער פיר-געשפּאַנטער ריימזאָגען האָט זיך פאַרבייגעטראָגען; אָבער מיט די פערד האָט געקערעוועט אַ ניט-געניטע האַנט און די פערד האָבען זיך צופלאָנטערט. צווישען די צושויער אויף די ביינק האָט זיך דערהערט אַ געשריי. בן-חור האָט זיך אָפּגעקערט אין דערזעהן, ווי אין איינעם פון די אייבערשטע ראָנדען האָט זיך אויפגעהייבען אַ אַלטער מאַן. זיינע אויגען האָבען ווילד געבליצט, די הענט האָבען זיך צונויפגעדריקט אין פויסטען און זיין לאַנגע ווייסע באָרד האָט זיך געטרייסעלט. איינינע פון זיינע שכנים אויף די ביינק האָבען זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— פאַר זיינע גרויע האָר האָבען זיי כאָטש געמעגט דרך-ארץ האָבען! ווער איז דער זקן? — האָט בן-חור געפרעגט.

— דאָס איז שייך אילדערים פון דער מדבר, ערגעץ פון יענער זייט מואב — האָט מלוך געענטפערט — אַ מעכטיגער מענש און זעהר אַ רייכער, פאַרמאָגט גאַנצע הערטען קעמלען און זיינע פערד, זאָגט מען, שטאַמען פון די סוסים פונ'ם ערשטען פרעה.

דערווייַלע האָט דער אָנטרייבער פונ'ם פיר-געשפּאַן געפלייסט זיך צו בערוהיגען די פערד, אָבער אָהן אַ שום פעולה, און יעדער ניט-געלונגענער פרוב זיינער האָט נאָך מער אַרויסגעבראַכט דעם שייך פון די כלים.

— דער רוח זאָל אים נעמען! — האָט ער געשריען אַ ויסער זיך — לויפט, קינדער מיינע, גיכער! כאַפּט זיי! זיי זיינען אַזעלכע קינדער פון דער מדבר פונקט ווי איר! — האָט ער גערופען צו זיינע בעלייטער, וואָס זיינען, ווייזט אויס, געווען פון איין שבט מיט אים.

די פערד האָבען זיך אַלץ שטאַרקער געריסען און זיך געבריקעט.

— פאַרפלוכטער רוימער! — האָט דער שייך גענומען פאָכען מיט דער צונויפגעדריקטער פויסט אַנטקעגען דעם רייטער — ער האָט דאָך מיר געשוואָרען, אַז ער קאָן זיי קערעווען, געשוואָרען ביי דער גאַנצער כנופיה פון זיינע לאַטיינישע געצען, אַז די זיי וועַ-

לען פליהען ביי אים ווי די אָדלערס און וועלען אים פּאָלגען ווי די שעפּסען! פֿאַרפֿלוכט זאָל ער זיין! פֿאַרפֿלוכט זאָל זיין די מאַמע, וואָס האָט געבוירען אַזאַ ליגנער! פערד מיינע, טייערע פֿערד מיינע! הלוואַי זאָל ער נאָר אַ פּרוב טאָן אָנצורירען זיי מיט דער ביטש, איך וועל...

דער סיף פֿון דער פּראַזע האָט זיך פֿאַרלאָרען אין אַ ווילדען קריצען מיט די ציין.

— היי, לויפֿט גיכער צו זיי! זאָגט זיי אַ וואָרט, נאָר איין וואָרט פֿון די לידער, מיט וועלכע די מאַמע פלעגט איך פֿאַרוויגען, און זיי וועלען זיך בערוהיגען! אָ ס׳אַראַ אַ נאַר איך בין געוועזן, וואָס איך האָב זיך פֿאַרלאָזען אויף אַ רוימער.

בן-חור האָט גרייליך פֿאַרשטאַנען דעם שייכס געפֿילען. ער האָט געוואוסט, אַז דעם זקנ׳ס אויפרעגונג האָט געשטאַמט ניט אַזוי פֿון זיין בעליידיגטען שטאָלץ איבער זיינע טייערע פערד און ניט אַזוי פֿון זיין מורא פֿאַר׳ן אויסגאַנג פֿונ׳ם קאָנקורס, ווי פֿון זיין צוגעבונדנקייט צו זיי. פֿאַר דעם שייך זיינען די פֿערד ניט נאָר געווען אַ אוצר אָן אַ שאַץ, — ער האָט זיי טאַקע האָלט געהאַט ממש מיט אַ צערטליכער ליידענשאַפט.

קוקענדיג אויף די פֿערד און אויך אויף זייער בעל-הבית, האָט בן-חור אָנגעהויבען צו פֿאַרשטיין דעם צונויפבונד צווישען זיי. זיי זיינען אויסגעוואַקסען אויף זיינע אויגען, אין איין געצעלט מיט זיין משפּחה, ער האָט געזאָרגט וועגען זיי ביי־טאָג און געחלומט ביינאַכט. אפֿשר האָט דער אַלטער געטרוימט צו מבייש זיין דורך זיי די פֿאַרהאַסטע, האָפֿערדיגע רוימער און צוליב דעם טאַקע האָט ער עס זיי געבראַכט אין שטאָט אַריין, ניט אָנגעהויבען צו צווייפלען אַפילו, אַז זיי וועלען אַרויס מיט טריאומף פֿון קאָנקורס, אויב נאָר ער וועט קאָנען קריגען אַ אָנטרייבער, וואָס זאָל זיין ניט נאָר געניט אין האַלטען די לייצעס, נייערט ער זאָל פֿאַרשטיין דעם גייסט פֿון זיינע פֿערד. אָבער מיט׳ן אָנטרייבער האָט אים ניט אָפּגעגאָלטען, און ער איז געווען אויס מענש און האָט פֿאַרטומעלט דעם פּלאַץ מיט זיינע קולות.

ענדליך האָבען אַ צעהנדליג הענט אָנגעכאַפּט די פֿערד פֿאַר די

ציימלעך און בערוהיגט זי, נאָך איידער ס'האָט זיך געשטילט דעם זקנ'ס גרימצאָרן. אַצונד איז אויף דער אַרענע אַרויסגעפאָרן אַ נייער רייטוואָגען, און אין דער צייט, וואָס די פריהערדיגע האָט דער עולם בעגעגענט מיט שווייגען, האָט דער רייטוואָגען אַרויסגערופען אַ דונער פון אַפּלאָדיסמענטען און געשרייען, וואָס זיינען געוואָרען אַלץ הילכיגער, וואָס נעהענטער דער רייטוואָגען איז געקומען. אַלעמענס אויגען זיינען געווען אָנגעשטעלט אויף דעם רייטוואָגען און דעם אָנטרייבער. דער רייטוואָגען איז געווען דאָס אייבערשטע פון קונסט און פראַכט. אַ פעסט-געבויטער, אָבער אַ לייכטער, איז ער געווען איינגאַנצען בעדעקט מיט פאַרצירונגען פון בראָנזע און העלפאַנד-ביין, מיט בראָנזענע טיגער-קעפּ אויף די עקען אַקס. די פערד האָבען געטראָגען שוואַרצע כאָמאָנטען און ווייסע לייצעס. די עקען זייערע זיינען, לויט דער רוימישער מאָדע, געווען אונטערגעשאָרען, דאָס גלייכען די גריוועס, אין וועלכע ס'זיינען געווען פאַרפלאָכטען רויטע און געלע בענדער.

די שיינקייט פון די פערד און די פראַכט פון דעם רייטוואָגען האָבען אופגעוועקט בן-חורס אינטערעס ביז צו דער העכסטער מדריגה, און ער האָט אויפמערקזאַם גענומען זיך צוקוקען צום אָנטרייבער: ווער קאָן עס זיין?

ווען די דאָזיגע פראַגע איז צום ערשטען מאָל אַרויפגעשוואומען אין בן-חורס מוח, האָט ער נאָך ניט געקאָנט זעהן דעם אָנטרייבערס פנים און אַפילו ניט זיין פּולע געשטאַלט; אָבער דער אָנבליק און זיין גאַנצער שטעל האָבען אים אַרויסגעוויזען בעקאַנט און אים טונקעל דערמאָנט עפּעס פון לאַנג פאַרגאַנגענע טעג. ווער קאָן דאָס זיין?

ער איז צוגעקומען אַלץ נעהענטער. די פערד זיינען געלאָפען. נאָך די לעבעדיגע רוישענדיגע אָוואַציעס, וואָס דער עולם האָט אים געמאַכט, און נאָך דער פראַכט פון זיין געשפּאַן האָט מען געקאָנט משער זיין, אַז ער איז געווען אַ בעזונדערס הויכגעשטעלטער שררה אָבער גאָר אפשר אַ בערימטער פירשט.

דער אָנטייל פון אַזעלכע מיני גרויסע לייט אין טורנירען איז ניט געווען דאַן קיין זעלטענהייט. גאַנץ אָפט האָבען אַפילו מלכים

געזוכט צו נעהמען דעם גרינעם לאָרבער-קראַנץ אַלס אויסצייכענונג פֿאַר דעם זיגער. ווי בעוואוסט, האָבען זאָגאַר נירון-קיסר און קאָמאָדוס זיך ניט געשעמט אָנצוטרייבען די רייטוועגען אויף דער אַרענע.

בן-חור איז איינגעשטאַנען און זיך דורגעשטופט דורכ'ן עולם ביז צו דער ערשטער שורה בּיינק, נעהענטער צו דער אַרומצאַמונג. זיין פּנים איז געווען ערנסט; אַלע זיינע בעוועגונגען האָבען אויסגעדריקט אַ טיפֿע אויפֿרעגונג.

איצט האָט מען געקאָנט זעהן די גאַנצע געשטאַלט פֿינ'ס אָנטרייבער. ער איז געוועזן ניט אַליין אינ'ם רייטוואָגען; צוזאַמען מיט אים איז געפֿאָרען אַ חבר; גרויסע שררות, וואָס פֿלעגען זיך בעטייליגען אין טורנירען, איז עס געווען ערלויבט. אָבער בן-חור האָט געקאָנט זעהן נאָר דעם אָנטרייבער, וואָס איז געשטאַנען גלייך אין רייטוואָגען, די לייצעס איינינע מאָל אַרומגעדרייט אַרום זיך. זיין שיינע געשטאַלט איז געוועזן בעדעקט נאָר מיט אַ פֿרייער טוניקע פֿון העלרויטען טוך. אין דער רעכטער האַנט האָט ער געהאַלטען אַ בייטש, אין דער לינקער — מיט אַ עטוואָס אויפֿגעהויבענעם און אויסגעשטרעקטען אָרים — די פֿיר לייצעס. זיין גאַנצער שטעל איז געווען העכסט גראַציעז, פֿול קראַפֿט און לעבען. מיט דער גלייכגילטיגקייט פֿון אַ סטאַטוע האָט ער אויפֿגענומען דעם שטורים אַפּלאָדיסמענטען און התפּעלות-געשרייען. בן-חור איז געשטאַנען ווי פֿאַרגליווערט; זיין אינסטיקט און דער זכרון האָבען אים ניט אָפּגענאַרט. דער אָנטרייבער פֿון דעם רייטוואָגען איז געווען מעסאַלע!

אָן די אויסדערוויילטע, הערליכע פֿערד, אָן דער פּראַכט פֿונ'ם רייטוואָגען, אָן דער אָפּגעוואוינענער האַלטונג — דערהויפּט אָבער אָן דעם אויסדרוק פֿון די קאַלטע, אָדלער-שאַרפֿע געזיכטס-איברים, וואָס האָט זיך אויסגעאַרבעט אין דעם רוימישען טיפּ דורך גאַנצע דורות וועלט-בעצווינגער, האָט בן-חור דערקאָנט, אַז מעסאַלע האָט זיך ניט אומגעביטען, אַז ער איז פּונקט אַזוי גאווה'דיג, איינגעגלויבט אין זיך און האָפֿערדיג ווי פֿריהער, אַז ער איז דערזעלביגער מעסאַלע וואָס אַנומעלט מיט זיין יאָגען זיך נאָך כבוד, מיט זיין ציניזם, מיט זיין שפּאָט און מיט זיין חוזק.

## קאַפּיטעל זיבּען.

### בּיים קאסטאלישען קוואל

בּשעת בּן־חור איז אַראָפּגעגאַנגען אונטען, האָט זיך פון דער אונטערשטער בּאַנק אויפגעהויבּען אַ אַראַבּער און האָט אויסגערופען הויך אויפ'ן קול:

— איר מענשען פון מזרח און מערב, הערט צו! שייך אילדערים שיקט אייך זיין גערים. מיט פיר פֿערד, וואָס שטאַמען פון שלמה המלכ'ס געליבּטסטע סוסים, איז ער אָנגעקומען אהער, זיי זאָלען זיך בּעטייליגען אין דעם טורניר. ער דאַרף האָבּען אַ געניטען בּעהאַוועגטען מאַן, אָנצוטרייבּען די פערד. דעם, וואָס וועט דאָס אויספירען ווי ס'געהער צו זיין, זאָגט ער צו אַ פֿירשטליכען שכר. אומעטום, דאָ און דאָרטען, אין שטאָט און אין צירק, אין אַלע ערטער, וואו ס'קומען זיך צונויף די שטאַרקע און די מוטיגע, פֿאַרשפּרייט דעם דאָזיגען כרוז. אַזוי רעדט מיין האַר, שייך אילדערים דער נדיב!

דער דאָזיגער קול־קורא האָט אַרויסגערופען אַ לעבּעדיגע בּעוועגונג צווישען עולם אויף דער אַרענע, און בּיז פֿאַרנאַכט האָט מען שוין דערפון גערעדט אין אַלע ספּאָרט־קרייזען פון אַנטיאָכיע. אַז בּן־חור האָט עס דערהערט, האָט ער קווינקלענדיג זיך אָנגעהויבּען צו קוקען דאָ אויפ'ן העראָלד, דאָ אויפ'ן שייך. מלוך האָט שוין געמיינט, אַז ער האָט בּדעה אָנצונעמען דעם פֿאָרשלאָג, און אים איז געוואָרען גרינגער, ווען דער יונגער מאַן האָט זיך אַ קער געטאָן צו אים און געפֿרעגט:

— נו, וואוהין אַצינד, גוטער מלוך?

— אויב דו ווילסט טאָן ווי אַלע, וואָס קומען אַהער אין וואַלד דעם ערשטען מאָל, מוזטו קודם-כל גיין אויסוואַרפען וועגען דיין צוקונפט, — האָט מלוך מיט אַ שמייכעל געענטפערט.

— אויסוואַרפען, זאָגסטו? הגם איך הער אין דיינע ווערטער אַ איראָניע, פונדעסטוועגען קום לאָמיר גיין צו דער געטין.

— אָ ניין, זון פון אַריוס, די דינער פון אַפּאָלאָן זיינען דאָ קליגער; דו וועסט דאָ ניט הערען די שפּרוכען פון אַ פּיטיע אָדער אַ סיבילע; מ׳וועט דיר דאָ געבען אַ איינפאַך פּאַפּירוס-בלאַט, נאָרוואָס אַראָפּגעריסען פון׳ם שטיינגעל, און דו וועסט עס דאַרפען איינטונקען אין׳ם וואַסער פון אַ געוויסען קוואַל. אַז דו וועסט עס אַרויסנעמען, וועסטו דער זעהן דערויף אַ פערז, וואָס וועט דיר פאָראויסזאָגען דיין צוקונפט.

— בן-חורס נייגעריגקייט האָט קאָנטיג אָפּגעקילט.

— פאַראַן מענשען וואָס האָבען זיך ניט וואָס צו קימערן וועגען זייער צוקונפט — האָט ער פינסטערליך געזאָגט — ווי הייסט אָט דער קוואַל?

— קאַסטאַליע.

— אָ, ער האָט אַ שם אין דער גאַנצער וועלט. קום לאָמיר גיין.

פון מלוכ׳ן, וועלכער האָט אים בגניבה נאָכגעשפּירט מיט שאַרפע בליקען, איז ניט געבליבען אומבעמערקט, אַז זיין חבר׳ס שטימונג האָט זיך געענדערט. גלייכגילטיג, כמעט ווי ניט זעהענדיג, האָט זיין אויג זיך געגליטשט איבער די אַלטע וואונדער פון דער נאַטור און פון דער קונסט, וואָס האָבען זיך בעגעגענט אויפ׳ן וועג. ער איז געגאַנגען פּאַמעליך, מיט אַ אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ, פאַרזונקען אין געדאַנקען, ניט אַרויסרעדענדיג קיין וואָרט.

מעסאַלעס אָנבליק האָט עס אים געמאַכט אַזוי מרה-שחורה׳דיג. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ס׳איז נאָך ניט אַריבער קיין שעה, זינט מ׳האָט אים מיט גוואַלד אָפּגעריסען פון זיין מאַמען, נאָך ניט אַריבער קיין שעה, זינט דער רוימער האָט פאַרחתמעט דאָס הויז פון זיינע עלטערן. ער האָט ווידער איבערגעלעבט דעם גאַנצען יאוש און פּיין פון זיין לעבען אויף דער גאַלערע — אויב דאָס האָט בכלל גע-

קאָנט הײסען לעבען; און זײן זכּרון איז לעבעדיג אױפגעשטאַנען דער געדאַנק, װאָס האָט אים קײנמאָל ניט פאַרלאָזט בײ זײן אַרבעט אױף דער שטראָף־שיף — דער אײנציגער געדאַנק, װאָס האָט אים דעמאָלט אַ נשמה געגעבען, דער געדאַנק זיך נוקם צו זײן אין מעסאַלען. גראַטוס׳ן — פלעגט ער בײ זיך דאַן טראַכטען — װאָלט ער אפשר קאָנען מוחל זײן, מעסאַלען אָבער — קײנמאָל אין לעבען ניט! עפּעס אַזױ װי כּדי צו שטאַרקען זיך אין זײנע װילדסטע נקמה־פּלענער, האָט ער ניט אױפגעהערט נאָכאַנאַנד איבערצוחזרן די פראַגען: „װער האָט אונז אַרױסגעגעבען אונזערע נאָכיאָגער? װער האָט מיך אױסגעלאַכט און מיט גאַװה און חוזק זיך אָפּגעקערט פון מיר, װען איך האָב געבעטען רחמים און הילף — ניט פאַר זיך, נאָר פאַר מײן מאַמען און שװעסטער?“ און שטענדיג האָבען זיך די דאָזיגע געדאַנקען זײנע אױסגעלאָזט מיט אײן תּפילה: „אין דעם טאָג, װאָס איך װעל אים בעגעגענען, העלף מיר, אָ גרױסער גאָט פון מײנע עלטערן, העלף מיר אים צו טרעפען מיט אַ בעזונדערער, אױסדערװײלטער נקמה!“

און אָט האָט ער אים בעגעגענט.

װאָלט ער אים בעגעגענט אָרים און עלענד, װאָלטען אפשר זײנע געפילען צו אים געװאָרען װײכער. אָבער מעסאַלע האָט, װײזט אױס, געלעבט אַ טאָג. ער האָט אים געזעהן רײך און מעכטיג, אַרומגערינגעלט מיט יענער פּראַכט און גלאַנץ, װאָס דער לוקסוס־ליבענדיגער רױמער האָט מיט אַזאַ חשק אַרױסגעװיזען בײ יעדער געלעגענהײט.

דאָס, װאָס מלוך האָט געהאַלטען פאַר אַ איבערגײענדיגע נעדריקטע שטימונג, האָט אין דער אמתן געהאַט אַ טיפערען גרונד. בן־חור האָט זיך נעגריבעלט אין פּלענער, װי אַזױ אַרױסצורופען זײן דם־שונא אױף אַ צוזאַמענשטױס.

באַלד האָבען זײ זיך פאַרקערעװעט אין אַ אַלײע פון אײכענבױמער; רעדלעך שפּאַצירגײער האָבען זײ בעגעגענט אױפ׳ן װעג, צופוס און רײטענדיג; קנעכט האָבען געטראָגען פרױען אונטער געצעלטען; פון צײט צו צײט פלעגט מיט אַ גערודער פאַרבײפאָרען אַ רײטװאָגען.

אין עק אַלייע האָט דער וועג ביסלעכווייז אַראָפּגענידערט אין אַ טאָל; רעכטס האָבן זיך דערהויבן גרויסע פֿעלזנשטיינער, לינקס האָט זיך געשפּרייט אַ פֿרישער גרינער פּליין. דאָרטן האָט זיך געפֿונען דער בערימטער קאַסטאַלישער קוואַל.

ביידע מענער האָבן זיך דורכגעלייגט אַ וועג צווישן דעם געדיכטן עולם צום קוואַל צו, און בן־חור האָט דערזען אַ שטראָם קלאָר וואַסער, וואָס האָט געשלאָגן פֿון פֿעלז אין אַ באַסיין פֿון שוואַרצן מירמלשטיין און שוימענדיק און ברויזנדיק איז עס דאָרט פֿאַרשוואונדן אַזוי ווי אין אַ לייקע.

לעבן מירמלשטיינערנעם באַסיין אין אַ מין נישע, וואָס איז געווען אויסגעהאַקט אין פֿעלז, איז געזעסן אַ אַלטער פּריסטער מיט אַ לאַנגער באָרד, דאָס פּנים אין טיפֿע קנייטשן, — אַ פֿולקומער טיפּ פֿון אַ נזיר. ס׳איז שווער געווען צו זאָגן, וואָס האָט מער געצויגן אַהער דעם עולם, — צי דער אייביק פֿלייצנדיקער קוואַל אָדער דער אַלטער פּריסטער, וואָס איז דאָ תּמיד געזעסן. ער האָט געהערט, געקוקט, אַליין זיך געלאָזט בעטראַכטן, אָבער קיינמאָל האָט מען נאָך פֿון אים קיין וואָרט ניט פֿאַרנומען. פֿון צייט צו צייט פֿלעגט ווער פֿון עולם אויסשטרעקן צו אים די האַנט און דערלאַנגט אים אַ מטבע; ממזריש צופּינטלענדיק מיט די אויגן, פֿלעגט דער זקן זי צונעמען און געבן דערפֿאַר אַ פּאַפּירוס־בלאַט. דער מקבל פֿלעגט עס אײַנטונקען אין וואַסער פֿון באַסיין, און האַלטנדיק עס דערנאָך אויף דער זון, פֿלעגט ער געפֿינען דערויף אַ אויפֿשריפֿט אין גראַמען. דער פּאָעטישער ווערט פֿון די גראַמען האָט קנאַפּ־וואָס געשאַדט דעם שם פֿונ׳ם קוואַל.

איידער בן־חור האָט נאָך צייט געהאַט צו ווענדן זיך צום אָראַקעל, האָט זיך אויף דער לאַנקע געוויזן אַ נייע גרופּע בעזוכער, וואָס האָבן אַרויסגערופֿן דעם גרעסטן אינטערעס ניט נאָר בײַ אים, נײַערט אויך בײַ דעם גאַנצן פֿאַרזאַמעלטן עולם.

קודם־כּל האָט זיך געוואָרפֿן אין די אויגן אַ משונה גרויסער, אײַנגאַנצן ווײַסער קעמעל, וועלכן ס׳האָט געפֿירט פֿאַר׳ן צײַמעל אַ רײַטער אויף אַ פֿערד. נאָך צוויי רײַטער זײַנען געפֿאָרן פֿון

הינטען. אויפ׳ן רוקען האט דער קעמעל געטראגען זעהר אַ גרויסען געצעלט, אַ רויטען אין רייך־געפוצטען מיט גאלד.

— ס׳אַר אַ וואונדערליכער קעמעל! — האט זיך אפגערופען איינער פון עולם.

— אַ פירשט פון וויטע מדינות — האט געזאגט אַ צווייטער.

— מסתמא גאר אַ קיניג.

— אַ קיניג וואלט געריטען אויף אַ העלפאנד.

— ניט קיין קיניג און ניט קיין פירשט פירט דער ווייסער קעמעל,— אַ פרוי גאָר,— האט זיך אַריינגעמישט נאך איינער מיט׳ן טאן פון אַ בר־סמכאָ.

דערווייל זיינען די פרעמדע צוג עקומען נעהענטער. פון דער נאָהענט האָט דער קעמעל פאַרדינט פונקט די אייגענע התפעלות, וואָס מ׳האָט אים אַרויסגעוויזען פון דער ווייטענס. קיינער פון די בעזוכער ביים קוואַל האָט נאָך אין לעבען ניט געזעהן אַזאַ שלאַנקען שיינעם קעמעל, מיט אַזעלכע גרויסע, שוואַרצע אויגען, מיט אַזעלכע אומגעוויינליך ווייסע ווייכע האָר, מיט אַזעלכע בייגעווריגע שטאַרקע פיס, וואָס האָבען געשטעלט אַזעלכע ווייכע, אָבער פעסטע טריט. ניין, קיינער האָט קיינמאָל זיין גלייכען ניט געזעהן! היינט ווי גוט ס׳האָט אים געפאַסט דער פרעכטיגער, טייערער, זיידענער באַלדאַכין מיט זיינע פרענז און בעברעמעכץ פון זייד און פון גאָלד! ביי יעדען טריט האָבען געקלונגען די זילבערנע גלעקלעך אויף זיין האַלז און ער האָט געשפאַנט אַזוי גרינג, גלייך ווי ער וואָלט גאָר ניט פילען די משא אויף זיין רוקען.

ווער אָבער איז געווען דער מאַנספאַרשוין און די פרוי, וואָס זיינען געזעסען אין געצעלט אויפ׳ן קעמעלס רוקען? אין אַלעמענס אויגען, וואָס זיינען געווען אָנגעשטעלט אויף זיי, איז געווען קענטיג די דאָזיגע פראַגע.

אויב דער מאַנספערשוין איז באמת געווען אַ פירשט אָדער אַ קיניג, האָט יעדער איינער, וואָס האָט אים אָנגעקוקט, געמוזט מודה זיין, אַז די צייט וויים ניט פון פניות, אַז זי מאַכט ניט קיין שום חילוק צווישען די גרויסע און די מעכטיגע פון דער וועלט און צווישען די פשוט׳ע בשר־ודמ׳ס. אַ אומגעהייער גרויסען טור-

באַן האָט אַרויסגעקוקט זיין שמאָל איינגעפאַלען פנים; די הויט־פאַרב איז געווען געגליכען צו אַ מומיע, און האָט ניט ערלויבט צו דערקאָנען, צו וואָס פאַר אַ אומה דער זון האָט געהערט. בכלל האָט מען אין זיין גאַנצער פּערזאָן געקאָנט מקנא זיין נאָר דעם טייערען שאַל, אין וועלכען ער איז געווען איינגעהילט.

די פרוי לעבען אים איז לויט'ן מנהג פון די מזרח־לענדער געווען איינגעהילט אין אַ געדיכטען שלייער, וואָס איז בעשטאַנען פון טייערע שפּיצען גאָר ניט אָפּצושאַצען. אַרום די אומבעדעקטע הענט העכער פון די איילענבייגענס האָט זי געטראָגען גאָלדענע בראַנזלעטען אין דער געשטאַלט פון פּיפּערנאָטערלעך, וועלכע זיינען אויף גינגאָלדענע קייטעלעך געווען פאַרבונדען מיט די אָרים־בענדער ביי די האַנט־געלענקלעך. אירע הענט זיינען געווען אויסערגעוויינליך פיין און גראַציעז געפורימט, און די דאָלאָניעס צאַרט, קליין און חנ'ווודיג ווי ביי אַ קינד, די פינגער בעדעקט מיט בלישטשעדיגע רינגען און די נעגעל אָפּגעפּאָלירט, אַז זיי האָבען געשימערירט ווי ראָזיגער פּערלמוטער. אויפ'ן קאָפּ האָט די פרעמדע געטראָגען אַ גאָלדענע נעץ, דורכגעפלאָכטען מיט קרעלען און גילדענע מטבעות; אייניגע פון די מטבעות האָבען גערוט אויפ'ן שטערן, אַנדערע האָבען אַרויסגעגלאַנצט פון צווישען די בלוי־שוואַרצע האָר, וואָס האָבען זיך אין געדיכטע מאַסען אַראָפּגעגליטשט איבער'ן רוקען און זיינען אַליין געווען די שענסטע צירונג, נייטיג האָבענדיג דעם שלייער נאָר כדי צו שיצען זיך פון שטויב און זון. פון איר הויכען זיץ האָט זי רוהיג און פריינדליך אַראָפּגעקוקט אויפ'ן עולם, אַזוי פאַרטיפט אין בעטראַכטען אים, גלייך ווי זי וואָלט גאָר ניט בעמערקט דעם אינטערעס, וואָס איר איינענע פּערזאָן האָט אַרויסגערופען. אָבער דער גרעסטער חידוש איז געווען דאָס, „וואָס“ האָט איר פנים פאַרשלייערט, עובר־זייענדיג דערמיט דעם מנהג, וואָס איז געווען אָנגענומען ביי חשוב'ע פרויען, בשעת זיי פלעגען ערשיינען אין אַ עפענטליכען אָרט.

איר פנים מיט געשניצטע איברים איז געווען מלא חן, אין פולען רייץ פון דער ערשטער פרישער יוגענד. די פאַרב פון דער הויט איז געווען ניט ווייס ווי ביי די גריכען, ניט שוואַרצ'חנ'עווי־

דיג ווי בײַ די רוימער, ניט בלאָנד ווי בײַ די גאַליער, -- נאָר האָט גיכער פאַרמאָגט יענעם אָפּגלאַנץ, וואָס די זון פונ'ם נילוסלאַנד גיט צו דער הויט; און דורכזיכטיג איז די דאָזיגע הויט געווען אַזוי, אַז דורכ'ן שטערן און די באַקען האָט דורכגעשימערט דאָס בלוט ווי אַ רויטליכער ליכט-שיין. צוליב דעם מנהג, וואָס איז פֿון קדמונים אָן אָנגענומען אין די מזרח-לענדער — צו פאַרבען אויף שוואַרץ די אויגען-ברעמען, זיינען אירע אויגען — שוין פֿון דער נאַטור גענוג גרויס — אויסגעקומען נאָך גרעסער. צווישען די לייכט-געעפֿענטע פורפור-רויטע ליפּען האָבען געפינקעלט ציינער פֿון בלענדענדער ווייסקייט. צו די דאָזיגע אַלע חנ'ען פֿון איר פּנים איז נאָך צוגעקומען דער קליינער קלאַסיש געפֿורעמטער קאָפּ אויף אַ שלאַנקען בויגיגען האַלז, אַזוי אַז איר גאַנצע פּערזאָן בכלל האָט מען געקאָנט אָנרופֿען קיניגליכע שיינהייט.

אַז די אומבאַקאַנטע יפֿת-תּואַר האָט זיך גענוג אָנגעקוקט אויפ'ן עולם און אויף דעם אָרט, האָט זי זיך געווענדט מיט עטליכע ווערטער צו דעם אָנטרייבער פֿון דעם קעמעל — אַ כּושי אַ ריז. דער כּושי האָט צוגעפֿירט דעם קעמעל צום קוואַל און האָט אים געצוואונגען אַראָפּצולאָזען זיך אויף די קניה. דערנאָך האָט זי אים דערלאַנגט אַ בעכער, ער זאָל אָננעמען וואַסער.

אין דער רגע האָט זיך פֿון דערווייטענס דערהערט אַ קלאַפּען פֿון רעדער און אַ טראַמפּלען פֿון פערד. דער עולם, וואָס איז געשטאַנען שטיל, פאַרקוקט אויף דער סצענע ביים קוואַל, האָט מיט קולות זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אַלע זייטען, פריי צו מאַכען דעם וועג.

— היט זיך! דער רוימער וויל אונז איבערפאָרען! — האָט מלוך אַ געשריי געטאָן צו בן-חורן און געגעבען אים אַ ביישפּיל פֿון דער האַסטיגסטער פּליטה.

בן-חור האָט זיך אויסגעדרייט אין דער זייט, פֿון וואַנען ס'האָט זיך געטראָגען דער רעש, און האָט דערזעהן מעסאַלען, וואָס האָט געיאָגט אין זיין פירשפּאַניגען רייטוואָגען גלייך אויפ'ן עולם. דאָסמאָל איז ער געווען אַזוי נאָהענט, אַז בן-חור האָט אים דייטליך געקאָנט זעהן.

זיך פֿונאַנדערגעלאָפֿן — האָט דער עולם איבערגעלאָזט דעם קעמעל אומבאַשיצט, באַלד איבערגעפֿאָרן צו ווערן דורך דעם יאָגענדיגען רייטוואָגען. בכלל איז ער אפשר געווען ספּריטנער פֿון אַלע קעמלען אין דער וועלט, אָבער גראָד איצט איז ער געבליבען ליגען מיט פֿאַרמאַכטע אויגען און רוהיג גע׳מעלה-גרה׳ט, הגם די פערד האָבען אים שוין אָט-אָט בערירט מיט די קאָפּיטעס. אַפּנים ער איז געווען אַזוי געצערטעלט, אַז ער האָט שוין פֿאַרגעסען, ווי אַזוי זיך אַליין צו העלפֿען בשעת אַ סכנה. דער כושי האָט פֿאַר אימה פֿאַרבראָכען מיט די הענט. דער זקן אין געצעלט האָט געמאַכט אַ בעוועגונג צו אַנטלויפֿען, אָבער ער איז געווען צו אַלט דערצו, און אַגב האָט ער אַפילו אין דער דאָזיגער סכנה-רגע ניט געוואָלט פֿאַרלאָזען זיין בכבודיגע האַלטונג, וואָס איז געוואָרען זיין צווייטע נאַטור. פֿאַר דער יונגער פֿרוי איז שוין געווען שפּעט צו טראַכטען וועגען ראַטעווען זיך.

בן-חור איז געשטאַנען צו זיי נעהענטער ווי אַלע און ער האָט אַ געשריי געטאָן צו מעסאַלען:

— האַלט! זעה, וואוהין דו פֿאָרסט! צוריק! צוריק!

דער רוימער האָט זיך גאַווה׳דיג פֿונאַנדערגעלאַכט. זעהענדיג, אַז ס׳איז ניטאָ קיין אַנדער עצה אויסצומיידען דאָס אומגליק, האָט בן-חור אַ שפּרונג געטאָן צו די פערד און אָנגעכאַפּט די פֿאָדערשטע פֿאַר׳ן צוים.

— דו רוימישער כלב איינער! אַ מענשענס לעבען איז ביי דיר גאָרנישט? — האָט ער אַ געשריי געגעבען צו מעסאַלען, אָנשטריינגענדיג זיין גאַנצען כוח אָפּצוקערעווען די פֿערד אָן אַ זייט. די פֿאָדערשטע האָבען זיך געשטעלט אויף די הינטער-פֿיס און גע-צוואונגען די הינטערשטע אַ שטופּ טאָן אויף צוריק; דער רייט-וואָגען האָט זיך אַ וויג געטאָן, און מעסאַלע האָט זיך קוים איינגעהאַלטען ניט אַרויסצופֿאַלען, זיין חבר אָבער איז אַרויסגעפֿלויגען פֿון וואָגען ווי אַ קלאָץ.

זעהענדיג, אַז די סכנה איז אַריבער, האָט דער עולם זיך לוס-טיג פֿונאַנדערגעלאַכט. דאָ האָט זיך דעם רוימערס אומפֿאַרגלייכ-

ליבע חוצפה אַרויסגעוויזען אין איר גאַנצען גלאַנץ. ער האָט אָפּגעבונדען די לייצעס פון זיין קערפער, אַראָפּ פון וואָגען, צוגעגאַנגען צו דעם זקן מיט דער יונגער־פרוי, און וואַרפענדיג אַ בליק אויף בן־חיר׳ן, האָט ער געזאָגט:

— זייט מיך מוחל! איך בעט אייך מיך מוחל זיין! איך בין מעסאַלע, און איך שווער אייך ביי דער אַלטער מוטער־ערד, אַז איך האָב ניט געזעהן ניט אייך, ניט אַייער קעמעל. און וואָס ס׳איז שייך צו די גוטע מענשען, וואָס שטייען דאָ אַרום, האָב איך זיך טאַקע אפשר צו פיל פאַרלאָזען אויף מיין בריהשאַפט. איך האָב געוואָלט זיך אַ ביסעל לוסטיג מאַכען איבער זיי, איז אָבער בעשערט, זיי זאָלען לאַכען פון מיר, טאָ זאָלען זיי לאַכען געזונטערהייט.

דער האַלב גוטמוטיגער און האַלב שפּאָטישער בליק, וואָס ער האָט מיט אַ שמייכעל געשאָנקען דעם עולם, און דער פוילער מאַך מיט דער האַנט, האָבען פולקים געשטימט מיט זיינע רייד. אַלע זיינען אַנטשוויגען געוואָרען, צו הערען, וואָס ער וועט ווייטער זאָגען.

זיך איבערציינגט, אַז ער האָט זיך איבערגעבעטען מיט די בעליידיגטע, האָט ער דורך אַ צייכען געהייסען זיין בעגלייטער אָפּפירען דעם וואָגען אָן אַ זייט און האָט זיך דרייסט געווענדט צו דער יונגער פרוי.

— דו ביסט מסתמאָ אַ טאָכטער פון דעם דאָזיגען בכבודיגען מאַן. אויב ער וועט מיך ניט מוחל זיין איצט, וועל איך אָנווענדען אַלע מיינע כוחות צו פועל׳ן עם ביי אים שפּעטער.

זי האָט אים גאָרנישט געענטפערט.

— איך שווער ביי פאַלאַדען, דו ביסט וואונדערשיין! היט זיך, אַפּאָלאָן זאָל דיך ניט אָננעמען פאַר זיין פאַרלאָרענע געליבטע. מיר וואָלט זיך זעהר וועלען וויסען, וואָסער לאַנד האָט די זכיה צו הייסען דיין פאָטערלאַנד. קער זיך ניט אָפּ פון מיר. לאָמיר זיך איבערבעטען! די זון פון אינדיע שטראַלט פון דיינע אויגען אַרויס; אויף דיינע לעפּצען האָט מצרים אָפּגעחתמעט איר ליבע. זיי גנע-

דיג צו מיר, דײַן שקלאַף, אײדער דו װעסט זיך װענדען צו יענעם אַט דאָרט. זאָג מיר כאָטש, אַז דו ביסט מיר מוחל.

די פרוי האָט אים איבערגעשלאָגען.

— קום אַהער! — האָט זי געזאָגט מיט אַ שמײכעל, אָנבײגענדיג דעם קאָפּ מיט אַ חנ'דעל צו בן־חור'ן. — נעם דעם דאָזיגען בעכער און פיל אים אָן מיט װאַסער, איך בעט דיך; מײַן טאַטע חלש'ט אַ טרונק.

— איך בין שטענדיג גרײט דיר צו דינען.

מיט די װערטער האָט בן־חור נעמאַכט אַ בעװעגונג צו ערפילען איר בקשה און איז אױסגעקומען פּנים־אל־פּנים מיט מעסאַלען. זײערע בליקען האָבען זיך געטראָפען; אין דעם אידענס האָט געבליצט שנאָה און פאַראַכטונג, דעם רױמערס האָט געשפּריצט מיט לוסטיגען חוזק.

— אָ ליבע פרעמדע, דו ביסט פּונקט אַזױ גרױזאַם װי שײן! — האָט מעסאַלע געזאָגט, אַ מאַך טוענדיג צו איר מיט דער האַנט — אױב אַפּאָלאָן װעט דיך ניט אַװעקרױבען, װעלען מיר זיך נאָך זעהן. אַזױ װי איך װײס ניט דײַן געבורטסלאַנד, קאָן איך דיך ניט בענשען מיט קײן שום גאָט. דעריבער װעל איך דיך, אין נאָמען פון אַלע געטער, בענשען — מיט מיר אַלײן!

דערװײַלע האָט זײן חבר בערוהיגט די פערד און װידער געבראַכט אין אָרדענונג דעם געשפּאַן; מעסאַלע האָט זיך אומגעקערט אין װאָגען אַרײַן. די פרוי האָט אים בעגלײט מיט די אױגען, אין װעלכע ס'האָט געלױכטען אַלצדינג אױסער פאַראיבעל. בן־חור האָט געבראַכט דאָס װאַסער. זי האָט עס דערלאַנגט דעם טאַטען. דערנאָך האָט זי אַלײן צוגעטראָגען דעם בעכער צו די ליפּען און אים דאַן איבערגעגעבען בן־חור'ן מיט אַ בעװעגונג פול אומפאַרגלײכליכען חן און לײטזעליגקײט.

— נעם דעם בעכער אַ מתנה, מיר בעטען דיך! ער איז פול מיט ברכות פאַר דיר!

דער קעמעל האָט זיך אױפגעהױבען און האָט זיך שױן געװאָלט לאָזען אין װעג אַרײַן, ערשט דער זקן האָט אַ רוף געטאָן בן־חור'ן:

— קום אַהער צו מיר!

בּן-חור איז מיט דרך-ארץ צוגעגאַנגען צו אים.

— דו האָסט דעם פרעמדען היינט געטאָן אַ גרויסע טובה. פאַראַן נאָר איין גאָט, און זיין הייליגען נאָמען דאַנק איך דירו איך בּין בּלשאצר דער מצרי. אין דעם גרויסען פאַלמען-וואַלד, הינטער דעם דאָרף דאַפנע, האָט דער שייך אילדערים דער נדיב אויפגעשלאָגען די געצעלטען אין דעם שאָטען פון די פאַלמען-בּיימער. מיר זיינען זיינע געסט. דאָרטען ווער אונז געוואָר. דאָרטען וועט אויף דירוואַרטען אַ פריינדליכער גערוס און דער בּרוך-הבּא פון דאַנקבּאַרע הערצער.

בּן-חור'ן האָט איבּערראַשט דעם זקנ'ס הדרת-פּנים און זיין הילכיגע שטים, גאָר ניט נאָך זיינע יאָרען. בּעלייטענדיג מיט די אויגען דעם קעמעל, איז זיין בּליק געפאַלען אויף מעסאַלען, וועלכער איז אַוועקגעפאָרען, פונקט ווי ער איז געקומען — פריי-ליך, אומבּעקימערט, מיט אַ שפּאָטישען שמייכעל אויף די ליפּען.

## קאַפּיטעל אַכט.

נקמה־פּלענער.

די בעסטע סגולה אַרויסצורופֿען קענען זיך אַ געפֿיל פֿון שינאָה — איז צו האַלטען זיך גוט דאָרטען, וואו אַ אַנדערער איז בעגאַנגען אַ פֿעלער. מלוך אָבער איז געוועזען אין דעם פֿאַל אַ יוצא־מן־הכּלל. הגם ער אַליין האָט זיך געראַטעוועט פֿון דער סכּנה דורך אַנטלויפֿען, האָט ער פֿונדעסטוועגען אָנערקענט און בעוואונדערט דעם מוט און די גבורה, וואָס בן־חור האָט אַרויסגעוויזען אינ׳ם מאָמענט פֿון דער גרויסער סכּנה. ווען אים וואָלט זיך נאָך אײַנגעגעבען צו דערגיין וועלכע־ס׳איז פּרטים פֿונ׳ם יונגענמאַנס פֿאַרגאַנגענהייט, וואָלטען די רעזולטאַטען פֿונ׳ם היינטיגען טאָג געוועזען גאַנץ נישקשה׳דיג פֿאַר זײַן גוטען האַר סימאָנידעס.

ביז אַהער איז ער געוואָר געוואָרען אויף זיכער נאָר צוויי פֿאַקטען: אַז דער אָביעקט פֿון זיינע נאָכשפּירענישען איז אַ איד און אַז ער איז אַ צוגעשריבענער זון פֿון אַ חשוב׳ען רוימער. און נאָך איינס, וואָס האָט אפשר אויך געקאָנט זיין וויכטיג, האָט אָנגעהויבען קלאָר צו ווערען דעם קלוגען אויסשפּירער: צווישען מעסאַלען און דעם דואומווירס זון איז געוועזען עפּעס אַ שייכות. אָבער וואָס פֿאַר אַ שייכות? און ווי אַזוי זאָל ער וואָס־עס־איז דערגיין וועגען דעם? אומזיסט האָט ער זיך געבראָכען דעם קאָפּ איבער דעם.

צום גליק איז בן־חור אַליין אים דאָ געקומען צו הילף. ער האָט אָנגענומען מלוך׳ן פֿאַר דער האַנט און אים אָפּגעפֿירט אַ ביסעל

אָן אַ זייט פון עולם, וועלכער האָט זיך שוין נעהאַט ווידער פֿאַרקיקט אויפ'ן אַלטען גרויען פּריסטער און אויפ'ן מיסטישען קוואַל.

— גוטער מלוך, — האָט ער געפֿרעגט, אָפּשטעלענדיג זיך אין איינינגע טריט אַרום, — קאָן אַ מענש ווען-עס-איז פאַרגעסען זיין מאַמען?

די פראַגע איז געקומען אַזוי אום גערי̄כט, אַזוי אין מיטען דערינען, אַז מלוך איז געבליבען ווי געפלעפּט. ער האָט אַריינגעקוקט דעם פרעמדער אין פּנים אַריין, איבערצולייענען כאָטש אַ רמז אויף דעם, וואָס ער מיינט; אָבער אויפ'ן דאָזיגען פּנים האָט ער נאָר געזעהן פייערדיג רויטע פלעקען אויף די באַקען און אַ מאָדנעם גלאַנץ אין די אויגען, אַזוי ווי פון איינגעהאַלטענע טרערען.

— ניין! — האָט ער מעלאַניש געענטפֿערט — קיינמאָל ניט! און אין אַ ווײַלע אַרום, אַזוי ווי זיך בעטראַכט, האָט ער מיט היץ צוגעגעבען:

— קיינמאָל אין לעבען ניט, אויב ער איז אַ בן-ישראל! איינע פון די ערשטע זאַכען, וואָס איך האָב געלערנט אין בית-המדרש איז געווען דאָס געבאָט פון יהושע בן סירה: „גיב אָפּ כבוד דיין מאַטען מיט'ן גאַנצען האַרצען און פאַרגעס ניט די יסורים פון דיין מאַמען".

די רויטע פלעקען אויף בן-חורס באַקען זיינען געוואָרען נאָך פייערדיגער.

— דיינע ווערטער דערמאָנען מיר מיין קינדהייט, און זיי בעווייזען, מלוך, אַז דו ביסט אַ אמת'ער איד. מיר דאַכט זיך, אַז איך קאָן זיך דיר פאַרטרויען.

בן-חור האָט אַרויסגעלאָזט מלוכס האַנט און האָט זיך געכאַפּט פאַר דער ברוסט, גלייך ווי וועלענדיג פאַרשטיקען אַ טיפען אינעווייניגסטען ווייטאָג.

— מיין טאַטע, — האָט ער אָנגעהויבען — האָט געהאַט אַ שם אין ירושלים, וואו מיר האָבען געוואוינט. מיין מאַמע איז געבליבען אַ אַלמנה אין אירע בליהענדיגסטע יאָרען. ס'איז ווייניג צו זאָגען, אַז זי איז געווען גוט און שיין; אירע ווערטער זיינען געווען לויטער ליבע און גוטסקייט, און די גאַנצע שטאָט האָט זיך געבענשט מיט

אירע מעשים. איך האב נאך געהאט א קליינע שוועסטער, און מיר זאלבעדריט זיי נען געווען אזוי גליקליך, אז איך האב כפועל־ממש ארויסגעזעהן די ריכטיגקייט פון אונזערע חכמים׳ס ווערטער: „גאט האט ניט געקאנט דערווייזען, צו זיין אומעטום, דעריבער האט ער באשאפען די מאמעס". נאר אין א אומגליקליכען טאג האט זיך אלץ אומגעקערט. אויף א הויכען רוימישען שררה איז אראפגעפאלען א שטיין, גראד ווען ער איז פארבייגעריטען פארביי אונזער הויז. די לעגיאנערען האבען אויפגעבראכען די טירען, זיך אריינגעריסען צו אונז אינעווייניג און גענומען אונז געפאנגען. פון דעמאלט אן האב איך שוין מער ניט געזעהן מיין מאמען און מיין שוועסטער, און איך ווייס ניט, וואס איז מיט זיי געווארען, צי זיי לעבען, אדער זיי זיינען שוין טויט. אט יענער מענש, מלוך, וואס דו האסט נאר־וואס געזעהן דורכפארענדיג אין רייטוואגען, איז געווען דערביי, בשעת מ׳האט אונז צושיידט; דאס האט ער אונז ארייסגעגעבען די לאפערס. ער האט געהערט, ווי מיין מאמע האט זיך געבעטען רחמים פאר אירע קינדער; מיט א שפאטיש געלעכטער האט ער געהייסען זי אוועקשלעפען. מיר איז שווער צו זאגען, וואס קריצט זיך טיפער איין אין זכרון — ליבשאפט אדער שינאה. היינט האב איך אים דערקאנט פון דער ווייטענס, און, מלוך...— ער האט ווידער אנגעכאפט יענעמס האנט — ער ווייס דעם סוד, פאר וועלכען איך וואלט מיין לעבען אוועקגעבען. ער קאן מיר זאגען, צי לעבען זיי, וואו זיי געפינען זיך און אין וואס פאר א מצב. און זיינען זיי טויט, וואלט ער מיר געקאנט זאגען, וואו זיינען זיי געשטארבען און וואו זיינען זייערע ביינער בעהאלטען. ער ווייס דאס אלץ און וועט ניט אויסזאגען.

— פארוואס?

— דערפאר ווייל ער איז א רוימער און איך בין א איד.

— אבער די רוימער האבען צינגער, און די אידען, וואס מ׳זאל אויף זיי ניט זאגען, האבען מיטלען זיי צום ריידען צו צווינגען.

— אבער ניט אזעלכע ווי ער. אויסערדעם איז עס ניט זיינער קיין סוד, נאר דער מלוכה׳ס. מיין טאטענס גאנצער פארמעגען איז געווארען קאנפיסקירט און צוטיילט צווישען מיינע פיינד.

מלוך האט צוגעשאקעלט מיט׳ן קאפּ אין צייכען פון הסכמה.

— האט ער דיך נים דערקאנט כאטש? — האט ער געפרעגט.

— דאס קאן ניט געמאלט זיין. איך בין פארמשפּט געווא־ען צו אַ לעבעדיגען טויט און רעכען זיך שוין לאַנג פּאַר געשטארבען.

איך אויף דיין ארט וואלט אים דערהרגעט! — האט אויסגערופען מלוך, נאכגעבענדיג אַ געפיל פון ליידענשאַפטליכען גרימצאָרן.

דערמיט וואלט איך אויף אייביג פאַרלאָרען די מיגליכקייט צו געוואר־ווערען דורך אים, דאס, וואס איך דאַרף. דער טויט, ווי דו ווייסט, האַלט אַ סוד נאך אַ סך בעסער ווי אַ שולדיגער רוימער.

מלוך האָט געדרונגען, אַז אַ מענש, וואָס ברענט מיט אַזאַ נקמה־געפיל און קאָן פונדעסטוועגען פועל׳ן ביי זיך רוהיג דורכלאָזען אַזאַ גינציגע געלעגענהייט דאָס דאָזיגע געפיל צו באַפרידיגען — אַזאַ מענש מוז זעהר זיכער זיין אין דער צוקונפט אָדער מוז האָבען אין קאָפּ נאָך אַ בעסערן נקמה־פּלאַן. דער דאָזיגער געדאַנק האָט צוגעגעבען אַ נייעס כאַראַקטער צו זיין אינטערעס אין בן־חורן; ביז אַהער איז עס געווען דער אינטערעס פון אַ אויסשפּי־רער, וואָס טוט דעם ווילען פון זיין האר; אַצינד איז עס מגולגל געוואָרען אין אַ געפיל פון פערזענליכער סימפּאַטיע. וואָס מער מלוך האָט דערקאַנט זיין חבר, אַלץ מער איז געוואַקסען זיין התפּעלות און באַוואונדערונג, און ער האָט אין האַרצען זיך גע־נעבען אַ וואָרט מיט אַלע כוחות אים צו דינען.

נאָך אַ ווײַלע שווייגען האָט בן־חור ווידער אָנגעהייבען:

— טויטען וועל איך אים ניט, גוטער מלוך. דער סוד, וואָס ער טראָגט באַהאַלטען, שיצט אים פון דער דאָזיגער סכנה, על־כּל־פּנים, אויף דערווייל; אָבער זיין שטראָף מוז ער באַקומען, און ווען דו וואָלסט מיר אין דעם געהאָלפען, וואָלט איך געפּרובט עס אויסצופירען.

ער איז אַ רוימער און איך בין אַ איד — האָט מלוך געענט־פערט, ניט געקווײנקעלט זיך — איך וויל דיר העלפען. טאָמער ווילסטו, בין איך גרייט צו באַקרעפטיגען מיין הבטחה מיט וועל־כער שבועה נאָר דו ווילסט.

— גיב מיר אַ תקיעת־כּף. מער דאַרף איך ניט.

געגעבן זיך די הענט, האָט בן-חור זיך אָפּגערופּן מיט אַ גרינגער האַרץ:

— די בקשה, וואָס איך וויל דיך בעטן, ליבער פרײַנד, איז ניט איבעריגס שווער, און איז אויך ניט קענען געוויסען. קום לאָמיר גיין.

זיי האָבן זיך פאַרנומען אײַפּ'ן וועג, וואָס האָט געפירט דורך דער לאָנקע, וועלכע האָט זיך געשפּרייט רעכטס פון קאָסטאָלישען קוואַל. נאָך אַ קירצען שווייגען, האָט בן-חור געפרעגט:

— דו קאָנסט דעם שייך אילדערים דעם נריב?

— יע.

— וואו איז דער פּאַלמען-וואַלד? ווי ווייט איז ער פון דאָרף דאַפנע?

מלוכ'ן איז געוואָרען קשה די שאלה. ער האָט זיך דערמאָנט, מיט וואָס פאַר אַ חנדלעך די אומבאַקאַנטע יפת-תואר האָט באַדאַנקט זיין חבר בײַם קוואַל פאַר זיין גבורה, און ער האָט בײַ זיך געפרעגט, צי האָט אפשר די ליבע שוין געמאַכט פאַרגעסען דעם יונגען מאַן אָן זיין טיפען צער נאָך דער מאַמען און שוועסטער. פונדעסטוועגען האָט ער געענטפערט:

— פון דאָרף דאַפנע צום פּאַלמען-וואַלד איז צוויי שעה וועג אויף אַ פערד און איין שעה אויף אַ געשווינדען קעמעל.

— איך דאַנק דיר, דו ווייסט אַלצדינג. אצינד זאָג מיר נאָך, צי קאָנען זיך אַלע באַטייליגען אינ'ם פאָרשטייענדיגען טורניר און ווען וועט ער זיין.

די דאָזיגע פראַגען האָבן, ווייזט אויס, געהאַט אַ באַזונדערען מיין. אויב זיי האָבן אַפילו ניט געקאָנט איננאַנצען פאַרטרייבען מלוכ'ס ספיקות, האָבן זיי אָבער שטאַרק אויפגעוועקט די נייגעדיגקייט זיינע.

— אָ יע, דער טורניר איז פאַר אַלעמען און וועט דורכגעפירט ווערען מיט גרויס פּראַכט. דער פרעפעקט איז רייך און וואָלט ניט בדלות געוואָרען, ווען ער זאָל אַפילו פאַרלירען זיין שטעלע; אָבער ער איז נאָך געגוג להוט נאָך עשירות און לאָזט ניט דורך קיין שום געלעגענהייט צו קריגען מיט אַ גיטען פרײַנד מער בײַם

רוימישען הויף. דעריבער גרייט ער זיך מיט גרויס כּבוד צו באַגעגענען דעם קאָנסול מאַקסענציוס, וועלכער קומט אָן אַהער, כּדי צו מאַכען דאָ די לעצטע הכנות צו זיין פעלדצוג קעגען די פּרתּים. אַז בּיי אַזעלכע הכנות שפּילט געלט ניט קיין קליינע ראָלע — דאָס ווייסען די איינוואוינער פֿון אַנטיאָכיע פֿון דער אייגענער דערפֿאַרונג. זיי האָבען בּאַקומען די ערלויבּעניש צו בּאַטייליגען זיך אין די פייערליכקייטען לכּבוד די גרויסע לייט. נאָך מיט אַ חודש צוריק האָבען די העראָלדען זיך אַוועקגעלאָזען אין אַלע פֿיר זייטען אויסצורופען, אַז דער צירק עפענט זיך אויף. דער נאָמען פון פּרעפֿעקט אַליין איז שוין גענוג ערב פאַר דער פאַרשיידענאַרטיגקייט און פּראַכט פונ׳ם יום-טוב; אָבער אַז אַנטיאָכיע האָט נאָך אויך געמאַכט שותּפות אין דעם יום-טוב, וועלען שוין אַלע שטעט און אינזלען אַרום און אַרום זיכער זיין, אַז ס׳וועט פאָרקומען אויסערגעוויינליכעס און פֿון אומעטום וועלען זיך צונויפֿקומען אַהער מחנות צושויער און די בּאַרימטסטע טורניר-קינצלער. פּרייזען זיינען בּאַשטימט בּאמת קייזערליכע.

— איך האָבּ נעהערט, אַז דער היגער צירק איז דער ערשטער אין דער וועלט נאָך דעם רוימישען?

— יע, אין אונזערן גייט אַריין צוויי הונדערט טויזענט מאַן, און אין מאַקסימוסעס אין רוים אויף פּינף-און-זיבּעציג טויזענט מער; אָבער געבּויט און פּרעכטיג זיינען זיי בּיידע גלייך.

— און די כּללים זיינען דאָ אויך דיזעלבּיגע ווי אין רוים? מלוך האָט אַ שמייכעל געטאָן.

— ווען אַנטיאָכיע וואָלט געוואַגט צו זיין אָריגינעל, וואָלט רוים ניט געווען די הערשערין פון דער וועלט. די געזעצען פֿון מאַקסימוסעס צירק זיינען חל אויך הי, אַ חוץ איין פּונקט: אין רוים מעגען אַרויספאָרען פאַר אַ מאָל ניט מער ווי פיר רייטוועגען, און דאָ פֿאָרען אַרוים אַלע אין איין צייט, וויפֿיל רייטוועגען ס׳זאָל ניט זיין.

— דאָס איז אַזוי ווי בּיי די גריכען, — האָט בּן-חור בּאמערקט.

— יע, אַנטיאָכיע איז דאָך גיכער אַ גריכישע שטאָט ווי אַ רוימישע.

— אויב אַזוי, קאָן איך דאָך אַליין זיך אויסקלייבען מיין רייט-וואָגען?

— אי דעם וואָגען אי די פערד; אין דעם פּרט איז ניטאָ קיין שום באַגרעניצונגען.

דער דאָזיגער ענטפֿער האָט בן-חור׳ן, ווייזט אויס, צופֿרידענגעשטעלט.

— איז הייסט עס, מלוך, ווען קומט פֿאָר דער טורניר?

— אויפֿ׳ן קאָנסיל ריכט מען זיך מאָרגען אָדער איבערמאָרגען — האָט מלוך געענטפֿערט — און דער טורניר איז באַשטימט אויפֿ׳ן זעקסטען טאָג נאָך זיין קומען.

— די צייט איז אַפילו קורץ, מלוך, פונדעסטוועגען וועט קלעקען — האָט בן-חור געזאָגט מיט אַ אַנטשלאָסענעם טאָן — איך שווער ביי די נביאים פֿון אונזער אַלטען פֿאָלק ישראל: איך נעם זיך ווידער פֿאַר די לייצעס! שאַ! נאָך איין פֿראַגע: איז דאָס זיכער, אַז מעסאַלע וועט זיך באַטייליגען אין דעם טורניר?

אַצינד האָט מלוך פֿאַרשטאַנען בן-חור׳ס פּלאַן, און אים איז געוואָרען קלאָר, וואָס פֿאַר אַ דערנידעריגונג ס׳ווערט צוגעגרייט פֿאַר׳ן רוימער. ער וואָלט אָבער ניט געווען קיין אמתער אוראייניקעל פֿון יעקב אָבינו, ווען ער וואָלט ניט גלייך אויפֿ׳ן אָרט אָפּגעוואויגען אַלע שאַנסען אין אַ ענין, וואָס איז אים געווען אַזוי נאָהענט צום האַרצען.

— ביסט דען געניט אין אַזעלכע זאַכען? — האָט ער געפֿרעגט מיט אַ קוויינקלענדיגער שטים.

— האָב ניט קיין מורא, מיין פֿריינד, פֿאַר די לעצטע דריי יאָר האָבען זיגער די אין צירק פֿון מאַקסימוס זעהר אָפֿט מיר געמוזט אָפּגעבען זייערע לאָרבער-קרענץ. פֿרעג זיי, וועלען זיי דיר דערציילען פֿון מיר. ביי די לעצטע גרויסע יאָגענישען האָט דער קיסר אַליין מיר אַרויסגעוויזען זיין חסד, פֿאָרלייגענדיג מיר, איך זאָל זיך אָננעמען אָנטרייבען זיינע אייגענע פֿערד אין צירק.

— אָבער דו האָסט זיך אָפּגעזאָגט? — האָט מלוך געפֿרעגט העכסט פֿאַראינטערעסירט.

— איך בין אַ איד — האָט בן-חור געענטפֿערט — איך טראָג

אַפילו אַ רוימישען נאָמען, פונדעסטוועגען האָב איך ניט געוואַגט צו נעמען זיך פאַר אַ אומנות, וואָס וואָלט פאַרשוועכט מיין טאַטענס אָנדיינקען. אין דער פאַלעסטרע האָב איך זיך געמעגט אָפּגעבען מיט אַזעלכע איבונגען; אָבער אין צירק, בפרהסיה, וואָלט עס געווען אַ חילול־הכבוד. און טאָמער וויל איך אַצינד אַרויסטרעטען דאָ אין אַנטיאָכיע, שווער איך דיר, מלוך, אַז איך טו דאָס ניט כּדי צו בּעקומען אַ פּריז.

— האַלט זיך איין, שווער ניט! — האָט מלוך אויסגעשריען — דער פּריז טרעפט אָן צעהן טויזענט סעסטערציעס — אַ גאַנצער אייגענס!

— אָבער ניט פאַר מיר, אַפילו ווען דער פּרעפעקט זאָל אים פאַרגרעסערן אין פופציג מאָל. אַלע אוצרות פון די צעזאַרס קאָנען זיך ניט פאַרגלייכען מיט דעם תענוג צו דערנידעריגען דעם שונא. נקמה איז על־פּי־דין מותר.

מלוך האָט מיט אַ שמייכעל אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ, גלייך ווי ער וואָלט זאָגען: „גערעכט, גערעכט! אַ איד פאַרשטייט זיך אויף אַ אידען!"

— מעסאַלע וועט אַרויסטרעטען. — האָט ער דאַן צוגעגעבען — זיין נאָמען איז שוין אויסגערופען אומעטום: אויף די גאַסען, אין די בעדער, אין די טעאַטערס, אין פּאַלאַץ און אין די געצעלטען; אַגב, איז ער שוין פאַרשריבען אויף די טאָוולען פון אַלע לעב־יונגען אין אַנטיאָכיע און צוליב דעם אַליין וועט ער שוין ניט קאָנען אַרויסמאַכען זיך פון טורניר.

— זיי וועטען זיך פאַר אים?

— יע. און ער איבט זיך אַלע טאָג, ווי דו האָסט שוין געזעהן. אַזוי! אָט מיט דעם רייטוואָגען און מיט די פערד וויל ער עס, הייסט עס, געווינען דעם יאָג־קאַמף! איך דאַנק דיר, מלוך, איך דאַנק דיר זעהר! דו האָסט פאַר מיר שוין אַ סך געטאָן! איצט בעלייט מיך נאָך צום פאַלמען־וואַלד און פיר מיך אַריין צום שייך אילדערים דעם נדיב.

— ווען?

— טאַקע היינט. מאָרגען וועט שוין אפשר זיין צו שפּעט; ער קאָן נאָך אַמאָל אָפּגעבען זיינע פערד איטיצען אַנדערש.

— זיינען זיי דיר, הייסט עס, געפעלען געוואָרען?

— איך האָב זיי געזעהן נאָר אַ רגע — האָט בן-חור לעבעדיג געענטפערט — אַז מעסאַלע איז אָנגעפאָרען, איז אַלץ אין דער וועלט אויסער אים פאַרשוואונדען פון מיינע אויגען. אָבער אַפילו די איין רגע איז פאַר מיר געווען גענוג צו דערקאָנען, אַז זיי געהערען צו יענער איידעלער ראַסע, וואָס איז דער כבוד און דער וואונדער פון דעם מידבר. נאָר אין די שטאַלען פון די צעזאַרס האָב איך געזעהן זייער גלייכען. גענוג אויף זיי איין מאָל אַ קוק צו טאָן, צו דערקאָנען זיי אויפ׳ן שטעל. אויב ס׳איז אמת אַלץ, וואָס מ׳דערציילט פון זיי, און אויב מיר וועט זיך איינגעבען צו בייגען זיי אונטער מיין ווילען, וועל איך...

— געווינען די סעסטערציעס! איז אים מלוך מיט אַ געלעכטער אַריינגעפאַלען אין די רייד.

— ניין — האָט בן-חור זיך אָפּגערופען — איך וועל טאָן דאָס בעסטע, וואָס קאָן טאָן אַ זון פון יעקב — איך וועל דערנידערי-גען מיין שונא בפני-כל-עם-ועדה. אָבער — האָט ער אומגעדולדיג צוגעגעבען — מיר פטר׳ן צייט. ווי אַזוי קאָנען מיר צום גיכסטען קומען צום שייכ׳ס געצעלטען?

מלוך האָט זיך אַ וויילע פאַרטראַכט.

— די גלייכסטע זאַך איז צוגיין אָט דאָ ניט ווייט אין דאָרף אַריין, און אויב מיר וועלען דאָרטען קריגען צו דינגען אַ פּאָר גו-טע קעמלען, זיינען מיר אין אַ שעה אַרום ביי אונזער ציל.

— טאָ קום, לאָמיר גיין גיכער!

דער דאָרף איז באַשטאַנען פון פּאַלאַצען, אַרומגערינגעלט פון הערליכע גערטענער, און צווישען זיי זיינען געוועזען עטליכע קאַראַוואַן-סאַראַיען, איינגעאָרדענט כיד המלך. די חבירים האָבען דאָרטען געדונגען צוויי קעמלען און זיך געלאָזט אין וועג אַריין צום באַרימטען פּאַלמען-וואַלד.

## קאַפּיטעל נײַן.

### רוימישע אַרגיע.

דער אינזעל, אויף וועלכען ס׳איז געשטאַנען דער פּאַלאַץ, פּונקט אַנטקעגען סימאָנידעסעס הויז, איז אַרומגערינגעלט געווען פֿאַזע דעם גאַנצען ברעג מיט אַ געמויערטער וואַנט, וואָס האָט אים געדאַרפט שיצען סײַ פון וואַסער-פֿאַרפלייצונגען סײַ פון אָנפֿאַלען מצד דעם המון. לכתחילה האָבען אינ׳ם דאָזיגען פּאַלאַץ געוואוינט די רוימישע לעגאַטען, נאָר שפּעטער האָבען זיי אַריבערגעטראָגען זייער רעזידענץ אויפ׳ן באַרג סולפּיוס, מיט׳ן אויסרייד, אַז דאָרטען אין דער הויך איז די לופט געזינטער. לייט אָבער האָבען געמורמעלט, אַז די רוימישע שררות האָבען געזוכט אויפ׳ן באַרג ניט אַזוי די פרישע לופט, ווי מער זיכערקייט, אונטער׳ן שוץ פֿון די באַרג-פעסטינגען. און די דאָזיגע מייגונג האָט געהאַט אַ שטיקעל גרונט, והראיה — דער אַלטער פּאַלאַץ אויפ׳ן אינזעל איז שטענדיג געווען גרייט אויפֿצונעמען די קאָנסילען, פעלדהאַרען און אַנדערע גרויסע לייט, וואָס פֿלעגען קומען קיין אַנטיאָכיע.

מיר וועלען ניט באַשרייבען דעם דאָזיגען פּאַלאַץ (אויסגעבויט האָט אים נאָך דער באַרימטער עפּיפאַנעס) מיט אַלע זיינע נערטענער, בעדער, זאַלען און מיט דעם גאַנצען לאַבירינט חדרים ביז די לוסט-הייזלעך אויפ׳ן דאַך, אַלע צוגעקליבען און פאַרפּוצט, ווי ס׳האָט געפּאַסט פֿאַר אַזאַ גרויסאַרטיגען בנין אין דער שטאָט, וואָס האָט זיך גערעכענט פֿאַר דער לוקסוס-רייכסטער אין דער גאַנצער אָריענטאַלישער וועלט. מיר וועלען דעם לעזער גלייך

אַריינפירען אין איינעם פֿון די צימערן, וואָס וואָלט אַצינד געהייסען אַ זאַל. דאָס איז געווען זעהר אַ גרויס צימער, די פּאָדלאָגע אויסגעלייגט מיט פּאָלירטע מירמעל־שטיינערנע טאָוולען. באַלויכטען האָט זיך דאָס צימער דורך דאַך־פענסטער מיט פאַרביגע גלימער־שויבען אָנשטאָט גלאָז. ביי די ווענט זיינען געשטאַנען אַטלאַס־געשטאַלטען, איינס ניט ענליך אויפ'ן אַנדערן. זיי האָבען אונטערגעשפּארט דעם געזימס, וואָס איז געווען קונציג פאַרצירט מיט די סאַמע אויסטערלישסטע אַראַבעסקען פֿון אַלערליי קאָליאָרען — בלוי, גרין, פּורפּור און גאָלד. אַרום דעם גאַנצען צימער האָט זיך געשפּרייט אַ דיוואַן, באַצויגען מיט אינדישער זייד און קאַשמירער וואָל. דאָס מעבעל איז באַשטאַנען פון טישען און שטולען מיט זעלטענע שניצערייען אויפ'ן עגיפּטישען שטייגער. פֿון דער סטעליע זיינען אויף מעשענע קייטען אַראָפּגעהאַנגען פינף מנורות, צו איינע אין די ווינקלען און איינע אין מיטען. זייער העלער שיין האָט דייטליך באַלויכטען אַפילו די דעמאָנישע פּנימער פון די אַטלאַס־געשטאַלטען אין די משונה'דיגע אַראַבעסקען פֿונ'ם געזימס. אין דעם צימער האָבען זיך געפונען ביי אַ הונדערט מאַן; אַ טייל זיינען געזעסען אָדער געשטאַנען ביי די טישען, אַ טייל האָבען געהאַלטען אין איין אַריבערגיין פֿון איינעם צום אַנדערן. דאָס זיינען אַלץ געווען יונגע לייט, איינינגע נאָך גאָר כמעט אינגלאַך. אַלע האָבען זיי אויסגעוויזען צו זיין איטאַליענער, ס'רוב רוימער. אַ סימן — זיי האָבען אַלע גערעדט וואונדער־ריין לאַטיין און זיינען געווען אָנגעטאָן אויפ'ן שטייגער פון דער גרויסער וועלט־שטאָט ביים טיבער, דהיינו: אין אַ קורצער טוניקע מיט קורצע אַרבעל, וואָס איז געווען זעהר גוט צוגעפּאַסט צום קלימאַט פֿון אַנטיאָכיע בכלל, בפרט אָבער — צו דער דומפּער פאַרשטיקטער לופט פון זאַל. אויפ'ן דיוואַן זיינען געלעגען אָנגעוואָרפען אָהן אַ סדר טאָגעס און מאַנטלען, איינינגע בעזוימט מיט פורפור. און אויף דעמזעלביגען דיוואַן טאַקע האָבען זיך אין פאַרשיידענע פּאָזעס געוואַלגערט מענשען, וואָס זיינען אָוועקגעפאַלען שלאָפען, נאַרמאַטערט פונ'ם הייסען טאָג אָדער פון צופיל דינען באַקכוס'ן.

אַ געמיש פֿון הויכע קולות האָט געקלונגען אָהן אַ אויפהער,

אָפּטמאָל באַדעקט מיט אַ שטורמישען געלעכטער אָדער מיט אַ אויסרוף פון כעס אָדער פרייד. און אינ׳ם דאָזיגען רעש האָט זיך אַריינגעמישט דאָס קלאַפּען פון די העלפאַנטביינערנע שטיינער אין דאָס איבערווקען די ציגעל איבערן שאָכברעט.

— גוטער פלאַוויוס — האָט זיך אָפּגערופען איינער פון די שפּילער — דו זעהסט אָט יענעם מאַנטעל, גראָד אַנטקעגען אונז אויפ׳ן דיוואַן! ער קומט נאָר-וואָס פון קליידער-הענדלער און אויפ׳ן פּלייצע האָט ער אַ גאָלדענע שפּילקע די גרויס ווי מיין האַנט.

— נו איז וואָס — האָט פלאַוויוס זיך אָפּגערופען, פאַרטאָן אין זיין שפּיל — וואָס האָסטו אין אים אַזוינס דערזעהן?

-- גאָרנישט. נאָר איך וואָלט אים מיט פאַרגעניגען אָפּגעגעבען דעם, וואָס וואָלט מיר קענען אָנווייזען אַ מענשען, וועלכער ווייס אַלצדינג.

— די אָראַקעלם וואָלטען דאַן אָהן אַרבעט געבליבען. אייף וואָס פאַר אַ קלאָגען טויג דיר בכלל אַזאַ יודע-הכל?

— נאָר איין פראַגע וואָלט איך אים פרעגען, און דערנאָך וואָלט איך אים געמאַכט ביק!

— וואָס פאַר אַ פראַגע?

— איך וואָלט אים געפרעגט, אין וואָסער שעה — וואָס זאָג איך שעה... אין וואָסער מינוט וועט מאַקסענציוס מאָרגען אָנקומען אַהער.

— צו וואָס טויג דיר וויסען די מינוט?

— דו האָסט זיך ווען געבאַקען אונטערן פרייען הימעל אויף דער זון פון סוריה אויפ׳ן האַפּענדאַם, וואו דער קאָנסול דאַרף זיך אַרויסזעצען? די פייערן פון דער וועסטע ברענען ניט אַזוי הייס ווי אירע שטראַלען, איך שווער ביי אונזער פאָטער ראָמולוס! אויב שוין שטאַרבען, וואָלט איך וועלען בעסער אין רוים. דאָ איז דאָך אַ אמתער גיהינום... זעה, זעה, פלאַוויוס, דו האָסט דאָך ווייטער ביי מיר געוואונען! אָ, די פאָרטונע מיט אירע שיגעונות!

— מיר שפּילען ווייטער?

— אוודאַי, איך מוז אָפּגעווינען מיין סעסטערציע.

זיי האָבען געשפּילט אַ קאָן נאָך אַ קאָן, און ווען דער שיין פון

טאָג האָט זיך אַרײַנגעגנבֿעט דורך די ראַך־פֿענסטער און האָט
פֿאַרטונקעלט דאָס ליכט פֿון די לאָמפּען, װײַנען װי נאָך אַלץ גע-
זעסען אויפֿ׳ן אײגענעם אָרט, בײַם אײגענעם טיש, בײַ דער אײנגע-
נער שפּיל. אַזױ װי ס׳רובֿ קאָמפּאַניע, װאָס האָט זיך געפֿינען דאָ
אין זאַל, האָבֿען זײ געהערט צום קאָנסולאַם מיליטערישער סװיטע;
זײ האָבֿען געװאַרט אויף זײן אָנקומען קײן אַנטיאָכיע און האָבֿען
דערװײַלע אויסגעניצט די געלעגנהײט אַ הוליע צו טאָן.
אצונד איז אין זאַל אַרײַן נאָך אַ קאָמפּאַניע יונגע לײַט און פֿון
קײנעם ניט באַמערקט צוגעגאַנגען צום מיטעלסטען טיש. מ׳האָט
געזעהן באַשײַנפּערליך, אַז זײ גײען אָקאָרשט פֿון אַ אַנדער קער-
מעשל; אײניגע זײנען ממש געפֿאַלען פֿון די פֿיס. אײנער פֿון זײ
האָט געטראָגען אַ קראַנץ אַרום קאָפּ, אַ סימן, אַז ער איז געװען
דער העלד פֿון דער שימחה. דער װײַן האָט אויף אים קאָנטיג
ניט געמאַכט קײן שום װירקונג, סײדען נאָר בֿולטער אָפּגעצײכענט
די שײַנקײַט פֿון זײן עכט־רױמישען טיפּ. דעם קאָפּ האָט ער גע-
האַלטען שטאָלץ אויפֿגעהײבֿען; אויף די באַקען און אין די ליפּען
האָט געגליהט דאָס רױטע בֿלוט, זײנע אויגען האָבֿען געבֿליצט.
אַײַנגעהילט אין די בֿרײטע פֿאַלבֿען פֿון אַ שנײ־װײסער טאָגע, איז
ער געגאַנגען מיט קײזערליכע טריט, שוין צו קײזערליכע פֿאַר
אַ ניכטערן מאַן, װאָס איז אָבֿער קײן צעזאַר פֿאָרט ניט געװען.
אָהן איבֿעריגע מחזקות און אָהן אַנטשולדיגונגען האָט ער געמאַכט
אַ פּלאַץ בײַם טיש פֿאַר זיך און זײנע חבֿירים, און װען ער האָט
ענדליך געלאָזט פֿאַלען זײן בֿליק פֿון אויבֿען אַראָפּ אויף די שפּי-
לער אַרום, האָבֿען זיך אַלע אַ קער געטאָן צו אים און באַגריסט
אים הויך אויפֿ׳ן קול:
— מעסאַלע! מעסאַלע!
די װאָס זײנען געזעסען װײַטער, האָבֿען אונטערגעהאַלטען דעם
אויסרוף אין אײן רגע װײַנען זיך אַלע גרופּעס צופֿאַלען, מ׳האָט
אויפֿגעהערט שפּילען און אַלע האָבֿען זיך אַ לאָז געטאָן צום מי-
טעלסטען טיש.
מעסאַלע האָט אויפֿגענומען די מאַניפֿעסטאַציע לכּבֿוד אים גאַנץ
קאַלט. זײן גאַנצער שטײגער צו האַלטען זיך אַנטקעגען אַנדערע

איז געווען אַזאַ, אַז זיין פֿאָפּילערקייט ביי אַלעמען האָט זיך גע־לייגט אייפ׳ן שכל.

— פֿאַר דיין געזונט, דרוזוס, מיין פריינד! — האָט ער געזאָגט צו דעם שפּילער, וואָס איז געזעסען צו זיין רעכטער האַנט.

— גיב מיר אויף אַ ווילע דיינע שרייב־טאָוולען.

ער האָט גענומען די וועקסענע טאָוועלעך, געכאַפּט אַ קוק אויף די פֿאַרשריבענע געוועטען אין זיי גלייך אָפּגעגעבען צוריק.

— דינרים, דורכאויס דינרים, מטבעות פֿאַר בעל־עגלות און קצבים! — האָט ער געזאָגט מיט אַ חוזק־געלעכטערל — איך שווער ביי דער שיכּורער סעמעלע, צי וואָס רוים קאָן קימען, ווען די צעזאַרס־ווילען אָפּזיצען נעכט נאָלאַנאַנד, טאָמער וועט די פֿאָרטונע זיך דערבאַרימען אין זיי מזכּה ׳זיין מיט אַ שלימזלדי־גען דינר!

דער שפּילער פֿון דרוזוסעס גזע איז רויט געוואָרען ביז איבער די אויערן, אָבער דער עולם אַרום האָט אים ניט געלאָזט ענטפֿערן און, שטופּענדיג זיך צום טיש, פֿאַרשריען דעם צימער מיט קולות: מעסאַלע! מעסאַלע!

— מענער פֿון טיבער! — האָט מעסאַלע זיך אָפּגערופֿען, אַרויס־נעמענדיג ביי זיין שכן פֿון די הענט דאָס קעסטעל מיט די שפּיל־ביינדלעך, — ווער געניסט מער פֿון אַלעמען דעם חסד פֿון די געטער? — דער רוימער. ווער ניט די פֿעלקער געזעצען אַרויס? דער רוימער. ווער איז לויט׳ן רעכט פֿונ׳ם שווערד דער הערשער פֿון דער וועלט?

די חברה, וואָס האָט זיך ליכט געלאָזט באַגייסטערן אין וואָס איז פֿון יונגווייז־אויף געוויינט געווען מיט דער דאָזיגער אידייע, האָט אים פּה־אחד אַרויסגעכאַפּט דעם ענטפֿער פֿון מויל און אויס־גערופֿען אין איין קול:

— דער רוימער! דער רוימער!

— פֿונדעסטוועגען... פֿונדעסטוועגען—ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ רגע; ס׳זאָל ווערען שטיל—פֿונדעסטוועגען איז פֿאַראַן נאָך אַ בע־סערער פֿונ׳ם בעסטען רוימער.

ער האָט מיט גאווה פאַרריסען דעם קאָפּ אין דער הויך און אָפּגעוואַרט, גלייך ווי וועלענדיג זיי צו פילען געבען זיין העכערקייט.

— איר הערט? — האָט ער געפרעגט — ס'איז פאַראַן אַ בע-סערער פונ'ם בעסטען רוימער.

— יע, הערקולעס! — האָט זיך אָפּגערופען איינער.

— באַקכוס! — האָט אויסגעשריען נאָך איינער, ווייזט אויס אַ הומאָריסט.

— יופּיטער! יופּיטער! — האָט דער עולם געדונערט.

— ניין — האָט מעסאַלע געזאָגט — איך מיין ניט קיין גאָט, נאָר אַ מענשען.

— רוף אים אָן, רוף אים אָן! — האָבען זיי געשטורימט.

— רעכט — האָט מעסאַלע געזאָגט, אַז דער רעש האָט זיך איינגעשטילט — דאָס איז דער. וואָס קאָן צונויפפּאָרען די פּול-קומהייט פון רוים מיט דער פולקומהייט פון מזרח; דער, וואָס פאַרבינדט די קונסט פון מערב אײַנצונעמען נייע לענדער מיט דער קונסט פון מזרח צו געניסען פון די ניצחונות.

— איז דאָך עס סוף-כל-סוף אַלץ טאַקע אַ רוימער — האָט זיך אָפּגערופען איינער פון עולם. ס'האָט זיך דערהערט אַ הויכער גע-לעכטער און רוישענדיגע אַפּלאָדיסמענטען — אַ סימן, אַז מעסאַלעס ווערטער האָט בײַ זיי שאַרף אויסגענומען.

— אין מזרח — האָט מעסאַלע ווייטער געזאָגט — האָבען מיר ניט קיין געטער, נאָר ווײַן, ווײַבער און פאָרטונעס חסד. און דע-ריבער איז אונזער דעוויז דאָ: „ווער וואַגט, וואָס איך וואַג?" ער פּאַסט פאַר'ן סענאַט, ער פּאַסט פאַר דער שלאַכט. קודם-כל אָבער פּאַסט ער פאַר דעם, וואָס שטרעבט צו דאָס בעסטע און לאָזט זיך ניט אָפּשרעקען פאַר דאָס ערגסטע.

דאָ האָט זיין שטים אָנגענומען אַ לײַכטען, פאַמיליערען טאָן, הגם ניט אינגאַנצען פרײַ פון דער פריהערדיגער גאווה.

— אין אַ גרויסען קאַסטען דאָרטען אין דער ציטאַדעל האָב איך ליגען פינף טאַלאַנט מזומן געלט; אָט זיינען די קוויטאַנציעס אויף זיי.

ער האָט אַרויסגענומען פון זיין טוניקע אַ פאַרמעטענע מגילה,

אַ וואָרף געטאָן זי אויפ׳ן טיש אונטער אַ שטילשווייגען פון גאַנצען עולם; אַלעמענס אויגען זיינען געהאַנגען אויף זיינע ליפּען, און אַלעמענס אויערן זיינען געווען אויסגעשפּיצט צום הערען.

— די דאָזיגע סימע שטעל איך אין קאָן. ווער פון אייך ענטפערט? איר שווייגט. דאָס איז צופיל? נו, איך נעם צוריק איין טאַלאַנט. וואָס? איר שווייגט נאָך אַלץ? נו, איז דריי, ניט מער ווי דריי טאַלאַנט! אַפילו אויף דריי איז ניטאָ קיין בעלן? איז צוויי! ני, איינער, איינער כאָטש, לכבוד דעם טייך, ביי וועלכען איך בין געבוירען. מזרח־רוים קעגען מערב־רוים — אָראָנטעס דער באַרבאַרישער קעגען טיבער דעם געהייליגטען!

וואַרטענדיג האָט ער געטרייסעלט די שפּיל־ביינדלעך אין קעסטעל.

— אָראָנטעס קעגען טיבער! — האָט ער איבערגעחזרט נאָך מיט מער פאַראַכטונג און גרימצאָרן.

קיינער האָט זיך קיין ריר ניט געגעבען. ער האָט אַ וואָרף געטאָן דאָס קעסטעל אויפ׳ן טיש און האָט מיט אַ געלעכטער ווידער צוגענומען צו זיך די קוויטאַנציעס.

— כאַ־כאַ־כאַ! ביים אָלימפּיער יופּיטער! אַצינד ווייס איך, נאָך וואָס איר זייט געקומען אַהער קיין אַנטיאָכיע! איר ווילט דאָ ערשט מאַכען אייער גליק, אָדער כאָטש פאַרבעסערן אייערע געשעפטען! היי, צעציליוס!

— גיי אַריין אין דעם צימער, פון וועלכען מיר זיינען נאָר־וואָס געקומען — האָט ער געזאָגט צו צעציליוס׳ן — און הייס די דינער ברייננגען קריג ווין, בעכערס און כוסות. איך שווער ביי באַקכוס׳ן, אַז ביי אונזערע לאַנדסלייט, וואָס זיינען געקומען אַהער פאַרריכטען זייערע געשעפטען, איז דער מאָגען אַ ביסעל חשב׳ער פאַר זייערע טייסטערס. בכן, גיכער, צעציליוס!

דאַן האָט ער זיך געווענדט צו דרוזוס׳ן און הילכיג לאַכענדיג אויפ׳ן גאַנצען זאַל האָט ער אויסגערופען:

— כאַ־כאַ, מיין פריינד! זיי ניט ברוגז, וואָס אין דיין פערזאָן האָב איך אַראָפּגעשלעפּט דעם צעזאַר אַזש ביז אַ דינר. איך האָב נאָר געוואָלט אויספּרובען די דאָזיגע רוימישע שנעקעס. קום, מיין

דרוזוס, קום! — ער האָט ווידער גענומען דאָס קעסטעל פון טיש און עס אָנגעהויבען צו טרייסלען, אזש די ביינדלעך האָבען זיך לוסטיג צוטאַנצט — קום לאָמיר פּרובען אונזער גליק! שטעל אין קאָן וויפיל דו ווילסט!

די לעצטע ווערטער האָט מעסאַלע אויסגערעדט מיט אַזאַ גוטמוטיגען און פריינדליכען טאָן, אַז דרוזוס האָט זיך גלייך צושמאָלצען פאַר נחת.

— אָט בין איך, מעסאַלע! — האָט זיך אָפּגערופען איינער הינטער אים — איך גיי דאָ ממש אויס אין דעם טומעל און בעט רחמים אַ דראַכמע אויף צו באַצאָלען דעם איבערפירער דעם שלימזל. אָבער פלוטאָן זאָל מיך אַזוי נעמען! די דאָזיגע שנעקעס האָבען דאָך ניט אַפילו קיין צובראָכענעם אַבאָלוס ביי זייער לייב און זעל.

דער וויץ האָט אַרויסגערופען אַ הילכיג געלעכטער, וואָס איז איבערגעבראָכען אַלץ ווידער און ווידער. איין מעסאַלע איז געבליבען ערנסט.

— ביי די נימפען! — האָט ער לאַכענדיג געענטפערט, — איך שפּיל מיט דיר, מעסאַלע! איך שטעל אין קאָן אַ דינר.

איינער פון די יונגעלייט, אויפ'ן פנים נאָך כמעט אַ אינגעל, האָט זיך אַריבערגעבויגען איבערן טיש און זיך צוגעקוקט צו זייער שפּיל. פּלוצלונג האָט מעסאַלע זיך אַ קער געטאָן צו אים.

— ווער ביסטו? — האָט ער אים געפרעגט.

דער אינגעל האָט אָפּגעטראָטען אַהינטער.

— ניין, ניין, איך שווער ביי קאַסטאָר און פּאָלוקס, אַז באַלייזיגען האָב איך דיך ניט געוואָלט. ס'איז אָנגענומען ביי די מענשען, אַז וואָס קלענער די סומען זיינען, אַלץ גענייער ווערען די חשבונות געפירט. איך דאַרף האָבען אַ שרייבער; ווילסטו ביי מיר פאַרנעמען די דאָזיגע שטעלע?

דער אינגעל האָט אַרויסגענומען זיינע שרייב־טאָוולען, מוכן־ומזומן צו פירען די חשבונות. קעגען מעסאַלעס פריינדליכקייט האָט מען ניט געקאָנט ביישטיין.

— וואַרט, מעסאַלע, וואַרט! האָט דרוזוס אויסגערופען, —

ס׳איז אפשר אַ שלעכטער סימן, צו שטעלן אַ פראַגע, וואָרפענדיג דאָס שפיל־ביינדעל, אָבער איך מוז דיך פּאָרט עפּעס פרעגן, וואָס איז מיר אָקאָרשט איינגעפאַלן, איך מעג אַפילו דורכדעם איבער־פירען מיין מזל.

— פרעג, און איך וועל דערווייל פאַרהיטען דיין ביינדעל פון אַלע אומגליקען.

און ער האָט צוגעדעקט מיט׳ן איבערגעקערטען קעסטעל דאָס געוואָרפענע שפיל־ביינדעל.

— זאָג מיר נאָר, האָסטו ווען געזעהען קווינטוס אַריוס׳ן? — האָט דרוזוס געפרעגט.

— דעם דואומוויר?

— ניין, זיין זון.

— איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אַז ער האָט געהאַט אַ זון.

— דאָס איז דווקא גאָרנישט, — האָט דרוזוס קאַלטבלוטיג צו־געגעבען — איך האָב דיר נאָר געוואָלט זאָגען, מעסאַלע, אַז פּאָ־לוקס איז ניט מער געראָטען אין קאַסטאָר׳ן, ווי אַריוס אין דיר.

אַ סך פונ׳ם עולם, וואָס האָבען געהערט די דאָזיגע באַמערקונג, האָבען זי באַשטעטיגט:

— אמת, אמת! זיינע אויגען, זיין פּנים! — האָבען אויסגערופען אַ צוואַנציג שטימען.

— אַ שיינע מעשה! האָט זיך איינער מיט כעס אָפּגערופען, — מעסאַלע איז אַ רוימער, און אַריוס — אַ איד.

— דו ביסט גערעכט — האָט געזאָגט אַ דריטער — אַריוס איז אַ איד.

ס׳האָט געהאַלטען ביי אַ מחלוקת. מעסאַלע האָט עס באַמערקט און האָט זיך אַריינגעמישט — ס׳זאָל ניט קומען דערצו.

— קיין וויין איז נאָך ניטאָ, מיין דרוזוס, און די מזל־שטיינער ליגען נאָך אַלץ אַרעסטירט ביי מיר — ער האָט אַ טייטעל געטאָן אויף דעם איבערגעקערטען קעסטעל — וואָס שייך צו אַריוס׳ן, וואָלט איך אַ בעלן זיין צו הערען דיין מיינונג. דערצייל מיר גע־נויער וועגען אים.

— אַ איד צי אַ רוימער — האָט דרוזוס אויסגערופען — ווי מיך

האבען א גרויסען פאן אויף דער וועלט, אז איך זאג עס ניט כדי צו פארשוועכען דיינע געפילען, מעסאלע! דער דאזיגער ארויס איז שיין, העלדיש און קלוג. דער קיסר האט אים פארגעלייגט חסד און שוץ, ער האט זיך אבער אפגעזאגט דערפון. זיין פארגאנגענהייט איז ארומגערינגעלט מיט גאלע סודות. ער ווייכט שטענדיג פון אונז אלע, גלייך ווי ער וואלט זיך געהאלטען א סך גרעסער פאר אונז אדער אפשר קלענער.

— אין דער פאלעסטרע האט ער ניט געהאט קיין גלייכען צו זיך. ער פלעגט בייגען אין געראנגעל די בלויאויגיגע ענקים פון ריין-לאנד און די אהנהערנערדיגע בופלאקסען פון סארמאטיע אזוי ווי מ'בייגט ווערבע-ריטער. דער דואומוויר האט אים איבערגעלאזען גרויס עשירות. ער האט א מאדנע תאוה צום כלי-זיין און האלט אין איין טראכטען וועגען מלחמה. מאקסענציוס האט אים אריינגענומען אין זיין סוויטע, און ער האט געזאלט פארען מיט אונז אויף איין שיף, אבער אין ראווענע האבען מיר אים פארלוירען פון די אויגען. דאך איז ער בשלום אנגעקומען אהער; מיר האבען היינט אין דער פריה נעהערט פון אים. אבער אנשטאט צו פארפארען אין פאלאץ אריין, אדער אין דער ציטאדעל, האט ער געלאזט זיינע זאכען אין אכסניה, און איז ווידער ניט געווארען.

לכתחילה האט מעסאלע זיך צוגעהערט צו דרוזוסעס דערציילונג העפליך-גלייכגילטיג. וואס ווייטער איז ער אבער געווארען אלץ אויפמערקזאמער, און אויסגעהערט ביז'ן סוף, האט ער אראפגענומען די האנט פונ'ם קעסטעל שפיל-ביינדלעך, און האט אויסגערופען:

— קאיוס מיינער, דו הערסט?

א בחור, וואס איז געזעסען לעבען אים, דער מירטילוס זיינער, ד. ה. דער חבר, מיט וועלכען ער פלעגט מאכען זיינע איבונגען אין רייטוואגען, זעהר גע'חנפ'עט דורך דער פריינדליכער ווענדונג פון זיין האר, האט זיך אפגערופען:

— אוודאי הער איך, מיין מעסאלע, אניט וואלט איך ניט געוועזען דיין פריינד!

— גערײנקסטו דעם יונגענמאַן, וואָס האָט דיך הײנט אַרויסגע־וואָרפֿען פֿון רײטוואָגען אין דאַפֿנעס וואַלד?

— מײן אײַנגעלונקענע פּלײצע לאָזט עס מיך ניט פֿאַרגעסען, ווי מיר האָבען אַ באַקכוס אויף דער וועלט! — און ער האָט אַזוי הויך אויפֿגעהויבען די פּלײצעס אין דער הייך, אַז זײנע אויערן האָבען זיך אינגאַנצען באַהאַלטען.

— אויב אַזוי, מעגסטו דאַנקען דעם שיקזאַל, איך האָב געפֿונען דעם פֿײנד דײנעם. הער, הער!

און אַ קער־טוענדיג זיך צו דרוזוס'ן, האָט ער געזאָגט:

— דערצײל אונז וועגען אים אַלץ, וואָס דו ווייסט, אָט וועגען דעם דאָזיגען, וואָס איז אי אַ איד אי אַ רוימער; איך שווער בײ פּעבוס, אַז קענען אַזאַ זיווג וואָלט אַפּילו אַ קענטאַוור פֿאַרשײנט די וועלט. וואָסערע קלײדער טראָגט ער, דרוזוס?

— אידישע.

— דו הערסט, קאַיוס? — האָט מעסאַלע געזאָגט — ער איז יונג, איז אײנס; ער זעהט אויס אויף'ן פּנים ווי אַ רוימער, איז צווײ; ער טראָגט אידישע קלײדער — איז דרײ; און אין דער פּאַלעסטרע האָט ער זיך ערוואָרבען כּבוד און עשירות דורך זײנע אָרימס, וואָס האָבען גענונג כּוח אָפּצוהאַלטען פּערד און איבערקערען רײט־וועגען — איז פֿיר. געוויס, מײן דרוזוס, מוז דער דאָזיגער אַריום רײדען אויף היבשע עטליכע לשונות, אַניט — וואָלט ער ניט געקאָנט אַזוי גיך מגולגל ווערען: הײנט אַ איד, מאָרגען אַ רוימער, קאָן ער אויך די אײדעלע שפּראַך פֿון די אַטענער?

— ער רעדט גריכיש אַזוי פֿולקום, אַז ער וואָלט געקאָנט זיך פֿאַרמעסטען מיט די בעסטע אָראַטאָרען אויף די אָלימפּישע שפּילען.

— הערסטו, קאַיוס? — האָט מעסאַלע געזאָגט — ער קאָן באַגריסען אויף גריכיש אַ חשוב'ע פּרוי — דאָס איז שוין דער פֿינפֿטער סימן. וואָס זאָגסטו דערצו?

— דו האָסט אים געפֿונען, מײן מעסאַלע — האָט יענער זיך אָפּגערופֿען — אַניט איז מײן נאָמען ניט קאַיוס!

— נעם ניט פֿאַר אומגוט, דרוזוס, נעמט ניט פֿאַר אומגוט, איר אַלע, וואָס מיר רײדען דאָ מיט רמזים — האָט מעסאַלע זיך גע־

װוענדט צו דער חברה אַרום, אויף זײַן פֿאַמיליערען גע׳חנ׳דעלטען שטײַגער — ווי אַלע געטער זײַנען מיר ליב, אַז איך ווייל ניט עקספּלאָאַטירען דײַן העפֿליכקײט, אָבער דו מוזט מיר נאָך אויף עפּעס ענטפֿערן. דו האָסט דערציילט, אַז די פאַרגאַנגענהייט פון אַריוסעם זון איז אַרומגערינגעלט מיט גאָלע סודות, טאָ דערצייל וועגען דעם.

— אַז ס׳איז גאָרנישט, מעסאַלע, גאָרנישט מיט גאָרנישט — האָט דרוזוס זיך אָפּגערופען — אַ קינדער-מעשה בלויז. בשעת אַריוס דער טאַטע האָט זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן נאָכצויאָגען די פּיראַטען, האָט ער ניט געהאַט ניט קיין ווייב, ניט קיין קינד. און אַז ער האָט זיך אומגעקערט, האָט ער מיטגעבראַכט אַ אינגעל, אָט דעם, וועגען וועמען מיר ריידען אַצונד, און האָט אים תיכּף-ומיד צוגעשריבען פאַר אַ זון.

— צוגעשריבען פֿאַר אַ זון? — האָט מעסאַלע איבערגעפֿרעגט — בײַ די געטער, ס׳הייבט מיך אָן צו אינטערעסירען! וואו האָט דער דואומוויר געפונען דעם אינגעל? און ווער איז ער עס געוועזן אַזוינער?

— ווער קאָן דיר ענטפערן אויף די דאָזיגע פראַגען, מעסאַלע, אויסער דעם יונגען אַריוס אַליין? אין דער שלאַכט האָט דער דואומוויר (דעמאָלט נאָך אַ טריבון) פאַרלאָרען זײַן גאַלערע. אַ פאַרבייפאָרענדיגע שיף האָט געפונען אים און דעם אינגעל שווי־מענדיג אויף איין ברעט; זיי ביידע זײַנען געוועזן די איינציגע, וואָס זײַנען געבליבען לעבען פון׳ם גאַנצען עקיפּאַזש פון דער גאַלערע. איך דערצייל דיר די מעשה, אָט אַזוי ווי איך האָב זי געהערט פון די רעטערס; זי האָט לכל-הפּחות די מעלה, וואָס קיינער האָט זי עד-היום ניט אָפּגעלייקענט. זיי האָבען געזאָגט, אַז דעם דו־אומווירס חבר אויף דער ברעט איז געוועזן אַ איד.

— אַ איד! — האָט מעסאַלע איבערגעחזרט.

— און אַ שקלאַף.

— וואָס זאָגסטו? אַ שקלאַף ?!

— בשעת די רעטערס האָבען זיי ביידען געבראַכט אויף דער שיף, איז אַריוס געוועזן אָנגעטאָן אין דער באַוואָפענונג פון אַ טרי־בון, און זײַן חבר האָט געטראָגען מלבושים פון אַ רודער-שקלאַף.

מעסאַלע, וואָס איז ביז אַהער האַלב־געלעגען איבערן טיש, האָט זיך. בײ די ווערטער אויפגעשטעלט ווי הויך ער איז.

— אַ רודער־שקלאַף! — האָט ער. געמורמעלט און האָט זיך אומגעקוקט אויף אַלע זייטען, אפשר דאָס ערשטע מאָל אויף זיין לעבען מבולבל און פאַרזאָרגט.

אין דעם אויגענבליק איז אין זאַל אַריין אַ מחנה שקלאַפען אָנגעלאָדען מיט גרויסע קריג וויין, מיט קערב פול פירות און צו־קער־געבעקס, מיט זילבערנע שאָלען און בעכערס. מעסאַלע האָט ווי אָפגעלעבט. ער איז אַרויפגעשפרונגען אויף אַ שטול און האָט אויסגערופען הויך אויף׳ן אַ קול.

— מענער פון טיבער! די צייט, וואָס מיר דאַרפען וואַרטען אויף אונזער פעלדהאַר, לאָמיר הייליגען באַקכוס׳ן! לאָמיר פראַוועןן אַ יום־טוב לכבוד אים! וועמען קלייבט איר אויס פאַר דעם ראש פונ׳ם מאָלצייט.

דרוזוס האָט זיך אויפגעהויבען פון אָרט.

— וועמען דען אַנדערש אויב ניט דעם מאָלצייט־מאַכער גופא? ענטפערט, איר רוימער! — האָט דרוזוס אויסגערופען.

אַ הילכיגער וויוואַט האָט אויסגעדריקט אַלעמענס הסכמה אויף דרוזוסעס פאַרשלאָג.

דאָ האָט מעסאַלע אויסגעטאָן דעם קראַנץ פון קאָפּ און האָט אים דערלאַנגט דרוזוס׳ן. דרוזוס איז אַרויפגעקראָכען אויפ׳ן טיש, און פאַר אַלעמען אין די אויגען ווידער אָנגעטאָן דעם קראַנץ מע־סאַלען אויפ׳ן קאָפּ, געקרוינט אים דורכדעם פאַר דעם ראש פונ׳ם מאָלצייט.

— מיט מיר אינאיינעם זיינען געקומען אַהער עטליכע פריינד, וואָס האָבען אָקאָרשט געמאַכט אַ רעכטע כוסה — האָט מעסאַלע געזאָגט — כדי צו פראַוועןן אונזער יום־טוב לויט אַלע הייליגע מנהגים, ברייגנט אַהער איינעם פון זיי, וואָס איז מער פון אַלע אונטערן קנאַק.

אַ געמיש פון אַ סך קולות האָט געגעבען אַ הילך:

— אָט איז ער! אָט איז ער!

און פון דער פאָדלאָגע האָט מען אויפגעהויבען אַ בחור פון

אַזאַ ווייבֿליך צאַרטער שענהייט, אַז מ׳וואָלט אים געקאָנט אָננע־מען פֿאַר׳ן וויינגאָט אַליין, ווען דער קראַנץ וואָלט זיך אים גע־האַלטען אויפֿ׳ן קאָפּ און דער טירסוס־שטאָק — אין זיין האַנט.

— הייבֿט אים אויפֿ׳ן טיש! — האָט געהייסען דער ראש.

ס׳האָט זיך אָבֿער אַרויסגעשטעלט, אַז ער איז ניט געווען ביכולת צו זיצען.

— האַלט אים אונטער, דרוזוס!

דרוזוס האָט גענומען דעם בגילופֿינ׳דיגען אונטער די הענט.

דאָ האָט מעסאַלע זיך געווענדט צו דער שיכּור׳ער פֿיגור, וואָס איז געפֿאַלען פֿון די פֿיס, און האָט געזאָגט אין מיטען פֿונ׳ם טיפֿסטען שטיל־שווייגען:

— אָ באַקכֿוס, דו גרעסטער פֿון אַלע געטער! זיי צו אונז גנע־דיג די היינטיגע נאַכט! אין מיין נאָמען און אין נאָמען פֿון מיינע חבֿירים, וואָס זיינען איבערגעגעבֿען צו דיר, בין איך מנדר דעם דאָזיגען קראַנץ — דערביי האָט ער מיט אַ יראת־הכּבֿוד אַראָפּגע־נומען דעם קראַנץ פֿון קאָפּ — פֿאַר דיין מזבח אין דאַפֿנעס וואַלד.

ער האָט זיך אַ בוק געגעבֿען, און האָט ווידער אָנגעטאָן דעם קראַנץ. דאַן האָט ער אַראָפּגענומען דאָס קעסטעל פֿון די שפּיל־ביינדלעך און האָט געזאָגט מיט אַ געלעכֿטער:

— גיב נאָר אַ קוק, מיין דרוזוס, איך האָב דאָך ביי דיר אָפּ־געוואונען דעם דינר, דער אייזעל פֿון סילען זאָל אַזוי לעבֿען!

ס׳איז געוואָרען אַזאַ רעש פֿון וויוואַט־געשרייען און געלעכֿטערס, אַז דער זאַל האָט גענומען ציטערן, און די רוגזה׳דיגע אַטלאַס־געשטאַלטען האָבען זיך, דאַכֿט זיך, אויך געטרייסעלט. ס׳האָט זיך אָנגעהייבען די אָרגיע.

## קאפיטעל צעהן.

### אין פאלמען־וואלד.

בן-חור און מלוך האָבען געהאַלטען זייער וועג צום פאַלמען-וואַלד. זיי זיינען געפאָרען, שעפענדיג נחת פון דער געגענד מיט אירע וואונדער-שיינע אויסזיכטען.

הינטערן דאָרף האָט זיך אַוועקגעצויגען אַ געפעלבעלט, גוט באַאַרבעט לאַנד, וואָס האָט באמת געקאָנט הייסען דער גן-עדן פון אַנטיאָכיע. קיין איין שפּאַן ערד איז ניט געגאַנגען אין ניוועץ. די משופּועדיגע זייטען פון די בערגלעך זיינען באַדעקט געווען מיט טעראַסען. די פלאַנקענס, אַרומגעפלאָכטען מיט וויינשטאָק, האָבען ניט נאָר געגעבען אַ לופטיגען שאָטען דעם וואַנדערער, נאָר אים אויך אָנגעטוט אויף שפּעטער פּורפּור־רויטע וויינטרויבען און פּערל־דיגען וויין. צווישען די מעלאָנען-בייטען, דורך די וועלדלאַך פון אבריקאָסען-ביימער, פייגענביימער, אָראַנזשען און לימאָנען האָבען געשעמערירט די וויים־געטינקעוועטע הייזלעך פון די ישוב-לייט. אומעטום האָט זיך געפילט פרוכפערקייט און שפע — די שמייכלענדיגע קינדער פון מנוחה — וואָס האָבען געפרייט דעם וואַנדערערס אויג און געגייט דן־לכף-זכות-זיין אַפילו רוים. פון צייט צו צייט האָט זיך אַנטפלעקט אַ אויסזיכט אויף תבור און לבנון, צווישען וועלכע ס'האָט זיך ווי אַ זילבערנע שטיינגע געשלייגגעלט דער אָראָנטעס.

די ביידע פריינד זיינען געריטען פאַזע ברעג טייך. פלוצלונג האָט מלוך אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און אויסגעשריען:

— גיב אַ קוק, גיב אַ קוק! אָט איז שוין דער פאַלמען־וואַלד!

אַזאַ שיינע לאַנדשאַפט, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט איצט פאַר זיי, וואָס מ׳האָט געקאָנט טרעפֿען נאָר אין די געבענטשטע אָאַזיסען פון אַראַביע אָדער אין די פּטאָלאָמייאישע נחלאות פאַזע נילוס. די איי־גענאַרטיגקייט פונ׳ם אַנטציקענדיגען איינדרוק איז נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרען דורך דעם, וואָס דאָס לאַנד האָט זיך געשפרייט פאַר בן־חורס אויגען גלאַט ווי אַ בלאַט, ווייט אָהן אַ גרעניץ. ער האָט געריטען אויף אַ פרישען גרינעם טעפּיך פון גראָז, דער זעלטענסטער און פרעכטיגסטער פּראָדוקט פון סוריה׳ס ערד. פון אויבען האָט געשימערט דער העל־בלויער הימעל דורך די בלעטער פֿון טייטעל־פּאַלמען אָהן אַ צאָל. עפּעס ווי אמת׳ע פּאַטריאַרכען האָבען אויסגעזעהען די דאָזיגע ביימער, אַזעלכע אַלטע און מעכטיג געוואַקסענע, אַזעלכע הויכע און געזונטע, מיט אַזעלכע ברייטע צווייגען, און יעדער צווייג באַזעצט מיט אַזעלכע אָפּגעטאָקט שיינע, גלאַנציגע, באַפעדערטע בלעטער. דאָ דער פרישער גראָז־טעפּיך, וואָס האָט, דאַכט זיך, צוגעגעבען דער אַטמאָספערע דעם קאָלאָריט זיינעם; דאָרטען די קילע, קלאָרע, דורכזיכטיגע אָזערע, וועלכער די ביימער האָבען געהאַט צו פאַרדאַנקען זיינע פֿרישקייט און עלטער—האָט נאָך דען ערגעץ געקאָנט זיין עטוואָס שענערס פון דער דאָזיגער לאַנדשאַפט? און גלייך ווי די פּאַלמען וואָלטען געטראָפען בן־חורס געדאַנקען און וואָלטען וועלען געפֿינען חן אין זיינע אויגען, האָבען זיי געשאָקעלט זייערע הויכע קרינען איבער אים און געפֿאָכט אויף אים מיט לופֿטיגקייט.

— גיב אַ קוק אָט אויף דעם בוים—האָט מלוך געזאָגט, ווייזענדיג אויף אַ בוים אַ ריז — יעדער רינג אויף זיין שטאַם איז אַ יאָר פון זיין לעבען. צייל פון וואָרצעל ביז דער קרוין, און טאָמער וועט דער שייך דיר זאָגען, אַז דער וואַלד איז דאָ פֿאַרפלאַנצט געוואָרען, נאָך איידער מ׳האָט נאָך עפּעס געוואוסט אין אַנטיאָכיע פֿון די סעלעווקידען, זאָלסטו אין זיינע ווערטער ניט צווייפֿלען.

מ׳קאָן אָהן התפעלות ניט קוקען אויף אַ שלאַנקע פּאַלמע און ניט שפירען קיין פּאָעטיש געפֿיל, באַטראַכטענדיג אירע פאַרענדיגטע פֿאָרמען. דערפון נעמט זיך די פֿאַרערונג, וואָס מ׳האָט שטענדיג אַרויסגעוויזען צום דאָזיגען מלכותדיגען בוים. שוין די

פאַרצייטיגסטע קינסטלער האָבּן אויף דער גאַנצער ערד נים גע-
קאָנט געפינען קיין פּאַסיגערען מוסטער פאַר די קאָלאָנעס און
זיילען פֿון פּאַלאַצען און טעמפּלען.

— זאָג מיר, מיין גוטער מלוך — האָט בן-חור געזאָגט — ווי אַזוי
קומט צום שייך אילדערים אַזאַ געבענטשטער וואַלד און ווי אַזוי
האָט זיך אים אַיינגעגעבן איינצוהיטען אים פֿון די להיט׳ע רווי-
מישע הערשערס?

— אַלע זיינע אָבות זיינען געווען שייכען — האָט מלוך נעענט-
פֿערט — איינער פון זיי — איך געדיינק ניט, ווען ער האָט געלעבט —
האָט מציל געווען אַ קיניג, נאָך וועלכען ס׳האָבען זיך נאָכגעיאָגט
זיינע צובונטעווען אונטערטאַנער, כדי אים צו טויטען. דער קיניג
האָט אים קיינמאָל די טובה ניט פאַרגעסען און אַז ער האָט זיך
צוריקגעקערט אויפ׳ן טרון, האָט ער אַראָפּגעבראַכט דעם שייך מיט
זיין גאַנצער משפחה און מיט אַלע זיינע הערטשאַפֿטען פונ׳ם מידבר
אַהער, ער זאָל אויפשלאָגען דאָ זיינע געצעלטען, און האָט אַוועק-
געשיינקט אים און זיינע קינדער און קינדס-קינדער אַלס נחלה
אויף אייביגע צייטען די אָזערע און די פּאַלמען, און דאָס לאַנד
אַרום-און-אַרום פונ׳ם טייך ביז צו די בערג אָן דאָרטען. און קיי-
נער האָט קיינמאָל ניט פּרעטענדירט אויף זייער נחלה. די שפּע-
טערדיגע הערשער האָבען געהאַלטען פאַר קליגער, צו לעבען
גוט מיט׳ן דאָזיגען שבט; דען גאָט האָט אים געבענטשט און
געמערט אים מיט מענשען, פערד, קעמלען און כל-טוב. ער איז
געוואָרען בעל-הבית איבער איינִיגע מיליטערישע וועגען צווישען
די שטעט, אַזוי אַז ער איז ביי היינטיגען טאָג אימשטאַנד לויט
זיין אייגענעם וואוילגעפעלען אָפּצושטעלען דעם האַנדעל און וואַנ-
דעל. פֿון אים ווענדט זיך צו זאָגען די קאַראַוואַנען, וואָס ציהען
דורך זיינע וועגען: „ציהט בשלום!“ אָדער „שטייט!“ און וואָס
ער הייסט, איז מען מקיים. אַפּילו דער פּרעפֿעקט פון אַנטיאָכיע
האַלט דעם טאָג פאַר אַ גליקליכען, ווען אילדערים, וואָס האָט
פאַר זיינע גוטע מעשים באַקומען דעם נאָמען דער נדיב, פאַרבייט
אַמאָל אויף אַ קורצע צייט די בדידות פֿונם מדבר אויף דער פּראַכט
פון דער שטאָט און קומט צו ציהען קיין אַנטיאָכיע מיט זיינע

ווײַבער, קינדער, קנעכט און דינסטען, פֿערד און קעמלען, אַזוי ווי פּאַרצייטענס אברהם אָבינו.

— איך האָב דאָך אָבער אַליין געהערט — האָט בן-חור געפֿרעגט, ניט באַמערקענדיג, פֿאַר גרויס אויפֿמערקזאַמקייט צו מלוכּס דערציילונג, דעם לאַנגזאַמען גאַנג פֿון די קעמלען — ווי דער שייך האָט זיך פֿאַרשאָלטען די יאָרען, פֿאַרוואָס ער האָט זיך פֿאַרלאָזט אויף אַ רוימער ? טאָמער וואָלט דער קיסר עס געהערט, וואָלט ער מסתּמא געזאָגט: „אַזעלכע פֿריינד האָב איך האָלט פֿון ווייטען; נעמט אים צו".

— און ער וואָלט זיין גערעכט — האָט מלוך געענטפֿערט מיט אַ שמייכעל — אילדערים איז ניט קיין פֿריינד פֿון רוים. ער האָט אויף אים אַ כּעס. מיט דריי יאָר צוריק זיינען די פּרתים אָנגעפֿאַלען אויף אַ קאַראַוואַן; ער איז נעגאַנגען פֿון בּצרה קיין דמשק און האָט אגב געפֿירט מיט זיך אויך די צינז, וואָס מ'האָט געהאַט איינגעמאָנט פֿון אַ דערבּייאינער געגענד. די מענשען האָבען זיי אויסגע'הרג'עט; אָבער דאָס וואָלט זיי רוים מוחל געווען, ווען נאָר דער קייזערלכער אוצר וואָלט גאַנץ געבליבען און מ'וואָלט עס בּשלום אָפּנעבראַכט קיין רוים. די מוכסים, וואָס זיי האָבען באַדאַרפֿט ליידען דעם היזק, האָבען זיך בּאַקלאָגט בּיים קיסר; דער קיסר האָט אַרויפֿגעלייגט דעם היזק אויף הורדוס'ן און הורדוס פֿון זיין זייט האָט קאָנפֿיסקירט אילדערימס אייגענס מיט'ן אויסרייד, אַז ער האָט מעשה-בּוגד ניט ערפֿילט זיינע התחייבות'ן בּנוגע דעם אָפּהיטען די וועגען פֿון רויבער. דער שייך האָט געזוכט גערעכטיגקייט בּיים קיסר און האָט בּאַקומען פֿון אים אַ תּשובה אויף דעם שטייגער פֿון די ענטפֿערס, וואָס דער ספֿינקס גיט זיינע פֿרעגער. פֿון דעמאָלט אָן איז דער זקן אויפֿגעקאָכט אויף רוים און קוקט אויס די געלעגענהייט נוקם צו זיין זיך אין אים... נאָר גיב אַ קוק, אָט הייבּט זיך שוין אָן דעם שייכס גאַסטפֿריינדשאַפֿט; דאָס גייען די קינדער אונז מקבּל-פּנים זיין.

די קעמלען האָבען זיך אָפּגעשטעלט, און בּן-חור האָט דערזעהן עטליכע קליינע מיידעלעך פֿון סירישען פּייערשען גראַד, וועלכע האָבען אים דערלאַנגט קערב אָנגעפֿילט מיט טייטלען. די פּירות

זיינען געווען נאָר-וואָס אָפּגעריסען פון בוים, און אָפּזאָגען זיך פון זיי האָט מען גאָר ניט געקאָנט. בן-חור האָט זיך אַראָפּגעבויגען, גענומען פון די טייטלען, באַדאַנקט פאַר זיי, און ווייטער זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

— דו דאַרפסט וויסען זיין — האָט מלוך אָנגעהויבען איבעראַניִס, קייענדיג די פּירות — אַז סימאָנידעס דער סוחר שיינקט מיר זיין צוטרוי און אָפטמאָל פֿרעגט ער אַפילו אַ עצה ביי מיר. אַזוי ווי איך בין אַ איינגייער ביי אים אין הויז, האב איך זיך נאָהענט באַקאָנט מיט אַ סך פון זיינע פריינד, צווישען זיי אויך מיט'ן שייך אילדעָרים.

דאָ האָבען בן-חור'ס מחשבות זיך אויף אַ רגע אָפּגעווענדט פון זיין באַגלייטערס ווערטער. אין זיין זכרון איז אויפגעשטאַנען די ריינע ליבע געשטאַלט פֿון אסתר, סימאָנידעסעס טאָכטער. ער האָט געזעהן אירע שוואַרצע אויגען מיט דעם טיפען גלאַנץ, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אידישער ראַסע; געהערט אירע לייכטע טריט, בשעת זי איז צו אים צוגעגאַנגען, און איר שטים, מיט וועלכער זי האָט אים פאָרגעלייגט דעם וויין. ער האָט ווידער געפֿילט, ווי דייטליך זי האָט אים אַרויסגעוויזען איר מיטגעפיל, אַזוי דייטליך און צוגלייך אַזוי ליבליך עניוות'דיג, אַז ווערטער וואָלטען נאָר אָפּגעשוואַכט דעם איינדרוק.

פלוצלונג האָט זיך געלאָזט הערען אַ קייקלען פון רעדער און אַ טופעניש פון פערדישע קאָפּיטעס. און אין אַ ווײלע אַרום האָט זיך באַוויזען שייך אילדערים אַליין, רייטענדיג אויף אַ פֿערד, מיט זיין גאַנצער סוויטע, צווישען וועלכער ס'האָבען זיך אויך געפֿונען די פיר העל-ברוינע אַראַבישע פֿערד, געשפּאַנט אין אַ רייטוואָגען.

דער שייך האָט געהאַלטען דעם קאָפּ מיט דער לאַנגער ווייסער באָרד טיף אַראָפּגעלאָזט אויף דער ברוסט. דעריאָגט די ביידע פֿריינד, האָט ער אויפגעהויבען דעם קאָפּ און זיי פֿריינדליך באַגריסט:

— שלום-עליכם! — אָ, פריינד מלוך! ברוך-הבא! האָסטו עפּעס פאַר מיר נייס פֿון דעם איידעלען סימאָנידעס, דער גאָט פֿון זיינע אָבות זאָל אים פֿאַרלייגערן זיינע טעג! קומט אַראָפּ! איך האָב

ברויט און ווײַן, און אויב איך געפעלט בעסער — איז פּלויש פון יונגע ציגען! קומט!

זיי זײַנען אים נאָכגעריטען צום אַרײַנגאַנג אין געצעלט, און אַז זיי זײַנען אַראָפּ פון די פערד, האָט ער זיי פאַר דעם שוועל דער-לאַנגט אויף אַ טאַץ דרײַ בעכערס שוימיגע משקה, וואָס ער האָט אָנגעצאַפּט פון אַ גרויסען פאַררויכערטען לעדערנעם לאָגעל, וועל-כער איז געהאַנגען אין געצעלט.

— טרינקט! — האָט ער האַרציג געזאָגט — טרינקט, דאָס איז דער בעסטער כּיבוד פון די מידבר-אײַנוואוינער.

יעדערער האָט גענומען אַ בעכער און אויסגעטרונקען ביז'ן דעק.

— אַצינד גייט אַרײַן אין נאָמען פון גאָט!

אינווייניג אין געצעלט האָט מלוך אָפּגערופען דעם שייך אָן אַ זייט און האָט מיט אים עפּעס שטילערהייט גערעדט. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו בן-חור'ן און האָט געזאָגט:

— איך האָב איבערגעגעבען דעם שייך דײַן פאַרלאַנג. ער איז גרייט דיר געבען מאָרגען די פערד אויף אויספּרובען. ער איז דיר אַ פרײַנד. וואָס איך האָב געקאָנט, האָב איך פאַר דיר געטאָן. דאָס איבעריגע וועסטו שוין אַליין דורכפירען. אַצינד מוז איך פאָרען צוריק קיין אַנטיאָכיע, ווייל איך האָב אָפּגערעדט מיט איינעם זיך צו טרעפען דאָרטען היינט אין אָוונט. מאָרגען קום איך ווידער אַהער, און אויב ס'וועט זיך ניט מאַכען קיין מניעה, וועל איך מיט דיר בלײַבען ביז איבערן טורניר.

און זיך צוזעגענט און אָנגעוואונשען אײנער דעם אַנדערן ברכות האָט זיך מלוך געלאָזט צוריק קיין אַנטיאָכיע.

## קאַפּיטעל עלף.

### מלוכ׳ס באריכט.

איבער די געציינטע מויערן פון דעם שלאָס אויפ׳ן באַרג סילפּיוס האָט זיך אויפגעהויבען די יונגע לבנה, און צוויי דריטעל איינוואוינער פון אַנטיאָכיע זיינען אַרויס אויף די דעכער פון זייערע הייזער, כדי צו דערפרישען זיך מיט דער לופטיגקייט פונ׳ם נאַכט-ווינט, בשעת ער האָט געבלאָזען, אָדער מיט דעם פאָכען פון ווייערס, ווען ער פלעגט שטיל ווערען. אויך סימאָנידעס איז געזעסען אויף דער דאַך-טעראַסע פון זיין הויז אין זיין לעהנשטול, וואָס איז געוואָרען עפּעס אַ טייל פון אים גופה, און האָט אַראָפּ-געקוקט אויפ׳ן טייך, וואו ס׳האָבען זיך געשאָקעלט זיינע פאַראַנקערטע שיפען. די מויער-וואַנט הינטער אים האָט געוואָרפען איר ברייטען שאָטען איבערן וואַסער, ביז איבער דעם אַנטקעגענדיגען ברעג. איבער אים האָבען כסדר אָפּגעהילכט די איילענדיגע טריט פונ׳ם המון. פאַר אים האָט אסתר געהאַלטען אַ טאַץ מיט אַ פשוטען אָוועַנט-מאָלצייט — עטליכע דינע ווייצענע קיכלעך, אַ ביסעל האָניג און אַ קריגעל מילך, אין וועלכער ער האָט אַלע ווײלע איינגעטונקט די קיכלעך, באַשמירענדיג זיי אַפריהער מיט האָניג.

— מלוך לאָזט לאַנג אויף זיך וואַרטען — האָט ער געזאָגט און דורכדעם אַרויסגעגעבען, מיט וואָס זיינע מחשבות זיינען פאַרנומען.

— דו מיינסט, ער וועט נאָך היינט קומען? — האָט אסתר געפרעגט.

— אַוודאי דאַרף ער קומען. ווען ער וואָלט גערעכענט זיך היינט ניט אומצוקערען, וואָלט ער אָנגעשריבען. קוים האָב איך אַזאַ בריוו ניט דערהאַלטען, ווייס איך, אַז ער קאָן קומען און וועט קומען.

— הלוואַי! — האָט זי ארויסגעמורמעלט.

אין די דאָזיגע געציילטע ווערטער איז געלעגען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אויפגעוועקט דעם טאַטענס אויפמערקזאַמקייט — צי דער טאָן פון דער שטים, צי דער „הלוואי" גופא.

— דו ווילסט, ער זאָל קומען, אסתר? — האָט דער טאַטע געפרעגט.

— יע, — האָט זי געענטפערט, אויפהייבענדיג צו אים די אויגען.

— קאָנסט מיר אפשר זאָגען, פאַרוואָס? — האָט ער ווידער געפרעגט.

— ווײַלע... — זי האָט זיך געקווינקעלט — ווײַלע דער יונגער מאַן, אונזערער... — זי האָט זיך ווידער פאַרהאַקט.

— אונזער האַר, ווילסטו זאָגען?

— יע!

— דו האַלטסט נאָך אַלץ, אַז איך האָב אים ניט געדאַרפט אָפּ-לאָזען, נאַר-דווקא זאָגען אים, אַז ער קאָן אונז צונעמען און אַלץ, וואָס מיר האָבען, אַלץ, אסתר — די סחורות, די שיפען, דאָס געלט, די קנעכט און דעם געוואַלטיגען קרעדיט, וועלכער הילט מיך איין אַזוי ווי אַ מאַנטעל פון גאָלד און זילבער, וואָס די הצלחה — דער דאָזיגער מעכטיגסטער שר פון דעם מענשען — האָט אויסגעשפּונען פאַר מיר.

זי האָט גאָרנישט געענטפערט.

— צי דען איז עס דיר גאָר קיין שאָד ניט, גאָר ניט? — האָט ער ווידער אָנגעהויבען, מיט אַ לײַכטען צומיש פון אַ ביטער'ן גע-פיל. — אמת, די שרעקליכסטעווירקליכקייט, אַפילו די עינויים, אַפילו דער טויט, איז ניט אַזוי שרעקליך, ווען מ'איז דערצו צו-געגרייט. ס'קאָן אפשר זיין, אַז די קנעכטשאַפט, וואָס שטייט אונז פאַר, וועט אונז שפּעטער אויסווייזען לײַכט. מיר איז צומאָל אָנ-גענעם צו טראַכטען, וואָס פאַר אַ בעל-מזל אונזער האַר איז. די

עשירות האָט אים גאָרנישט ניט געקאָסט — קיין שום דאגות, קיין טראָפּפען שווייס, אפילו קיין איינאיינציגע מחשבה. שוין פון קינדווייז־אָן איז עס אים באַשערט. און איך קאָן זיך, אסתּר, ניט אָפּזאָגען ביים דאָזיגען געדאַנק פון אַ ביסעל גדלות — צוזאַמען מיט דער עשירות וועט ער באַקומען נאָך עפּעס אַזוינס, וואָס מ׳קאָן ניט קויפען פאַר כּל־הון־דעלמא־כּולא — דיך, מיין טייער קינד, דיך, מיין בלום פון מיין רחל׳ס קבר.

ער האָט זי צוגעצויגען צו זיך און האָט זי אַ קוש געטאָן.

— רייד ניט אַזוי — האָט אסתּר געזאָגט, אַז זיין האַנט האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון איר נאַקען — ער איז בעסער, ווי דו טראַכסט פון אים. ער איז אַליין אויסגעשטאַנען פיין און צער און וועט אונז לאָזען פריי.

— דו האָסט אַ שאַרף אויג, אסתּר, און דו ווייסט, אַז איך האָב שוין אַ סך מאָל אין ספק־פאַלען זיך פאַרלאָזען אויף דיין אינסטינקט, ווען כ׳פלעג דאַרפען שאַפען אַ מיינונג וועגען אַ מענשען. אָבער... אָבער...—זיין שטים האָט זיך אויפגעהויבען און איז געוואָרען האַרט און שאַרף — אָט די דאָזיגע גלידער, וואָס קאָנען מיר מער ניט טראָגען, אָט דער קערפּער, וואָס זעהט שוין כּמעט גאָר ניט אויס ווי פון אַ מענשען, — איז נאָך ניט אַלץ, וואָס ער וועט באַקומען אין מיין פּערזאָן. איך וועל אים בריינגען אַ נשמה, וואָס האָט טרי־אומפירט איבער די עינויים קשים און איבער די רוימישע רישעות׳ן איך וועל אים בריינגען אַ גייסט, וואָס איז בכּוח געווען צו אַנט־דעקען דאָס גאָלד אין אַ סך ווייטערע מקומות, ווי די, צו וועלכע ס׳האָבען דערזעגעלט שלמה־המלכ׳ס שיפען. און דער עיקר — ער וועט באַקומען אַ מענשען, וואָס האָט דעם זעלטענעם כּוח צו שאַפען איבער הונדערטער און טויזענטער מענשען. לויט מיין וואָרט, שניידען די קאַפּיטאַנען פון מיינע שיפען די ים׳ען דורך און בריינגען מיר אַיין ערליכע רווחים...

אין דער רגע האָבען זיך דערהערט טריט אויף דער טעראַסע.

— אהאַ, אסתּר, וואָס האָב איך געזאָגט! אָט גייט מלוך, און מיר וועלען גלייך באַקומען אַ ידיעה פון אים. פאַר דיינטוועגען, מיין זיס קינד, פאַר דיינטוועגען, מיין יונג צוּבליהטע ליליע, בעט

איך רחמים גאָט אונזער האַר, וואָס האָט ניט פֿאַרגעסען די שאָף פֿון ישראל, אַז די ידיעה זאָל זיין אַ גוטע און אַ פֿריילעכע. גלייך וועלען מיר געוואָר ווערען, צי ער וועט פֿריי לאָזען — דיך מיט אַלע דיינע חנ'ען און מיך מיט אַלע מיינע טאַלאַנטען.

מלוך האָט זיך דערנעהענטערט צום לעהנשטול:

— פֿריד צו דיר, גוטער האַר — האָט ער געזאָגט און זיך ני־דעריג אַ בוק געטאָן — און צו דיר, אסתּר, די שענסטע פֿון אַלע טעכטער.

מיט יראת־הכּבוד איז ער געשטאַנען פֿאַר זיי, און פֿון זיין האַל־טען זיך און זיין שטייגער ריידען איז שווער געווען צו טרעפֿען זיינע באַציהונגען צו זיי; געהאַלטען זיך האָט ער ווי אַ דינער, גע־רעדט אָבער ווי אַ בן־בּית און אַ פֿריינד.

געענטפֿערט אויף מלוכ'ס געדרוס, איז סימאָנידעס, ווי זיין שטייגער איז געווען אין געשעפֿטליכע ענינים, גלייך אַריבער צום צוועק פֿון מלוכ'ס שליחות.

— וואָס קאָנסטו דערציילען וועגען דעם יונגען מאַן, מלוך?

רוהיג, מיט פּשוט'ע ווערטער האָט ער איבערגעגעבען די גע־שעהענישען פֿון דעם דאָזיגען טאָג. דער צוהערער אין לעהנשטול האָט אים ניט איבערגעשלאָגען מיט קיין איין וואָרט אַפֿילו, מיט אַ פֿינגער ניט אַ ריר געטאָן פֿאַר דער גאַנצער צייט פֿון באַריכט; און ווען ניט די גרויס־געעפֿענטע, בלישטשענדיגע אויגען און צייטענווייז — אַ טיפֿער אָטעם־ציה, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז דאָס זיצט אַ סטאַטוע.

אַ יישר־כּוח דיר, מלוך — האָט ער האַרציג געזאָגט, אַז יענער האָט געהאָט געענדיגט. — דו האָסט די שליחות זעהר גוט אויס־געפֿירט. קיינער וואָלט עס בעסער ניט געמאַכט. איצונד זאָג מיר אָקאָרשט, וואָס ביסטו געוואָר געוואָרען וועגען דער נאַציאָנאַליטעט פֿונ'ם יונגענמאַן.

— ער איז א בן־ישראל, מיין האַר, און פֿון שבט יהודה.

— דו ווייסט עס זיכער?

— זיכער וואָס זיכער הייסט.

— ער האָט דיר, ווייזט אויס, ווייניג דערציילט פון זיין פאַר־גאנגענהייט.

— דאָס לעבען האָט אים אפנים אויסגעלערנט צו זיין פאָרזיכ־טיג, מ׳קאָן אפילו זאָגען — אומצוטרויליך. מיין גאנצע טירחה צו פאַרדינען זיין צוטרוי זיינען לכתחילה געווען ארויסגעוואָרפען, ביז מיר זיינען אוועק פון קאסטאלישען קוואל אין דאָרף דאפנע אריין.

— דאפנע איז א פאַרפלוכטער אָרט פון זינד, צו וואָס איז ער געגאנגען אהינצו?

— איך וואָלט געזאָגט — צוליב נייגירינקייט, ווי ס׳רוב, וואָס גייען אהין; אָבער א מאָדנע זאַך — ער האָט ניט ארויסגעוויזען קיין שום אינטערעס אין אלעם דעם, וואָס ער האָט געזעהן. ער מוז טראָגען א שווערען עגמת־נפש, איז ער געגאנגען אין וואלד אריין, צו פארגעסען זיך א ביסעל.

— וואויל איז צו אים, אויב דאָס האָט זיך אים איינגעגעבען — האָט סימאָנידעס געזאָגט מיט אַ שטילען קול. דערנאָך האָט ער צוגעגעבען שוין העכער — מלוך, די קללה פון אונזער צייט איז די אויסברייננגעריי. אין דער תאווה נאָכצוטאָן די רייכע, ווערען די אָרימע נאָך אָרימער און די רייכע שיטען מיט גאָלד ווי די פירשטען. האָסטו באַמערקט סימנים פון דער דאָזיגער שוואכקייט ביי דעם יונגענמאַן? האָט ער געוואָרפען מיט געלט — מיט רוימישע צי אידישע?

— ניין, גוטער האַר, ניין!

— דאָרטען איז דאָך מסתמאַ געווען אַ סך געלעגענהייטען צו פאַרשיידענע נארישקייטען, למשל, גוט אַ עס צו טאָן אָדער מאַכען אַ כוסה — האָט ער ניט געפּרובט אַרויסצושטעלען זיך אַנטקעגען דיר מיט אַ ברייטער אָפענער האַנט, מכבד זיין דיך? אין זיינע יאָ־רען איז עס דאָך ניט קיין עוולה.

— כל־זמן איך בין געווען מיט אים, האָט ער גאָר נישט גע־געסען און קיין זאַך ניט געטרונקען.

— האָסטו ניט דערקאָנט אין זיינע רייד אָדער אין זיינע מעשים, וואָס פאַר אַ מחשבה איז אים שטענדיג אויפ׳ן קאָפּ?

— אויף דער דאָזיגער פראַגע, מיין האַר, קאָן איך דיר געבען

אַ קלאָרע תּשובה. זיין גרעסטער וואונש, זיין בּרענענדיגסטע שטרעבונג איז צו געפינען זיין מאַמען און זיין שוועסטער. אויסערדעם פילט ער אַ טיפע שינאָה צו רוים. און אַזוי ווי מעסאַלע — איך האָב דאָך דיר דערציילט וועגן אים — איז אַפּנים פּאַרמישט אין די צרות, וואָס ער האָט געהאַט, איז זיין עיקר כּוונה בּיים איצטיגען מאָמענט צו דערנידערינגען אים. די בּאַגעגעניש בּיים קוואַל האָט אים נעגעבען אַ גינציגע געלעגנהייט דערצו, אָבער זי איז געווען צו ווייניג עפּענטליך.

— מעסאַלע האָט אַ גרויסע השפּעה — האָט סימאָנידעס פּאַרטראַכטערהייט געזאָגט.

— יע, אָבער אַ צווייטען מאָל וועלען זיי זיך בּאַגעגענען אין צירק.

— ני, איז וואָס?

— און אַרויסעס זון וועט מנצח זיין.

— פון וואַנען ווייסטו עס?

מלוך האָט אַ שמייכעל געגעבען.

— איך פאַרשטיי פון זיינע רייד.

— קיין אַנדערע זיכערקייט האָסטו ניט?

— אַ, יע — זיין גבורה, זיין פעסטער, ענערגישער ווילען!

— גוט, מלוך; אָבער וואָס איז ער אויסען מיט זיין נקמה. צי איז זיין שינאָה בּלויז אַ פּערזענליכע — צו די, וואָס האָבען אים אומרעכט געטאָן, אָדער זי נעמט אַרום גאַנץ רוים? איז די דאָזיגע נקמה נאָר אַ קאַפּריז פון אַ געפיל־פולען אינגעל אָדער דאָס איז אַ טיף־איינגעוואָרצעלט געפיל פון אַ רייפען מאַן? דו ווייסט, מלוך — דער נקמה־געזאַנג, וועלכער וואָרצעלט נאָר אין מוח, איז ניט מער ווי אַ פּוסטער חלום, וואָס דער העלער טאָג צוטרייבּט אים ווי אַ רויך; אָבער דער ליידענשאַפטליכער דאָרשט נאָך נקמה איז אַ קראַנקהייט פון האַרץ, און פונאַנדערוואַקסענדיג זיך אַלץ מער און מער, צופרעסט זי סיי דאָס האַרץ, סיי דעם מוח.

דאָס ערשטע מאָל פאַר דער גאַנצער צייט האָט סימאָנידעס אַרויסבּאַוויזען, ווי טיף דער ענין האָט אים אויפגערעגט, די פוים־טען האָבען זיך אים צונויפגעדריקט, ער האָט גערעדט האַסטיג

און לעבעדיג, ווי אַ מענש, וואָס באַשרייבט די קראַנקהייט — פֿון וועלכער ער האָט אַליין צו ליידן. ער האָט אַ צייט פֿאַרטראַכטערהייט נעקוקט אויף די שיפֿען, וואָס האָבען זיך לייכט געוויגט אויפ׳ן וואַסער. פּלוצלונג האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו מלוכ׳ן און גלייך ווי וועלענדיג איבעררייסען די אוידיענץ, האָט ער געזאָגט:

— נו, גוט מלוך. גיי עם אָפּ און מאַך זיך גרייט אומצוקערען זיך אין פּאַלמען־וואַלד אַריין. די מוזט בייששטיין דעם יונגען מאַן אין דעם ניסיון, וואָס שטייט אים פֿאָר. קום אַרויף צו מיר מאָרגען אין דער פֿריה, איך וועל דיר געבען אַ בריוו צו אילדערימען.

דערנאָך האָט ער צוגעגעבען אַזוי ווי צו זיך אַליין:

— אפֿשר וועל איך אַליין זיין אין צירק.

אַז מלוך איז אַוועק, האָט סימאָנירעס געגעבען אַ זופּ מילך און האָט געפּרעגט ווידער מיט זיין רוהיגען געוויינטליכען טאָן:

— וואָס האָסטו זיך אַזוי פֿארטראַכט, אסתּר? אויב דיינע געדאַנקען האָבען די געשטאַלט פֿון אַ באַגער, טאָ זאָג מיר אים אַרויס, מיין קינד, כּל־זמן איך האָב די מאַכט אים צו ערפֿילען. דען די מאַכט, זיי ווייסען, איז אַזוי ווי אַ ווינט, וואָס קאָן אַלע ווייַלע אַוועקפֿליהען ווייט.

כמעט מיט אַ קינדערשער תּמימות האָט אסתּר געענטפֿערט:

— שיק נאָך אים, טאַטע, שיק נאָך אים נאָך היינט אין אָוועגט און לאָז אים ניט גיין אין צירק אַריין.

— אָ!— האָט ער אויסגערופֿען אויסגעצויגענערהייט; און ווידער איז זיין בליק געפֿאַלען אויפ׳ן טייך אַראָפּ, וואו די שאָטענס זיינען געוואָרען אַלץ טונקעלער, ווייל די לבנה איז פֿאַרשוואונדען הינטערן באַרג אַלפֿונס און איבער דער שטאָט האָט געלויכטען נאָר דער מאַטער שיין פֿון די שטערן. עפּעס אַ מין אייפֿערזוכט האָט זיך אים אַ ריר געטאָן אין דער נשמה. צי דען האָט זיין טאָכטער זיך שוין פֿאַרליבט אינ׳ם יונגען מאַן? ניין, דאָס קאָן ניט זיין, זי איז דאָך נאָך אַזוי יונג!... אָבער דער געדאַנק האָט געגאָגט אים דאָס האַרץ און ניט געוואָלט אים אָפּלאָזען. זי איז אַלט געווען זעכצעהן יאָר; ער האָט דאָס געוואוסט זעהר גוט. און איר לעצ-

טען געבאָרענס-טאָג איז ער געגאַנגען מיט איר אויף דער שיפּסווערף, תּאַו מ'האָט אַראָפּגעלאָזט אויפ'ן וואַסער אַ נאָר=וואָס אויס=געבויטע שיף; און אויפ'ן געלען פלאַג, וואָס האָט אויפ'ן זעגעלבוים געפלאַטערט לכבוד דער פאַרקנסינג פון דער שיף מיט די אינדען, איז געשטאַנען אָנגעשריבען „אסתּר". אַזוי האָבען זיי ביידע געפייערט דעם דאָזיגען טאָג. און דאָך האָט אים דער פאַקט, אַז איר איז שוין זעכצעהן יאָר, איבערראַשט אַצינד מיט זיין אומגעריכטקייט. פאַראַן זאַכען, דערהויפּט די, וואָס זיינען נוגע אונזער פערזאָן אַליין, אין וועלכע ס'איז פיינליך שווער זיך מודה צו זיין — למשל — אין דעם געדאַנק, אַז מיר ווערען אַלט אָדער אַז מיר מוזען שטאַרבען. אַזאַ מין שמערצליך געפיל האָט זיך אַצונד אַריינגעגנבעט אויך אין סימאָנידעס'עס האַרץ, אונמשית'דיג ווי אַ שאָטען, אָבער דאָך געניג שטאַרק אויף אַרויסצורייסען פון אים אַ זיפץ, וואָס האָט געקלונגען כמעט ווי אַ קרעכץ. לא=די, וואָס זיין קינד דאַרף אין דער בליהענדיגסטער יוגענד אירער ווערען ווידער אַ שקלאַפין פון'ם יונגען חור, שענקט זי אים נאָך מיט איר אייגענעם רצון איר ליבשאַפט אַוועק, וואָס די טיפקייט, דער כּוח און די צערטליכקייט דערפון האָט דער טאַטע אַזוי גוט געקאָנט, ווייל עס האָט ביז איצט געהערט נאָר אים אַליין. ער האָט זיך אָבער מיט אַ גרויסער אָנשטרייננגונג באַהערשט און האָט זי רוהיג געפרעגט:

— ניט לאָזען אים גיין אין צירק אַריין? פאַרוואָס עפּעס, מיין קינד?

— דאָס איז ניט קיין אָרט פאַר אַ בן=ישראל, טאַטע.

— מער ניט ווי דערפאַר?

דער אַריינדרינגליכער טאָן פון דער פראַגע האָט זי געטראָפען זעהר טיף, און דאָס האַרץ האָט איר אָנגעהויבען צו קלאַפּען אַזוי שטאַרק, אַז זי האָט קוים געקאָנט ענטפערן. אַ אויסטערליש-זיסע אומבאַקאַנטע אומרוהיגקייט האָט זי באַהערשט. דער טאַטע האָט איר אָנגענומען פאַר דער האַנט און צערטליך געזאָגט:

— אונזער גאַנצע עשירות, אונזערע שיפען, די סחורות, דאָס געלט,— אַלץ, אַלץ וועט אָנקומען דעם יונגענמאַן. און דאָך וועל איך נאָך בלייבען אַ גביר, כל-זמן איך וועל דיך פאַרמאָגען, דיך

אין דיין ליבשאַפט, וואָס איז אזוי ענליך אויף מיין רחל׳ס. זאָג מיר, מיין קינד, זאָל אויך די דאָזיגע ליבע אָנקומען צו אים?

אסתר האָט זיך צונעטיליעט מיט איר באַק צום טאַטענס קאָפּ.

— זאָג, אסתר, דאָס וויסען וועט מיר געבען כּוח אַריבערצי־טראָגען די אַבידה. זאָל זי כאָטש ניט קומען אומגעריכט פאַר מיר.

זי האָט זיך אויסגעגלייכט און געענטפערט, גלייך ווי דער אמת אַליין וואָלט אין אירע לעפּצען גערעדט:

— זיי געטרייסט, טאַטע, איך וועל דיך קיינמאָל ניט פאַרלאָזען. און טאָמער האָב איך אים אַפילו האָלט, וועל איך פאָרט תּמיד בלייבען דיין געטרייע דינערין ווי ביז אַהער.

זי האָט זיך צונעבויגען צו אים, אים אַ קוש געטאָן און ווייטער געזאָגט:

— איך וויל עס פון דיר ניט באַהאַלטען: זיין געשטאַלט איז ליב אין מיינע אויגען, און דער בעטענדיגער קלאַנג פון זיין שטים האָט מיך צוגעצויגען צו אים; אַ שווערער נייט מיר איבער ביי דער מחשבה, אַז אים שטייט פאַר אַ סכנה. יע, טאַטע, צו זעהן אים ווידער וואָלט פאַר מיר געווען אַ גליק, אָבער אַ אומגעבעטענע ליבע קאָן קיינמאָל קיין פולקומע ניט זיין, דעריבער וועל איך וואַרטען און געדיינקען, אַז איך בין דיינע אַ טאָכטער און אַ טאַכ־טער פון מיין מאַמען.

— אַ אמת׳ע ברכה פון גאָט ביסטו מיר, אסתר! אַ ברכה, וואָס מאַכט מיך רייך, ווען איך זאָל אַפילו אַלצדינג אין דער וועלט פאַרלירען. און ביים הייליגען נאָמען פונ׳ם אַלמעכטיגען שווער איך, אַז איך וועל קיינמאָל ניט דערלאָזען, דו זאָלסט ליידען יסורים.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אַרויף געטאָן אַ דינער, וועלכער האָט אַריינגעקייקעלט סימאָנידעסעס לעהנשטול אין צימער אַריין. דער אַלטער סוחר איז נאָך אַ צייט געזעסען, פאַרזונקען אין מחשבות, בשעת ווען אסתר איז שוין לאַנג געשלאָפען אין איר חדר מיט אַ אומשולדיגען שלאָף.

# קאַפּיטעל עלף.

בײם שײך אילדערים.

דער שײך אילדערים איז געװען אַ צו גרױסער לײט, צו קאָנען אױסקומען אַבי־װי. אינ׳ם מידבר האָבען אַלע געהאוסט, אַז ער לעבט װי אַ פירשט און װי אַ פּאַטריאַרך פין אַ גרױסען שבט; און אין די שטעט האָט ער געהאַט אַ שם פאַר אײנעם פון די גרעסטע גבירים אין מזרח־לאַנד. און ער איז טאַקע געװען רײך — רײך ניט נאָר אין קנעכט, קעמלען, פערד, שאָף און רינדער, נאָר אױך אין געלט; דעריבער האָט ער ליב געהאַט אַרומצורינגלען זיך מיט אַ געװיסען קאָמפאָרט, װאָס האָט דערהײבען זײן חשיבות און זײן װערדע בײ פרעמדע, האָט אים פאַרשאַפט כבוד און אָנזעהן בײ די אײגענע, און אגב באַפרידיגט זײן פערזענליכע אַמביציע.

אינ׳ם פּאַלמען-װאַלד האָט ער געהאַט דרײ גרױסע געצעלטען; אין אײנעם האָט ער געװאױנט אַלײן, אינ׳ם אַנדערן — זײן געליבסטע װײב און אירע באַדינערינס, און דער דריטער איז געװען פאַר געסט. אַ חוץ די דאָזיגע דרײ הױפּט-געצעלטען זײנען דאָרטען געװען נאָך אַ זעקס אָדער אַכט קלענערע פאַר די שקלאַפען און פאַר דעם שײכ׳ס לײב־װאַך — געזונטע מענער פון אױסגעפּרובטער גבורה, זעלטענע רײטער און גוט בעהאַװענט אין דער חכמה פון באַנוצען אַ פײלענבױגען און אַ שפּיז. אַלע דאָ האָבען געהערט צו אײן שבט, װאָס אילדערים, אָדער זײנע אָבות, האָבען אַהער געבראַכט מיט זיך פונ׳ם מדבר.

אין גרונד גענומען, איז זיין איינענס געווען באַוואָרענט קעגען יעטווידער סכנה, פון וועלכער זייט זי זאָל ניט געווען קומען. אָבער אַזוי ווי די געוואוינהייטען גייען נאָך דעם מענשען אומעטום און ס'איז בכלל ניט קלוג צו־צורייסען די אָרדענונג, וועלכע איז שוין איינמאָל איינגעשטעלט, דעריבער האָבען די פערד, די קעמלען די רינדער, די ציגען, מיט איין וואָרט אלץ, וואָס האָט געקאָנט זיין אַ יצר־הרע פאַר אַ לייב אָדער פאַר אַ גנב, זיך אויפגעהאַל־טען אינעווייניג אינ'ם הויף צווישען די געצעלטען, אין אַ אָפּגע־צאַמטען אָרט.

אילדערים האָט הייליג אָפּגעהיט אַלע מינהגים פון זיין פאָלק, ביז אין די קלענסטע פרטים, און זיין לעבען אינ'ם פאַלמען־וואַלד איז געווען אַ המשך פון'ם דעם מידבר־לעבען; נאָכמער — עס איז געווען אַנענליך קאָפּיע פון דעם לעבענס־שטייגער, וואָס די פאַטרי־אַרכען פונ'ם אַלטען ישראל האָבען געפירט אַלס פאַסטוכער.

אין יענעם פריהמאָרגען האָט אַמאָל — ווען דער קאַראַוואַן איז אָנגעקומען אינ'ם פאַלמען־וואַלד — דער שייך אָפּגעשטעלט זיין פערד, אַריינגעשטעקט זיין שפּיז אין דער ערד אַריין און האָט געזאָגט: „דאָ זאָל שטיין דאָס געצעלט, מיט'ן אַריינגאַנג קיין דרום־זייט, צו דער אָזערע צו. און אָט דאָ אונטער די דאָזיגע ביימער וועלען מיר, קינדער פון דער מדבר, רוהען, בשעת די זון וועט אונטערגיין.“

מיט די דאָזיגע ווערטער איז ער צוגעגאַנגען צו אַ גרופּע פון דריי מעכטיגע גרויסע פאַלמעס און האָט מיט ליבשאַפט אַ גלעט געטאָן דעם שטאַם פון איינעם, גלייך ווי ער וואָלט געגלעטשעט דעם האַלז פון זיין פערד אָדער די באַקען פון זיין קינד.

און ווער, אַ חוץ דעם שייך, האָט געהאַט דאָס רעכט הייסען דעם קאַראַוואַן זיך אָפּשטעלען אָדער באַשטימען, אַז דאָ און דאָ וועט אויפגעשלאָגען ווערען דאָס געצעלט? דער שפּיז איז אַרויסגעצוי־גען געוואָרען פון דער ערד, און אויף ד ע ם אָרט האָט מען אַריינ־געשלאָגען דעם ערשטען דראָנג, וואָס האָט באַצייכענט דעם מי־טען פון אַריינגאַנג. דערנאָך האָט מען אַריינגעשלאָגען נאָך אַכט דרענגער, אין דריי שורות, צו דריי דרענגער אין אַ שורה. דאַן זיינען געקומען די ווייבער און די קינדער און אַראָפּגענומען פון די

קעמעלס רוקענס די געצעלט-טיכער און זיי פונאַנדערגענומען. ווער איז דען געווען אויף דעם מער בּריה ווי די ווייבער? האָבן זיי דען ניט אָפּגעשאָרען די ברוינע ציגען פון דער טשערעדע, די וואָל געשפּונען פֿאָדים צו פֿאָדים און פון די פֿעדים אויסגע-וועבט די דאָזיגע טיכער? האָבן זיי דען ניט צונויפֿגענייט פון די טיכער דעם געדיכטען דאַך, וואָס איז געווען אַזוי טונקעל-ברוין, אַז פון דער ווייטענס האָט ער אויסגעוויזען שוואַרץ אַזוי ווי די געצעלטען פון קידר? און מיט וואָס פאַר אַ פרייליכער גע-לעכטער און שפּאַסען האָט דעם שייכס גאַנצע סוויטע אַרויפגע-צויגען די טיכער פון דראָנג צו דראָנג און באַפֿעסטיגט זיי מיט פּלעקער און שטריק. און ווען מ'האָט ענדליך אוועקגעשטעלט די ווענט פון טשערעטענע מאַטעס — די לעצטע אַרבעט ביים בויען אַ מדבר-בנין — מיט וואָס פאַר אַ אומרוהיגער אומגעדולד האָבן זיי געוואַרט אויף דער מבינות פון זייער גוטען האַר!

און מיט וואָס פאַר אַ פרייד אַלעמענס אויגען האָבן אויפגע-גלאַנצט, ווען דער שייך האָט באַקוקט דאָס געצעלט פון אינעוויי-ניג און פון דרויסען, באַטראַכט זיין לאַגע בנוגע דער זון, די ביי-מער און דער אָזערע און, רייבענדיג די הענט פאַר נחת-רוח, געזאָגט:

— אַזוי איז גוט! מאַכט איצט דעם הויף צורעכט, איר ווייסט דאָך ווי אַזוי, און צום אָוונט וועלען מיר פאַרזיסען דאָס ברויט מיט אַראַק, און די מילך — מיט האָניג, און אויף יעדען פייער זאָל זיך אַ ציגעלע בראָטען. געלויבט איז גאָט! קיין זיס-וואַסער וועט אונז ניט פעלען, ווייל די אָזערע איז אונזער ברונען; און אונזערע קעמלען און די שאָף און רינדער וועלען קיין הונגער ניט ליידען, וואָרום דאָ איז פֿאַראַן גרינע פּאַשע. גאָט זאָל אייך אַלעמען העלפען, מיינע קינדער! גייט געזונטערהייט!

מלא-שמחה און גליק, זיינען זיי דאַן אַוועק צוגרייטען דירות פאַר זיך אַליין שוין, נאָר איינינע זיינען איבערגעבליבען, כּדי צו-רעכט צו מאַכען דעם שייכס געצעלט פון אינעווייניג. אויף דער מיטעלסטער שורה האָבן דרענגער די דינער אַרויפגעצויגען אַ פאָרהאַנג, וואָס האָט פונאַנדערגעטיילט דאָס געצעלט אויף צוויי

העלפטען; איינע צו דער רעכטער האַנט — פאַר אילדערימען אליין, די אַנדערע — פאַר זיינע פערד, די דאָזינע פערל פון שלמה המלכ׳ס צייטען. מ׳האָט זיי אַריינגעפירט אינעווייניג און, גלעטענדיג און פריינדליך שמוצערנדיג צו זיי, האָט מען זיי דאָ איבערגעלאָזט אויף דער פריי. אויף דעם מיטעלסטען דראָנג האָבען די דינער דערנאָך געמאַכט אַ געשטעל פאַר דעם כלי-זיין און אים אָנגעפילט מיט שליידער-שפיזען, שפיזען, בויגענס, פיילען און פאַנצערס; דערביי האָבען זיי אויפגעהאַנגען דעם סערפּ-פאָרמיגען שווערד פון זייער האַר, וואָס דער גלאַנץ פון זיין קלינג האָט קאָנקורירט מיט די בלישטשענדיגע אבנים-טובות, וועלכע האָבען באַפוצט דאָס הענטעל. אויף איין עק פון דער שייד-וואַנט האָבען זיי אויפגעהאַנגען די זאָטעל-קאָלדרעס פון די פערד, וואָס זיינען געווען קאָלירט און פראַכטיג ווי די מלבושים פון קיניגליכע דינערס; אין דעם אַנדער עק — די קליידער פון דעם שייך; די אייבער-בגדים פון וואָל אָדער ליין, די טוניקעס, פלודערן און פאַרשיידענפאַרבינע קאָפּ-טיכער. און זיי האָבען ניט געלאָזען זייער אַרבעט, כל-זמן דער האַר האָט זיי ניט אויסגעדריקט זיין צופרידענקייט מיט איר.

דערווייַלע האָבען די ווייבער צוגעגרייט דעם דיוואַן, וואָס אָהן דעם האָט דער האַר נאָך געקאָנט ווייניגער אויסקומען ווי אָהן זיין לאַנגע באָרד, וואָס איז אים געפאַלען אויף דער ברוסט, אַ ווייסע ווי ביי אהרן הכהן. זיי האָבען פונאַנדערגענומען אַ נידעריגען דרייקאַנטיגען געשטעל, האָבען אים באַדעקט מיט קישענס און איבערגעצויגען איבער זיי אַ דעקע אין ברוינע און געלע פאַסען. דערויף האָבען זיי נאָך אַ מאָל געלייגט קאָפּען-קישענס און גלאַט קישענס מיט רויטע און בלויע ציכען. דערנאָך האָבען זיי באַדעקט די פאָדלאָגע פון געצעלט מיט אַ טרעטער און האָבען דאַן ווידער געוואַרט, ביז זייער האַר וועט זיי אַרויסזאָגען זיין שבח. אַצינד איז זיי נאָר איבערגעבליבען אָנצופילען די קריג מיט וואַסער און אויפצוהייננען די לעדערנע לאָגלען מיט אַראַק, ס׳זאָל אויף מאָרגען פאַרטיג זיין זייער היימישער געטראַנק. נאָך דעם אַלעם, וואָס מיר האָבען דאָ דערציילט, איז קלאָר, אַז יעדער אַראַבער האָט גע-

מוזט מסכּים זײַן, דאָס אילדערים איז געווען גליקליך אין זײַן געצעלט בײַ דער אָזערע מיט'ן זיסען וואַסער אין שאָטען פונ'ם פּאַלמען-וואַלד.

און דאָס איז געווען דאָס געצעלט, וואו מיר האָבען איבערגעלאָזען בײַם אַרײַנגאַנג בן-חור'ן.

די דינער זײַנען געשטאַנען גרייט צו ערפילען דעם האַרס באַפעלען. אײנער פון זײ האָט אויסגעטאָן דעם שייך די סאַנדאַלען, אַ צווײטער האָט אַראָפּגענומען פון בן-חור'ן די רוימישע שיך; דערנאָך האָבען זײ איבערגעביטען זײערע פאַרשטויבטע אייבער-בגדים אויף ווײַסע לײַווענטענע.

— ברוך-הבא אין נאָמען פון גאָט! ניי אַרײַן און רוה דאָ אָפּ! — האָט אילדערים פרײַנדליך באַגריסט זײַן גאַסט אויף דער שפּראַך פינ'ם ירושלים'ער המון און האָט אים צוגעפירט צום דיוואַן.

— איך וועל זיך זעצען אָט דאָ, האָט ער געזאָגט, באַצײכענענדיג דעם אָרט — און מײַן גאַסט אָט אַהער!

אַ דינערין האָט זײ באַקוועם געמאַכט די קישענס אויפ'ן דיוואַן. און זײ האָבען זיך אַנידערגעזעצט. מ'האָט זײ געבראַכט פרישע וואַסער פון אָזערע, אָפּגעוואַשען זײ די פיס און אָפּגעווישט מיט דינע האַנטיכער.

— בײַ אונז אין דער מדבר איז פאַראַן אַ גלײַכוואָרט, — האָט אילדערים אָנגעהייבען, באַרשטענדיג זיך די באָרד מיט זײַנע לאַנגע פינגער. — אַז אַ גוטער אַפּעטיט איז אַ סימן פון לאַנגע יאָר. האָסטו עפּעס אַזאַ אַפּעטיט?

— אויב אײַער גלײַכוואָרט איז אמת, גוטער שייך, וועל איך דערלעבען הונדערט יאָר. איך בין הונגעריג ווי אַ וואָלף — האָט בן-חור געענטפערט.

— נו, מ'וועט דיך שוין ניט אַוועקיאָגען פון דאַנען ווי אַ וואָלף. וועסט באַקומען דאָס בעסטע שטיק פון מײַנע שאָף.

אילדערים האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט; ס'האָט זיך געוויזען אַ דינער.

— גיי אַרײַן אין דעם געצעלט וואָס פאַר די געסט און זאָג דעם

אורח, אַז איך, אילדערים דער שייך, שיק אים דעם וואונטש, אַז זיין מנוחה זאָל דויערן אַזוי לאַנג, ווי דאָס פליסען פון וואַסער.

דער דינער האָט זיך אַ בוק געטאָן.

— און זאָג אים, אַז איך האָב זיך אומגעקערט און מיט מיר איז געקומען נאָך אַ גאַסט איבערצובּרעכן מיט מיר דאָס ברויט; און אויב בּלשאַצר דעם חכם וועט וואָוילגעפעלען צו זיין אַ שותּף אין אונזער מאָלצייט, וועט זיין גענוג פאַר אונז דרייען, און ס'וועט נאָך גענוג איבּערבּלייבּן פאַר די פייגעל אויך.

דער דינער האָט פאַרלאָזען דאָס געצעלט.

— נו, אַצינד וועלען מיר אָפּרוהען! — האָט אילדערים זיך אָפּגערופען און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפ'ן דיוואַן, די פיס אונטער זיך, אויף דעם איינענעם שטייגער, ווי ס'זיצען נאָך היינט אויף די טעפּיכער סוחרים אויפ'ן דמשקער באַזאַר. זיך באַקוועם געמאַכט, האָט ער אויפגעהערט צו באַרשטען זיך די באָרד און האָט ערנסט געזאָגט:

— דו ביסט מיין גאַסט, האָסט געטרונקען פון מיין משקה און וועסט באַלד דאָס ברעכען מיט מיר ברויט. דערפאַר מעג איך דיך אפשר פרעגען: ווער ביסטו?

— שייך אילדערים! — האָט בן-חור געענטפערט און זיין אויג האָט רוהיג אויסגעהאַלטען דעם שייכס פאָרשענדיגען בליק — איך בעט דיך, זאָלסט ניט מיינען, אַז איך בין מבטל דיין גערעכטען פאַרלאַנג. זאָג אָבער אַליין, איז דען אין דיין לעבען ניט געווען אַזאַ פאַל, ווען ענטפערן אויף דער דאָזיגען פראַגע וואָלט הייסען טאָן זיך אַליין אַ גרויסע רעה?

— איך שווער מיט שלמה-המלך'ס הערליכקייט, דו ביסט גערעכט! — האָט אילדערים אויסגערופען. — טאָן אַ רעה זיך אַליין איז אָפּטמאָל פונקט אַזאַ עבירה ווי טאָן עס אַנדערע!

— אַ דאַנק דיר, איידעלער שייך, אַ דאַנק! — האָט בן-חור זיך אָפּגערופען — דיין ענטפער האָט גאָר בעסער ניט געקאָנט זיין. איך ווייס, אַז דו ווילסט זיך נאָר פאַרזיכערן, צי איך פאַרדין דעם צוטרוי, וועלכען איך בין געקומען בעטען ביי דיר.

דער שייך האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ, און בן-חור האָט פאָרגעזעצט:

— וויסען זײַ קודם-כּל, אַז איך בין ניט קיין רוימער, ווי דו וואָלסט געקאָנט מיינען נאָך דעם נאָמען, וואָס מען האָט דיר אָנגערופען אַלס מיינעם.

אילדערים האָט פעסט אַריינגעכאַפּט איין האַנט אַריין זיין לאַנגע באָרד און האָט שאַרף אָנגעקוקט זיין גאַסט פון אונטער געדיכטע, צונויפגעצויגענע ברעמען.

— ווייטער — האָט בן-חור גערעדט — בין איך אַ בן-ישראל פון שבט-יהודה.

דעם שייכ׳ס ברעמען האָבען זיך אַ ביסעל אויפגעהויבען.

— און ניט נאָר דאָס אַליין. איך בין אַ איד, שייך, און אין מיר ברענט אַ גרימצאָרן אויף רוים, וואָס אין פאַרגלייך מיט אים איז דיינער — ניט מער ווי אַ פאַרדראָס פון אַ קינד.

אַלץ האַסטיגער האָבען דעם שייכ׳ס פינגער געשויבערט זיין באָרד און זיינע ברעמען האָבען זיך אַראָפּגעלאָזען אַזוי טיף, אַז זיינע אויגען זיינען כּמעט פאַרשוואונדען אונטער זיי.

— און דאָן שווער איך דיר, שייך אילדערים, איך שווער דיר ביים בונד, וואָס גאָט דער האַר האָט געשלאָסען אַמאָל מיט מיינע אָבות, אַז טאָמער וועסטו מיר העלפען אין מיין נקמה, וועט דער כּבוד און דאָס געלט-געווינס פון דעם ניצחון אין טורניר אינגאַנצען געהערען דיר.

די קנייטשען אויף אילדערימס שטערן האָבען זיך פונאַנדערגעגלעטט. ער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ, זיין פּנים האָט געשטראַלט; מ׳האָט באַשיינפּערליך געזעהן, וואָס פאַר אַ נחת-רוח דעם אורח׳ס רייד האָבען אים פאַרשאַפט.

— גענוג! — האָט ער אויסגערופען — אויב אין דיין צונג איז אַ ליגען באַהאַלטען, וואָלט אַפילו שלמה-המלכ׳ס חכמה אים ניט אַנדעקט. אַז דו ביסט קיין רוימער ניט, אַז דו האָסט אַלס איד אַ כּעס אויף רוים און לעכצסט נאָך נקמה, — דאָס גלויב איך דיר, און דערפון האָבען מיר מער ניט וואָס צו ריידען. אָבער ווי האַלט עס מיט דיין בריה׳שקייט? האָסטו געניטשאַפט אין דער רייטוואָגענ־

קונסט? וועסטו קאנען די פערד ביגען אונטער דיין ווילען? וועסטו בכוח זיין אויסצולערנען זיי דערקענען דיך און גיין אויף דיין רוף! צי וועלען זיי אויף דיין געבאט אנשטריינגען אלע זייערע קרעפטען און צי וועסטו קאנען אינ׳ם אנטשיידענעם מאמענט אנצינדען זיי מיט דיין אייגענעם ווילען און באגייסטערונג צו דעם לעצטען געוואלטיגען שטרייט? ניט יעדערער, מיין זון, איז געבענשט מיט אזא כוח. איך האב געקאנט א קיניג, וואס האט געוועלטיגט איבער מיליאנען מענשען און זיי אינגאנצען באהערשט, און פונדעסטוועגען האט ער ניט געקאנט צווינגען צו געהארכזאמקייט אפילו איין פערד. האב אין זינען, אז איך רייד דא ניט פון יענע טעמפע חיות, וואס זיי איז באשערט צו זיין כל־ימיהם קנעכט־שבקנעכט, וואס זיינען אראפגעזונקען סיי אין יחוס סיי אין געשטאלט, און זיינען אהן שום פארשטאנד. איך רייד פון פערד ווי מיינע זיינען— אמתע מלכים אין זייער ארט! זייער יחוס־בריוו גרייכט צוריק ביז די פערד פונ׳ם ערשטען פרעה. זיי זיינען מיינע קאמעראדען און פריינד, מיינע געצעלט־חבירים, וואס האבען — דורך דעם לאנגען לעבען צוזאמען — זיך אויסגעלערנט מיך צו פארשטיין; וואס זייער פיינער אינסטינקט און שארפע חושים זיינען כמעט גלייך צו אונזער מענשליכען שכל; וואס פילען פונקט ווי מיר האנאר, ליבשאפט, האס און פאראכטונג; וואס זיינען אין דער מלחמה אמתע העלדען, און וועלען אין לעבען ניט אפגארען אונזער ליבשאפט און אונזער צוטרוי אויף זיי. היי, אהער!

א דינער איז אריין.

— לאז אריין מיינע אראבער!

דער דינער האט אפגעשארצט דעם פארהאנג, וואס האט פון נאנדערגעטיילט דאס געצעלט, און פאר די אויגען האט זיך אנטפלעקט א גרופע פערד, וועלכע זיינען געשטאנען אומאנטשלאסען, גלייך ווי זיי וואלטען געווארט, מ׳זאל זיי נאך א מאל בעטען.

— אהער!— האט אילדערים זיי א רוף געטאן — וואס שטייט איר דארטען? וואס האב איך דען, וואס איז אויך אייערס ניט? אהער, זאג איך אייך!

די פערד האבען זיך לאנגזאם דערנעהענטערט.

בן־חיר האָט דערקאָנט אין זיי די פיר יאָג־פֿערד, וואָס ער האָט געזעהן אין דאַמנעם וואַלד. איינער פֿון זיי, מיט אַ וואונדערשיינעם געשניצטען קאָפּ, מיט גרויסער זאַנפטע אויגען אַזוי ווי ביי אַ סאַרנע, מיט קליינע שאַרף צוגעשפּיצטע אויערן, וואָס זיינען געווען אָפּגעבויגען אויף פֿאָרנט, איז צוגעגאַנגען האַרט צו בן־חורס ברוסט, באַוועגענדיג מיט די נאָזלעכער און דער אייבערשטער ליפּ. „ווער ביסטו?“ — האָט זיך געדאַכט, פֿרעגט דער פֿערד מיט זיינע קלוגע אויגען, האַלב־פֿאַרבאָרגענע אונטער די שטערן־לאָקען.

— ניט־פֿאַרגינער וועלען דיר דערציילען, האָט דער שייך מיט היץ געזאָגט, גלייך ווי ער וואָלט דאַרפֿען אָפּלייקענען אַ פּערזענליכע באַליידיגונג, — אַז אונזערע איידעלסטע פֿערד שטאַמען פֿון פּרס. כזב־ושקר! גאָט האָט געגעבען דעם ערשטען אַראַבער אַ מדבר אָהן אַ סוף און אָהן אַ ברעג, עטליכע הוילע בערגלאַך אָהן ביימער און וואו־ניט־וואו ברונימער מיט ביטערן וואַסער און האָט צו אים געזאָגט: „אָט דאָס איז דיין לאַנד“. און אַז דער אַראַבער נעבאַך האָט זיך אָנגעהייבען צו באַקלאָגען דערויף, האָט דער אַלמעכטיגער אויף אים רחמנות געהאַט און געזאָגט ווידער: „זיי געטרייסט! איך וועל דיך בענטשען טאָפּעלט ווי אַנדערע מענשען“. דער אַראַבער האָט עס דערהערט, האָט ער געדאַנקט גאָט דעם האַר און האָט פֿול פֿעסטען ביטחון זיך אַוועקגעלאָזט זוכען גאָטס מתנות. ער האָט דורכגעוואַנדערט די גרעניצען פֿון לאַנד און האָט גאָרנישט געפֿונען. דאַן האָט ער גענומען דעם וועג טיף אין מדבר אַריין און איז געגאַנגען אַלץ ווייטער און ווייטער — און פּלוצלונג האָט ער אין האַרץ פֿון דעם מדבר דערזעהן אַ גרינעם אינזעל, אַ חיות אָנצוקוקען, און אין מיטען אינזעל — אַ טשערעדע קעמלען און אַ טשערעדע פֿערד. ער האָט מיט. שמחה זיי גענומען צו זיך און האָט זיי אָנגעהייבען אָפּצוהיטען, ווייל ער האָט גלייך פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס זיינען די בעסטע גאָטס מתנות. אָט פֿון יענעם גרינעם אינזעל שטאַמען אַלע פֿערד אויף דער וועלט אַפֿילו די וואָס פֿון פּרס. צווייפֿעל ניט אין דעם אמת פֿון דער דאָזיגער דערציילונג, אַ ניט זאָלען אַלע קמיעות פֿאַרלירען זייער כּוח איבער די אַראַבער. און אויב דו גלויבסט ניט, האָב איך באַוויזען.

ער האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט.

— ברענג מיר די יחוס־בריװ! — האָט ער געהייסן דעם אַריינגעקומענעם דינער.

װאַרטענדיג אויפ'ן דינערס צוריקקומען, האָט אילדערים געשפּילט זיך דערװייל מיט די פערד, געגלעט זיי, צורעכט געמאַכט די גריװעס, יעדערן אַרויסגעװיזען זיין ליבשאַפט.

אין אַ װיילע אַרום האָבן זעקס מאַן געבראַכט צו טראָגן שװערע קאַסטענס פון צעדער־האָלץ, באַשלאָגען מיט מעשענע פּאסען, מיט מעשענע זאַװיעסעס און שלעסער.

— ניין, ניין, — האָט אילדערים געזאָגט, אַז די מענשען האָבן אװעקגעשטעלט די קאַסטענס לעבען דיװאַן — איך האָב ניט געמיינט אַלע קאַסטענס. איך דאַרף נאָר דעם יחוס־בריװ פון די פערד — אָט אין יענעם קעסטעלע! ~~עפּענט~~ עס. און די איבעריגע נעמט צו פון דאַנען צוריק!

דאָס קעסטעל האָט מען געעפענט. דאָרטען זיינען געלעגען אַ גרױסע טאָװעלאַך פון העלפאַנדביין, אָנגעשנירט אויף רינגעלאַך פון זילבערדראָט; און אַזוי װי די טאָװעלאַך זיינען קאָם געװען דיקער פון פּאַפּיר, איז אויף יעדען רינגעלע געהאַנגען אפשר עטליכע הונדערט טאָװעלאַך.

— איך װייס, מיין זון — האָט אילדערים געזאָגט, נעמענדיג אין האַנט עטליכע רינגעלעך — איך װייס, מיט װאָס פאַר אַ זאָרגעװדיגקייט און געװיסענהאַפטיגקייט פאַרשרייבען די סופרים פון בית־המקדש אין דער הייליגער שטאָט די נעמען פון די נייגעבאָרענע. יעדער בן־ישראל קאָן דערפירען דעם יחוס פון זיינע עלטער־זיידעס ביז דעם ערשטען דור, אפילו ביז די הייליגע אָבות. און מיינע אורעלטערן — עליהם־השלום! — האָבן עס ניט געהאַלטען פאַר אַ עבירה איבערטראָגען דעם דאָזיגען מינהג אויף אָט די שטומע באַשעפענישען — אונזערע טרייע באַהעלפערס. זעהסט, אָט די טאָװעלאַך?

בן־חור האָט גענומען די רינגעלאַך, פונאַנדערגערוקט די טאָװעלאַך און דערזעהן, אַז זיי זיינען געװען באַדעקט מיט אַראַבישען

היעראָגליפען-כתב, וואָס אַ שאַרפֿע אָנגעגליטע מעטאַלענע נאָדעל האָט אויסגעבערנט אויף די גלאַטע ברעטעלאַך.

— קאָנסטו דאָס איבערלייענען, דו זון פֿון ישראל? — האָט דער שייך געפֿרעגט.

— ניין, דו מוזט מיר דערקלערן, וואָס זיי באַטייטן.

— זיי זשע וויסן, אַז אויף יעדן טאָוועלע איז פֿאַרשריבן דער נאָמען פֿון יעדן זכר-פֿערד, וואָס איז געבאָרן געוואָרן ביי מיינע אבות מיט הונדערטער יאָרן צוריק, ווי אויך דער נאָמען פֿון זיין טאַטע-מאַמע. טו נאָר אַ קוק, ווי אַלט די דאָזיגע טאָוועלאַך זיינען!

איינִיגע טאָוועלאַך האָבן זיך פֿאַר אַלטקייט אָפּגעבראָקעלט. אַלע זיינען זיי געווען געל פֿון דער צייט.

— טאַקע אינ'ם דאָזיגן קעסטעל ליגט אויך באַהאַלטן די גאַנצע געשיכטע פֿון אָט די פֿיר יאָג-פֿערד, וואָס שטייען דאָ פֿאַר דיר. און פּונקט ווי זיי גייען איצט צו צו אונז, אַזוי פֿלעגן אויך זייערע אור-עלטערן צוגיין צו מיינע אבות, פּינקט אונטער אַזאַ געצעלט ווי דער דאָזיגער, כּדי צו באַקומען פֿון זייער האַרס האַנט זייער מאָס האָבער; און פּונקט ווי איצט פֿלעגט מען צו זיי אויך דאַן ריידן ווי מיט קינדער; און ווי קינדער פֿלעגן זיי זיך לאַשטשען, ניט קאָנענדיג אויסדריקן זייער ליבשאַפֿט מיט ווערטער.

יע, אויב איך בין דער האַר און דער געוועלטיגער איבער דעם מדבר, זיינען זיי מיינע חשובֿס'טע דינער! נעמסטו זיי צו פֿון מיר, ווער איך געגליכן צו אַ קראַנקען, וואָס דער קאַראַוואַן האָט אים איבערגעלאָזן צו שטאַרבן אין דער מדבר! אַ דאַנק מיינע פֿערד, בין איך ניט קוקענדיג אויף מיינע יאָרן נאָך אַלץ דער שרעק פֿון די רויבער אויף די שליאַכן, און וועל עס בלייבן, כּל-זמן איך האָב נאָך כּוח צו רייטן. אָ, איך וואָלט דיר געקאָנט דערציילן וואונדערליכע זאַכן וועגן זיי! קיינער האָט זיי נאָך קיינמאָל ניט דעריאָגט בשעת לויפֿן, און קיינמאָל האָבן זיי זיך נאָך ניט איינגעמאַטערט נאָכיאָגענדיג. דו דאַרפֿסט אָבער וויסן, אַז דאָס איז אַלץ גערעדט — אין זאַמד פֿון דער מדבר און אונטער'ן

זאָטעל. איצט אָבער ווייס איך ניט, עס שרעקט מיר דאָס האַרץ! דאָס ערשטע מאָל, אַז זיי גייען אין שפּאַן, און די הצלחה ווענדט זיך דאָך אָן אַזויפיל מיקרים! אין זייער שטאָלצקייט, געשווינדקייט און כּוח ספק איך ניט! ווען איך זאָל נאָר געפינען דעם מענשען, וואָס וועט זיי קאָנען באַהערשען, וואָלטען זיי געוואונען! אָ, זון פון ישראל! ביסטו דער דאָזיגער מענש, דאַן געבענטשט זאָל זיין דער טאָג, וואָס האָט דיך געבראַכט אַהער! נו, דערציילזשע וועגען זיך!

— איצט פֿאַרשטיי איך — האָט בן-חור געזאָגט — פאַרוואָס דער אַראַבער האָט ליב זיין פֿערד כּמעט אַזוי צערטליך ווי זיינע קינדער, און ס'איז מיר אויך קלאָר, פאַרוואָס די אַראַבישע פערד זיינען די בעסטע אין דער וועלט. אָבער מיר ווילט זיך ניט, גוטער שייך, אַז דו זאָלסט בויען נאָר אויף מיינע ווערטער; ווייסט דאָך אַליין, אַז ניט אַלע מאָל איז דער מענש בּיכולת מקיים צו זיין זיינע הבטחות. ערלויב-זשע מיר מאָרגען אין דער נאָהענטער ערגעץ דאָ אויף אַ פּליין צו מאַכען אַ פּרוב מיט די פערד פאַר דיר אין די אויגען.

אילדערימס פּנים האָט זיך צושיינט. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגען, נאָר בן-חור האָט אים איבערגעשלאָגען:

— איין רגע נאָר, איידעלער שייך, איין רגע! איך האָב נאָך ניט געענדיגט. פון די מייסטערס אין רוים האָבען איך אייך געלערנט אַזוינס, וואָס מיר וואָלט נאָר קיינמאָל ניט איינגעפאַלען, אַז ס'וועט מיר ווען-עס-איז צו-ניץ קומען. די ביסט געוויס, ווען דו האָסט מוֹרא פאַר דיינע מדבר-זין. יעדערער פון זיי באַזונדער מאָג זיך מאַקע זיין געשווינד ווי אַ אָדלער און שטאַרק ווי אַ לייב, אָבער אויפ'ן טורניר וועלען זיי ניט מנצח זיין, אויב זיי זאָלען זיך אַפּריהער ניט איינגעוויינען צו לויפען אַלע אינאיינעם אונטער איין שפּאַן. נעם אין אַכט, גוטער שייך, אַז אין יעדען פירנעשפּאַן מוז איין פערד לויפ'ן שנעלער פאַר די איבעריגע, און דער אַנדערער — לאַנגזאמער. אַזוי איז אויך געווען היינט מיט דיינע פֿערד. דער אָנטרייבער האָט ניט געקאָנט אָפּהאַלטען דעם שנעלסטען לויפער, כּדי ס'זאָל שטימען מיט די כּוחות פון דעם שוואַכסטען. ס'קאָן

זײַן, אַז מײַן פּרוב װעט אױך בעסער ניט זײַן; טאָמער אָבער דאָס װעט זיך חלילה טרעפֿען מיט מיר, שװער איך דיר, אַז כ׳װעל עס פֿון דיר ניט באַהאַלטען. אױב אָבער פֿאַרקערט, מיר װעט אָפּגילטען צו בײַגען די פֿערד אונטער מײַן װילען, אַז זײ זאָלען גלײַכמעסיג לױפֿען צוזאַמען, אַלע פֿיר װי אײנער, נעם איך אַ נדר, אַז די סעסטערציעס און דער ניצחון-קראַנץ װעלען געהערען צו דיר, און איך װעל זיך באַנוגענען מיט דער נקמה. װאָס זאָגסטו דערצו?

— אילדערים האָט מיט קאָפּ זיך צוגעהערט צו בן-חור׳ס װערטער, װי זײַן שטײגער איז, גלעטענדיג זיך די באָרד, און לאַנגענדיג האָט ער געענטפֿערט:

— פֿאַראַן בײַ אונז אַ װערטעל אין דער מדבר: „אױב דו װעסט אָפּקאָכען אַ װאַרמעס פֿון װערטער, װעל איך דיר צוזאָגען אַ פֿולען אָקעאַן מיט פּוטער“. אָבער איך האָב װעגען דיר אַ בעסערע מײנונג, זון פֿון ישראל. מאָרגען באַקומסטו די פֿערד!

אין דער רגע איז בײַ דעם הינטערשטען אַרײַנגאַנג פֿון געצעלט געװאָרען אַ באַװעגונג.

— דער מאָלצײַט איז גרײט — האָט אילדערים געזאָגט — און װענדענדיג זיך צו די דינער, האָט ער צוגעגעבען:

— נעמט צו דאָס קעסטעל און פֿירט אַװעק די פֿערד צוריק אױף זײער אָרט.

די דינער האָבען געפֿאָלגט.

די דינער האָבען אַװעקגעשטעלט אױפֿ׳ן טעפּיך לעבען דיװאַן אַ נידעריגען טיש, געלײגט אױף אים אַ טישטוך און אױסגעשפּרײט אַרום אים דרײַ דעקעס. אַ ביסעל אָן אַ זײַט איז געשטאַנען אַ טראָגאײַװעלע, אַרום װעלכען ס׳האָט זיך גע׳עסקט אַ דינערין. איר אַרבעט איז באַשטאַנען אין באַקען פֿאַר די טיש-זיצער ברײטלאַך, אָדער ריכטיגער געזאָגט — הײסע קיכלאַך. דאָס מעל דערצו האָט מען געמאָלען אױף האַנט-מילכלאַך, װאָס האָבען שטענדיג גערילצט אין שכנישען געצעלט.

דערװײַלע האָבען די דינער אַרײַנגעפֿירט אין געצעלט אַרײַן בלשאַצר׳ן, אילדערים און בן-חור האָבען אים באַגעגענט שטײענדיגערהײט. אַ פֿרײער שװאַרצער מלבוש האָט אַרומגעהילט זײַן גע-

שטאַלט; זיין שטעל איז געווען וואַקעלדיג, זיינען באַוועגונגען — לאַנגזאַם און פאָרזיכטיג. ער האָט זיך אָנגעלעהנט אויף אַ לאַנגען שטאָק און אויף אַ דינערס אָרים.

— פריד זאָל זיין מיט דיר, מיין פריינד! — האָט אילדערים אים מיט יראַת־הכבוד באַגריסט.

דער מצרי האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און געענטפערט:

— און מיט דיר, גוטער שייך, מיט דיר און מיט די דייניגע — פריד און ברכה!

— אָט איז, בלשאצר, דער, וואָס וועט מיט אונז היינט אין אָוונט איבערברעכען ס'ברויט — האָט אילדערים געזאָגט, אַרויפ־לייגענדיג די האַנט אויף בן־חורס אַקסעל — איך האָב אים צו־געזאָגט צו געבען מאָרגען מיינע פערד אויף פּראָבע, און אויב ער וועט מיט זיי דורכקומען, וועט ער אַרויסטרעטען מיט זיי אין צירק.

בלשאַצר האָט פאָרשענדיג אָנגעקוקט דעם יונגענמאַן, דער שייך האָט עס באַמערקט און צוגעגעבען:

— ער איז געקומען אַהער מיט גוטע רעקאָמענדאַציעס — דו זעהסט פאַר זיך אַ זון פון אַריוס, אַ חשובען רוימישען ים־פאָרער, הגם ער זאָגט אַפילו... (דער שייך האָט זיך אַ רגע פאַרהאַקט, אָבער באַלד מיט אַ שמייכעל ווייטער גערעדט)... אַז ער איז אַ איד פון שבט־יהודה, און איך גלויב אים, אַז ער זאָגט אמת.

בלשאַצר האָט זיך מער ניט געקאָנט איינהאַלטען און איז אַרויס מיט דער שפּראַך:

— היינט, גנעדיגער שייך, איז מיין לעבען געווען אין סכנה און איך וואָלט אומגעקומען, ווען ס'וואָלט זיך ניט אַריינגעמישט איינער אַ בחור, ווי צוויי טראָפּענס וואַסער געראָטען אין דיין גאַסט. זאָג נאָר, דו ביסט עס געווען? — האָט ער זיך געווענדט צו בן־חור'ן. ער האָט מיך מציל געווען, בשעת ווען אַלע זיינען זיך צולאָפען.

יענער האָט מיט עניוות געענטפערט:

— איך ווייס נאָר, אַז איך בין דער, וואָס האָט פאַרהאַלטען די פערד פון דעם רוימער דעם מחוצף, בשעת זיי האָבען זיך גע־טראָגען גלייך אויף דיין קעמעל. דיין טאָכטער וועט מיר געגע־בען אַ בעכער.

ער האָט אַרויסגענומען פֿון זיין טוניקע דעם בעכער און דער־לאַנגט אים בלשאַצר׳ן.

— גאָט אַליין האָט דיך געבראַכט אַהער, איך זאָל דיר קאָנען אָפּדאַנקען פֿאַר דיין גרויסער טובה. דער בעכער איז דיינער, נעם אים צו.

בן־חור האָט צוגענומען דעם בעכער צוריק, און בלשאַצר האָט דערציילט דעם פּאַרוואונדערטען אילדערים, וואָס ס׳האָט מיט אים פּאַסירט ביים קאַסטאַלישען קוואַל.

— ס׳טייטש? און דערפֿון האָסטו מיר קיין וואָרט ניט געזאָגט!

— האָט דער שייך אויסגערופֿען, זיך ווענדענדיג צו בן־חור׳ן.

— קאָן דען געמאָלט זיין אַ בעסערע רעקאָמענדאַציע פֿאַר דיר? בין איך דען ניט קיין אַראַבער, קיין שייך איבער אַ שבט פֿון צעהנדליגע טויזענטער? און איז דען בלשאַצר ניט מיין גאַסט? ווייסטו דען ניט, אַז על־פּי מידת הכנסת־אורחים איז וואָס דו טוסט מיין גאַסט, אַ טובה צו אַ רעה, טוסטו אויך מיר? וואוהין דען אַנדערש, אַז ניט אַהער — זאָלסטו קומען נאָך שכר? און ווער דען אַנדערש, אַז ניט איך, זאָל דיר דעם דאָזיגען שכר געבען?

זיין קול איז ביי די לעצטע ווערטער אַריבער אַזש אין אַ געשריי.

— האָב רחמנות, גוטער שייך — האָט בן־חור געזאָגט — איך בין ניט געקומען אַהער נאָך שכר. דעם לעצטען פֿון דיינע דינער וואָלט איך אַרויסגעוויזען די אייגענע הילף, וואָס דיין גאַסט.

— ער איז דאָך אָבער ניט מיין דינער, ער איז מיין פֿריינד, מיין גאַסט!

און זיך ווענדענדיג צו בלשאַצר׳ן, האָט ער צוגעגעבען:

— איך האָב דיר דאָך געזאָגט, אַז ער איז ניט קיין רוימער.

דאַן האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו די דינער, וואָס האָבען געסערווירט צום טיש. דער מצרי איז צוגעגאַנגען נעהענטער צו בן־חור׳ן און האָט געפֿרעגט:

— ווי אַזוי האָט דיך דער שייך אָנגערופֿען? מיט אַ רוימישען נאָמען, דאַכט זיך?

— אַריוס, אַריוס׳עס אַ זון.

— דו ביסט דאָך אָבער ניט קיין רוימער.

— אַלע מיינע אָבות זיינען געווען ישראלים.

— זיינען געוועזן — זאָגסטו? הייסט עס, אַז קיינער פון זיי לעבט שוין ניט מער?

די פראַגע איז געווען פינקט אַזוי דעליקאַט, ווי פשוט. אָבער אילדערים האָט פאַרשפאָרט בן-חור׳ן די נייטיגקייט צו ענטפערן אויף איר.

— קומט — האָט ער אויסגערופען— די סעודה איז גרייט.

בן-חור האָט דערלאַנגט בלשאַצר׳ן די האַנט און האָט אים צוגעפירט צום טיש. זיי האָבען זיך לויט דעם אָריענטאַלישען מינהג איינגעזעצט אויף וואָלענע קאָלדרעס. די דינער האָבען געבראַכט וואַסער און האַנטיכער און זיי האָבען זיך געוואַשען די הענט.

דער טיש איז געווען רייך אויסגעשטעלט מיט די באַליבטסטע מאַכלים פון מזרח-לאַנד: קיכענס, אָקאָרשט פון אייזען, גרינס פון גאָרטען, פאַרשיידענע פלייש-געריכטען, מילך, האָניג און פוטער — אַלצדינג כיד-המלך. געגעסען האָט מען אָהן מעסערס, לעפעל, גאָפלען און טעלער. זיי זיינען געווען הונגעריג און האָבען ווייניג גערעדט. דער שמועס האָט זיך געפירט אויפ׳ן סירישען דיאַלעקט, וואָס איז געווען באַקאַנט אַלע פעלקער אין דעם טייל וועלט.

— נאָכ׳ן עסען זיינען אַלע אויפגעשטאַנען פון טיש און בלשאַצר האָט זיך אָפגערופען:

— גוטער שייך, מאָרגען אָדער איבערמאָרגען וועל איך פאָרען אין שטאָט. מיין טאָכטער וויל זעהן די הכנות צום טורניר. נאָר איך וועל זיך נאָך זעהן מיט אייך ביז מיין אָפפאָר. דערווייל אַ גוטע נאַכט! פריד צו אייך ביידען.

און ער איז אַרויס פון געצעלט, אַנגעלענט אויף אַ דינער.

אויף אילדערימס אַ צייכען, האָט איינער פון די קנעכט דער-לאַנגט בן-חורן זיינע שיך. ער האָט זיי אָנגעטאָן און איז אַרויס אין דרויסען.

נים וויים פון די געצעלטען, אויפ׳ן ברעג פון דער אָזערע, איז געשטאַנען אַ גרופע פאַלמעס, און אַהין האָט ער געווענדט זיינע

טריט. אַ נאַכטיגאַל האָט זיך צונאָסען מיט זיין ליבעס-ליד אין דער שטילער אָוועגט-לופט. פלוצלונג האָט זיך צו בן-חורס אייערן דערטראָגען אַ געזאַנג.

— אַ קול פון אַ פרוי צי פון אַ מלאך — האָט ער אַ טראַכט געטאָן.

די מעלאָדישע טענער פון אַ יונגער פרישער שטים זיינען געקומען אַלץ נעהענטער און נעהענטער. ס׳האָט זיך דערהערט אַ שטילער פּליעסק פון רודערס, און ס׳האָט זיך באַוויזן אַ שיפעל; דערין איז געזעסן די זינגערין. איר שטים האָט געשוועבט איבער דעם שטילען וואַסער-שפּיגעל ווי די קלאַנגען פון אַ פלייט. באַלד האָט מען געקאָנט שוין אונטערשיידען די ווערטער פון׳ם ליד, אינ׳ם ריינסטען גריכישען לשון. אַ גרויסע ליידענשאַפט און אַ טיפע בייגקשאַפט צום הייסען נילוס-לאַנד האָט געקלונגען אינ׳ם ליד.

דאָס שיפעל מיט דער זינגערין האָט זיך ווי אַ טונקעלער שאָטען דורכגעגליטשט פאַרביי דער פאַלמען-גרופע, און בן-חור האָט דערקאָנט בלשאַצר׳ס טאָכטער.

— ווי שיין איז דאָס ליד און ווי שיין זי איז אַליין! — האָט דער יונגער איד טיף אויפגעזיפצט. אין זיין זכרון איז אויפגעשטאַנען איר בילד: די גרויסע אויגען, האַלב פאַרשלייערט אונטער די אַראָפּגעלאָזטע ברעמען, די דאָזיגע, אָוואַלע באַקען, די פולע רויטע ליפען מיט די חן-גריבעלעך און דער גאַנצער גראַציע פון איר הויכער שלאַנקער פיגור.

— ווי שיין זי איז! — האָט ער איבערגעחזרט.

און זיין האַרץ האָט אָנגעהויבען צו קלאַפּען האַסטיגער.

אָבער אין דער אייגענער רגע איז פאַר זיין גייסטיגען אויג אַרויסגעשוואומען אַ אַנדער פנים — אַ יונגערס און פונקט אַזוי שיין — צאַרטער און קינדישער, ניט מיט אַזאַ ליידענשאַפטליכען אויסדרוק ווי די עגיפּטערין.

— אסתר! — האָט ער אַרויסגעמורמעלט מיט אַ שמייכעל.

ער האָט זיך אויסגעדרייט און האָט זיך לאַנגזאַם געלאָזט גיין צום געצעלט.

זיין לעבען איז ביז אהער אזוי אנגעזאפט געווען מיט צרות, יסורים און נקמה-געפילען, אז פאר ליבע איז קיין ארט אין זיין הארץ ניט געבליבען. איז דאס אבער איצט געקומען די צייט דערצו?

אבער וועלכע פון דיביידע געשטאלטען האט אים באהערשט? אסתר האט אים א בעבער דערלאנגט — און די עניפטערין איך. טא ווער זשע? וועלכע פון זיי ביידע?

סוף דריטער טייל.

# פערטער טייל

-קאפּיטעל איינס.

## די התראָה.

אויף מאָרגען נאָךְ דער אָרגיע אין זאַל פון דעם אינזעל-פּאַלאַץ אין אַנטיאָכיע האָבען זיךְ אויף די דיוואַנען געוואַלגערט די חברה יונגע פּאַטריציער, פֿאַרזונקען אין אַ טיפען שלאָף. מאַקסענציוס אַליין האָט געמעגט אָנקומען און דאָס פאָלק — אַרויסגיין אים מקבל פּנים זיין; פון באַרג סולפּיוס האָט געמעגט אַראָפּנידערן דער לעגיאָן אין פֿולען וואָפֿען-פּיץ, כדי צו באַגריסען דעם אייבערהאַר; די שענסטע פּאַראַדען האָט מען געמאָגט מאַכען, וואָס זאָלען מיט זייער גלאַנץ פֿאַרטונקלען אַלצדינג, וואָס דער פּראַכטליבענדיגער מזרח האָט ווען-עס-איז געהאַט געזעהן, — זיי וואָלטען אַלץ געבליבען ליגען אין זייער אומגעלומפּערטען שלאָף אין דיועלבינע פּאָזעס, אין וועלכע זיי זיינען צופאַלען פון שיכּרות אָדער אַוועקגעלייגט געוואָרען דורךְ די גלייכגילטיגע שקלאַפֿען. ס'האָט גאָרניט געקאָנט געמאָלט זיין, אַז זיי זאָלען זיךְ היינט קאָנען באַטיילינען אינ'ם פֿייערליכען קבלת-פּנים לכּבוד דעם קאָנסול.

פונדעסטוועגען האָבען ניט אַלע פֿון די, וואָס האָבען דורכגעמאַכט די באַקכאַנאַליע, זיךְ געפֿינען אין אַזאַ בושה'דיגער לאַגע. ווען דער שיין פון באַגינען האָט אַריינגעקוקט אין די דאַךְ-פּענסטער פון דעם זאַל, האָט מעסאַלע זיךְ אויפגעהויבען און האָט אַראָפּגענומען דעם קראַנץ פֿון קאָפּ — אַ צייכען, אַז דער יום-טוב איז געענדיגט. דערנאָךְ האָט ער זיךְ איינגעהילט אין זיין מאַנטעל, אַ וואָרף געטאָן אַ לעצטען בליק אויף די קרבנות פון באַקכוס,

וואָס זיינען געלעגן פאַר אים, און האָט זיך געלאָזט גיין צו זיין וואוינונג. ציצעראָן אַליין וואָלט ניט אַרויס פון אַ ביינאַכטיגער סע־נאַטאָרען־זיצונג מיט אַ ערנסטערן פּנים, ווי מעסאַלע האָט געהאַט, אַרויסגייענדיג פונ׳ם קערמישל.

אין דריי שעה אַרום זיינען אין זיין צימער אַריין צוויי קוריערען און יעדערער פון זיי האָט באַקומען פון זיין אייגענער האַנט אַ גוט־פאַרחתמעטען פּאַקעט מיט איין און דעמזעלבינגען אינהאַלט — אַ בריוו צו וואַלעריוס גראַטוס, וואָס איז נאָך אַלץ געווען פּראָ־קוראַטאָר אין קיסריה. איינער פון די קוריערען האָט געדאַרפט פאָרען מיט דער יבשה, דער אַנדערער — מיט׳ן ים; און אַיילען האָט מען זיי געהייסען מיט אַלע כּוחות. פון די דאָזיגע אַלע הכנות איז גרינג צו פאַרשטיין, ווי וויכטיג ס׳איז געווען פאַר מע־סאַלען, אַז זיין בריוו זאָל וואָס גיכער און זיכערער איבערגעגעבען ווערען אין דעם פּראָקוראַטאָרס הענט. אין בריוו איז געשטאַנען בזה־הלשון:

„אַנטיאָכיע, XII יולי.

„פון מעסאַלען צו גראַטוס׳ן.

„אָ מיין מידאַס!

„איך בעט דיך, נעם ניט פאַר אומגיט די דאָזיגע ווענדונג מיינע צו דיר, זעה דעריין נאָר אַ צייכען פון מיין ליבשאַפט און דאַנק־באַרקייט און די פאַרזיכערונג, אַז איך האַלט דיך פאַר איינעם פון די גרעסטע בר־מזל׳ס, און אַז דיינע אויערן זיינען אין פּראָפּאָרציע מיט דיין קערפּער.

„אָ מיין מידאַס!

„איך האָב דיר צו מעלדען אַ וואונדערליך נייס, וואָס איז נאָך, אמת, דערווייל געבויט מער ניט אויף השערות, אָבער ס׳וועט דיך בלתי־שום־ספק שטאַרק פאַראינטערעסירען.

„ערלויב מיר אַפריהער אויפצופרישען דיין זכרון. דו געדיינקסט נאָך מסתמא די פאַמיליע פונ׳ם אידישען פירשט בן־חור, וואָס האָט מיט אַ סך יאָרען צוריק געוואוינט אין ירושלים, פון אַלטען יחוס און רייך אָהן אַ שיעור. און טאָמער הינקט דיין זכרון אַ ביסעל אונטער, וועט דיר דער שראַם, וואָס געפינט זיך אויף דיין

קאָפּ, אויב איך האָב קיין טעות ניט, העלפען דיר זיך דערמאָנען דעם דאָזיגען נאָמען.

„אַלס שטראָף פֿאַרן אָנפאַל אויף דיין לעבען (הלוואי זאָלען די געטער אונז בייששטיין, אַז דער דאָזיגער אָנפאַל זאָל זיך קיינמאָל ניט אַרויסווייזען פאַר אַ פשוטען צופאַל!), האָט מען די פאַמיליע געכאַפּט און געטאָן מיט איר על־פּי יושר, און דעם פֿאַרמעגען אירען האָט מען קאָנפיסקירט. און היות ווי דאָס איז געשעהן מיט'ן הסכם פון אונזער צעזאַר, וועלכער איז געווען פונקט אַזוי גערעכטיג ווי קלוג — די בלומען זאָלען קיינמאָל ניט פאַרוועלקען אויף זיינע אַלטאַרען! — איז דאָך ניטאָ קיין שום חרפה אין דעם, וואָס מיר האָבען אָפּגעלעקט אַ ביינדעל פון יענער מעשה. און איך וועל קיינמאָל ניט אויפהערען צו דאַנקען דיך דערפאַר, סיידען דו זאָלסט — די בייזע שעה זאָל ניט זיין! — זיך אָפּזאָגען מיר אַרויסגעבען דעם חלק, וואָס קומט מיר לכל־הדעות!

„אויב דו געדיינקסט, האָבען מיר ביידע דערצאָלט באַשלאָסען, אַז כדי וואָס בעסער צו קומען צו אונזער ציל, מוזען מיר אַלע מיטגלידער פון דער פאַמיליע חור פאַרמאַכען אויף אַלעמאָל ס'מויל. און דעריבער האָט מען מיט זיי געטאָן אַזוי, אַז זיי זאָלען שוין קיינמאָל מער די וועלט ניט זעהן, הגם שטאַרבען האָבען זיי געדאַרפט מיט'ן אייגענעם טויט. דו האָסט נאָך מן־הסתם ניט פאַרגעסען, וואָס דו האָסט געטאָן צו דעם אָנפאַלערס מאַמע און שוועסטער, און פאַרלאָזענדיג זיך אויף דיין פריינדליכקייט, האָף איך, אַז דו וועסט אויף מיר קיין פֿאַראיבעל ניט האָבען, אויב איך וועל דיך פרעגען, צי לעבען זיי נאָך אָדער זיי זיינען שוין טויט?

„וואָס איז שייך דעם פאַרברעכער גופא, נעם איך מיר רשות דיר צו דערמאָנען, אַז ער איז פאַרשיקט געוואָרען אויף זיין לעבען לאַנג אויף די גאַלערעס. די מעשה, וואָס איך האָב דיר בדעה צו דערציילען, וועט דיר פֿאָרקומען נאָך מער אומגלויבליך, ווען איך וועל מוסיף זיין, אַז איך האָב אַליין געלייענט דעם שריפטליכען באַפעל וועגען דעם.

„און אַצינד, מיין ליבהאַרציגער פריגיער, הער מיט קאָפּ!

„נעמענדיג אין אַכט, אַז אַ פאַרמשפּטער קאָן אויסהאַלטען אויף־

דער גאַלערע העכסטענס אַ יאָר, בין איך געווען אַלץ היימט זיבער, אַז דער אַנפֿאַלער אויף דיין לעבען איז שוין לכל־הפחות מיט פינף יאָר צוריק געשטאָרבען אָדער, בעסער געזאָגט, חתונה געהאַט מיט איינער פון די דריי טויזענט אָקעאַנידען; און אַזוי ווי ער איז באמת געווען זעהר אַ שיינער יונג — קינדוויז פלעג איך אים רופען מיין גאַנימעד! — האָט ער על־פּי־יושר טאַקע געמעגט אַריינפאַלען צו דער שענסטער ים־טאָכטער אין די אַרעמס! פעסט איבערצייגט אין זיין טויט, האָב איך די גאַנצע פינף יאָר מיר רוהיג געלאָזט וואוילגיין אויפ׳ן חשבון פונ׳ם פאַרמעגען, וואָס אין אַ געוויסען גראַד האָב איך עס געהאַט אים צו פאַרדאַנקען! דערמיט מיין איך ניט חס־וחלילה צו פאַרמינערן די דאַנקבאַרקייט, וואָס איך בין שולדיג דיר, דו רעכטפאַרטיגסטער און צאַרטפילענדיגסטער פון אַלע מענשען!

„און איצט קום איך צו צום עיקר.

„די לעצטע נאַכט, אויף אַ סעודה לכבוד אַ חברה נאָר־וואָס אָנגעקומענע יונגע רוימער, אויף וועלכער איך בין געווען דער ראש, האָב איך דערהערט אַ מאָדנע געשיכטע. ווי דיר איז באַוואוסט, קומט היינט אַהער אָן דער קאָנסיל מאַקסענציוס, אַרויסצוגיין אין מלחמה קעגען די פּרתּים. צווישען די כבוד־זוכענדיגע יונגע־לייט, וואָס באַגלייטען אים, געפינט זיך אַ זון פון דעם פאַרשטאָרבענעם דואומוויר קווינטוס אַריוס. איך האָב געהאַט די געלעגענהייט צו דערגיין אַקוראַט די געשיכטע פון דעם דאָזיגען יונגען מאַן. בשעת אַריוס האָט זיך געהאַט נעלאָזט נאָכיאָגען די פיראַטען — וואָס פאַר׳ן פאַרטיליגען זיי איז ער נתעלה געוואָרען צום דואומוויר — האָט ער ניט געהאַט קיין פאַמיליע; אַז ער האָט זיך אָבער אומגעקערט אַהיים פון זיין ניצחונדיגער עקספּעדיציע, האָט ער געבראַכט מיט זיך אַ יורש. לאָזט זיך אויס, אַז דער זון און דער יורש פון קווינטוס אַריוס איז דער זעלביגער בן־חור, וועלכען דו האָסט פאַרשיקט אויף די גאַלערעס, דער זעלביגער בן־חור, וואָס האָט שוין פאַר פינף יאָרען געזאָלט שטאַרבען ביי זיין רודער. ער האָט זיך צוריקגעקערט אַ רייכער חשובער מאַן, און אפשר גאָר אַלס רוימישער בירגער... מילא דו האָסט זיך קנאַפּ־וואָס צו באַ-

אומרוהיגנען, דיין לאַנגע איז גענוג פעסט; אָבער איך, אָ מיין מידאַס! איך בין אין גרויס סכנה! וואָסער סכנה, דאַרף איך דיר ניט גיין דערציילען. ווער ווייס עס נאָך אַזוי גוט ווי דו?

„תּעסטו אפשר אויף דעם אַלעם זאָגן: „עט, ווייס איך וואָס!...“ מוז איך נאָך מערען רייד.

„בשעת אַריוס, דער אַדאָפּטיווער טאַטע פונ׳ם דאָזיגן נעשפּענסט, וואָס האָט זיך ווידער אַרויסגעריסען פון די אָרימס פון די אָקעאַנידען, האָט געקעמפט מיט די ים־רויבער, איז זיין שיף אַראָפּ צום גרונד און פונ׳ם גאַנצען עקיפּאַזש האָבען זיך געראַטעוועט ניט מער ווי צוויי — אַריוס אַליין און אָט דער דאָזיגער יורש זיינער.

„די שיפסלייט, וואָס האָבען זיי אַראָפּגענומען פון דער ברעט, אויף וועלכער זיי האָבען זיך געטראָגען איבער די ים־אינדען, זאָגען, אַז דעם גליקליכען טריבונס חבר איז געוועזען אַ יונגער מאַן און בשעת מ׳האָט אים אַרויפגעצויגען אויפ׳ן שיף, האָט ער געטראָגען אויף זיך די קליידער פון אַ רודער־שקלאַף.

„אין דעם איז כמעט ניטאָ קיין שום ספק. כדי אָבער דו זאָלסט ווידער ניט זאָגען: „עט, ווייס איך וואָס!“ קום איך דיר צו מעלדען, אָ מיין מידאַס, אַז דורך אַ מזלדיגען צופאַל — איך בין באמת שולדיג פאַר אים אַ קרבן פאָרטונען — האָב איך נעכטען געזעהן אַריוסעס געהיימניספולען זון פנים־אל־פנים, און הגם איך האָב אים לכתחילה ניט דערקאָנט, דאָך ערקלער איך בפרט׳ער, אַז דאָס איז טאַקע בן־חור, דער אייגענער בן־חור, וואָס איז יאָרענלאַנג געווען מיין שפּיל־חבר; דער אייגענער בן־חור, וואָס אויב ער איז נאָר אַ מאַן, מעג זיין אַפילו דער שפלדיגסטער — מוז ער איצט טראַכטען נאָר פון נקמה; נקמה פאַר זיין פאָטערלאַנד, נקמה פאַר זיין מאַמען און שוועסטער, נקמה פאַר זיך אַליין און — ועל־כולם — נקמה פאַר זיין פאַרלאָרענעם פאַרמעגען.

„און אַצינד, מיין איידעלער בעל־טובה און פריינד, מיין גראַטוס! — איך הער דיך שוין אויף צו רופען מיט דעם נאָמען פונ׳ם נאַרישען פריגישין קיניג — אַצינד, וויבאַלד דיינע סעסטערציעס זיינען אין סכנה און פאַרלירען זיי וואָלט פאַר אַזאַ הויכ-

געשטעלטען לייט, ווי דו ביסט, זיין דער שווערסטער קלאַפּ, נאָכדעם ווי דו וועסט האָבען איבערגעלייענט דאָס אַלץ, בין איך משער, אַז דיין ביטול-שמייכעל וועט פאַרשווינדען פון דיין פּנים און דו וועסט אָנהייבען צו זוכען תחבולות, וואָס צו טאָן קעגען אַזאַ דרינגענדער סכנה.

„ס'וואָלט געווען אומפּאַסיג צו פרעגען דיך, וואָס זאָל איצט זיין. אדרבה, איך שטעל זיך אַצינד אונטער דיין שוץ, בעסער געזאָגט — איך ערקלער דיך אַצינד פאַר מיין אוליסעס, וואָס אויף דיר ליגט דער חוב צו געבען מיר אַ גוטער עצה.

„איך האָב הנאָה פאָרצושטעלען דיך, ווי דו באַקימסט דעם דאָזיגען בריוו. איך זעה דיך, ווי דו לייענסט איינמאָל — און דיין פּנים ווערט ערנסט; דאַן לויפסטו אים נאָך אַ מאָל דורך, אָבער שוין מיט אַ שמייכעל; דיין קוויינקלען זיך איז אַריבער, דער באַשלוס איז פאַרטיג — וואָס פֿאַר אַ באַשלוס ווייס איך ניט, אָבער אַז אין אים שטעקט די חכמה פון מערקור און די אַנטשלאָסענקייט פון צעזאַר — אין דעם בין איך זיכער.

„די זון איז שוין אויפגעגאַנגען. אין אַ שעה אַרום וועלען פֿון מיין הויז אַרויסגיין צוויי שלוחים, יעדערער מיט אַ פֿאַרחתמעטער קאָפּיע פֿונ'ם דאָזיגען בריוו. איין שליח פאָרט מיט דער יבשה, דער אַנדערער — מיט'ן ים. אַזוי וויכטיג איז פֿאַר מיר וואָס גיכער און וואָס גענויער דיר מודיע צו זיין, אַז אונזער ביידענס פיינד איז ווידער נתגלה געוואָרען אין דעם דאָזיגען טייל פֿון דער רוימישער וועלט.

„אויף דיין תשובה וועל איך וואַרטען דאָ, אין אַנטיאָכיע.

„בן-חור וועט געוויינטליך זיך געפינען דאָרטען, וואו זיין האַר איז, דער קאָנסול. ווי מאַקסענציוס זאָל זיך אָבער ניט אײלען, וועט ער פריהער ווי אין אַ חודש פאָרט ניט פאַרטיג ווערען מיט די הכנות. דו ווייסט דאָך, וואָס פאַר אַ מין אַרבעט ס'איז צונויפזאַמלען אַ חיל און אויסריכטען עס מיט אַלעם נייטיגען, וואָס פאָדערט זיך צו אַ מלחמה אין אַ וויכט לאַנד אָהן שטעט.

„איך האָב נעכטען געזעהן דעם אידען אין דאַפנעס וואַלד; און טאָמער איז ער איצט ניטאָ דאָרטען, געפינט ער זיך מסתמא

ערגעץ אין דער נאָהענט, אַזוי אַז מיר וועט זיין גרינג צו האָבען אים אויפ'ן אויג. ווען דו זאָלסט מיך געוועזען פרעגען, וואו פֿאָרט איז ער איצט, וואָלט איך דיר געענטפערט אויף זיכער, אַז מ'קאָן אים געפֿינען אין אַלטען פֿאַלמען־וואַלד, אין געצעלט פון שייך אילדערים, דעם בוגד, וואָס וועט זיך שוין משמעות נִיט קיין סך קאָנען אַרויסדרייען פֿון אונזער שטאַרקער האַנט. זאָלסט זיך נִיט חידושען, אויב מאַקסענציוסעס ערשטע הכנה צו דער מלחמה וועט זיין — אַוועקצוזעצען דעם אַראַבער אויף אַ שיף און אָפּשיקען אים קיין רוים.

„איך בין דערפֿאַר אַזוי מאַריך וועגען דעם מקום, וואו דער איד האַלט זיך אויף, ווייל פֿאַר דיר, דערלויכטעסטיגער גראַטוס, דאַרף עס זיין זעהר וויכטיג ביים באַשליסען, וואָס פֿאַר אַ מיטלען מ'דאַרף קעגען אים אָנגעמען. איך בין מיט'ן אייגענעם שׂכל דערגאַנגען (און האַלט, אַז דורכדעם איז מיין חכמה גרעסער געוואָרען), דאָס ביי יעדען פּלאַן, ביי יעדען ענין מוז מען האָבען אין זינען דריי פֿאַקטאָרען — ו ע ן, ו ו א ו און ו ו י אַ ז ו י.

„אויב דו האַלסט, אַז אַנטיאָכיע איז דער אָרט, דאַן מאַך גאָר קיין שיהיות נִיט און גיב דעם ענין איבער מיר, דיין איבערגעגעבענסטען פריינד און פֿייאיגסטען תלמיד.

מעסאַלע".

קאפיטעל צוויי.

## די הכנות צום טורניר.

אין דער אייגענער שעה, וואָס די שלוחים זיינען אַרויס פון מעסאַלעס הויז מיט די פאַרחתמעטע בריוו, איז בן-חור אַריין אין אילדערימס געצעלט. ס'איז נאָך געווען זעהר פריה, אָבער ער האָט זיך שוין געהאַט אויסגעבאָדען אין דער אָזערע און אָפּגענע־סען אָנבייסען. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ טוניקע אָהן אַרבעל, וואָס האָט אים געגרייכט קאָם ביז צו די קניה.

דער שייך האָט אים באַגריסט פון דיוואַן.

— פריד צו דיר, אַריוסעס זון! — האָט ער געזאָגט, באַטראַכ־טענדיג מיט התפּעלות דעם יונגען אידען. אים איז נאָך קיינמאָל ניט אויסגעקומען צו זעהן קיין האַרמאָנישער בילד פון בליהענ־דיגער, קראַפּטפולער, זעלבסט-באַוואוסטער מעגליכקייט — די פּערד זיינען גרייט, דאָסגלייכען איך אויך. נו, און דו?

— איך דאַנק דיר פאַר דיין פריינדשאַפט, גוטער שייך. איך בין גרייט.

אילדערים האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט:

— איך וועל הייסען אַריינפירען די פּערד.

— זיי זיינען שוין געשפּאַנט? — האָט בן-חור געפרעגט.

— ניין.

— טו לאָז, איך וועל עס אַליין שוין באַזאָרגען. ס'איז דורכ־אויס נייטיג, אַז מיר, דאָס הייסט דיינע אַראַבער און איך, זאָלען באַקאָנט ווערען איינער מיט'ן אַנדערן. איך מוז וויסען זייערע

נעמען, כדי צו קאָנען רופען יעדען באַזונדער, איך דאַרף קענען זייער כאַראַקטער, דען זיי זיינען דאָך אַזוי ווי די מענשען. טאָמער זיינען זיי צו היציג, מוז מען זיין שטריינג, טאָמער זיינען זיי צוריקגעהאַלטען, מוז מען זיי צערטלען און אויפמונטערן, הייס די דינער ברייגגען די רימענס.

— און דעם וואָגען אויך? — האָט דער שייך געפרעגט.

— ניין, דעם וואָגען דארף איך היינט ניט. אויב דו האָסט, הייס בעסער ברייגגען אַ פינפטען פערד, וואָס לאָזט זיך רייטען אָהן אַ זאָטעל און קאָן פונקט אַזוי גוט לויפען ווי דיינע יענע פיר.

אילדערים איז געוואָרען העכסט נייגעריג; ער האָט תיכּף אַ רוף געטאָן אַ דינער און האָט באַפוילען:

— דאָס געשפאַן פאַר די פיר פערד זאָל געבראַכט ווערען און דער צוים פאַר סיריוס'ן.

מיט די ווערטער האָט ער זיך אויפגעהויבען פון דיוואַן.

— סיריוס איז מיין ליבלינג און ער האָט מיך אויך האָלט, זין פון אריוס. צייט צוואַנציג יאָר זיינען מיר הבירים — אין געצעלט, אין שלאַכט, אין דער מדבר. תמיד זיינען מיר געווען אינאיינעם. קום איך וועל דיר אים ווייזען.

ער האָט אָפגעשארצט דעם פאָרהאַנג און האָט דורכגעלאָזט בן-חור'ן אין דער צווייטער אָפטיילונג פון געצעלט. אַלע פערד זיינען צוגעגאַנגען צום שייך. איינער פון זיי, מיט אַ קליינעם קאָפּ, מיט פייערדיגע אויגען, מיט אַ אויסגעבויגענעם האַלז, אַזוי ווי אַ אָנגעצויגענער פיילענבויגען, און מיט אַ געזונטער ברייטער ברוסט, איבער וועלכער ס'איז אַראָפּגעפאַלען אַ געדיכטע גריווע, אַ ווייכע און אַ געקרויזטע ווי פרויען-האָר, האט זיך מלא-שמחה שטיל צוהירושעט, דערזעהענדיג זיין בעל-הבית.

— גוט מאָרגען דיר מיין בראַוער פערד! — האָט דער שייך געזאָגט, גלעטענדיג מיט ליבשאַפט זיין טונקעל-ברוינע פעל. און ווענדענדיג זיך צו בן-חור'ן האָט ער צוגעגעבען: — דאָס איז סיריוס, דער טאַטע פון די פיר. מיראַ, די מאַמע וואַרט אין דער היים אויף אונזער צוריקקומען. זי איז מיר צו טייער, אַז איך זאָל ריזיקירען צו ברייגגען זי אַהער אין דער דאָזיגער געגענט, וואו

ס'הערשט אַ שטאַרקערע האַנט ווידער מײַנע. אַגב האָב איך שטאַרקט מורא—האָט ער צוגעגעבן מיט אַ שמייכעל—איך האָב שטאַרק מורא, דו זון פון אַריוס, אַז דער שבט אונזערער זאָל זיך קאָנען שיידען מיט איר. זי איז זייער כבוד און שטאָלץ: אַלע פאַרערען זי, אַלע וואָלטען זיך מיט פרייד געוואָרפען אונטער אירע קאָפּיטעס. צעהן טויזענט רייטער, זין פון דער מדבר, פרעגען ביי מיר: „וואָס מאַכט מיראַ?“ און באַקומענדיג די תשובה, אַז זי איז געזונט, רופען זיי אויס: „געלויבט איז גאָט! געבענטשט איז גאָט!“

— מיראַ, סיריוס! דאָס זיינען דאָך נעמען פון שטערן, שייך?— האָט בן־חור געפרעגט, איז צוגעגאַנגען צו די פערד און האָט אויסגעשטרעקט צוּ[illegible]יעדערן די האַנט.

— נו, איז וואָס? — האָט אילדערים געענטפערט — האָסט ווען פאַרבראַכט אַ נאַכט אין דער מדבר?

— ניין.

— אויב אַזוי, קאָנסטו ניט וויסען וואָס פאַר אַ שליטה די שטערען האָבען אויף די אַראַבער. פאַר דאנקבאַרקייט נעמען מיר ביי זיי איבער די נעמען זייערע און גיבען זיי אונזערע באַליבטסטע פערד. אַלע מיינע עלטערזיידעס האָבען געהאַט זייערע מירעס, פונקט ווי איך; און אָט די דאָזיגע, די קינדער אירע, זיינען אויך אַ גאָמען נאָך שטערן. אָן יענער דאָרטען איז ר י ג ע ל און דאָס איז אַ נ ט אַ ר ע ס; אָט דער איז אַ ט אַ א י ר און אָט דער וואָס די שטייסט איצט לעבען אים, איז אַ ל ד ע ב אַ ר אַ ן, דער אינגסטער אין דער משפחה, אָבער פונדעסטוועגען ווייט ניט דער ערגסטער. אָ ניין! קענען ווינט ווער ער דיך טראָגען, אַז ס'וועט דיר אָנהייבען צו רוישען אין די אויערן, ער וועט פאָלגען דיין יעטווידער באַפעל, זון פון אַריוס. אָ, איך שווער ביי דער גרויסקייט פון שלמה המלך — אַז אַפילו אין דעם פיסק פון אַ לייב וועט ער דיך טראָגען, אויב נאָר דו וועסט זיך דערוועגען דערצו.

מ'האָט געבראַכט דאָס געשפאַן. בן־חור האָט אַליין אָנגעזאָטעלט די פערד, אַליין אַרויסגעפירט זיי פון געצעלט און זיי אָנגעטאָן דאָס צייטעל.

— ברייגנגט מיר סיריוס'ן — האָט ער געזאָגט.

אַפֿילו אַ געבוירענער אַראַבער וואָלט בריה׳שער ניט אַרויפֿגעשפּרונגען אײפ׳ן יאָנג-פֿערדס רוקען.

— איצט דאָס צײ׳מעל אַהער!

ס׳האָט עס אים דערלאַנגט און ער האָט עס מיט נדוים גענימשאַפּט צורעכט געמאַכט.

— גוטער שײך! — האָט ער געזאָגט — איך בין פֿאַרטיג. לאָז אימיצער אַרויספֿאָרען אויף צופֿריהער מיר ווײזען דעם וועג אין פֿעלד אַרײן און שיק עטליכע פֿון דײנע מענשען מיט וואַסער אַרויס.

דער אַרויספֿאָר איז צוגעגאַנגען כשורה. די פֿערד האָבען זיך ניט געשראָקען. צווישען זײ און זײער נײעם אָנטרײבער האָט זיך קאָנטינג שוין אײנגעשטעלט אַ שטומער הסכם. בן-חורס רוהיגע זיכערקײט האָט משמעות געוואונען די פֿערדס צוטרוי. ער האָט זײ געשפּאַנט אין דעם אײגענעם סדר, ווי אין רײטוואָגען, נאָר אַנשטאָט צו שטײן אין וואָגען, איז ער געזעסען רײטענדיג אויף סיריוס׳ן. אילדערים האָט געקליבען נחת. מיט אַ צופֿרידענעם שמײכעל האָט ער זיך געגלעט די באָרד און געמורמעלט: „נײן. ער איז ניט קײן רוימער, איך שווער בײ גאָט, אַז ניט!" ער איז נאָכגעגאַנגען צופֿוס, און אַלע אײנוואוינער פֿונ׳ם דערפֿעל — מאַנסביל, ווײבער, קינדער — האָבען אים באַלײט, אַלע פֿול מיט דערעלבינגער אומרוהיגקײט און זאָרג, אָבער אָהן דעם בטחון פֿון זײער האַר.

דאָס פֿעלד איז געוועזן גענוג ברײט און האָט זיך ניט געפּאַסט פֿאַר די פֿאָר-פּראָבעס. בן-חור האָט צוערשט געלאָזט לויפֿען די פֿערד פּאַמעליך און אין אַ גלײכער ליניע, און דאַן — אין אַלץ ברײטערע קרײזען. דערנאָך האָט ער זײ געלאָזט לויפֿען גיך-גיך און אָנטרײבענדיג זײן פֿערד וואָס אַמאָל שטאַרקער, האָט ער זײ געצוואונגען צו יאָגען גאַלאָפּ. אויסגעמושטירט זײ, האָט ער אײנגער געמאַכט די קרײזען, און צום סוף האָט ער אָנגעהויבען צו טרײבען די פֿערד דאָ אַהער, דאָ אַהין, פֿאָראויס, רעכטס, לינקס — אָהן אַ אויפֿהער. אָפּגעפֿאָרען אַזוי אַ שעה צײט, האָט ער אײנגעהאַלטען די פֿערד און איז טריט-בײ-טריט צוגעפֿאָרען צו אילדערימען.

— דער עיקר אַרבעט איז אָפּגעטאָן — האָט ער געזאָגט — אַצינד דאַרף מען זיך נאָר אַיינאיבען. דיר קומט מזל-טוב, שיִיךְ אילדערים, וואָס דו האָסט אַזעלכע דינער ווי אָט די דאָזיגע. גיב נאָר אַ קוק—האָט ער צוגעגעבן, אַראָפּשטייגענדיג פון זיין פערד— קיין פלעק איז ניטאָ אויפ׳ן גלאַנץ פון זייער רויט-ברוינער פעל; זיי עטעמען פונקט אַזוי גרינג ווי ביים אָנהייב גאַנג. יע, דיר קומט מזל-טוב, און ס׳וואָלט געווען אַ גרויסע חרפה — ער האָט אָנגע-שמעלט זיינע פייערדיגע אויגען אויף דעם זקנ׳ס פנים — מיט אַזעלכע פערד ניט מנצח צו זיין און ניט...

ער איז פּלוצלונג אַנטשוויגען געוואָרען און רויט ווערענדיג זיך פאַרנייגט. ערשט איצט האָט ער לעבען שיִיךְ באַמערקט בלשאַצר׳ן, וואָס איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויף זיין שטעקען, און לעבען אים צוויי פאַרשלייערטע פרויען. איינקוקענדיג זיך אַ צווייט מאָל אין זיי, האָט ער איינע פון זיי דערקאָנט. דאָס האַרץ האָט אים אָנגע-הויבען צו קלאַפּען: דאָס איז זי — די מיצרית!”

אילדערים האָט שטיל דערזאָגט די נים פאַרענדיגטע פראַזע זיינע:

— ... נקמה צו נעמען אן דעם שונא!

און הויךְ אויפ׳ן קול האָט ער צוגעגעבן:

— איך האָב ניט קיין מורא. איך בין פול מיט ביטחון. זון פון אַריוס, דו ביסט דער מאַן, וועלכען איך דאַרף האָבען. אויב דער סוף וועט זיין פונקט אַזאַ ווי דער אָנהייב, וועסטו שוין זעהן, ווי גרויס ס׳איז דער שכר פון אַ אַראַבער, וואָס האָט די מיטלען צו באַלוינען די, וואָס האָבען עם פאַרדינט.

— איך דאַנק דיר, איידעלער שיִיךְ! — האָט בן-חור מיט עניווה געענטפערט. — לאָז מען ברייגגען וואַסער פאַר די פערד.

מיט דער אייגענער האַנט האָט ער דערלאַנגט די פערד צו טרינקען.

נאָך דעם איז ער ווידער אַרויפגעשפּרונגען אויף סיריוס׳ן און האָט איבעראַניים אָנגעהויבען די איבונגען; אַזוי ווי פריהער איז ער אַריבער פון טריט צו געלאַפּ, פון געלאַף צו גאַלאָפּ, און ביס-לעכווייז האָט ער ענדליךְ אַ לאָז געטאָן די אומערמידליכע לויפערס אין גאַנצען קאַריער. דער אינטערעס פון די צוקוקער איז גע-

װאַקסען װאָס פון רגע. זיי האָבען באַװאונדערט סיי די בריהשאַפט, מיט װעלכער דער אָנטרייבער האָט געקירעװעט די פּערד, סיי די װאונדערליכע אויסגעהאַלטענקייט פון די אַראַבער, װאָס זיינען גע־לאָפען אין שטענדיגען הסכם מיט דער האַנט, װאָס האָט זיי גע־קירעװעט. זייערע באַװעגונגען זיינען געװען פול האַרמאָניע, קראַפט און חן און קיין סימן פון אָנשטריינגונג האָט זיך אין זיי ניט גע־מערקט; ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז די פערד טראָגען זיך ניט װייל מ׳טרייבט זיי, נאָר פונ׳ם איגענעם װילען. אין זייער לויף איז ניט געװען קיין שום פגימה, אַזוי װי ס׳איז ניטאָ קיין פגימה אין דעם פליהען פון די שװאַלבען, װאָס קערען זיך פאַרנאַכט אום אַהיים.

אין רעכטען ברען פון די איבונגען, װען די התפעלות פון די צוקוקער האָט דערגרייכט די העכסטע מדריגה, האָט זיך איפ׳ן פעלד געװיזען מלוך און איז צוגעגאַנגען צום שייך.

— איך האָב צו דיר אַ שליחות, שייך! — האָט ער געזאָגט, װי נאָר ער האָט באַמערקט, אַז ער מעג איבעררייסען אַ רגע דעם שפּאַנענדיגען ספּעקטאַקעל — אַ שליחות פון סימאָנידעס דעם סוחר.

— פון סימאָנידעס׳ן! — האָט דער אַראַבער אויסגערופען — אָ, דאָס איז גוט! הלװאַי זאָל אבדון פאַרלענדען אַלע זיינע שונאים!

— קודם-כל האָט ער מיר אָנגעזאָגט איבערצוגעבען דיר זיין האַרציגסטען שלום-עליכם — האָט מלוך פאָרגעזעצט — און דאַן — אָט דעם דאָזיגען בריװ מיט דער בקשה, אים איבערצולייענען תיכף-ומיד.

אילדערים האָט גלייך איפּגעבראָכען די חתימה פונ׳ם פּאַקעט, װאָס מלוך האָט אים דערלאַנגט, און פון אַ זעקעלע פונ׳ם דינסטען לייװענט האָט ער אַרויסגענומען צװיי בריװ. ער האָט זיך גלייך גענומען זיי לייענען.

בריװ נומער איינס:

„סימאָנידעס צום שייך אילדערים.

„אָ, פריינד מיינער!

„ראשית-כל זיי װיסען, אַז דו פאַרנעמסט אַ אָרט אין די סאַמע טיפענישען פון מיין האַרץ.

„און דערנאָך אָט וואָס:

„ביי דיר געפינט זיך אצינד אַ בחור, שיין פון געשטאַלט, וואָס רופט זיך אריוסטעס אַ זון; און ער איז עס טאַקע, אָבער אַ אַדאָפּטירטער.

„ער איז מיר זעהר טייער.

„זיין געשיכטע איז זעהר אַ אויסטערלישע. קום צו מיר היינט אָדער מאָרגען, וועל איך זי דיר דערציילען, און וועל זיך מיט דיר מיישב זיין.

„דערחיילע טו אַלע פּאַרלאַנגען זיינע, אויב נאָר זיי וועינען ניט קעגען דער ערע. טאָמער וועט דאָס דאַרפֿען קאָסטען הוצאות, בין איך זיך מתחייב צו נעמען זיי אויף זיך.

„זאָלסט קיינעם ניט זאָגען, אַז איך אינטערעסיר זיך מיט'ן בחור.

„איך לאָז געריסען בלשצר'ן מיט זיין טאָכטער און אַלע דייניגע און פֿאַרבעט אויך אַלעמען אינ'ם טאָג פון טורניר אין צירק אַריין. איך האָב שיין געדונגען ערטער.

„שלום צו דיר און צו דיין גאַנצע הויז.

„וואָס דען אנדערש קאָן איך זיין, אָ פריינד מיינער, אַז ניט דיין פריינד?

סימאָנידעס".

בריוו נומער צוויי.

„סימאָנידעס צום שייך אילדערים.

„אָ פֿריינד!

„פֿון דער שפּע ערפאַרונגען מיינע שיק איך דיר אַ בשורה.

„פֿאַראַן זאַכען, וואָס אַלע ניט-רוימער, וועלכע האָבען געלט אָדער גוטס, זעהען אין זיי אַ מין התראה: איינע פון אַזעלכע זאַכען איז דער אָנקום פון אַ רוימער, וואָס פֿאַרנעמט אַ הויכען פּאָסטען און איז באַקליידט מיט גרויס מאַכט.

„היינט קומט אַהער אָן דער קאָנסול מאַקסענציוס.

„זיי-זשע פּאָרזיכטיג! וואָרום דו האָסט רייכע גיטער.

„שיק תיכף-ומיד אָנזאָגען דיינע טרייע שומרים אויף די וועגען, וועלכע פירען פון אַנטיאָכיע צו דרום-זייט, אַז זיי זאָלען גוט אַרומזוכען יעטווידער קיריער, וואָס איילט אַהין אָדער צוריק. טאָמער

געפֿינען זיי בײַ אימיצען אַ כּתב, וואָס האָט אַ שײַכות צו דיר אָדער צו דײַנע עסקים, מוזטו אים איבערלייענען.

„דעם דאָזיגען בריוו האָסטו אײַנגענטליך נאָך נעכטען באַדאַרפֿט קריגען, פֿונדעסטוועגען איז נאָך איצט אויך ניט צו שפּעט, אויב נאָר דו וועסט תיכף-ומיד אָננעמען מיטלען.

„טאָמער זײַנען שוין היינט פֿריה אָפּגעגאַנגען קוריערען פֿון אַנטיאָכיע, קאָנען דײַנע מענשען, וואָס זײַנען גוט באַקאַנט מיט די אַרומיגע וועגעלאַך, זיי אָניאָגען און איבערנעמען.

„מאַך־זשע ניט קיין שיהיות.

„דעם דאָזיגען בריוו זאָלסטו נאָכ'ן איבערלייענען פֿאַרברענען.

„מײַן פֿרײַנד, איך בין אויף אַלעמאָל דײַן פֿרײַנד.

סימאָנידעס“.

איבערגעלייענט די בריוו אַ צווייט מאָל, האָט אילדערים זיי אײַנגעוויקעלט צוריק און פֿאַרשטעקט דאָס פּעקעלע אין גאַרטעל.

באַלד נאָך דעם האָבען די איבונגען אויפ'ן פֿעלד זיך געענדיגט. בסך־הכּל האָבען זיי אָנגענומען אַ שעה צוויי. צום סוף האָט בן־חור פֿאַרקערעוועט די פֿערד און איז טריט בײַ טריט צוגעפֿאָרען צו אילדערימען.

— מיט דײַן ערלויבעניש, שייך — האָט ער געזאָגט — וועל איך די אַראַבער אַצינד אָפּפֿירען צוריק אין געצעלט אַרײַן, און נאָך וואַרמעס וועל איך זיי ווידער אַרויספֿירען אַ ביסעל.

בן־חור איז נאָך געזעסען רײַטענדיג אויף סיריוס'ן. אילדערים איז צו אים צוגעגאַנגען און האָט געזאָגט:

איך גיב זיי דיר אָפּ אין דײַן רשות, זון פֿון אַריוס, ביז נאָכ'ן טורניר; טוט מיט זיי, וואָס דיר געפֿעלט. פֿאַר די צוויי שעה האָסטו מיט זיי אויפֿגעטאָן מער ווי אַ רוימער, — שאַקאַלען זאָלען זײַנע ביינער עסען! — וואָלט ניט אויפֿגעטאָן פֿאַר צוויי וואָכען. מיר וועלען מנצח זײַן, ווי איך בין אילדערים, אַז מיר וועלען מנצח זײַן.

בן־חור איז געבליבען אין געצעלט בײַ די פֿערד, ביז מ'האָט זיי ניט באַזאָרגט; דערנאָך האָט ער זיך אויסגעבאָדען אין אָזערע און אויסגעטרונקען אַ גלעזעל ווײַן מיט'ן שייך, וואָס דער כּוח־הדמיון זײַנער האָט זיך צושפּילט גאָר סכּנות. דאַן האָט ער זיך

ווידער איבערגעטאָן אין זיינע אידישע מלבושים, און איז מיט מלוכ'ן אַרויס אַ ווײַלע שפּאַצירען אינ'ם שאָטען פֿון די פּאַלמען.

זיי האָבען לאַנג געשמועסט וועגען אַ סך זאַכען. דערנאָך האָט בן-חור געזאָגט:

— איך וועל דיר געבען אַ צעטעלע, מ'זאָל דיר אָפּגעבען מיין געפּעק אין דער אַגענציה אויפ'ן ברעג טייך ביי דער בריק פון די סעלעווקידען. אויב דו קאָנסט, ברייננג עס מיר נאָך היינט אַהערצו. און נאָך עפּעס וויל איך דיך בעטען, גוטער מלוך, אויב דאָס איז פאַר דיר ניט קיין צו גרויסע טירחה...

מלוך האָט אים מיט היץ פאַרזיכערט אין זיין גרייטשאַפֿט אים צו דינען.

— איך דאַנק דיר מלוך — האָט בן-חור געזאָגט — איך דאַנק דיר זעהר, און כאַפּ דיר ביי דיין וואָרט. מיר זיינען דאָך פֿאָרט עפּעס ברידער פונ'ם איינענעם אַלטען שבט, און אונזער שונא איז אַ רוימער. קודם-כל בין איך אַ פּראַקטישער מענש. דעם שייך איל-דערים האַלט איך ניט פאַר אַזעלכען...

— די אַראַבער זיינען זעלטען פּראַקטיש — האָט מלוך ערנסט אַ זאָג געטאָן.

—דאָס הייסט ניט, אַז איך לייקען אין זייער כיטרעקייט, מלוך. פֿונדעסטוועגען שאַדט ניט צו זיין אויף דער וואַך. און ס'וואָלט מיך זעהר באַרוהיגט, ווען דו וואָלסט אַוועק אין צירק, כדי זיך אַליין צו איבערצייגען, צי האָט אילדערים ערפילט אַלע תּנאים און תּקנות, וואָס זיינען שייך צום טורניר; אַ ניט קאָן מען נאָך אונז חלילה אין לעצטען אויגענבליק לייגען מניעות אין וועג. ס'וואָלט געווען זעהר גוט, ווען דו וואָלסט מיר געקאָנט איינשאַפען אַ קאָ-פּיע פון די צירק-תּקנות; דאָס וואָלט מיר שטאַרק צו ניץ געקו-מען. אויך וואָלט איך וועלען וויסען, וואָסערע פאַרבען כ'וועל טראָגען; דער עיקר אָבער מוז איך וויסען דעם נומער פון דעם שטאַל, פון וואַנען איך וועל דאַרפֿען אַרויספאָרען אויף דער אַרענע. טאָמער געפינט זיך דער שטאַל לעבען מעסאַלעס, רעכטס אָדער לינקס, איז גוט. אויב ניט, טאָ זעה מאַך איבער די ערטער אַזוי אַז מיין שטאַל זאָל אויסקומען לעבען דעם רוימערס. קאָן איך זיך

פארלאזען אויף דיין זיכרון, מלוך?

— ער האט מיך אמאל אפשר יע אפגענארט, אבער קיינמאל ניט, ווען דאס הארץ איז אים צו הילף געקומען, אזוי ווי איצט, למשל.

— אויב אזוי, וועל איך זיך דערוועגען בעטען דיך טאן מיר נאך א טובה. איך האב נעכטען באמערקט, אז מעסאלע האלט זיך זעהר גרויס מיט זיין רייטוואגען — און ער מאג עס, ווארום דעם קייזערס בעסטער רייטוואגען איז קאם טייערער פון זיינעם. אפשר וואלסטו געקאנט דערגיין , צי ער איז א גרינגער אדער א שווערער, למשל, אונטערן אויסרייד, אז דו ווילסט אים נעהענטער באקוקען? פאר מיר איז זעהר וויכטיג צו וויסען אקוראט זיין וואג און מאס, און טאמער מלוך, וועט זיך דיר עס ניט איינגעבען, טא זעה כאטש נעוואר צו ווערען, ווי הויך איז די אקס איבער דער ערד. דו פארשטייסט מיך, מלוך? מיר ווילט זיך ניט, אז דער רוימער זאל האבען מער שאנסען ווי איך. די פראכט פון זיין רייטוואגען ארט מיך ניט; טאמער וועל איך אים מנצח זיין, וועט ער דערפאר נאך טיפער פילען זיין מפלה און מיין טריאומף וועט נאך גרעסער זיין. טאמער אבער האט ער ממשות׳דיגע שאנסען אנט-קעגען מיר, מוז איך זיי דערגיין.

איך פארשטיי, איך פארשטיי! — האט מלוך אויסגעשריען—דו דארפסט האבען א שנור, וואס באצייכענט די לייִנג פון דעם מי-טעלפונקט אקס ביז צו דער ערד.

— דאס טאקע מיין איך! נו, מלוך, דאס איז מיין לעצטע בקשה צו דיר. קום לאמיר גיין צוריק אין געצעלט אריין.

ביים אריינגאנג אין געצעלט האבען זיי געטראפען א דינער, וועלכער האט אנגעפילט די פאררויכערטע פלעשער מיט פריש-צונעגרייטען קומים. זיי האבען געבעטען צו גלעזלעך. און מלוך איז גלייך נאך דעם אוועק אין שטאט אריין.

פאר דער צייט פון זייער שפאציר האט אילדערים ארויסגעשיקט א רייטער אנצוזאגען זיינע שומרים דאס, וואס סימאנידעס האט אים געהייסען. דער שליח איז געווען א אראבער, אויף וועלכען מ׳האט זיך געקאנט פארלאזען. קיין שום געשריפטס האט ער ניט געהאט מיט זיך.

## קאַפּיטעל דריי.

### די מיצרית.

— איראַס, בלשאַצר׳ס טאָכטער, שיקט מיך צו דיר מיט אַ גערים און אַ שליחות — האָט אַ דינער געזאָגט צו בן-חור׳ן, בשעת ער האָט זיך צוגעלייגט אָפּרוהען אין געצעלט.

— מיט וואָס פאַר אַ שליחות?

— איראַס פרעגט, אפשר וועסטו זיך מיט איר דורכפאָרען איבער דער אָזערע?

— איך וועל איר די תשובה אַליין ברייגנען. אַזוי זאָג איר.

בן-חור האָט געהייסען דערלאַנגען זיך די שיך און אין איינע מינוט איז ער שוין געװען אויפ׳ן וועג צו דער שיינער מיצרית.

די שאָטענס פון די בערג האָבען זיך שוין געשפרייט איבער דעם פּאַלמען-וואַלד, אָנזאָגענדיג דעם אָנקום פון דער נאַכט. פון דער ווייטענס האָט זיך דערטראָגען דאָס גלעקעל-קלינגען פון די שאָף, דאָס מעקען פון די רינדער און די קולות פון די פּאַסטאַכער, וואָס האָבען געטריבען אַהיים זייערע טשערעדעס. דאָס לעבען אין פּאַלמען-וואַלד איז אין אַלע אופנים געגליכען געווען צום פּאַסטאַכער-לעבען אויף די קאַרגע פּאַשע-ערטער פון דער מדבר.

שייך אילדערים האָט נאָך מיטאָג בייגעוויינט די איבונגען אין פעלד. דערנאָך איז ער אַוועקגעפאָרען אין שטאָט אַריין, אויף סימאָנידעסעס איינלאַדונג. אפשר וואָלט ער געקאָנט באַוויזען אומצוקערען זיך אויפ׳ן דערנאַכט צוריק, אָבער אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַרומצורייַדען מיט זיין פריינד אַ סך וויכטיגע ענינים, האָט זיך ניט

געלייגט אויפֿ׳ן שׂכל, ער זאָל אַהיים קומען אַזוי ניך. אָט אַזוי איז בן־חור געבליבן איינער אַליין. ער האָט אַליין אַלטונג געגעבן, מ׳זאָל באַזאָרגן די פערד, האָט זיך טובל געהען אין וואַסער פֿון דער אָזערע, אָפּגעוואַשן דעם שטויב פֿון זיך און איבערגעביטן די רוימישע טוניקע אויף זיין געוויינטליכן מלבוש, וואָס איז געווען אינגאַנצן אַ ווייסער, ווי ס׳האָט געפּאַסט פֿאַר אַ אמת׳ן צדוקי. פֿריִה אָפּגעגעסן דעם אָווענט־מאָלצייט, האָט ער אַדאַנק זיין קרעפֿטיגער יוגענד זיך געפילט פריש און אויסגערוהט פֿון די גרויסע אָנשטרענגונגען פֿאַר׳ן טאָג.

ס׳איז ניט קלוג און ניט אויפריכטיג צו ווּעלן לייקענען אין דער אַלמאַכטיגקייט פֿון דער שיינהייט. אַ פֿיין־פֿילענדיגע נשמה קאָן זיך ניט באַפרייען פון איר השפעה. די מעשה פֿון פיגמאַליאָנען מיט זיין סטאַטוע איז פּונקט אַזוי נאַטירליך, ווי פּאָעטיש. שיינהייט איז שוין בעצם אַ מאַכט; און אָט די דאָזיגע מאַכט האָט אַצינד געצווּנגען צו זיך בן־חור׳ן.

די עגיפּטערין איז געווען פֿאַר אים אַ וואונדערשיינע פֿרוי, שיין פֿון פּנים און געשטאַלט. פֿאַר זיין גייסטיגן אויג איז זי שטענדיג געשטאַנען אַזוי, ווי ער האָט זי געזעהן ביים קוואַל. ער האָט געפילט דעם צויבער פון איר שטים און דעם כּישוף פֿון אירע אויגן,— יענע גרויסע, זאַנפטע, שוואַרצע, מאַנדעלפאָרמיגע אויגן, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר איר פֿאָלק; יענע אויגן, וואָס האָבן געזאָגט אַ סך מער, ווי די רייכסטע שפּראַך וואָלט עס געקאָנט אויסדריקען. טראַכטענדיג וועגן איר, פלעגט אין זיין דמיון אויפשטיין דאָס בילד פֿון איר הויכער, שלאַנקער, גראַציעז־איידעלער געשטאַלט, איינגעהילט אין רייכע ברייט־געפאַלבטע קליידער, וואָס האָט אַרויסגערופען אין זיין נשמה דעם גאַנצען ליידענשאַפטליכען שיר־השירים פֿון שלמה המלך. באַהערשט פון אַזעלכע מחשבות און געפילען, איז ער געגאַנגען צו איר אויסצופּרובען, צי איז זי באמת אַזאַ ווי דאָס בילד, וואָס האָט פֿאַר זיינע אויגן געשוועבט. ניט די ליבע האָט אים געצווּנגען צו איר, נייערט די באַוואונדערונג און די נייגיריגקייט, וואָס קאָנען אפשר זיין די קול־מבשר׳ס פֿון דער ליבע.

די סטאַנציע פאַר די שיפלאַך בײַם ברעג אָזערע איז געווען זעהר אַ פשוטע; זי איז באַשטאַנען נאָר פון אַ פלאַטפאָרמע מיט עטליכע לאַמטערן־סלופעס. אויף דעם אײבערשטען שטאַפעל פונ'ם קורצען אַראָפגאַנג צו דער פלאַטפאָרמע איז בן־חור געבליבען שטײן צוגעקאָוועט צום אָרט דורך דעם בילד, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר זײַנע אויגען.

אויף דעם קלאָרען וואַסער האָט זיך געוויגט אַ שיפעלע, גרינג ווי די שאָל פון אַ איי. אַ כושי — דערזעלביגער, וואָס בײַם קאַסטאַלישען קוואַל האָט ער אָנגעטריבען דעם קעמעל — איז געזעסען בײַם רודער. זײַן שניי־ווײַסער מלבוש האָט נאָך שאַרפער געמאַכט די שוואַרצקײַט פון זײַן הויט־פאַרב. דאָס גאַנצע שיפעלע איז געווען אויסגעלײגט מיט טעפּיכער און קישעלעך פון צור'ער פירפירנע שטאָפען. בײַם לענק־רודער איז געזעסען די מיצרית אַלײן, אַזוי ווי אַרויסשווימענדיג פון אַ אמת'ן וואָלקען דינסטע אינדישע שלײערס און שפּיצען. אירע אָרימס זײַנען געווען נאַקעט ביז צו די אַקסלען. ס'איז ווײניג צו זאָגען ווענען זײ, אַז זײער פאָרם איז געווען אָהן אַ שום פגימה; אַלצדינג אין זײ האָט צוגעשמידט צו זיך די אויפמערקזאַמקײט, אפילו זײער האַלטונג, זײער פּאָזע; זאָגאַר די פינגער האָבען אויסגעזעהן חנ'עוודיג און פול אויסדרוק; איטליכער אבער באַזונדער איז געווען אַ מוסטער פון פלאַסטישער שלימות. אַ לײַכטער שאַל האָט באַשיצט איר האַלדז און פלײצע פון דער קילער אָוועגט־לופט, האָט זײ אָבער ניט פאַרדעקט אינגאַנצען.

בײַם ערשטען בליק האָט בן־חור ניט באַמערקט די דאָזיגע פרטים; ער האָט געפילט בלויז דעם אַלגעמײנעם אײַנדרוק, אַזוי ווי מיר פילען אַ שטאַרקען שײַן, ניט אַײַנקוקענדיג זיך אין אים און ניט אַנאַליזערענדיג אים. ניט־ווילענדיג זײַנען אים געקומען אויפ'ן זינען ווערטער פון שיר־השירים.

— קום — האָט די מיצרית געזאָגט, באַמערקענדיג זײַן קווײנקלעניש — קום, אַניט וועל איך דיך האַלטען פאַר אַ שלעכטען יםפאָרער.

דאָס בלוט האָט אים הײס אַ זעץ געטאָן אין די באַקען אַרײַן;

צי דען ווייס זי עפּעס פֿון זײַן לעבּען אויפ'ן ים? גלייך איז ער אַראָפּגעלאָפען אויף דער פּלאַטפאָרמע און איז אַרײַן אין שיפעל.

— איך האָב מורא געהאַט — האָט ער געזאָגט, פאַרנעמענדיג דעם ליידיגען פּלאַץ איר אַנטקעגען.

— מורא געהאַט? פאַר וואָס?

— צו דערטרינקען דאָס שיפעל — האָט ער געענטפערט מיט אַ שמייכעל.

— וואַרט, ביז מיר וועלען אַרויסשווימען אין די טיפע וואַסערן אַרײַן — האָט זי געזאָגט און אַ וואונק געטאָן דעם כּושי. יענער האָט זיך גענומען צו די רודערס און דאָס שיפעל איז אָפּגעשוואומען פון ברעג.

אויב די ליבע און בן-חור זײַנען געווען שונאים, איז ער איצט געווען אינגאַנצען אין'ם שונא'ס שליטה. די מיצרית איז געזעסען אַנטקעגען אים און ווען די שטערן וואָלטען זיך אין הימעל אויסגעלאָשען און אַלצדינג אַרום וואָלט זיך אײַנגעהילט אין אַ אומדורכדרינגליכער פינסטערניש, וואָלט ער עס ניט באַמערקט, וואָרום די אויגען אירע האָבען געשטראַלט העלער ווי די שטערן. און בכלל — איז דען פאַר אַ יונגען מאַן פאַראַן אַ לאַגע, וואָס זאָל מער מסוגל זײַן צו איבערענטפערן אים אינגאַנצען און דער מאַכט פון דער פאַנטאַזיע, ווי בשעת ער גליטשט זיך מיט אַ יונגער שיינער פרוי אויף אַ רוהיגען וואַסער אונטער'ן מנוחה'דיגען הימעל פון אַ וואַרימער זומער-נאַכט? אין אַזעלכע מאָמענטען איז ניטאָ קיין גרינגערע זאַך ווי אומבאַמערקט אַריבערצושוועבען פון דער וואָכענדיגער ווירקליכקייט אין דער וועלט פון הימעלשע חלומות אַרײַן.

— לאָז מיך צום רודער — האָט בן-חור געזאָגט.

— ניין — האָט זי געענטפערט — דאָס וואָלט געווען קעגען דעם אָפּשמועס. איך האָב דאָך דיך אײַנגעלאַדען צו פאָרען מיט מיר, און בכלל בין איך דיר אַ בעל-חוב, און וואָלט זיך ווען פונאַנדערצאָלען מיט דיר. דו קאָנסט ריידען און איך וועל הערען, אָדער איך וועל ריידען און דו וועסט הערען, — דאָס מאַכט מיר

שוין ניט אויס. אָבער דאָס ציל פון אונזער נסיעה און דעם וועג אַהינצו וועל איך באַשטימען.

— און וואוהין פירט אונז דער דאָזיגער וועג?

— האָסט שוין ווידער מורא?

— אָ, ליבע מיצרית, איך האָב נאָר געפרעגט דאָס, וואָס יע־דער געפאַנגענער פרעגט ראשית־כל.

— רוף מיך מצרים.

— מיר ווילט זיך ליבערשט רופען דיך איראָס.

— טראַכטען מעגסטו וועגען מיר אונטער דעם דאָזיגען נאָמען, אָבער בשעת דו רעדסט צו מיר, רוף מיר מצרים.

— מצרים איז א לאַנד און איז כולל אין זיך אַ סך מענשען.

— יע, יע, און נאָך וואָס פאַר אַ לאַנד!

— אהאַ, איך פאַרשטיי: מצרים איז דאָס ציל פון אונזער נסיעה.

— אָ, הלוואי וואָלט עס אמת געווען, ווי מלא־שימחה איך וואָלט זיין!

אַ זיפץ האָט באַגלייט אירע ווערטער.

— און פאַר מיר אַרט דיך הייסט עס גאָרנישט? — האָט ער געזאָגט.

— אַך, די דאָזיגע ווערטער ווייזען מיר, אַז דו ביסט דאָרטען קיינמאָל ניט געווען.

— ניין, איך בין קיינמאָל דאָרטען ניט געווען.

— אָ, ס'איז דאָס לאַנד, וואו ס'איז ניטאָ קיין אומגליקליכע, דאָס לאַנד, וואוהין ס'בייגקען אַלע איינוואוינער פון דער ערד; די מאַמע פון אַלע געטער און דעריבער געבענטשטער פון אַלע. דאָרטען, זון פון אַריזס, געפינען די גליקליכע נאָך אַ העכער גליק; און די עלענדע, וואָס קומען אַהינצו און פאַרזוכען נאָר איינמאָל דעם זיסען וואַסער פונ'ם הייליגען טייך, לאַכען און זינגען און פרייען זיך ווי קינדער.

— צי דען איז ביי אייך ניטאָ קיין אָרימע לייט אַזוי ווי אומעטום?

— וואו — אין מצרים? אַפילו די סאַמע אָרימסטע זיינען דאָרטען רייך, ווייל זיי האָבען אַלץ, וואָס זיי דאַרפען, און דאַרפען

דאַרפֿען זיי אַזוי ווייניג, אַז אַ גרעק אָדער אַ רוימער קאָן גאָר קיין השגה דערפֿון ניט האָבען.

— אָבער איך בין דאָך ניט קיין גרעק און ניט קיין רוימער.

זי האָט זיך פֿונאַנדערגעלאַכט.

— איך האָב אין דערהיים אַ רויזען-גאָרטען; און אין מיטען גאָרטען וואַקסט אַ בוים, וואָס בליהט פּרעכטיגער ווירער אַלע. פֿון וואַנען קאָן ער שטאַמען, ווי מיינסטו?

— פֿון פּערסיע, דעם היימלאַנד פֿון די רויזען.

— ניין.

— נו, איז פֿון אינדיע.

— ניין.

— אַהאַ, פֿון ערגיץ אַ גריכישען אינזעל.

— איך וועל דיר זאָגען, — האָט זי זיך אָפּגערופֿען — אַ רייזענ-דער האָט אים געפֿינען פֿאַרוועלקטערהייט אין טאָל פֿון רפאים.

— אָ, אין יהודה!

— און איך האָב אים פֿאַרפֿלאַנצט אין דער ערד, נאָכדעם ווי דער נילוס איז ווידער אַריינגעטראָטען אין זיין געלעגער; דער ווייכער מדבר-ווינט האָט געוויט פֿון דרום-זייט איבער דעם בוים און אים געצערטעלט, און די זון האָט אים געקישט מיט רחמנות. וואָס האָט ער דען בכן אַנדערש געקאָנט טאָן, אַז ניט וואַקסען און בליהען? און איצט קאָן איך זיצען אונטער זיין שאָטען, און פֿאַר מיין השגחה דאַנקט ער מיר אָפּ מיט זיין זיסען דופֿט. ווי מיט דעם דאָזיגען רויזען-בוים — אַזוי איז אויך מיט די קינדער ישראל: וואו דען אַנדערש זאָלען זיי קומען צו שלימות, אַז ניט אין מצרים?

— משה איז געווען נאָר איינער צווישען מיליאָנען.

— וואָס עפּעס דווקא משה? און אויפֿן פּותר-החלומות האָסטו פֿאַרגעסען?

— די פֿריינדליכע פּרעה'ס זיינען געשטאָרבען.

— אמת! דער טייך, ביי וועלכען זיי האָבען געוואוינט, זינגט זיי דאָס קבר-ליד; אָבער דיזעלביגע זון וואַרימט דיזעלביגע לופֿט פֿאַר'ן זעלבינען פֿאָלק.

— אַלעקסאַנדריע איז דאָך געוואָרען אַ עלטע רוימישע שטאָט?

— זי האָט נאָר די הערשער אומגעביטען. צוזאַמען האָט בײַ איר אַרויסגעריסען די מאַכט פֿונ׳ם שווערד און האָט איר נעגעבען דערפֿאַר די מאַכט פֿון דער וויסענשאַפֿט. קום־מיט מיט מיר אין ברוכעיאָן, וועל איך דיר דאָרטען ווײַזען די חכמים פֿון אַלע אומות; קום אין סעראַפּעיאָן — וועסט זעהן דאָס העכסטע פֿון דער אַרכיטעקטור; אין דער ביבליאָטעק קאָנסטו לײַענען די ווערק פֿון די אומשטערבליכסטע מחברים, און טעאַטער קאָנסטו הערען די העלדען־געזאַנגען פֿון די גריעכען און אינדער. מיר וועלען אַראָפּגידערן צום פּאָרט בײַם טײַך און דו וועסט ערשטױנט בלײַבען איבער דעם בליהענדיגען האַנדעל און אינדוסטריע. דאָרט לאָמיר זיך אַראָפּלאָזען אין די גאַסען אַרײַן, אָ זין פֿון אַרויס, און ווען די פֿילאָזאָפֿען וועלען זיך פֿונאַנדערגיין און צוגלײַך מיט זײ אויך די מײַסטערס פֿון אַלע חכמות, ווען די כהנים וועלען זיך אומקערען אַהײם צו זײערע געטער, און ווען נאָך דעם טומעל פֿון טאָג וועלען קומען זײַנע תענוגים — דאָן וועסטו זיך אָנהערען לעגענדעס, מיט וועלכע די מענשען האָבען זיך געקוויקט פֿון קדמונים אָן, און לידער מיט געזאַנגען, וואָס וועלען קײנמאָל, קײנמאָל ניט אָפּשטאַרבען.

צוהערנדיג זיך צו די ווערטער פֿון דער עגיפּטערין, האָט בן־הור זיך אַריבערגעטראָגען מיט זײַנע מחשבות ווײַט־ווײַט צוריק צו יענער נאַכט אין דעם זומער־הײַזעל אויפ׳ן דאַך פֿון זײַן טאַטענס פּאַלאַץ אין ירושלים, בשעת די מאַמע זײַנע האָט אים אין פּונקט אַזעלכע באַגײַסטערטע ווערטער געריממט די פּראַנגאַנגענע הערליכקײט פֿון ישראל.

— איצט פֿאַרשטײ איך, פֿאַרוואָס דו ווילסט, אַז איך זאָל דיך רופֿען מצרים. גוט, איך וועל דיך רופֿען ווי דו ווילסט, אָבער דערפֿאַר זינג מיר דאָס ליד, וואָס איך האָב דיך נעכטען געהערט זינגען אויף דער אָזערע.

— דאָס איז געווען אַ הימן צום נילוס — האָט זי געענטפֿערט — דאָס איז אַ קלאָגליד, וואָס רײַסט זיך בײַ מיר אַרויס, ווען מיר גלוסט זיך פֿאַרצושטעלען, אַז איך עטעם די לופֿט פֿון דער מדבר

און כ׳הער דאס רױשען פון׳ם טײערן אלטען שטראם. איך וועל דיר בעסער זינגען א אינדישען שטײנער. אז מיר וועלען זײן אין אלעקסאנדריע, וועל איך דיך אוועקפירען צום ראג גאס, און דארטען וועסטו קאנען הערען ס׳ליד פון דער גאנגעס-טאכטער אלײן, פון וועלכער איך האב עס זיך אויסגעלערנט. קאפּילא, דארפסטו וויסען זײן, איז געווען אײנער פון די גרעסטע און באַרימסטע חכמים אין אינדיע, אין דעם לאנד, וואס איז אזוי רײך מיט זײ.

און זי האט אנגעהויבען צו זינגען אים דאס ליד פון קאפּילא.

אײדער בן-חור האט נאך צײט געהאט צו באדאנקען דער זינגערין פאר׳ן ליד, האט דאס שיפעל מיט א גרילצען זיך אַרײנגעשניטען אין זאמד אַרײן.

— אבער גיך זײנען מיר געקומען קײן מצרים! — האט ער אויסגערופען.

— נאר ניט לאנג האבען מיר דארטען פארבראכט — האט זי געענטפערט, נאכדעם ווי דער שווארצער כושי האט מיט א שטארקען שטויס ווידער אפגעשטופּט דאס שיפעל אין אפענעם וואסער אַרײן.

— איצט לאז מיך צום לענק-רודער!

— א נײן — האט זיך לאכענדיג געענטפערט — דו פירסט דעם רײטוואגען און איך — דאס שיפעל. מיר זײנען ארויף אויף א זאמד — א סימן, אז איך טאר מער ניט זינגען, און דארף בעסער אכטונג געבען אויפ׳ן רודער. אין מצרים זײנען מיר שוין הײסט עס געווען, וועלען מיר איצט פארען אין דאפנעס וואלד אַרײן.

— גאר אהן א ליד אויפ׳ן וועג? — האט ער געזאגט מיט א טאן פון געבעט.

— דערצײל מיר בעסער עפּעס פון דעם רוימער, פון וועלכען דו האסט אונז מציל געווען נעכטען אין דאפנעס וואלד.

די דאזיגע בקשה האט בן-חור׳ן אומאנגענעם באַרירט.

— איך וואלט וועלען, אז דאס זאל זײן דער נילוס — האט ער זיך אפגערופען, אויסמײדענדיג צו ענטפערען איר אויף איר בקשה, — די מלכים און די מלכות, וואס דרעמלען שוין אזוי לאנג

אין זייערע שטיינערנע קברים, זאָלען אויפשטיין און פאָרען מיט אונז אינאיינעם.

— אזעלכע ריזען וואָלטען דערטרינקען אונזער שיפעלע. איך וואָלט בעסער וועלען זיין צוזאמען מיט פיגמייען. אָבער דערצייל מיר פֿונ'ם רוימער. ער איז אַ שלעכטער מענש, ניט אמת?

— איך ווייס ניט.

— ער איז פון א חשובער רייכער פאמיליע!

— וועגען זיין רייכקייט קאָן איך גאָר נישט ניט זאָגען.

— ס'אר א זעלטענע פערד ער האָט! און זיין רייטוואָגען איז א באגולטער און די רעדער זיינען פון העלפֿאַנדביין. היינט ווי העלדיש און אומבאַזאָרגט ער האָט זיך געטראָגען! דער גאנצער עולם ארום האָט געלאכט, בשעת ער איז אָפגעפֿאָרען; זיי זיינען ניט געווען אין כעס אויף אים, הגם ער האָט זיי שיר-שיר ניט איבערגעפאָרען.

און זי האָט זיך פונאנדערגעלאכט, דערמאָנענדיג זיך אן דעם.

— דאָס איז געווען אַ המון קנעכט! — האָט בן-חור ביטער געזאָגט.

— ער מוז אפנים זיין איינער פון יענע מאָנסטערס, וואָס זיינען איצט אזוי פיל דאָ אין רוים, ווי מ'דערציילט. שיין ווי אפּאָלאָ און בלוט-דאָרשטיג ווי צערבערוס. וואו וואוינט ער? אין אנטיאָכיע?

— ערגעץ אין מזרח — האָט בן-חור געענטפֿערט.

— פֿאר אים וואָלט פאסטען מצרים בעסער ווי סיריע.

— א גרויסער ספק, — האָט בן-חור זיך אָפגערופען. — קלעאָפּאטרע איז דאָך שוין געשטאָרבען.

אין דער רגע האָבען פֿאר זייערע אויגען א פינקעל געטאָן די פייערלעך, וואָס האָבען געברענט ביים ארייַנגאנג אין אילדערימס געצעלטען.

— אָט איז שוין דער דאָרף! — האָט איראס אויסגערופען.

— זיינען מיר, הייסט עס, אין מצרים ניט געוועזען. איך האָב ניט געזעהן ניט קארנאק, ניט פילע, ניט אבידאָס. און דאָס איז ניט דער נילוס. איך האָב געהערט נאָר א אינדיש ליד און בין פארחלומטערהייט אין א שיפעל געפאָרען.

— פילע, קארנאק! זאָל דיר בעסער פֿארדריסען, וואָס דו האָסט ניט געזעהן רעמסס'ן אין אבאָא־סימבעלי, וואָס אז מ'קוקט אויף אים, טראכט זיך אזוי גרינג וועגען גאָט דעם באשעפער פֿון הי־מעל און ערד. און זאָל דיר בכלל גאָרנישט פֿאַרדריסען. לאָמיר פֿאָרען אַראָפּ וואַסער, און אויב איך קאָן אַפילו ניט זינגען — זי האָט זיך צולאַכט — וואָרום איך האָב דאָך געזאָגט, אַז איך וויל ניט, וועל איך דיר דערפאַר דערציילען געשיכטעס פֿון מצרים.

— נו, גוט! דערצייל, ביז דער פריהמאָרגען וועט קומען און דער אָווענט און דאַן ווידער דער פריהמאָרגען — האָט ער מיט היץ אויסגערופען.

— פון וואָס־זשע זאָל איך דיר דערציילען? פֿון די מאַטעמאַטיקער?

— אָ ניין.

— פֿון די פֿילאָזאָפען?

— ניין, ניין.

— פון די מכשפים און רוחות?

— אויב דו ווילסט.

— פֿון מלחמה?

— יע.

— פון דער ליבע?

— יע.

— איך וועל דיר דערציילען וועגען אַ סגולה קענען דער ליבע. דאָס איז אַ מעשה מיט אַ מלכה. הער זי אויס מיט קאָפּ דעם פּאַפּירוס, פון וואַנען די חרטומים פון פ י ל ע האָבען זי אַרויסגעלייענט, האָבען זיי צוגענומען פון די הענט פון דער טויטער מלכה גופה. די מעשה איז פֿאַרשריבען דייטלאַך און בשלימות, דאָס מוז זיין אַ אמת.

— — — — — — — — — — — — —

נע־נע־האָפּראַ.

## א.

אינ'ם לעבען פון די מענשען איז ניטאָ קיין גלייכאַרטיגקייט. קיין איין לעבען באַווענט זיך ניט אין אַ גראָדער ליניע.

דאָס סאַמע פֿולקומסטע לעבען בילדעט אַ קרייז און ענדיגט זיך דאָרטען, וואו ס'הייבט זיך אָן; אזוי אַז ס'איז אוממינלאַך צו זאָגען: דאָ איז דער אָנהייב, דאָ איז דער סוף.

דאָס פֿולקומסטע לעבען איז גאָטס אַ אבן-טוב; אויף גרויסע יום-טובים טראָגט ער אים אויפֿ'ן פֿינגער-רונג פֿון זיין האַנט וועלכע איז נעהענטער צום האַרצען.

## ב.

נע-נע-האָפֿראַ האָט געוואוינט אין אַ הייזעל ביי עשׂואָן, ניט ווייט פֿונ'ם ערשטען וואַסער-פֿאַל. אזוי נאָהענט האָט זי געוואוינט פֿון אים, אַז דער רעש פֿונ'ם אייביגען קאַמף, וואָס האָט דאָרט געווילדעוועט צווישען שטרוים און די פֿעלזען, האָט כסדר גע-רייניגט צו אירע אויערן.

איר שיינקייט איז געוואַקסען פֿון טאָג צו טאָג, אַזוי אַז מ'האָט וועגען איר געזאָגט ווי וועגען די קנאָספּען פֿון די מאָן-בלומען אין איר טאַטענס גאָרטען: ווי וועט זי שוין זיין אין דער צייט פֿון איר בליהונג?

איטליכס יאָר פֿון איר לעבען איז געווען דער אָנהייב פֿון אַ נייעם געזאַנג, און יעדער נייער געזאַנג איז געווען פּרעכטיגער ווי דער פֿריהערדיגער.

זי איז געווען דאָס קינד פֿון צפון, וואָס גרעניצט מיט'ן ים, און פֿון דרום, וואָס גרעניצט מיט דעם מדבר אויף יענער זייט פֿון די לבנה-בערג. דער צפון האָט איר געגעבען זיין ליידענשאַפֿט, דער דרום — זיין גייסט; און בשעת זיי האָבען געקוקט אויף זייער קינד, פֿלעגען זיי ביידע לאַכען און זאָגען נים איינגה אַרציג „זי איז מיינע", נאָר גרויסמוטיג — „זי איז אונזערע".

אַלץ, וואָס ס'איז דאָ שיינס און הערליכס אין דער נאַטור, האָט איר געשאָנקען עפּעס צו איר שלימות און געקליבען נחת פֿון איר געגענוואַרט. בשעת זי פֿלעגט שפּאַצירען, פֿלעגען די פֿייגלאַך באַגריסען זי, פֿלאַטערנדיג מיט די פֿליגלען; די בייזע ווינטען פֿלע-גען ווערען מילדע קילע לופֿטעלאַך; דער ווייסער לאָטאָס פֿלעגט זיך אויפֿהייבען פֿון די טיפֿעניִשען פֿונ'ם וואַסער אַרויס, אַ קוק צו

טאָן אויף איר; די שטאָלצע פּאַלמעס פלעגן, גריסענדיג זי, אָנ-נייגען צו איר זייערע בלעטער — אַזוי ווי זיי וואָלטען זאָגען, איינע: „איך האָב איר געגעבען פון מיין חן“; אַ צווייטע — „איך האָב איר געגעבען פון מיין גלאַנץ“. אַ דריטע — „איך האָב איר גע-געבען פון מיין ריינקייט, — און אזוי איטליכס. וואָס האָט איר געקאָנט נאָר ברייננגען עפּעס אַ מתנה.

צו צוועלף יאָר איז נע-נע-האָפּראַ געווען די אַנטציקונג פון עשואָן; צו זעכצעהן — האָט מען אין גאַנצען לאַנד גערעדט פון איר שיינקייט; אַז איר איז געוואָרען צוואַנציג יאָר — פלעגט ניט אַריבער קיין איין טאָג, אַז ס'זאָלען ניט קימען צו איר טיר בע-טען אַ אַריינגאַנג די פירשטען פון דער מדבר אויף שנעלע קעמ-לען, אָדער גרויסע לייט פון לאַנד מצרים אין באַנילטע שיפלאַך. זיי אַלע פלעגען אָבער אַוועקגיין אומגעטרייסט און האָבען אומעטום צוטראָגען די בשורה: „איך האָב זי געזעהן; זי איז ניט קיין ערדישע פרוי, זי איז אַטאָר אַליין“.

## ג.

צווישען די דריי אין דרייסיג מלכים, וואָס האָבען געקיניגט נאָכ'ן גוטען פּרעה מענעס, זיינען אַכצעהן געווען כּישים, און איינער פון זיי, אָראַטעס, איז אַלט געווען הונדערט מיט צעהן יאָר. ער האָט געקיניגט זעקס און זיבעציג יאָר. ס'פאָלק איז גע-ווען גליקלאַך און צופרידען אונטער זיין ממשלה, וואוילטאָג און שפע האָבען געהערשט אין לאַנד. ער האָט געשטיצט די וויסענ-שאַפטען, וואָרום זיין ערפאַרונג האָט אים געלערנט צו שעצען זייער ווערט. ער האָט געוואוינט אין מעמפיס, כאָט געהאַט דאָר-טען זיין הויפט-פּאַלאַץ, זיינע אַרסענאַלען און זיין שאַצקאַמער. אָפטמאָל פלעגט ער פאָרען קיין בוטאָס דורכצורייזען זיך מיט לאַטאָנען.

ס'איז געשטאָרבען דעם גוטען קיניגס ווייב. זי איז געווען צו אַלט, מ'זאָל זי קאָנען איינבאַלזאַמירען. אָבער ער האָט זי זעהר האָלט געהאַט און איז אַריינגעפאַלען אין עצבות. דאָס האָט דערזעהן אַ קאָלכיט און איינמאָל האָט ער זיך דערוועגט צו אים אַזוי צו זאָגען:

— אָ, אָראַטעס! איך בין ממש ערשטוינט, וואָס אַזאַ גרויסער מענש און חכם, ווי דו ביסט, זאָלסט ניט וויסען קיין סגולה צו דיין צער.

— אַדרבה, זאָג מיר, וואָס פאַר אַ סגולה איז פאַראַן, — האָט דער קיניג געזאָגט.

דריי מאָל האָט דער קאָלכיט אַ קוש געטאָן די ערד; דאַן האָט ער געענטפערט, זייענדיג זיכער, אַז די געשטאָרבענע וועט אים ניט דערהערען:

— אין עשואַן לעבט נע-נע-האָפּראַ, שיין ווי די שיינע אַסטאַר אַליין. שיק נאָך איר. פירשטען און גרויסע לייט; אָהן אַ צאָל האָט זי אָפּגעזאָגט, און מלכים אויך, איך ווייס ניט וויפיל; אָבער אָראַטעס'ן וועט דען קאָנען זאָגען ניין?

## ד.

נע-נע-האָפּראַ איז געפאָרען אַראָפּ נילוס אין אַ שיף, וואָס קיין פרעכטיגערס האָט די וועלט ניט געזעהן, באַגלייט פון אַ פלאָטיליע שיפען, וואָס זיינען כמעט אַלע אַזוי שיין געווען. דאָס גאַנצע פאָלק פון כוש און מצרים, מהנית מענשען פון לוב, אַ גרויסער המון טראָגלאָדיטען און אַ היבש ביסעל מאַקראָביער פון הינטער די לבנה-בערג האָבען אַ שטראָם געטאָן צו די ברעגען פון נילוס, מיט געצעלטען באַדעקטע, אַבי אָנצוקוקען די פאַר-בייפאָרענדיגע פרעכטיגע שיפען, ווי זיי ווערען געטריבען פון זעכציגע ווינטען און גילדערנע רודערס.

דורך אַ טאָפּעלטער שורה ספינקסען און ליגענדיגע לייבען-פיגורעס מיט צונויפגעלייגטע פליגלען האָט מען געטראָגען נע-נע-האָפּראַ'ן צו אָראַטעס'ן, וועלכער איז געזעסען אויף אַ טראָן, וואָס איז עקסטראַ צוליב דער דאָזיגער געלעגענהייט געמאַכט געוואָרען ביים פאָרטאַל פונ'ם פּאַלאַץ.

ער האָט זי אויפגעהויבען צו זיך, געוויזען איר דעם פּאַלאַץ ביי זיין זייט, אָנגעטאָן דעם אורעאוס אויף איר האנט, האָט זי אַ קוש געטאָן און נע-נע-האָפּראַ איז געוואָרען די קיניגין איבער אַלע קיניגינס.

אָבער דעם חכם אָראַטעס איז דאָס געווען נאָך ווייניג; ער האָט געגלוסט נאָך איר ליבע און נאָך אַ קיניגין, וואָס זאָל גליקלאַך זיין מיט זיין ליבע. און ער איז זיך מיט איר באַגאַנגען זעהר צערטליך, האָט איר געוויזען אַלץ וואָס ער האָט געהאַט: זיינע שטעט און פּאַלאַצען, זיין פֿאָלק, זיין חייל און זיינע שיפֿען. בכבודו ובעצמו האָט ער זי געפֿירט דורך זיין שאַצקאַמער און האָט געזאָגט:

— נע-נע-האָפּראַ! גיב מיר נאָר אַ קוש מיט ליבשאַפֿט, און דאָס אַלץ וועט זיין דיינס.

און זי האָט געטראַכט, אפשר וועט זי דערפֿון גליקלאַך ווערען, אויב זי איז עס נאָך ניט געווען ביז דעמאָלט; האָט זי אים אַ קוש געטאָן איינמאָל, צוויי מאָל, דריי מאָל, אַ קוש געטאָן דריי מאָל — אים, דעם זקן פֿון הונדערט מיט צעהן יאָר.

ס'ערשטע יאָר איז זי גליקליך געווען, און ס'יאָר האָט איר אויסגעוויזען זעהר קורץ. ס'דריטע יאָר איז זי געווען אומגליקלאַך — און ס'האָט איר אויסגעוויזען זעהר לאַנג. דאַן האָט זי דערקענט, אַז דאָס, וואָס זי האָט געהאַלטען פֿאַר ליבע צו אָראַטעס'ן, איז געווען ניט מער ווי אַ פֿאַרבלענדונג דורך דעם גלאַנץ פֿון זיין מאַכט. אַז מאָויל וואָלט צו איר זיין, ווען די דאָזיגע פֿאַרבלענדונג וואָלט געדויערט לייגנער. די פֿרייליכקייט אירע האָט איר פֿאַרלאָזען; אָפֿטמאָל האָט זי פֿאַרגאָסען טרערען, און אירע באַדינעריגס האָבען זיך שוין פֿאַרגעסען דעם קלאַנג פֿון איר געלעכטער. די רויזען פֿון אירע באַקען האָבען אָפּגעבלאַקירט, זי האָט געחיצענט און איז אויסגעגאַנגען, לאַנגזאַם, אָבער אָהן אַ אָפּהאַלט.

איינגע האָבען געזאָגט, אַז זי ווערט געטריפֿט פֿון די ערינניען פֿאַר איר אַכזריות קעגען איינעם פֿון אירע ליבהאָבערס; אַנדערע האָבען געהאַלטען, אַז זי איז געשלאָגען געוואָרען דורך אַ גאָט, וואָס האָט זי ניט פֿאַרגונען אָראַטעס'ן. ווי די מעשה זאָל ניט געווען זיין — ס'האָט ניט געהאָלפֿען ניט דאָס אָפּשפּרעכען פֿון די חרטומים, ניט די סגולות פֿונ'ם דאָקטאָר; נע-נע-האָפּראַ איז איינגעגאַנגען פֿון טאָג צו טאָג, פֿאַרמשפּט געווען צום טויט.

אויבען אין די גראָב-מערות פֿון די קיניגינס האָט אָראַטעס

אויסגעקליבן אַ קבר פֿאַר איר און האָט אַרויסגעשיקט די באַרימטסטע שטיינשניצער און מאָלער קיין מעמפֿיס, זיי זאָלן שאַפֿן אַ ווערק, וואָס אין דער לאַנגער שורה פֿון די קיניגלעכע קברים זאָל קיין איינער ניט זיין קונציגער און פּרעכטיגער.

— אָ דו קיניגין מיינע, דו שיינע ווי אַטאָר אַליין! — האָט געזאָגט דער קיניג, וואָס דער פֿייער פֿון זיין ליבע איז בײַ זיינע הונדערט מיט דרייצען יאָר ניט געמינערט געוואָרן — איך בעט דיך, זאָג מיר אַיִם די סיבה פֿון דער קראַנקהייט, פֿון וועלכער דו גייסט אויף מיינע אויגן אַיין אַזוי ווי אַ ליכט?

— דו וועסט מיך מער ניט האָלט האָבן, אַז איך וועל עס דיר זאָגן — האָט זי געענטפֿערט אין קוויינקלעניש און פּחד.

— דיך מער ניט האָלט האָבן! אַדרבה, איך וועל דיך נאָך מער האָלט האָבן! איך שווער דיר, בײַ דעם אויג פֿון אָזירים שווער איך עס דיר! — האָט ער אויסגערופֿן, ליידנשאַפֿטלעך ווי אַ ליבהאָבער, באַפֿעלעריש ווי אַ קיניג.

— נו, הער, אויב אַזוי, — האָט זי געזאָגט — אין אַ הייל, ניט ווייט פֿון עשואַן, לעבט אַ נזיר, דער עלטסטער און דער הייליגסטער פֿון אַלע נזירים. מענאָפּאַ איז זיין נאָמען. ער איז געווען מיין רבי און היטער. שיק נאָך אים, אָ אָראַטעס, וועט ער דיר זאָגן, וואָס דו גלוסט אַזוי צו וויסן. ער וועט דיר אויך העלפֿן צו געפֿינען אַ סגולה צו מיין קראַנקהייט.

אָראַטעס האָט זיך אויפֿגעהייבן מלא־שמחה. ער איז אַוועק איינף הונדערט יאָר אינגער ווי ער איז געקומען צו איר.

## ה.

— רייד! — האָט אָראַטעס באַפֿוילן מענאָפּאַ׳ן אין זיין פּאַלאַץ אין מעמפֿיס.

— און מענאָפּאַ האָט געענטפֿערט:

— אַלמעכטיגער קיניג! ווען דו וואָלסט געווען יונג, וואָלט איך דיר ניט געגרן געענטפֿערט אויף דיין שאלה, וואָרום מיין לעבן איז מיר נאָך טייער. אָבער ווערדיג די זאַך האָלט איצט,

וועל איך דיר זאָגן: די קיניגין, אַזוי ווי יערע אַנדערע פּשוטע פרוי, קומט אָפּ דעם עונש פאַר אַ פאַרברעכן?

— פאַר אַ פאַרברעכן! — האָט אָראַטעס אויסגעשריען מלא־כעס. מענאָפאַ האָט זיך געבוקט ביז צו דער ערד.

— יע, אַ פאַרברעכן אַנטקעגען איר אַליין.

— איך בין ניט איינגעלייגט צו טרעפן רעטענישן! — האָט דער קיניג אויסגעשריען.

— דאָס, וואָס איך זאָג, איז ניט קיין רעטעניש, ווי דו וועסט גלייך הערן. נע־נע־האָפּרא איז אויפגעוואַקסן אויף מיינע אויגן, און ס'איז ניט געווען קיין שום זאַך אין איר לעבן, וואָס זי זאָל מיר ניט געוועין פאַרטרויען. און זי האָט מיר אויך אויסגעזאָגט, אַז זי האָט ליב דעם זון פון איר טאַטענס גערטנער, מיט'ן נאָמען באַרבעק.

די קנייטשן פון גרימצאָרן אויף אָראַטעסעס שטערן האָבן זיך, צום גרויסן חידוש, אָנגעהויבן פונאַנדערצוגלעטן.

— מיט דער דאָזיגער ליבע אין האַרצן איז זי געקומען צו דיר, אָ קיניג, און פון דער דאָזיגער ליבע גייט זי אויס.

— וואו איז איצט דעם גערטענערס זון? — האָט אָראַטעס געפרעגט.

— אין עשואַן.

דער קיניג איז אַרויס און האָט אָפּגעגעבן צוויי באַפעלן. איין דינער האָט ער געהייסן: „גיי תיכף־ומיד קיין עשואַן און ברענג פון דאָרט אַהערצו אַ בחור מיט'ן נאָמען באַרבעק. אין די גער־גערטענער פון דער קיניגינס פאָטער וועסטו אים געפינען". און דעם אַנדערן האָט ער באַפוילן אַזוי: „נעם צונויף אַרבעטער און פיך און געצייג און בוי מיר אויס אין דער אָזערע קימנים אַ אינ-זעל. אויפ'ן אינזעל זאָל זיין אַ טעמפּעל, אַ פּאַלאַץ און אַ גאָרטען מיט אַלערליי פרוכטבוימער און וויינשטאָקען; און פונדעסטוועגן זאָל ער שווימען, וואוהין דער ווינט וועט אים טרייבן. גיי מאַך אַזאַ אינזעל און זעה, ער זאָל פאַרטיג ווערן צו דער צייט, ווען די לבנה וועט אָנהייבן קלענער צו ווערן".

נאָך דעם האָט ער געזאָגט צו דער קיניגין:

— זיי פריילעך. איך ווייס אַלצדינג און האָב געשיקט נאָך באַרבעק׳ן.

נע-נע-האָפּראַ האָט אים אַ קוש געטאָן די האַנט.

— ער זאָל נאָר דיר אַליין געהערען, און דו זאָלסט נאָר אים אַליין געהערען; און קיינער זאָל אַ יאָר נאָכאַנאַנד ניט שטערען אייער ליבע.

זי האָט אים געקושט די פיס; ער האָט זי אויפגעהויבען אין צערטליך אַ קוש געטאָן. אויף אירע באַקען האָבען זיך איבער-אַניים צובליהט די רויזען; דער פורפור האָט זיך ווידער אומגע-קערט אין אירע ליפען אַריין, און איר האַרץ איז געווען פול מיט פריילאַכקייט.

## ו.

אַ יאָר נאָכאַנאַנד האָט נע-נע-האָפּראַ מיט באַרבעק דעם גער-טענער זיך אַרומגעטריבען אויף דעם אינזעל איבער דער אָזערע קימניס, אויף דעם באַראָט פון די ווינטען. דער אינזעל האָט אַ-מעטום אַרויסגערופען די גרעסטע התפעלות און איז באַטראַכט גע-וואָרען פאַר איינעם פון די מערקווירדיגסטע וואונדער אין דער וועלט. קיינמאָל האָט מען נאָך פאַר דער ליבע ניט געהאַט איינ-געבויט קיין שענערע רעזידענץ. אַזוי האָט דאָס פּאָרל געלעבט אַ גאַנץ יאָר נאָכאַנאַנד, אָפּגעזונדערט פון אַלעמען, איבערגעגעבען נאָר זיך און דער ליבע זייערער, און האָבען גאָרנישט געהערט און גאָרנישט געזעהן פון דער איבעריגער וועלט. אַז ס׳יאָר איז אַריבער, האָט נע-נע-האָפּראַ זיך אומגעקערט מיט גרויס גלאַנץ אין פּראַכט צוריק אין׳ם פּאַלאַץ אין מעמפיס.

— נו, וועמען האָסטו אַצינד העלטער מער פאַר אַלעמען? — האָט דער קיניג געפרעגט.

זי האָט אים אַ קוש געטאָן אין באַק און האָט געזאָגט:

— נעם מיך צוריק צו דיר, אָ גוטער קיניג, דען איך בין גע-נעזענט געוואָרען.

אָראַטעס האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט אַזוי, גלייך ווי אים וואָלט גאָר ניט געווען קיין 114 יאָר.

— אויב אַזוי, איז דאָך מענאָפּאַ געוועזען גערעכט. לאַ־לאַ־לאַ כ'איז דאָך טאַקע אַזוי ווי ער האָט געזאָגט: אַז די איינציגע סגולה צו ליבע איז ליבע!

— אַוודאַי אַזוי! — האָט זי געזאָגט.

פּלוצלונג האָט ער זיך אינגאַנצען איבערגעביטען. אַ שרעקליכער, דראָהענדיגער בליק האָט זיך געוויזען אין זיינע אויגען.

— איך מיין נישט אַזוי! — האָט ער אויסגערופען.

זי האָט אויפגעציטערט פאַר שרעק.

— דו ביסט שולדיג — האָט ער ווייטער גערעדט — דיין חטא קעגען אָראַסעס דעם מאַן איז ער דיר מוחל; אָבער דער חטא קעגען אָראַסעס דעם קיניג פאַרדינט אַ שטראָף.

זי האט זיך א חארף געטאַן אים צו די פיס.

— שווייג! — האט ער באַפוילען — דו געהערסט דעם טויט!

ער האט א פּאטש געטאַן מיט די הענט, און א שרעקליכע פּראָ־צעסיע האט זיך געמאלדען אויף דעם דאזיגען רוף — אַ מחנה פּאראַכיסטען, דאס הייסט איינבאלזאמירער, יעדערער מיט א כלי אדער א געצייג פון זיין גרויליגער מלאכה.

דער קיניג האט געוויזען אויף נע־נע־האָפּראַן:

— זי איז טויט. מאַכט גוט אייער אַרבעט!

## ז.

אז ס'זיינען אויסגעגאַנגען צוויי־און־זיבעציג טעג, האט מען נע־נע־האפרא די יפת־תואר געבראכט צו דעם קבר, וואס מ'האט פאַר־איארען פאר אירטוועגען געהאט אויסגעקליבען און מ'האט איר אוועקגעלייגט לעבען די פריהערדיגע קיניגינס. אבער קיין גרויסאַר־טיגע לוויה האט מען ניט געמאכט לכבוד איר אויף דער הייליגער אזערע.

— — — — — — — — — — — —

אז די מצרית האט געענדיגט איר מעשה, איז בן־חור געזעסען צו אירע פיס, און אויף איר האנט, וואס האט געהאלטען דעם רו־דער, איז געלעגען זיינע.

— מענאָפּאַ האט זיך טועה געווען — האט ער געזאגט.

— וואס איז?

— ליבע לעבט דורך ליבע.

— איז הייסט עס ניטא קיין רפואה צו איר?

— פאראן. אראטעס האט געפונען די רפואה.

— און ווי הייסט זי?

— דער טויט.

— דו ביסט א גוטער צוהערער, זון פון אריוס!

צווישען אזעלכע שמיעסען און דערציילונגען זיינען די שעה'ן פאר זיי גיך געפלויגען. אז זיי האבען זיך פארהאלטען ביים ברעג, האט איראס געזאגט:

-- מארגען גייען מיר אין שטאט אריין.

— אבער דו וועסט דאך זיין אויפ'ן טורניר? — האט ער געפרעגט.

— אוודאי וועל איך זיין.

— וועל איך דיר שיקען מיינע פארבען.

און דערמיט האבען זיי זיך צוזעגענט.

אויף מארגען, ארום דריי א זייגער, האט אילדערים זיך אומגעקערט אהיים. בשעת ער איז אראפגעשטיגען פון פערד פאר זיין געצעלט, איז צו אים צוגעגאנגען א מענש, אין וועלכען ער האט דערקאנט איינעם פון זיין שבט, און האט צו אים געזאגט:

— שייך, מ'האט מיר געהייסען איבערגעבען דיר דעם דאזיגען בריוו און בעטען דיך, זאלסט אים גלייך עפענען און איבערלייענען. אויב ס'איז נייטיג א תשובה, בין איך אין דיין רשות, דיר צו דינען.

אילדערים האט אויפמערקזאם באטראכט דעם פאקעט. די חתימה איז שוין געווען אויפגעבראכען. אויפ'ן אדרעס איז געשטאנען: „צו מאלעריוס גראטוס אין קיסריה.“

— אברהם זאל אים נעמען! — האט דער שייך א ברום געטאן, דערזעהענדיג, אז דער בריוו איז געשריבען אין לאטייניש.

וואלט דער בריוו געווען אויף גריכיש אדער אויף אראביש, וואלט ער אים איבערגעלייענט; אצינד אבער האט ער געקאנט מער ניט ווי איבערלייענען די אונטערשריפט „מעסאלע“, געחתמעט

מיט בריהש נעצוקטע לאַטײַנישע אותיות. פלוצלונג האָבען זײַנע אויגען אויפגעבלישטשעט.

— וואו איז דער יונגער בן-ישראל? — האָט ער אַ פרעג געטאָן.

— ער איז אין פעלד מיט די פערד — האָט געענטפערט אַ דינער.

דער שיך האָט אַרײַנגעלײגט דעם בריוו אין דער הילע, אַרײַנגעשטעקט עס אין גאַרטעל אַרײַן און זיך ווידער געזעצט אויפ'ן פערד.

אין דער רגע האָט זיך אויפ'ן וועג געוויזען אַ פרעמדער, וואָס איז, ווײַזט אויס, געקומען פון שטאָט.

— איך דאַרף האָבען צום שיך אילדערים, וואָס מ'רופט אים דער נדיב, — האָט דער אומבאַקאַנטער געזאָגט.

אָן דער שפראַך און אָן דעם אָנטאָן האָט אילדערים דערקאָנט אין אים אַ רוימער.

לײענען קײן לאַטײַן האָט דער אַלטער אַראַבער טאַקע ניט געקאָנט, אָבער רײדען האָט ער גערעדט פרײַ; און ער האָט מיט ווערדע געענטפערט:

— איך בין שײך אילדערים.

איבערראַשט האָט דער פרעמדער אַראָפּגעלאָזט די אויגען; ער האָט זײ אָבער גלײַך ווידער אויפגעהױבען און געזאָגט מיט געמאַכטער קאַלטקײט:

— איך האָב געהערט, אַז דו זוכסט אַ מענשען, אַרויסצופאָרען מיט דײַנע פערד אויפ'ן טורניר.

אילדערימס ליפּען אונטער דער ווײַסער באָרד האָבען זיך צונויפגעצויגען אין אַ ביטול-שמײכעל.

— גײ זיך דײַן וועג — האָט ער געזאָגט — איך האָב שוין אַ מענשען.

ער האָט שוין געוואָלט אַוועקרײַטען, אָבער דער פרעמדער איז קווײנקלענדיג זיך שטײן געבליבען און האָט זיך אָפּגערופען:

— שײך, איך בין אַ ליבהאָבער פון פערד, און מ'זאָגט, אַז דײַנע פערד זײַנען די שענסטע אין דער וועלט.

די חניפה איז ניט נעבליבען אָהן אַ איינדרוק אויפ׳ן אַלטען. ער האָט שוין געוועזט איינגעהאַלטען דאָס ציימעל, אַזוי ווי וועלענדיג נאָכגעבען; גליך האָט ער זיך אָבער באַטראַכט און האָט געזאָגט:

— היינט ניט, היינט ניט; אַ אַנדערש מאָל וועל איך זיי דיר ווייזען. איך בין איצט פאַרנומען.

ער איז אָוועקגעריטען אין פעלד אַריין; און דער פרעמדער האָט זיך מיט אַ צופרידענעם שמייכעל געלאָזט גיין צוריק אין שטאָט אַריין. ער האָט אָפּגעטאָן, וואָס ער האָט געדאַרפט.

פון דאַן אָן אַלע טאָג, סאַמע ביז צום טאָג פון טורניר, פלעגט אין פאַלמען-וואַלד אַריינקומען אַ מענש, און אַמאָל אויך צוויי אָדער דריי, און יעדערער פון זיי האָט געוואָלט אָנקומען צום שייך אַלס פירער פון די פערד אויפ׳ן טורניר.

אָט אויף אַזאַ אופן האָט מעסאַלע נעלאָקערט אויף בן-חורן.

## קאַפּיטעל פינף.

### דער איבערגענומענער בריוו.

דער שייך האָט געוואַרט, ביז בן־חור האָט פאַרענדיגט זיינע האַלבסאָניגע איבונגען מיט די פערד, און ער איז געבליבען העלסט צופרידען מיט דעם, וואָס ער האָט געזעהן; דער יונגער בן־ישראל האָט שוין געמאַכט אַזאַ פּעולה מיט די אַראַבער, אַז דער גאַנצער פיר־געשפּאַן איז געלאָפען קאַריער אַזוי האַרמאָניש און אין אַזאַ הסכם, גלייך זיי וואָלטען זיין איינס. קיין איינער איז ניט אָפּגעשטאַנען, קיין איינער האָט זיך ניט געריסען אויף צופריהער.

— היינט פאַרנאַכט, שייך, וועל איך דיר אומקערען סיריוסן — האָט בן־חור געזאָגט, גלעטענדיג דעם האַלז פון׳ם אַלטען פערד, — און איך וועל זיך נעמען צום ריטהאָגען.

— אַזוי גיך? האָט אילדערים געפרעגט.

— מיט אַזעלכע פערד, גוטער שייך, קלעקט איין טאָג אויך. זיי זיינען ניט קיין שרעקעדיגע, האָבען שכל ווי מענשען און האָבען ליב דורכצולויפען זיך. אָט דער אָ — ער האָט אַ ציה געטאָן די לייצעס, וואָס זיינען געלעגען אויפ׳ן אינגסטען פון די פיר אַראַבער — דו האָסט אים אָנגערופען אלדעבאַראַן, איז, דאַכט מיר, דער גיכסטער. דעם קרייז אַרום דער אַרענע וועט ער דורכפליהען אין דריי מאָל גיכער ווי די איבעריגע.

אילדערים האָט זיך אַ גלעט געטאָן די באָרד און האָט געזאָגט מיט בלישטשערינגע אויגען:

— אַלרעבאַראַן איז דער ניכּסטער. נו, און וועלכער איז, לויט דײַן מיינונג, דער לאַנגזאַמסטער?

— אָט דער אָ — האָט בן-חיר אָנגעוויזן אויף אַנטאַרעס׳ן — אָבער אויף אים מעג מען זיך, נישקשה, איך פֿאַרלאָזן. וואָרום, דאַרפֿסט וויסן זײַן, שייך, אַז ער איז בכּוח צו לויפֿן אַ גאַנצן טאָג און ערשט ווען די זון וועט פֿאַרגיין, וועט ער דערגרייכן צו זײַן גרעסטער גיכקייט.

— דאָס ביסטו אויך גערעכט — האָט אילדערים געזאָגט.

— נאָר פֿאַר איין זאַך האָב איך מורא, שייך.

אילדערימס פּנים איז געוואָרן ערנסט.

— אין זייער תּשוקה צו טריאומף קאָנען די רוימער קיינמאָל ניט בלײַבן כּשר. זייערע הינטערפֿיסלאַך און שפּיצלאַך בײַ די שפּילן זײַנען ממש אָהן אַ צאָל, בײַ אַלע רוימער אָהן אַ אויסנאַם. בשעת יאָגענישען פֿון רייטהענגען טוען זיי אָפּ זייערע שמר-שטיק אַלעמען, פֿון דעם פֿערד ביז דעם אָנטרייבער, פֿון דעם אָנטרייבער ביז זײַן בעל-הבית. דעריבער, גוטער שייך, גיב שטאַרק אַכטונג אויף דײַן אײַנענס. ביז נאָכ׳ן טורניר לאָז קיין פֿרעמדען ניט צו צו די פֿערד. אַפֿילו נאָר אַ קוק טאָן. טאָמער ווילסטו זײַן אינגאַנצען זיכער, טאָ טו נאָך מער: שטעל צו זיי צו אַ וואַך מיט געווער אין די הענט און מיט אַ אָפֿען אויג; דאַן האָב איך קיין שום מורא ניט פֿאַר׳ן אויסגאַנג פֿונ׳ם טורניר.

בײַם אַרײַנגאַנג אין געצעלט זײַנען זיי אַראָפּ פֿון די פֿערד.

— איך וועל טאָן אַלצדינג, וואָס דו זאָגסט. איך שווער בײַ נאָט, אַז קיין איין האַנט אויסער דער האַנט פֿון מײַנע געטרײַע וועט זיך צו די פֿערד ניט צורירען. הײַנט בײַנאַכט וועל איך שטעלען אַ וואַך צו זיי. און איצט, זון פֿון אַריוס — אילדערים האָט אַרויסגענומען דעם פּאַקעט מיט׳ן בריוו און האָט אים לאַנגזאַם געעפֿענט, ציגײַענדיג צום דיוואַן און אַראָפּלאָזענדיג זיך אויף אים — זעץ זיך לעבען מיר און העלף מיר אַרויס מיט דײַן לאַטײַן.

ער האָט דערלאַנגט בן-חיר׳ן דעם בריוו.

— לייען אויפֿ׳ן קול און פֿאַרטײַטש מיר, װאָס דו לייענסט אויף דעם לשון פֿון דײַנע אָבות. ס׳לאַטײַן קאָן איך ממש ניט פֿאַרטראָגען.

בן־חור איז געווען אין אַ פריילּיכער שטימונג און האָט אָנגע־הויבן זאָרגלויז צו ליִיענען. „מעסאַלע צו גראַטוס׳ן". ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. עפּיס אַ פּאָרגעפיל האָט אים געמאַכט קלאַפּן דאָס האַרץ. אילדערים האָט באַמערקט זיין אויפרעגונג.

— נו, לייען.

בן־חור האָט געבעטען אַנטשולדיגונג און אָנגעהויבן איבעראַניס צו ליִיענען. ס׳איז גענוג צו זאָגן, אַז דער בריוו איז גענומען איינע פון די צוויי קאָפּיעס, וואָס מעסאַלע האָט געשיקט צו גראַטוסן אויף מאָרגען נאָך דער אָרגיע אין אינזעל־פּאַלאַץ.

די ערשטע שורות פונ׳ם בריוו האָבן בלויז געוויזן בן־חורן, אַז זייער מחבר איז נאָך טריי געבליבן צו זיין טבע צו שפּעטן איבער אַלץ און אַלעמען. אָבער אַז דער ליִיענער איז געקומען צום אָרט, וואו מעסאַלע דערמאָנט גראַטוס׳ן די פֿאַרגאַנגענהייט, האָט בן־חורס קול אָנגעהויבן צו ציטערן און אַ פּאָר מאָל האָט ער זיך געמוזט אָפּשטעלן, כדי זיך צו באַהערשן. מיט גרויס אָנשטרענגונג האָט ער געלייענט ווייטער: „אויב דו געדיינקסט, האָבן מיר ביידע דעמאָלט באַשלאָסן, אַז כדי וואָס בעסער צו קומען צו אונזער ציל, מוזן מיר אַלע מיטגלידער פון דער פאַ־מיליע חור פאַרמאַכען אויף אַלע מאָל ס׳מויל" (ער האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט און האָט טיף אויפגעעטעמט) — און דערי־בער האָט מען מיט זיי געטאָן אַזוי, אַז זיי זאָלען שוין קיינמאָל מער די וועלט ניט זעהן, הגם שטאַרבען האָבן זיי געדאַרפט מיט׳ן אייגענעם טויט".

מער האָט בן־חור שוין ניט געקאָנט זיך באַהערשן. דער בריוו איז אַרויסגעפאַלען פון זיינע הענט, און ער האָט זיך דאָס פנים פאַרשטעלט.

— זיי זיינען געשטאָרבען... געשטאָרבען, נאָר איך איינער בין געבליבען.

דער שייך האָט געשוויגען און האָט מיט מיטגעפיל געקוקט אויף דעם יונגען מאַנס צער. לסוף האָט ער זיך אויפגעהויבען און האָט געזאָגט:

— זון פון אַריוס, איך דאַרף ביי דיר בעטען מחילה. לייען

דעם בריוו איבער אליין. אז דו וועסט זיך האבען בארוהיגט און וועסט זיין בכוח דערלייענען מיר דעם אינהאלט ביז'ן סוף, וועסטו מיר שיקען אנזאגען, וועל איך קומען צוריק.

ער איז ארויס פון געצעלט און דערמיט האט ער ממש פאר-דינט איינע פון די גרעסטע מצוות זיינע.

בן-חור האט זיך א ווארף געטאן אויפ'ן דיוואן און האט זיך איינגאנצען אפגעגעבען צו זיין צער און קומער. זיך א ביסעל בא-רוהיגט, האט ער זיך דערמאנט, אז ער האט נאך ניט דערלייענט דעם בריוו ביזן סוף. ער האט אים אויפגעהויבען און אים גענו-מען לייענען ווייטער: „דו האסט נאך מן הסתם ניט פארגעסען, וואס דו האסט געטאן צום אנפאלערס מאמע און שוועסטער, און פארלאזענדיג זיך אויף דיין פריינדליכקייט, האף איך, אז דו וועסט אויף מיר קיין פאראיבעל ניט האבען, אויב איך וועל דיך פרעגען, צי לעבען זיי נאך אדער זיי זיינען שוין טויט?“

בן-חור האט א ציטער געטאן, האט איבערגעלייענט דעם דאזיגען ארט און האט ענדליך מיט פאר-וואונדערונג אויסגערופען:

— ער ווייס ניט, צי זיי זיינען געשטארבען! ער ווייס עס ניט! געלויבט איז דער נאמען פון גאט דעם האר! די האפענונג איז נאך, הייסט עס, ניט אינגאנצען פארלארען!

די דאזיגע ניי אויפגעוואכטע האפענונג האט אים אזוי געשטארקט, אז ער האט שוין געקאנט איבערלייענען דעם בריוו ביז'ן סוף.

— זיי זיינען ניט געשטארבען — האט ער געזאגט נאך א לייני-גערען טראכטען. — זיי זיינען ניט געשטארבען, אניט וואלט ער זיכער געוואוסט דערפון!

ער האט נאך אמאל מיט קאפ דורכגעלייענט דעם בריוו און איז נאך שטארקער געווארען אינ'ם דאזיגען געדאנק. ער האט געשיקט נאכ'ן שייך.

— אז איך בין געקומען אין דיין גאסטפריינדליכען געצעלט אריין, שייך — האט בן-חור געזאגט, נאכדעם ווי דער אראבער האט זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן דיוואן און זיי זיינען געבליבען אויג אויף אויג — האב איך ניט געהאט בדעה צו דערציילען דיר ווע-

גען זיך מערער, ווי איך האָב עס געהאַלטען פֿאַר נייטיג, כּדי צו איבערצייגען דיך, אַז איך בין גענוג געניט און קענען אַרומגיין אַרום פערד, און אַז דו מעגסט זיי מיר אָהן מורא פֿאַרטרויען. איך האָב דיר ניט געוואָלט אויסזאָגען די געשיכטע פון מיין לעבען. אָבער דער צופֿאַל, וואָס האָט מיר געגעבען אין מיינע הענט אַריין דעם דאָזיגען בּריוו, איז אַזוי אויסטערליש, אַז איך פֿיל, דאָס איך מוז זיך דיר פֿאַרטרויען אין אַלצדינג, וואָס האָט אַ שייכות צו מיר. בּפרט נאָך, אַז ווי איך בּין פֿונ'ם דאָזיגען בּריוו געוואָר געוואָרען, האָבען מיר איין פֿיינד, קענען וועלכען מיר מוזען מאַכען אַ שותּפֿישען בּונד. איך וועל דיר איבערלייענען דעם בּריוו און וועל דיר געבען די נייטיגע ערקלערונגען צו אים. דאַן וועסטו זיך שוין מער ניט וואונדערן איבער מיין אויפֿרעגונג אין, אויב דיר האָט זיך אָפּגעראַכט, אַז איך בּין שוואַך ווי אַ קינד, וועסטו מיר עס מוחל זיין.

דער שייך האָט מיט קאָפּ זיך צוגעהערט צו בּן-חורם לייענען, בּיז יענער איז געקומען צו דעם אָרט, וואו ס'איז דערמאָנט געוואָרען דער נאָמען אילדערים: „איך האָב נעכטען דעם אידען געזעהן אין דאַפֿנעס וואַלד; און טאָמער איז ער איצט ניטאָ דאָרטען, געפֿינט ער זיך מסתּמא ערגעץ אין דער נאָהענט, אַזוי אַז מיר וועט זיין גרינג צו האָבען אים אויפֿ'ן אויג. ווען דו זאָלסט מיך געוועזן פֿרעגען, וואו פֿאָרט איז ער איצט, וואָלט איך דיר געענטפֿערט אויף זיכער, אַז מ'קאָן אים געפֿינען אין אַלטען פֿאַלמען-וואַלד".

— אַהאַ! — האָט אילדערים אויסגערופֿען מיט אַ טאָן, וואָס האָט אויסגעדריקט סיי חידוש, סיי כּעס, און דערבּיי האָב ער זיך געשויבּערט די בּאָרד מיט די פֿינגער.

—„אינ'ם אַלטען פֿאַלמען-וואַלד—האָט בּן-חור איבערגעזאָגט— אינ'ם געצעלט פֿון שייך אילדערים דעם בּוגד".

— איך... אַ בּוגד! — האָט דער אַלטער אַ דונער געטאָן. זיין בּאָרד האָט זיך ממש געטרייסעלט פֿאַר אויפֿרעגונג, די ליפּען האָבען זיך צונויפֿגעצויגען פֿאַר גרימצאָרן און די אָדערן אויף זיין שטערן און האַלז זיינען אויפֿגעלאָפֿען, אַז זיי האָבען שיר ניט געפּלאַצט.

— נאָך אַ רגע, שײך — האָט בן־חור געבעטען מיט אַ באַרויהיגענדיגען טאָן — דאָס איז מעסאַלעם מײנונג װעגען דיר. איצט הער אױס זײנע התראות.

און ער האָט געלײענט װײטער:

„... אין געצעלט פון שײך אילדערים דעם בוגד, װאָס װעט זיך שוין משמעות ניט קײן סך קאָנען אַרױסדרײען פון אונזער שטאַרקער האַנט. זאָלסט זיך ניט חידוש'ען, אױב מאַקסענציוסעס ערשטע הכנה צו דער מלחמה װעט זײן — אָװעקצװזעצען דעם אַראַבער אױף אַ שיף און אָפּשיקען אים קײן רױם“.

— קײן רױם! מיך — אילדערימען! דעם שײך איבער צענטױזענט רײטער, מיט שפּיזען באַװאָפּענטע! מיך — קײן רױם!

ער איז מיט אימפּעט אױפגעשפּרונגען פון אָרט, די הענט אױסגעשפּרײט, די פינגער אױסגעשטרעקט און אױסגעקרימט װי קרעלען, די אױגען — בלישטשענדיגע װי בײ אַ שלאַנג.

— אָ גאָט! — נײן, איך שװער בײ אַלע געטער, אַ חוץ די רױמישע! װען װעט שוין נעמען אַ סוף צו דער דאָזיגער חוצפּה! אַ פרײער מאַן בין איך, און פרײ איז מײן פאָלק. מוזען מיר דען שטאַרבען װי שקלאַפען? אָדער, װאָס ס'איז נאָך ערגער, לעבען װי די הינט, װאָס פױזען בײ זײערע האַרען צו די פיס? זאָל איך אים לעקען די האַנט, אַבי ער זאָל מיך ניט שלאָגען? מײן גוף זאָל שוין מער ניט מײנס זײן? איך אַלײן זאָל שוין מער זיך ניט געהערען? פאַר יעדען אָטעם לופט זאָל איך האָבען צו דאַנקען דעם רױמער? אָ, װען איך װאָלט װידער געקאָנט װערען יונג! װען איך װאָלט געקאָנט אַראָפּטרײסלען צװאַנציג יאָר פון מיר! אָדער צעהן כאָטש! אָדער נאָר פינף!

ער האָט געקריצט מיט די צײן און געטרײסעלט מיט די צונױפגעדריקטע פױסטען איבער'ן קאָפּ. דערנאָך, װי געפּאַקט פון אַ אַנדער געדאַנק, האָט ער זיך געלאָזט גײן אין עק געצעלט, אָבער זיך גלײך אומגעקערט צוריק צו בן־חורן און האָט אים שטאַרק מיט דער האַנט אָנגעכאַפּט פאַר דער פלײצע.

— װען איך בין אױף דײן אָרט, זון פון אַריוס, אַזױ יונג, אַזױ שטאַרק, אַזױ געניט אין באַנוצען געװער; װען איך האָב אַ גרונט

צו נקמה, אַזאַ גרונט ווי דו, אַ גרונט, וואָס איז גענוג שטאַרק, אויף צו היילינגען אַפילו דעם האַס, די נקמה... גענוג זיך צו פֿאַר־שטעלען! בן־חור, בן־חור — זאָג איך דיר...

ביים קלאַנג פֿונ׳ם דאָזיגען נאָמען איז ס׳בלוט פֿאַרגליווערט גע־וואָרען אין בן־חורס אָדערן: ערשטוינט, מבולבל האָט ער גע־קוקט דעם אַראַבער אין די אויגען אַריין, וואָס האָבען גאַנץ נאָ־הענט פֿון זיינע געבּרענטס מיט אַ ווילדען פֿייער.

— זון פֿון חור, זאָג איך, ווען איך בּין אויף דיין אָרט, ווען איך וואָלט געהאַט אַריבּערגעטראָגען נאָר אַ העלפֿט פֿון דיינע ניט־פֿאַרדינטע פּורעניות׳ן, ווען איך וואָלט געלעבּט מיט אַזעלכע זכרונות׳ן ווי דו, — וואָלט איך ניט גערוהט, כ׳וואָלט ניט גע־געקאָנט רוהען.

אָהן אָפּהאַלט, ווי אַ וועקנעריסען פֿון אַ שטורימווינט, האָבען ד׳ ווערטער געשטראָמט פֿון דעם אַלטענס מויל.

— צו אַלע מיינע אייגענע פּורעניות׳ן וואָלט איך צוגעגעבּען די פּורעניות׳ן פֿון דער גאַנצער וועלט און וואָלט זיך געהייליגט אין דער נקמה. פֿון לאַנד צו לאַנד וואָלט איך געצויגען און וואָלט די פֿעלקער אָנגעצינדען. אין יעדער מלחמה פֿאַר רעכט און פֿרייהייט וואָלט איך מיטגעקעמפֿט; אין יעדען קאַמף קעגען רוים וואָלט איך מיין שווערד אַרויסגעצויגען. ניט האָבּענדיג קיין בּעסערס, וואָלט איך זיך אַפֿילו געשטעלט אין די שעריינגעם פֿון די פּרתים. און וואָלט איך ניט געפֿונען קיין אָפּהייגער בּיי מענשען, וואָלט איך פֿונדעסטוועגען זיך פֿאָרט ניט מייאש געווען ... כאַ־כאַ־כאַ! איך שווער בּיי גאָט! איך וואָלט צוגעשטאַנען צו די וועלף, מיט לייבּען און לעמפּערטען וואָלט איך געוואָרען חבר, אַבי צו פֿירען זיי קעגען דעם שותּפֿישען שונא. איך וואָלט זיך ניט געמיאוסט מיט קיין שום כּלי־זיין. און אַזוי ווי מיינע קרבּנות וואָלטען דאָך רוימער געווען, וואָלט איך זיך מיט תּאווה און תּענוג געבּאָדען אין זייער בּלוט. קיינעם וואָלט איך ניט געשאַנעוועט, און פֿון קיינעם קיין גנאָד ניט פֿאַרלאַנגט. אַלץ, וואָס רוימיש איז, וואָלט איך מפקיר געווען אויפֿ׳ן פֿייער, און דעם שווערד וואָלט איך מקריב געווען אַלע רוימיש־געבּאָרענע. אַלע נאַכט וואָלט איך געבּעטען רחמים

די געטער, סיי די גוטע סיי די בייזע, זיי זאָלען מיר לייהען זייערע פּחדים — שטורימווינטען, טריקעניש, היץ, קעלט, און די אַלע גיפֿטען אָהן אַ נאָמען, מיט וועלכע זיי פֿאַרסמען די לופֿט, אַלע די טויזענטער סיבות, דורך וועלכע מענשען געפינען דעם טויט סיי אויף דער יבשה און סיי אויפ'ן ים. אָ, איך וואָלט שלאָפֿען ניט געקאָנט.. איך... איך וואָלט...

דעם שייכס שמים האָט זיך אָפּגעהאַקט. שווער עטעמענדיג, האָט ער געבראָכען די הענט. אָבער פֿון זיין גאַנצער פלאַם־פֿייערדיגער דרשה האָט בן־חור אַרויסגעטראָגען נאָר דעם רושם פֿון ברענענדיגע אויגען, פֿון משונה־ווילדע קולות, פֿון אַ משונגענעם בלינדען גרימצאָרן, וואָס האָט געקאָכט אין אים. זיין האַרץ און מוח זיינען אים אין דער דאָזיגער רגע צופֿיל געווען פֿאַרנומען מיט דעם, וואָס ס'האָט געהאַט אַ שייכות צו זיין אייגענער פּערזאָן.

צום ערשטען מאָל נאָך לאַנגע־לאַנגע יאָרען האָט דער עלענדער בחור דערהערט זיך רופֿען ביי זיין אמתען נאָמען, ביי דעם נאָמען פֿון זיין טאַטען, איז דאָך לכל־הפּחות פֿאַראַן אַ מענש, וואָס קאָן אים, אַ מענש, וואָס איז מודה אין זיין רעכט אויפ'ן דאָזיגען נאָמען, ניט פֿאַרלאַנגענדיג קיין באַווייזען דערויף. און דער דאָזיגער מענש איז אַ אַראַבער, וועלכער איז ערשט דאָ ניט לאַנג פֿון דער מדבר געקומען!

ווי אַזוי האָט דער דאָזיגער מענש דאָס דערגאַנגען? דורך דעם ברית? ניין. דאָרטען האָט זיך נערעדט נאָר פֿון די צרות, וואָס די פֿאַמיליע חור האָט געמוזט אויסשטיין, דאָרטען האָט זיך דערציילט נאָר וועגען זיינע אייגענע טרעפּעניש; אָבער אַז ער איז דאָס יענער קרבן, וואָס איז אַנטרונען פֿונ'ם בייזען פּסק, — וועגען דעם האָט ער דאָך נאָך גאָרנישט געוואוסט. טאַקע אָט וועגען דעם פּונקט האָט בן־חור געוואָלט נאָכ'ן איבערלייענען דעם בריוו געבען דעם שייך אַ ערקלערונג. פֿול פֿרייד און ניי־אויפֿגעלעבטע האָפֿענונג, האָט ער פֿונדעסטוועגען זיך געמטאַרעט צו בלייבען אויסערליך רוהיג.

— גוטער שייך, זאָג מיר, ווי קומט דער דאָזיגער בריוו אין דיינע הענט?

— מײנע לײט, וואָס היטען די װעגען צװישען די שטעט, האָבען אים אָפּגענומען בײַ אַ קוריער, — האָט אילדערים אָפען נעענטפֿערט.

— נו, און אויב ס׳וועט זיך דערגײן, אַז דאָס זײַנען דײַנע לײַט?

— נײן, פאַר דער וועלט זײַנען זײ רויבער, וועלכֿע איך דאַרף גאָר כֿאַפּען און ממית׳ן.

— נאָך אַ פראַגע, שײך: דו האָסט מיך אָנגערופען בן־חור, אויף מײן טאַטענס נאָמען. איך האָב געמײנט, אַז ס׳איז ניטאָ קײן מענש אויף דער גאַנצער וועלט, וואָס זאָל מיך קאָנען. פון וואַנען ווײסטו מײן נאָמען?

אילדערים האָט זיך געשלאָגען מיט דער דעה.

— איך קאָן דיך — האָט ער סוף־כּל־סוף זיך אָפּגערופען — מער טאָר איך דיר הײנט נאָך ניט זאָגען.

— האָסט אימיצען צוגעזאָגט צו שווײגען?

ניט ענטפֿערנדיג קײן וואָרט, האָט דער שײך זיך אױסגעדרײט אַוועקצוגײן; אָבער באַמערקט בן־חורס פאַרדראָס, האָט ער זיך אומגעקערט און געזאָגט:

— לאָמיר דערווײל מער וועגען דעם ניט רײדען. איך גײ איצט אין שטאָט אַרײן. אַז איך וועל קומען צוריק, וועל איך דיר אַלץ אויסזאָגען. גיב מיר דעם בריוו.

אילדערים האָט זאָרגעוודיג צונויפגעוויקעלט דעם פּאַפּירוס, אַרײנגעלײגט אים אין דער מעטפּה און איז ווידער געוואָרען דערזועלביגער לעבעדיגער ענערגישער מאַן, וואָס פריהער.

— נו, וואָס־זשע ווײסטו מיר ענטפערן? — האָט ער אים געפרעגט, וואַרטענדיג אויפ׳ן פערד און אויף די דינער, וואָס האָבען אים געזאָלט באַלײטען — איך האָב דיר געזאָגט, וואָס איך וואָלט געטאָן אויף דײַן אָרט, אָבער דו האָסט מיר ניט געענטפֿערט.

— איך האָב דיר געוואָלט ענטפערן, שײך, און וועל דיר נאָך ענטפערן — האָט בן־חור זיך אָפּגערופען, און סײ פון זײן פּנים, סײ פֿון זײן קול האָט אַרויסגערעדט די ווידער אויפֿגעוואַכטע טיפע

אויפרעגונג — אלץ, וואס דו האסט אויסגערעכנט, וועל איך טאן, אויף וויפיל ס'לינגט אין מענשליכע כוחות. שוין א לאנגע צייט, ווי איך האב זיך געהיילינגט דער נקמה. יעדע שעה פון מיינע לעצטע פינף יאר האב איך געלעבט נאר מיט'ן דאזיגען געדאנק. איך האב זיך ניט פארגונען קיין רוה און קיין ראסט. די תענוגים פון דער יוגענד, די פארגעניגענס פון רוים האבען מיך ניט געצויגען. אין רוים בין איך פארבליבען נאר, כדי צוצוגרייטען זיך צו דער נקמה. איך האב זיך געלערנט ביי די בארימטסטע לערערס, אבער געלערנט האב איך ניט קיין רעטאריק און ניט קיין פילאזאפיע; דערצו האב איך ניט געהאט קיין צייט. מיין שטרעבען איז געווען אויסצובילדען זיך אין דער חכמה פון האלטען געווער. איך האב זיך געחברט מיט די גלאדיאטארען און מיט די זיגערס אין די צירקען; אט זיי זיינען געווען מיינע לערערס. די פעכטמייסטערס אינ'ם רוימישען הויפט-לאגער האבען מיך צוגענומען פאר א תלמיד און האבען זיך גרויס געהאלטען מיט מיין פעולה אין זייער פאך. איצט בין איך א סאלדאט, שייך; אבער דאס איז פאר מיר ווייניג; די אויפגאבע, וואס איך האב זיך געשטעלט, פאדערט, איך זאל זיין א פעלדהאר. דעריבער וויל איך זיך באטייליגען אין דער מלחמה קעגען די פרתים, און ווי נאר זי וועט זיך ענדיגען, און גאט דער האר וועט מיך אומקערען אהיים לעבעדיג און בשלום, דאן... — בן-חור האט אויפגעהויבען די צונויפנעדריקטע הענט צום הימעל — דאן וועל איך ווייזען רוים, אז ער האט א שונא, וואס קאן אלץ אויפ'ן רוימישען שטייגער; דאן וועט רוים מיר באצאלען מיט רוימער-בלוט פאר אלע יסורים, וואס ער האט מיר אנגעטאן, אט דאס איז מיין ענטפער, שייך!

אילדערים האט ארומגענומען דעם בחור, האט אים א קוש געטאן און פייערליך געזאגט:

— אויב דיין גאט וועט דיר ניט בייסטיין, בן-חור, איז א סימן, אז ער לעבט ניט מער. איך גיב דיר די הבטחה, און אויב דו ווילסט — די פייערליכסטע שבועה, אז פאר דיין צוועק גיב איך אפ אין דיין רשות מיך אליין און אלצדינג, וואס איך האב: מיינע מענשען, מיינע פערד און קעמלען, מיין מדבר אליין — אויף די הכנות!

איך שווער דיר אין דעם! און איצט — גענוג. נאָך היינט בײנאַכט װעלען מיר זיך זעהן, אָדער כ'װעל דיר שיקען אָנזאָגען.

ער האָט זיך האַסטיג אויסגעדרייט, אויפגעזעצט זיך אויפ'ן פֿערד און איז אַװעקגעריטען אין שטאָט אַרײַן.

## קאַפּיטעל זעקס.

### די ירושה.

דער איבערגעכאַפּטער בריוו האָט געגעבען בן-חורן דעם שליסעל צו אַ סך זאַכען, וואָס האָבען געהאַט פאַר אים אַ גרויסען ווערט. קודם-כל איז ער פון אים געוואָר געוואָרען, אַז די פאַמיליע חור איז באַזייטיגט געוואָרען צוליב אַ מערדערישער כוונה; אַז דער שרייבער פונ׳ם בריוו האָט זיך באַטייליגט אינ׳ם אויסאַרבעטען דעם פּלאַן דערצו און איז דורכדעם געוואָרען אַ מיטשולדיגער אינ׳ם פאַרברעכען; אַז ער האָט באַקומען אַ טייל פון דעם קאָנפיסקירטען פאַרמעגען און געניסט נאָך עד-היום דערפון; אַז די אומגעריכטע ערשיינונג פון בן-חורן, וועלכען ער האָט האַלט נעהאַט אָנצורופען הויפּט-פאַרברעכער, האָט אים געשראָקען; אַז ער זוכט באַצייטענס עצות, ווי אַזוי זיך צו באַוואָרענען אויף להבא פון דער פלוצלינגער סכנה, און אַז ער איז גרייט געווען צו פאָלגען אַלסדינג, וואָס זיין מיטשולדיגער פון קיסריה וועט אים הייסען.

און אָט איז דער בריוו אַריינגעפאַלען אין די הענט צו יענעם, וועגען וועלכען ס׳האָט זיך דערהויפּט גערעדט אין אים; ער האָט אים געבראַכט אַ ווידוי פון שונא אין דעם פאַרברעכען, ווי אויך אַ התראה וועגען דער דראָהענדיגער סכנה. דעריבער האָט בן-חור נאָך אילדערימס אַוועקגיין אָנגעהייבען נאָכצוטראַכטען, ווי אַזוי די דאָזינע סכנה אָפּצוּווענדען. זיינע שונאים זיינען געווען די טריפּסטע און מעכטיגסטע אין גאַנצען מזרח-לאַנד; אויב זיי האָבען מורא געהאַט פאַר אים, האָט ער נאָך מער גרונט געהאַט צו

שרעקען זיך פאר זיי. ער האט זיך געפלייסט קאלמבלוטיג צו באקלערען זיין לאגע, אבער אומזיסט: זיינע געפילען האבען אלץ גיכער געוועזען זיינע געדאנקען. ס'האט אים קנאפ־וואס נעארט, וואס די מחשבה, אז זיין מאמע און שוועסטער לעבען נאך, איז נאך דערוויייל מער ניט ווי א השערה; שוין דער געדאנק, אז ס'איז נאך פאראן א האפענונג, האט אים אנגעפילט מיט אן אומבאשרייבלעכער פרייד. דאס אליין, וואס ס'איז געווען אימיצער, וועלכער האט אים געקאנט זאגען, וואו זיי געפינען זיך, האט זיך אים געדאכט, נאך אזוי פיל אומזיסטע זוכענישען, גלייך ווי ער וואלט שוין געווען ביים ציל. עפעס א אבערגלויבישער פארגעפיל האט אים איינגערעדט, אז גאט אליין האט בדעה ארייננצומישען זיך און העלפען אים, און זיין אמונה האט אים געהייסען האבען ביטחון און רוהיג ווארטען.

ער האט זיך דערמאנט אן אילדערימס ווערטער און האט אנגעהויבען נאכצוטראכטען, פון וואנען האט דער אראבער געקאנט דערגיין זיין נאמען? פון מלוכן געווים דאך ניט און פון סימאנידעסן אויך ניט; דעם אנטיאכיער כותר'ס אינטערעסען האבען דווקא געפאדערט, ער לאז שטיל שווייגען. אפשר האט מעסאלע עס איסגעזאגט? ניין, ניין; אנטדעקען דעם סוד וואלט פאר'ן הימער זיין א צו גרויסע סכנה.

אומזיסט האט בן־חור זיך געבראכען דעם מוח: ס'רעטעניש האט ער ניט געקאנט טרעפען. ער האט זיך אבער געטרייסט מיט דעם געדאנק, אז ווער עס זאל ניט זיין דער מענש, וואס האט ארויסגעגעבען דעם סוד אילדערימען, — איז ער געוויס א פריינד און וועט זיך צו דער רעכטער צייט ארויסווייזען מעשה־פריינד. נאך א ביסעל ווארטען, נאך א קאפ געדולד! אפשר איז דער שייך גאר געפארען אין שטאט אריין צוליב אים טאקע; ער האט דאך אים צוגעזאגט נאכ'ן צוריק קומען אלצדינג צו דערקלערען.

אפגעגעסען מיטאג, האט בן־חור געהייסען ארויסקייקלען דעם רייטוואגען, א ביסעל דורכצושטופען די צייט. ער האט אים ארומגעקוקט פון אלע זייטען מיט'ן גרעסטען פעדאנטיזם. דער קלענסטער פרט, די מינדסטע קליינגקייט האט זיך ניט ארויסגעגליטשט

פֿון זײַן שאַרף אויג. און מיט אַ באַפֿרידיגונג, וואָס דער לײַענער האָט זי ערשט שפּעטער רעכט פֿאַרשטײן, האָט ער זיך איבערצײַגט, אַז דער וואָגן איז געמאַכט געווען נאָכ׳ן גריכישן מוסטער, און אין אַ סך פּרטים האָט ער אין אַ גריכישן רײַטוואָגן געהאַלטן מער ווי פֿון אַ רוימישן. דער וואָגן איז געווען ברײטער צווישן די רעדער, נידעריקער און שטאַרקער, ווי אַ רוימישער; דער חסרון, וואָס ער האָט געהאַט מער וואָג, האָט זיך מיט ריוח געדעקט דורך דעם כּוח פֿון די אידעלע אַראַבישע פֿערד. בכלל גערעדט, האָבן די רוימישע וואָגן־מאַכער געוויינטלעך מקריב געווען די זיכערקייט דער שײנקייט און די שטאַרקייט — דער גראַציעזער פֿאָרם; אין גריכנלאַנד אָבער, אויף די אָלימפּישע שפּילן, האָט מען זיך נאָך געהאַלטן אָן דעם סאָרט רײַטוועגן פֿון אַכילעסעס צײַטן.

אַרומגעקוקט דעם וואָגן, האָט בן־חור אַרויסגעפֿירט די פֿערד, האָט זיי אײַנגעשפּאַנט און איז אַרויסגעפֿאָרן אין פֿעלד, וווּ ער האָט זיי עטלעכע שעה נאָכאַנאַנד געלערנט גיין אין שפּאַן. העכסט צופֿרידן מיט דער פּעולה פֿון די איבונגען און ווידער פֿריילעך געשטימט, האָט ער זיך אומגעקערט ערשט פֿאַרנאַכטליך צוריק אין געצעלט אַרײַן מיט אַ פֿעסטן באַשלוס אָפּצולייגן אַלע שריט קעגן מעסאַלען ביז נאָכ׳ן טורניר. ער האָט זיך ניט געקאָנט אָפּזאָגן פֿונ׳ם תּענוג צו פֿאַרמעסטן זיך מיט זײַן געגנער פֿאַר׳ן גאַנצן מזרח־לאַנד אין די אויגן; אַז אַ חוץ מעסאַלען קאָנען נאָך אַרויסטרעטן קעגן אים אַנדערע קאָנקורענטן אויך — דאָס האָט אים גאָר ניט אָנגעהויבן אײַנצופֿאַלן. אין זײַן ניצחון האָט ער אַפֿילו ניט געצווייפֿלט. ער האָט געהאַט פֿולן בטחון אין זײַן אייגענער קונסט און אין די אומפּאַרגלײַכלעכע מעלות פֿונ׳ם פֿיר־געשפּאַן.

— לאָז ער נאָר אײַך אָנקוקן, לאָז ער! ניט אמת, אַנטאַרעס, אַלדעבאַראַן? און דו מײַן בראַווער ריגעל, און דו אַטאַאיר, דו קיניג פֿון די אָדלערס, — לאָז ער נאָר אײַך אָנקוקן, מײַנע קינדער!

אַזוי איז ער געגאַנגען פֿון איין פֿערד צום אַנדערן, אָפּשטע־

לענדיג זיך פאַר יעדערן, גלעטענדיג און צערטלענדיג זיי מיט ליבשאַפטליכע ווערטער, ניט ווי אַ האַר, נאָר אַזוי ווי אַ עלטערער צווישן אינגערע ברידער.

אַז ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט איז בן־חור געזעסן ביים אַריינגאַנג פאַר'ן געצעלט אַריין און האָט געוואַרט אויף אילדערימען, וועלכער האָט זיך נאָך ניט אומגעקערט פון שטאָט. ער האָט ניט געפילט ניט קיין אומגעדולד און ניט קיין אומרואיגקייט. דער שייך וועט אים אַלענפאַלס געבן צו וויסן טאָמער וואָס.

צי מחמת דעם נחת־רוח פון די פערדס פעולה, צי מחמת דעם קאַלטן וואַסער, אין וועלכן ער האָט זיך אויסגעבאָדן נאָכ'ן פאָרען, צי מחמת ער האָט אָפּגעגעסן כיד־המלך, און טאַקע מיט אַ אַפּעטיט ניט צו פאַרזינדיגן; אָדער אפשר גלאַט מחמת דער רעאַקציע, דער דאָזיגער מתנה פון דער נאַטור, וואָס קומט תמיד נאָך אַ טיפער נידערגעשלאָגנקייט, — ווי די מעשה זאָל ניט זיין, דער יונגער מאַן, איז געווען אין אַ אויסערגעוויינטליך געהויבענער שטימונג, מ'קאָן כמעט זאָגן — אין אַ באַגייסטערטער. זיין האַרץ איז ווידער פול געווען מיט ביטחון, אַז די השגחה האָט אים אויפגעהערט צו רודפן און וועט אים שוין ביישטיין אין אַלע זיינע ניטען.

ס'האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּן פון אַ פערדס קאָפּיטעס, וואָס האָט זיך גיך דערנעהענטערט. אין אַ ווײַלע אַרום איז אָנגעקומען מלוך רייטענדיגערהייט.

— זון פון אַריוס — האָט מלוך געזאָגט מיט אַ פרייליכן קול, נאָכדעם ווי ער האָט בן־חורן באַגריסט ווי דער סדר איז געווען — שייך אילדערים שיקט דיר זיין גרוס און בעט דיך זעצן זיך תיכף אויפ'ן פערד און פאָרען אין שטאָט אַריין. ער וואַרט אויף דיר.

ניט פרעגנדיג קיין וואָרט, איז בן־חור אַוועק צו די פערד, וועלכע זיינען געשטאַנען און געגעסן. אַלדעבאַראַן איז גלייך צו אים צוגעלאָפן, אַזוי ווי פאָרלייגנדיג אים זיין גרייטשאַפט צו דינען. ער האָט אים אַ גלעט געטאָן, איז אָבער אַוועק ווייטער אויסצוקלייבן אַ אַנדער פערד, ניט פון די פיר, וועלכע האָבן ביז'ן טורניר געדאַרפט בלייבן אומבאַרירליך. אין אַ ווײַלע אַרום

זיינען ביידע רייטער גיך און שווייגענדיג געפאָרען צו דער שטאָט צו.

ניט דערפאָרענדיג אַ שטיקעל צו דער בריק פון די סעלעווקי־דען, האָבען זיי זיך אַריבערגעשיפט איבער'ן טייך אויף אַ פּאַראָם, אָנגעלייגט אַ שטיק וועג פאַזע דעם רעכטען ברעג, זיך ווידער אַריבערגעשיפט אויף אַ פּאַראָם איבער'ן טייך און זיינען אַריינגע־ריטען אין שטאָט אַריין פון מערב־זייט. בן־חור האָט זיך געשטוי־סען, אַז דער היבשער אומוועג איז געמאַכט געוואָרען צוליב פאָר־זיכטיקייט.

זיי זיינען צוגעפאָרען צו סימאָנידעסעס לאָר־סטאַנציע. אונטער דער בריק, פאַר דעם גרויסען סקלאַד, האָט מלוך אָפּגעהאַלטען דעם פערד.

— מיר זיינען געקומען — האָט ער געזאָגט — קריך אַראָפּ.

בן־חור האָט דערקענט דעם אָרט.

— וואו איז דער שייך? — האָט ער געפרעגט.

— קום מיט מיר, איך וועל דיך פירען.

אַ וועכטער האָט פון זיי צוגענומען די פערד, און באַלד איז בן־חור ווידער געשטאַנען פאַר דער טיר פונ'ם הייזעל, וואָס איז אויסגעבויט געווען אויפ'ן דאַך פונ'ם גרעסערן הויז, פאַר דערזעלבי־גער טיר, אין וועלכער ער איז שוין איינמאַל געווען אַריינגעגאַנגען. ער האָט דערהערט פון אינווייניג אַ איינלאַדונג:

— גיי אַריין, אין נאָמען פון גאָט.

מלוך איז געבליבען דרויסען, און אַריין איז בן־חור אַליין.

דער חדר איז געווען דער אייגענער, וואו ער איז שוין איינ־מאָל געשטאַנען פאַר סימאָנידעס'ן. קיין שום זאַך האָט זיך דאָ ניט געענדערט; מער ניט לעבען סימאָנידעסעס פאָטעל איז איצט געשטאַנען אויף אַ ברייטען הילצערנעם געשטעל אַ געזונטע קו־פּערנע מנורה, די הייך ווי אַ מענשענס וואוקס, מיט זיבען זיל־בערנע אָנגעצונדענע לעמפּעלאַך. דאָס ליכט האָט מיט אַ העלען שימער באַגאָסען די געפאַנירטע ווענט, דעם געזימס מיט זיינע באַ־גילטע קוילען און דעם סופיט פון פיאָלעטע גלימער־שייבלעך.

געמאַכט עטליכע טריט, איז בן־חור געבליבען שטיין.

דרײ מענשען האָבען זיך געפֿונען אין חדר און האָבען אים באַטראַכט — סימאָנידעס, אילרערים און אסתּר.

קווײנקלענדיג און אומזיכער האָבען זײנע בליקען געבלאָנדזשעט פון אײנעם צום אַנדערן, גלײך ווי ער וואָלט זוכען אַ ענטפער אויף דער פֿראַגע, וואָס האָט אים געעקבערט: „וואָס ווילען זײ פון אים האָבען?" אַלע זײנע חושים האָט ער אָנגעשטרײנגט, דען נאָך דער ערשטער פראַגע איז געקומען א צווייטע: „זײנען זײ פֿרײנד אָדער פײנד?"

ענדליך האָבען זײנע אויגען זיך פֿאַרהאַלטען אויף אסתּר'ן.

בײדע מאַנסביל האָבען אויף זײן שטימען גרוס געענטפֿערט מיט אַ פֿרײנדליכען בליק; אָבער אין אסתּרס בליק איז געלעגען עפּיס מער ווי פֿרײנדליכקײט, און בן־חור האָט עס אינסטינקטיוו גלײך דערפֿילט. און אין דערזועלביגער רגע איז אין זײן דימיון אױפֿגעשטאַנען דאָס בילד פֿון דער עגיפּטערין און האָט זיך געשטעלט צום פֿאַרגלײך אַנטקעגען דער באַהנטער אירישקע. אָבער ווי תּמיד אין אַזעלכע פֿאַלען האָט דער פֿאַרגלײך ניט געבראַכט צו קײן שום רעזולטאַט.

— בן־חור!

דער בחור האָט זיך אַ קער געטאָן צו דעם רײדער.

— בן־חור — האָט סימאָנידעס איבערגעזאָגט, פֿאַמעליך און מיט'ן טראָפּ, גלײך ווי ער וואָלט ווּעלען, אַז דער, וועמען דאָס איז נוגע, זאָל דערפילען די גאַנצע ווילכטיגקייט, דעם פולען ווערט פון די דאָזיגע צווײ ווערטער, — נעם צו דעם פריד פונ'ם אײבערשטען, דעם גאָט פון אונזערע אבות — נעם אים צו פֿון מיר — און נאָך אַ הפסקה האָט ער צוגעגעבען — פֿון מיר און פון מײן הויז.

סימאָנידעס איז געזעסען אין זײן פֿאָטעל. יעדערער, וואָס האָט באַטראַכט זײן מלכותדיגען קאָפּ, זײן בלײכען פנים, זײן באַפֿעלערישען קוק, האָט פֿאַרגעסען, אַז אונטער די געפֿאַלבטע מלבושים איז דאָ פֿאַרבאָרגען אַ צוקאַליעטשעטער פֿאַרהוויקערטער קערפּער און צובראָכענע איברים. די גרויסע שוואַרצע אויגען האָבען שטאַרק, אָבער ניט שטרײנג אַרויסגעקוקט פון אונטער זײנע ווײסע ברע-

טען. פלוצלונג האָט ער אָנגעבײגען דעם קאָפּ און פאַרלײגט די הענט אויף דער ברוסט. וואָס דער גרוס זײנער און איצט די דאָזיגע באַוועגונג האָבען באַטײט, איז געווען קלאָר. בן־חור האָט עס פאַרשטאַנען.

—סימאָנידעס — האָט ער געענטפערט טיף געריהרט — דעם הײליגען שלום, וואָס דו לײגסט מיר פאָר, נעם איך אָן, און אַזוי ווי אַ זון דעם טאַטען זײנעם ענטפער איך דיר אויף דײן גרוס. נאָר אײן זאַך וואָלט איך דיך וועלען בעטען, אַז מיר זאָלען אײנער דעם אַנדערן גוט פאַרשטײן.

אויף אַזאַ אײדעלן אופן האָט ער געוואָלט פאַרבײגען דעם סיהרס גרײטשאַפט צו הכנעה. ניט קײן האַר האָט ער געוואָלט זײן פאַר סימאָנידעסן; ער האָט געזוכט אַרײנצוגײן מיט אים אין אַנדערע העכערע באַציהונגען.

סימאָנידעס האָט אַראָפּגעלאָזען די הענט און, זיך ווענדענדיג צו אסתר׳ן, געזאָגט:

— ברײנג אונזער האַר אַ שטול, טאָכטער.

זי האָט געבראַכט אַ שטול און איז אַ טיף געריטעלטע שטײן געבליבען לעבען טאַטען, ניט צו וויסען, וואו אים אַוועקצושטעלען. אין פאַרלעגענהײט האָט זי געוואָרפען אירע בליקען דאָ אויפ׳ן גאַסט דאָ אויף איר טאַטען; אָבער זײ האָבען בײדע געשווינגען, איבערלאָזענדיג אײנער דעם אַנדערן דעם רשות. ענדליך, אַז דאָס שווײגען האָט אָנגעהויבען צו שווער צו דריקען, איז בן־חור צוגעגאַנגען צו אסתרן, אַרויסגענומען איר פון דער האַנט דעם שטול און אים אַוועקגעשטעלט לעבען דעם פאָטעל, דעם פוחר צופּוּ־סענס.

— איך וועל זיך זעצען אָט דאָ — האָט ער געזאָגט.

זײנע אויגען האָבען זיך באַגעגענט מיט אירע... אויף אײן רגע נאָר, אָבער בײדען איז געוואָרען גרינגער פון דעם בליק. ער האָט פאַרשטאַנען איר דאַנקבאַרקײט, און זי — זײן גרויסמוטיגקײט און באַשײדענקײט.

—אסתר מײן קינד — האָט סימאָנידעס געזאָגט, גרינגער אויפגעעטעמט — ברײנג מיר די פּאַפּירען.

פֿון אַ אַלמער אין וואַנט האָט זי אַרויסגענומען אַ פּאַפּירוסענע מגילה און דערלאַנגט זי דעם טאַטען.

— דו האָסט גוט געזאָגט, בן־חור — האָט סימאָנידעס ווידער אָנגעהויבן, פֿונאַנדערוויקלענדיק די מגילה — מיר מוזן איינער דעם אַנדערן זעהן צו פֿאַרשטיין. אָט דאָ האָב איך צונויפֿגעשטעלט אַ דין־וחשבון, ריכטענדיק זיך, אַז ס'וועט קומען דער טאָג, ווען דו וועסט עס פֿון מיר פֿאָדערן. און ווען דו וואָלסט זיך אַפֿילו אָפּגעזאָגט דערפֿון, וואָלט איך אויך דעם באַשטאַנען; דער דין־וחשבון איז כּולל אַלצדינג, וואָס איז נייטיג, כּדי זיך צונויפֿצורעדן. ער נעמט אַרום נאָר צוויי פּונקטען: דאָס פֿאַרמעגען און די באַציהונגען צווישען אונז. ביידע פּונקטען וועלען פֿאַר דיר ווערען קלאָר און דייטליך פֿונ'ם דין־וחשבון. וועסט אים אַזוי גוט זיין איצט איבערלייענען?

בן־חור האָט גענומען די פּאַפּירען, דערביי אָבער האָט ער קווינקלענדיג זיך אַ קוק געטאָן אויף אילדערימען.

— נישקשה, — האָט סימאָנידעס געזאָגט — פֿאַרן שייך האָסטו זיך ניט וואָס צו שטערען. דער דין־וחשבון פֿאָדערט סיי־ווי־סיי אַ עדות, און אַז דו וועסט אים האָבען איבערגעלייענט ביז'ן סוף, וועסטו אונטער געפֿינען דעם שייך אילדערימס התימה. ער ווייס אַלצדינג. ער איז דיינער אַ ידיד. אַלץ, וואָס ער איז געווען פֿאַר מיר, וועט ער אויך זיין פֿאַר דיר.

סימאָנידעס האָט אַ קוק געטאָן אויפֿ'ן אַראַבער און אים פֿריינדליך צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. יענער האָט אָפּגעדאַנקט מיט אַ ענליכער באַוועגונג און האָט ערנסטערהייט זיך אָפּגערופֿען.

— דו האָסט געזאָגט ריכטיג.

— דעם ווערט פֿון זיין פֿריינדשאַפֿט האָב איך שוין דערקענט, און איך דאַרף נאָר דערווייזען, אַז איך האָב זי פֿאַרדינט — האָט בן־חור געענטפֿערט. ער האָט דערלאַנגט סימאָנידעס'ן די מגילה צוריק און האָט פֿאָרגעזעצט. — שפּעטער, סימאָנידעס, וועל איך די פּאַפּירען דורכלייענען מיט קאָפּ. דערווייל נעם זיי צו צוריק און, אויב דו ביסט ניט פֿאַרמאַטערט, גיב מיר איבער בקיצור דעם תּוך זייערן.

סימאָנירעס האָט צוגענומען בײַ בן-חורן די מגילה און האָט געזאָגט:

— אסתּר, שטעל זיך לעבן מיר און האַלט צו די פּאַפּירען, זײַ זאָלען זיך ניט צומישען.

זי איז צוגעגאַנגען צום טאַטען און האָט אים אַרױפגעלײגט די רעכטע האַנט אױף דער פּלײצע, אַזױ אַז ס'איז אױסגעקומען, אַז זײַ בײדע גיבען עס אָפּ דעם דין-וחשבון.

— אָט אין דעם בױגען — האָט דער סוחר געזאָגט, אַרױסציִענדיג ס'ערשטע בלאַט, — איז פאַרצײכענט די סומע, װאָס איז מיר איבערגעבליבען פון דײַן טאַטען — ס'אײנציגע פון דעם גאַנצען אײגענס, װאָס איז נעראַטעװעט געװאָרען פון די רױמער. און אױך די דאָזיגע סומע װאָלט ניט פאַרהיט געװאָרען פון זײערע רױבערישע הענט, װען ניט אונזער אידישער מינהג צו האָבען צו טאָן מיט װעקסלען. די דאָזיגע געראַטעװעטע סומע איז באַשטאַנען פון געלטער, װאָס איך האָב אױפגעמאָנט אין רױם, אַלכּסנדריה, דמשק, קרתּגאָ, װאַלענסיע און אַנדערע האַנדעלס-שטעט, און האָט באַטראָפען הונדערט מיט צװאַנציג טאַלאַנטען*) אין אידישער מטבע.

ער האָט דערלאַנגט אסתּר'ן דעם בױגען און האָט גענומען דעם צװײטען.

די דאָזיגע סומע — הונדערט מיט 20 טאַלאַנטען — האָב איך אַרײנגעלײגט אין געשעפט און אָט זײנען די רעזולטאַטען, װאָס איך האָב דערגרײכט מיט'ן דאָזיגען קאַפּיטאַל.

ער האָט אָנגעהױבען צו נעמען אײנציגװײז די װײַטערדיגע בױגענס און, דורכלאָזענדיג די תּשבורות'ן, גענומען לײענען נאָר די סך-הכּל'ס. אָט זײנען זײ:

| | | |
|---|---|---|
| אין שיפען . . . . . . . . . | 60 | טאַלאַנט |
| „ סחורות אױף לאַגער. . . . . . | 110 | „ |
| „ סחורות אין װעג . . . . . . . | 75 | „ |
| „ קעמלען, פערד ובהמה. . . . . | 20 | „ |

*) א טאלאנט איז געװען ערך 20 000 רובל.

| | | |
|---|---|---|
| אין לאַגער־בנינים . . . . . . . . | 10 | טאַלאַנט |
| „ שטר־חובֿות . . . . . . . . | 54 | „ |
| „ מזומן־געלט . . . . . . . . | 224 | „ |

סך־הכּל 553 טאַלאַנט.

— ווען דו וועסט אַצינד צו די דאָזיקע פֿינף הונדערט דרײַ און פֿופֿציק טאַלאַנט צו רעכענען דעם קרן, וואָס איך האָב געהאַט פֿון דײַן טאַטן, וועסטו האָבן אַ קײמאַ־לן פֿון זעקס הונדערט דרײַ און זיבעציק טאַלאַנט. און דאָס אַלץ געהערט דיר אַליין, בן־חור. דו ביסט דער רײַכסטער מענטש אין דער וועלט.

ער האָט פֿון אסתּרס האַנט צוגענומען די פּאַפּירן, האָט זיי צונויפֿגעוויקעלט און דערלאַנגט זיי בן־חורן; נאָר איין בויגן האָט ער איבערגעלאָזן זיך. דער שטאָלץ, וואָס האָט אַרויסגעקוקט דערבײַ פֿון אים, האָט ניט באַליידיקט; אפֿשר האָט ער זיך דער־וועקט דורכ׳ן באַוואוסטזיין פֿון גוט ערפֿילטער התחייבֿות; און אפֿשר האָט ער זיך גאָר גרויס געהאַלטן מיט בן־חורן, ניט מיט זיך.

— און אַצינד איז ניטאָ קיין שום זאַך אין דער וועלט — האָט ער צוגעגעבן, אַראָפּלאָזנדיק די שטים, אָבער ניט די אויגן — וואָס דו זאָלסט עס ניט בײַכולת זײַן צו דערווײַזן.

דאָס איז געווען אַ מאָמענט פֿון דער העכסטער שפּאַנונג פֿאַר אַלע דערבײַגעוועזענע. סימאָנידעס האָט ווידער פֿאַרלייגט די הענט אויף דער ברוסט; אסתּר האָט מיט אַ אָפּגעהלשטען האַרץ געוואַרט וואָס וועט זײַן ווײַטער, אילדערים איז געווען אויפֿגערעגט. קיינמאָל ווײַזט זיך אַזוי בולט ניט אַרויס די אינווייניגסטע אמתע נאַטור פֿון אַ מענטשן, ווי אין אַ מאָמענט פֿון אַ אומגעריכטען גרויסן גליק.

בן־חור האָט גענומען די פּאַפּירוסענע מגילה און, באַמיהענדיק זיך צו באַהערשן די געפֿילן, וואָס האָבן געשטורעמט אין אים, האָט ער געזאָגט מיט אַ ביסל אַ ציטערדיק קול:

— דאָס אַלץ איז פֿאַר מיר ווי אַ ליכט אין הימל, געשיקט צו פֿאַרטרײַבן די נאַכט, וועלכע האָט זיך שוין געצויגן אַזוי לאַנג, אַז איך האָב מורא געהאַט — זי וועט זיך שוין קיינמאָל

ניט ענדיגען, און וועלכע איז געווען אזוי פינסטער, אז איך האב שוין כמעט ווי פארלאָרען די האָפענונג ווען-עס-איז ווידער צו זע-הען א ליכטיגען שטראל. ראשית-כל גיב איך אָפּ א דאנק גאָט דעם האר, וואָס ער האָט מיך ניט פארלאָזען, און דערנאָך דאנק איך דיך, אָ סימאָנידעס! דיין טרייַשאַפט וועגט אריבער די רישעות׳ן פון אנדערע און קערט מיר אום די אמונה אין די גוטע מידות פון דער מענשליכער נאטור. דו זאָגסט, אז ס׳איז נימאָ די זאך, וואָס איך זאָל ניט קאָנען דערווייזען. הייסט עס. קאָן איך דיר אויך אָפּצאָלען פאר דיין איידעל הארץ. טאָ זיי-זשע א עדות, שייך אילדערים! הער די ווערטער, וואָס איך וועל אצינד זאָגען — הער זיי מיט קאָפּ און באהאלט זיי אין זכרון! און דו אסתר, גוטער מלאך פונ׳ם דאָזיגען איידעלן מאן, הער מיך אויך אוים.

ער האָט אויסגעשטרעקט די האנט, וואָס האָט געהאלטען די מגילה צו סימאָנידעס׳ן.

— אלצדינג, וואָס איז אויסגערעכענט אינ׳ם דאָזיגען חשבון, אָהן שום אויסנאם: די שיפען, די הייזער, די סחורות, די קעמלען, די פערד, ס׳געלט, סיי ס׳קלענסטע, און סיי ס׳גרעסטע, — קער איך דיר אום צוריק, אָ סימאָנידעס. איך ערקלער דאָס אלץ פאר דיין אייגענס און באשטעטיגעס דיר און דיין משפחה אין רשות אויף אייביגע צייטען!

אסתר האָט א שמייכעל געטאן דורך טרערען; אילדערים האט נערווייאיש געצופט זיך די בארד און זיינע אויגען האבען געבליצט; נאר איין סימאנידעס איז געבליבען קאלט און רוהיג.

— איך באשטעטיג עס דיר און דיין משפחה אין רשות אויף אייבינע צייטען — האָט בן-חור ווייטער גערעדט, נאָכדעם ווי ער האָט זיך א ביסעל באהערשט, — אָבער מיט א י י ן אויסנאם און מיט א י י ן תנאי.

אלע האָבען פארהאלטען דעם אָטעם ביי די ווערטער.

— די הונדערט און צוואנציג טאלאנטען, וואָס האָבען געהערט צו מיין טאטען, וועסטו מיר אומקערען...

אילדערימס פנים האָט אויפגעלויכטען.

— און דו וועסט מיר העלפען זוכען מיין מאמען און שוועס-

טער, און אַזוי ווי איך וועל ניט שפּאָרען פאַר דעם דאָזיגען צוועק פון דעם, וואָס געהערט צו מיר, אַזוי זאָלסטו אויך ניט שפּאָרען דיין פאַרמעגען, אויב ס'וועט דערצו נייטיג זיין.

סימאָנידעס איז געווען טיף גערירט. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און האָט געזאָגט:

— איך דערקאָן דיין נשמה און דיין גייסט, בן־חור, און איך דאַנק דעם האַר, וואָס ער האָט מיר דיך געשיקט אַזוי ווי דו ביסט. זיי רוהיג: אַזוי טריי ווי איך האָב דיין טאַטען געדינט, בשעת ער האָט געלעבט, און שפּעטער זיין הויזגעזינד אין זכות פון זיין זכרון, אַזוי טריי וועל איך אויך דיר אויף להבא דינען. פונדעסטוועגען קאָן איך דיין תנאי ניט אָננעמען.

ער האָט פונאַנדערגענומען דעם בויגען, וואָס ער האָט געהאַט געלאָזען ביי זיך, און האָט צוגעגעבען:

— דו האָסט ניט אויסגעהערט דעם גאַנצען דין־וחשבון. נעם דאָס בלאַט און לייען — לייען אויפ'ן קול.

בן־חור האָט גענומען דאָס פּאַפּיר און געלייענט:

„די רשימה פון חור'ס קנעכט, צונויפגעשטעלט פון סימאָנידעס, דעם ממונה איבערן גאַנצען אייגענס.

א. עמרה, א מיצרית, די היטערין פון פּאַלאַץ אין ירושלים.

ב. סימאָנידעס, פאַרוואַלטער אין אַנטיאָכיע.

ג. אסתּר, סימאָנידעסעס טאָכטער".

וויפיל בן־חור האָט ניט געטראַכט וועגען זיינע באַציהונגען צו סימאָנידעסן, אָבער אַז על־פּי־דין טיילט זיין טאָכטער דעם טאַטענס לאַגע — דאָס איז אים אַפילו אויפ'ן זינען ניט אַרויף. אסתּרס ליבליכע געשטאַלט האָט זיך אין זיין דימיון שטענדיג פאָרגע־שטעלט נאָר אַלס קאָנקורענטין פון דער שיינער עגיפּטערין, אַלס א מיגליכער אָביעקט פון זיין ליבע. איבערראַשט פון דער אום־געריכטער אַנטדעקונג, איז ער רויט געוואָרען און אַ קוק געטאָן אויף איר; זי איז אויך רויט געוואָרען און האָט אַראָפּגעלאָזט פאַר אים די אויגען. זיך א ביסעל באַהערשט, האָט ער זיך אָפּגערופען, צונויפוויקלענדיג ס'פּאַפּיר:

— א מענש, וואָס האָט זיין אייגענס זעקס הונדערט טאַלאַנט,

איז באמת אַ עושר און קאָן טאָן, וואָס אים גלוסט זיך. אָבער טייערער פאַר׳ן געלט, זעלטענער פאַר דער גרויסער עשירות איז דער גייסט, וואָס האָט דעם דאָזיגען איינענס אָנגעזאַמעלט, און ס׳האַרץ, וואָס איז ניט פארדאָרבען געוואָרען דורך דעם יצר-הרע פונ׳ם מטמון גאָלד. אָ, סימאָנידעס, און דו, ליבע אסתר, האָט ניט קיין מורא! שייך אילדערים זאָל זיין דאָ אַ עדות, אַז איך ערקלער איך ביידען פריי און וועל עס באַשטעטיגען בכבוד. איז דאָס נאָך ווייניג? זאָגט, וואָס נאָך קאָן איך פאַר איך טאָן?

— בן-חיר — האָט סימאָנידעס געענטפערט—דו מאַכסט באמת די קנעכטשאַפט גרינג. אָבער דאָס, וואָס איך האָב פריהער גע-זאָגט, איז ניט ריכטיג. ״אַלץ טאָן ביסטו פאַר מיר ניט ביכולת. על-פי דין קאָנסטו אונז ניט באַפרייען. איך בין דיין קנעכט אויף אייביגע צייטען. וואָרום דער טאַטע דיינער האָט מיך איינמאָל צוגעפירט צום ביישטידעל פון טיר — אָט קאָנסטו נאָך זעהן אין מיין אויער דעם סימן פון דער אָל.

— ניט שוין-זשע האָט עס מיין טאַטע געקאָנט טאָן?

— זיי אים ניט דן — האָט סימאָנידעס מיט היץ איבערגערי-סען — איך האָב אים אַליין געבעטען רחמים, איך זאָל בלייבען זיין אייביגער קנעכט; און איך האָב קיינמאָל דערויף קיין חרטה ניט געהאַט. דאָס איז געווען דער פרייז, וואָס איך האָב באַצאָלט פאַר רחל׳ען, דער מאַמען פון מיין טאָכטער. זי האָט ניט געוואָלט ווערען מיין ווייב, וואו איך זאָל ניט ווערען דאָס, וואָס זי איז געווען.

— און זי איז דען געווען אַ אייביגע שקלאַפין?

— יע.

בן-הור האָט געשפרייזט הין און צוריק, פיל עגמת-נפש, וואָס ער איז ניט בכוח צו טאָן זיין ווילען. פלוצלונג איז ער שטיין גע-בליבען:

— רייך בין איך שוין סיי ווי געווען פון פריהער — האָט ער געזאָגט—רייך אַ דאַנק דער ירושה פון דעם איידעלמוטיגען אַריוס. און אַצינד איז מיר צוגעקומען די דאָזיגע נאָך גרעסערע עשירות און אויך דער קאָפּ, וואָס האָט עס געקאָנט אָנזאַמלען, געהערט

מיר. איז עס דען ניט קיין אצבע-אלהים! זיי-זשע מיין בעל-עצה, סימאָנידעס! לערן מיך, אַז איך זאָל ווערט זיין דעם נאָמען וואָס איך טראָג, און וואָס דו ביסט צו מיר על-פּי דין, וועל איך צו דיר זיין מיט מיינע מעשים און טועכצען. יע, איך וועל אייביג דיין דינער זיין!

מיט אַ צושטראַלטען פּנים האָט סימאָנידעס געענטפּערט:

— אָ, זון פון מיין פאַרשטאָרבענעם האר! איך בין גרייט נאָך מער צו טאָן פאַר דיר, ווי העלפען. איך וועל דיר דינען מיט דער גאַנצער קראַפט פון מיין גייסט און נשמה. די קרעפטען פון מיין גוף האָב איך פאַרלאָרען, אָבער מיט מיין גייסט און נשמה וועל איך דיר דינען. דאָס שווער איך ביי דעם מזבח פון אונזער גאָט און ביי די קרבנות אויפ'ן דאָזיגען מזבח! נאָר מאַך מיך פאָר-מעל פאַר דעם, וואָס איך בין געווען שוין אַזוי לאַנג אָהן דיין רשות: פאַר דעם ממונה איבער דיין פאַרמעגען, כדי איך זאָל על-פּי רעכט קאָנען זיך זאָרגען וועגען אים.

— פון דער רגע אָן ביסטו מיין ממונה — האָט בן-חור געענט-פערט — ווילסט אַ כתב דערויף?

— דיין וואָרט איז שוין גענוג. אַזוי איז אויך געווען ביי דיין טאַטען, און איך וויל ביי זיין זון אויך ניט מער. און אַצינד, כדי דער הסכם צווישען אונז זאָל זיין פאַרפול...

סימאָנידעס האָט זיך אָפּגעהאַלטען.

— פון מיין זייט איז ער פאַרפול — האָט בן-חור געזאָגט.

— טאָ רייד איצט דו, טאָכטער פון רחל! — האָט זיך סימאָ-נידעס געווענדט צו אסתרן, אַראָפּנעמענדיג איר האַנט פון זיין פּלייצע.

צומישט איז אסתר אַ רגע שטיין געבליבען אומבאַוועגליך; אירע באַקען זיינען געוואָרען דאָ רויט און דאָ בלייך; דאַן איז זי צוגע-גאַנגען צו בן-חורן און האָט געזאָגט מיט'ן גאַנצען צויבער פון איר ווייבליכען חן:

— איך בין ניט בעסער ווי מיין מאַמע איז געווען; און אַזוי ווי זי איז פון אונז אַוועק, בעט איך דיך, אָ האַר מיינער, לאַז מיך ווייטער זאָרגען פאַר מיין טאַטען.

בּן־חור האָט אָנגעכאַפּט איר האַנט און זי צוגעפירט צוריק צו איר טאַטען, אַזוי צו זאָגען:

— דו בּיסט אַ גוט קינד. זאָל זיין נאָך דיין ווילען!

סימאָנידעס האָט ווידער אַרויפגעלייגט איר האַנט זיך אויף דער פּלייצע, און אין חדר האָט אַ היבּשע ווילע געהערשט אַ טיפען שטילקייט.

## קאַפּיטעל זיבּען

### דער פּלאַן פון קאמף.

אין א ווײַלע ארום האָט סימאָנידעס אויפגעהייבּען דעם קאָפּ און האָט בּאַטראַכט אלעמען מיט דעם אייגענעם בּאַפּעלערישען בּליק וואָס פריהער.

— אסתר — האָט ער רוהיג געזאָגט — די נאַכט איז שוין צוגע־פאלען, מיר דאַרפען נאָך אַרומריידען אַ סך ענינים: היים בּריינגען עפּעס צובּייסען.

זי האָט אָנגעקלונגען. ס'איז אַריין אַ בּאַדינער מיט וויין און בּרויט און האָט עס אַרומדערלאַנגט אַלע דערבּייגעוועזענע.

אַז אַלע האָבּען צוגעבּיסען, האָט סימאָנידעס ווידער אָנגעהייבּען:

— אונזער הסכּם, מיין האַר, איז אין מיינע אויגען נאָך ניט בּשלימות. פון היינט וועט אונזער לעבּען ווייטער פליסען ווי די וואַסערן פון צוויי שטראָמען, וואָס האָבּען זיך צונויפגעגאָסען. מיר דאכט — זיי וועלען פליסען גלאַטער, ווען דער הימעל איבּער זיי וועט ניט זיין פאַרכמאַרעט פון קיין שום וואָלקענדל. בּשעת דו האָסט מיט עטליכע טעג צוריק פאַרלאָזט מיין הויז, האָט זיך דיר געקאָנט אויסווייזען, אַז איך וויל פאַרלייקענען דיינע רעכט, וועלכע איך האָבּ אָקאָרשט אָנערקענט אין דער פולער מאָס. אָבּער דו האָסט אַ טעות געהאַט, מעגסט מיר גלויבּען. אסתר איז אַ עדות, אַז איך האָבּ דיך גלייך דערקאָנט, און מלוך קאָן בּאַשטע־טיגען, אַז איך האָבּ דיך פון אויג ניט אָפּגעלאָזט.

— מלוך! — האָט בּן-חור אויסגערופען ערשטוינט.

— אַ מענש, וואָס איז צוגעשמידט צו זיין שטול אַזוי ווי איך, מוז האָבען אַ סך לאַנגע הענט, אויב ער וויל עפּעס אויפטאָן אויף דער וועלט, פֿון וועלכער ער איז אַזוי גרויזאַם אָפּגעשניטען. איך האָב אַ סך אַזעלכע הענט, און מלוך איז פֿון די בעסטע צווישען זיי. און טיילמאָל — ער האָט מיט דאַנקבאַרקייט אַ קוק געטאָן אויפ'ן שייך — טיילמאָל קום איך אויך אָן צו דער הילף פון מיינע גוט-האַרציגע פֿריינד, אַזוי ווי אילדערים דער נדיב און דער גיבור. אַדרבה, לאָז ער דיר זאָגען, צי איך האָב דיך פאַרלייקענט אָדער פאַרגעסען.

בן-חור האָט ווי פרעגענדיג אָנגעקוקט דעם אַראַבער.

— האָט עס דיר סימאָנידעס, הייסט עס, געזאָגט דעם נאָמען מיינעם, גוטער שייך?

מיט פינקלענדיגע אויגען האָט אילדערים אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ אויף יע.

— ווי אַזוי זאָל מען, מיין האַר, דערקאָנען דעם ווערט פון אַ מענשען, איידער מ'האָט אים אויסגעפּרובט? — האָט סימאָנידעס פֿאָרגעזעצט — דערקאָנט האָב איך דיך גלייך, אָן דיין גלייכקייט אין טאַטען, אָבער וואָס פאַר אַ מענש ביזטו — דאָס האָב איך ניט געוואוסט. פֿאַראַן מענשען, וואָס עשירות איז פֿאַר זיי אַ קללה — ניט קיין ברכה. אפשר געהערסטו אויך צו די דאָזיגע לייט? און כּדי דאָס צו דערגיין, האָב איך געשיקט מלוכן נאָכקוקען נאָך דיר. ער איז געווען פאַר מיר אין דעם פרט אויגען און אויערן צוגלייך. זיי אים ניט דן לכף-חוב דערפאַר. ער האָט מיר איבערגעגעבען וועגען דיר לויטער גוטץ.

— איך האָב צו אים ניט — האָט בן-חור האַרציג געזאָגט — דו האָסט געטאָן ווי אַ חכם.

— אַזעלכע ווערטער איז מיר ליב צו הערען — האָט סימאָנידעס נעענטפֿערט קאָנטיג דערפרייט — זיי באַ־והיגען מיך. מער האָב איך שוין קיין מורא ניט פאַר מיספֿאַרשטייענישען צווישען אונז ביידען. פֿון איצט אָן קאָנען די שטראָמען פֿריי פֿליסען וויי-טש', ווי און וואוהין גאָט אונזער האַר וועט זיי טרייבען.

— מיר ווילט זיך איצט דורכרײדן זיך מיט דיר פון האַרצן.

דער ווײַבער זיצט בײַם ווײַבשטול, און בשעת דאָס שיפעלע פליהט אום הין און צוריק, וואַקסט דאָס געוועב, דער מוסטער טרעט אַרויס אַלץ בולט׳ער, און ער חלום׳ט זיך דערווײַל זײַנע חלומות. אַזוי איז אונטער מײַנע הענט געוואַקסן מײַן עשירות, און אָפּטמאָל האָב איך זיך אַלײן געחידושט איבער דער שטענדיגער הצלחה. ס׳האָט זיך געדאַכט אַז עפּעס די השגחה אַלײן שטײט אויף דעם מזל פון מײַנע אונטערנעמונגען. די סאַמומען, וואָס פלעגן באַגראָבן אונטער׳ן זאַמד פון דער מדבר קאַראַוואַנען, האָבן מײַנע נית באַרירט. די שטורעם־ווינטן, וואָס האָבן באַדעקט דעם ים ווײַט אַרום מיט שפּענדלאַך פון שיפן, האָבן מײַנע שיפן נאָך ניכער געטריבן צו זײער ציל. און דער גרעסטער חידוש איז, וואָס איך, דער לעבעדיגער מת, צוגעשמידט צו אײן אָרט, האָבן קײנמאָל נית געליטן וואָס אַ האַר איז ווערט דורך דער פאַלשקײט פון מײַנע מענשן. עפּיס אַזוי ווי די סטיכיעס און די מענשן האָבן זיך צונויפגערעדט מיר טרײַ צו דינען.

— טאַקע אַ חידוש — האָט בן־חור געזאָגט.

— אַזוי זײַנען געגאַנגען מײַנע געשעפטן, און סוף־כל־סוף בין איך געקומען צו דער איבערצײַגונג, אַזוי ווי דו, אַז דאָ שטעקט אַ אצבע־אלהים, און איך האָב זיך געשטעלט די פראַגע — וואָס קאָן גאָט דערמיט אויסען זײַן? דען גאָטס דרכים האָבן תמיד אַ באַשטימטען תכלית. יאָרען נאָכאַנאַנד האָב איך די דאָזיגע פראַגע געטראָגען אין מײַן האַרצן, וואַרטענדיג אויף אַ ענטפער. און מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב טאַקע פאַרשטאַנען דעם תכלית.

בן־חור האָט זיך צוגעהערט מיט אָנגעשטרענגטער אויפמערקזאַמקײט.

— ס׳איז געקומען די צײַט אַראָפּצוטרײַסלען פון זיך דעם יאָך פון רוים, און אויף דעם דאָזיגען הײליגען ציל דאַרף פאַרווענדט ווערען די גרויסע עשירות, וואָס גאָט דער האַר האָט איבערגעגעבן אין אונזערע הענט.

— דעם יאָך פון רוים — האָט בן־חור פינסטער זיך אָפּגערו־

פּען — אָ, רוים און זיינע לעגיאָנען! איך האָב געליעבט צווישען זיי אין פעלד-לאַגער. איך קאָן זיי.

— און דו ווייסט אָנקלייבען קענען זיי דיינע אייגענע לעגיאָנען פון אונזער פאָלק ישראל — האָט סימאָנידעס געענטפערט — אָ, מיין האַר, דו ווייסט ניט, ווי שטאַרק ישראל איז. דו שטעלסט אים זיך פאָר ווי אַ זקן אַ אבל, וואָס זיצט און וויינט אויף די טייכען פון בבל. אָבער גיי אויף פסח אַרויף אין ירושלים, גיב אַ קוק אויפ'ן בית-המקדש און אויף די גאַסען פון דער הייליגער שטאָט. די הבטחה, וואָס גאָט האָט מבטיח געווען יעקב אָבינו, בשעת ער איז אַרויסגעגאַנגען פון פדן-אַרם, איז געווען אַ געזעץ, וואָס צוליב אים האָט זיך אונזער פאָלק קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו פרוכפּערן און מערען זיך, אַפילו אין גלות ניט. עס האָט זיך געמערט אינטערן שיעבוד-מצרים, האָט זיך געמערט אונטערן יאָך פון די רוימער. און ניט נאָר בלויז דאָס. אונזער פאָלק איז אַצינד פאַרשפּרייט איבער אַלע פיר עקען וועלט. ס'איז אָנגענומען צו טראַכטען און צו ריידען, אַז ירושלים און ישראל חד-הוא. אָבער אין דער אמתען איז ירושלים נאָר ווי אַ שטיין פון בית-המקדש, נאָר ווי ס'האַרץ פונ'ם גוף. קוק ניט אויף די לעגיאָנען פון רוים, זיי מענען זיך זיין שטאַרק ווי זיי זיינען, און צייל די מחנות פון די טרייע ברידער אונזערע, וואָס וואַרטען אויפ'ן אַלטען רוף: „צוריק אין דיינע געצעלטען, ישראל!" צייל איבער, וויפיל אונזערע ס'זיינען דאָ אין פרס, וואָס האָבען אַ מאָל זיך ניט געוואָלט אומקערען אַהיים אין דעם לאַנד פון זייערע אָבות! צייל איבער די ברידער, וואָס האָבען אַראָפּגענידערט אין די גרויסע האַנדעלס-שטעט פון מצרים און נאָך טיפער אין אַפריקע אַריין. צייל איבער די אידישע קיבוצים אין מערב, וועלכע זאַמלען עשירות אינ'ם וויי-טען שפּאַניע-לאַנד; צייל איבער אונזערע ברידער און די גרים אין גריכענלאַנד און אויף די אינזלען, אין פּאָנטוס און דאָ אין אַנטיאָכיע; אין ועל-כולם אויך יענע, וואָס וואוינען אַפילו אינ'ם שאָטען פון רוימס טמא'דיגע מויערן. צייל איבער די מאַמינים און אונזער גאָט, וואָס לעבען אין געצעלטען, ניט וויט פון אונז אין דער מדבר ווי אויך אויף יענעם זייט נילוס; אויף די ברעגעס פונ'ם קאַספּישען

ים און אַפילו אין די ווייטע לענדער פון גוג־ומגוג; טייל אוים די, וואָס שיקען אַלע יאָר מתנות אין אונזער הייליגען בית־מקדש אריין, אין צייכען פון טריישאַפט צו אונזער גאָט, טייל זיי אוים, כדי זיי זאָלען אויך קאָנען אַריינגיין אין חשבון. און אַז דו וועסט צונויפרעכענען די דאָזיגע אַלע קיבוצים, וועסטו זעהן, סאַר אַ גרויסע מחנות שווערד־געניטע שטרייטער וואַרטען אויף דיין רוף, דאַן וועסטו פאַרשטיין די גבורה פון ישראל.

מיט הייליגער התלהבות האָבען געעטעמט סימאָנידעסעס פייערדיגע ווערטער.

אויף אילדערימען האָבען זיי געווירקט ווי אַ שאַלען פון טראָמפייטען. ער איז אויפגעשפרונגען פון אָרט און אויסגערופען:

— אָ, ווען איך וואָלט ווידער געקאָנט ווערען יונג!

בן־חור האָט געשוויגען. ער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז אינ׳ם סוחר׳ס באַגייסטערטער רעדע האָט געשטעקט אַ רוף צו אים, ער זאָל זיין גאַנץ לעבען און זיין גאַנץ עשירות אָפּגעבען דעם קאַמף מיט רוים.

און ווידער האָט סימאָנידעס אָנגעהויבען:

— קיין אַנדער ברירה בלייבט אונז ניט איבער. אָט דער דאָזיגער בריוו — ער האָט אַרויסגענומען מעסאַלעס בריוו — דאַרף פאַר אונז זיין אַ סיגנאַל צו מעשים. מיר זיינען ניט גענוג שטאַרק, מיר זאָלען זיך קאָנען שטעלען אַנטקעגען דעם בונד צווישען מעסאַלען און גראַטוסן; דערצו פעלט אונז די נייטיגע השפעה אין רוים און די נייטיגע מאַכט אָט־אָ־דאָ. טאָמער וועלען מיר מאַכען שיהיות, וועלען זיי דיך טויטען. גיב אַ קוק אויף מיר, וועסטו פאַרשטיין, ווי גרוים ס׳איז זייער רחמנות.

ער האָט אַ ציטער געטאָן פון די שוידערליכע זיכרונות.

— אָ, מיין איידעלער האַר — האָט ער ווידער זיך אָפּגערופען, באַהערשענדיג זיין אויפרעגונג — זאָג מיר, צי דו ביסט פעסט אין דעם ווילען צום קאַמף?

בן־חור האָט ניט רעכט פאַרשטאַנען די פראַגע.

— איך געדיינק, ווי שיין די וועלט האָט אויסגעוויזען אין מיינע אויגען אין דער צייט פון מיין יוגענד — האָט סימאָנידעס געזאָגט.

— פֿינדעסטוועגן ביסטו פֿײַנג געווען אויף גרויסע קרבנות — איז אים בן-חור אַרײַנגעפֿאַלן אין די רייד.

— יע, אין נאָמען פֿון ליבע.

— איז דען אין לעבען ניטאָ נאָך אַזעלכע מעכטיגע סטימולען? סימאָנידעס האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ.

— למשל, ס׳יאָגען זיך נאָך כּבֿוד.

— יאָגען זיך נאָך כּבֿוד איז פֿאַרבאָטען די קינדער ישׂראל.

— אָבער נקמה?

דער פֿונק האָט געטראָפֿען אין ברען-מאַטעריאַל. דעם זקנס אויגען האָבען איפֿגעבליצט. זײַנע הענט האָבען גענומען ציטערן. ער האָט האַסטיג ווײַטער געזאָגט:

— נקמה איז דעם אידען ניט פֿאַרווערט. זי איז אַ דין און אַ מצווה פֿאַר אים.

— אַ קעמעל און אפֿילו אַ הונט פֿאַרגעסט ניט די אָנגעטאָנענע באַליידיגונגען, — האָט אילדערום אויסגערופֿען.

סימאָנידעס האָט ווידער גענומען דאָס וואָרט:

— ליידער אָבער איז די האַנט פֿון ישׂראל אָפּגעווייַנט פֿון מלחמה. צווישען די מליאָנען אידען איז ניטאָ קיין אָרגאַניזירט חיל, ניטאָ קיין איין מענש, וואָס זאָל באַהאַווענט זײַן אין תּכסיסי-מלחמה און זאָל קאָנען זײַן אַ אָנפֿירער. הורדוסעס געדונגענע זעלנער רעכען איך ניט; מ׳האַלט זיי דאָך נאָר אונז מכניע צו זײַן. דער איצטיגער מצב איז ווי געוואונשען פֿאַר די רוימער; זייער אכזריות האָט זיי געבראַכט גיטע פּרוכטען. אָבער אַצינד איז געקומען די צייט פֿון איבערקערעניש; די צייט, ווען דער פּאַסטוך וועט זיך אָנטאָן אין פּאַנצער און העלם און וועט זיך נעמען צום שפּיז און שווערד; די צייט, ווען פֿון די שעפּסען, וואָס האָבען זיך פֿרידלאַך געפּיטערט, וועלען ווערען לייבען! איינער אָבער, מײַן זון, מוז זיך שטעלען בראש. און ווער זאָל דער דאָזיגער איינער זײַן, אויב ניט דער, וואָס פֿאַרשטייט זיך אַזוי גוט אויף תּכסיסי-מלחמה?

בן-חור׳ס פּנים האָט זיך אָנגעצונדען פֿון דער דאָזיגער פּערספּעקטיווע; פֿינדעסטוועגן האָט ער זיך אָפּגערופֿען:

— מיר דאַכט, איך פֿאַרשטיי דיך. דאָך וואָלט איך דיך בעטן דערקלערן די זאַך דייטליכער. ס'איז ווייניג צו וויסן, וואָס צו טאָן; מ'דאַרף נאָך אויך וויסן, ווי עס צו טאָן.

סימאָנידעס האָט אַ זופּ געטאָן פֿונ'ם ווײַן, וואָס אסתּר האָט אים דערלאַנגט, און האָט געענטפֿערט:

— דער שייך און דו, מײַן האַר, דאַרפֿסט זײַן די הויפּט־אָנפֿירער. יעדערער מיט זײַן באַזונדער אויפֿגאַבע. איך וועל בלײַבן דאָ. פֿירן דעם האַנדעל ווי ביז אַהער און זעהן, אַז דער גאָלד־קוואַל זאָל ניט פֿאַרשטאָפּט ווערן. דו וועסט גיין קיין ירושלים און פֿון דאָרטן ווייטער אין דער מדבּר אַרײַן און וועסט קלײַבן די מלחמה־פֿײַאיגע צווישן די קינדער ישראל. וועסט זיי אײַנטיילן אין מחנות צו צעהן און צו הונדערט, פֿאַר יעדער מחנה באַשטימען אַן אָנפֿירער און וועסט זיי לערנען תּכסיסי־מלחמה. אויך וועסטו אָנקוקן פֿאַרבאָרגענע ערטער, וואו דו וועסט מאַכן לאַגערס פֿון געווער, און איך וועל דיר דערצו שאַפֿן די מיטלען. וועסט אָנהייבן פֿון פּערייע, דערנאָך וועסטו זיך אַוועקלאָזן אין גליל אַרײַן, און פֿון דאָרטן איז נאָר אַ טראָט קיין ירושלים. אין פּערייע וועסטו האָבן די מדבּר אין רוקן, און קאָנסט גרינג דערלאַנגען צו אילדערימען. ער וועט האַלטן אין זײַן האַנט די וועגן, אַזוי אַז דו וועסט וויסן פֿון אַלצדינג, וואָס ס'וועט זיך אויף זיי טרעפֿן. ער וועט דיר אין אַ סך אופֿנים זײַן ניצליך. כּל־זמן ס'איז נאָך אַלצדינג ניט צוגעגרייט, טאָר קיינער ניט וויסן פֿון אונזער בונד. איך אַליין וועל זײַן נאָר אײַער דינער, אײַך צו העלפֿן. מיט אילדערימען האָב איך שוין וועגן דעם גערעדט. וואָס זאָגסטו דערצו?

בן־חור האָט אַ קוק געגעבן אויפֿ'ן שייך.

— אַלץ, וואָס ער זאָגט, בן־חור, איז אמת — האָט דער אַראַבער געענטפֿערט אויף זײַן פֿרעגענדיגען קוק — איך האָב אים געגעבן מײַן וואָרט, און פֿאַר אים איז דאָס גענוג. אָבער דיר וועל איך געבן אַ שבֿועה, וואָס זאָל בינדן סײַ מיך סײַ אַלע מלחמה־פֿײַאיגע מענער פֿון מײַן שבט צו דינען דיר מיט אַלעם, וואָס ס'קאָן דיר צו נוץ קומען.

אַלע זאַלבעדריט — סימאָנירעס, אילדערים און אסתּר, האָבען געשפּאַנט אַ קוק געטאָן אויף בן־חור'ן.

— פאַר יעדען מענשען — האָט ער אומעטיג אָנגעהויבען — שטייט אָנגעגרייט אַ געפילטער כּוס מיט תּענוגים, וועלכער װערט אים דערלאַנגט אין האַנט אַריין פריהער אָדער שפּעטער, כּדי ער זאָל פאַרזוכען און אויסטרינקען אים — פאַר יעדען מענשען, אָבער ניט פאַר מיר. איך פאַרשטיי דיך, סימאָנידעס, און דיך גוטער שייך! איך פאַרשטיי, וואָס דער דאָזיגער פאָרשלאָג באַטייט. ווען איך נעם אים אָן, ווען איך גיי אַרויף אויף דעם וועג, וועלכען איר צייכענט מיר אָן, דאַרף איך זיך אויף אייביג צוזעגענען מיט שלום און מנוחה און מיט די אַלע האָפענונגען, וואָס זיינען דערמיט פאַרבונדען. ווען איך טרעט איבער די שוועל, וואָס עפענט זיך פאַר מיר אַצינד, דאַן פאַרמאַכט זיך הינטער מיך די טיר פון אַ רוהיג לעבען און זי וועט זיך פאַר מיר שוין קיינמאָל מער ניט עפענען, וואָרום רוים היט זי! תּמיד און אומעטום וועט מיך הודפן רוימס השגחה, און זיינע שפּיאָנעס וועלען לאָקערן נאָך מיר פוס־טריט. אין די קברים גריבער ביי די שטעט און אין די אומהדיגע היילען פון די פאַרוואָרפענע בערג וועט מיר אויסקומען מיין ברויט צו עסען און מיין געלעגער צו מאַכען.

אַ כליפּען האָט איבערגעריסען זיינע ווערטער. אַלע האָבען זיך אַ קער געטאָן צו אסתּרן, וועלכע האָט פאַרבאָרגען איר וויינענדיג פּנים ביים טאַטען אויף דער פּלייצע.

— איך האָב זיך דערויף פון דיר ניט גערעכט, אסתּר — האָט סימאָנירעס ווייך געזאָגט; הגם ער אַליין איז געוואָרען טיף גערירט.

— לאָז זי זיך אויסוויינען — האָט בן־חור זיך אָפּגערופען — אַ האַרטער גורל טראָגט זיך גרינגער, ווען מיר ווייסען, אַז פאַר אונז שלאָגט אַ האַרץ פול מיטלייד. איך האָב נאָר געוואָלט צוגעבען, אַז כ'האָב ניט קיין אַנדער ברירה ווי אָנצונעמען דעם פאָרשלאָג אייערן. בלייבען דאָ וואָלט הייסען פאַרמשפּטן זיך צו אַ שענדליכען טויט. הכּלל — צו דער אַרבעט!

— ווילען מיר אונזער בונד באַשטעטיגען שריפטליך? — האָט סימאָנידעס געפרעגט מעשה כּוחר.

— איך פאַרלאָז זיך אויף אייער וואָרט — האָט בן־חור גע־ענטפערט.

— און איך אויך — האָט אילדערים זיך אָפּגערופן.

— ניי, איז אָפּגעמאַכט! — האָט בן־חור צוגעשלאָגן.

— הלוואי זאָל אונז דער גאָט פון אַברהם, פון יצחק און פון יעקב בייִשטיין! — האָט סימאָנידעס אויסגערופן.

— נאָך איין וואָרט, מיינע פריינד: — האָט בן־חור געזאָגט מיט אַ פרייליכען קול שוין, מיט אייער הסכם וואָלט איך וועלען אָפּלייגען די זאַך ביז נאָכ׳ן טורניר. ס׳לייגט זיך ניט אויפן שכל, אַז מעסאַלע זאָל עפּעס אויסקלייגען קעגען מיר, איידער דער פּראָקוראַטאָר האָט אים געענטפערט אויף זיין בריוו. און דער דאָזיגער ענטפער קען ניט אָנקומען אַהערצו פריהער, ווי אין אַן אַכטאָג אַרום. די באַגעגעניש מיט מעסאַלען אין צירק וועט מיר פאַרשאַפען אַזאַ תענוג, אַז איך בין גרייט צו באַצאָלען דערפאַר כל־הון־דעלמא.

אילדערים האָט מיט חשק מסכים געווען, און סימאָנידעס, וועלכער האָט באַטראַכט די זאַך אויך פון דער געשעפטליכער זייט, האָט זיך אָפּגערופען:

— גוט, גוט, מיין האַר. הערכדעם וועל איך אַגב געווינען צייט אָפּצופּטרן פאַר דיר אַ שטיקל עסק. מיר דאַכט זיך, דו האָסט געזאָגט, אַז אַריוס האָט דיר איבערגעלאָזט אַ ירושה. באַשטייט זי אין קרקע?

— זי באַשטייט אין אַ ווילע ביי מיזענום און אין עטליכע הייזער אין רוים.

— מיין עצה איז, אַז דו זאָלסט עס פאַרקויפען און ס׳אָפּגעלייזט געלט אַריינלייגען אין אַ זיכערן אָרט. גיב מיר אַ פּתח הרשאה, וועל איך גלייך שיקען אַ מענשען מיינעם, ער זאָל דיין ירושה מאַכען צו געלט. לאָמיר כאָטש דאָסמאָל מקדים זיין די היימישע גזלנים.

— מאָרגען באַקומסטו אַלע נייטיגע פּאַפּירען.

— הייסט עס, איז היינט אָפּגעטאָן אַלץ, וואָס מ׳האָט באַדאַרפט — האָט סימאָנידעס געזאָגט.

— אין גוט אפגעטאָן — האָט אילדערים צוגעגעבן, גלעטענדיג זיך צופרידען די באָרד.

— זיי אונז ווידער מכבד, מיט ברויט און וויין, אסתּר. שיך אילדערים וועט אונז אָנטאָן דעם כבוד צו פארבלייבן אונזער גאַסט ביז מאָרגען אָדער ביז וואַנען ס'וועט אים וואוילגעפעלען. און דו, מיין האַר?...

— איך וועל זיך אומקערען אין פאַלמען־וואַלד אַריין. איצט איז נאָך פינסטער, וועט מיך דער פיינד ניט אַנטפּלעקן, און די פיר אַראַבער וועלען זיך פרייען מיך צו זעהן — האָט ער צוגעגעבן, ווענדענדיג זיך צו אילדערימען.

אַז ס'האָט געשאַריעט אויף טאָג, איז בן־חור מיט מלוכ'ן אַראָפּגעשטיגן פון פערד ביים אַריינגאַנג אין אילדערימס געצעלט אַריין.

## קאַפּיטעל אַכט.

### אסתּר און בן־חור.

אויף מאָרגען פֿאַרנאַכֿט אַרום פֿיר אַ זייגער איז בן־חור געשטאַנען מיט אסתּר׳ן אויף דער דאַך־טעראַסע פֿון דעם גרויסען סחורות־סקלאַד. אונטער זיי אויפ׳ן בּרעג האָט געהערשט אַ לעבעדיגע בּאַוועגונג. מיט רעש און קולות האָט מען אָנגעלאָדען און אויסגעלאָדען פּעק און קאַסטענס, און אין שיין פֿון די בּרענענדיגע פֿאַקלען האָבּען די געשטאַלטען פֿון די פֿאַרהאַוועטע מענשען אויסגעוויזען ווי די האָרעפּאַשנע גייסטער פֿון די אָריענטאַלישע מעשׂהלאַך. מ׳האָט פֿאַרלאָדען אַ גאַלערע, וואָס האָט בּאַלד געדאַרפֿט אָפּזעגלען. סימאָנידעס איז געווען בּיי זיך אין קאָנטאָר, וואו ער האָט געגעבּען דעם שיפֿס־קאַפּיטאַן די לעצטע אינסטרוקציעס — צו שווימען, אין ערגעץ ניט אָפּשטעלענדיג זיך, קיין אָסטיע, דעם ים־פּאָרט פֿון רוים, אַרויסזעצען דאָרטען אַ פּאַסאַזשיר און דערנאָך שוין אָהן אייִלעניש פֿאָרען ווייטער צום שפּאַנישען בּרעג, קיין וואַלענסיע.

דער דאָזיגער פּאַסאַזשיר איז געווען סימאָנידעסעס אַגענט, וואָס האָט געהאַט די שליחות צו פֿאַרקויפֿען די נחלה, וואָס בן־חור האָט געירש׳נט פֿון אַריוס׳ן. ווי נאָר מ׳וועט האָבּען אָפּגעבּונדען די קאַנאַטען, וואָס האַלטען די שיף צו, און זי וועט זיך רירען אין וועג אַריין, וועט בן־חור זיין בּאַהעפֿט מיט דער זאַך, וואָס איז בּאַשלאָסען געוואָרען נעכֿטען בּיינאַכֿט, בּאַהעפֿט ניט צו כֿאַפּען צוריק. טאָמער וואָלט ער וועלען חרטה האָבּען אויף דעם בּונד,

וואָס ער האָט געשלאָסען מיט סימאָנידעס'ן און אילדערימען, איז אים געבליבען נאָר אַ קירצע צייט צו ענדערן זיין וואָרט און אָפּזאָגען זיך פון'ם בונד. ער איז דער האַר און דאַרף נאָר אַרויסזאָגען זיין רצון.

ס'קאָן זעהר גרייליך זיין, אַז אָט די דאָזיגע מחשבה האָט עס געעקבערט איצט זיין מוח. ער איז געשטאַנען מיט צונויפגעלייגטע הענט און האָט אַראָפּגעקוקט אויפ'ן ירידל אונטען מיט דער מינע פון אַ מענשען, וואָס שלאָגט זיך נאָך מיט דער דעה. ער איז געווען יונג, שיין, רייך, האָט זיך נאָר-וואָס אומגעקערט פון די גרויסאַרטיגע חשובסטע קרייזען פון דער רוימישער געזעלשאַפט, — איז דען אַ חידוש, וואָס אים האָט צו זיך געצויגען די וועלט פון תענוגים, פון נאָך ניט-אויסגעפּרובטע פאַרגעניגענס? אַ שטים האָט אים גערופען ניט צו פאַרבייטען ס'לוסטיג לעבען, וואָס האָט געוואַרט אויף אים, אויף דעם גורל פון אַ פאַרשווערער, אויף די סכנות און פלאָגען פון אַ מענשען, וואָס טרעט אַריין אין קאַמף מיט'ן מעכטיגען רוימישען אָדלער. צום געדאַנק וועגען דער מנוחה, די תענוגים און די כיבודים, וואָס ער האָט זיך געקאָנט קויפען פאַר זיין עשירות, איז נאָך צוגעקומען ס'געפיל, וואָס האָט זיך דערוועקט אין זיין נשמה, צו האָבען אַ היים, וואָס ער האָט ענדליך געפונען, וואו ער איז אַרומגערינגעלט מיט אַזעלכע געטרייע ידידים. נאָר דער, וואָס האָט אַליין לאַנג געוואָגעלט אין דער פרעמד, קאָן פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ כוח ס'האָט געשטעקט אין'ם דאָזיגען לעצטען גרונט.

דערצו איז נאָך צוגעקומען דאָס, וואָס דער יצר-הרע פון דער וועלט, וואָס האָט אים געצויגען צו זיך, האָט געפונען אַ בונדחברטע און אסתרן, וועלכע איז געשטאַנען לעבען אים אויפ'ן דאַך.

— ביסטו אַמאָל געוועזען אין רוים? — האָט בן-חור געפרעגט.

— ניין — האָט זי געענטפערט.

— גלוסט זיך דיר דאָרטען צו זיין?

— ניין.

— פאַרוואָס?

— איך האָב מורא פאַר רוים — האָט זי געענטפערט מיט אַ לייכטען ציטער אין קול.

ער האָט אויף איר אַ קוק געטאָן אָדער ריכטיגער געזאָגט — אַראָפּגעקוקט, ווייל לעבען אים איז זי אויסגעקומען כמעט אַ קינד. די טונקעלקייט האָט אים ניט געלאָזט זעהן איר פּנים, אָבער די קאָנטורען פֿון איר געשטאַלט האָבען אים ווידער דערמאָנט אָן תּירצה׳ן, און אַ געפיל פון צערטליכקייט האָט אים באַהערשט: אָט פונקט אַזוי איז זיין פאַרלאָרענע שוועסטער געשטאַנען לעבען אים אויפ׳ן דאַך פון זיין טאַטענס הויז אין יענעם ביזבאַשערטען פֿריהמאָרגען, ווען ס׳איז געשעהן ס׳אומגליק מיט גראַטוס דעם פּראָקוראַטאָר. אָרימע תּירצה! וואו קאָן זי אַצינד זיין? די ווייכע שטימונג, וואָס די זכרונות האָבען אויפגעוועקט אין בן-חור׳ן, האָט זיך אויסגעגאָסען אויף אסתּר׳ן. אמת, זי איז ניט געוועזען זיינע קיין שוועסטער, אָבער בשום אופן האָט ער ניט געקאָנט זעהן אין איר זיין דינערין. און דער געדאַנק, אַז זי איז עס פאָרט, האָט אים דערוועקט צו זיין מיט איר נאָך צאַרטליכער און פריינדליכער.

— איך קאָן זיך ניט — האָט זי ווידער אָנגעהויבען, שוין מיט אַ פעסטער שטים און מיט איר רוהיג-ווייבליכען שטיינער — איך קאָן זיך ניט פאָרשטעלען רוים ווי אַ רייכע שטאָט מיט פּאַלאַצען און טעמפּלען. פאַר מיר איז זי שטענדיג אַ מאָנסטער, וואָס ברייננט אום מענשען און לענדער, אַ מאָנסטער, קעגען וועלכען מ׳קאָן זיך ניט שטעלען אַנטקעגען, אַ חיה-רעה, וואָס לעבצט נאָך בלוט. פאַרוואָס...

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און האָט אין פֿאַרלעגענהייט אַראָפּגעלאָזט די אויגען.

— רייד ווייטער, — האָט זי בן-חור אויפגעמונטערט.

זי איז צו אים צוגענאַנגען אַ טריט נעהענטער, האָט אויף אים אויפגעהייבען איר בליק און האָט געזאָגט:

— פאַרוואָס ווילסטו מאַכען רוים צו דיין פיינד. איז דען ניט בעסער צו שליסען מוט אים שלום און געניסען פון אַ רוהיג לעבען? דו ביסט שוין אַזוי פיל צרות אויסגעשטאַנען און ביסט ניצול געוואָרען פינ׳ם שונא׳ס קייטען. צער און פיין האָט דיין יוגענד

פאַרצערט, ווילסטו נאָך אויך דײַנע איבעריגע יאָרען מפקיר זײַן אויף יסורים און צרות?

דאָס מײדעלשע פּנים פאַר זײַנע אויגען איז געוואָרען אַלץ בלײכער און בלײכער בײַ די דאָזיגע בעטענדיגע ווערטער. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגען צו איר און האָט ווײך געפרעגט:

— און וואָס וואָלסטו מיר געראָטען צו טאָן, אסתּר?

זי האָט זיך אַ רגע געקווײנקעלט, דערנאָך האָט זי אַ פרעג געטאָן:

— דו האָסט אַ הויז לעבען רוים?

— יע.

— אַ שײנס?

— אַ וואונדער־שײנס! אַ פּאַלאַץ צווישען גערטענער מיט שטעגעלאַך, באַשאָטען מיט מושעל־זאמד, מיט פאָנטאַנען אָהן אַ שיעור, מיט סטאַטועס אין די באַשאָטענע ווינקעלאַך; פון די אַרומיגע בערגלאַך, מיט ווײנשטאָקען באַוואַקסען, קאָן מען זעהן נעאַפּאָל און וועזוב; אונטען שפרײט זיך דער ים אויס אַזוי ווי אַ ווײטער טיפבלויער שפּיגעל, איבער וועלכען ס׳שוועבען ווײסע זעגלען. ניט ווײט פון דאָרטען געפינט זיך דעם קיסר׳ס אַ ווילע, אָבער אין רוים האַלט מען, אַז אַריוסעס ווילע איז שענער.

— און מ׳קאָן דאָרטען שטיל און רוהיג לעבען?

— קײנמאָל איז קײן זומער־טאָג און קײנמאָל איז קײן לבנה־נאַכט נים געוועזען רוהיגער. נאָר ווען נעסט פלעגען קומען, פלעגט די שטילקײט איבערגעריסען ווערען. אַצינד, ווען דער אַלטער בעל־הבית איז געשטאָרבען און איך בין דאָרטען ניט מער, איז ניטאָ קײן שום זאַך, וואָס זאָל די שטילקײט שטערען — מ׳הערט ניט קײן שום קול דאָרטען, אויסער דעם פּיפּסען פון די פײגעלאַך און דעם געפליעסק פון די פאָנטאַנען. קײן שום זאַך בײט זיך דאָרטען ניט; מער ניט די בלומען, וואָס פאַרוועלקען דאָרטען הײנט, ווערען אויף מאָרגען פאַרביטען מיט נײ־אויפגעבליהטע, און דער העלער זונען־שײַן אַנטלויפט דאָרטען אַ מאָל פאַר דעם שאָטען פון אַ פאַרבײציהענדיגען וואָלקענדל. ס׳לעבען דאָרטען איז געווען צו רוהיג פאַר מיר. מיך האָט שטענדיג גע־

בלאָגט דער גערעדאַנק, וואָס איך, וועלכער האָט אַזויפיל פליכטען, פטר די טענה אין ליידיג גיין, לאָז זיך צובינדען מיט די זיידענע שטריק פון תענוגים און וועל סוף-כל-סוף קומען דערצו, אַז איך וועל גאָרנישט האָבען אויפגעטאָן.

אסתר'ס אויגען האָבען געבלאָנדזיעט איבער'ן טייך.

— צו וואָס האָסטו זיך נאָכגעפרעגט אויף דעם?

— מיין גוטער האַר...

— ניין, ניין, אסתר, רוף מיך ניט אַזוי. רוף מיך פריינד, ברודער, אויב דו ווילסט. דיין האַר בין איך ניט און וויל עס ניט זיין, רוף מיך ברודער.

די טונקעלקייט האָט פאַרבאָרגען פון אים איר געהויבענע שמחה און דאָס גליקליכע אויפשטראַלען פון אירע אויגען, וועלכע האָבען געקוקט ווייט-ווייט איבער דעם טייך אַוועק.

— איך קאָן ניט באַגרייפען — האָט זי געזאָגט — ווי אַזוי קאָנסטו פאַרבייטען אַזאַ לעבען אויף אַ לעבען...

— אויף אַ לעבען פון מלחמה און אפשר אויך פון שפיכת-דמים — האָט ער דערזאָגט אירע ווערטער.

— יע — האָט זי צוגעגעבען, — אָנשטאָט צו לעבען רוהיג אין דער שיינער ווילע.

— דו האָסט אַ טעות, אסתר. איך האָב קיין אַנדער ברירה ניט. דער רוימער איז ניט אַזאַ גוטער, און די נויטיגקייט צווינגט מיך צום בית. בלייבען דאָ הייסט אַ זיכערער טויט; און זאָל איך אַוועק קיין רוים — וועט מיך אויך דאָרטען ערוואַרטען דערזעלביגער גורל — אַ בעכער סם, אַ מעסער פון אַ ווינקעל-מערדער אָדער אַ פסק פון אַ אונטערגעקייפטען שופט. מעסאַלע און גראַטוס דער פראָקוראַטאָר זיינען נתעשר געוואָרען, אַוועקרויבענדיג מיין טאַטענס אייגענס; איצט צו באַהאַלטען זייער גזילה איז פאַר זיי אַ סך וויכטיגער, ווי דעמאָלט צו פאַרכאַפּען עס. וועגען דורכקומען בשלום קאָן גאָר קיין רייד ניט זיין, ווייל דאָ אין דעם פאַל וואָלטען זיי דאָך זיך געמוזט מודה זיין אין זייער שולד. און ווען זיי וואָלטען זיך אַפילו געלאָזט אונטערקויפען, ווייס איך ניט, אסתר, צי איך וואָלט עס געטאָן. פאַר מיר איז ניטאָ קיין שלום, אַפילו

ניט אינ׳ם שטילען שאָטען און אין דער ווייכער לופט פון די טירמעלשטיינערנע פּאָרטיקעס אין דער שיינער אַלטער ווילע, און ניט אַפילו דאָן, ווען מיט מיר וואָלט דאָרטען אַ פּרויענצימער געלעבט, וואָס וואָלט מיר מיט נעדולדינער ליבשאַפט געהאָלפען טראָגען דעם יאָך פון מיינע טעג. איך קאָן ניט געפינען קיין פריד, כּל-זמן מיין מאַמע און מיין שוועסטער זיינען מיר פאַרלאָרען; איך טאָר ניט אויפהערען צו זוכען זיי. און ווען איך געפין זיי און זיי האָבען אומרעכט געליטען. זאָלען די שולדיגע ניט באַקומען זייער פּסק? און טאָמער זיינען זיי געשטאָרבען פון אַ גוואַלד-טויט, זאָלען די מערדער ניצול ווערען פון זייער שטראָף? אָ, מיינע חלומות וואָלטען פאַרוואָגעלט מיין שלאָף! אַפילו די הייליגסטע ליבע וואָלט ניט געווען ביכולת אומצוקערען מיין געוויסען די פאַרלוירענע מנוחה!

— צי דען קאָן מען גאָרנישט טאָן קעגען דעם? — האָט זי געפרעגט מיט אַ קול, וואָס האָט געציטערט פאַר אויפרעגונג.

— בן-חיר האָט גענומען איר האַנט.

— איך טו דיר באַנג?

— יע, — האָט זי פשוט געענטפערט.

ער האָט געפילט, ווי איר קליינע האַנט האָט געציטערט אין זיינער, און פּלוצלונג איז אים אַרויף אויפ׳ן זינען די מצרית און איר גאַנצער כּישופדינער שיינקייט, וואָס איז געווען אַזאַ קאָנטראַסט מיט די צערטליכער חנעוודינקייט פון דער קליינער אסתּר; ווי הויך און שלאַנק, ווי דרייסט, ווי גראַציעז אין אירע באַוועגונגען, ווי רייך אין גייסט און ריץ, ווי וואונדערבאַר שיין! ער האָט צוגעטראָגען אסתּר׳ס האַנט צו די ליפּען און האָט זי אַראָפּגעלאָזט.

— דו וועסט מיר זיין אַ צווייטע תּירצה, אסתּר.

— ווער איז דאָס תּירצה?

— ס׳קליינע שוועסטערל מיינס, וואָס דער רוימער האָט ביי מיר אַוועקגעריבּט. איך קאָן ניט רוהיג און גליקליך זיין, כּל-זמן איך וועל זי ניט געפינען.

אין דער רגע איז איבער דער טעראַסע אויף זיי ביידען געפאַ-

לען אַ שטראַל ליכט. זיי האָבען זיך אַרומגעקוקט און דערזעהן, ווי דער דינער קייקעלט ארויס סימאָנידעסן אין זיין שטול. זיי זיינען צוגעגאַנגען צו אים אין אינ׳ם ווייטערדיגען שמועס איז דער אלטער סוחר געווען דער ראש־המדברים.

דערווייל האָט מען אָפּגעבונדען די קאַנאַטען פון דער גאַלע־רע. זי האָט זיך אויסגעדרייט און האָט אַוועקגעזעגעלט אין ים אַריין, ביים שיין פון די פאַקלען, אונטער פרייליכע אויסגעשרייען פון די מאַטראָסען. בן־חור׳ס גורל איז באַשלאָסען געוואָרען.

## קאַפּיטעל ניין

### די פּראָגראַמע פונ׳ם טורניר.

ערב דעם טורניר, נאָך האַלבען טאָג, זיינען אילדערימס פערד און דער רייטוואָגען אַריבערגעפירט געוואָרען אין שטאָט אַריין און אַוועקגעשטעלט אין די שטאַלען ביים צירק. צוזאַמען מיט די פערד איז אין שטאָט געקומען דער בעל-הבית זייערער אויך. ער האָט מיטגעפירט מיט זיך אַ גוזמה דינער, באַוואָפענטע רייטער־פערד, רינדער, שווער-באַלאָדענע קעמלען, אַזוי אַז זיין אַרויסנאַנג פונ׳ם פּאַלמען-וואַלד האָט אויסגעוויזען ווי די איבערוואַנדערונג פון אַ גאַנצען שבט. די מענשען, וואָס האָבען אים באַגעגענט אויפ׳ן וועג, האָבען געלאַכט פון דער דאָזיגער פאַרשיידענפאַרביגער פּראָצעסיע, און אַ סך האָבען זיך געוואונדערט, וואָס דעם שייך, וועלכער איז תמיד געווען אַזאַ היציגער, האָט אַפילו ניט אָנגעהויבען צו אַרען די געלעכטערס פון דעם עולם. טאָמער שפּירט מען אים נאָך — און ער האָט געהאַט אַ גרונט דאָס חושד צו זיין — וועלען מעסאַלעס שפּיאָנען באַשרייבען מיט חוזק די האַלב-באַרבאַרישע פּאָמפּע פון זיין אָנקומען אין שטאָט אַריין אויפ׳ן טורניר, און די רוימער וועלען לאַכען. די גאַנצע שטאָט וועט האָבען פון וואָס צו לאַכען — אָבער וואָס גייט עס אים אָן? אויף מאָרגען אין דער פריה וועט די דאָזיגע גרויסאַרטיגע פּראָצעסיע שוין זיין העט-ווייט אויפ׳ן וועג אין דער מדבר אַריין, און צוזאַמען מיט איר דער גאַנצער באַוועגליכער איינענס פון דעם ישוב אינ׳ם פּאַלמען-וואַלד. ס׳וועט איבערלאָזען נאָר דאָס, וואָס ס׳איז נייטיג

צום אַרויסטרעטען פֿונ'ם דעם פֿירגעשפּאַן אויפֿ'ן טורניר. דער שייך מיט אַלע זיינע מענשען האָט אַצינד פֿאַרלאָזט אויף אַלע מאָל דעם פּאַלמען-וואַלד. די געצעלטען האָט מען אַראָפּגענומען, דער ישוב איז פֿאַרשוואונדען; אין צוועלף שעה אַרום וועט אַלצדינג זיין אויסער יעטווידער סכּנה; זאָל זיי דאַן נאָכיאָגען, ווער ס'איז אַ בעלן דערויף. קיינמאָל איז אַ מענש ניט אַזוי זיכער ווי דאַן, ווען מ'מאַכט פֿון אים חוזק; דאָס האָט געוואוסט דער אַלטער דורכגעטריבענער אַראַבער.

סיי דער שייך, סיי בן-חור זיינען ניט געווען גענאַרט בּיי זיך וועגען מעסאַלעס מאַכט; פֿונדעסטוועגען האָבען זיי ביידע געהאַלטען, אַז פֿאַר דער בּאַגעגעניש אין צירק וועט ער ניט אָננעמען קעגען זיי קיין שום אַקטיווע מיטלען. טאָמער וועט ער האָבען אין צירק אַ מפּלה, ווער רעדט נאָך — ווען פֿון בן-חור'ן, מעגען זיי זיך ריכטען אויף דאָס ערגסטע פֿון זיין זייט; ער וועט אַפֿילו דעמאָלט אפשר גאָר ניט וואַרטען אויף אַ תּשובה פֿון גראַטוכן. דעריבער האָבען זיי זיך בּאַוואָרענט, וואָס צו טאָן אין פֿאַל פֿון אַ סכּנה, און אַצינד זיינען זיי אין אַ גוטער שטימונג געפֿאָרען ריי־טענדיג איינער לעבען אַנדערן, מיט פֿולען בּיטחון אויפֿ'ן מאָרגע־דיגען ניצחון.

אויפֿ'ן וועג האָבען זיי אָנגעגעגענט מלוכן. דער געטרייער די־נער האָט ניט אַרויסגעוויזען קיין שום רמז, אַז ער ווייס עפּעס פֿונ'ם בּונד צווישען בּן-חור'ן מיט סימאָנידעס'ן און אילדערימען. אָפּגעגעבען איינער דעם אַנדערן שלום, האָט ער אַרויסגענומען אַ פּאַפּיר און ווענדענדיג זיך צום שייך האָט ער געזאָגט:

— אָט איז אַ מודעה פֿון דעם ממונה איבער'ן טורניר, אָקאָרשט אַרויסגעלאָזען געוואָרען. דיינע פֿערד זיינען דאָ אויך פֿאַרצייכענט. איך גיב דיר פֿאָראויס אָפּ מזל-טוב מיט אַ ניצחון, איידעלער שייך.

ער האָט דערלאַנגט אילדערימען ס'בּלאַט און האָט זיך גע־ווענדט צו בּן-חור'ן:

— אויך דיר, זון פֿון אַריוס, ווינש איך גליק. פֿאַר דיין בּאַגע־געניש מיט מעסאַלען איז ניטאָ מער קיין שום מניעה. אַלע הכנות

צום טורניר זיינען געמאַלט. דער מנהל פון די שפּילען האָט עס מיר אַליין פאַרזיכערט.

— איך דאַנק דיר, מלוך — האָט בן-חור געזאָגט.

— דיין פאַרב איז ווייס — האָט מלוך ווייטער גערעדט — און מעססאַלעס איז פּורפּור מיט גאָלד. אַלע קאָנען שוין די פאַר-בען. אויף די גאַסען פאַרקויפען שוין אינגלאַך די ווייסע בענדער. מאָרגען וועט יעדער איד און יעדער 'אַראַבער אין שטאָט טראָ-גען אַזאַ באַנד. אין צירק וועסטו זעהן, אַז אין די גאַלעריעס וועט ווייסע בענדער זיין ניט ווייניגער ווי פּורפּורנע מיט גאָלד.

— אין די גאַלעריעס — אפשר יע; אָבער ניט אין טריבונאַל איבער די טויערן פון פּאָמפּיוס.

— ניין, דאָרטען וועט הערשען פּורפּור מיט גאָלד. אַז מיר ווע-לען אָבער מנצח זיין — מלוכס פּנים האָט אויפגעשיינט ביים דאָ-זיגען געדאַנק — ווען מיר וועלען מנצח זיין, אַך, ווי די גרויסע אַרונים וועלען עס ציטערן! ביי זייער ביטול צו אַלץ, וואָס ניט רוימיש איז, וועלען זיי געוויינטלאַך וועטען זיך פאַר מעססאַלען, צוויי, דריי, פינף קעגען איינס — ער איז דאָך אַ רוימער! — און מיט אַ נידעריגערן קול האָט ער צוגעגעבען: — הגם איך ווייס, אַז ס'פּאַסט ניט פאַר אַ אידען, וואָס איז אַ חשוב אין בית-המקדש, צו נעמען אַ אַנטייל אין אַזאַ מין אַזאַרט; פונדעסטוועגען וועל איך דיר פאַרטרויען אַ סוד, אַז הינטער דעם קאָנסולס פּלאַץ וועט זיצען מיינער אַ פריינד און וועט האַלטען געוועטען פון דריי אָדער פינף אָדער טאָקע די גאַנצע צעהן קעגען איינס, אויב זייער שינעון וועט דערגיין אַזוי ווייט. איך האָב אים דערויף געגעבען אַ אָנווייזונג אויף זעקס טויזענט שקלים.

— ניין, מלוך — האָט זיך בן-חור אָפּגערופען — אַ רוימער וועט זיך נאָר אין רוימיש געלט. בעסער וואָלט געווען, זאָלסט היינט אין אָוונט אַריבערגיין צו דיין פריינד און געבען אים אַ אָנ-ווייזונג אויף סעסטערציעס, וויפיל ער זאָל זיי ניט דאַרפען. אַגב, מלוך, זאָלסטו אים זאָגען, אַז וועטען זיך זאָל ער נאָר מיט מע-סאַלען אין זיינע אָנהייננער. אילדערימס געשפּאַן אַראַבער קעגע מעססאַלעס פערד.

מלוך האָט זיך אַ רגע פאַרטראַכט.

— דער פּועל־יוצא דערפון וועט זיין, אַז אַלעמענס אינטערעס וועט זיך קאָנצענטרירען אויף אַייך צוויי'ען.

— אָט דאָס טאַקע בין איך אויסען.

— אַהאַ, איך פאַרשטיי.

— יע, מלוך, אויב דו ווילסט מיר טאָן אַ גרויסע טובה, טאָ זעה מיט כּל־המיטלען צו ווענדען די אויפמערקזאַמקייט פון'ם עולם אויפ'ן קאַמף צווישען מיר און מעסאַלען.

— איך וועל דאָס טאָן מיט כּל־הכּבוד'ן — האָט מלוך געענטפערט מיט היץ.

— איך דאַנק דיר — האָט בן־חור געזאָגט.

— דערצו מיז מען פאַרלייגען געוועטען אויף קאָלאָסאַלע סומען, און אויב מ'וועט זיי אָננעמען, איז אַוודאַי גוט.

מלוך האָט אַוודאַי געקוקט אויף בן־חור'ן, ווי וואַרטענדיג אויף אַ תשובה פון אים.

— ס'וואָלט זיין אַ יושר אַרויסצורייסען פון אים צוריק דאָס, וואָס ער האָט אָנגענזלט — האָט בן־חור געזאָגט ווי צו זיך אַליין — אַזאַ געלעגענהייט מאַכט זיך ניט אַלע טאָג. אָ, ווען איך וואָלט געקאָנט מיט איין קלאַפּ צוטרעטען זיין שטאָלץ אין שטויב און מאַכען אַ תל פון זיין עשירות! אונזער טאַטע יעקב וועט עס מיר ניט פאַררעכענען פאַר אַ חטא.

אַ פעסטע אַנטשלאָסענקייט איז געלעגען אויף זיין שיינעם פּנים און האָט צוגיצגעבען זיינע ווערטער נאָך מער כּוח.

— הער זשע, מלוך, באַנוגען זיך ניט מיט סעסטערציעס. ניי אין געוועט אַפילו אויף טאַלאַנטען, אויב נאָר דו וועסט געפינען בעלנים אויף אַזעלכע סומעס. וועט זיך אויף פינף, צעהן, צוואַנציג טאַלאַנט, און אַפילו אויף פופציג, טאָמער וועט מעסאַלע אַליין וועלען גיין אין געוועט.

— דאָס איז אַ קאָלאָסאַלע סומע — האָט מלוך געזאָגט — דאַן וואָלט איך געמוזט געבען אַ באַוואָרעניש.

— וועסטו עס האָבען. גיי צו סימאָנידעסן און זאָג אים, אַז איך בעט אים איינאָרדענען די זאַך. זאָג אים, אַז מיין גרעסטער

פֿאַרלאַנג איז צו שטעלען בזיל-הדל מיין שונא און אַז די געלע-גענהייט איז אַזאַ נינציגע, אַז איך האָב ניט פאַר וואָס מורא צו האָבען. דער גאָט פון אונזערע עלטערן וועט זיין מיט אונז. ניי, גוטער מלוך, פטר ניט די טייערע צייט.

מלא שמחה פון דער שליחות, האָט מלוך זיך אָפּגעזעגענט און איז אַוועקגעריטען, אָבער גלייך האָט ער זיך אומגעקערט צוריק.

— זיי מיר מוחל — האָט ער געזאָגט צו בן-חורן — איך האָב פֿאַרגעסען דיר עפּעס איבערצוגעבען. איך אַליין האָב ניט געקאָנט צוגיין נאָהענט צו מעסאַלעס רייטוואָגען; האָב איך באַשטעלט אַ אַנדערן, וועלכער האָט אַראָפּגענומען אַ מאָס פון אים; ער זאָגט, אַז די אַקס פון מעסאַלעס וואָגען איז אויף אַ טפח העכער פֿון דער ערד ווי די אַקס פון דיינעם.

— אויף אַ טפח העכער! אַזוי פיל? — האָט בן-חור אויסגע-שריען מלא שמחה.

ער האָט זיך אַריבערגעבויגען צו מלוכן און האָט צוגעגעבען:

— דו ביסט אַ אמתער זין פון יהודה, מלוך, אַ געטרייער אָנ-הייגנער פון דיין גזע, פאַרשאַף דיר אַ אָרט אויף דער גאַלעריע, איבער די טריאומפֿאַלע טויערן אינ׳ם אונטערשטען עק, וואָס גע-העגטער צום באַלקאָן, לעבען די זיילען, און גיב אַכטונג מיט קאָפּ, בשעת מיר וועלען אינ׳ם דאָזיגען אָרט אַ קערעווע טאָן; גיב גוט אַכטונג, וואָרום אויב איך וועל מצליח זיין און... נאָר ניין, בעסער וועל איך דערוויילע שווייגען... פאַרשאַף זיך נאָר דאָרטען אַ פּלאַץ און גיב אַכטונג מיט קאָפּ.

אין דער רגע האָט אילדערים געגעבען אַ געשריי פאַר גרויס ערשטוינונג:

— האַ! וואָס איז דאָס אַזוינס?

— ער האָט דערלאַנגט בן-חור׳ן די מודעה פונ׳ם ממונה אויפ׳ן צירק און האָט אָנגעטייטעלט מיט׳ן פינגער אויף איין אָרט אין איר.

— לייען — האָט בן-חור געזאָגט.

— ניין, לייען דו.

בן-חור האָט גענומען דאָס בלאַט, וואָס איז געווען אונטערגע-שריבען דורכ׳ן פרעפעקט פון דער פּראָווינץ, אַלס דעם אַראַנ-

זשירער פֿונ׳ם טורניר. אויף דעם שטיינער פון אונזערע היינטיגע אַפישען האָט די מודעה אויסגערעכענט כּסדר די פאַרשיידענע פאַרוויילונגען, וואָס וועלען געמאַכט ווערען לכּבוד מאַקסענציוס; זי האָט מודיע געווען דעם עולם, אַז אַפריהער וועט זיין אַ פּראָצעסיע פֿון אויסערגעוויינטלאַכער פּראַכט; דערנאָך וועט מען ברייננגען, ווי דער שטיינער איז, קרבּנות צום גאָט קאָנזוס, און דאַן וועט זיך אָנהייבּען דער טורניר: לויפען, שפּרינגען, געראַנגעל, פויסטען־קאַמף, יעדע זאַך אין איר באַשטימטען סדר. ס׳זיינען געווען אויסגערעכענט די נעמען פון די אַנטיילנעמער און זייער נאַציאָנאַליטעט, די שולען, וואו זיי האָבען זיך געלערנט, ווי אויך די טורנירען, אין וועלכע זיי האָבּען זיך שוין געהאַט באַטיילינט, און די פּריזען, וואָס זיי האָבען שוין געהאַט געוואונען, ווי אויך וואָס זיינען באַשטימט געווען דאָסמאָל. די פֿעטע ציפער, מיט וועלכע ס׳זיינען געווען געשריבּען די געלט־פּרעמיעס, האָבען געוויזען, ווי ווייט ס׳איז שוין געווען די צייט, ווען דער בּעל־הניצחון פֿלעגט זיך באַנוגענען מיט אַ פּשוט׳ן לאָרבּער־קראַנץ, זיך גרויס האַלטענדיג מיט׳ן כּבוד אַ סך מער ווי מיט דער גרעסטער סומע געלט.

בּן־חור איז שנעל דורכגעלאָפען דעם דאָזיגען טייל מודעה. ענדליך איז ער צוגעקומען צום פּראָגראַמע פונ׳ם רייטוועגען־טורניר. ער האָט גענומען לייענען פאַמעליך. די מודעה האָט צוגעזאָגט די ליבּהאָבער פון טורנירען אַ ספּעקטאַקל, וואָס אַנטיאָכיע האָט נאָך אין לעבען ניט געזעהן. די שטאָט האָט אַראַנזשירט די שפּילען לכּבוד דעם קאָנסול; הונדערט טויזענט סעסטערציעס און אַ לאָרבּער־קראַנץ איז באַשטימט געווען פאַר׳ן בּעל־הניצחון. דערנאָך זיינען נעגאַנגען די פּרטים: באַטייליגט האָבען זיך זעקס פּירגעשפּאַנען; נאָר פירגעשפּאַנען האָט מען דערלאָזען צום טורניר. כּדי צו פֿאַרשטאַרקען דעם אינטערעס פֿונ׳ם ספּעקטאַקעל, האָבען זיי געמוזט אַרויסטרעטען אַלע פאַר אַמאָל. דערנאָך איז געגאַנגען די באַשרייבּונג פון די פֿירגעשפּאַנען:

א. פֿירגעשפּאַן פונ׳ם קאָרינטער ליזיפּוס — צוויי גרויע, איין בּרוינער און איין שוואַרצער. זיי זיינען אַרויסגעטראָטען פֿאַראַיאָרען

אין אַלכּסנדריה און דערנאָך אין קאָרינט, וואו זיי האָבען מנצח געווען. אָנטרייבער: ליזיפוס. פאַרב: געל.

ב. פירגעשפאַן פונ׳ם רוימער מעסאַלע — צוויי ווייסע, צוויי שוואַרצע. פאַראַיאָרען מנצח געווען אין רוים, אין צירק פון מאַקסימוס. אָנטרייבער: מעסאַלע. פאַרב: פורפור מיט גאָלד.

ג. פירגעשפאַן פונ׳ם אַטענער קלעאַנטעס — דריי גרויע, איין ברוינער. פאַראַיאָרען מנצח געווען אויף די אָלימפּישע שפּילען. אָנטרייבער: קלעאַנטעס. פאַרב: גרין.

ד. פירגעשפאַן פונ׳ם ביזאַנטינער דידעאוס — צוויי שוואַרצע, איין גרויער, איין ברוינער. הײַאָר, געוואונען אַ פּריז אין ביזאַנציע. אָנטרייבער: דידעאוס. פאַרב: שוואַרץ.

ה. פירגעשפאַן פון אַדמעטוס הצידוני — פיר גרויע. דריי מאָל מנצח געווען אין קיסריה. אָנטרייבער: אַדמעטוס. פאַרב: בלוי.

ו. פירגעשפאַן פון אילדערים, שייך פון דעם מדבר — פיר ברוינע. טרעטען אַרויס צום ערשטען מאָל. אָנטרייבער: בן-חור, אַ איד. פאַרב: ווייס. אָנטרייבער: בן-חור, אַ איד!

פאַרוואָס עפּעס דער דאָזיגער נאָמען אָנשטאָט אַריוס?

בן-חור האָט אַ קוק געטאָן אויף אילדערימען. אַצינד האָט ער פאַרשטאַנען, וואָס איז געווען די סיבה פונ׳ם אַראָבערם אויסגעשריי. ביידען איז זיי אײַנגעפאַלען איינער און דערזעלבינער געדאַנק: דאָס איז מעסאַלעס אויפטון!

## קאַפּיטעל צעהן.

### די געוועסטען.

קוים האָט זיך איבער אַנטיאָכיע אַראָפּגעלאָזען דער אָווענט, האָבען פון אָמפֿאַלוס-טעמפעל, וואָס איז געלעגען כמעט אין צענטער שטאָט, אַ שטראָם געטאָן מחנות מענשען אין אַלע זייטען, דערהויפּט אָבער צום נימפעאום צו און פאַזע הורדוסעס קאָלאָנאַדע; אַלץ יענע לייט, וואָס האָבען די קומענדיגע שעה'ן געוואָלט ווידמען באַקכוסן און אַפּאָלאָנען. די ברייטע, גערעקטע גאַסען, וואָס זיינען בפועל-ממש באַשטאַנען פון מיילען-לאַנגע מירמעלשטיינערנע קאָלאָנאַדעס, גלאַנציג-אָפּגעפּאָלירטע אויפ'ן העכסטען אופן, זיינען געוועזן ווי באַשאַפען פאַר אַזעלכע יום-טובים'לאַך. די דאָזיגע קאָלאָנאַדעס זיינען אַלץ געוועזן מתנות פאַר דער לוקסוסדיגער שטאָט, וואָס די פירשטען האָבען איר געשאָנקען, ניט אָפּשטעלענדיג זיך פאַר קיין שום הוצאות, אַבי נאָר צו מאַכען דורכדעם אומשטערבליך דעם נאָמען זייערן. אומעטום האָט געהערשט אַ בלענדענדיגע העלקייט, אומעטום האָט געהילכט געזאַנג, געלעכטער און פריילאַכע קולות, וואָס האָבען אָפּגעשאַלט אין די הויכע גאַלעריעס ווי ס'ברייזען פון אַ וואַסער-פאַל און זיך אויסגעמישט אין אַ פילמאָליגען עכאָ.

אַ פרעמדער וואָלט זיך אפשר געחידושט, טרעפענדיג צווישען דעם המון פאַרשטייער פון אַזויפיל אומות; אָבער דאָס איז ניט געווען קיין ספּעציעלע אייגענטימליכקייט פון אַנטיאָכיע אַליין. צווישען די פאַרשיידענע אויפגאַבעס פון דער רוימישער וועלט-

מלוכה איז אַפּנים געווען אויך די אויפגאַבע צו ווירקען דער צונויפמישונג פֿון די פֿעלקער און דערנעהענטערן זיי איינס צום אַנדערן, גאַנצע פעלקער פלעגען זיך אַ ריר טאָן פֿון זייערע ערטער און אַוועקציהען. זייערע מלבושים, זייערע זיטען און מינהגים, זייער לשון און אמונה האָבען זיי מיטגענומען מיט זיך; און וואו ס׳איז זיי געפֿעלען, דאָרטען פלעגען זיי זיך אָפּשטעלען, בויען וואוינונגען, שטעלען מזבחות, פירען זייערע עסקים און זיך אין גיכען געפילט גאָר ניט ווי אין דער פֿרעמד.

אָבער אין איינגענטימליכקייט וואָלט אינ׳ם דאָזיגען אָווענט יע זיך געוואָרפֿען אין די אויגען יעדען בעאָבאַכטער אין אַנטיאָכיע. כמעט יעדערער האָט געטראָגען די פאַרבען פֿון דעם אָדער יענעם אָנטייל־נעמער אין מאָרגענדיגען טורניר; אין דער געשטאַלט פון אַ שאַרף, אַ באַנד, אַ פעדער אַזוי עפּעס אַ צייכען. דער צייכען פֿון דער פאַרב האָט זיך געמעגט זיין וועלכער ער איז געווען, ער האָט אָבער עדות געזאָגט, אויף וועמעס צד איז געשטאַנען דער טראָגער; די גרינע פֿאַרב, אַ שטייגער, האָט באַצייכענט אַ פריינד פון קלעאַנטעס דעם אַטענער און די שוואַרצע האָבען געטראָגען די אָנהייגער פון דעם ביזאַנטינער. דער קוקער, וואָלט באַלד באַמערקט, אַז אינ׳ם דאָזיגען אָווענט האָבען געהערשט דריי פאַרבען: גרין, ווייס און פורפור מיט גאָלד.

נאָר לאָמיר פאַרלאָזען די גאַס און אַריינקוקען אינ׳ם פּאַלאַץ אויפֿ׳ן אינזעל.

די פינף גרויסע מנורות אין דעם זאַל זיינען שוין אָנגעצונדען. די געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך דאָ איצט פֿאַרזאַמעלט, איז כמעט די אייגענע, וואָס איז שוין פֿריהער געווען דאָ באַשריבען. אויפֿ׳ן דיוואַן וואַלגערן זיך אויך איצט שלאָפענדיגע מענשען און ס׳זיינען אָנגעוואָרפען מלבושים. פֿון די טישען צוטראָגט זיך די געקלאַפעריי פון די שפיל־ביינדלאַך. אָבער ס׳רוב עולם איז אַצינד פֿאַרנומען מיט גאָרנישט. זיי שטייען אָדער גייען אַרום שלינג־און־שלאַנג, גענעצען פאַר לאַנגווייליגקייט אָדער וואַרפֿען זיך דורך מיט פוסטע גאָרנישט זאָגענדיגע דברים־בטלים. וועט מאָרגען כאָטש זיין אַ שיין וועטער? זיינען שוין אַלע הכנות צום טורניר פאַרענ־

ריגט? זיינען אין צירק אין אַנטיאָכיע אָנגענומען דיזעלביגע תּקנות און כּללים ווי אין רוים? הכּלל — די יונגע הערען איז לאַנגווײַליג. זייער שווערע אַרבעט האָבען זיי שוין אָפּגעטאָן; אין דעם וואָלט מען זיך געקאָנט איבערצייגען, אַריינקוקענדיג אין זייערע נאָטיצטאָוועלאַך, וואָס זיינען געווען געדיכט באַשריבען מיט סומעס פון געוועטען אויף יעדען מין קאָנקירס: אויף לויפען, אויף ראַנגעל, אויף קאַמף, אויף פויסטען-קאַמף, אויף אַלצדינג, נאָר ניט אויפ'ן קאָנקורס פון די רייטוועגען.

פאַרוואָס-זשע עפּעס ניט אויף ד ע ם קאָנקורס אויך?

דערפאַר ווייל ס'האָט זיך ניט געפינען אַפילו קיין איינאיינציגער בעלן, וואָס זאָל וועלען ריזיקירען כאָטש מיט איין דינר קעגען מעסאַלען.

קיין שום פאַרב זעהט מען ניט אין זאָל אַ חוץ מעסאַלעס — פורפור מיט גאָלד.

קיינער דערלאָזט אַפילו קיין געדאַנק ניט, אַז ער קאָן האָבען אַ מפּלה.

איז ער דען ניט דער גרעסטער בריה אין פאָרען? האָט ער דען ניט געלערנט די דאָזיגע חכמה פונ'ם קיסר'ס לאַניסטע? האָבען דען זיינע פערד ניט מנצח געווען אין צירק פון מאַקסימוס? היינט — איז ער דען ניט קיין רוימער?

אין אַ ווינקעל, באַקוועם אָנגעלענט אויף די קישענס פון דיוואַן, איז געזעסען מעסאַלע אַליין, אַרומגערינגעלט פון אַ רעדעל חסידים, וואָס האָבען אים פאַרשאָטען מיט פראַגעס. דער איינציגער ענין פון שמועס איז געוויינטלאַך געווען נאָר דער טורניר.

אין זאַל זיינען אַריינגעקומען דרוזים און צעציליוס.

— אַך! — האָט אויסגערופען דער יונגער פירשט און זיך אַ וואָרף געטאָן צו מעסאַלעס פיס אויפ'ן דיוואַן — ווי באַקכוס איז מיר ליב, אַז איך בין פאַרמאַטערט!

— וואו ביסטו אויסענגעווען? — האָט מעסאַלע געפרעגט.

— זיך געשלעפּט איבער די גאַסען. געווען אין אמפּאַלוס און נאָך ווייטער — דער שוואַרציאָר ווייסט וואו ניט? שטראָמען מענ-

שען פארפלייצען די שטאָט. אַזוי פיל האָב איך נאָך דאָ קיינמאָל ניט געזעהן! די גאַנצע וועלט וועט מען מאָרגען זעהן אין צירק. מעסאַלע האָט מיט ביטול אַ שמייכעל געטאָן.

— פראַים! זיי האָבען דאָך אַפילו קיין השגה ניט, וואָס הייסט אַזוינס אַ פאָרשטעלונג אין צירק ביי מאַקסימוסן, ווען דער אַראַנזשירער איז דער קיסר אַליין. נו, מיין דרוזוס, איז עפּעס געווען וואָס צו זעהן אין גאַס?

— גאָרנישט.

— אָ, דו האָסט פאַרגעסען — האָט צעציליוס באַמערקט.

— וואָס מיינסטו דען? — האָט דרוזוס געפרעגט.

— די פּראָצעסיע פון די ווייסע.

— אמת! — האָט דרוזוס אויסגערופען, זיך האַלב אויפגעהויבען פון אָרט — מיר האָבען באַגעגענט אַ פּראָצעסיע פון די ווייסע; זיי האָבען געטראָגען אַ פאָן. אָבער — כאַ-כאַ-כאַ!

ער האָט לאַכענדיג צוריק זיך אַראָפּגעלאָזט אויפ'ן דיוואַן.

— זיי ניט קיין אַכזר, דרוזוס, דערצייל ווייטער — האָט מעסאַלע אים ניט אָפּגעלאָזט.

— דאָס זיינען געווען די שפיר פון דער מדבר, מיין מעסאַלע, און די פּסולת פון יעקבס טעמפּעל אין ירושלים. וואָס גייען זיי מיך אָן?

— דרוזוס האָט מורא פאַר ליצנות, מיין מעסאַלע, איך אָבער ניט — האָט זיך צעציליוס אַריינגעמישט.

— טו דערצייל דו.

— גוט... מיר האָבען אָפּגעשטעלט די ווייסע און...

— ... און האָבען זיי פאָרגעלייגט אַ געוועט — איז דרוזוס אַריינגעפאַלען אין די רייד זיין טרייען באַגלייטער — ערשט... כאַ-כאַ-כאַ! אַ מענש מיט אַ פּנים — איינע הויט און ביינער, איז אַרויסגעטראָטען פאָראויס אָנצונעמען דעם געוועט. איך האָב אַרויסגעצויגען מיינע טאָוועלאַך און האָב אים געפרעגט, פאַר וועמען וועט ער זיך, „פאַר בן-חור'ן, דעם אידען", האָט ער מיר געענטפערט.

— „און וויפיל?" זאָג איך צו אים... האָב קיין פאַראיבעל ניט,

מיין מעסאַלע, ווי מיר האָבן אַ יופּיטער אויף דער וועלט — איך קאָן פאַר געלעכטער ניט ריידן, כאַ־כאַ־כאַ!

די צוהערער זיינען געווען העכסט פאַראינטערעסירט.

מעסאַלע האָט פרעגנדיג געקוקט אויף צעציליוסן.

— אויף אַ שקל — האָט צעציליוס זיך אָפּגערופן.

— אויף אַ שקל, אויף אַ שקל! — האָט די גאַנצע חברה זיך צופילדערט מיט אַ פאַראַכטליכן געלעכטער.

— און וואָס האָט דרוזוס געטאָן? — האָט מעסאַלע געפרעגט.

אָבער דער שמועס איז פּלוצלונג איבערגעריסען געוואָרען דורך אַ טומעל ביי דער טיר און אַלע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אַהינצו. צעציליוס האָט זיך אויך אויפגעהויבען נאָך די איבעריגע, דערביי נאָך באַוויזען אַ זאָג צו טאָן צו מעסאַלען:

— דער איידעלער דרוזוס האָט אַרויסגענומען זיינע טאָוועלאַך און האָט ריזיקירט אויף אַ שקל.

— אַ וויסער! אַ וויסער!

— לאָזט אים אַריין!

— אַהער! אַהער!

אַזעלכע און ענליכע קולות האָבן געהילכט דורכ'ן זאַל און האָבן פאַרשטומט אַלע אַנדערע רייד. די שפּילער האָבן געלאָזט די ביינדלאַך; די שלאָפער האָבן זיך אויפגעכאַפּט, זיך געריבען די אויגען, אַרויסגענומען זייערע טאָוועלאַך און זיינען אויף גיך צוגעגאַנגען צום רעדעל, וואָס איז געוואָרען אַרום דעם פרעמדען.

דער מענש, וואָס האָט דערוועקט אַזאַ אינטערעס מיט זיין אַריינקומען, איז געווען יענער חשובער איד, וואָס איז געפאָרען צוזאַמען מיט בן־חור'ן פון קיפּער ביז אַנטיאָכיע. ער איז אַריין אין זאַל רוהיג און מיושבדיג און האָט מיט אַ שאַרפען בליק באַטראַכט דעם גאַנצען עולם. זיינע מלבושים און אויך דער טורבאַן אויפ'ן קאָפּ זיינען געווען ווייס אָהן אַ שום פלעק. זיך פאַרנייגט, האָט ער מיט אַ שמייכעל זיך געלאָזט פאַמעליך גיין צום טיש אין מיטען זאַל. צוגעקומען צום טיש, האָט ער מיט אַ בכבודיגער באַוועגונג פונאַנדערגענומען זיין מלבוש, זיך געזעצט ביים טיש און געגעבען אַ צייכען מיט דער האַנט. דער בלישטש פון אַ טייערן בריליאַנט

אויף זיינעם אַ פינגער האָט ניט ווייניג מיטגעווירקט, אַז עס זאָל גלייך שטיל ווערען לויט זיין וואונש.

— רוימער! הויך-איידעלע רוימער! איך ברייננ אייך מיין גרוס! — האָט ער געזאָגט.

— ווי מיר האָבען אַ יופּיטער אויף דער וועלט — דער מאַן איז ניט פון די ציטעריגע! ווער איז ער? — האָט געפרעגט דרוזוס.

— אַ אידישער כלב, מיט׳ן נאָמען סנבלט, אַ ליפעראַנט פאַר׳ן חיל; וואוינט אין רוים; איז נתעשר געוואָרען פון די פּאָדריאַדען, וועלכע ער פירט קיינמאָל ניט אויס. אַ שונא פון רוים, אָבער קלוג ווי אַ ממזר! מאַכט אָפּ זיינע געשעפטלאַך פיינער, ווי אַ שפין זיין שפינוועבס. קומט לאָמיר זעהן, ער זאָל שוין דאָסמאָל זיך ניט אַרויסדרייען פון אונזערע הענט.

מיט די דאָזיגע ווערטער איז מעסאַלע אויפגעשטאַנען און איז צוזאַמען מיט דרוזוס צוגעגאַנגען צו דעם רעדעל ביים טיש.

— אין נאָם האָב איך געהערט — האָט דער איד געזאָגט, אַרויסנעמענדיג זיינע נאָטיץ-טאָוולאַך און אָנקלייגענדיג זיי מעשה-געשעפטסמאַן אויפ׳ן טיש — אַז דאָ אין פּאַלאַץ איז מען זעהר ניט צופרידען, וואָס ס׳געפינען זיך ניט קיין בעלנים צו ווע־טען זיך קעגען מעסאַלען. די געטער אָבער דאַרפען האָבען קרבנות, איז אָט בין איך געקומען. מיין פּאַרב זעהט איר דאָך — לאָמיר־זשע גלייך צוטרעטען צום ענין. אַפריהער לאָמיר באַשטי־מען וויפיל קעגען איינס און דערנאָך די סומע פון געוועט. וואָס באַט איר מיר?

די דאָזיגע דרייסטקייט האָט דעם עולם אַ ביסעל געפּלעפט.

— גיכער! — האָט ער ווידער געזאָגט — דער קאָנסול וואַרט אויף מיר.

די דאָזיגע באַמערקונג האָט געמאַכט אַ עפעקט.

— צוויי קעגען איינס — האָבען זיך דערהערט עטליכע שטימען.

— וואָס? — האָט דער ליפעראַנט אויסגערופען ערשטוינט — נאָר צוויי קעגען איינס! אַזוי וועט איר זיך עס פּאַר אַ רוימער?

— נו, זאָל זיין דריי!

— דרײ, זאָגט איר, ניט מער ווי דרײַ? אַט אַזוי וועט איר זיך עס קענען אַ אידישען כּלבֿ! גיט מיר פֿיר!

— גוט, זאָל זײַן פֿיר! — האָט אויסגערופען אײנער, נאָך כּמעט אַ אינגעל, אָנגערירט פון דעם אידענס חוזק.

— פֿינף, פֿינף קענען אײנס! — האָט סנבלט זיך תּיכּף אָפּגערופען.

אַלע האָבען געשוויגען. קײנער האָט ניט געענטפערט.

— דער קאָנסול, מײן האַר און אײַערער, ווארט אויף מיר.

דאָס שווײַגען איז אַ סך אויסגעקומען דריקענדיג.

— נו, פֿינף קענען אײנס! פינף לכּבֿוד רוים!

— זאָל זײַן פינף! — האָט זיך אָפּגערופען אַ שטים.

ס'האָט זיך דערהערט אַ פּאַטשען בראַוואָ, ס'איז געוואָרען אַ באַוועגונג — מעסאַלע אַלײן איז געווען דער וועטער.

— אַלזאָ פינף! — האָט ער איבערגעחזרט.

סנבלט האָט אַ שמײכעל געטאָן און זיך גענומען צום פאַרשרײַבען.

— ווען דער קיסר זאָל מאָרגען שטאַרבען, — האָט ער חניפֿיש געזאָגט, — וועט רוים דאָך ניט בלײַבען פֿאַריתומט. אַבי ס'איז פֿאַראַן כאָטש אײן מענש, וואָס האָט די זכיה צו פאַרנעמען זײַן אָרט. זאָל איך אפשר פאַרשרײַבען זעקס?

— נוט, שרײַב זעקס — האָט זיך אָפּגערופען מעסאַלע.

ווידער האָבען זיך דערהערט אַפּלאָדיסמענטען, נאָך הילכיגער ווי פריהער.

— הײסט עס זעקס — האָט מעסאַלע איבערגעחזרט — זעקס קענען אײנס, דאָס איז דער חילוק צווישען אַ רוימער און אַ אידען. און איצט, אַז מיר זײַנען שוין פאַרטיג דערמיט, באַשטים ניט דער סומע. אַניט קאָן נאָך דער קאָנסול שיקען נאָך דיר, און ס'וועט גאָרנישט ווערען פֿון דעם געוועט.

סנבלט האָט קאַלטבּליטיג אַראָפּגעשלונגען דעם שטעכווערטעל, עפּעס פֿאַרשריבען אויפ'ן טאָוועלע און דערלאַנגט עס מעסאַלען.

— לײען! לײען! — האָבען אַלע געפאָדערט. און מעסאַלע האָט איבערגעלײענט:

„מעמאראנדום. יאנעניש איף רייט-וועגען. מעסאלע פון רים וועט זיך מיט סנבלטן, אויך פון רוים, אז ער וועט מנצח זיין בן-חירן, דעם אידען. דער סכום פינ׳ם געוועט: צוואנציג מאלאנט. געווינט סנבלט — באקומט ער זעקס מאל אזויפיל.

עדות: סנבלט״.

א טיפע שטילקייט האט געהערשט אין זאל. קיין פיפס האט זיך נים געהערט. יעדערער איז אזוי ווי פארגליווערט געווארען אין דער פאזע, אין וועלכער ער האט געהערט ס׳לייענען. מעסאלע האט שטאר געקוקט איפ׳ן מאוועלע און דער עולם האט נים אראפגענומען די אויגען פון אים, ער. האט געפילט די בליקען איף זיך און האט זיך געפליסט צונויפנעמען די געדאנקען. אט איף דעם דאזיגען ארט איז ער אקארשט געשטאנען און זיך געפינט פאר זייגע לאנדסלייט אזוי ווי איצט סנבלט. זיי וועלען דאס אים נים פארגעסען. וועט ער זיך אפזאגען אונטערצושרייבען— איז א גוטען טאג מיט זיין פרעסטיזש! און אונטערשרייבען האט ער נים געקאנט: ער האט נים פארמאגט קיין הונדערט מאלאנט, און אפילו קיין פינפט-חלק דערפון איך נים. ער האט געפילט. אז ער איז נים ביכולת צו טראכטען מיט א סדר; ער איז נעשטאנען אהן לשון, בלייך ווי די וואנט. פלוצלונג איז אים נעקימען א געדאנק צו הילף.

— דו איד! — האט ער געזאגט — ווי קומט צו דיר צוואנציג מאלאנטען? באווייז זיי מיר אקארשט!

דער שפאטישער שמייכעל איף סנבלטס פנים איז געווארען נאך בולטער.

— נא, — האט ער געזאגט, דערלאנגענדיג מעסאלען א פאפיר.

— לייען, לייען! — האבען ווידער אלע איסגערופען.

און מעסאלע האט ווידער איבערגעלייענט:

„אנטיאכיע, ט״ו תמוז.

דער איינענטימער פינ׳ם דאזיגען כתב, סנבלט פון רוים, האט ביי מיר ליגען — און זיין רשות — פופציג מאלאנט און קיווערליבער ממבע. סימאנידעס״.

— פופציג טאַלאַנט! פופציג טאַלאַנט! — האָבען זיך פון אַלע זייטען דערהערט פאַרוואונדערטע אויסרופען.
דאָס איז דרוזוס געקומען צו הילף.
— איך שווער ביי הערקולעסן! — האָט ער אויסגעשריען אויף אַ קול — דאָס געשריפטס איז אַ פאַלשס און דער איד איז אַ ליג-נער! ווער, אַחוץ דעם קיסר, האָט ליגען פופציג טאַלאַנט אין זיין רשות? נידער מיט דעם אומפאַרשעמטען וויסען!
פול גרימצאָרן האָט געקלונגען זיין קול און ער האָט געפונען ביים אַרומיגען עולם אַ צאָרניגען ווידערשאַל, אָבער סנבלט איז געבליבען רוהיג זיצען און וואָס לייגער ער האָט געוואַרט, אַלץ שפּאָטישער און אַרויסרופּענדיגער איז געוואָרען זיין ניצחון-שמיי-כעל. ענדליך האָט זיך מעסאַלע אָפּגערופען:
— שטילער, מיינע לאַנדסלייט — אין זכות פון אונזער אַלטען רוימישען נאָמען!
און ווענדענדיג זיך צו סנבלט׳ן, האָט ער געזאָגט:
— הער צו נעמלטער אידישער כלב! איך האָב דיר געבאָטען זעקס קעגען איינס, ניט אמת?
— יע — האָט דער איד קאַלט געענטפערט.
— טאָ לאָז-זשע מיר באַשטימען די סומע פונ׳ם געוועט.
— מסכים, אָבער מיט דעם תנאי, אַז זי זאָל זיין ניט צו קליין — האָט סנבלט געענטפערט.
— נו, טאָ שרייב פינף אַנשטאָט צוואַנציג.
אין אַזויפיל פאַרמאָגסטו?
— איך שווער ביי אַלע געטער, אַז אויף דער סומע קאָן איך דיר ווייזען דאָקומענטען.
— ניִשט נייטיג. פאַר מיר איז גענוג אַ וואָרט פון אַזאַ העלדי-שען רוימער ווי דו ביסט. נאָר לאָמיר שוין באַשטימען אַ גראָדינגע צאָל — זעקס אַנשטאָט פינף.
— נו, שרייב זעקס.
און זיי האָבען זיך געביטען מיט געשריפטסען.
סנבלט איז אויפגעשטאַנען און האָט זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטען. אַנשטאָט דעם שמייכעל איז אויף זיין פנים איצט גע-

לענען אַ ניט־פֿאַרבאָרגענער חוזק. ער האָט גוט געוואוסט, מיט וועמען ער האָט דאָ געהאַט צו טאָן.

— רוימער! — האָט ער געזאָגט — נאָך אַ געוועט, אויב איר האָט קיין מורא ניט! פֿינף טאַלאַנט קעגען פינף, אַז ווײַס וועט געווינען. איך רוף אײַך אַרויס אַלע פֿאַר אַמאָל.

איבעררעשט אויף דאָס ניי, האָט ווידער קיינער ניט געקאָנט ענטפערן.

— סטייטש! — האָט דער ליפעראַנט אויסגערופען נאָך העכער — איז דען בײַ אײַך רעכט, מ'זאָל מאָרגען אין צירק דערציילען, אַז אַ אידישער כּלב איז געקומען אין פּאַלאַץ אַרײַן צו אַ עולם חשובֿע רוימישע פּאַטריציער — צווישען זיי איינער פֿון צעזאַרס אייניקלאַך — און האָט זיי פֿאַרגעלייגט אַ געוועט אין פֿינף טאַלאַנט, נאָר קיין איינער פֿון זיי האָט ניט געהאַט דעם מוט עס אָנצונעמען?

אַזאַ חוצפּה האָט מען שוין מער ניט געקאָנט פֿאַרטראָגען.

— גענוג, דו אומפֿאַרשעמטער! — האָט זיך אָפּגערופען דרוזוס, פֿאַרשרײַב דאָס געוועט און לאָז עס איבער אויפֿ'ן טיש, און טאָמער וועט זיך אַרויסווייזען, אַז דו ביסט באמת טאַקע אימשטאַנד צו שטעלען אין קאָן פֿאַר אַ פֿאַרלוירענע זאַך אַזויפֿיל געלט, זאָג איך — דרוזוס — דיר צו, אַז דיין געוועט וועט מאָרגען אָנגענומען ווערען.

סנבלט האָט ווידער אָנגעשריבען אַ מעמאָראַנדום, איז אויפגעשטאַנען און האָט געזאָגט רוהיג אין ווי ניט אום מיינט מען אַזוי ווי ביז אַהער:

— זעהסט, דרוזוס, אָט לאָז איך איבער דעם כּתב אין דיינע הענט. אַז מ'וועט אים חתמענען, קאָנסטו מיר אים צושיקען צו יעדער צייט פֿאַר'ן אָנהייב טורניר. איך וועל זיין אין דעם קאָנסולס לאָזשע, אויף מיין פּלאַץ איבער די טויערן פון פּאָמפּייוס. פריד צו דיר, פֿריד צו אײַך אַלעמען!

ער האָט זיך אַ בוק געטאָן און איז אַרויסגעגאַנגען, אפֿילו קיין בליק ניט געשיינקט דעם האָגעל שטעכווערטלאַך, וואָס האָבען זיך אַ שאָט געטאָן נאָך אים.

נאָך אין דער איינענער נאַכט איז דער שם וועגען דעם קאָ־לאָסאַלען געוועט אַרומגעפלויגען אַלע גאַסען, די גאַנצע שטאָט, אין געגרייכט אפילו צון בן־חור'ן, וועלכער האָט גענעלטיגט ביי זיין פירגעשפּאַן; ער איז אויך געוואָר געוואָרען, אַז מעסאַלע האָט געשטעלט אין קאָן זיין גאַנצען אייגענס.

נאָך קיינמאָל אין זיין לעבען איז ער ניט געשלאָפען אַזוי רוהיג ווי די דאָזיגע נאַכט.

## קאַפּיטעל עלף.

### דער צירק.

דער אַנטיאָכיער צירק איז געשטאַנען אויפ'ן דרומדיגען ברעג טייך, כמעט אַנטקעגען דעם אינזעל, און האָט זיך אין קיין שום פּרט ניט אונטערגעשיידט פון אַנדערע צירקען אין יענער צייט.

אין פלוג פלעגט מען די שפּילען מאַכען דעם עולם צוליב, אַזוי אַז יעדערער האָט געהאַט אַ פרייען אַריינגאַנג; אָבער ווי גרויס דער צירק איז ניט געווען, האָט איטליכער אין דעם היינטיגען פאַל פאַרט מורא געהאַט, אַז ער וועט ניט קריגען קיין אָרט; דעריבער האָבען זיך גרויסע מחנות מענשען צונויפגעקליבען אַרום צירק נאָך ערב דעם טורניר. וואָס פון שעה איז דער עולם גע-וואַקסען און סוף-כל-סוף איז ניט געבליבען קיין ליידיג שטיקעל פּלאַץ אין דער סביבה אַרום צירק.

אום האַלבע נאַכט האָבען זיך די טויערן פון צירק געעפענט, דער שטרוים מענשען האָט אַ פלייץ געטאָן אינעווייניג אַריין און האָט פאַרכאַפּט די אָנגעוויזענע ערטער. אַ ערדציטערניש סיידען אָדער אַ חייל, מיט שפּיזען באַוואָפענט, וואָלט זיין בכוח צו פאַר-טרייבען די מענשען פון די פאַרנומענע ערטער. דאָרטען האָבען זיי ווי עס איז אָפּגעשלאָפען דעם רעשט נאַכט אויף די בּיינק; דאָרטען האָבען זיי געגעסען זייער אָנבייסען. אָט אַזוי זיינען זיי אָפּגעזעסען ביז'ן סוף פון די פאָרשטעלונגען און וואָלטען מיכן ומזומן געווען צו זיצען נאָך לייגנער.

איינס אַ זייגער פאַרטאָג האָבען זיך אָנגעהויבען צו קלייבען אין

צירק אַריין אויך די בעסערע קלאַסען, וואָס האָבען זיך געהאַט פֿאַרזיכערט ערטער נאָך פֿון פֿריהער; די אַריסטאָקראַטיע און די נגידים זיינען געקומען אויף טראָג-בעטלאַך מיט אַ סוויטע פֿון פּראַכֿטיג געקליידטע דינער.

צוויי אַ זייגער האָט דער עולם, וואָס איז געגאַנגען פֿון שטאָט אין צירק אַריין, געבילדעט אַ ניט-איבערגעריסענעם אומענדליכען שטרום.

ווי נאָר דער ווייזער פֿונ׳ם גרויסען זון-זייגער אויבען אויף דער ציטאַדעל האָט געוויזען פּונקט האַלב צוויי, האָט פֿון באַרג אַראָפּ-געניזערט דער לעגיאָן אין דער גאַנצער פּראַכט און גלאַנץ פֿון זיין באַוואָפֿענונג מיט פֿונאַנדערגעלאָזענע פֿאָנען; און אַז דער אַריערגאַרד פֿון דער לעצטער קאָהאָרטע איז אַריבער די בריק, איז אַנטיאָכיע בפועל-ממש געבליבען וויסט און לער. אַריינגעמען אַלעמען האָט דער צירק טאַקע ניט געקאָנט, אָבער אין שטאָט איז אויך קיינער ניט געבליבען.

אַ גרויסער המון האָט געוואַרט אויפ׳ן ברעג טייך, כּדי צו זעהן, ווי אַזוי דער קאָנסול שיפֿט זיך אַריבער פֿונ׳ם אינזעל אין דער רייך-באַפּוצטער באַרקע. אַרויסגעזעצט זיך אויפ׳ן ברעג, איז דער קאָנסול באַגעגענט געוואָרען דורך דעם לעגיאָן, און ס׳בילד פֿונ׳ם פּרעכטיגען מיליטערישען פּאַראַד האָט אויף אַ ווײַלע אָפּגעצויגען דעם עולם׳ס אויפֿמערקזאַמקייט אַפילו פֿון צירק.

דריי אַ זייגער זיינען אַלע ערטער אין גרויסען צירק געווען שוין פֿאַרנומען. אַ שאַל פֿון טרומפּייטען האָט געגעבען אַ סיגנאַל, ס׳זאָל שטיל ווערען, און די בליקען פֿון העכֿער הונדערט טויזענט מענשען האָבען זיך געווענדט צו דער מזרחדיגער גאַלערייע פֿונ׳ם בנין. אין דער געמויערטער וואַנט אונטער דער דאָזיגער גאַלעריע איז געווען דורכגעשניטען אַ ברייטע אַרקע, וואָס האָט געהייסען די טויערן פֿון פּאָמפּייוס; איבער דער אַרקע, אין אַ הויכֿער לאָזשע, רייך באַפּוצט מיט שטאַנדאַרטען און פֿאָנעס איז געזעסען דער קאָנסול אויף זיין אָרט אויבענאָן. אונטען, ביי ביידע זייטען אַרקע, איז די וואַנט צוטיילט געווען אין באַזונדערע שטאַלען, אַזוי גע-רופֿענע „קאַרצערעס“, וואָס זיינען געווען פֿאַרשלאָסען מיט מאַ־יווע

טויערן. איבער די דאָזיגע קאַרצערעס האָט זיך געצויגען אַ געזימס מיט אַ נידעריגע באַלוסטראַדע; הינטער איר האָבען זיך טרעפּלאַכווייז דערהויבען שורות פּלעצער, וואָס זיינען אַצינד אַלע געווען פאַרנומען פון אַ גרויסען עולם שררות, פאַרפּוצט אין טייערע מלבושים. די דאָזיגע וואַנט האָט זיך געצויגען איבער דער גאַנצער ברייט פון צירק און האָט זיך ביי ביידע זייטען פאַרענדיגט מיט טורימס, וואָס האָבען געדינט ניט בלויז אַלס צירונג, נייערט זיי האָבען אַגב אונטערגעהאַלטען דעם „וועלאַריום“ — אַ פּורפּורנע חופּה, וואָס איז געווען אַריבערגעצויגען איבער די זיץ־פּלעצער און האָט זיי באַשיצט פון דער זון, וואָס האָט אָנגעהויבען צו באַקען אַלץ הייסער און הייסער.

אַצינד זאָל דער לייענער זיך פאָרשטעלען, אַז ער זיצט אינ'ם קאָנסולס לאָזשע און קוקט צו מערב־זייט, וועט ער האָבען פאַר זיך דעם גאַנצען צירק, ווי גרויס ער איז.

צו דער רעכטער האַנט און צו דער לינקער געפינען זיך מעכטיגע טויערן, וואָס שליסען זיך אָן צו די עק טורעמס און בילדען די הויפּט־אַריינגאַנגען.

אונטען סאַמע פאַר דער לאָזשע ליגט די אַרענע, אַ גלאַטער גאַנץ גרויסער פּלאַץ, געדיכט באַשאָטען מיט דינעם ווייסען זאַמד. דאָ קומען פאָר אַלע פאָרשטעלונגען אויסער די יאָגענישען.

ווייטער צו מערב־זייט, הינטער דער ארענע שטייען אויף אַ מאַרמאָרנעם פּיעדעסטאַל דריי נידעריגע קאָנוספאָרמיגע רייך־פאַרצירטע זיילען פון גרויען שטיין, אַ סך אויגען וועלען היינטיגען טאָג זיין אָנגעשטעלט אויף די דאָזיגע זיילען, וואָרום זיי זיינען ס'ערשטע ציל פון די יאָגענישען און באַצייכענען דעם אָנהייב און דעם סוף פונ'ם וועג פאַר די ראַטוועגען. הינטער'ן פּיעדעסטאַל, איבערלאָזענדיג אַ אָרט פאַר א אלטאר און א דורכגאנג, הייבט זיך אָן אַ וואנט, פון צעהן ביז צוועלף פוס אין דער ברייט און פון פינף ביז זעקס פוס אין דער הויך; אין דער לייננ ציהט זי זיך פּינקט אויף אַ אָלימפּישע סטאַדיע אָדער אויף 200 יאַרד. אויפ'ן אַנטקעגענדיגען, מערב'דיגען עק וואנט שטייט נאָך א פּיעדעסטאל מיט דריי זיילען, וועלכע באצייכענען ס'צווייטע ציל פון די יאָגענישען.

דער יאָנג-און פֿאָר-טורניר הייבט זיך אָן רעכטס פֿונ׳ם ערשטען ציל, אזוי אז די וואנט קומט אויס די גאנצע צייט פֿון די יאָגענישען צו דער רעכטער האַנט פֿון די טורנירער. אַזוי אַרום געפֿינט זיך סיי דער אנהייב-פּונקט סיי דער סוף פּונקט פֿון די יאָגענישען אַקוראט פֿאר׳ן קאנסולס אויגען אין ביידע עקען ארענע, און זיין לאָזשע איז טאַקע דער בעסטער אָרט אין גאנצען צירק.

פֿון דרויסען איז די ארענע ארומגערינגעלט דורך א מאסיווער גלאטער וואַנט, פֿון פופצעהן ביז צוואנציג פֿוס הויך, מיט א באַלוסטראדע, אזוי ווי איבער די „קאַרצערס" אין דער מזרח-זייט. דורך דער וואַנט פֿירען דריי אַרויסגאַנגען, צוויי אין צפֿון-זייט און איינער אין מערב. דער מערב׳דיגער איז רייך פֿארפוצט און הייסט טריאומפֿאלער טויער ווייל דורך דאנען גייען נאָכ׳ן סוף פֿון טורניר די זיגער דורך, באקרוינט מיט לארבער-קרענץ און אינטערגעפֿירט מיט גרויס כבוד.

אין מערב-זייט צאַמט די וואַנט די אַרענע אַרום אין דער פֿאָרם פֿון אַ האַלבען עיגול, און איבער דעם ליגען צוויי גרויסע גאַלערייעס.

סאַמע הינטער דער באַלוסטראַדע דערהייבען זיך ביינק שטאַפּלענווייז, און די מאַסען מענשען אָהן אַ שיעור, אין זייערע פֿאַרשיידענע פֿילפֿאַרביגע מלבושים, וואָס וואַרטען מיט דער לעבעדיגסטער אומגעדולד אויפֿ׳ן אָנהייב פֿון די שפּילען, שטעלען פֿאָר אַ העכסט אינטערעסאַנט בילד.

דעם געמיינעם עולם זיינען אָנגעוויזען ערטער נאָר אויף דער מערבדיגער זייט, דאָרטען, וואו ס׳ענדיגט זיך ס׳וועלאַריום, וואָס האָט אַ פּנים באַדאַרפֿט שיצען פֿון זון נאָר די העכערע קלאַסען.

פּלוצלונג שאַלען די טראָמפּייטען דורך דעם גרויסען צירק — אַ סיגנאַל, אַז די פֿאָרשטעלונגען הייבען זיך אָן. דער פֿילטויזענט-קעפּיגער המון בלייבט שטיל, אָהן באַוועגונג, און וואַרט אין אומגעדולדיגען שווייגען.

פֿון יענער זייט פּאָמפּעיוסעס טויערן טראָגט זיך דער האַרמאָנישער קלאַנג פֿון מענשליכע שטימען און כלי-זמר, און ס׳קומט אַריין דער כאָר בראש פֿון דער פּייערליכער פּראָצעסיע. נאָכ׳ן כאָר גייען דער ממונה איבער די פּייערליכקייטען און די הויכע שררות

פון ז׳ע׳ שטאָט-פאַרוואַלטונג, וואָס האָבען זיך באַטייליגט ביים אַראַנזשירען די שפּילען; אַלע אין פּראַכטיגע מלבושים, באַפּוצט מיט גירלאַנדעס און קרענץ. דערנאָך די בילדער פון די געטער, אַ טייל אויף פּלאַטפאָרמעס טראָגען מענשען, אַ טייל ווערען געפירט אויף גרויסע, רייך-פאַרפּוצטע וועגענס אויף פיר רעדער. צום סוף קומען אַריין די וואָס באַטייליגען זיך אין טורניר, יעדערער אין דעם קאָסטיום, אין וועלכען ער וועט היינט לויפען, זיך ראַנגלען, קעמפען מיט׳ן פויסט אָדער יאָגען זיך אויפ׳ן רייטוואָגען.

פּאַמעליך גייט די פּראָצעסיע דורך די גאַנצע אַרענע. דאָס איז אַ הערליכער גרויסאַרטיגער ספּעקטאַקעל. הילכיגע אַפּלאָדיסמענטען און אויסרופען באַגלייטען די פּראָצעסיע און לויפען איר אויף צופריהער, אַזוי ווי אַ וואַסער, וואָס ברויזט אויף און צושוימט זיך פאַר אַ דורכפאָרענדיגער שיף. אויב די בילדער פון די געטער בלייבען קאַלט צו דעם באַגייסטערטען קבלת-פּנים, קאָן מען עס אָבער ניט זאָגען וועגען דעם ממונה און די שררות.

די טורנירער באַגעגענט מען מיט אַ באַזונדער התלהבות, וואָרום אין דעם גאַנצען קאָלאָסאַלען עולם איז דאָך ניטאָ קיין איינער, וועלכער זאָל זיך ניט האָבען געוואָטען כאָטש אויף וויפיל ניט איז פאַר וועמענס איז פון זיי. און באַלד איז צו באַמערקען, ווער פון די טורנירער ווערט אויסגעצייכענט אַלס ליבלינג פונ׳ם עולם. זיין נאָמען ווערט אויסגעשריען אָפטער און הילכיגער פון אַלע, און מ׳שיט אים אָפּ מיט גירלאַנדעס און קרענץ, אַראָפּוואַרפענדיג זיי פון די גאַלעריייעס ביז רחבה.

טאָמער איז נאָך ביז אַהער געווען אַ ספק, וואָס פאַר אַ שפּיל איז באַזונדערס באַליבט געווען ביים עולם, האָט זיך שוין באַלד אַרויסגעוויזען באַשיינפּערליך, אַז פּאָפּולערער פאַר אַלעמען זיינען געווען די וואָס באַטייליגען זיך אין די יאָגענישען אויף רייטוועגען, צו דער פּראַכט פון די וועגענס, צו דער זעלטענער שיינקייט פון די פערד איז נאָך צוגעקומען דער אינטערעס צו דעם אָנטרייבער גופא און האָט פאַרפול געמאַכט דעם רייץ פונ׳ם ספּעקטאַקעל. די קורצע טוניקעס, אָהן אַרבעל, פון דעם פיינסטען וואָלענעם שטאָף, וואָס זיי האָבען אַלע געטראָגען, האָבען געהאַט די

פֿאַרבֿ, וועלכע איז באַשטימט געווען פֿאַר יעדערן פֿון זיי. איטליכֿען אָנטרייבער האָט באַליים אַ רייטער; נאָר איין בן־חור האָט צוליבֿ עפּעס אַ סיבה — אפֿשר צוליבֿ אומצוטרוי — געהאַלטען פֿאַר גלייכער צו זיין אַליין. ער איז אויך דער איינציגער צווישען זיי, וואָס טראָגט ניט קיין העלם. אַז זיי דערנעהענטערן זיך, שטעלען די צוקוקער זיך אויף די בּיינק, און דער געפּילדער, ווערט וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער; אָפּטמאָל מישען זיך אַריין אין דעם רעש קווימשינע קולכלאַך פֿון ווייבער און קינדער. גאַנצע וואָלקענס רויזען פֿליהען אַראָפּ פֿון די גאַלערייעס און פֿילען אָן די וועגענס כמעט ביז די ברעגעס. אפֿילו די פֿערד קריגען זייער חלק אָוואַציעס, און ס'דאַכט זיך, אַז זיי זיינען ניט ווייניגער פֿון זייערע בעלי־הבתים שטאָלץ מיט'ן כּבוד, וואָס מ'גיט זיי אָפּ.

באַלד קאָן מען באַמערקען, אַז אויך צווישען די אָנטרייבער, פּונקט ווי צווישען די אַנדערע טורנירער, זיינען איינינע די אויסדערוויילטע ליבלינגס ביים עולם. ס'איז ניט געווען קיין איין מענש דאָ אין צירק, סיי צווישען די מאַנסביל, סיי צווישען די ווייבער און קינדער, וואָס זאָל ניט טראָגען אויף זיך אַ פֿאַרבּינגען צייכען, ס'רוב אַ שטיינגע, אויף דער ברוסט אָדער אין די האָר. דאָ איז זי אַ גרינע, דאָ אַ געלע אָדער גאָר אַ בלויע. אָבער אין די אויגען וואַרפֿט זיך, אַז ס'רוב צייכענס זיינען ווייסע אָדער פּורפּור־גאָלדענע.

היינטיגע צייטען, ביי אַזעלכע מיני פֿאַרזאַמלונגען, וואו מ'וועט זיך פ אַ ר אָדער ק ע ג ע ן די אַרויסטרעטענדיגע פֿערד, האָט מען ביי די געוועטען אין זינען נאָר די אייגענשאַפֿטען פֿון די פֿערד אָדער זייערע אויפֿטועך ביז אַהער. דאָ אָבער איז דער עיקר געווען די נאַציאָנאַליטעט פֿונ'ם אָנטרייבער.

אויבֿ דער בּיזאַנטינער און דער צידונער האָבען געפֿונען קנאַפּ וואָס אונטערשטיצונג, איז עס געוועזען דערפֿאַר, ווייל זייערע שטעט האָבען געהאַט צווישען דעם עולם לפי־ערך זעהר ווייניג פֿאַרשטייער. די גריכען, ווידער, וועלכע זיינען געווען אין אַ נישקשהדיגער צאָל, האָבען זיך אָבער צוטיילט אויף צוויי צדדים: דעם קאָרינטערס צד און דעם אַטענערס, און דעריבער האָט מען אויך גרין און געל געזעהן גאַנץ ווייניג. ניט קיין בעסערען מזל

וואָלט איך געהאַט מעסאַלעס פּאַרב — פּירפּור מיט גאָלד, ווען די איינוואוינער פון אַנטיאָכיע, וואָס זייער הניפישקייט איז געוואָרען אַ שפּריכוואָרט, וואָלטען ניט צונעשטאַנען צו די רוימער און ניט אויסגעקליבען פאַר זייער פאַרב פּירפּיר מיט גאָלד. אַ חוץ דעם זיינען נאָך געבליבען דאָרפכלייט — ס'רוב סיריער — די אידען און די אַראַבער. זיי האָבען פעסט געגלויבט אין דער אייבערמאַכט פונ'ם שייכס איידעלע פערד און האַסענדיג די רוימער תכלית-שנאה, האָבען זיי קיין שום זאַך אַזוי היים ניט געגאַרט. ווי צו דערלעבען די מפּלה אין די ביזיונות פונ'ם רוימישען פאַוואָריט. דעריבער האָבען זיי אויסגעקליבען די ווייסע פאַרב, און זייער צד איז געווען אפשר דער גרעסטער אין צאָל. בכל-אופן פילדערן האָט ער געפילדערט מער פון אַלע.

וואָס לייגנער די אָנטרייבער פון די רייטוועגען זיינען געפאָרען איבער דער אַרענע, אַלץ מער איז געוואַקסען די איפּרעגונג ביים צווייטען ציל, וואו ס'הערשט אויף די גאַלערייעס די ווייסע פאַרב, מישען זיך צונויף ס'לאַכען די געשרייען און די אַפּלאָדיסמענטען פונ'ם עולם אין אַ באמת פאַרטויבענדיגען געפילדער, ס'הערען זיך קולות:

— מעסאַלע! מעסאַלע!

— בן-חור! בן-חור!

אַז די פּראָצעסיע גייט פאַרביי, פאַרנעמט דער עולם ווידער די ערטער און פירען וויטער די איבערגעריסענע שמועסען.

— אַך, ווי מיר האָבען באַקוקסן אויף דער וועלט, אַז ער איז שיין ווי די זון! — האָט אויסגערופען אַ פרוי, וואָס די פּורפּור-גאָלדענע שטיינגעס, וועלכע האָבען געפלאַטערט אין אירע האָר, האָבען אַרויסגעגעבען אירע סימפּאַטיעס צו די רוימער.

— און ווי פּראַכטיג זיין רייטוואָגען איז! — מאַכט איר שכן, וואָס טראָגט די אייגענע פאַרב ווי זי — פּירפּור מיט גאָלד, — אינגאַנצען פון העלפאַנדביין און גאָלד. הלוואי זאָל אים יופּיטער שיקען אַ ניצחון!

די באַמערקונגען, וואָס הערען זיך פון די בענק הינטער זיין זיינען גאַנץ אַנדערע.

— הונדערט שקלים פאַר'ן אידען! — הילכט אַ שאַרפער קיל
— קאָך זיך ניט אַזוי — פּרובט אים אײַנהאַלטען זײַן מער איינגערעכענטער שכן — די קינדער פון ישׂראל זײַנען ניט אַזוי שטאַרק באַהאַוועט אין די עבודה־זרה'דיגע שטיק, וועלכע זײַנען אַ נבלה אין די אויגען פון גאָט, אונזער האַר.
— אמת, אָבער זאָג אַליין, האָסטו ווען געזעהן, אַ מענש זאָל זײַן אַזוי קאַלטבלוטיג אין זיכער אין זיך, ווי דער דאָזיגער בן־חור? הײַנט די הענט זײַנע!
— הײַנט די פערד! — מישט זיך אַרײַן אַ דריטער.
— און דערצו דערצײלט מען אַגב — גיט צו אַ פערטער — אַז ער קען אַלע רוימישע חכמות און שפּיצלאַך.
אַ פּרויענצימער מאַכט די שבחים פאַרפיל:
— הײַנט ווי שײן ער איז! נאָך שענער פאַר'ן רוימער!
אויפגעמונטערט דורך אַזעלכע ענטוזיאַסטישע באַמערקונגען, רופט דער ערשטער ווידער אויס:
— הונדערט שקלים פאַר דעם אידען!
— נאַר אײנער! — ענטפערט אים אָפּ אײנער פון די אַנטיאָכיער בירגער, וואָס זיצט אויף אײנער פון די פאָדערשטע בײַנק. — ציי דען ווײסטו ניט, אַז קענען אים האָט מען זיך שוין געוואָטען אויף אַ סומע פון פופציג טאַלאַנט, זעקס קענען אײנס פאַר מעסאַלען? טראָג זיך אָפּ מיט דײַנע שקלים, אַז ניט וועט דײַן אַברהם אויפשטײן תחית־המתים און וועט דיר געבען אַ כבוד.
— כאַ־כאַ־כאַ! זײַ ניט אַזוי האָפּערדיג, דו אַנטיאָכיער אײזעל! ציי דען ווײסטו ניט, אַז מעסאַלע אַליין האָט זיך עס געוואָטען פאַר ז י ך?
דאָס איז די תשובה.
אָט אַזוי אַמפּערן זיך די צדדים, יעדערער פאַר זײַן ליבלינג, און ערטערווײז דערהיצט מען זיך ביז צו מחלוקת'ן.
דערווײַלע איז די פּראָצעסיע אַרומגעגאַנגען דעם גאַנצען צירק און איז ענדליך פאַרשוואונדען הינטער די טויערן פון פּאָמפּיום. בן־חור האָט שוין געוואוסט אַצינד, אַז זײַן וואונש איז מקוים געוואָרען. דער גאַנצער מזרח וואַרט מיט דער גרעסטער שפּאַנונג אויף דעם אויסגאַנג פון זײַן קאַמף מיט מעסאַלען.

## קאַפּיטעל צוועלף.

### די יאַגענישען.

צו דרײַ אַ זײגער בײַטאָג — גערעכענט אויף אונזער צײַט — איז די גאַנצע פּראָגראַמע פון די שפּילען אויסגעפֿירט געוואָרען. ס'זײַנען בלויז געבליבען די יאָגענישען אויף רײַטוועגען. רעכענענדיג זיך מיט דער מידיגקײַט פונ'ם עולם, האָט דער ממונה איבער די שפּילען געמאַכט אין דער דאָזיגער שעה אַ הפסקה. די גרויסע טויערן — זײ האָבען געהײסען Vomitoria — האָבען זיך געעפֿענט, און כמעט אַלע זײַנען אַרויס צו דערקוויקען זיך מיט אַ ביס אָדער אַ טרונק אונטער דער קאָלאָנאַדע פֿאַר דעם צירק, וואו ס'האָבען זיך געפֿונען די בופֿעטען. די איבערגעבליבענע האָבען געפּלוידערט, געגענעצט, געטריבען רכילות, אָדער ווידער געכאַפּט אַ קיק אין זײערע שרײַב־טאָוועלאַך און זיך אויסגעמישט צווישען זיך, אינגאַנצען פֿאַרגעסענדיג אויפ'ן יחוס. איצט זײַנען דאָ געווען נאָר צוויי קלאַסען: גליקלאַכע געווינער און פֿאַרצאָגטע מרה־שחורדיגע פֿאַרשפּילער.

אין דער צײַט פון דער הפסקה איז צוגעקומען נאָך אַ דריטער קלאַס צושויער: די אַנטיאָכיער בירגער, וואָס האָבען געוואָלט זעהן נאָר די יאָגענישען אויף רײַטוועגען און האָבען געהאַפֿט, אַז בשעת דער הפסקה וועלען זײ קאָנען פֿאַרנעמען זײערע פון פרײַהער באַוואָרענטע פּלעצער אומבאַמערקט און אומגעשטערהײַט. צווישען זײ איז אויך געווען סימאָנידעס מיט זײַנע ידידים. זײערע

ערטער האָבן זיך געפֿונען אין דער צפֿונ'דיגער זייט לעבן דעם הויפּט-אַרײַנגאַנג, אַנטקעגן דעם קאָנסול.

דער אָנקום פֿונ'ם סוחר, וואָס פֿיר געזונטע דינער האָבן אים אַרײַנגעטראָגן אין זיין לענשטול, האָט גלײַך אויפֿגעוועקט דעם עולמס נײַגירינקייט. אימיצער האָט אָנגערופֿן זיין נאָמען, אַנדערע האָבן אים אויפֿגעכאַפּט און איבערגעענטפֿערט ווײַטער איבער די בײַנק ביז צו דער מערבֿדיגער זייט. מענשען האָבן זיך געכאַפּט שטעלען אויף די בײַנק, כּדי בעסער אָנצוקוקן דעם מאַן, וואָס וועגן זיין גרויס עשירות און טרויעריגען גורל זײַנען אַרומגענאַנגען אַזעלכע אויסטערלישע מעשׂיות.

אויך אילדערימען האָט מען דערקאָנט און באַגריסט מיט פֿרייד. נאָר בלשאצר'ן מיט די צוויי געדיכטע פֿאַרשלייערטע פֿרויענצימערס, וואָס זײַנען געקומען מיט אים, האָט קיינער ניט געקאָנט.

דער עולם האָט מיט יראת-הכּבֿוד געמאַכט פֿאַר זיי אַ וואַרע, און די טיר-שומרים האָבן זיי אָנגעוויזן די ערטער ווייערע סאַמע בײַ דער באַלוסטראַדע, אַזוי אַז די אַרענע האָבן זיי גוט געקאָנט זעהן. צוליב גרעסערער באַקוועמליכקייט זײַנען זייערע ערטער געווען אויסגעבעט מיט קישענס און פֿאַר זיי זײַנען געשטאַנען פֿוס-בײַנקעלאַך.

די פֿאַרשלייערטע פֿרויען זײַנען געווען איראַס און אסתּר.

אָוועקגעזעצט זיך, האָט אסתּר געוואָרפֿן אַ דערשראָקענעם בליק איבערן צירק און האָט נאָך פֿעסטער אײַנגעצויגן דעם שלייער אַרום איר פּנים; פֿאַרקערט-זשע, די מצרית, האָט איב אַראָפּגעלאָזט אויף די פּלייצעס און האָט אַנטפּלעקט איר געזיכט פֿאַר אַלעמען, כּלומרשט גאָרנישט באַמערקענדיג, אַז אַלע בליקען זײַנען אָנגעשטעלט אויף איר.

אָקאָרשט אָנגעקומען, האָבן זיי נאָך קיין צייט ניט געהאַט צו באַטראַכטען דעם גרויסאַרטיגען בילד, וואָס איז געלעגען פֿאַר זייערע אויגען, אָנגעהויבן פֿונ'ם קאָנסול מיט זיין גלענצענדניער סוויטע, ערשט אויף דער אַרענע זײַנען אַרויף עטליכע דינער פֿון צירק און האָבן איבערגעצויגען אַ קאַנאַט, וואָס איז געווען

באַשמירט מיט קרייד, פֿון איין גאַלעריע צו דער אַנדערער קווער איבער דער אַרענע.

גלייך נאָך דעם זיינען דורך די טויערן פֿון פּאָמפּייוס אַריינגעקומען זעקס מענשען אין יעדערער פֿון זיי האָט זיך אַוועקגעשטעלט פֿאַר איינעם פֿון די „קאַרצערעס". ביי זייער אַריינקומען האָט זיך איבערן גאַנצען צירק דורכגעטראָגען אַ געמיש פֿון שטימען, צווישען וועלכע ס'האָבען זיך געהערט באַזונדערע העברעע אויסגעשרייען:

— זעה, זעה! דער גרינער גייט צו נומער פֿיר אין דער רעכטער האַנט. דאָרטען איז דער אַטענער.

אין דער נייט צו מעסאַלען, אין נומער צוויי.

— דער קאָרינטער...

— גיב אַ קוק אויפֿ'ן ווייסען! ער גייט אַריבער אויף דער אַנדער זייט... ער שטעלט זיך אָפּ... ביי נומער איינס... נומער איינס איז צו דער לינקער האַנט.

— ניין, דאָס איז דער פּלאַץ פֿונ'ם שוואַרצען, וואָס האָט נומער צוויי.

— יע, אמת.

די טיר־היטער, וואָס זיי האָט מען עס געמיינט מיט די דאָזיגע באַמערקונגען, זיינען געווען אָנגעטאָן אין טוניקעס פֿון די פֿאַרבען פֿון די טורנירער. און בשעת זיי האָבען פֿאַרנומען זייערע ערטער ביי די טויערן, האָט יעדערער געקאָנט זעהן, אין וועלכען שטאַל ס'געפֿינט זיך זיין פֿאַוואָריט און וואַרט אויפֿ'ן סיגנאַל, אַז די יאָגענישען הייבען זיך אָן.

— האָסטו אַמאָל געזעהן מעסאַלען? — האָט די מיצרית געפֿרעגט אסתּרן.

— ניין — האָט יענער געענטפֿערט, און אַ שוידער איז איר אַריבער איבערן לייב. זי האָט געוואוסט, אַז דער רוימער איז בן־חורס דם־שונא.

— ער איז שיין ווי אַפּאָלאָן — האָט איראַס געזאָגט, פֿאָכענדיג מיט'ן ווייער, וואָס איז געווען באַזעצט מיט אבנים־טובות. אירע אויגען האָבען געפֿינקעלט.

אסתּר האָט אַ קוק געטאָן אויף איר און האָט געפֿרעגט בײַ זיך אין האַרצען: „איז ער דען טאַקע שענער פֿון בן-חורן?“

אין אַ רגע אַרום האָט זי דערהערט, ווי אילדערים האָט געזאָגט צו איר טאַטען: „יע, ער איז אין נומער צוויי, צו דער לינקער האַנט פֿון פּאָמפּיוסעס טויערן“. אָנגעשטויסען זיך, אַז דאָס מיינט בן-חור'ן, האָט זי געווענדט אירע אויגען אַהינצו. נאָך אַ קורצען בליק האָט זי געוואָרפֿען אויפֿ'ן פֿאַרמאַכטען טויער, און אַראָפּציהענדיג נאָך מערער דעם שלייער איבער פּנים האָט זי גענומען זאָגען אין דער שטיל אַ תּפֿילה.

דאָ איז צו זיי צוגעגאַנגען סנבלט.

— איך גיי אָקאָרשט פֿון דעם שטאַל, איידעלער שייך, האָט ער געזאָגט, פֿאַרנייגענדיג זיך בכּבוד'יג פֿאַר אילדערימען, וועלבער האָט געצופּט זיך די באָרד, און אַיינגעשפּיזט זיינע פֿרעגענדיגע אויגען אויפֿ'ן ריידער — די פֿערד זיינען אין בעסטען צושטאַנד.

— טאָמער איז זיי באַשערט צו האָבען אַ מפּלה, וואָלט איך נאָר בעטען גאָט, אַז ניט פֿון מעסאַלען — האָט דער אַראַבער פּשוט געזאָגט.

סנבלט האָט אַרויסגענומען אַ שרייב-טאָוועלע און האָט זיך אָפּגערופֿען צו סימאָנידעסן:

— אויך פֿאַר דיר האָב איך געבראַכט אַ אינטערעסאַנטס. איך האָב דיר דאָך שוין דערציילט, וועגען מיין נעכטיגען געוועט מיט מעסאַלען און וועגען דעם, אַז איך האָב איבערגעלאָזט אין פּאַלאַץ בײַ די רוימער אַ פֿאָרשלאָג וועגען אַ צווייטען געוועט, מיט דעם תּנאַי, אַז זיי זאָלען מיר אים היינט ביז די יאָגענישען צושיקען אַ גע'חתמעטען. איז אָט האָבען זיי עס מיר צוגעשיקט.

סימאָנידעס האָט גענומען דאָס טאָוועלע און אויפֿמערקזאַם איבערגעלייענט דעם אָפּמאַך.

— יע, האָט ער געזאָגט, אַ שליח איז געקומען צו מיר אָנפֿרעגען, צי דו האָסט בײַ מיר ליגען אַזויפֿיל געלט. זעה באַהאַלט דעם טאָוועלע. טאָמער פֿאַרשפּילסטו, וועסטו שוין וויסען, צו ווענען זיך צו ווענדען; טאָמער אָבער געווינסטו — אַ בייזער אויס-

דרוק האָט זיך באַוויזען אויף זיין פּנים—טאָמער אָבער געווינסטו, דאַן, מיין פֿריינד, גיב אַכטונג, אַז די נע׳חתמ׳עטע זאָלען זיך ניט אַרויסדרייען פון דיינע הענט; האַלט זיך פעסט, ביז׳ן לעצטען שקל מוזען זיי דיר באַצאָלען. זיי וואָלטען מיט אונז אויך בעסער ניט געווען.

—מאָגסט זיך פֿאַרלאָזען אויף מיר—האָט סנבלט געענטפֿערט.

— אפשר וועסטו זיך צוזעצען מיט אונז? — האָט סימאָנידעס אים פאָרגעלייגט.

— אַ דאַנק — האָט יענער זיך אָפּגערופֿען — אָבער איך מוז גיין אין קאָנסולס לאָזשע, אַניט וועט ס׳רוימישע יונגוואַרג ווערען צו האָפּערדיג. פריד צו דיר, פריד צו אַייך אַלעמען!

ענדליך האָט זיך די הפסקה געענדיגט.

אַ שאַל פון טראָמפּייטען האָט אַריינגערופען דעם עולם פון דרויסען צוריק אויף זייערע ערטער. גלייך זיינען אויף דער אַרענע ווידער אַרויף עטליכע דינער, אַרויפֿגעקלעטערט אויפ׳ן באַריער, וואָס האָט פונאַנדערגעטיילט די אַרענע, און האָבען אַוועקגעשטעלט דאָרטען אינ׳ם מערב׳דיגען עק לעבען דעם צווייטען ציל זיבען הילצערנע קוילען. דערנאָך זיינען זיי אַריבער אויפ׳ן מזרח׳דיגען עק, צום ערשטען ציל, און אַוועקגעשטעלט דאָרטען זיבען דעל-פינען, וואָס זיינען געווען געשניצט פון האָלץ.

— וואָס באַטייטען די קוילען און די פֿיש? — האָט בלשאצר געפרעגט ביים שייך.

— ביסט דען קיינמאָל ניט געווען אויף יאָגענישען?

— אין לעבען ניט. און איך ווייס אויך ניט, ווי קום איך אַהער היינט...

— יענע צייכענס זיינען צום ציילען. נאָך יעדען טור וועט מען אַראָפּנעמען איין קויל און איין פֿיש.

די לעצטע הכנות זיינען געווען אָפּגעפּטרט. לעבען דעם ממונה איבער די שפּילען האָט זיך באַוויזען אַ טראָמפּייטער אין פּראַכטי-גע מלבושים, גרייט אויפ׳ן ערשטען וואונק צו געבען דעם סיג-נאַל, אַז די יאָגענישען הייבען זיך אָן. דער רעש האָט פאַרשטומט. דער עולם איז געוואָרען שטיל און געוואַרט מיט גרויס שפּאַנונג.

איטליענעס פּנים האָט זיך אַ קער געטאָן צו מזרח-זייט. אַלעמענס אויגען זיינען פול ערוואַרטונג געווען צוגעשמידט צו די טויערן פון די זעקס קאַרצערעס, הינטער וועלכע ס'האָבן זיך געפונען די טורנירער.

די ניט-געוויינטלאַכע גערויטעלטקייט אויף סימאָנידעסעס פּנים האָט עדות געזאָגט, אַז אפילו אים האָט באַהערשט די אַלגעמיינע אויפרעגונג. אילדערים האָט ווי זיין שטייגער איז, נערוויאיש און אומרוהיג געשויבערט זיך די באָרד

— גיב אַכטונג, ווען דער רוימער וועט אַרויסגיין — האָט די שיינע מיצרית איינגערוימט אסתר'ן. יענע אָבער האָט ניט געהערט געדיכט פאַרשלייערט, האָט זי מיט אַ האַרץ-קלאַפּעניש געוואַרט אויף בן-חורס אַרויסקומען.

די קאַרצערעס זיינען געווען געבויט איינס לעבען אַנדערן אויף אַזאַ אופן, אַז יעדערער פון זיי איז אויסגעקומען אויף אַ גלייכען מהלך פון דער אָפּפאָר-ליניע, וועלכע איז באַצייכענט געווען דורך דעם איבערגעצויגענעם שטריק.

קורץ און שאַרף האָט ווידער אַ שאַל געטאָן די טראָמפּייט — און הינטער די זיילען פונ'ם ערשטען ציל האָבן זיך געשטעלט די זעקס אויפזעהער, פאַר יעדען וואָגען איינער. גרייט צו קומען צו הילף, טאָמער פאַרעקשנט זיך אַ פערד.

צום דריטען מאָל האָט אַ שאַל געטאָן די טראָמפּייט — און די טויערן פון די קאַרצערעס האָבן זיך פונאַנדערגעעפענט.

צוערשט האָבן זיך באַוויזען רייטענדיג די באַהעלפער פון די אָנטרייבער, — פינף מאַן; ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, האָט בן-חור זיך אָפּגעזאָגט פון אַזאַ מין באַהעלפער. דער קאַנאַט, מיט קרייט באַשמירט, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט, כדי זיי אַדורכצולאָזען, און האָט זיך גלייך ווידער אויפגעהויבען. די רייטער זיינען געווען אין פּראַכטיגע קאָסטיומען און אויף גרויסאַרטיגע פערד. פונדעסטווע-נען האָט קיינער זיך גאָרניט אומגעקוקט אויף זיי, אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט איז געווען געווענדט אויף די קאַרצערעס. פון דאָרטען האָט זיך דערטראָגען אַ געמיש פון אויפגערעגטע שטימען און דער אומרוהיגער טופּען פון די פערד. קיינער האָט אפילו אויף

אַ רגע ניט געקאָנט אָפּרייסען די בליקען פֿון די געעפענטע אַריינ־גאַנגען.

ווי נאָר דער קאַנאַט איז ווידער שטייף געוואָרען אָנגעצויגען האָבען די טיר־שומרים אויסגערופֿען די נעמען פֿון די אָנטרייבער. די אויפזועהער אויף די גאַלערייעס האָבען גענומען פאָכען מיט די הענט און געשריען מיט אַלע כּיחות: לאָזט אַראָפּ! לאָזט אַראָפּ!

אָבער קיינער האָט זיי ניט געהערט. אַזוי ווי די גראַנאַטען פֿון די האַרמאַטען־רערען, זיינען פֿון די קאַרצערעס אַרויסגעפלויגען אַלע זעקס פיר געשפאַנען, און דער גאַנצער אומגעהייערער אָנ־געעלעקטריזירטער המון איז אויפגעשפּרונגען ווי איין מענש, זיך געשטעלט אויף די ביינק. געשרייען פֿון התפּעלות אָהן אַ סוף און אָהן אַ ברעג האָבען פאַרהילכט דעם צירק. אָט איז ער, דער מאָ־מענט, אויף וועלכען זיי האָבען אַזוי לאַנג געדולדיג געוואַרט! דער מאָמענט, וועלכער איז געוועזען דער צענטער פון זייער אינ־טערעס און פֿון אַלע זייערע מחשבות זינט מ׳האָט געמאָלדען ווע־גען דעם היינטיגען טורניר.

— אָט איז ער! אָט איז ער! גיב אַ קוק! — האָט איראַס אויס־געשריען, אָנווייזענדיג אויף מעסאַלען.

— איך זעה אים — האָט אסתּר געענטפערט, קוקענדיג אויף בן־חור׳ן.

איר שלייער האָט זיך אַראָפּגענליטשט. אויף אַ רגע איז אפילו די קליינע אידישקע געוואָרען דרייסט.

די טורנירער אויף די רייטוועגען האָט מען געזעהען אַצונד כּמעט פֿון אַלע ערטער; אָבער דער טורניר האָט זיך נאָך ניט אָנגעהויבען; אַפריהער האָבען זיי נאָך געדאַרפט אַריבערקומען דעם קאַנאַט.

דעם דאָזיגען קאַנאַט פֿלעגט מען אַריבערציהען צוליב דעם, אַז די אַלע טורנירער זאָלען אָנהייבען די יאָגענישען אַלע פאַר אַמאָל פון איין ליניע. דער אָנטרייבער האָט געדאַרפט זעהן אָנצוקומען צום שטריק אין דעם מאָמענט, ווען מ׳פלעגט אים אַראָפּלאָזען. ווארים אַ לאָז טאָן די פערד צו האַסטיג — האָט מען געקאָנט אָדער אַליין געניזיקט ווערען אָדער די פערד צושעדיגען. פאַר־

קערט-זשע, דערנעהענטערן זיך צום קאָנאַט צו פּאַמעלאַך, וואָלט הייסען גלייך פון אָנהייב אָן לאָזען זיך אַריבעריאָגען דורך. אַנדערע דערהויפּט אָבער האָט מען געקאָנט אָנווערען די גרויסע מעלה, צו וועלכער אַלע האָבען געשטרעבט: צו פאַרנעמען דער ערשטער אַ אָרט ביי דער וואַנט, וואָס האָט פינאַנדערגעטיילט דעם היפּאָדראָם.

די דאָזיגע אַלע סכנות און מניעות מיט זייערע פּועל-יוצא'ס זיינען געווען דעם עולם נוט באַקאַנט. און אויב ס'איז ריכטיג די מיינונג פונ'ם אַלטען נעסטאָר, וועלכע ער האָט אַרויסגעזאָגט זיין זון, איבערגעבענדיג אים די לייצעס, אַז:

נים קראַפט געווינט דעם פּריז, נאָר בלויז די קונסט;

ניט אימפּעט זיגט, וואו גייסט און חכמה איז, —

דאַן קאָן מען פאַרשטיין, ווי גרויס ס'איז געווען די שפּאַנונג, מיט וועלכער דער עולם האָט אָהן אַ אָטעם געוואַרט אויפ'ן דאָזיגען ערשטען עקזאַמען פון די טורנירערס בריהשקייט, וואָס פון זיין אויסגאַנג וואָלטען זיי שוין געקאָנט דרינגען, ווער ס'וועט מנצח זיין.

די אַרענע האָט זיך געבאָדען אין זונען-שיין, אָבער די אָנטרייבער האָבען געזעהן פאַר זיך נאָר דעם קאַנאַט און די אינעווייניגסטע וואַנט. אַלע זעקס פירגעשפּאַנען האָבען זיך ווי אַ שטורים געטראָגען צו איין פונקט, און אַ צוזאַמענשטויס האָט זיך געדראָלט — איז אומפאַרמיידליך. און ניט נאָר דאָס. וואָס וועט זיין, אויב דער ממונה איבער די שפּילען וועט אינ'ם ריכטיגען מאָמענט ניט געבען דעם סיגנאַל אַראָפּצולאָזען דעם קאַנאַט?

דער מהלך ביז'ן קאַנאַט איז געווען ערך דריטהאַלבען הונדערט פוס. וואָס פאַר אַ שאַרף אויג, וואָס פאַר אַ זיכערע האַנט, וואָס פאַר אַ רוהיגע אייזנערנעקייט האָבען זיך דאָ געפאָדערט! איין קוק אָן אַ זייט, איין רגע פאַרטראַכטען זיך, איין ציטער פון די לייצעס — און אַלצדינג איז פאַרלאָרען! היינט ווי גרויס איז געווען דער יצר-הרע אַ קוק צו טאָן כאָטש איינמאָל אויף די טויזענטער קעפּ דאָרטען אויף די גאַלעריעס! ווי האָט מען זיך עס געקאָנט ניט איינהאַלטען אויפצוהייבען די אויגען אַרויפצו צו,

טרעפען אַ פריינדליכען בליק, אַ ליבען שמייכעל אויף אַ געטרייען פנים?

אונזער היינטיגער ספּאָרט קאָן אונז אַפּילו קיין השנה ניט געבען וועגען דעם ספּעקטאַקעל, וואָס ס'האָבען פאָרגעשטעלט די ראָזיגע זעקס רייטוועגען, וואָס האָבען זיך געטראָגען איבער דער אַרענע פונ'ם פאַרצייטינגען צירק. די גרויע גראַניטענע ווענט פינקלען אויף דער זון; איבער דעם פלאַכען פּלאַץ יאָגען זיך די רייטוועגען, גרינגע, שיינע, רייך באַפּוצט מיט אַלערליי פאַרצירונגען אין שניצערייען — און מעטאַלעס וואָגען באַדעקט מיט העלפאַנד־ביין און גאָלד. די אָנטרייבער, שטייענדיג גלייך אַזוי ווי סטאַטועס ניט אַ ציטער טוענדיג אַפּילו פון די באַוועגונגען פון זייערע רייטוועגען, מיט נאַקעטע איברים, וואָס גלאַנצען מיט געזונטער פרישקייט; אין דער רעכטער האַנט די בייטש, וואָס דער געדאַנק נאָר וועגען איר איז שוין אַ גרויסער פּיין, אין דער לינקער — הויך אויפגעהויבען און שטייף אָנגעצויגען די לייצעס, וואָס גייען פון די עקען דישעל. די פערד פון דער העכסטער שיינקייט און גיכקייט טראָגען זיך אין פולען גאַלאָפּ, און ס'דאַכט זיך, אַז ניט ווייניגער פון זייערע אָנטרייבער, פאַרשטייען זיי, וואָס מ'ערוואַרט פון זיי און וואָס מ'גאַרט. זיי פאַרוואַרפען שטאָלץ די קעפּ, בלאָזען די ראָזיגע נאָזלעכער, און די קאָפּיטעס זייערע באַרירען דעם זאַמד אַזוי גרינג, אַז זיי לאָזען כמעט ניט איבער קיין סימן אין אים, אָבער ווי צאַרט זיי זיינען ניט, איז זייער אימפּעט גרויס ווי אַ האַמער־קלאַפּ; יעדער מוסקעל פון די בייגעווידיגע באַוועגליכע איברים שפּריצט מיט לעבען און קראַפט, און מ'פאַרשטייט גלייך, פאַרוואָס די מענשען נעמען דעם כח פון פערד פאַר אַ מאָס פון די גרויסע קראַפט־אָנשטרענגונגען. וואָס דייטליכער מ'וועט זיך אויסמאָלען ס'דאָזיג בילד, אַלץ לעבעדיגער וועט מען זיך קאָנען פאָרשטעלען די באַפרידיגונג און דעם גרויסען תענוג פון די, וואָס פאַר זיי איז דאָס געוועזען אַ לעבעדיגע געשעהעניש און ניט בלויז אַ בילד פון דער פאַנטאַזיע.

אַלע טורנירער האָבען זיך אַ לאָז געטאָן אויפ'ן קירצסטען וועג צום אָרט לעבען דער וואַנט; מאַכען שיהיות און פאַרלירען דעם

דאָזיגען אָרט וואָלט הייסען זיך אָפּזאָגען פֿון טורניר; און וועמען וואָלט זיך עס געוואָלט? בכלל ליגט ניט אינ׳ם מענשענס טבע צו לאָזען אַ אַרבעט אין מיטען וועג; אגב האָבען אויך געווירקט די אויפמונטערנדיגע אויסרופען פונ׳ם עולם, וועלכע האָבען אַלעמען גלייך צוגעגעבען חשק און היץ.

גלייכצייטיג האָבען די זעקס פירגעשפּאַנען זיך דערנעהענטערט צום קאַנאַט. דער טראָמפּייטער, וואָס איז געשטאַנען לעבען דעם ממונה, האָט געגעבען אַ סיגנאַל אַראָפּצולאָזען די שטריק; אָבער פֿאַר צוואַנציג טריט האָט מען דעם סיגנאַל ניט געהערט. צום גליק האָבען די אויפזועהער אַליין זיך אָנגעשטויסען אַראָפּצולאָזען, און דער קאַנאַט איז געפֿאַלען אין סאַמע לעצטען מאָמענט; נאָך אַ רגע וואָלט שוין זיין צו שפּעט — איינער פֿון מעסאַלעס פֿערד האָט אים שוין מיט זיין קאָפּיטע באַרירט. ניט פֿאַרלירענדיג זיך אַפילו אַ האָר, האָט דער רוימער אַ פֿאָך געטאָן מיט זיין לאַנגער בייטש, אָפּגעלאָזט עטוואָס די לייצעס, זיך אַריבערגעבויגען פאָראויס און מיט אַ ניצחון־אויסגעשריי דער ערשטער פאַרנומען דעם פיל־געגאַרטען אָרט ביי דער וואַנט.

— יופּיטער איז מיט אונז! יופּיטער איז מיט אונז! האָט געהילכט דער גאַנצער צד רוימער, אויסער זיך פֿאַר שמחה.

פֿאַרקערעווענדיג זיך אָבער צו דער וואַנט, האָט מעסאַלע מיט דעם בראָנזענעם לייב, וואָס האָט באַפּוצט די אַקס פון זיין רייטוואָגען, פֿאַרטשעפּעט דעם פאָדערשטען פוס פֿונ׳ם אַטענערס אַ פערד, וועלכער האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָן אָן אַ זייט צו זיין חבר. ביידע פערד האָבען זיך אויפגעשטעלט אויף די פֿאָדערשטע פיס און זיינען געבליבען הינטערווילעכס. טויזענטער מענשען האָבען פֿאַרהאַלטען דעם אָטעם און מיט אימה געקוקט אַראָפּצו; פלוצלונג איז געוואָרען אַ טיפע שטילקייט. נאָר אויבען לעבען קאָנסול האָבען זיך געהערט אויסגעשרייען.

— יופּיטער איז מיט אונז! — האָט זיך דרוזוס געקאָכט.

— ער איז מנצח! ער איז מנצח! — האָבען אים אונטערגעהאָלפען זיינע חבירים, זעהענדיג, ווי מעסאַלע טראָגט זיך שוין אויף צופריהער פֿון אַלעמען.

סנבלט, מיט׳ן שרייב-טאָוועלע אין דער האַנט, האָט געוואָלט זיי עפּעס זאָגען, אָבער ער האָט נאָך ניט באַוויזען צו עפענען ס׳מויל, ערשט אונטען פון היפּאָדראָם האָט זיך דערטראָגען אַ קראַך, און אַלעמענס בליקען האָבען זיך געווענדט אַראָפּצו.

נאָכדעם ווי מעסאַלע האָט אַלעמען איבערגעיאָגט, האָט דער אַטענער געהאַט נאָר איין קאָנקורענט — דעם קאָרינטער צו דער רעכטער האַנט, האָט ער אין דער זייט געוואָלט אַ קערעווע טאָן זיין צושעדיגטען פירגעשפּאַן. אָבער דער שלימזל האָט אים פאַר-פאָלגט: די ראָד פון דעם ביזאַנטינער — זיין שכן פון לינקס — האָט דערלאַנגט אַ זעץ דעם הינטערשטען טייל פון זיין וואָגען און צובראָכען דאָס געשטעל, אזוי אַז דער אָנטרייבער אַליין האָט געטאָן אַ פליה אַרויס. ס׳האָט זיך דערהערט אַ קראַך, אַ געשריי פון רציחה און אימה — און דער אומגליקליכער עלעאַנטעס איז געלעגען אונטער די קאָפּיטעס פון זיינע אייגענע פערד. אויס מענש האָט אסתר פאַרשטעלט די אויגען, ניט צו זעהן דאָס שויי-דערליכע בילד.

און ווייטער איז געפלויגען דער קאָרינטער, ווייטער דער ביזאַנ-טינער, ווייטער דער צידוני.

סנבלט האָט אַ קוק געטאָן, וואו האַלט ערגעץ בן-חור, און האָט זיך ווידער געווענדט צו דרוזוס׳ן און זיין חברה:

— הונדערט סעסטערציעס פאַר דעם אידען! — האָט ער אויסגערופען.

— אָנגענומען! — האָט דרוזוס געענטפערט.

— נאָך אַ מאָל הונדערט סעסטערציעס פאַר דעם אידען! — האָט סנבלט געשריען.

קיינער אָבער האָט אים שוין. דאַכט זיך ניט געהערט. ער האָט איבערגעחזרט זיין פאָרשלאָג, אָבער דאָס, וואָס איז געשעהן אונטען איפּ׳ן היפּאָדראָם, איז געווען צו שפּאַנענדיג, און אַגב האָבען די רוימער פאַרהילכט אים מיט זייערע באַגייסטערטע ניצחון-קולות:

— מעסאַלע! מעסאַלע! יופּיטער איז מיט אונז!

אַז אסתר האָט ווידער זיך דערוועגט אַפּערצובליקען פון אונ-

טערן שלייער, האָט זי דערזעהן, ווי עטלאַכע אַרבעטער זיינען פֿאַרנומען מיט אַרויספירען דעם אַטענערס פערד און דעם צובראָכענעם וואָגען. אַנדערע האָבען אַוועקגעטראָגען זייער אומגליקליכע אָנטרייבער. אַלע דערבייגעוועזענע גריכען האָבען געשאָלטען מיט טויטע קללות און געדראָהט מיט נקמה. פּלוצלונג האָבען זיך ביי אסתר'ן די הענט אַראָפּגעלאָזען... בן־חור, פֿריש און געזונט, האָט זיך געיאָגט זייט־ביי־זייט מיט דעם רוימער. הינטער זיי זיינען נאָכגעפאָרען אין איין שורה דער צידוני, דער קאָרינטער און דער ביזאַנטינער.

די יאָגענישען זיינען געווען אין רעכטען ברען. פֿאַר די טורנירער איז געבליבען בלויז איינאונאיינציגע מחשבה: די האָפענונג אויף דעם ניצחון. אָהן אַן אָטעם האָבען צעהנדליגער טויזענטער אַראָפּגעקוקט אויף זיי.

## קאַפּיטעל דרײצעהן.

דער טורניר איז געענדיגט.

בײם אָנהײב געראַנגעל פֿאַר די ערטער בײ דער װאַנט איז בן־חור, װי מיר האָבען געזעהן, געװען דער סאַמע לינקער. אויף אײן רגע איז ער, אַזױ װי זײנע קאָנקורענטען, פֿאַרבלענדט געװאָרען פֿון דעם שאַרפֿען שײן אויף דער אַרענע; פֿונדעסטװעגען האָט זיך אים געלײך אײנגעגעבען צו כאַפּען אַ קוק אויף זײנע קעגנער און טרעפֿען זײערע כּװנות. ער האָט געװאָרפֿען אַ שאַרפֿען בליק אויף מעסאַלען, װעלכער איז פֿאַר אים געװען אַ סך מער װי אַ קעגנער אין טורניר. דער שטענדיגער אויסדרוק פֿון קאַלטער גאװה איז אויך איצט געלעגען אויפ׳ן שײנעם פּנים פֿונ׳ם פּאַטריציער און די עכט־רוימישע שײנקײט פֿון זײנע אבֿרים איז נאָך געהעכערט געװאָרען צוליב דעם העלם װאָס ער האָט געטראָגען אויפ׳ן קאָפּ. צי דאָס איז געװען בן־חור׳ס היציגער כּח־הדמיון אָדער דער שאָטען פֿונ׳ם קופּערנעם העלם האָט עס אין דער רגע צוגעגעבען אַזאַ אויסדרוק מעסאַלעס פּנים, — נאָר דעם אידען האָט אויסגעװיזען, אַז אַזױ װי דורך אַ גלאָז זעהט ער איצט די נשמה פֿונ׳ם רוימער: אַ גרױזאַמע, אַ בײזע, אַ הפקרותדיגע, אַ קאַלטבלוטיגע און אַ ניט־בײגעװדיגע — אַ נשמה, און װעלכער ס׳האָט איצט געלעבט נאָר אַ אײזערנע אַנטשלאָסענקײט און בלוטדאָרשטיגען װאַכזאַמקײט.

איין קוק אויף מעסאַלען איז געווען גענוג, אַז אויך אין בן־חורן זאָל זיך צופּלאַקערן פּונקט אַזאַ אייזערנע פעסטקייט און אַנטשלאָסענקייט. ס׳מאָג אים קאָסטען וואָס עס וויל — ער מוז אָט דעם שונא מכניע זיין, ווען ער זאָל אפילו צוליב דעם דאַרפן ריזיקירען מיט׳ן לעבן. טריאומפען, שבחים פון פריינד, געוועטען, כבוד און רום — אַלצדינג, וואָס איז תמיד דער הויפּט־אינטערעס אין טורניר, איז ביי אים בטול געוואָרען אַנטקעגען דער דאָזיגען אייזענפעסטען רצון. אפילו די מורא פאַר זיין אייגענעם לעבן וואָלט אים ניט געקאָנט אָפּהאַלטען. פונדעסטוועגן האָט ער ניט געפילט קיין ליידענשאַפטליכע אויפרעגונג, קיין משוגענערוויזע צוהיצטקייט פון די געבליטען, קיין חשק צו פאַרלאָזען זיך בלינד אויף זיין מזל. פּונקט פאַרקערט: ער האָט געהאַט אַ פּלאַן, אין וועלכען אלצדינג איז געווען פאָראויסגערעכענט און פאָראויסגעזעהן. בויענדיג אויף זיין געניטשאַפט און בריהשקייט, איז ער צו קיין שים זאַך ניט צוגעטראָטען מיט אַזאַ פאָרזיכטיגקייט מיט אַזאַ רוהיגקייט, מיט אַזאַ אויפמערקזאַמקייט און ישוב־הדעת. זיין בליק האָט דורכגעדרונגען אַלצדינג, גלייך ווי די לופט אַליין וואָלט געוואָרען דורכזיכטיג אַרום אים.

נאָך ניט דערפאָרען צו דער מיט אַרענע, האָט ער שוין פאַרשטאַנען, וואוהין מעסאַלע צילט און וואָסער אָרט ער וועט פאַרנעמען ביי דער וואַנט, אויב ס׳וועט ניט זיין קיין צוזאַמענשטויס אין דער קאַנאַט וועט פאַלען אינ׳ם רעכטען מאָמענט. און אַז דער קאַנאַט וועט יע באַצייטענס פאַלען — אין דעם האָט ער באַלד ניט געהאַט קיין שום ספק. ווי אַ בליץ איז אים פּלוצלונג איינגעפאַלען די מחשבה אַז מעסאַלע ווייס, אַז מ׳וועט אַראָפּלאָזען דעם שטריק ערשט אינ׳ם לעצטען מאָמענט; דאָס האָט געקאָנט זיין פון פריהער אָפּגעמאַכט מיט׳ן ממונה איבער די שפּילען: איז עס דען ניט געווען אינגאַנצען אין גייסט פון די רוימער, אַז אַ באַאַמטער זאָל קומען צוהילף זיין לאַנדסמאַן, וועלכער האָט געשטעלט אין קאָן ניט נאָר זיין שם, נאָר אויך זיין גאַנצען אייגענס? אַ ניט — טאָ ווי אַזוי־זשע אַנדערש האָט מען געקאָנט דערקלערען די דרייסטקייט, מיט וועלכער מעסאַלע האָט געטריבען זיין

פֿיר-געשפּאַן אויפֿ'ן קאַנאַט, בשעת ווען אַלע זיינע קאָנקורענטען האָבן פֿאָרזיכטיג איינגעהאַלטען זייערע פֿערד? סיידען ער איז געוואָרען א חסר-דעה. עפּעס אַנדערש איז — צו קאָנען זעהן דאָס אומפאַרמיידליכע, און ווידער עפּעס אַנדערש — צו קאָנען רעאַגירען דערויף. בן-חור האָט געקאָנט אויך רעאַגירען: ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ס'וועט זיין קליגער אויף דערוויי זיך אָפּצוזאָגען פֿון דעם אָרט ביי דער וואַנט.

דער קאַנאַט איז געפֿאַלען, און אַלע פירגעשפּאַנען, אַ חוץ זיינעם, געטריבען מיט אויסרופען און בייטשען, האָבן זיך א לאָז געטאָן אויף דער אַרענע. ער אָבער האָט א קערעווע געטאָן אויף רעכטס, און זיינע אַראַבער זיינען פייל אויס'ן בויגען אַריבערגעפלויגען אונטער אַ גלייכען ווינקעל איבער די שפּורען פון זיינע געגנערס רייטוועגען, אַזוי אַז ער האָט ביים מינימום צייט געוואונען דעם מאַקסימום וועג. און בשעת דער עולם האָט נאָך געשווידערט פֿונ'ם אומגליק מיט'ן אַטענער און די דריי אַנדערע טורנירער האָבן אָנגעווענדט אַלע זייערע כוחות און זייער גאַנצע בריהשקייט אויסצומיידען אַ צוזאַמענשטויס, האָט בן-חור זיי האַסטיג אויסגעמיטען, אַריבערגעיאָגט און האָט זיך באַלד געטראָגען זייט ביי זייט לעבען מעסאַלען די אויסטערלישע בריהשאַפט, וואָס ער האָט אַרויסבאַוויזען בשעת'ן דאָזיגען קינציגען מאַנעווער, ניט פֿאַרלירענדיג כמעט קיין צייט, איבערגעשניטען דעם וועג פון סאַמע לינקס אויף רעכטס, איז ניט געבליבען אומבאַמערקט פֿאַר די שאַרפע בליקען פ'ן דעם עולם אויף די גאַלערייעס. דער צירק איז פאַרהילכט געוואָרען פון אַפּלאָדיסמענטען אָהן א אויפהער.

אסתר האָט צונויפֿגעדריקט די הענט, מלא-שמחה; סנבלט האָט שמייכלענדיג ווידער אָנגעבאָטען זיינע הונדערט סעסטערציעס פאַר דעם אידען, ניט געפינענדיג קיין בעלן, און ביי די רוימער האָט זיך אַלץ מער אָנגעהויבען אַריינצוגנבענען קענען זייער אייגענעם ווילען דער געדאַנק, אַז מעסאַלע האָט סוף-כל-סוף געפֿונען צו זיך אַ גלייכען און אפֿשר נאָך אַ העכערען— היינט ווער איז דאָס?

— א בן-ישראל!

טראָגענדיג זיך זייט ביי זייט, אָפּגעטיילט איינער פון דעם אַנ-

דערן נאָר דורך אַ שמאָלען שטח, האָבֿען בײדע געגנער זיך דער־געהענטערט צום צווייטען ציל.

דער פֿיעדעסטאַל פֿון די דרײַ זײַלען, קוקענדיג אויף זײ פֿון מערבֿ-זײַט, איז געווען אַ האַלבֿ־קײַלעכדיגע וואַנט און פּאַראַלעל מיט איר האָט זיך געצויגען אין אַ האַלבֿען מײַל די אַרענע און די גאַלערײַע פֿון דער אַנטקעגנענדיגער זײַט. דורכמאַכֿען דעם דאָזיגען אויסבײג איז געווען אין אַלע אופֿנים אַ האַרבֿער לײַענען און האָט זיך גערעכענט פֿאַר דער קונציגסטער בריה'שאַפֿט פֿון אַ געניטען אָנטרײַבֿער; דאָס איז געווען אַ מניעה, אין וועלכער זעהר אַ סך זײַנען געשטרויכעלט געוואָרען; אָרעסט איז דאָך אויך אומגעקומען אין אַזאַ פּינקט. די טיפֿע שטילקײַט, וואָס איז געוואָרען אין צירק, האָט באַשײַנפּערליך געוויזען, מיט וואָס פֿאַר אַ בֿרענענדיגען אינטערעס די צעהנדליגע טויזענטער האָבען זיך צוגעקוקט אַצינד צו די טורנירער. צום ערשטען מאָל, זינט די יאָגענישען האָבען זיך אָנגעהויבֿען האָט מען געקאָנט דײַטליך הערען דעם געקליפּער פֿון די רעדער און דעם טופּען פֿון די פֿערד, וואָס זײַנען געפֿלויגען ווי אַ שטורים.

מעסאַלע האָט אַזוי ווי ערשט אָקאָרשט באַמערקט בן-חור'ן און דערקאָנט אים; און פּלוצלונג האָט זיך אָנגעצונדען די גאַנצע אומפֿאַרגלײַכֿליכֿע חוצפּה דעם רוימערס:

— אַראָפּ עראָס, לעבֿען זאָל מאַרס! — האָט ער אויסגעשריען און האָט ווי אַ געניטער אַ פּאָך געטאָן מיט דער בײַטש — אַראָפּ עראָס, לעבֿען זאָל מאַרס. האָט ער איבֿערגעחזרט און דערלאַנגט בן-חורס טרײַע אַראַבֿער אַזאַ שמיץ, וועלכֿען זײ האָבֿען נאָך ניט פֿאַרזוכֿט, זינט זײער גאַנצען לעבֿען.

דעם דאָזיגען שענדליכֿע שטיקעל האָבען אַלע געזעהן און אַ ווײַלע איז דער צירק פֿאַרגליווערט געוואָרען פֿאַר גרויס ערשטוינונג. ס'איז געוואָרען נאָך שטילער. אויבֿען הינטער דעם קאָנסולס לאָזשע האָבען אפֿילו די סאַמע באַהאַרצסטע פֿאַרהאַלטען דעם אָטעם, וואַרטענדיג מיט פּחד, וואָס דאָ וועט זײַן. אָבער דאָס אַלץ האָט געדויערט ניט מער ווי אַ רגע. באַלד האָט ווי אַ דונער־קנאַל צווישען דעם עולם אויף די גאַלערײַעס אויסגעבראָכען אַ געשרײַ

פֿון גרימצאָרן, וואָס האָט זיך ווי אַ שטורים צוטראָגן איבער'ן גאַנצן צירק.

בן־חורס איבערגעשראָקענע אַראַבער האָבן זיך אַ ריס געטאָן פֿאָראויס. קיינמאָל האָט זיי קיין האַנט ניט באַרירט אויסער ווי צום גלעטן, נאָר מיט גוטן און מיט צערטליכקייט זיינען זיי אויסגעהאָדעוועט געוואָרן. און אַז זיי זיינען אונטערגעוואַקסן, האָבן זיי מיט זייער צוטרוי צו די מענשן געקאָנט דינען פֿאַר זיי אַ ביישפּיל אַראָפּצונעמען. היינט מיט וואָס־זשע האָבן אַזעלכע איידעלע באַשעפֿענישן דען אַנדערש געקאָנט ענטפֿערן אויף אַזאַ מין גראָבער באַהאַנדלונג, אויב ניט מיט אַ משוגענעם גאַלאָפּ, געיאָגט אַזוי ווי פֿון אַ שטורים־ווינט?

אַזוי ווי דורכגעדרונגען מיט איין ווילן, האָבן זיי זיך געטראָגן פֿאָראויס און דער רייטוואָגן איז זיי גאָבגעפֿלויגן.

ס'איז שוין לאַנג באַוואוסט, אַז אַלץ, וואָס קומט פֿאָר, גייט ניט פֿאַרלוירן. פֿון וואַנען האָבן זיך צו בן־חור'ן גענומען אַזעלכע שטאַרקע מוסקלען? פֿון וואַנען האָט ער אַזאַ כּוח אין די פֿינגער, וואָס קומט איצט אַזוי שטאַרק צו ניץ? פֿון וואַנען — אויב ניט פֿון די רודערס, מיט וועלכע ער האָט אַזוי לאַנג געקעמפֿט קעגן די וואַלען פֿון ים? און וואָס פֿאַר אַ באַטרעף האָט פֿאַר אים געהאַט דאָס טרייסלעניש פֿונ'ם וואָגן אונטער זיינע פֿיס אין פֿאַרגלייך מיט דעם קאָפּ־שווינדלדיגער שטאַרקער וואַקלעניש פֿון דער ציטערנדיגער שיף, ווען די אינדען פֿלעגן זי אין פֿולען גאַנג שמייסן אַהין און אַהער, ווי אַ שפּענדעל? ער איז געבליבן פֿעסט שטיין אויפ'ן רייטוואָגן, האָט עטוואָס אָפּגעלאָזט די לייצעס די פֿערד און באַרוהיגט זיי מיט ליבליכע צערטלדיגע ווערטער. ער האָט געטראַכט נאָר וועגן איינס — ווי אַזוי אַריבערצוקומען מיט זיי דעם געפֿערליכן אויסבייג פֿון דער אַרענע.

און איידער דער גרימצאָרן פֿונ'ם צוקאָכטען המון איבער מעסאַלעס הינטערפּיסעל האָט זיך נאָך געשטילט, האָט בן־חור שוין ווידער געהאַט באַהערשט אינגאַנצן זיינע אַראַבער. נאָכמער: דערנעהענטערנדיג זיך צום ערשטען ציל, האָט ער שוין ווידער באַוויזן אָנצויאָגן מעסאַלען און האָט זיך געטראָגן זייט בײַ זייט

לעבֿען אים, ערוואָרבֿענדיג זיך דעם מיטגעפיל און התפעלות פֿונ׳ם גאַנצען עולם, אַ חוץ די רוימער. די דאָזיגע געפילען האָבֿען זיך אויסגעדריקט אין אַזאַ ענערגישער און קלאָרער פאָרם, אַז מעסאַלע האָט בײַ זײַן גאַנצער חוצפה זיך מער ניט דערוועגט איבֿערצוחזרן זײַנע קונצען.

אַז די רײַטוועגן האָבֿען זיך פֿאַרבײַגעטראָגן אַרום דעם ערשטען ציל, האָט אסתּר באַוויזען צו כאַפּען אַ גיכען קוק אויף בן־חור׳ס פּנים. ער איז געווען אַ ביסעל בלייך, האָט געהאַלטען דעם קאָפּ עטוואָס העכער ווי שטענדיג, פונדעסטוועגן אָבֿער רוהיג און ניט אויפֿגערעגט.

אַז זיי זײַנען דורכגעפאָרען דעם ערשטען טור, איז אַ באַדינער אַרויפגעקלעטערט אויפֿ׳ן פּיעדעסטאַל אין מערבֿדיגען עק פֿון דער מיטעלסטער וואַנט און האָט אַראָפּגענומען איינע פֿון די הילצערנע קיילען; אין דער אייגענער צײַט האָט אַ צווייטער אַראָפּגענומען אַ דעלפין אין מזרחדיגען עק וואַנט.

די אייגענע מעשה האָט זיך איבֿערגעחזרט נאָכ׳ן צווייטען טור און נאָך דעם דריטען.

דרײַ טורען זײַנען שוין געווען דורכגעמאַכט, און די לאַגע פֿון די טורנירער האָט זיך נאָך אַלץ ניט געענדערט: בן־חור איז געפֿאָרען זײַט בײַ זײַט לעבֿען מעסאַלען און די איבֿעריגע זײַנען געבליבֿען הינטער זיי. דער קאַמף האָט אָנגעהויבֿען אָננעמען דעם כאַראַקטער פֿון יענע טאָפּעלטע יאָגענישען, וואָס זײַנען אַזוי באַליבט געוואָרען אין רוים אין דער צײַט פֿון די צעזאַרס — מעסאַלע און בן־חור אין דער ערשטער שורה, דער קאָרינטער, דער ביזאַנטינער און דער צידוני אין דער אַנדערער.

דערווײַלע האָט זיך די אויפזעהער אײַנגעגעבֿען אָוועקצוזעצען דעם עולם אויף די ערטער, הגם די קולות האָבֿען נאָך אַלץ ניט אויפגעהערט און האָבֿען זיך געטראָגען אין איין טעמפּ מיט די טורנירער דאָרטען אונטען אויף דער אַרענע.

אויפ׳ן פֿינפֿטען טור האָט דעם צידוני זיך אײַנגעגעבֿען אָנצויאָגען בן־חורן. אָבֿער באַלד האָט ער געמוזט ווידער בלײַבֿען הינטערשטעליג.

דער זעקסטער טור האָט זיך אָנגעהויבן בײַ אַ ניט-געענדער־טער לאַגע פֿון די טורנירער.

וואָס ווײַטער איז די גיכקייט אַלץ גרעסער געוואָרן, וואָס ווײַטער האָט זיך אַלץ מער דערהיצט די בלוט בײַ די קאָנקורענטען. ס'האָט זיך גערעכט, אַז סײַ די מענשען, סײַ די פֿערד האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז דער סוף איז נאָהענט, אַז באַלד וועט זיך מוזן אַרויסווייזן, ווער ס'וועט מנצח זײַן.

דער אינטערעס איז פֿון תּחילת אָן דערהויפּט געווענדט געווען אויפֿ'ן קאַמף צווישען דעם רוימער און דעם אידען; די סימפּאַטיע צו בן-חור'ן, וואָס איז אונטערגעוואָרעמט געוואָרען דורך מעסאַלעס שטיקעל ביז דער העכסטער מדריגה, האָט אָנגעהויבן איבערצײַגן אין אַ באַזאָרגטקייט פֿאַר אים. אומבאַוועגליך, אָנגעבויגענערהייט פֿאַרגליווערט אויף זײַערע ערטער, האָט דער עולם מיט אָנגעשטרענגטע בליקען געקוקט אויף די טורנירער, וואָס זײַנען געפֿלויגען משוגענערווײַז. אילדערים האָט זיך אויפֿגעהערט צו באַרשטען די באָרד, און אסתּר האָט פֿאַרגעסען איר פּחד.

— הונדערט סעסטערציעס פֿאַר דעם אידען! — האָט סנבלט געשריען צו די רוימער, וואָס זײַנען געזעסען אונטער דעם קאָנסולס וועלאַריום.

קײנער האָט זיך ניט אָפּגערופֿען.

— איין טאַלאַנט!... פֿינף טאַלאַנט... צעהן טאַלאַנט!... ווער וויל?...

אַרויספֿאָרדערנדערהייט האָט ער געפּאַכט אין דער לופֿטען מיט זײַנע שרײַב-טאָוועלאַך.

— גוט, איך בין אַ בעלן אויף דײַנע סעסטערציעס — האָט זיך ענדליך אָפּגערופֿען אַ יונגער רוימער און האָט זיך שוין געוואָלט נעמען צום פֿאַרשרײַבען.

— מ'דאַרף ניט — האָט אים אַ פֿרײַנד געוואָרענט.

— פֿאַרוואָס עפּעס ניט?

— מעסאַלע האָט דערגרײַכט זײַן העכסטע גיכקייט. גיב נאָר אַ קוק, ווי ער איז אַריבערגעבויגען איבער'ן ראַנד פֿונ'ם רײַט־

וואָגען און האָט אָפּגעלאָזט די לייצעס, שוואַך ווי פלאַטערדיגע בענדער. און דאַן כאַפּ נאָר אַ קוק אויפ'ן אידען.

יענער האָט נעוואָרפען אַ בליק אויף בן-חורן.

— ווי הערקולעס איז אונז ליב! — האָט ער אויסגעשריען, פאַרלירענדיג דעם מוט. — דער דאָזיגער כלב האַלט די לייצעס אָנגעצויגען מיט'ן גאַנצען כוח. אָ, איך זעה שוין, אַז אויב די געטער וועלען אונזער פריינד ניט בייסטיין, וועט אים דער איד מנצח זיין. ניין, ניין!... גיב אַ קוק! יופיטער איז מיט אונז!

דער אויסרוף, אונטערגעכאַפּט פון יעדער רוימישער צונג, האָט זיך צוטראָגען איבערן צירק און געמאַכט אויפציטערן די חופה איבער דעם קאָנסולס קאָפּ.

אויב מעסאַלע האָט טאַקע דערגרייכט זיין העכסטע גיכקייט, איז דערפאַר אָבער זיין אָנשטרענגונג ניט געבליבען אָהן אַ רעזולטאַט; פּאַמעלאַך, דערפאַר אָבער זיכער, האָט ער אָנגעהויבען אַריבערצויאָגען בן-חור'ס פיר-געשפאַן. מיט נידעריג אַראָפּגעלאָזטע קעפּ האָבען זיך געטראָגען די פערד זיינע; קוקענדיג פון די גאַלערייעס, האָט זיך געדאַכט, אַז זיי שוועבען כמעט איבער דער ערד. רויט ווי פייער האָבען געשימערט זייערע פונאַנדערגעבלאָזענע נאָזלעכער, זייערע אויגען זיינען שיר ניט אַרויסגעקראָכען פון די אויגען-לעכער. ס'איז געווען קאָנטיג, אַז די בראַווע אָדלערס טוען וואָס זיי קאָנען. ווי לאַנג נאָך וועט זיי קלעקען כוח אויסצוהאַלטען אַזאַ מין לויפען? דער זעקסטער טור האָט זיך ערשט נאָר-וואָס אָנגעהויבען. און זיי זיינען געפלויגען ווייטער. אַלץ ווייטער זיינען זיי געפלויגען. דערנעהנטערנדיג זיך צום צווייטען ציל, איז בן-חור געבליבען הינטער'ן רוימערס רייטוואָגען.

די שימחה פון מעסאַלעס פריינד איז געווען אָן לשער. זיי האָבען געשריען, זיי האָבען געראָוועט, זיי האָבען נעפאָכט מיט טיכער און בענדער פון פורפור-גאָלדענער פאַרב: גיך האָבען זיך סנבלטס טאָוועלאַך באַדעקט מיט אָנגענומענע געוועטען.

דעם טרייען מלוך, וועלכער האָט געהאַט אַ פלאַץ אויף דער פאָדערשטער גאַלערייע איבער דעם טריאומפאלען טויער, איז אָנגעקומען ניט גרינג, צו בלייבען ביי זיין אויסערליכער רוהיגקייט.

אמת, ער האָט געדרינקט בן־חורס אומשאַשטימטען רמז, אַז ער זאָל אַבטונג געבען אויף דעם איינסביינג ביים מערב׳דיגען ציל; אָבער אָט זיינען שוין אַריבער פינף טורען און ס׳האָט נאָך אַלץ גאָרנישט פּאַסירט. ביים זעקסטען וועט׳ס געשעהען — האָט ער געטראַכט. אָבער... בן־חור איז קאַם נאָכגעפּאָרען נאָך זיין שונא׳ס רייטוואָגען.

קעגענאיבער, אין מזרח־עק, איז סימאָנידעס גאַנץ רוהיג געזע־סען מיט זיינע לייט. דעם קאָפּ האָט ער געהאַלטען טיף אַראָפּגע־לאָזט. אילדערים האָט זיך געצופּט די באָרד און האָט אַזוי גע־דיכט צונויפגעצויגען די ברעמען, אַז די אויגען האָבען נאָר פון צייט צו צייט פון צווישען זיי אַדורכגעפינקעלט. אסתר האָט קאַם געוואַגט צו עטעמען. נאָר איראַס אַליין איז געווען, דאַכט זיך, קאָנטעט.

דער זעקסטער טור האָט זיך דערנעהענטערט צום סוף. אויף ציפּריהער איז געפאָרען מעסאַלע, און האַרט הינטער אים — בן־חור.

אַזוי זיינען זיי צונעקומען צום ערשטען ציל און האָבען אים אַרומגעבויגען. האָבענדיג מורא צו פאַרלירען זיין אָרט, האָט מע־סאַלע זיך געהאַלטען געפערלאַך נאָהענט ביי דער וואַנט; נאָך אַ פוס ווייטער צו לינקס — און ער וואָלט צושמעטערט געוואָרען אויף פיצלאַך. בן־חור איז אים נאָכגעפאָרען פוס־טריט, אַזוי אַז דעם רוימערס רייטוואָגען און דעם אידענס האָבען איבערגעלאָזען נאָר איין שפור.

ביים פאַרקערעווען זיך אַרום דעם ערשטען ציל האָט אסתר ווידער דערזעהן בן־חורס פנים; ער איז געווען בלייכער ווי פריהער.

סימאָנידעס, מער שאַרפזיכטיג ווי זיין טאָכטער, האָט זיך אָנ־געניינגט צו אילדערימען און געזאָגט:

— אפשר האָב איך אַ טעות, גוטער שייך, נאָר מיר דאַכט זיך, אַז בן־חור האָט עפּעס אין זינען. זיין פנים איז אַ מסור.

דערויף האָט אילדערים געענטפערט:

— דו זעהסט, ווי ריין און ווי פריש זיינע פערד זיינען? ווי מיר האָבען אַ גרויסען גאָט אויף דער וועלט, אַז זיי האָבען גאָר נאָך

ניט אָנגעהויבן צו לויפן אַפילו. מיר וועלן שוין זעהן, וואָס דאָ וועט זיין!

נאָר איין קייל און איין דעלפין זיינען נאָך איבערגעבליבן.

דער גאַנצער עולם האָט טיף אויפגעעטעמט; ס׳איז אָנגעקומען דער אָנהייב פון סוף.

דער צידוני האָט אַ שמיץ געטאָן זיינע פערד און, משוגע פאַר ווייטאָג און שרעק, האָבן זיי זיך אַ ריס געטאָן מיט אַזאַ אימפעט, אַז זיי האָבן שיר ניט אַריבערגעיאָגט אַלעמען. אָבער באַלד זיינען זיי ווידער געבליבן הינטערשטעליג. דיזעלביגע מעשה האָט זיך איבערגעחזרט אי מיט׳ן קאָרינטער, אי מיט׳ן ביזאַנטינער; אויך זיי האָבן ביז דער עקסטער מדריגה אָנגעשפּאַרנט זייערע פערד האָבן אָבער געהאַט דעם זעלבינגען סוף. דערמיט האָט זיך דער טורניר פאַר זיי פאַקטיש געענדיגט. דאָ האָבן אַלע צדדים אויסער די רוימער פאַראייניגט אַלע זייערע האָפענונגען אויף בן-חורן און האָבן אָפען אַרויסגעוויזען זייערע געפילען.

— בן-חור! בן-חור! — האָט דער המון געשריען, אַזש די וועגן פון צירק האָבן געציטערט.

אין די דאָזיגע געשרייען האָבן זיך דערטרונקען די קולות פון די רוימער אַרום דעם קאָנסולס טריבונע. פון די גאַלערייעס האָבן טויזענטער היציגע שטימען אים אויפגעמינטערט מיט אויסרופען:

— גיכער, איד!

— פאַרנעם דעם אָרט ביי דער וואַנט!

— פאָראויס, פאָראויס! לאָז די אַראַבער קאַריער! מיט דער בייטש דערלאַנג, מיט דער בייטש!

— יאָג אים אַריבער! איצט, אָדער קיינמאָל ניט!

זיי האָבן זיך אַריבערגעבויגען ווי ווייט נאָר זיי האָבן געקאָנט איבער דער באַלוסטראַדע און האָבן מיט רחמים אויסגעשטרעקט די הענט צו אים.

ער אָבער האָט אָבער ניט געהערט, אָדער ער האָט גאָרנישט געקאָנט מאַכן: שוין באַלד אַ האַלבער טור איז געווען די ענדע, און ער איז נאָך אַלץ געבליבן פון הינטען. אָט זיינען זיי שוין

נאָהענט פֿון דעם צווייטן ציל -- און בן-חור פֿאָרט אַלץ נאָך הינטער מעסאַלען.

בײַם פֿאַרקערעווען זיך האָט מעסאַלע אַ ביסעלע אָנגעצויגן די לייצעס מיט דער לינקער האַנט, און דורכדעם איז די גיכקייט פֿון די פֿערד געמינערט געוואָרן. ער איז געווען האָפֿערדיג. פֿול ביטחון. ניט אויף איין אַלטאַר האָט ער מנדר געווען רייכע קרבנות. רוים איז נאָך אַלץ אויף'ן פֿערד! נאָך זעקס הונדערט פֿוס און דאָרטען בײַ די דרײַ זײַלען וואַרט אויף אים כבוד, עשירות, טריאומפֿען און על-כּולם דער געפֿיל פֿון באַפֿרידיגטער שינאָה!

אָט אינ'ם דאָזיגן מאָמענט האָט מלוך דערזעהן פֿון גאַלעריע אַראָפּ, ווי בן-חור בייגט זיך-צו צו זײַנע אַראַבער און לאָזט אַראָפּ די לייצעס.

זײַן רעכטע האַנט האָט זיך אויפֿגעהויבען און אין דער לופֿטען האָט מיט אַ כוואָשטש אַ פּאָך געטאָן די בײַטש איבער די רוקענס פֿון די פֿאַרוואונדערטע פֿערד, איינמאָל און נאָך אַ מאָל; די בײַטש באַרירט ניט די איידעלע אַראַבער, אָבער שוין איר פֿײַפֿען אַליין פֿילען זיי ווי אַ אָנטרײַבונג און אַ התראָה.

דעם אָנטרײַבערס פּנים האָט זיך אינגאַנצן איבערגעביטען: דער קאַלטער אויסדרוק איז פֿאַרשוואונדען, די באַקען האָבען זיך באַדעקט מיט אַ רויטקייט, די אויגען האָבען אָנגעהויבען צו פֿינקלען. זײַן ענערגיע און די קראַפֿט פֿון זײַן ווילען האָבען זיך עפּעס ווי איבערגעגעבען אַזוי ווי אַ עלעקטרישער שטראָם צו זײַנע פֿערד: זיי האָבען געיאָגט ווי אויף פֿליגלען פֿון ווינט, און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דער גאַנצער פֿירגעשפּאַן האָט זיך צונויפֿגעגאָסען אינאיינעם. איין גוואַלטיגער ציה — און זיי זײַנען געווען לעבען דעם רוימערס וואָגען. מעסאַלע האָט דערפֿילט, אַז עפּעס קומט דאָ פֿאָר, ער האָט אָבער ניט געוואַגט ארומצוקוקען זיך און געוואָר ווערען — וואָס? פֿונ'ם עולם האָט ער ניט באַקומען קיין רמז אפילו. מיט אַ טיפֿען שטילשווייגען האָבען אַלע ניט אַראָפּגענומען די בליקען פֿון היפּאָדראָם. אַ חוץ דעם טופּען פֿון די קאָפּיטעס און דעם געקליפּער פֿון די רייטוועגען האָט זיך געהערט נאָר איין קול, דער קול פֿון בן-חורן, וועלכער האָט אויפֿגעמונטערט זײַנע

אַ ראַבער אויפֿ'ן אַלט-אַראַמייאישען לשון, וואָס אויף אים האָט מיט זיי אויך דער שייך גערעדט:

— גיבער אַטאַאיר! וויאָ, וויאָ, ריגעל! וואָס איז מיט דיר אַנטאַרעס? וואַרטסט, איך זאָל דיר אָנטרייבען? אָט אַזוי, אָט אַזוי! בראַוואָ, אַלדעבאַראַן! איך הער, ווי מ'זינגט פֿון אייך אין די געצעלטען. ס'זינגען די ווייבער און קינדער. זיי זינגען וועגען די שטערן, וועגען אַטאַאיר, וועגען ריגעל, וועגען אַנטאַרעס און אַלדעבאַראַן; זיי זינגען וועגען אייער ניצחון. און די ליד וועט מען קיינמאָל ניט פֿאַרגעסען. אָט אַזוי, אָט אַזוי, בראַוואָ! מאָרגען וועלען מיר זיין אין דערהיים, אונטער די שוואַרצע געצעלטען! מאָרגען אין דער היים! וויאָ, אַנטאַרעס! דער שבט וואַרט אויף אונז, און דער בעל-הבית וואַרט! אָט אַזוי, אָט אַזוי! כאַ-כאַ! מיר וועלען אים אַראָפּשלאָגען די גדלות! די האַנט, וואָס האָט אונז געוואָלט שלאָגען, וועט ליגען אין שטויב! דער ניצחון איז אונזערער! דער כבוד איז אונזערער! רוהיג, רוהיג, עס וועט שוין זיין גוט! היי, האַלט, האַלט!

איינפֿאַכער ווי דאָס, וואָס איז פּלוצלונג דאַן געשעהן, איז קיינמאָל ניט געשעהן; און געשעהען איז דאָס כהרף-עין.

מעסאַלע האָט געהאַלטען אין פֿאַרקערעווען אַרום דעם ציל. כדי אים איבערצויאָגען, האָט בן-חור געמוזט איבערשניידען דעם וועג; צו מאַכען דאָס ווי ווייט מיגלאַך גיך און ווי ווייט מיגלאַך נאָהענט צום קעגנערס רייטוואָגען — האָט זיך געפֿאָדערט גרויס בריה'שאַפֿט. די טויזענטער קוקער אויף די גאַלעריעס האָבען באַלד פֿאַרשטאַנען זיין כוונה. זיי האָבען געזעהן, ווי ער האָט געגעבען אַ צייכען צו זיינע אַראַבער, און זיי האָבען געזעהען, ווי וואונדערלאַך די אַראַבער האָבען געפֿאָלגט דעם דאָזיגען צייכען; זיי האָבען געזעהן, ווי בן-חורס פֿירגעשפּאַן האָט זיך דורכגעטראָגען סאַמע לעבען דעם רוימערס רייטוואָגען, און פּלוצלונג — אַ שרעקליכער טראַך, וואָס האָט אָפּגעהילכט אין גאַנצען צירק, שנעלער ווי אַ געדאַנק האָט אַ פֿלאַטער געטאָן איבער דער ארענע אַ וואָלקען פֿון ווייסע און גאָלד-גלאַנציגע שפּליטערלאַך. מעסאַלעס וואָגען איז געפֿאַלען אויף דער רעכטער זייט און אַ קלאַפּ געטאָן זיך

מיט דער אַקס אָן דער האַרטער ערד, איז ער אָפּגעשפּרונגען איינ־מאָל און נאָך אַמאָל און איז צובראָכן געוואָרן אויף שטיקער. מעסאַלע, פאַרפּלאָנטערט אין די לייצעס, האָט געטאָן אַ פליה אַרויס מיט׳ן קאָפּ אָן דער ערד.

אַזוי ווי צו מאַכן פאַרפאַל דעם שרעקלאַך בילד, האָט דער צידוני, וואָס איז געפאָרען האַרט הינטער מעסאַלען פאַזע דער וואַנט, ניט געקאָנט ניט אָפּשטעלן זיך ניט אויסמיידען. מיט׳ן גאַנצען אימפּעט האָבען זיינע פערד זיך דורכגעטראָגען איבער דעם צובראָכענעם וואָגען, איבערגעפאָרען איבער דעם רוימער און זיך אַריינגעשניטען אין דעם פירגעשפאַן, וואָס האָט, ווילד פאַר שרעק און אימה, זיך אויפגעשטעלט, אויף די הינטערשטע פיס.

אַז אים האָט זיך סוף־כל־סוף איינגעגעבען ווי עס איז אַרויס־צואַרבעטען זיך פונ׳ם דאָזיגען היהא, פון די דול־געוואָרענע פערד, פון דער קלאַפּעריי מיט די קאַפּיטעס, פונ׳ם געריכטען וואָלקען שטויב און זאַמד, האָט ער דערזעהן די רוקענס פון דעם קאָרינטען און ביזאַנטינער, וואָס זיינען געפלויגען נאָך בן־חורן, וועלכער האָט אַפילו אויף אַ רגע ניט פאַרהאַלטען זיין קאַריער.

דער גאַנצער עולם איז אויפגעשפּרונגען, זיך געשטעלט אויף די בייַנק, געליאַרעמט און געשריען. נאָר איינינע האָבען זיך אומגע־קוקט אויף מעסאַלען, וועלכער איז געלעגען און זיך ניט גערירט אונטער די קאָפּיטעס פון די ווילד־טופּענדיגע פערד, צווישען די שטיקער פונ׳ם צובראָכענעם רייטוואָגען. מ׳האָט אים געהאַלטען פאַר טויט. אַלע בליקען זיינען געווען געווענדט אויף בן־חור׳ן. קיינער האָט אפשר ניט באַמערקט, ווי ער האָט עטוואָס אַ ציה געטאָן מיט די לייצעס אויף לינקס און האָט מיט דעם אַייזענבאַ־שלאָגענעם שפּיץ פון זיין אַקס אַ זעץ געטאָן אין זיין קעגנערס ראָד. מ׳האָט נאָר געזעהן, ווי דער איד האָט זיך אינגאַנצען אי־בערגעביטען. מ׳האָט דערשפּירט דעם עקזאַלטירטען ברען, די העלדישע אַנטשלאָסענקייט, די פאַרשיכורנדיגע ענערגיע, וועלכע האָבען אים באַהערשט און האָבען זיך איבערגעגעבען דורכ׳ן בליק, דורכ׳ן וואָרט און דורכ׳ן זשעסט צו זיינע פערד. אַך, ווי זיי זיינען געפלויגען! ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז ס׳זיינען ניט קיין פערד, נאָר

לײַבן, אָדער עפּעס באַשעפענישן אויף פליגלען. דער קאָרינטער און דער ביזאַנטינער זײַנען נאָך געווען ערשט אויפ'ן האַלבן וועג, בשעת בן-חור האָט שוין דערגרייכט דעם ציל.

דער טורניר האָט זיך געענדיגט. מנצח געווען האָט ער!

דער קאָנסול האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט. ס'פֿאָלק איז היי־זעריג געוואָרן שרייענדיג. דער ממונה איבער די שפּילען איז אַראָפּ פון זײַן פּלאַץ און האָט אַרויפגעלייגט אויף די טריאומפאַטאָרען די לאָרבער-קרענץ.

אין דעם קאַמף אויף פויסטען האָט מנצח געווען אַ בלאָנדהאָריגער סאַקס מיט אַ נידעריגען שטערן און אַזאַ רציחישען פּנים, אַז בן-חור האָט ניט-ווילענדיג אים אָנגעקוקט אַ פּאָר מאָל. דאָ האָט ער דערקאָנט אין אים דעם פעכט-מייסטער, בײַ וועלכען ער אַליין איז געווען דער באַליבסטער תלמיד בשעת ער האָט געוואוינט אין רוים. פון אים האָט בן-חור אויפגעהויבן זײַנע אויגען אויפ'ן פּלאַץ, וואו ס'איז געזעסען סימאָנידעס מיט זײַנע לייט. זיי האָבען אים באַגריסט. אסתּר איז געבליבען רוהיג זיצען אויף איר אָרט. אָבער איראַס איז מיט אַ שמייכעל אויפגעשטאַנען און געפאָכט צו אים מיט'ן פאָכער, אַ חנדעל, וואָס האָט אים ניט ווייניג באַרוישט — ער האָט דאָך ניט געוואוסט, אַז דער דאָזיגער חנדעל וואָלט אָנגעקומען מעסאַלען, ווען מנצח געווען וואָלט ער.

ווידער האָט זיך אויסגעשטעלט די פּראָצעסיע און האָט זיך געלאָזט גיין דורך דעם טריאומפאַלען טויער אַרויס אונטער די שמחה-געשרייען און אַפּלאָדיסמענטען פון דעם באַפרידיגטען המון.

דער גרויסער טאָג איז געווען געענדיגט.

## קאַפּיטעל פערצעהן.

### די איינלאַדונג.

בן-חור און אילדערים האָבען זיך אַריבערגעשיפט אויפ'ן צווייטען ברעג טייך. לויט ווי זיי האָבען אָפּגערעדט, האָבען זיי אום האַלבע נאַכט געזאָלט אַרויספאָרען מיט'ן אייגענעם וועג, אויף וועלכען ס'האָט זיך מיט דרייסיג שעה צוריק געלאָזט דעם שייכס קאַראַוואַן.

דער שייך איז געווען איבערגליקלאַך. ער האָט געוואָלט באַדאַנקען בן-חורן כיד המלך, אָבער יענער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער מינדעסטער מתנה און האָט געהאַלטען אין איין טענ'ען, אַז ער פילט זיך אינגאַנצען באַפרידיגט דורך דער דערנידעריגונג פון זיין שונא. דאָס אָמפּערניש צווישען זיי האָט זיך געצויגען לאַנג.

— באַטראַכט נאָר — האָט דער שייך געזאָגט — וואָס דו האָסט פאַר מיר געטאָן. אין יעטווידער שוואַרצען געצעלט פון דער מדבר ביז צום ים, און איבער'ן פרת דעם גרויסען טייך ביז צום ווייסען סקיטען-ים וועט אַריינדרינגען דער גערימטער שם וועגען מיינע פערד; און די, וואָס וועלען זינגען פון זיי לידער, וועלען מיך לויבען און גאָר פאַרגעסען, אַז איך בין שוין געקומען צום סוף פון מיינע טעג. אַלע גיבורים פון דער מדבר, וואָס האָבען ניט קיין פירער, וועלען זיך פאַרזאַמלען אַרום מיר אין די צאָל פון מיינע שווערד-טרעגער וועט ווערען ווי שטערן אין הימעל. דו ווייסט גאָר ניט, וואָס ס'הייסט צו האָבען די שליטה איבער'ן מדבר, אַזוי ווי איך וועל עס איצט קאָנען האָבען. אָהן אַ שיעור

אוצרות וועט מיר איינבריינגען דער מס פון די האַנדעלס-קאַראַחאַנען, שוץ און פּריווילעגיעס טייערע וועלען מיר נעבען די מלכים! איך שווער ביי שלמה׳ס שווערד! אפילו צעזאַר וואָלט ניט פאַרשטויסען מיינע שליחים, ווען איך וואָלט זיי געשיקט איצט צו אים נאָך חסדים פאַר מיר... ווילסטו הייסט עס גאָרנישט פון מיר אָנגעמען, אָבער טאַקע גאָרנישט?

— גאָרנישט, גיטער שייך — האָט בן-חור געענטפערט — פאַר מיר איז גענוג דיין האַנט און דיין האַרץ.

אין מיטען אָט דעם שמועס זיינען אָנגעקימען צוויי שליחים, מלוך ׳ און איינער אַ אומבאַקאַנטער. מלוכ׳ן האָט מען אַריינגעלאָזען ערשט.

דער טרייער דינער האָט ניט געמאַכט קיין סוד פון זיין שימחה צוליב׳ן ניצחון פונ׳ם היינטיגען טאָג.

— אָבער לאָמיר איבערגיין צום עניין — האָט ער געזאָגט — מיין האַר סימאָנידעס שיקט מיר דיר אָנצוזאָגען, אַז נאָכ׳ן סוף פון די שפּילען האָבען איינינע פון דעם רוימערס צד פּראָטעסטירט קענען אויסצאָלען דעם פּריז דעם בעל-מנצח אין די יאָגענישען.

אילדערים איז אויפגעשפרונגען מלא-כעס און האָט אויסגעשריען הויך אויף אַ קול:

— איך שווער ביי דער הערליכקייט פון גאָט! דער גאַנצער מזרח וועט פּסקענען, צי דער ניצחון איז דערגרייכט געוואָרען אויפ׳ן כשר׳ן וועג!

— וואַרט נאָר, גוטער שייך — האָט מלוך זיך אָפּגערופען — דער פּראָטעסט האָט סיי-ווי ניט געהאָלפען; דער ממונה האָט שוין די געלט אויסגעצאָלט.

— אָט אַזוי איז גוט!

— אַז די רוימער האָבען געפּרובט טענ׳ען, אַז בן-חור האָט פאַרטשעפּעט מעסאַלעס ראָד, האָט דער ממונה זיך פונאַנדערגעלאַכט און זיי דערמאָנט אָן דעם שמיץ מיט דער בייטש, וואָס מעסאַלע האָט דערלאַנגט די אַראַבער.

— און וואָס איז געוואָרען מיט דעם אַטענער?

— ער איז געשטאָרבען.

— געשטאָרבען! — האָט בן-חור אויסגערופען.

— געשטאָרבען! — האָט אילדערים אים נאָכגעהילכט — און מעסאַלע לעבט?

— מעסאַלע לעבט.

— ס'איז אַ מזל די רוימישע כלבים האָבען עס!

— יע, ער לעבט, שייך — האָט מלוך זיך אָפּגערופען — אַז אַך-און-ווייַ אָבער צו אַזאַ לעבען! די דאָקטוירים זאָגען, אַז ער וועט שוין קיינמאָל ניט קאָנען גיין; ער בלייבט אָהן פיס.

שווייגענדיג האָט בן-חור אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל. פאַר זיין גייסטיגען אויג איז אויפגעשטאַנען אַ בילד: מעסאַלע צו-געשמידט צום שטול אַזוי ווי סימאָנידעס און אַזוי ווי סימאָנידעס אָפּהיינגיג פון זיינע באַדינערס הילף. דער איידעלער זקן האָט מקבל באַהבה געווען זיין שווערען גורל. אָבער דער דאָזיגער כבוד-זוכער און בעל-גאווה'ניק — ווי וועט ער פאַרטראָגען אַזאַ מין לעבען?

— אויך האָט סימאָנידעס געלאָזט זאָגען אייך — האָט מלוך ווידער אָנגעהויבען — אַז סנבלט האָט פאַרדרייעניש. דרוזוס און די, וואָס האָבען זיך געהאַמעט צוזאַמען מיט אים, האָבען זיך אָפּגעזאָגט צו באַצאָלען סנבלט'ן די פינף פאַרשפילטע טאַלאַנטען. האָבען זיי איבערגעגעבען צו פּסקענען די זאַך דעם קאָנסול מאַק-סענציוס, און דער קאָנסול האָט זי איבערגעשיקט צום צעזאַר. מעסאַלע וויל אויך ניט אָנערקענען, אַז ער האָט פאַרלאָרען דעם געוועט, און סנבלט האָט, אַזוי ווי דרוזוס, זיך געווענדט צום קאָנסול און וואַרט אויף זיין פּסק. די לייטישערע פון די רוימער האַלטען, אַז ס'קאָן גאָר קיין ספק ניט זיין, אַז מ'מוז באַצאָלען די פאַרשפילטע געוועטען; און אַלע אַנדערע פאַרטייען זיינען מיט זיי מסכים. די גאַנצע שטאָט הערט ניט אויף צו ריידען פון דער מעשה.

— און וואָס זאָגט סימאָנידעס דערצו? — האָט בן-חור גע-פרעגט.

— מיין האַר לאַכט; ער פילט זיך, וואָס בעסער דאַרף מען ניט: וועט דער רוימער באַצאָלען, איז ער בדיל-הדל; באַצאָלט ער

ניט — באַדעקט ער זיך מיט חרפּה. דעם צעזאָרס חכמה וועט פּסקענען די שאלה. באַליידיגען דעם גאַנצען מזרח וואָלט זיין אַ שלעכטער אָנהייב פאַר דער קאָמפּאַניע קעגען די פּרתים. באַליידיגען אָבער דעם שייך אילדערים וואָלט הייסען אויפהייבען קעגען זיך דעם גאַנצען מדבר, איבער וועלכען ס'ליגען אַלע אָפּעראַטיווע ליניעס פונ'ם קאָנסול מאַקסענציוס. דעריבער לאָזט סימאָנידעס דיר זאָגען, אַז דו מאָגסט זיין רוהיג: מעסאַלע וועט צאָלען.

צו אילדערימען האָט זיך גלייך אומגעקערט זיין גוטע שטימונג.

— נו, איצט מאַרש אין וועג אריין — האָט ער געזאָגט, רייבענדיג די הענט — כבוד האָבען מיר ערוואָרבען, און די געשעפּטען וועט שוין סימאָנידעס אַליין באַזאָרגען. איך גיי הייסען שפּאַנען די פערד.

— איין רגעלע, שייך — האָט מלוך זיך אָפּגערופען — מיט מיר איז געקומען נאך אַ שליח. הייסען אים אַריינקומען?

— ווי גאָט איז מיר ליב, איך האָב גאָר פאַרגעסען אָן אים!

מלוך איז ארויסגעגאַנגען און ס'איז אַריין אַ בחור מיט פיינע מאַנירען און אַ שיינעם פּנים. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף איין קניה און העפליך געזאָגט:

— איראַס, די טאָכטער פון בלשאצר — דער איידעלער שייך אילדערים קאָן אים דאך גוט — האָט מיר פאַרטרויט אַ שליחות צום שייך. ער וועט איר אָנטאָן דעם גרעסטען כבוד, ווען ער וועט אָננעמען אירע ברכות צוליב'ן ניצחון פון זיין פירגעשפּאַן.

— די טאָכטער פון מיין פריינד איז זעהר אַ גוטע — האָט אילדערים געענטפערט און זיינע אויגען האָבען אויפגעלויכטען — גיב איר איבער דעם דאָזיגען רינג אלס באַווייז, ווי שטאַרק זי האָט מיך דערפרייט מיט אירע ברכות.

ער האָט אַראָפּגעצויגען אַ רינג פון פינגער.

— איך וועל טאָן, ווי דו האָסט מיר געהייסען, אָ שייך — האָט דער בחור זיך אָפּגערופען; דערנאָך האָט ער צוגעגעבען — דעם מיצרים טאָכטער האָט מיר געגעבען נאָך אַ שליחות: זי בעט דעם איידעלען שייך אילדערים, ער זאָל צו וויסען טאָן דעם יונגען בן־חורן, אַז איר טאַטע האָט זיך אויף אַ געוויסע צייט באַזעצט

אינ׳ם פאלאץ פון אידערניי. דארטען וואלט זי אים וועלען אנטפאנגען מארגען פיר א זייגער. און ווען שייך אילדערים וועט וועלען אננעמען איר דאנק פארץ דאזיגען צווייטען חסד, וועט עס איר טאפעלט הנאה טאן.

דער שייך האט א קוק געטאן אויף בן־חורן; דעם יונגען אידענס פנים האט געשיינט פאר פרייד.

— ווּעסט גיין? — האט ער אים געפרעגט.

— מיט דיין ערלויבעניש, שייך, וועל איך פאלגען דעם רוף פון דער שיינער מיצריה.

אילדערים האט זיך פונאנדערגעלאכט און האט געזאגט:

— פארוואס זאלסטו טאקע ניט הנאה האבען פון דיין יוגענד?

דאן האט בן־חור זיך געווענדט צום שליח:

— זאג דער, וועלכע האט דיר געשיקט, אז איך, בן־חור, וועל מארגען פיר א זייגער קומען אין פאלאץ פון אידערניי.

דער שליח האט זיך אויפגעהויבען און, שווייגענדיג זיך א נייג געטאן, ארויסגעגאנגען.

אום האלבע נאכט האט אילדערים זיך געלאזט אין וועג אריין, באפוילענדיג איבערצולאזען א פערד מיט א רייטער פאר בן־חירן, וועלכער האט אים געזאלט נאכפאלגען.

## קאַפּיטעל פופצעהן

### אין פּאַלאַץ פון אידערניי.

אויף מאָרגען, אין דער באַשטימטער שעה, האָט בן-חור, נייענדיג אויף דער אָפּגערעדטער באַגעגעניש מיט איראַס, זיך פאַרקערעוועט פונ׳ם אָמפאַלוס-טעמפּעל, אין צענטער-שטאָט, צו הורדוסעס קאָלאָנאַדע און איז באַלד אָנגעקימען צום פּאַלאַץ פון אידערניי.

פון דער גאַס איז ער צוערשט אַריין אין אַ פֿאָרהויז; געדעקטע טרעפּ בײַ די זייטען האָבען געפירט אַרויפצו צו אַ קאָלאָנאַדע. בײַ די טרעפּ זיינען געזעסען געפליגעלטע לייבען; אין מיטען איז געשטאַנען אַ ריזיגער איביס און פון זיין שנאָבעל האָט געשלאָגען אַ פאָנטאַן. די לייבען, דער איביס, די ווענט און די דילען האָבען דערמאָנט אָן מצרים; אַלצדינג, אַפילו די פאַרענצעס פון די טרעפּ, איז באַשטאַנען פון האַרטען גרויען שטיין.

איבער דעם דאָזיגען פֿאָרהויז און די טרעפּ איז געלעגען אַ קאָלאָנאַדע פון שניי-ווייסען מירמעלשטיין, געבויט אַזוי גראַציעז, אַזוי גרינג, אַזוי פּראָפּאָרציאָנעל, אַז אין יענער צייט האָט דאָס געקאָנט שאַפען נאָר אַ גריכישער מייסטער.

בן-חור איז אַ רגע געבליבען שטיין צו באַטראַכטען די רייניקייט פונ׳ם מאַרמאָר און די וואונדערפולע אַרבעט פון דער קאָלאָנאַדע; דערנאָך איז ער אַריין אין פּאַלאַץ. ברייטע פליגעל-טירען זיינען געשטאַנען אָפען, גלייך ווי פאַרבעטענדיג אים אינעווייניג. צוערשט איז ער אַריינגעקומען אין אַ הויכען אָבער אַ גאַנץ שמאָלען קאָ-

רידאָר, די דילען פון רויטע ציגעל; פֿון דערזועלביגער פאַרב זוינען אויך געוועזען די ווענט. די אײנפאַכקײט פונ׳ם דאָזיגען קאָרידאָר איז געווען אַ מין פרוזדור צו עפּעס וואונדערשײנס.

מונטער און רוהיג איז בן-חור לאַנגזאַם געגאַנגען ווײטער. באַלד וועט ער זעהן זיך מיט דער שײנער איראַס. זי וואַרט אויף אים — וואַרט אויף אים מיט לידער, מיט מעשיות, מיט ליבליכער פּלוידערײ. שפּריצענדיג מיט גײסט, פול מיט די אויסטערלישסטע קאַפּריזען, צוגעווירצט מיט אירע שמײכלען, מיט אירע פאַרפירערישע, פֿאַרשיכורנדיגע שמײכלען! זי האָט אים אַלײן גערופען אין יענעם אָווענט פֿאָרען מיט איר אויף אַ שיפֿעל איבער דער אָזערע, אינ׳ם פאַלמען-וואַלד; זי האָט אים אַלײן גערופֿען איצט צו קומען אינ׳ם דאָזיגען שײנעם פאַלאַץ פֿון אידערנײ!... גליקליכע חלומות האָבען געשוועבט אים דורכ׳ן זינען.

דער קאָרידאָר האָט אים געבראַכט צו אַ פאַרמאַכטער טיר, בײ וועלכער ער איז געבליבען שטײן. די ברײטע פליגלען אירע האָבען זיך געעפֿענט פאַר אים פון זיך אַלײן, ניט צו הערען קײן גערויש פון אַ שלאָס אָדער אַ רינגעל, ניט צו פאַרנעמען קײן באַרירונג פון אַ האַנט אָדער טריט פון אימיצענס פיס. אָבער ער האָט פאַרגעסען צו ווערען אויפמערקזאַם דערויף, — אַזוי שײן איז געווען דאָס בילד, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט פֿאַר זײנע אויגען.

אַרײנטרעטענדיג פונ׳ם טונקעלן קאָרידאָר אין טיר אַרײן, האָט ער דערזעהן פאַר זיך דעם אַטריום פון אַ רוימיש הויז, גערוימיג און אײנגעאָרדענט מיט אַ לעגענדאַרישער פּראַכט.

ווי גרויס דער צימער איז געווען, איז שווער געווען צו באַשטימען, וואָרום די געגוי באַרעכענטע פּראָפּאָרציאָנעלקײט האָט די טבע אָפּצונאַרען די ראיה. קײנמאָל האָט בן-חור ניט געזעהן עטוואָס אַזוינס. ער איז שטײן געבליבען און זיך גענומען אַרומקוקען. אונטער זײנע פיס איז געוועזען אַ געמעל, וואָס האָט פֿאָרגעשטעלט אַ לעדע, ווי זי צערטעלט אַ שוואַן, און די גאַנצע פּאָדלאָגע איז געווען באַדעקט מיט ענלאַכע מאָזאַאיק-בילדער אויף סיוזשעטען פֿון דער מיטאָלאָגיע. אין צימער זײנען געשטאַנען שטולען און פּאָטעלן, יעדערער אויף זײן

שטייגער אַ וואונדערווערק פֿון קונסט, לעבן זיי — טישען, רייך
געשניצט; ווייך געבעטע דיוואַנען האָבן געצווינגען צו זעצן זיך
אָפּרוהען. דער גאַנצער מעבל האָט זיך ביי אים אָפּגעשפּיגעלט
אין דער פּאָדלאָגע, גלייך ווי עס וואָלט געשוואומען אויף אַ אום-
באַוועגלאַכן וואַסער; אַפֿילו די פּאַנעלן פֿון די ווענט מיט זייערע
פֿאַרצירונגען און שניצערייען און די פֿרעסקען פֿונ׳ם סופֿיט האָ-
בן אָפּגעשלאָגן אינ׳ם שפּיגעל פֿון דער פּאָדלאָגע. אין מיטן
פֿונ׳ם קופּאָלפֿאָרמיגן סופֿיט איז געווען אַ עפֿענונג, דורך וועל-
כער דער זונענשיין האָט זיך געגאָסן אומגעשטערט, און ס׳האָט
זיך געדאַכט, אַז דעם בלויען הימעל איז מיט דער האַנט צו
דערלאַנגען. דער אימפּליוויום אונטער דער עפֿענונג — אַ פֿיר-
קאַנטיגער בעקן צום אַראָפּרינען פֿון רעגן-וואַסער, איז געווען
אַרומגעצאַמט מיט בראָנזענע קראַטעס. די באַגילטע זיילען, וואָס
האָבן אונטערגעשפּאַרט דעם דאַך אין די ווינקלען, האָבן גע-
גליהט ווי פֿייער, בשעת די זון האָט געלויכטן אויף זיי. און זיך
אָפּשפּיגלענדיג אין דער פּאָדלאָגע, האָבן זיי זיך אַזוי ווי פֿאַר-
לאָרען אין אומענדליכע טיפֿענישען. אויסטערליש געפֿורימטע
מנורות, וואַזעס און אַלערליי בילדער האָבן משלים געווען די
פּראַכט פֿונ׳ם צימער. מיט איין וואָרט: דער צימער האָט זיך גע-
קאָנט פֿאַרגלייכען אין פּראַכט און גלאַנץ מיט די רייכסטע ווילעס
פֿון די רוימישע פּאַטריציער.

נאָך אַלץ פֿאַרזונקען אין חלומות, האָט בן-חור געוואַנדעלט אי-
בערן צימער, אַנטציקט פֿון די אַלע הערליכע זאַכען, וואָס האָבן
אים אַרומגערינגעלט. דאָס, וואָס ער מוז אַ ביסעל וואַרטען. האָט
אים ניט געאַרט; ווי נאָר איראַס וועט זיין פֿאַרטיג, וועט זי אַרויס-
קומען צו אים אָדער זי וועט שיקען אים רופֿען. ער האָט גע-
וואוסט. אַז אין יעדען גוט איינגעאָרדענטען רוימישען הויז האָט
דער אטריום געדינט אַלס אויפֿנעם-צימער פֿאַר געסט.

ער איז דורכגעגאַנגען אַרום צימער צוויי מאָל, דורכגעגאַנגען
דריי מאָל, יעדער מאָל זיך אָפּגעשטעלט אונטער דער עפֿענונג
אין סופֿיט און געקוקט אַרויפֿצו אינ׳ם טיף-בלויען הימעל אַריין.
דערנאָך האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אין אַ זייל און גענומען באַ-

טראַכטען די שפּיל פֿון ליכט און שאָטען אין זייערע פֿאַרשיידענע עפֿעקטען. קיינער איז נאָך אַלץ ניט אַרויסגעקומען צו אים. ער האָט זיך אָנגעהויבען צו חידושען, וואָס איראַס איז אַזוי לאַנג ניטאָ. ער האָט ווידער גענומען קוקען אויף דער קונציגער מאָזאַאיק-אַרבעט פֿון דער פּאָדלאָגע, אָבער שוין ניט מיט יענעם נחת-ריח וואָס פֿריהער. אָפּט איז ער שטיין געבליבען און זיך צוגעהאָרכט, א שטילע אומגעדולד האָט זיך פֿאַרגנבעט אין זיין נשמה. וואָס מער צייט ס'איז פֿאַרגאַנגען, אַלץ שטאַרקער האָט זי אים באַהערשט, און לסוף האָט ער שוין מער ניט געקאָנט ביישטיין דעם געפֿיל פֿון אומהיימלאַכקייט און חשד, וואָס די טיפֿע שטילקייט, וועלכע האָט געהערשט אינ'ם גאַנצען חדר, האָט אַרויסגערופֿען. ער האָט מיט אַ שמייכעל געפּרובט פֿאַרטרייבען פֿון זיך די דאָזיגע שפּירונגען און האָט זיך אַליין באַרוהיגט: „אָ, זי האַלט נאָך אַוודאי איצט אין שוואַרצען די בּרעמען, אָדער זי פֿלעכט אַ קראַנץ פֿאַר מיר.

ער האָט זיך צוגעזעצט און גענומען באַטראַכטען אַ גרויסאַרטיגע בראָנזענע מנורה אויף רעדלאַך מיט פֿיליגראַן-פֿאַרצירונגען; אויף איין זייט האָט זיך דערהויבען דער לאָמפּען-פּיעדעסטאַל, אויף דער אַנדערער — אַ אַלטאַר, פֿאַר וועלכען ס'איז געשטאַנען אַ פּריסטערין; די ליכט-האַלטער זיינען געהאַנגען אויף פֿיינע קייטעלאַך, צוגעפֿעסטיגט צו אַראָפּגענייגטע פּאַלמען-צווייגען, אַלץ צוזאַמען אַ מייסטערווערק פֿון קונציגער אומנות. די שטילקייט איז געוואָרען אַלץ דריקענדיגער און דריקענדיגער. ער האָט זיך צוגעהאָרכט און צוגעהאָרכט — זיין אויער האָט ניט פֿאַרנומען קיין שום הילך; דער פּאַלאַץ איז געווען שטיל אַזוי ווי אַ קבר.

אפשר האָט ער זיך טועה געווען? — אָ ניין, דער שליח איז געקומען פֿון דער מיצרית, און דאָס איז דאָך דער פּאַלאַץ פֿון אידערניי. פּלוצלונג האָט זיך אים דערמאָנט, ווי סודותדיג ס'האָט זיך פֿאַר אים געעפֿענט די טיר, אָהן אַ שום גערויש, עפּעס אַזוי ווי פֿון זיך. מ'דאַרף ניין אַ קוק טאָן, ווי אַזוי איז עס געשעהען.

ער האָט זיך געלאָזט צו דער טיר. ווי שטיל ער איז ניט נעגאַנגען — זיינע טריט האָבען אָפּגעקלונגען הילכיג און האַרט, אַ

ער האָט זיך אָנגעהויבן צו שרעקן. ער איז געוואָרן נערוויאיש־
צוגעקומען צו דער טיר, האָט ער געפּרובט זי עפענען. אָבער
דער שווערער רוימישער שלאָס האָט זיך ניט אונטערגעגעבן. ער
האָט נאָך אַ מאָל אַ פּרוב געטאָן — אומזיסט. דאָס בלוט איז אים
פאַרגליווערט געוואָרן אין די אָדערן. ער האָט אָנגעשטריינגט
אַלע זיינע כּוחות — די טיר האָט זיך אַפילו אַ ריר ניט געטאָן.
אַ געדאַנק וועגן סכּנה איז אים באַפאַלן, אַ רגע איז ער גע־
שטאַנען, ניט צו וויסן, וואָס צו טאָן.

ווער אין אַנטיאָכיע האָט געהאַט אַ גרונד צו טאָן אים שלעכטס?

סיידן מעסאַלע!

און וואָס באַטייט דער דאָזיגער פּאַלאַץ פון אידערניי? אין פּאָר־
הויז האָט געווייט די לופט פון מיצרים, די שניי־ווייסע מירמעל־
שטיינערנע קאָלאָנאַדע איז געווען ס'ווערק פון גריכישער קונסט,
אָבער דאָ אין אַטריום האָט געהערשט דער גייסט פון רוים. אַלצ־
דינג אַרום האָט אויסגעגעבן דעם רוימישן בעל־הבית. אמת,
דער פּאַלאַץ איז געשטאַנען אויף דער באַלעבטסטער הויפּט־גאַס,
אויף אַ אָרט, וואָס איז געווען צו ווייניק צוגעפּאַסט פאַר אַ רציחה;
אָבער דווקא דאָס איז געווען זעהר צו גלויבן אויף דעם בייזן
גייסט פון זיין שונא.

דער אַטריום איז אין בן־חורס אויגן געוואָרן מגולגל; זיין
גאַנצע פּראַכט, זיין גאַנצע שיינקייט איז פאַרשוואונדן, זיך פאַר־
וואַנדעלט אין אַ געמיינער פּאַסטקע. די מורא מאַלט אַלץ אויס
אין שוואַרצן ליכט.

דער געדאַנק וועגן אַ פּאַסטקע האָט אַריינגעבראַכט בן־חור'ן
אין גרימצאָרן.

צו דער רעכטער האַנט און צו דער לינקער זיינען אין אַטריום
געווען נאָך אַ סך טירען, וועלכע האָבן בלתי־שום ספק געפירט
אין שלאָפצימערס אַריין. ער האָט זיי געפּרובט עפענען, זיי זיינען
אָבער אַלע געווען פעסט פאַרשלאָסן. אפשר וואָלט ער אָנגע־
קלאַפּט — וואָלט אימיצער זיך אָפּגערופן. ער האָט זיך אָבער
געשעמט צו מאַכן אַ גערודער און האָט זיך צוגעלייגט אויף
אַ דיוואַן צו באַטראַכטן זיין לאַגע.

ער איז געווען געפּאַנגען — אין דעם האָט שוין מער קיין שום ספק ניט געקאָנט זיין. אָבער ביי וועמען און צוליב וואָס?

ווי איז, טאָמער איז דאָס טאַקע מעסאַלעס אַרבעט? ער האָט זיך אויפגעהויבען, האָט זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטען און מיט ביטול אַ שמייכעל געטאָן. יעדער טיש האָט אים געקאָנט דינען אַלס כלי-זיין. אמת, מ׳האָט שוין געזעהען, ווי פיינעל זיינען אויסגעאַנגען פאַר הונגער אויך אין גילדערנע שטייגען; מיט איס אָבער וועט דאָס ניט געשעהען; דעם מעבעל אין צימער קאָן ער באַניצען אַלס מויער-ברעכערס; ער איז געווען שטאַרק און האָט געוואוסט, ווי גוואַלטיג רציחה און פאַרצווייפלונג פאַרמערען די כוחות.

מעסאַלע אַליין קאָן דאָך ניט קימען. ער וועט שוין קיינמאָל ניט זיין אימשטאַנד צו גיין; ער איז געווען אַ קאַליקע אַזוי ווי סי מאָנידעס. אָבער ער האָט דאָך געקאָנט אונטערשיקען אימיצע אַנדערש. און אַוודאַי וועט ער לאַנג ניט דאַרפען זוכען אַזוינס, וואָס זאָל זיין גרייט דערויף.

בן-חור איז אויפגעשטאַנען און האָט איבעראַניים אַ פּרוב געטאָ די טירען. דערנאָך האָט ער אויסגעשריען הויך אויף אַ קול, אָבער דער קול האָט אָפּגעהילכט אין צימער מיט אַזאַ מעכטיגען עכאָ אַז בן-חור האָט אַ ציטער געטאָן. ער האָט צונויפגענומען זיין נאַ צע קאַלטבלוטיגקייט זיך צו באַהערשען און צו צווינגען זיך צ רוה און האָט באַשלאָסען צו וואַרטען נאָר אַ קורצע צייט און דאַ אָנהייבען צו זוכען עפּעס אַ עצה.

אין אַזעלכע מאָמענטען ביטען זיך אין דער נשמה רוה און אומרוהיגקייט, ביטחון און פּחד, אַזוי ווי דער אָפּפּלוס און צופלוס אין ים. ענדלאַך — ער האָט אַליין ניט געוואוסט, וויפיל צייט ס׳איז דערווייל אַריבער — איז ער געקומען צום אויספּיר, אַז ער איז אַ קרבן פון אַ צופאַל אָדער פון אַ טעות. דער פּאַלאַץ געהערט דאָך וועמען ס׳איז; ס׳מוז דאָך ערגעץ זיין אַ בעל-הבית, אַ אויפזעהער, און אין אָוונט אָדער ביינאַכט וועט אימיצער דאָך אַריינקומען אין אַטריום. נאָר גערולד!

באַרוהיגט זיך מיט אַזעלכע מיני מחשבות, האָט ער באַשלאָסען ווייטער צו וואַרטען.

ס'איז אַריבער נאָך אַ האַלבע שעה, וואָס האָט זיך פאַר בן־חורן אַוועקגעצויגען אַ סך לייגנער. פּלוצלונג האָט זיך די טיר, דורך וועלכער ער איז אַריין, אויפגעעפענט און פאַרמאַכט פונקט אַזוי שטיל ווי פריהער ביי זיין אַריינקימען. ער האָט עס אַפילו גאָרניט באַמערקט.

ער איז גראָדן־דאַן געזעסען אין דעם אַנטקעגענדיגען ווינקעל פון צימער. דער קלאנג פון טריט האָבען אים געמאַכט אויפמונטערן.

„ענדלאַך איז זי געקומען"—האָט ער אַ טראַכט געטאָן און דאָס האַרץ האָט אים אָנגעהויבען צו קלאַפּען פאַר שמחה און פאַרלייכטערונג.

אָבער די טריט זיינען געווען שווערע, באַגלייט פון אַ סקריפענדיגען גערודער פון גראָבע סאַנדאַלען. די באַגולטע זיילען האָבען פון בן־חורן פאַרשטעלט די טיר. ער איז רוהיג צוגעגאַנגען צו איינעם פון זיי און האָט זיך אָנגעשפאַרט אָן אים. אין דער רגע האָט ער דערהערט מאַנסבילשע שטימען, איינע פון זיי אַ גראָבע און אַ געגאָרגעלטע. גערעדט האָבען זיי עפּעס אויף אַ אויסטערלישען לשון און ער האָט ניט פאַרשטאַנען קיין איין וואָרט.

אַרומקיקט זיך אין דעם צימער, האָבען די אומבאַקאַנטע זיך גענומען לינקס, אַזוי אַז בן־חור האָט זיי איצט געקאָנט זעהען. דאָס זיינען געווען צוויי הויכע מאַנספאַרשוינען אין קורצע טוניקעס; איינער פון זיי האָט אויסגעזעהן אַ אמתער גבר. ס'איז געווען קאָנטיג, אַז זיי זיינען דאָ אין הויז ניט קיין בעל־הבתים און ניט קיין דינער. אַלצדינג, וואָס זיי האָבען דאָ געזעהן, האָט זיי אויסגעוויזען אויסטערליש, אַלצדינג האָבען זיי באַטראַכט און אַרומגעטאַפּט. דאָס פּראַכטפולע אטריום איז עפּעס אַזוי ווי פאַרשוועכט געוואָרען דורך דער געגענוואַרט פון די דאָזיגע מענשען וואָס האָבען, ווייזט אויס, געהערט צום נידעריגען קלאַס. פונדעסטוועגען האָט דער דרייסטער זיכערער שטייגער פון זייער האַלטען זיך עדות געזאָגט, אַז זיי האָבען אַ רעכט צו זיין דאָ

אינ׳ם פּאַלאַץ, אַז זיי זיינען געקומען וועגן עפּעס אַ ענין. אָבער וואָס פאַר אַ ענין האָט זיי פאָרט געקאָנט בריינגען דאָ אַהער?

לעבעדיג פלוידערענדיג האָבען זיי געוואַנדעלט איבערן צימער און געקומען אַלץ נעהענטער צו דער זייל, אָן וועלכען בן־חור איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט. ניט ווייט פון אים זיינען זיי געבליבען שטיין זיך פאַרקוקט אויף אַ סטאַטוע, וועלכע האָט זיך געבאָדען אין די קרום־אַריינפאַלענדיגע שטראַלען פון דער זון.

דאָס סודותדיגע, דאָס אומדערקלערלאַכע, וואָס האָט בן־חורן אַרומגערינגעלט דאָ אין פּאַלאַץ, איז געווען, ווי מיר האָבען שוין געזעהן, גענוג אויפצוּוועקען אין אים אַ מורא פאַר זיין זיכערקייט. און איצט, אַז ער האָט אינ׳ם גרויסען נעזונטען אומבאַקאַנטען ווידער דערקאַנט דעם נאָרמאַן, וועלכער איז נעכטען געקרוינט געוואָרען אין צירק אַלס זיגער אין פויסטען־קאַמף און וואָס איז אַמאָל געוועזען אין רוים זיין לערער; אַז ער האָט דערזעהן זיין פּנים, באַדעקט מיט שראַמען פון אַ סך וואונדען און מיט אַ שטעמפּעל פון ווילדע אינסטינקטען; אַז ער האָט באַטראַכט די מוסקולדיגע נאַקעטע איברים זיינע, וואונדערלאַך אַנטוויקעלטע דורך איבונג און פּראַקטיק, פון קראַפט און פלינקייט, און די ריזיגע מעכטיגע פּלייצעס, — האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן ס׳האַרץ. ער האָט מיט אַ שוידער אין די גלידער דערפילט, אַז זיין לעבען איז אין סכּנה.

אַ געהיימער אינסטינקט האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז די אומשטאַנדען, אין וועלכע ער האָט זיך איצט געפונען, זיינען צו נוט צוגעפּאַסט צו אַ רציחה, אַז זיי זאָלען זיין מער ניט ווי אַ צופאַל. דאָס זיינען אונטערגעקויפטע מערדער, און געקומען זיינען זיי אין פּאַלאַץ צו טויטען אים. ער האָט געוואָרפען אַ אומרוהיגען בליק אויפ׳ן נאָרמאַנס חבר; דאָס איז געווען אַ יונגער שוואַרצאויגיגער און שוואַרצהאָריגער מאַן, אויפ׳ן אויסזעהן — אַ איד. ביידע זיינען זיי געגאַנגען אָנגעטאָן אַזוי ווי גלאַדיאַטאָרען אויף דער אַרענע. אָפּגעוואויגען די דאָזיגע אַלע אומשטאַנדען, האָט בן־חור שוין מער קיין שום ספק ניט געקאָנט האָבען, אַז מ׳האָט אים אַריינגענאַרט אַהערצו אין פּאַלאַץ אַריין מיט אַ כּוונה. דאָ,

צווישן דער דאָזיגער פּראַכט און לוקסוס, איז אים באַשערט צו שטאַרבן, אָהן אַ שום האָפענונג אויף וועלכער ס'איז הילף.

ניט צו וויסן, וואָס ער זאָל טאָן, האָט ער געקוקט דאָ אויף דעם, דאָ אויף יענעם פון די צוויי אומבאַקאַנטע, און אין זיין מוח איז פאָרגעקומען דער אויסטערלישער פּראָצעס, ווען אונזער גאַנץ לעבן מיט אַלע מינדסטע פּרטים זיינע גייט פאַרביי פאַר אונזערע אויגן, עפּעס ווי ס'לעבן פון אַ אַנדער מענשן. די ערינערונג אָן דעם נעכטיגען ניצחון, ווען גאָט האָט איבערגעגעבן אין זיינע הענט דעם דם-שונא זיינעם, האָט אין אים געשטאַרקט זיין אמונה אין זיך, וואָס דאָס איז דער קוואַל פון קראַפט אין דער שעה פון געפאַר.

אָפּגעגורט זיין גאַרטעל, אָפּגעדעקט דעם קאָפּ, אַראָפּגעוואָרפען פון זיך זיין ווייסען אידישען מלבוש און געבליבען אין איין טוניקע, אַזוי ווי זיינע שונאים, האָט ער זיך צוגעגרייט צום קאַמף אי פיזיש אי גייסטיג. מיט צונויפגעלייגטע הענט, אָנגעשפּאַרט אָן דער זייל האָט ער רוהיג געוואַרט.

באַטראַכט די סטאַטוע אַ קורצע ווייל נאָר, האָט דער נאָרמאַן זיך אומגעקוקט און געזאָגט עפּעס צו זיין חבר אויף דעם אומפאַרשטענדלאַכען לשון. זיי האָבען זיך ביידע אומגעווענדט און אַ קוק געטאָן אויף בן-חורן. דערנאָך, זיך דורכגעוואָרפען מיט נאָך אַ פּאָר ווערטער, זיינען זיי צוגענאַנגען נעהענטער צו אים.

— ווער זייט איר? — האָט ער געפרעגט אויף לאַטיין.

מיט אַ שמייכעל, וואָס האָט אַגב ניט ווייכער געמאַכט זיין גזלנישען פּרצוף, האָט דער נאָרמאַן געענטפערט:

— באַרבאַרען.

— דאָס איז דער פּאַלאַץ פון אידערניי. וועמען דאַרפט איר דאָ האָבען? בלייבט שטיין און ענטפערט מיר.

די דאָזיגע ווערטער זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרען אין אַ טאָן פון אַ באַפעלער. זיי זיינען ווי ניט-ווילענדיג שטיין געבליבען און דער נאָרמאַן האָט פון זיין זייט אַ פרעג געטאָן:

— און ווער ביסטו?

אין דער ריז האָט דערביי פאַרוואָרפען דעם קאָפּ איננאַנצען אַהינטער.

— כאַ—כאַ—לאַ! איך האָב עפּעס געהערט אַ מעשה, אַז אַמאָל איז אַ נאַט געבאָרען געוואָרען פון אַ קוה, וואָס האָט גע־לעקט אַ שטיין זאַלץ; אָבער אַ נאַט וואָלט ניט בכוח געווען צו מאַכען אַ רוימער פון אַ אידען.

אויפגעהערט צו לאַכען, האָט ער ווידער עפּעס געזאָגט צו זיין חבר, און ביידע האָבען זיי געמאַכט אַ טריט נעהענטער צו בן־חורן.

— האַלט! — האָט בן־חיר זיך אָפּגערופען, אָפּגייענדיג פון דער וואַנט. — איין וואָרט!

יענע זיינען ווידער שטיין געבליבען.

— איין וואָרט! — האָט געענטפערט דער סאַקס, פאַרלייגנט זיינע גרויסע הענט אויף דער מעכטיגער ברוסט און איינהאַלטענ־דיג די רציחה, וואָס האָט שוין אָנגעהייבען צו רויטלען זיין פּנים. — נאָר איין וואָרט? טאָ רייד!

— דו ביסט טאָרד דער נאָרמאַן.

דער ריז האָט ברייט צועפענט זיינע בלויע אויגען.

— דו ביסט געווען אַ לאַניסטאַ אין רוים.

טארד האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ אויף יע.

— איך בין געוועזען דיינער אַ תלמיד.

— ניין, — האָט דער גלאַדיאַטאָר געענטפערט, אָפּשאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ, — איך שווער ביי אירמינס באָרד, אַז קיין איין אידען האָב איך ניט געלערנט די קונסט פון פעכטען.

— אָבער איך וועל דערווייזען, אַז יע.

— ווי אַזוי?

— איר זייט געקומען דאָ אהער מיך טייטען.

— האָסט געטראָפען.

— טאָ זאָל דער חבר זיך אַ פּרוב טאָן מיט מיר אין נעראַנ־געל, און איך וועל דיר ווייזען אויף אים, אַז איך בין דיינער אַ תלמיד.

דעם סאַקס פּנים האָט אויפגעלויכטען פאַר הנאה. ער האָט

זיך דורכגערעדט מיט זיין חבר און האָט געענטפערט מיט דער תמימות פון אַ קינד, וואָס ריכט זיך אויף אַ שיינער שפּיל:

— וואַרט אַ ווײַלע! איך וועל זאָגן, ווען אָנצוהייבן.

ער האָט אַרויסגעשטופּט מיט'ן פוס איינעם פון די דיוואַנען אויפ'ן מיטען צימער און האָט זיך אויסגעצויגען מיט זיין גאַנצען אומגעלומפּערטען קערפּער אַזוי ווי אין דער היים; געמאַכט זיך באַקוועם, האָט ער געזאָגט:

— נו איצט הייבט אָן!

אָהן איבעריגע שיהיות האָט בן-חור זיך אַ לאָז געטאָן אויף דעם געגנער.

— פּאַרטיידיג זיך! — האָט ער געזאָגט.

יענער האָט אויפגעהויבען די הענט גרייט צו געראַנגעל.

שטייענדיג אַזוי ביידע איינער אַנטקעגען דעם אַנדערן לויט אַלע כללים פון דער פעכט-קונסט, האָבען זיי אויסערליך ניט אַרויסגעוויזען כמעט קיין שום אומגלייכהייט; אדרבה, זיי זיינען געווען ענליך איינער צום אַנדערן אַזוי ווי ברידער. נאָר אויף דעם פרעמדענס פּנים האָט געשוועבט אַ ביטחונדיגער שמייכעל בשעת ווען בן-חורס געזיכט האָט אויסגעדריקט פינסטערע אַנט-שלאָסענקייט. וואָלט דער געגנער געוואוסט, ס'איז אַ קראַפט און ס'איז אַ בריהשאַפט עס איז פאַרבאָרגען אונטער דער דאָזיגער אַנטשלאָסענקייט, וואָלט עס געדינט אים אַלס התראה. ביידע האָבען זיי געוואוסט, אַז ס'איז אַ קאַמף אויף לעבען און טויט.

בן-חור האָט מיט דער רעכטער האַנט געמאַכט אַ באַוועגונג כלומרשט אויף אָנצופאַלען. דער געגנער זיינער האָט אָפּצוווערען זיך אַ ביסעל אויסגעשטרעקט די לינקע האַנט. בן-חור האָט זי תיכף-ומיד אַריינגעכאַפּט אַזוי ווי אין דער קלעם מיט זיין מעכ-טיגער האַנט, וואָס דער יאָרענלאַנגער רודער-דינסט האָט זי גע-מאַכט שטאַרק ווי שטאָל. די דאָזיגע באַוועגונג איז געקומען אַזוי אומגעריכט פאַר'ן גלאַדיאַטאָר, אַז ער האָט ניט געהאַט קיין צייט זיך צו שיצען. אַ וואָרף טאָן זיך פאָראויס, פאַרדרייען אים די האַנט אַרום האַלז צו דער רעכטער פּלייצע, אַ קער טאָן דעם זיינד מיט דער לינקער זייט צו זיך און מיט דער פרייער לינ-

קער האַנט דערלאַנגט אים אַ מוראדיגען זעץ איבערן נאַקעטען האַלז אונטערן אויער — דאָס אַלץ האָט געדויערט איין רגע. קיין צווייטען זעץ האָט ער שוין ניט באַדאַרפט. דער אומגליקליכער קרבן האָט געגעבען אַ פֿאַל צו דער ערד, אַפילו קיין פּיפּס ניט געטאָן, און איז געבליבען אומבאַוועגליך.

בן-חור האָט זיך אַ קער געטאָן צו טאָרדן.

— אײַ, גוט! איך שווער בײַ אירמינס באָרד — דו ביסט אַ יונג מיט ביינער! — האָט יענער אויסגערופען, זיך אויפזעצענדיג אויפ'ן דיוואַן. דערנאָך האָט ער זיך פונאַנדערגעלאַכט און געזאָגט:

— כאַ-כאַ-כאַ! בעסער וואָלט איך אַפילו אַליין אים ניט געפּטרט.

ער האָט אָפּגעמאָסטען בן-חורן מיט אַ קאַלטען בליק פון קאָפּ ביז די פיס. דערנאָך איז ער אויפגעשטאַנען און האָט געזאָגט מיט ניט-באַהאַלטענער התפּעלות:

-- דאָס איז דאָך טאַקע מיינס אַ קונץ-שטיקעל, אַ קונץ-שטיקעל, וואָס איך לערן שוין צעהן יאָר צייט אין די רוימישע שולען. ניין, דו ביסט ניט קיין איד. ווער-זשע ביסטו?

— דו האָסט געקאָנט אַריוסן, דעם דואומווירי?

-- קווינטוס אַריוסן? אַ שאַלה! ער איז געווען מיין פּאַטראָן!

— ער האָט געהאַט אַ זון.

— יע — האָט טאָרד געזאָגט און איבער זיין גזלניש פּנים האָט זיך געלייגט אַ אויסדרוק פון ביינקשאַפט — איך האָב דעם יונג געקאָנט. פון אים וואָלט געקאָנט אויסוואַקסען אַ מלך פון אַ גלאַדיאַטאָר. דער קיסר איז געווען צו אים זעהר גוט. איך האָב אים אויסגעלערענט יענץ קונץ-שטיקעל, וואָס דו האָסט עס נאָר-וואָס אויסגעפּרובט אויף אָט-אָ-דעם-אָ. נאָר דער וואָס האָט אַזעלכע הענט ווי מיינע, קאָן עס דערווייזען. ניט איין קראַנץ האָב איך צו פאַרדאַנקען דעם דאָזיגען קונץ-שטיקעל.

— איך בין עס יענער זון פון אַריוס.

טאָרד איז אָפּגעטראָטען אַהינטער און האָט אים אויפמערקזאַם באַטראַכט. אין זיינע אויגען האָט זיך פלוצלונג אָנגעצונדען אַ אמתע פרייד. לאַכענדיג האָט ער אויסגעשטרעקט בן-חורן די האַנט.

— כאַ-כאַ-כאַ! אַבי ער האָט געזאָגט. אַז איך וועל דאָ גע-פֿינען אַ אידען, אַ אידען, אַ כּלב פֿון אַ אידען, וואָס טויטען אַזעל-כען איז די גרעסטע מצווה פֿאַר די געטער.

— ווער האָט עס דיר געזאָגט? — האָט בן-חור געפֿרעגט, אָנגעמענדיג די דערלאַנגטע האַנט.

— אָט דער מעסאַלע, כאַ-כאַ-כאַ!

— ווען, טאַרד?

— נעכטען אין אָוועגט.

— און איך האָב געמיינט, אַז ער איז פֿאַרוואונדעט.

— ער וועט שוין מער קיינמאָל ניט קאָנען גיין. ער האָט זיך געלאָזט רופֿען צו זיין בעט און קרעכצענדיג פֿאַר יסורים געהייסען דיך הרגענען.

ווי לעבעדיג ס'איז אָפּגעשילדערט געוואָרען מעסאַלעס האַס אין די דאָזיגע געציילטע ווערטער! בן-חורן איז קלאָר געוואָרען, אַז כּל-זמן דער רוימער לעבט, וועט ער פֿאַר אים זיין אַ שטענ-דיגע סכּנה און וועט אים פֿאַרפֿאָלגען מיט אַלע תּחבולות. די איינציגע טרייסט אין זיין צושטערטען לעבען איז אים געבליבען אַצינד נאָר נקמה! דעריבער האָט ער זיך אַזוי עקשנותדיג גע-קלאַמערט אָן דעם פֿאַרמעגען, וואָס ער האָט פֿאַרשפּילט אין דעם געוועט מיט סנבלט'ן. בן-חור האָט באַקלערט אין געדאַנק, וויפֿיל מיטלען און וועגען דער דם-שונא זיינער האָט אין רשות צו שטערען און שאַטען אים אין דער צוקונפֿט. פֿאַרוואָס זאָל ער זיך אויך ניט ווענדען צו דעם רוימערס מיטלען? דעם מער-דער, וואָס מ'האָט אונטערגעקויפֿט צו טויטען אים, קאָנען אויך אַנדערע דינגען. מ'דאַרף אים נאָר העכערען דעם מקח. דער נסיון איז געוועזן גרויס, און בן-חור איז שוין געווען גרייט דעם דאָזי-גען נסיון נאָכצוגעבען. פּלוצלונג איז זיין בליק צופֿעליג געפֿאַ-לען אויף זיין טויטען געגנער, וועלכער איז געלעגען אויף דער ערד, מיט'ן בלייכען פּנים אַרויפֿצו, זעהר ענליך אויף אים, אויף בן-חור'ן.

אַ נייער געדאַנק האָט דורכגעבליצט אין זיין מוח, און ער האָט געפֿרעגט:

— טאָרד, וויפיל האָט מעסאַלע דיר צוגעזאָגט פאַר הרגענען מיך?

— טויזענט סעסטערציעס.

— דו וועסט זיי באַקומען; און אויב דו וועסט טאָן, וואָס איך וועל דיר הייסען, קריגסטו נאָך דריי טויזענט אַ צוגאָב.

דער ריז האָט אָנגעהויבען חשבונען אויפ'ן קול.

— נעכטען האָב איך געוואונען פינף טויזענט; פון דעם רוימער טויזענט—איז זעקס טויזענט; גיב מיר פיר טויזענט, איידעלער אַריוס, נאָך פיר טויזענט, און איך וועל שטיין פאַר דיר שטאָל און אייזען, מעג מיך אַפילו ט אָ ר אַליין טויטען מיט זיין האַמער. גיב מיר פיר טויזענט און איך וועל הרגענען דעם פאַלשען פאַטריציער, אויב דו וועסט מיר הייסען. איך דאַרף נאָר אַרויפלייגען מיין האַנט אויף זיין מויל — אָט אַזוי.

ער האָט עס געוויזען באַשיינפערליך, פאַרדעקענדיג זיך דאָס מויל מיט זיין אומגעלומפּערטער לאַפּע.

— איך פאַרשטיי—האָט בן-חור געזאָגט—צעהן טויזענט סעסטערציעס איז אַ אייגענס. מיט אַזאַ סטמין וועסטו זיין אימשטאַנד אומציקערען זיך צוריק קיין רוים, עפענען דאָרטען אַ וויינהויז לעבען מאַקסימוס צירק און פירען אַ לעבען, ווי עס פאַסט פאַר דעם ערשטען צווישען די פעלט-מייסטערס.

די שראַמען אויף דעם ריזס פּנים האָבען זיך צושיינט פאַר פאַרגעניגען פון אַזאַ מין פערספּעקטיווע.

— איך וועל דיר געבען פיר טויזענט סעסטערציעס — האָט בן-חור ווייטער גערעדט און וועסט גאָרניט דאַרפען פאַרגיסען קיין בלוט דערפאַר. הער מיך אויס, טאָרד! איז ער, דער חבר דיינער, ניט געראָטען אין מיר?

— איך וואָלט געמאָגט שווערען, אַז ביידע זייט איר עפּעל פון איין בוים.

— גוט. איז אויב איך וועל אָנטאָן זיין טוניקע און אים וועל איך איינוויקלען אין מיינע מלבושים, און מיר ביידע, איך מיט דיר, וועלען אַוועקגיין פון דאַנען און אים וועלען מיר איבערלאָזען דאָ, וואָלסטו דען ניט געקאָנט באַקומען דיינע טויזענט סעסטערציעס

בײַ מעסאַלען? דו דאַרפֿסט אים נאָר אײַנרײדען, אַז דער טויטער בין איך.

טאָרד האָט זיך פֿונאַנדערגעלאַכט, אַוש טרערען האָבען זיך אים געקײקעלט איבער די באַקען.

— לאַ־לאַ־כאַ־כאַ! אַזוי גרינג זײַנען נאָך קײנעם קײן צעהן טויזענט סעסטערציעס ניט אָנגעקומען! און אַ װײַנהויז לעבען מאַקסימוס צירק!.. און דאָס אַלץ נאָר פֿאַר אַ ליגען זאָגען, ניט אַ טראָפּען בלוט צו פֿאַרגיסען! כאַ־לאַ־כאַ! גיב מיר, דײַן האַנט, זון פֿון אַריוס! אָפּגעמאַכט! טו זיך איבער און... לאַ־לאַ־כאַ! אַז דו װעסט װען־עס־איז זײַן אין רוים, זאָלסטו ניט פֿאַרגעסען אַרײַנכאַפּען זיך אין דעם װײַנהויז פֿון טאָרד דעם נאָרמאַן. איך שװער בײַ אירמינס באָרד, איך װעל דיך מכבד זײַן מיט׳ן בעסטען װײַן װען איך זאָל אים אַפֿילו מוזען באָרגען בײַ צעזאַרן אַלײן.

זײ האָבען זיך נאָך אַ מאָל נעגעבען די הענט, און בן־חור האָט זיך געביטען מיט די קלײדער מיט דעם דערהרגעטען. דערנאָך האָבען זײ אָפּגערעדט, אַז בײַנאַכט װעט אַ שליח ברענגען אין טאָרדס װאױנונג די פיר טויזענט סעסטערציעס. דאַן האָט דער ריז אָנגעקלאַפּט אין אַ טיר; זי האָט זיך אויפגעעפענט און ער האָט אַרויסגעפירט בן־חורן פון אטריום אין אַ דערבײַאיגען חדר, װאו דער איד האָט אַרויפגעצױגען אויף זיך די גראָבע אײבער־בגדים פון דעם טויטען פֿויסט־ראַנגלער. בײַם אָמפּאַלוס האָבען זײ זיך צושײדט.

— ניט פֿאַרגעס־זשע, זון פון אַריוס, אויפצוזוכען דעם װײַנהויז לעבען דעם מאַקסימוס צירק! לאַ־כאַ־כאַ! װאו איז דאָס געהערט געװאָרען, אַזוי גרינג צו פֿאַרדינען אַזאַ עשירות — בײַ אירמינס באָרד! די געטער זאָלען דיך אָפּהיטען!

אַרויסגײענדיג פון אטריום, האָט בן־חור געװאָרפען אַ לעצטען בליק אויף דעם טויטען, װאָס איז שוין געלעגען אין די אידישע מלבושים, און האָט זיך אינגאַנצען באַרוהיגט: די ענליכקײט אי זעװעזען מאָדנע אײנגעגעבען. אויב טאָרד װעט האַלטען װאָרט און װעט ניט אויסזאָגען װעט דער חילוף בלײַבען אַ אײביגער סוד.

* * *

אין אָוונט האָט בן־חור בײַ סימאָנידעסן אין הויז דערציילט דעם אײדעלן זקן אַלצדינג, וואָס האָט פּאַסירט מיט אים אין דעם פּאַלאַץ פֿון אידערניי. ס׳איז נעבליבען, אַז אין עטליכע טעג אַרום וועט סימאָנידעס לאָזען אויסרופען אַ עפֿענטליכע אויספֿאָרשונג, צו דערגײן, וואו ס׳געפינט זיך דער פֿאַרפֿאַלענער זון פֿון אַריוס. אויך איז באַשלאָסען געוואָרען געבען צו וויסען וועגען דעם מאַקסענציוס דעם קאָנסול. אויב דער סוד וועט זיך ניט אויפֿדעקען, וועט דאָס זײַן אַ סימן, אַז מעסאַלע און גראַטוס האָבען זיך אינגאַנצען באַרוהיגט, און בן־חור קאָן אומגעשטערט און פֿרײַ זיך אַוועקלאָזען קיין ירושלים, זוכען זײַן פֿאַרלאָרענע משפּחה.

בײַם געזעגענען זיך האָט סימאָנידעס, זיצענדיג אין זײַן לענשטול אויף דער דאַך־טעראַסע, אָנגעוואונשען בן־חורן אַלדאָס גוטס און מיט דער צערטליכקייט און ליבשאַפֿט פֿון אַ טאַטען געבענטשט אים אויפֿ׳ן וועג. אסתּר האָט אים באַלייט ביז די טרעפּ.

— אַז איך וועל געפינען מײַן מאַמען, אסתּר, וועסטו קומען צו אונז קיין ירושלים און וועסט זײַן פֿאַר תּירצה׳ן אַ שוועסטער.

מיט די ווערטער האָט ער זי אַ קוש געטאָן.

איז דאָס געווען נאָר אַ קוש פֿון אַ ברודער?

ניט ווײַט פֿון אילדערימס לעצטער אכסניה האָט ער זיך אַריבערגעשיפֿט איבערן טײַך. דאָרטען האָט שוין געוואַרט אויף אים אַ אַראַבער, וועלכער האָט אים געדאַרפֿט דינען אַלס וועג־װײַזער. מ׳האָט אַרויסגעפֿירט די פֿערד.

— אָט דער איז דײַנער — האָט דער אַראַבער געזאָגט.

בן־חור האָט אַ קוק געטאָן אויפֿ׳ן פֿערד — ערשט דאָס איז אַלדעבאַראַן, דער געשווינדסטער און דער גערימטסטער פֿון אַלע מירעס קינדער, צוגלײַך מיט סיריוסן דעם שייכס ליבלינג. בן־חור האָט פֿאַרשטאַנען, אַז מיט דער דאָזיגער מתּנה, דער בעסטער, וואָס דער שייך האָט פֿאַרמאָגט, האָט ער אים געשאָנקען זײַן האַרץ.

בײַנאַכט האָט מען פֿון אַטריום אַרויסגעטראָגען דעם הרוג און באַגראָבען. און מעסאַלע האָט אויף ניך געשיקט אַ שליח צו גראַ-

טוסן מיט אַ ידיעה, אַז ער מאָג שוין זיין רוהיג: בּן-חור איז טויט און דאָססמאָל שוין אויף געווים!

אין אַ צייט אַרום האָט אין רוים זיך געעפענט לעבען מאַקסימוס צירק אַ וויינהויז און איבער דער טיר איז געוועזען אַ אויפשריפט: טאָרד דער נאָרמאַן.

**סוף פערטער טייל.**

# פינפטער טייל

## קאַפּיטעל איינס.

### קאמער נומער 6.

ס'איז שוין אַריבּער דרייסיג טעג זינט יענער נאַכט, ווען בּן-חיר האָט פאַרלאָזען אַנטיאָכיע צו ציהען מיט'ן שייך אילדערים אין דער מדבּר אַריין.

פאַר דער צייט איז אין די רעגירונגס-קרייזען פון יהודה נעוואָרען אַ גרויסע פאַרענדערונג, גרויס לכל-הפּחות אויף אַזויפיל, אויף וויפיל זי איז נוגע געווען דעם גורל פון אונזער העלד: וואַלעריוס גראַטוס האָט געמוזט אָפּטרעטען זיין אָרט פאָנטיוס פּילאַטוס'ן.

די דאָזיגע פאַרענדערונג האָט, אַגב אורחה בּאַמערקט, געקאָסט סימאָנידעסן נעגויע פינף טאַלאַנט אין רוימיש געלט. דאָס האָט ער בּאַצאָלט סעיאַנוסן, דעם קיסרס פאַוואָריט, וועלכער איז דעמאָלט געשטאַנען אויפ'ן העכסטען שטאַפּעל פון זיין מאַכט. אויסען איז סימאָנידעס געוועזען געבּען דערמיט בּן-חורן אַ מיגלאַכקייט אָהן סכּנה פאַר זיין פּערזאָן צו חוקר-ודורש זיין אין ירושלים און אין דער סביבה וועגען זיין מאַמען און שוועסטער. צום דאָזיגען צוועק האָט דער טרייער דינער בּאַשטימט די געלט, וואָס דרוזוס און זיינע חבירים האָבּען בּיי אים פאַרלאָרען. בּאַצאָלט די פאַרשפּילטע געוועטען זייערע, זיינען די דאָזיגע יונגע רוימער אַלע — נעוואָרען דם-שונאים מעסאַלען, הגם די פראַגע וועגען אַראָפּזועצען אים איז נאָך אין רוים געשטאַנען אָפען.

שוין אין אַ קורצער צייט אַרום נאָך פּילאַטוסעס בּאַשטימונג,

האָבען די אידען זיך אַרומגעזעהען, אַז די פאַרענדערונג אין דער ממשלה איז פאַר זיי נישט צו גוטען.

די קאָהאָרטעס, וואָס האָבען באַדאַרפט אָפּהיטען דעם ביזאהעריגען גאַרניזאָן פון שלאָס אַנטאָניע, זיינען אַריין אין שטאָט ביינאַכט. און אויף מאָרגען אין דער פריה האָבען די איינוואוינער אין שכנות מיט ׳ן שלאָס די ערשטע זאַך דערזעהן אויף די ווענט פון דער אַלטער פעסטונג ביוסטען פון קיסר, רוימישע אָדלערס און קוילען. דער אויפגערעגטער המון האָט זיך אַ לאָז געטאָן קיין קיסריה, אין פּילאַטוסעס רעזידענציע, און אים געבעטען רחמים, ער זאָל אַוועקנעמען די פאַרהאַסטע בילדער. פינף טעג מיט פינף נעכט האָבען זיי באַלאַגערט די טויערען פון זיין פּאַלאַץ, ביז וואַנען פּילאַטוס האָט מסכים געווען אַריינצולאָזען זיי אין צירק אַריין אויף אונטערהאַנדלונגען. אַז זיי האָבען זיך דאָרטען פאַרזאַמעלט, האָט ער זיי אַרומגערינגעלט מיט סאָלדאַטען און האָט זיי געשראָקען, אַז ער וועט זיי לאָזען אויסקוילען, אויב זיי וועלען זיך שטעלען אַנטקעגען. אָבער אָנשטאָט אַ ווידערשטאַנד האָבען די אידען זיך אַנידערגעלייגט אויף דער ערד, אויסגעשטרעקט זייערע העלזער און ערקלערט, אַז זיי זיינען גרייט בעסער צו שטאַרבען, איידער צו דערלאָזען, אַז מ׳זאָל די שטאָט מטמא זיין מיט די בילדער, וואָס זיינען בעצם עבודה־זרה. פּילאַטוס איז נשתומם געוואָרען איבער דער שטאַנדהאַפטיגקייט פון די אידען און האָט געמוזט נאָכגעבען. ער האָט געהייסען די רוימישע מיליטער־צייכענס און דעם קיסרס בילדער ברייננען צוריק קיין קיסריה, וואו גראַטוס האָט אין קלוגער פאָרזיכטיגקייט זיי געהאַלטען די גאַנצע עלף יאָר פון זיין ממשלה.

אָבער אַפילו דער גרעסטער רשע איז טיילמאָל מפסיק זיין ביזען לעבענס־שטייגער דורך גוטע מעשים. אַזוי איז אויך געווען מיט פּילאַטוסן. באַלד ווי ער איז אַרויף אויף זיין שטעלע, האָט ער פאַראָרדענט צו מאַכען אַ גענויע רעוויזיע פון אַלע תּפיסות אין יהודה און האָט אַרויסגעפאָדערט אַ רשימה פון אַלע שבויים און פון די פאַרברעכענס, פאַר וועלכע זיי זיינען פאַרמשפּט געוואָרען צו געפיינקעניש. דערצו האָט אים אָהן שום ספק באַוואוי־

גען דער געפיל פון דער גרייסער אחריות, וואָס ער האָט גענו-
מען אויף זיך, ווי דער סדר איז מיט באַאמטע, וואָס ווערן באַ-
שטימט אויף פאַראַנטוואָרטליכע שטעלעס. דער פאָלק אָבער, האָ-
פענדיג אויף די גוטע רעזולטאַטען פון זיין פאַראָרדענונג, האָט זי
אויסגעטייטשט צו גוטען און איז, לכל-הפחות, די ערשטע צייט
געווען באַפרידיגט.

די רעוויזיע פון די תפיסות האָט אַנטפּלעקט אומגלויבלאַכע זאַ-
כען. הונדערטער שבויים האָט מען אַרויסגעלאָזט אויף דער פריי,
וואָרום מ׳האָט קעגען זיי ניט געקאָנט אויסזוכען קיין שום חטאים.
אַ סך אַנדערע, וואָס מ׳האָט זיי שוין לאַנג געהאַלטען פאַר שוכני-
עפר, זיינען אַרויס אויף גאָטס וועלט. אָבער נאָך אויסטערלישער
איז געווען, וואָס מ׳האָט אַנטפּלעקט תפיסות, וואָס ניט נאָר דער
פאָלק האָט ניט געוואוסט פון זיי, נייערט די ממונים גופא האָ-
בען פאַרגעסען אָן זיי... איין פאַל אַזעלכען וועט אונז אויסקומען
אַצינד צו באַשרייבען,[7] אין משונה׳דיגער ווי אַלץ, וואָס געשעהן
איז ער דווקא אין ירושלים.

דער שלאָס-טורים אַנטאָניע האָט, ווי דער לעזער וועט זיך
דערמאָנען, פאַרנומען צוויי דריטעל פונ׳ם הייליגען באַרג מוריה.
אויסגעבויט האָבען אים די מוקדונים. שפּעטער האָט יוחנן הורקנוס
איבערגעמאַכט דעם שלאָס אין אַ פעסטונג צו שיצען דעם בית-
המקדש; שוין אין זיין צייט האָט מען די פעסטונג געהאַלטען פאַר
נישט איינצונעמען. אָבער דער דרייסטער אונטערנעמערישער גייסט
פון הורדוסען האָט זיך דערמיט ניט באַנוגענט. ער האָט פאַר-
שטאַרקט די מויער-ווענט, פאַרברייטערט דעם גאַנצען בנין און
צוגעבויט באַראַקען, אַרסענאַלען, וואַרשטאַטען, שפּייכלערס, ציס-
טערנעס, דערהויפּט אָבער כל׳ערליי תפיסות. ער האָט געלאָזט
אויסגלייכען דעם פעסטען פעלז, אויסגעבויערט דאָרטען טיפע איינ-
שניטען און האָט אויפגעבויט אויף זיי הויכע ווענט. די מעכטיגע
מאַסע פונ׳ם גאַנצען בנין האָט ער דאַן פאַרבונדען מיט׳ן בית-
המקדש דורך אַ הערליכער קאָלאָנאַדע, וואָס פון איר דאַך האָבען
זיך געזעהן די הויפען פונ׳ם בית-המקדש. אָט אין אַזאַ מצב האָט
זיך געפונען דער שלאָס, בשעת ער איז פון הורדוסעס רשות ארי-

בער אין רשות פון די רויטער. די רוימער האָבן אַרויסגעזעהן די שטאַרקייט און די איבעריגע מעלות פונ'ם בנין. און האָבן אים אויסגענוצט פאַר זייערע צוועקען, וואָס דערויף זיינען זיי בכלל געוועזן גרויסע בריות. פאַר דער גאַנצער צייט פון גראַטוסעס ממשלה האָט דער שלאָס אַנטאָניע געדינט אַלס ציטאַדעלע מיט אַ גאַרניזאָן. זיינע אונטערערדישע תפיסות האָבן געוואָרפן אַ אימה אויף אַלע מורדים. ווי דעם פאָלק, ווען די קאָהאָרטען פלעגן אַרויסקומען פון זייערע טויערן צו דערשטיקן אַ אויפשטאַנד! ווי אויך דעם אידען, וואָס פלעגט אַריינגעפירט ווערן דורך די דאָזיגע טויערן צו פאַרשווינדען אין די אונטערערדישע תפיסות!

אָבער לאָמיר זיך ווידער אומקערען צו אונזער סיפור-המעשה.

* * *

דעם נייעם פראָקוראַטאָרס באַפעל וועגען די רשימות פון די געפאַנגענע איז אָנגעקומען אויך אין שלאָס אַנטאָניע און מ'האָט אים דאָרטען פינקטליך מקיים געווען. אין צוויי טעג אַרום איז דער לעצטער אומגליקלאַכער אַרויסגעפירט געוואָרען פון זיין קע-מערל צו חקירה-ודרישה. אויפ'ן טיש פונ'ם טריבון איז שוין גע-לעגען דער באַריכט, אויסגעסדרט אין טאַבעלעס, פאַרטיג צום אָפשיקען. אין פינף מינוט אַרום וועט ער שוין זיין אויפ'ן וועג צו פילאַטוסן, וואָס האָט זיך דאַן געהאַט אָפגעשטעלט אינ'ם פאַלאַץ אויפ'ן באַרג ציון.

דעם טריבונס קאַנצעלאַריע איז געווען אַ גערוימער, לופטיגער חדר, מעבלירט מיט דער חשיבות, וואָס ס'האָט געפאַסט פאַר'ן האַר פון אַזאַ ווילכטיגען פאָסטען. קאָנטיג פאַרמאַטערט, האָט דער טריבון מיט אומגעדולד געוואַרט, ביז ס'וועט פאַרטיג ווערען דער באַריכט. איצט, אין דער זיבעטער שעה פון טאָג, האָט ער גע-ביינקט נאָך פרישע לופט און באַוועגונג אויפ'ן דאַך פון דער קאָ-לאָנאַדע, פון וואַנען מ'קאָן אויך אָנקוקען, וואָס טוען די אידען אין די הויפען פון בית-המקדש. זיינע אונטערטעניגע און שרייבער זיינען אַפנים אויך געווען אומגעדולדיג.

אין דער צייט האָט אין דער טיר, וואָס האָט געפירט אינ'ם

דערבײאיגען ציטער אַרײַן, זיך געוויזען אַ מענש מיט אַ כּונד שליסלען אין האַנט, און יעדער שליסעל איז געווען שווער ווי אַ האַמער; דער אַרײַנגעקומענער האָט גלײַך אַרויסגערופֿען די אויפמערקזאַמקײַט פֿונ׳ם האַר.

— אַ, געזיוס! קום אַרײַן! — האָט דער טריבון געזאָגט.

אַז דער מענש האָט זיך דערנעהענטערט צום טיש, הינטער וועלכען ס׳איז אין אַ לענשטול געזעסען דער טריבון, האָבען אַלע, פֿול ערוואַרטונג, געווענדט אויף אים זײערע בליקען, ציקאַווע צו הערען, וואָס וועט ער זאָגען אַזוינס, וואָרים אויף זײַן פּנים איז געלעגען אַ אויסדרוק פֿון צוטראָגענקײַט און איבערראַשונג.

— אָ טריבון! — האָט ער אָנגעהויבען, זיך אַפריהער נידעריג אַ בוק געטאָן, — איך האָב מורא אַרויסצורײדען, וואָס איך האָב דיר צו זאָגען.

— וואָס, נאָך אַ פֿאַרזעהן, האַ, געזיוס?

— ווען איך וואָלט זיך אַלײן געקאָנט אײַנרײדען, אַז ס׳איז ניט מער ווי אַ פֿאַרזעהן, וואָלט איך זיך ניט אַזוי געשראָקען.

— הכּלל, אַ פֿאַרברעכען, אָדער נאָך וואָס ערגער — אַ חטא קעגען דער דיסציפּלינע? דו ווײסט דאָך, אַלצדינג קאָן מען מוחל זײַן, אַ עבירה קעגען קיסר, אַ פֿאַרשווערונג פֿון די געטער — אָבער באַלײדיגען די רוימישע אָדלערם — דאָס קײנמאָל ניט. נו, געזיוס, דערצײל-זשע ווײטער.

— שוין באַלד אַכט יאָר, ווי וואַלעריוס גראַטוס האָט מיך געמאַכט פֿאַרן ממונה איבער׳ן געפײַנקעניש דאָ אין דעם שלאָס — האָט דער מענש מיט אַ יישוב-הדעת אָנגעהויבען. -- איך געדײנק נאָך דעם פֿריהמאָרגען, ווען איך האָב איבערגענומען דין התחייבות׳ן פֿון מײַן נײַער שטעלע. מיט אַ טאָג פֿריהער איז געווען אַ מרידה און אַ געשלעג אין די גאַסען. אַ סך אידען זײַנען דערהרגעט געוואָרען, און אויך מיר האָבען געהאַט טויטע און פֿאַרוואונדעטע. ווערליג מ׳האָט גערעדט, איז די סיבה פֿון דער מרידה געווען אַ אַטענטאַט אויפ׳ן פּראָקוראַטאָר. אַ ציגעל, וואָס מ׳האָט אַראָפּגעשלײדערט פֿון דאַך, האָט געטראָפֿען דעם פּראָקוראַטאָר און אים אַראָפּגעוואָרפֿען פֿון פֿערד אויף דער ערד. אויפ׳ן זעלביגען

שטול, אויף וועלכֿען דו זיצט איצט, אָ טריבון, האָב איך אים געזעהן זיצענדיג אַ טאָג נאָכ'ן אומגליק מיט אַ איבערגעבונדרענעם קאָפּ. ער האָט מיר מודיע געווען וועגען מיין באַשטימונג און האָט מיר איבערגעגעבען די דאָזיגע שליסלען; די נומערן אויף זיי זיינען לויט די קאַמערן. ער האָט מיר ערקלערט, אַז די שליסלען זיינען דער צייכֿען פון מיין אַמט, און האָט מיר פֿאַרזאָגט, זיי קיינעם אין די הענט ניט צו געבען. אויפ'ן טיש פאַר אים איז געלעגען אַ פּאַרמעטענע מגילה. ער האָט זי פֿונאַנדער־געעפענט און האָט מיך צוגערופען נעהענטער צו זיך. „דאָס זיינען די פּלאַנען פון די תפיסה־קאַמערן", האָט ער צו מיר געזאָגט. פּלאַנען זיינען געווען דריי. „אָט דאָס איז דער פּלאַן פונ'ם אויבערשטען גאָרן, — האָט ער צוגעגעבען. — דער איז פֿונ'ם צווייטען גאָרן און דער איז פונ'ם אונטערשטען. איך טרוי זיי דיר אָן".

איך האָב זיי ביי אים צוגענומען פֿון האַנט און ער האָט מוסיף געווען: „אַצינד האָסטו די שליסלען און די פּלאַנען; גיי־זשע תיכף־ומיד און באַקאָן זיך מיט דער תּפֿיסה; באַזוך יעטווידער קאַמער און קוק זיי אַרום. טאָמער וועט זיך וואָס־עס־איז פֿאָדערן, אום צו באַוואָרענען זיך בעסער קעגען די אַרעסטאַנטען, מעגסטו לויט דיין איינזעהעניש אָננעמען מיטלען, וואָרים אַחוץ מיר ביסטו אַליין דאָ בעל־הבית, דו און מער קיינער ניט.

איך האָב זיך אַ נויג געטאָן און זיך אויסגעדרייט אַוועקציגיין, ערשט ער האָט מיך ווידער אַ רוף געטאָן. „אַך, איך האָב גאָר פֿאַרגעסען, האָט ער געזאָגט. גיב מיר דעם פּלאַן פונ'ם אונטערשטען גאָרן". איך האָב אים דערלאַנגט. „זעהסט, געזיוס, אָט די קאַמער?" — האָט ער געזאָגט, אָנטײטענדיג מיט'ן פינגער אויף דער קאַמער נומער Y. „אין דער דאָזיגער קאַמער זיצען פֿאַרשפּאַרט דריי מענשען, גרויסע פֿאַרברעכֿער; זיי זיינען, כ'ווייס ניט ווי אַזוי, דערגאַנגען אַ וויכטיגען מלוכה־סעקרעט און קומען איצט אָפּ די שטראָף פֿאַר זייער נייגירינקייט, וועלכֿע איז (ער האָט שטריינג אויף מיר אַ קוק געטאָן) אין אַזעלכֿע זאַכֿען ערגער ווי אַ פֿאַרברעכען. מ'האָט זיי אויסגעשטאָכען די אויגען, אויסגעריסען די צינגער און פֿאַרשפּאַרט אויף אייביג דאָרטען אונטען. זיי טאָ־

רען קײן שום זאַך ניט באַקומען אויסער ברויט מיט וואַסער, וואָס מ׳דערלאַנגט דורך אַ לאָך אין דער וואַנט; די לאָך פאַרמאַכט זיך מיט אַ טירעלע. האָסטו מיך פאַרשטאַנען, געזויס?״ איך האָב געענטפערט, אַז יע. „גוט״, האָט ער געזאָגט און האָט אויף מיר ווידער אַ קוק געטאָן אַזוי ווי מיט אַ התראה, „נאָך איין זאַך זאָלסטו ניט פאַרגעסן: די טיר פון אָט דער קאַמער, קאַמער נומער Y אין אונטערשטען גאָרן, אָט איז זי, געזויס״, ער האָט נאָך אַמאָל אַרויפגעלײגט דעם פינגער אויף נומער Y, אַזוי ווי כדי זי בעסער אײַנצוקריצען אין מײַן זיכרון, — „די דאָזיגע קאַמער נומער Y טאָר קײנמאָל ניט און בשום-אופן ניט געעפנט ווערען. קײנער טאָר ניט אַרײַן אָדער אַרויסגײן, אַפילו די אַלײן אויך ניט״, און טאָמער שטאַרבען זײַ? — האָב איך געפרעגט. „טאָמער וועלען זײַ שטאַרבען, — האָט זיך גראַטוס אָפּגערופען, וועט די קאַמער זײַן זײער קבר. מ׳האָט זײ טאַקע אַרײַנגעזעצט אַהינצו, כדי זײ זאָלען שטאַרבען, אויף אײביג פאַרשווינדען. פאַרשטאַנען?״

מיט די ווערטער האָט ער מיך אָפּגעלאָזען.

געזויס איז אַנטשווינגען געוואָרען און האָט אַרויסגעצויגען אויס די פאַלבען פון זײַן טוניקע דרײַ פאַרמעטענע מגילות, פאַרגעלטע פון צײַט און פון אָפטען באַנוצען; ער האָט אויסגעקליבען אײנע פון זײ, האָט זי אויסגעשפרײט אויפ׳ן טיש פאַרן טריבון און האָט געזאָגט:

— אָט איז דער פּלאַן פונ׳ם אונטערשטען גאָרן.

אַלע דערבײַגעוועזענע האָבען זיך אַריבערגעבויגען איבער׳ן פלאַן, אויף וועלכען ס׳איז געווען אָנגעצײכענט אָט דאָס:




— דאָס איז דער פּלאַן, וואָס איך האָב באַקומען פון גראַטוס׳ן, — טריבון — האָט געזויס געזאָגט — זעהסט, אָט איז די קאַמער נומער Y.

— איך זעה — האָט דער טריבון געענטפערט — איז בכן?

— וואָלט איך דיר איצט וועלען שטעלען אַ שאלה, טריבון — האָט דער אויפֿזעהער מיט עניוות געזאָגט.

— פרעג.

— האָב איך דען ביי אַזעלכע אומשטאַנדען ניט געהאַט דאָס רעכט צו האַלטען דעם דאָזיגען פּלאַן פאַר זיכער און ריכטיג?

— אַוודאי , ווי-זשע אַנדערש.

— יע, אָבער דער פּלאַן איז ניט קיין ריכטיגער.

דער טריבון האָט מיט ערשטוינונג אויפגעהויבען די אויגען.

— דער פּלאַן איז אַ פֿאַלשער — האָט נעזיוס איבערגעחזרט — אויף אים איז אָנגעוויזען נאָר פינף קאַמערן אינ'ם אונטערשטען גאָרן, אין דער אמתן אָבער איז דאָרטען פֿאַראַן ז ע ק ס.

— וואָס הייסט ז ע ק ס?

— אָט וועל איך דיר ווייזען דעם גאָרן, ווי ער איז אין דער אמתן אָדער ווי ער דאַרף זיין לויט מיין השערה.

און ער האָט גענומען זיינע שרייב-טאָוועלאַך, אָנגעצייכענט אויף איינעם פון זיי פאָלגענדען פּלאַן און דערלאַנגט אים דעם טריבון:




— דו ביסט גערעכט — האָט דער טריבון געזאָגט, אַ קוק געבענדיג אויף דער צייכענונג און מיינענדיג, אז ס'איז שוין אַ סוף צום סיפור-המעשה — איך וועל הייסען ענדערן דעם פּלאַן אָדער בעסער: גאָר מאַכען אַ נייעם. קאָנסט מאָרגען קומען נאָך אים, ער וועט שוין זיין פאַרטיג.

מיט די ווערטער איז ער אויפגעשטאַנען פון אָרט.

— אָבער הער מיך ווייטער אויס, טריבון.

— מאָרגען, נעזיוס, מאָרגען!

— דאָס, וואָס איך וויל דיר זאָגען, קאָן מען ניט אָפּלייגען.

גערולדיג האָט דער טריבון זיך ווידער אַראָפּגעלאָזט אין לענ־שטול אַריין.

— איך וועל עס מאַכן בקיצור — האָט געזיים מיט עניוות געזאָגט — אָבער איך מוז דיך פרעגן נאָך איין זאַך: צי האָב איך דען ניט געדאַרפט גלויבען, אַז דאָס, וואָס גראַטום האָט מיר געזאָגט וועגען די אַרעסטאַנטען פון קאַמער נומער Y, איז אַ אמת?

— אוודאַי ביסטו אים מחויב געווען צו גלויבען — האָט דער טריבון זיך אָפּגערופען — ער האָט דיר געזאָגט, אַז אין דער קאַמער געפינען זיך דריי מלוכה־פאַרברעכער, בלינדע, מיט אַרויסגעריסענע צינגער, איז עס דאָך מסתמא טאַקע אַזוי.

— אָט דאס איז דאָך די מעשה, אַז ניט.

— סטייטש? — האָט דער טריבון אויסגערופען, ווידער שטאַרק פאַראינטערעסירט.

— הער מיך אויס און טראָג אַליין אַרויס דעם משפט, טריבון. לויט'ן באַפעל האָב איך רעווידירט אַלע קאַמערן פונ'ם אויבערשטען גאָרן ביז דעם אונטערשטען. דער באַפעל קיינמאָל ניט צו עפענען די טיר פון קאַמער נומער Y איז שטרייננג מקויים געוואָרען. די גאַנצע אַכט יאָר נאָכאַנאַנד פלעגט מען די דריי אַרעסטאַנטען דערלאַנגען עסען און טרינקען דורך דער לאָך אין וואַנט. נעכטען בין איך צוגעגאַנגען צו יענער קאַמער, נייגיריג אַ קוק צו טאָן אויף די אומגליקלאַכע, וואָס זיינען איבער יעטווידער ערוואַרטונג אַזוי לאַנג געבליבען ביים לעבען. איך האָב געוואָלט עפענען די טיר, אָבער דער שלאָס האָט זיך ניט אונטערגעגעבען דעם שליסעל. דאַן האָבען מיר אַ שטופּ געטאָן, און די איבערגעפוילטע טיר האָט זיך אויסגעריסען פון די פאַרראָסטע זאַוויעסעס און איז געפאַלען אויף דער ערד. אַריינגעקומען אינעווייניג האָב איך דאָרטען געפונען נאָר איין מענשען — אַלט, בלינד, נאַקעט, אָהן אַ צונג. אין צונויפגעקלעפּטע קאָלטענעס זיינען אים די האָר אַראָפּגעהאַנגען ביז איבער דער ברוסט. זיין הויט האָט אויסגעזעהן אָט ווי דער פּאַרמעט. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און די פאַרבויגענע נעגעל אויף זיינע פינגער זיינען געווען ענליך צו קרעלען פון רויב־פייגעל. איך האָב ביים אַלטען אַ פרעג געטאָן, וואו זיינען זיינע חבירים. ער האָט נאָר אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ. מיר האָבען אַרומגעקוקט די קאַמער, האָפענ-

דינג זיי צו געפינען. די דילען און די ווענט זיינען געווען טרוקען. ווען דאָרטען וואָלטען פאַרשפּאַרט געווען דריי אַרעסטאַנטען און צוויי פון זיי וואָלטען געשטאָרבען, וואָלטען דאָך לכל־הפּחות איבערגעבליבען זייערע ביינער.

— וואָס־זשע איז דיין השערה? האָט דער טריבון געפרעגט.

— מיין השערה איז, טריבון, אַז די גאַנצע אַכט יאָר נאָכאַנאַנד איז אין דער קאַמער געזעסען נאָר איין אַרעסטאַנט.

דער טריבון האָט שאַרף אָנגעקוקט דעם אויפזעהער און האָט געזאָגט:

— היט דיין צונג, געזיוס! דו באַשולדיגסט גראַטוס דעם פּראָקוראַטאָר אין ליגען, אייב ניט נאָך אין אַ האַרבערען פאַרברעכען.

געזיוס האָט זיך פאַרנייגט און געזאָגט:

— האָט ער דען ניט געקאָנט האָבען אַ טעות?

— ניין, ער איז געווען גערעכט — האָט דער טריבון מיט היץ געזאָגט — דיינע אייגענע ווערטער זאָגען עדות, אַז ער איז געווען גערעכט. דו האָסט דאָך נאָר־וואָס אַליין געזאָגט, אַז אַכט יאָר נאָכאַנאַנד האָט מען דערלאַנגט אין דער קאַמער אַריין עסען און טרינקען פאַר דריי מענשען.

די אונטערטעניגע האָבען געלאָזט דערקאָנען זייער באַוואונדערונג איבער דער שאַרפזיניגער באַמערקונג פון זייער האַר, אָבער געזיוס האָט זיך אַפילו אויף אַ האָר ניט פאַרשעמט:

— דו האָסט אויסגעהערט נאָר אַ העלפט פון דער מעשה, טריבון. אַז דו וועסט געוואָר ווערען די גאַנצע מעשה, וועסטו מסכים זיין מיט מיר. דו ווייסט דאָך שוין, וואָס איך האָב געטאָן מיט׳ן אַרעסטאַנט: איך האָב אים געשיקט אין באָד אַריין, געלאָזט אים אָפּשערען און אָנקליידען, אַרויסגעפירט אים צום טויער און געהייסען אים גיין. איך האָב שוין געמיינט, אַז איך בין פּטור פון׳ם דאָזיגען עסק. היינט איז ער געקומען צוריק און מ׳האָט אים ווידער אַריינגעפירט צו מיר. דורך מינעם אין דורך טרערען האָט ער מיר געגעבען צו פאַרשטיין, אַז ער וויל, מ׳זאָל אים אַריינפירען אין זיין קאַמער אַריין. איך האָב געהייסען טאָן זיין ווילען. אַז מ׳האָט אים גענומען פירען אַהינצו, האָט ער זיך אַ ריס געטאָן,

געפאלען מיר צו די פיס און, קושענדיג זיי, גענומען זיך בעטען רחמים אויף זיין קלאגליכען שמום-לשון, איך זאל אויך גיין מיט אים. האב איך אים געפאלגט. די רעטעניש מיט די דריי ארעסטאנטען האט מיך ניט געלאזט רוהען. איצט בין איך צופרידען, וואס איך האב געטאן זיין בקשה.

די דערבייגעוועזענע האבען זיך צוגעהערט מיט געשפאנטען אינטערעס.

— ווען דער בלינדער האט באמערקט, אז מיר געפינען זיך אין דער קאמער, האט ער מיך א לאפ געטאן פאר דער האנט און האט מיך צוגעפירט צו א לאך אין וואנט, אזוי ווי די, דורך וועלכער מ'פלעגט אים דערלאנגען דעם עסען. נעכטען האב איך זי עפעס פארזעהן, הגם זי איז גענוג גרויס, אז א העלם וואלט דורכגעגאנגען דורך איר. ניט ארויסלאזענדיג מיין האנט, האט דער אלטער צוגערוקט זיין פנים צו דער לאך און האט ארויסגעלאזט א שטים ווי פון א חיה. א שוואכער קלאנג האט אים אפגעענטפערט. א געפלעפטער האב איך אפגעשטויסען דעם בלינדען און האב אויסגערופען הויך אויף א קול: ווער איז דא? ערשט האט זיך קיינער ניט אפגערופען. איך האב נאך א מאל א געשריי געטאן און האב דערהערט א תשובה: „געלויבט איז גאט דער האר!“ צו מיין גרעסטען חידוש איז עס געוועזן א שטים פון א פרויענצימער. איך האב א פרעג געטאן: „ווער ביסטו?“ און האב באקומען א ענטפער: „א בת-ישראל, וואס איז באגראבען דא לעבעדיגערהייט מיט איר טאכטער. העלף אונז גיכער, א ניט וועלען מיר שטארבען“. איך האב זיי צוגעגעבען מוט און האב אוועקגעאיילט צו דיר, געוואר ווערען דיינע באפעלען.

דער טריבון האט זיך איילענדיג אויפגעהויבען.

— דו ביסט גערעכט, נעזיוס — האט ער געזאגט — איך זעה דאס איצט ארויס באשיינפערליך. דער פלאן איז געוועזן א פאלשער, און די מעשה מיט די דריי ארעסטאנטען איז אויך ניט געשטויגען ניט געפלויגען. פאראן בעסערע רוימער, ווי וואלעריוס גראטוס.

— יע — האט דער אויפזעהער געזאגט — פונ'ם בלינדענס

מינעם און תנועות האָב איך זיך געשטויסען, אז ער פלעגט רע־געלמעסיג איבערגעבען די פּראָוויאַנציטער דעם עסען, וואָס ער פלעגט קריגען.

— מ׳וועט דאַרפען די זאַך אויספאָרשען — האָט דער טריבון געזאָגט.

באַמערקט די געשפּאַנטע מינעם פון זיינע באַאַמטע און זיך באַקלערט, אַז ס׳איז גאַנץ גוט צו האָבען זיי פאַר עדות, האָט ער צוגעגעבען:

— מיר וועלען די פּראָוויאַנציטער תיכף־ומיד באַפרייען. קומט אַלע. געזיוס איז געוועזען קאַנטענט.

— מיר וועלען מוזען דורכברעכען די וואַנט — האָט ער באַמערקט — איך האָב געפינען דעם אָרט, וואו ס׳איז אַ מאָל געווען אַ טיר, אָבער ער איז פעסט פאַרמויערט מיט ציגעל און געריכט.

דער טריבון האָט זיך אָפּגערופען צו איינעם פון די שרייבער:

— שיק מיר גלייך אַרבעטער מיט געצייג. גיכער! און דעם באַריכט זאָלסט איר נאָך ניט אָפּשיקען, איך זעה, אַז מ׳וועט אים מוזען איבערמאַכען.

און אַ ווײַלע אַרום זיינען זיי אַרויס פון קאַנצעלאַריע.

## קאַפּיטעל צוויי.

### די לעבעדיגערהייט באַגראָבענע

„אַ בת־ישׂראל, וואָס איז באַגראָבען דאָ לעבעדיגערהייט מיט איר טאָכטער. העלף אינז גיכער, אַניט וועלען מיר שטאַרבען“.

אָט דעם ענטפער האָט געזיוס, דער שליסעל־האַלטער, פאַרנומען פון דער קאַמער, וועלכע ער האָט אויף דעם פאַרבעסערטען פּלאַן באַצייכענט מיט נומער VI. דער לייענער האָט זיך אַוודאי גלייך אָנגעשטויסען, ווער ס'זיינען געוועזען די דאָזיגע אומגליקלאַכע, און ער האָט מסתמא צו זיך אַליין געזאָגט: „ענדלאַך, בן־חורים מאַמע און תירצה, זיין שוועסטער“.

און אַזוי איז עס טאַקע געוועזען.

מיט אַכט יאָר צוריק, אין דעם פאַטאַלען פריהמאָרגען, ווען מ'האָט זיי געפאַנגען, האָט גראַטוס געהייסען אָוועקפירען זיי אין דער פעסטונג אַנטאָניע, כדי זיי אָפּצוראַמען פון וועג. ער האָט צוליב'ן האָזיגען צוועק אויסגעקליבען די פעסטונג דערפאַר, ווייל זי האָט זיך געפונען אונטער זיין דירעקטען רשות. — און די קאַמער נומער VI דערפאַר, ווייל מ'האָט גרינגער געקאָנט פאַרגעסען אָן איר, ווי אָן וועלכער־ס'איז אַנדערער קאַמער. דען זיין כוונה איז געוועזען צו פאַרשפאַרען די געפאַנגענע ניט נאָר אין אַ גוטען און זיכערען אָרט, נייערט טאַקע אין אַזאַ אָרט, וואו זיי זאָלען איבערגעענטפערט ווערען צו אַ זיכערען (זאָל זיין אַפילו אַ לאַנגזאַמען) טויט. בײנאַכט, ווען מ'האָט ניט געהאַט וואָס מורא צו האָבען פאַר עדות, האָט ער געהייסען זיינע שקלאַפען אַראָפּפירען

די געפאנגענע אין דער תפיסה און פארמויערן הינטער זיי די טיר: נאך דעם האט ער די שקלאפען פארשיקט אין ווייטע מקומות, אפגעזונדערט איינער פינ'ם אנדערן, און קיינער האט מער שוין פון זיי גארנישט געהערט, אזוי, אז יעדער שפור פונ'ם אקט איז געווארען אפגעמעקט. כדי צו פארהיטען זיך פון דער באשולדיגונג אין דער דאזיגער טאפעלער רציחה, אין פאל ווען די מעשה זאל נתגלה ווערען, האט גראטום געהאלטען פאר גלייכער צו ווארטען אויף זייער נאטירליכען טויט, וועלכער וואלט אפשר געקומען לאנגזאם, דערפאר אבער אומפארמיידלאך; די פארשפארונג פון די בײדע פרויען אין תפיסה וואלט ער געקאנט ארויסשטעלען אלס שטראף פאר א באגאנגענעם פארברעך, כדי זיי זאלען ניט אויסגיין פאר הונגער, האט ער אין דער איינציגער קאמער, וואס איז געווען פארבונדען מיט זייערע, אריינגעזעצט א ארעסטאנט מיט אויסגעשטאכענע אויגען און א ארויסגעריסענער צונג, וועלכער האט געדארפט דערלאנגען די פרויען זייער עסען און טרינקען. בשום-אופן אין דער וועלט האט דער דאזיגער אומגליקליכער ניט געקאנט אויסזאגען וועגן די געפאנגענע אין קאמער נומער YI און ניט געקאנט געוואר ווערען, ווער זיי זיינען און ווער האט זיי אהין אריינגעזעצט. אויף אזא אופן האט דעם פראקוראטאר — צום טייל אדאנק די טייוולאנישע עצות פון מעסאלען — זיך איינגעגעבן צו קאנפיסקירען דעם פארמעגען פון בית-חור, מיט'ן תירוץ, אז ער טוט באשטראפען א באנדע מערדער. אין דער קייזערליכער שאצקאמער איז אבער דערפון ניט אריינגעקומען קיין איין פרוטה.

דעם פראקוראטארס לעצטע תחבולה ביים אויספירען דעם דאזיגען פלאן איז געווען אפצושאפען דעם ביזאהעריגען משגיח פון דער תפיסה. ניט דערפאר, וואס יענער האט געוואוסט דעם סוד — ער האט דערפון ניט אנגעהויבען אפילו צו וויסען — נאר דערפאר, ווייל ער האט אזוי גענוי געקאנט די קאמערן אין דער אונטערערדישער תפיסה, אז ס'וואלט זיין אוממיגלאך צו באהאלטען פון אים די מציאות פון די פרויען. מיט א מייסטערישער שאלקהאפטיגקייט האט גראטום נעלאזט מאכען נייע פלאנען פון דער תפיסה, ארויסלאזענדיג די קאמער נומער YI, און האט זיי איבער-

געגעבן דעם נייעם משגיח, פּאַרזאָגט אים שטרענג, בשום אופן
נישט צו עפֿענען די קאַמער נומער V. אַזוי אַרום איז די זאַך
אָפּגעטאָן געוואָרן קיילאַכדיג און שפּיצינג; די קאַמער און אירע
אומגליקליכע אײַנוואוינערינס זײַנען געוואָרן פֿאַרזונקען אין פאַר-
געסעניש.

כדי זיך פאָרשצושטעלן אין דער גאַנצער שרעקלאַכקייט דעם
לעבן, וואָס די מאַמע מיט דער טאָכטער האָבן געמוזט פירען
אונטען אין דער תפיסה אַכט יאָר נאָכאַנאַנד, מוז מען האָבן אין
זינען זייער הויכע בילדונג און זייער פריהערדיגען שטיינער פון
לעבען. זאָל דער לייענער נאָר פֿאַרגלייכען דעם סניחהדינ-גליק-
לאַכען אין פֿון עשירות און בילדונג פאַראיידעלטען לעבען אינ'ם
פירשטליכען פּאַלאַץ אין ירושלים און די עקזיסטענץ אין דער
אונטערערדיגער תפיסה אין דער פעסטונג אַנטאָניע. דער קאָנט-
ראַסט איז באַשיינפּערלאַך!

די קאַמער נומער VI האָט געהאַט אַ ערך די פאָרמע, וואָס
געזיוס האָט אָנגעצייכענט אויף זיין פלאַן. דאָס איז געווען אַ גאַנץ
גרויסער וויסטער חדר מיט ניט אַרומגעהאַקטע אומגעלומפּערטע
ווענט און פּאָדלאָגעס.

אין פֿריהערדיגע צייטען האָט דער מיקדונישער שלאָס זיך אָפּ-
געטיילט פֿונ'ם באַרג — אויף וועלכען ס'איז געשטאַנען דער בית-
המקדש — דורך אַ שמאָלען פעלז, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי
אַ קליין. ביים בויען די תפיסה האָבן די אַרבעטער אָנגעהויבען
פונ'ם צפונדיגען פאַסאַד פעלז און האָבן אינם נאַטירליכען פֿעל-
זען-שטיין דורגעהאַקט די קאַמער נומער VI. דערנאָך, גייענדיג
ווייטער, האָבן זיי דורכגעהאַקט די קאַמער נומער V, IV, III,
II, I; פון זיי איז נאָר די קאַמער V געווען פֿאַרבונדען מיט'ן נומער
VI. אויפ'ן אייגענעם אופן האָט מען דורכגעפירט דעם קאָרידאָר
און די טרעפּ אויפ'ן גאָרן אַרויפצו. דער פּראָצעס פון דער אַרבעט
איז געווען פונקט אַזאַ, ווי מ'האָט אָנגעווענדט ביי אויסהאַקען אין
די פֿעלזען די קברי-המלכים, וועלכע מ'קאָן נאָך עד-היום
זעהן צו צפון-זייט פון ירושלים. אויסגעבויערט אין פֿעלז די קאַ-
מער נומער VI, האָט מען זי פֿאַרמאַכט פֿון דרויסען מיט אַ וואַנט

פֿון גרויסע שטיינער. ס'האָט נאָר איבערגעלאָזן אין איר גוליב ווענטילאַציע קליינע לעכער, אויפֿ'ן שטיינער פֿון היינטיגע ליקען פֿאַר האַרמאַטען. באַפֿעסטיגענדיג דעם שלאָס, האָט הורדוס געלאָזט אַרומלייגן די דאָזיגע וואַנט מיט נאָך מאַסיוועגע שטיינער און האָט פֿאַרמויערט אַלע לעכער אויסער איינער, דורך וועלכע ס'איז נאָך אַריינגעקומען עטוואָס לופֿט און אַ שמאָלער פּאַס ליכט, וואָס איז אָבער געווען צו שוואַך צו באַלייכטן דעם חדר.

אָט אַזאַ איז געווען די קאַמער נומער VI.

לאָמיר אַצינד אַריינקוקן אינעווייניג אַריין.

דעם געדאַנק וועגן דעם בלינדען אַרעסטאַנט, וואָס מ'האָט אים מיט אַזאַ אכזריות צוקאַליעטשעט, און וועלכען מ'האָט אָקאָרשט באַפֿרייט פֿון דער קאַמער נומער V, וועט אונז צונרייטען צו דער אימה, וועלכע מיר גייען איצט באַשרייבען.

ביידע פֿרויען זיינען געווען סאַמע ביי דער עפֿענונג אין דער וואַנט. איינע פֿון זיי איז געזעסען, די אַנדערע האָט זיך האַלב־ליגענדיג אָנגעשפּאַרט אָן איר — אויף דער הוילער האַרטער שטיינערנער פּאָדלאָגע. דער קאַרגער שיין, וואָס איז געפֿאַלען אויף זיי פֿון אויבען, האָט זיי צוגעגעבען דעם אויסזעהן פֿון שאָטענס און האָט געקלעקט נאָר צו דערקאָנען, אַז זיי זיינען געווען איננאַנצען נאַקעט. אָבער די ליבע האָט זיי אַפֿילו דאָ ניט פֿאַרלאָזען. זיי זיינען געזעסען אַרומגענומענערהייט. עשירות פֿליהט אַוועק, גליק פֿאַרשווינדט, האָפֿענונג פֿאַרוועלקט, די ליבע אָבער בלייבט.

דאָרטען, וואו די ביידע פֿרויען זיינען געזעסען צוגעטוליעט איינע צו דער אַנדערער, איז די פּאָדלאָגע געווען אָפּגעפּאָלירט, גלאַט. איין גאָט ווייס, ווי לאַנג פֿאַר די אַכט יאָר זיי האָבען צוגעבראַכט דאָ פֿאַר דער עפֿענונג, זוכענדיג צו דערהאַלטען אין דער נשמה זייער האָפֿענונג אויף דער באַפֿרייאונג מיט'ן שוואַכען און פֿאָרט אַזוי פֿריינדלאַכען שטראַל ליכט. ווען די שוואַכע העלקייט פֿלעגט צו זיי זיך אַריינגנבענען, האָבען זיי געוואוסט, אַז ס'טאָגט; ווען זי פֿלעגט פֿאַרשווינדען, האָט זיי די פֿינסטערניש אָנגעזאָגט, אַז אין דרויסען האָט זיך די נאַכט אַראָפּגעלאָזט אויף דער פֿאַרהאַוועטער וועלט, די נאַכט, וועלכע האָט אין ערגעץ ניט געקאָנט זיין אַזוי

לאַנג און אַזוי פֿינסטער, ווי דאָ אונטען. די וועלט! דורך יענעם שמאָלען שפּאַלט אין דער וואַנט פלעגן זיי אַזוי ווי דורך אַ ברייטען מעכטיגען טויער אַוועקפליהען מיט זייערע מחשבות אין יענער וועלט אַריין און האָבען געוואָלט צו פאַרקירצען די אָהן אַ שיעור לאַנגע שעהן, אַרומוואַנדערנדיג איבער דער וועלט אַזוי ווי די גייסטער, פֿאַרשענדיג און זוכענדיג—איינע נאָך דעם זון, די אַנדערע — נאָך דעם ברודער. אויפ'ן ים האָבען זיי אים געזוכט, און אויף די אינזלען פון דעם ים; היינט אין דער שטאָט, מאָרגען אין דער אַנדערער. ער האָט דאָך אין ערגעץ ניט געקאָנט זיין קיין שטענדיגער תושב, כל-זמן זיי זיינען ניטאָ מיט אים. וואָרום פונקט ווי זייער קיום איז געווען אַ שטענדיג וואַרטען אויף אים, אַזוי האָבען זיי ניט נעקאָנט אים זיך אַנדערש פֿאָרשטעלען ווי נאָר אין שטענדיגען אַרומפאָרשען און אַרומזוכען נאָך זיי. ווי אָפט האָט זיי זייער כוח-הדמיון אויסגעמאָלט די מינוט פון ווידער זעהן זיך! און ווי אָפט האָבען זיי געפילט אַ זיסע נחמה, זאָגענדיג איינע צו דער אַנדערער: „כל-זמן ער לעבט, זיינען מיר ניט קיין פאַרגעסענע, און כל-זמן ער געדיינקט אָן אונז, האָבען מיר נאָך אַ האָפֿענונג.“ נאָר דער, וואָס האָט דאָס אַליין איבערגעלעבט, קאָן פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ קראַפֿט די נשמה קאָן שעפען אַפילו פון אַזאַ קנאַפּער האָפֿענונג.

אויסערלאַך האָבען זיך ביידע פרויען פֿאַרענדערט שרעקלאַך, מיט אַכט יאָר צוריק איז די מאַמע געווען אַ שיינע פרויענצימער, און די טאָכטער — אַ חנעוודיג קינד. אַצינד וואָלטען עס אַפילו די ליבענדיגע אויגען ניט אַיינגעפֿונען.

תירצה, ליגענדיג ביי דער מאַמען אין די אָרמס, האָט טרויעריג געזיפֿצט.

— פאַל ניט אַראָפּ ביי זיך, תירצה! זיי וועלען קומען. גאָט איז אַ טאַטע. מיר האָבען ניט פאַרגעסען אָן אים און שטענדיג מתפלל געווען צו אים, בשעת די שופרות קעגענאיבער אין בית-המקדש האָבען גערופען צו דער תפילה. דו זעהסט, ס'איז נאָך העלער טאָג, די זון שטייט נאָך הויך; ס'איז נאָך אַוודאי ניט שפּעטער פון דער זיבעטער שעה. אימיצער וועט נאָך באַלד

אהער קומען. לאמיר ניט פארלירען דעם ביטחון. גאט איז א טאטע.

אזוי האט גערעדט די מאמע, און אירע פשוטע ווערטער זיינען ניט געבליבען אהן א רושם, הגם תירצה איז שוין אפילו ניט געווען מער ס'דרייצעניאריג קינד, וועלכען מיר האבען געהאט פארלאזען פאר אכט יארען.

— איך וועל זיך פרובען שטארקען, מאמע — האט זי געזאגט — דו לייזסט דאך פונקט אזוי ווי איך; און מיר ווילט זיך אזוי לעבען פאר דיר און פאר מיין ברודער. וואו קאן ער איצט זיין? וועט ער אונז ווען עס איז געפינען? וועלען מיר זיך ווען עס איז זעהן מיט אים?

די מאמע האט נאך שטארקער ארומגענומען איר קינד און געזאגט:

— די לעצטע נאכט איז ער מיר ווידער געקומען צו חלום. איך האב אים געזעהן פאר מיר אזוי דייטלאך, אזוי ווי איך זעה דיך איצנד, תירצה. דו ווייסט, מיר מוזען גלויבען אין חלומות, אזוי ווי אונזערע אבות האבען געגלויבט. אפט האט גאט דער האר גערעדט מיט זיי דורך חלומות. מיר האט זיך געחלומט, אז מיר זיינען אין בית-המקדש אין דער עזרת-נשים, פונקט פאר דעם שיינעם טויער. מיט אונז זיינען געווען א סך פרויען; ער איז געקומען און זיך געשטעלט אין שאטען פונ'ם טויער און האט געקוקט אהער און אהין, אויף רעכטס און אויף לינקס. מיין הארץ האט גענומען שטארק קלאפען. איך האב פארשטאנען, אז ער זוכט אונז, און האב אויסגעשטרעקט צו אים מיינע הענט און אים א רוף געטאן ביי זיין נאמען. ער האט דערהערט און א קוק געטאן אויף מיר, האט מיך אבער ניט דערקאנט. אין א רגע ארום איז ער ניט געווארען.

תירצה האט אויסגעשטרעקט די הענט און האט מיט א טיפען קרעכץ געזאגט:

— וואסער, מאמע, וואסער! כאטש איין איינציגען טראפען!

אומעטיג אין הילפלויז האבען דער מאמעס בליקען ארומגעבלאנדזשעט איבער דער איינגער קאמער. זי האט אזוי אפט גערופען צו גאט, אזוי אפט געטרייסט איר טאכטער מיט הילף פון זיין לי-

בען נאמען, אז איר אליין האט די שטענדיגע איבערחזרונג אנגעהויבען צו קלינגען עפעס ווי א מין חוזק. פלוצלונג האט א שאטען דורכגעגליטשט זיך איבער'ן מאטען פאס ליכט, וואס איז נעפאלען דורכ'ן שפאלט אין דער וואנט. ניט ווילענדיג איז איר ארויף דער געדאנק, אז דאס דערנעהענטערט זיך צו איר דער טויט, דערנעהענטערט זיך דווקא דעמאלט, ווען די אמונה פארלאזט זי. האלב אומבאוואוסטזיניג, אפי נאר צו ריידען, אבי נאר צו הערען איר אייגענעם קול, האט זי איבערגעחזרט:

— געדולד, תירצה — זיי וועלען קומען, אט באלד וועלען זיי שיין זיין דא.

ס'האט זיך איר אפגעדאכט, אזוי זי הערט א גערויש פון דער עפענונג אין דער אינעווייניגסטער וואנט, דורך וואנען מ'פלעגט זיי דערלאנגען עסען. און זי האט קיין טעות ניט געהאט. אין א רגע ארום האט זיך דעם בלינדענס געשריי צוטראגען איבער דער קאמער, תירצה האט עס אויך דערהערט, און זיי האבען זיך אויפגעהויבען פון דער ערד, אנשפארענדיג זיך איינע אן דער אנדערע.

— געלויבט איז גאט דער האר אין דער אייביגקייט! — האט די מאמע אויסגערופען מיט'ן גאנצען ברען פון ווידער אויפגעוואכטער אמונה און האפענונג.

— היי! ווער זייט איר? — האט פון דרויסען אפגעהילכט א קול.

דער קול איז זיי פרעמד געווען, אבער וואס מאכט עס אויס? א חוץ זייערע אייגענע רייד זיינען דאס געווען די ערשטע איינציגע ווערטער, וואס ביידע פרויען האבען פארנומען נאך אכט יאר צייט. דער איבערגאנג איז געוועזען געוואלטיג — פון טויט צום לעבען — אין איין רגע!

— א בת־ישראל, וואס איז מיט איר טאכטער באגראבען דא לעבעדיגערהייט. העלף אונז גיכער, אניט וועלען מיר שטארבען.

— פאלט ניט אראפ ביי זיך! איך קער זיך תיכף אום.

די פרויען האבען זיך צוכליפעט אויפ'ן קול. מ'האט זיי געפונען. די הילף איז געקומען, די פרייהייט האט אנגעקלאפט אין זייער טיר. און אין די פארייאושטע הערצער האט זיך אריינגעכאפט די האפענונג און האט זיי אויסגעמאלט ליבלאכע בילדער. אלצדינג,

וואָס זיי האָבן פאַרלאָרן, וועט זיי אומגעקערט ווערן — די היים, די געזעלשאַפֿט, דער אייגענס, דער זון און דער ברודער! דער קאַרגער פּאַס ליכט איז זיי פאָרגעקומען ווי דער שטראַלענדיגער זונען-גלאַנץ. די יסורים, דער הונגער, דער דאָרשט, דער פּחד פאַר'ן טויט — אַלץ איז פאַרגעסן געוואָרן! זיי זיינען געפֿאַלען אויף די קני און האָבן געוויינט פאַר גליק און שמחה, ביידע אַרומגענומענערהייט.

נישט לאַנג האָבן זיי געדאַרפט וואַרטן. ווי אייספּירלאַך געזיים — דער ממונה אויף דער תּפיסה — האָט ניט אָפּגעגעבן זיין באַריכט, האָט ער אים פאָרט סוף-כּל-סוף פאַרענדיגט, און דער טריבון האָט אַוועקגעאיילט צו דער קאַמער.

— וואו זייט איר? — האָט ער אַריינגעשריען דורך דער עפֿענונג אין דער וואַנט.

— דאָ אַהער! — האָט די מאַמע זיך אָפּגערופן.

גלייך נאָך דעם האָט זי דערהערט אין אַ אַנדער אָרט פֿון וואַנט האַרטע גיכע קלעפּ ווי פֿון אייזערנע געציי;. שווייגענדיג האָט זי זיך צוגעהערט. אויך תּירצה האָט ניט אויסגערעדט קיין וואָרט. זיי האָבן פאַרשטאַנען די באַטייטונג פֿון די קלעפּ, זיי האָבן געוואוסט, אַז דאָס לייגט מען פאַר זיי דורך אַ וועג צו דער פֿרייהייט. אַזוי פילען זיך בערג-לייט, וואָס זיינען פֿאַרשאָטן אין אַ טיפער שאַכטע, בשעת זיי דערהערן דעם קלאַפּן פֿון האַמערס און העק, וואָס זאָגט זיי אָן דעם אָנקום פֿון די רעטער. פֿיל דאַנקבאַרקייט האָבן געשלאָגן די הערצער זייערע און זיי האָבן קאַם געוואַגט אָפּוווענדען דעם בליק פֿון דעם אָרט, פֿון וואַנען ס'האָבן זיך דערטראָגן די קלעפּ, נאָך אַלץ פֿיל פּחד, טאָמער הערן די רעטער אויף זייער אַרבעט און זיינען זיי ווידער מפקיר אויף יאוש און פאַרצווייפלונג.

געניטע שטאַרקע הענט האָבן דרויסן פלייסיג געאַרבעט. מיט יעדער רגע זיינען די קלעפּ געוואָרן הילכיגער; כּסדר זיינען מיט רעש שטיינער געפֿאַלן אויף דער ערד. אַלץ נעהענטער און נעהענטער איז געקומען די פֿרייהייט. אַצינד האָבן די פֿרויען שוין געקאָנט אונטערשיידן די שטימען פֿון די אַרבעטער. ענדלאַך —

אָ, ס'אַר אַ גליקזעליגקייט! — האָט אַ רויטער פּאַקעל־שײַן אַרײַנגעשימערט דורך דער עפֿענונג, וואָס איז געוואָרען אַלץ גרעסער און גרעסער. ער האָט אַרײַנגעוואָרפֿן אין דעם חושך פֿון די פֿאַרשפּאַרטע אַ שטראַל, וואָס האָט געבלענדט ווי דער גלאַנץ פֿון דער אויפֿגייענדיגער זון.

— דאָס איז ער, מאַמע! ער איז דאָס! ענדלאַך האָט ער אונז געפֿונען! — האָט תּירצה אויסגעשריען, אונטערגעבענדיג זיך דעם כּוח פֿון היציגער יוגענדליכער פֿאַנטאַזיע.

די מאַמע האָט נאָר שטיל און רוהיג געזאָגט:

— גאָט איז אַ טאַטע!

ווידער איז געפֿאַלען אַ שטיין, דערנאָך אַ צווייטער, דאַן אַ גאַנצע מאַסע — און דער אַרײַנגאַנג איז געוואָרען אָפֿן. אַ מענש, באַדעקט מיט שטויב און וואָפֿנע, איז אַרײַנגעקומען אינעווייניג, האַלטענדיג אַ פּאַקעל איבערן קאָפּ. נאָך אים זײַנען געגאַנגען נאָך עטלאַכע און האָבען זיך אויסגעשטעלט מיט זייערע פּאַקעלען אויף בּיידע זײַטען, כּדי דורכצולאָזען דעם טריבון.

דער רעספּעקט צו דער פֿרוי וואָרצעלט טיף אין דער מענשלאַכער נאַטור. דער טריבון איז שטיין געבליבען, דען די בּיידע פֿרויען זײַנען אַנטלאָפֿען פֿאַר אים — ניט פֿאַר מורא, נאָר פֿאַר בושה.

— ווער זייט איר? — האָט ער געפֿרעגט.

— פֿרויען, וואָס נייען אויס פֿון הונגער און דאָרשט! — האָט די מאַמע זיך אָפּגערופֿען פֿון עק קאַמער.

— דערציייל מיר דײַן געשיכטע, ווייב! ווי איז דער נאָמען דײַנער? ווען האָט מען דיך אַרײַנגעזעצט אַהער? און ווער און פֿאַר וואָס?

— אין דער שטאָט ירושלים האָט אַמאָל געלעבט אַ פֿירשט פֿון דער משפּחה חור. ער איז געווען דער פֿרײַנד פֿון אַלע איידעלע רוימער, און דער קיסר אַליין האָט אים גערופֿען פֿרײַנד. איך בּין זײַן אַלמנה און דאָס איז זײַן קינד. פֿאַרוואָס מיר זײַנען דאָ באַגראָבען, קאָן איך דיר ניט זאָגען, איך ווייס עס אַליין ניט. אפשר דערפֿאַר, ווייל מיר זײַנען געוועזען רייך. וואַלעריוס גראַטוס

קאָן דיר זאָגען, ווער ס'איז געווען אונזער פֿיינד און ווי לאַנג מיר ליגען דאָ געפֿאַנגען; איך קאָן עס ניט. זעה, וואָס פֿון אונז איז געוואָרען — אָ, זעה, און דערבאַרים זיך איבער אונז!

די לופט אין דער קאַמער איז געווען פֿאַרשטיקט, דערצו נאָך דורכגעזאַפּט מיט דעם רויך פֿון די פאַקלען. אָבער דער טריבון האָט צוגערופען צו זיך איינעם פון די פאַקעל-טרעגער און האָט פֿאַרשריבען דער אלמנהס ענטפער וואָרט ביי וואָרט. קורץ און קלאָר און פאַרשטענדליך, האָט דער דאָזיגער ענטפער בילל געווען אין זיך א געשיכטע, אַ באַשולדיגונג און אַ בקשה צוגלייך. אַ פראָסטע פרוי וואָלט ניט געקאָנט זיך אויסדריקען אזוי קורץ און דאָך אזוי אינהאַלטספֿול. דער טריבון האָט איר געמוזט גלויבען, פול רחמנות צו איר גורל.

— דו וועסט גלייך געהאָלפען ווערען, ווייב — האָט ער געזאָגט, פאַרמאַכענדיג זיין שרייב-טאָוועל. — איך וועל דיר שיקען עסען און טרינקען.

— און קליידער און וואַסער צום אַרומוואַשען זיך, איך בעט דיך, אָ איידעלער רוימער.

— עס וועט געשעהען, ווי דו באַגעהסט — האָט ער געענטפערט — גרייט זיך צו, דען איר זייט פריי!

ער האָט געזאָגט נאָך עטלאַכע ווערטער צו זיינע באַגלייטער און איז אַרויס.

גלייך נאָכדעם האָבען שקלאַפֿען געבראַכט אָ גרויסען קרוג וואַסער, אַ שיסעל און האַנטיכער. אויך אַ טאַץ מיט ברויט און פליישׁ און איינינע פרויען-מלבושים.

און אין אָוועגט פונ'ם זעלבינען טאָג זיינען ביידע פרויען ווידער געשטאַנען אין דער שטאָט פֿון זייערע עלטערן — זיי זיינען געוועזען פריי.

## קאַפּיטעל דריי

### ווידער אין דער היים.

אומגעפער אין דער זעלביגער צייט, ווען געזיוס דער שליסעל־האַלטער האָט אָפּגעגעבן זיין ראַפּאָרט דעם טריבון אין דער פעסטונג אַנטאָניע, האָט אַ פוסגייער געשפּרייזט אַרויפצו איבער דער מזרח׳דיגער זייט פון׳ם הר־הזיתים. דער וועג איז געווען ניט קיין גלייכער און אַ שטויביגער, די פלאַנצונגען זיינען פאַרדאַרט געוואָרען, וואָרום אין יהודה איז געשטאַנען דאַן די טרוקענסטע צייט פון יאָר. אָבער דער וואַנדערער איז געווען יונג און שטאַרק, און זיינע לייכטע לופטיגע מלבושים האָבען אים גרינגער געמאַכט דעם שטייגען אויפ׳ן באַרג.

פּאַמעלאַך איז ער געגאַנגען פאָראויס, דערביי זיך אָפט אַרומקוקענדיג אויף רעכטס און אויף לינקס, אָבער געקוקט האָט ער ניט מיט׳ן אומזיכערען צווייפלענדיגען בליק פון אַ אָנגעקומענעם אין אַ פרעמדען לאַנד, נאָר גיכער ווי איינער, וואָס נאָך אַ לאַנגער אָפּוזיינקייט זעהט ער זיך ווידער מיט אַלט־באַקאַנטע געגענדען און האַלב מיט שמחה האַלב מיט נייגיריגקייט זאָגט ער צו זיך אַליין: „איך פריי זיך, וואָס איך בין ווידער דאָ; לאָמיך אַ קיק טאָן, וואָס האָט זיך דאָ פאַר דער צייט פאַרענדערט.״

דער וואַנדערער איז געוועזן בן־חור און צו זיינע פיס איז געלעגען ירושלים.

בן־חור האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטיין, אַראָפּגענומען די ווייסע טוך, וואָס האָט באַדעקט זיין קאָפּ, און זיך פאַרקוקט אויף

דער לאַנדשאַפֿט, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט פֿאַר זיינע אויגן.

הגם בן־חור איז געווען באַקאַנט מיט די שיינקייטן פֿון רוים, האָט ער געפֿילט, ווי זיין האַרץ וואַקסט פֿאַר פֿרייד און שטאָלץ ביים אָנבליק פֿון זיין מאַטענס־שטאָט. אמת, צו זיין שטאָלץ איז אפֿשר געווען צוגעמישט דער ביטערער געדאַנק, אַז די ראָזיגע קיניגלאַכע שטאָט געהערט שוין מער ניט זיינע לאַנדסלייט; אַז די עבודה אין בית־המקדש ווערט אָפּגעריכט מיט דער דערלויבעניש פֿון פֿרעמדע; אַז אין דויד המלכס פּאַלאַץ וואוינען רוימישע באַאַמטע, דריקען דעם אויסדערוויילטן פֿאָלק פֿון נאָט דעם האַר מיט שטייערן און צינזען, און פּייניגען אים פֿאַר זיין פֿעלזנפֿעסטער טריישאַפֿט צו זיין איביגער אמונה. אָבער אויסער דעם דאָזיגען נאַציאָנאַלען שטאָלץ און צער, וואָס יעדער איד פֿון יענער צייט פֿלעגט זיי איבערלעבן, האָבן אין בן־חורס נשמה אויפֿגעוואַכט די זכרונות וועגן זיינע פּערזענלאַכע געשעהעניש'ען, וועלכע האָבן אָפּגעלעבט מיט אַ נייער פֿרישקייט, בשעת ער ז'אָט דערזעהן צו זיינע פֿיס די הייליגע שטאָט ירושלים.

אַ בערגיגע געגענד ענדערט זיך ווייניג, בפֿרט נאָך ווען ז'ער באָדען איז אַ פֿעלזיגער. די בילד, וואָס האָט צוגעצויגען בן־חורס בליקען, איז די איינענע וואָס איצטער, געוויינטליך אַ חוץ דער שטאָט, וואָרום געענדערט האָבן זיך נאָר די ווערק פֿון מענשליכע הענט.

די זון האָט פֿריינדלאַכער באַהאַנדעלט די מערבדיגע זייט פֿונ'ם הר־הזיתים ווי די מזרח'דיגע, און אויך די מענשען האָבן איר געשאָנקען מער ליבשאַפֿט און פֿלייס. די וויינשטאָקען, מיט וועלכע זי איז מיילווייז געוועזן פֿאַרפֿלאַנצט, און די פֿייגנביימער און ווילדע איילבערט־ביימער צווישען זיי, זיינען געוועזן פֿרישער און גרינער ווי די פֿלאַנצונגען איף דער מזרחדיגער זייט באַרג. די אויג האָט זיך געקאָנט קוויקען מיט'ן גרינס ביז אַראָפּ צו דעם אויסגעטריקענטען געלענער פֿון קידרון. דאָרטען האָט זיך דער הר־הזיתים געענדיגט און ס'האָט זיך אָנגעהויבען מוריה — אַ מעכטיגע וואַנט פֿון בלענדענד־ווייסע שטיינער, פֿאַרלייגט פֿון שלמה המלך און פֿאַרטיג געמאַכט פֿון הורדוס. העכער און העכער האָט

בן-חורס בליק זיך נענליטשט איבער דער גוואלטיגער פעלזען-וואנט ארויפצו ביז די אהלי שלמה, וועלכע זיינען נעווען א מין פיעדעסטאל צים מאנומענט, וואס דער בארג איז געווען זיין פאס-טאמענט. פון דארטען האט די אויג זיך נעווענדט צו דער עזרת-ישראל, צו דער עזרת-נשים און צו דער עזרת-כהנים — יעדערע א קאלאנאדע פון ווייסען מירמעלשטיין, וועלכע האט זיך דער-הויבען איינע איבער דער אנדערער און הינטער דער אנדערער אזוי ווי א טעראסע. און איבער דעם אלעם די נולת-הכותרת אוטפארגלייכלאך הייליג, אומפארגלייכלאך הערלאך, פון מלכות-דינער גדולה, שטראלענדיג מיט גינגאלד — דער בית-המקדש, דער קדשי-קדשים. אין דער גאנצער וועלט איז ניט געווען נאך אזא מאנומענט, נאך אזא טעמפעל, וואס זאל זיך קאנען פארגליי-כען אין גרויסארטינקייט מיט'ן הויז פונ'ם גאט פון ישראל.

בן-חורס בליק האט זיך אנגעהויבען נאך העכער איבער דעם דאך פון בית-המקדש צום בארג ציון, וואס איז געהייליגט דורך די זיכרונות אן די געזאלבטע פון גאט. ער האט געקאנט דעם טאל, וואס ציהט זיך צווישען מוריה און ציון, מיט זיינע גערטע-נער און פאלאצען. זיין בליק איז געפאלען אויף הורדוסעס פאלאץ, אויף חריב, וואס האט מיט פורפור געגלאנצט פון דערווייטענס און געבליבען שטיין אויף דער פעסטונג אנטאניע, וואס האט ווי א טונקעלער שאטען זיך דערהויבען רעכטס פונ'ם בית-המקדש.

די זון האט זיך שוין גענייגט צו אונטערגאנג. א ווייל, האט איר גליהענדיגער טעלער געשוועבט איבער די שפיצען פון די ווייטע בערג אין מערב-זייט, ארומזוימענדיג די ווענט, די קופא-לען, די טורעמס פון דער שטאט מיט א גאלדענעם פאס. פלוצ-לונג איז זי פארגאנגען, אזוי ווי זיך אונטערגעטוקט. די פארנאכ-טיגע שטילקייט האט א קער געטאן בן-חורס מחשבות צו זיין היים. שטאר האבען זיינע בליקען זיך אפגעשטעלט אויף א פינקט אבי-סעל צו צפון-זייט פון בית-המקדש; דארטען איז געוועזען זיין טא-טענס הויז, אויב זי איז נאך בכלל געבליבען גאנץ.

די מנוחה פונ'ם פרידליכען אווענט האט אויף אים נעמאכט איר בארוהעוודיגע ווירקונג; ער האט זיך דערמאנט אן זיין מא-

מען און שוועסטער אין אַן דעם היב, וועלכער האָט אים געבראַכט אַהערצו קיין ירושלים.

איינמאָל אין אָוונט, בשעת ער איז אַרומגעפאָרען מיט אילדע־רימען אינ׳ם מדבר, כדי צו ווערען באַקאַנט מיט דער געגענד און אויסצוקליבען פעסטע זיכערע פונקטען, אַזוי ווי אַ שר־צבא, וואָס אַרבעט אויס אַ פּלאַן פאַר אַ מלחמה, איז געקומען צו ריי־טען אַ שליח מיט דער ידיעה, אַז גראַטוס איז אַראָפּ און אויף זיין אָרט איז באַשטימט פּאָנטיוס פּילאַטוס.

מעסאַלע איז געווען אַ קאַליקע און אָהן אַ שום מאַכט, אָנב האָט ער געהאַלטען בן־חורן פאַר טויט; גראַטוס איז אַראָפּ און איז אויס דעה־זאָגער; וואָס האָט אַצינד געקאָנט אָפּהאַלטען בן־חורן פון ווידער אָנציהייבען זוכען זיין מאַמען און זיין שוועסטער? אַצינד האָט ער שוין ניט געהאַט פאַר וואָס מורא צו האָבען. חען ער זאָל אפילו אַליין ניט האָבען די מיגלאַכקייט אַריינצוקומען אין די תפיסות פון יהודה, האָט ער געקאָנט זיי לאָזען אויספאָרשען דורך אַנדערע און ווען די פאַרפאַלענע זאָלען זיך געפינען, וואָלט דען פּילאַטוס געהאַט אַ וועלכען ס׳איז יסוד צו האַלטען זיי ווייטער גע־פאַנגען? בכל־אופן ניט אַזאַ יסוד, וואָס זאָל בייַשטיין קענען דעם כוח פון געלד. בן־חור האָט זיך תיכף אַנטשלאָסען. ער האָט זיך געהאַלטען אַ עצה מיט אילדערימען, וועלכער האָט מיט אים מסכים געווען, כּיז יריחו האָבען אים באַלייט דריי אַראַבער; דאָר־טען האָט ער זיי איבערגעלאָזט מיט די פערד און אַליין איז ער אַוועק צו פוס קיין ירושלים, וואו מלוך האָט געדאַרפט אויף אים וואַרטען.

בן־חורס פּלאַן איז דערווייַלע אויסגעאַרבעט געווען נאָר בכלל, כדי מיט הצלחה אים דורכפירען, האָט ער געהאַלטען פאַר נליי־כער זיך אויסצובאַהאַלטען פון דער מאַכט, דערהייפט פון די רוי־מישע באַאַמטע. מלוך איז געווען דורכגעטריבען און טריי — טאַקע דער אמתער פאַסיגער מענש, אויף צו פירען די אויספאָרשונגען מיט ערפאָלג און ניט לאָזענדיג קיין חשד.

קודם־כל האָט מען געדאַרפט אָפּקלערען, פון וואַנען אָנצוהייבען. דאָס איז בן־חורן געוועזען ניט קלאָר, פונדעסטוועגן האָט ער

געוואָלט מאַכן די התחלה פון דער פעסטונג אַנטאָניע. ביים פאָלק פון ירושלים איז געווען אַ מסורה, אַז אונטער דער פעסטונג ציהען זיך די הילען טיף אין די ערד. די דאָזיגע מסורה האָט געהאַלטן די אידען נאָך אין אַ גרעסערן פחד ווי דער שטאַרקער גאַרניזאָן פון דער פעסטונג. ווי גרינג ס'האָט געקאָנט געמאָלט זיין, אַז זיין מאַמע און תירצה זיינען לעבעדיגערהייט באַגראָבן געוואָרען אין אַזאַ תפיסה! און בכלל ליגט אינ'ם מענשענס נאַטור אָנצוהייבן זוכן דאָרטען, וואו ס'האָט אים געטראָפען דער אָנווער. בן-חור האָט ניט געקאָנט פאַרגעסען, אַז צום לעצטען מאָל האָט ער זיי געזעהן בשעת די סאָלדאַטען האָבען זיי געפירט דורך דער גאַס צו דער פעסטונג. טאָמער זיינען זיי איצט ניטאָ דאָרטען אָבער זיי זיינען געוועזן פריהער, האָט דאָרטען געמוזט פאַרבלייבען עפּעס אַ סימן, וואָס זאָל אים דינען אַלס שליסעל צו די ווייטערדיגע זוכענישען.

ס'איז צוגעקומען נאָך אַ שטילע האָפענונג, פון וועלכער ער האָט זיך ניט געקאָנט אָפּזאָגען. פון סימאָנידעסן איז ער געוואָר געוואָרען, אַז עמרה די מצרית, זיין אַם, לעבט נאָך. מיר געדיינקען נאָך, אַז אינ'ם פריהמאָרגען, בשעת דער אומגליק האָט זיך אויסגעגאָסען איבערן בית-חור, האָט די טרייע עמרה זיך אַרויסגעריסען פון דער וואַך און איז אַריינגעלאָפען צוריק אינ'ם פּאַלאַץ, וועלכען מ'האָט דערנאָך פאַר'התמ'עט מיט אַלץ וואָס האָט זיך דאָרטען געפונען. סימאָנידעס האָט געזאָרגט פאַר איר חיונה און זי האָט די גאַנצע צייט אָפּגעלעבט איינע אַליין אינ'ם גרויסען הויז. נישט קוקענדיג אויף אַלע באַמיהונגען, האָט גראַטוס זיך ניט איינגעגעבען צו פאַרקויפען די הויז אָדער אפילו נאָר זי צו פאַרדינגען; די געשיכטע פון זיינע אמתע בעלי-הבתים האָט אַלעמען אָפּגעשראָקען. גייענדיג פאַרביי דער הויז, פלעגט מען סודען: מ'האָט געמורמעלט, אַז ניט גוטע וואוינען דאָרטען. דער קלאַנג האָט זיך מסתמא גענומען דערפון, וואָס מ'האָט אפשר אַמאָל געזעהן אויפ'ן דאַך אָדער דורך די פאַרגראַטעטע פענסטער די אָרימע אַלטע עמרה. געוויס האָט אין ערגיץ ניט געוואוינט אַזאַ

טרייער גייסט ווי דאָ, אין קיין שום הויז האָט מען דאָך אַזוי ניט אויסגעמיידט ווי די דאָזיגע.

בן־חור האָט געהאָפט, אַז פון עמרהן וועט ער געוואָר ווערן עפּעס אַ ידיעה, וואָס וועט אים צו ניץ קומען ביים זוכען זיין מאַטען מיט דער שוועסטער. און בכלל האָט אים געמיזט צוציהען דער געדאַנק ווידער צו זעהן זיך מיט זיין אַלטער אַם אין דעם אָרט, וואָס איז געהייליגט דורך אַזעלכע זיכרונות, וואָס זיינען איינגעבאַקען אין האַרצען. דעריבער איז ביי אים געבליבען, קודם־כל אוועקצולאָזען זיך אין זיין טאַטענס הויז.

באַלד נאָך זון־פאַרגאַנג האָט ער זיך אויפגעהויבען און אַראָפּגענידערט פונ׳ם הר־הזיתים איבער דעם וועג, וואָס האָט זיך געצויגען פון שפּיץ אַ ביסעל צו צפון־מזרח. ביים צופוסענס פון באַרג, נאָהענט פון טייך קידרון האָט זיין וועג איבערגעשניטען דער שליאַך, וואָס האָט געפירט צום דאָרף שילוח ביים קוואַל, וואָס טראָגט דעם זעלביגען נאָמען. דאָרטען האָט ער באַגעגענט אַ פּאַסטאַך, וואָס האָט געטריבען שאָף אויפ׳ן מאַרק. ער האָט זיך מיט אים פונאַנדערגערעדט און צוזאַמען מיט אים איז ער דורכ׳ן שער־הדגים אַריין אין שטאָט.

## קאַפּיטעל פיר.

### דאס פאטער הויז.

ס'איז שוין געווען טונקעל, ווען בן-חור האָט זיך אין טויער צושיידט מיט'ן פאַסטאַך און זיך פאַרנומען אין אַ שמאָלער גאַס אַריין, וועלכע האָט געפירט צו דרום-זייט. איינִיגע פאַרבייגייער, וואָס ער האָט באַגעגענט, האָבּען אים געגריסט. דער גאַסען-ברוק איז געווען ניט קיין גלייכער, די הייזער אויף ביידע זייטען — נידעריג, פינסטער און רוגזהדיג; אַלע טירען — פאַרמאַכט. פון אַ דאַך האָט פון צייט צו צייט אַראָפּגעקלונגען די שטימע פון אַ פרויענצימער, וואָס האָט פאַרוויגט אַ קינד. זיין איינזאַם אַרומבלאָנדזיען אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט, די אומגעוויסהייט, אין וועלכער זיין עתיד איז נאָך פאַרהילט געווען, האָבּען אים אַריינגעבראַכט אין אַ אומעטיגער געפאַלענער שטימונג. פאַרזונקען אין טרויעריגע געדאַנקען, האָט ער פּלוצלונג דערזעהען פאַר זיך די צפונדיגע וואַנט פון דער פעסטונג אַנטאָניע, וואָס האָט זיך מיט איר פינסטערער שוואַרצער מאַסע שאַרף אָפּגעצייכענט אויפ'ן שטאָל-גרויען הימעל. ער איז געבליבען שטיין, אַזוי ווי אַ שטריינגער שומר וואָלט אים געהאַט צוגעשריען אָפּצושטעלען זיך.

די פעסטונג האָט זיך דערהויבען פאַר אים אַזוי גוואַלדיג הויך און גרויס, זי האָט גערוהט אויף אַזאַ מעכטיגען פעסטען גרונד, אַז אַ ייאוש האָט זיך פאַרגנבעט אין בן-חורס האַרץ, אויב זיין מאַמע איז לעבּעדיגערהייט באַגראָבּען אָט אין דער שטיינערנער מאַסע. טאָ וואָס האָט ער געקאָנט טאָן פאַר איר? מיט רוגזה — גאָרנישט.

די מויער־ברעכערס פון אַ גאַנצער־אַרמיע וואָלטען אָהן אַ שום ערפאָלג אָפּגעשפּרונגען פון׳ם דאָזיגען פעלזיגען קלאָץ. סיידען האָפען אויף גאָט — דעם לעצטען אָנהאַלט פאַר די הילפלויזע — אָבער גאָט לאָזט אַזוי לאַנג וואַרטען אויף זיין הילף!

מיט אַ האַרץ פול ספק און פינסטערלאַכע פאָרגעפילען האָט בן-חיר זיך פאַרנומען אין דער גאַס אריין, וועלכע האָט זיך געצויגען פון דער פעסטונג צו מערב-זייט.

אַרויפצו אין בית-צתאָ האָט ער געזוכט פון אַ אַכסניה; דאָרטען האָט ער געהאַט בדעה איינצושטיין, כל-זמן ער וועט זיין אין שטאָט; אַצינד אָבער האָט נישט געקאָנט ביישטיין זיין געלוסט צו זעהן זיך ווידער מיט זיין פאָטער-הויז. ס׳האַרץ האָט אים מעכטיג געצויגען צום טייערן אָרט.

דער אַלטער אָנגענומענער גרוס, וואָס ער האָט איצט באַקומען פון די זעלטענע דורכגייער, האָט אים קיינמאָל נישט פאַרשאַפט אַזאַ נחת-רוח.

דערווייל האָט זיך איבער דער גאַנצער מזרח-זייט פון הימעל אָנגעהויבען צו פאַרשפּרייטען אַ זילבערנער שיין, און אין מערב-זייט זיינען די הויכע טורעמס אויפ׳ן בערג ציון אַרויסגעשוואומען ווי פון אַ פינסטערער טיפעניש, האָבען זיך ווי ריזיגע געשפּענסטער געהויבען אויפ׳ן האָריזאָנט, אויסגעזעהענדיג אַזוי ווי אמתע לופט-שלעסער, וואָס האָבען געשוועבט איבער׳ן חושך פונ׳ם טאָל.

ענדלאַך האָט בן-חור דערגרייכט ס׳הויז פון זיינע עלטערן.

מיר וועלען נישט באַשרייבען זיינע געפילען; אַלע די, וואָס זיי איז אויסגעקומען נאָך לאַנגע יאָרען וואָגלעניש אומצוקערען זיך אין די ערטער, וואו ס׳איז אַריבער זייער קינדהייט, וועלען פאַרשטיין די דאָזיגע געפילען; מיט די דאָזיגע ערטער פון לידער און שמחה זיינען פאַרבונדען די ליכטיגסטע זיכרונות, מיט וועלכע ס׳קאָנען זיך נישט פאַרגלייכען אַלע טריאומפען פונ׳ם שפּעטערדיגען לעבען.

ביים צופאַלדיגען טויער פונ׳ם אַלטען הויז האָט בן-חור זיך אָפּגעשטעלט. אויפ׳ן טויער זיינען נאָך געוועזען סימנים פונ׳ם טריפּוואַקס, מיט וועלכען מ׳האָט אים פאַרחתמעט, און קווער איבער

די טויער-פליגלען איז נאָך געהאנגען די ברעטעל מיט דער אויפ-שריפט:

„דאָס איז דעם קיסרס אייגענס".

זינט'ן שרעקלאַכען טאָג פון דער קאַטאַסטראָפע איז קיינער ניט אריבערגעטראָטען די שוועל פונ'ם דאָזיגען טויער. זאָל ער אפשר אָנקלאַפּען אזוי ווי אין די אַמאָליגע צייטען? ער האָט געוואוסט, אז ס'איז קיין פעולה ניט, פונדעסטוועגען האָט ער ניט געקאָנט ביישטיין דעם ניסיון. אפשר וועט עמרה דערהערען און וועט אַרויס-קוקען פון א וועלכען ס'איז פענסטער אויף דער זייט הויז. ער האָט אויפגעהויבען א שטיין, איז אַרויף אויף די ברייטע שטיינער-נע טרעפּ און האָט אָנגעקלאַפּט דריי מאָל. נאָר א דומפּער ווידער-קול האָט אים אָפּגעענטפערט. ער האָט אָנגעקלאַפּט נאָך אַמאָל, שוין שטאַרקער ווי פריהער, און ווידער אַ מאָל נאָך שטאַרקער און אָנגעשטרייַנגטערהייט זיך צוגעהערט. קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופען. די טיפע שטילקייט האָט ווי חוזק געמאַכט פון אים. ער איז אָפּגעגאַנגען אויפ'ן מיטען גאַס און גענומען קוקען אין די פענסטער אַריין, אָבער ס'האָט זיך קיין נפש ניט געוויזען. די מעקה אויפ'ן דאַך האָט זיך שארף געצייכענט קעגען הימעל; קיינער וואָלט ניט געקאָנט דאָרטען בלייבען אומבאַמערקט פאַר בן-חורס שאַרפע בליקען; אָבער דאָרטען איז אַלץ געווען שטיל ווי אין א קבר.

ער איז אַוועק ווייטער צו דער מערב'דיגער זייט. דאָ זיינען געווען פיר פענסטער, וועלכע ער האָט לאַנג און אויפמערקזאַם באַטראַכט; אָבער אויך דאָ האָט ער גאָרנישט באַמערקט. אום-מעכטיגע פאַרלאַנגען האָבען זיך געוועקט אין זיין האַרץ; מינו-טענווייז פלעגט ער א ציטער טאָן פאַר די פאַרבלענדונגען פון זיין איינענעם כח-הדימיון. אָבער עמרה האָט ניט אַרויסגעוויזען קיין שום צייכען, און אפילו פון ניט גוטע איז דאָ קיין סימן ניט געווען.

פאַמעלאַך האָט ער זיך געלאָזט גיין צום דרום'דיגען פאַסאַד. אויך דאָרטען האָבען זיך אויפ'ן טויער געפונען סימנים פון טריפ-וואַקס און א ברעטעל מיט א אויפשריפט. אינ'ם ווייכען שיין פון דער לבנה, וואָס איז אַרויפגעשוואומען ווי א קיניגין איבערן הר-

הויתים, האָט ער גרינג געקאָנט איבערלייענען די אויפֿשריפֿט.

מיט כּעס האָט ער אַ ריס געטאָן די ברעטעל פון טויער און זי אַ שליידער געטאָן אין רינע אַריין. דערנאָך האָט ער זיך געזעצט אויף די טרעפּ און פֿאַרטראַכט זיך איבער'ן גורל פֿון זיין אָרימען הויז. אָבער ביסלאַכווייז האָט זיך זיין צוהיצט בלוט באַרוהיגט; נאָכ'ן לאַנגען וואַנדערן אין דער זומערדיגער היץ האָט אים די מידינקייט אומבאַמערקט באַהערשט און ער איז איינגעשלאָפֿען אויף די טרעפּ.

בן־חור איז נאָך געלעגען אין טיפֿען שלאָף, ווען פון הינטערן ראָג פּאַלאַץ האָט זיך באַוויזען אַ פֿרויען־געשטאַלט. דער שיין פון דער לבנה איז געפֿאַלען גלייך אויף איר און מ'האָט זי געקאָנט דייטלאַך זעהן; דאָס איז געווען אַ קליינע, איינגעהויקערטע אַל־טיטשקע, מיט אַ טונקעל־פֿאַרברוינט פּנים און ווייסע האָר. זי איז געווען אָנגעטאָן ווי אַ דינערין פון אַ חשובען הויז, אין ציכטיגע קליידער, און האָט געטראָגען אַ קאָרב מיט גרינס.

דערזעהן אַ מענשען שלאָפענדיג אויף די טרעפּ, איז די אַלטע געבליבען שטיין, אָבער גלייך האָט זי זיך אַזוי ווי אַנטשלאָסען און זיך געלאָזט גיין נעהענטער. זי איז פּאַמעלאַך אַרומגעגאַנגען דעם שלאָפֿעדיגען, צו דער טיר צו, אָפּגערוקט דעם פֿאַררוקער און אַריינגערוקט די האַנט אינווייניג. אַ ברייטע ברעט אינ'ם לינקען פליגעל טיר האָט זיך שטיל געעפֿענט. די אַלטע האָט דורכגע־שטופּט דעם קאָרב אַהינצו און האָט שוין אַליין אויך געוואָלט דורכקריכען. אָבער נאָכגעבענדיג דער נייגירינקייט, האָט זי נאָך געוואָרפֿען אַ בליק אויפֿ'ן פֿרעמדענס פּנים, וואָס איז אינגאַנצען געווען צוגעקערט צו איר.

בן־חור איז געלעגען אינ'ם פולען גלאַנץ פון בחורשער שיינ־קייט. זיינע באַקען און שטערען זיינען געווען אָפּגעברענט פֿון זון און ווינט. פון אונטער די לייכטע וואָנסען האָבען אַפּער געגלאַנצט בלענדענד־ווייסע ציין, צווישען בלוט־רויטע ליפּען, און די ווייכע באָרד האָט ניט פֿאַרבאָרגען די שיין־געשניצטע מאָרדע און דעם יונגענדלאַך קיילאַכדיגען האַלז.

פלוצלונג האָט די אַלטע אַרויסגעלאָזען אַ געשריי, האָט זיך

גענומען רייבען די אויגען, גלייך זי וואָלט זיך נאָך ניט נעגלויבט. דער־נאָך האָט זי זיך אריבערגעבויגען איבער דעם שלאָפּעדיגען, אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און מיט צומישטע בליקען גענומען זיך אַרומקוקען אויף אַלע זייטען.

בן־חור האָט זיך אַ ריר געטאָן דורכ'ן שלאָף, אַ וואָרף געטאָן מיט אַ האַנט און אַרויסגעמורמעלט ווי אין חלום:

— מאַמע! עמרה! וואו...

די אַלטע האָט נאָך אַמאָל זיך צו געבויגען צו אים, אָנגעכאַפּט זיין האַנט און זי צערטלאַך צוגעטראָגען צו די ליפּען.

אויפגעוועקט פון דער דאָזיגער באַרירונג, האָט בן־חור אינס־טינקטיוו אַ כאַפּ געטאָן צוריק די האַנט, און זיינע אויגען האָבען זיך באַגעגענט מיט דער אַלטערם.

— עמרה! אָ עמרה! — האָט ער אויסגערופען — דאָס ביסטו?

די גוטע באַשעפעניש איז ניט אימשטאַנד געווען צו ענטפערן אים מיט ווערטער. זי איז אים געפאַלען אויפ'ן האַלז און האָט זיך פונאַנדערגעוויינט פאַר פרייד.

זאַנפט האָט ער זיך באַפרייט פון אירע אָרימס, צוגעצויגען צו זיך איר פאַרברויגט פנים, וואָס איז געווען נאַס פון טרערען, און האָט אים באַדעקט מיט קישען, דערפרייט אפשר ניט ווייניגער ווי זי. דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— וואו איז די מאַמע? וואו איז תירצה? אָ עמרה, דערצייל מיר פון זיי; זאָג מיר עפּעס וועגען זיי, זאָג, איך בעט דיך!

עמרה האָט ווידער אויסגעבראָכען אין אַ געוויין.

— דו האָסט זיי געזעהען, עמרה? דו ווייסט וואו זיי זיינען? זאָג מיר, אַז זיי זיינען אינדערהיים!

אָבער עמרה האָט ביי די ווערטער נאָך שטאַרקער זיך צוכליפּעט.

— דו האָסט געוואָלט אַריינגיין? — האָט בן־חור געפרעגט. דערזעהענדיג די געעפענטע ברעט אין דער טיר — טאָ קום! איך גיי אויך מיט דיר.

און אויפהייבענדיג זיך, האָט ער צוגעגעבען:

— די רוימער — גאָטס קללה זאָל פאַלען אויף זיי! — די רוי־

מער האָבען געליגט. ס'הויז איז מיינס. שטיי אויף, עמרה, לאָמיר אַריינגיין אינעווייניג.

עמרה האָט אים געפאָלגט.

מיר וועלען ניט גיין דאָ באַשרייבען די פרייד, וואָס די געטרייע דינערין פֿין בית־חור האָט איבערגעלעבט, ווידער זעהענדיג בן־חורן אינ'ם הויז פֿון זיינע עלטערן. אָבער אָ ווי! — פֿון איר האַרינטע און תּירצה'ן האָט זי אים גאָרנישט געקאָנט זאָגען. בן־הור האָט איר פֿאָרנעלייגט זי זאָל אַריבערגיין וואוינען ערגעץ אַנדערש, ניט אינ'ם וויסטען פֿאַרלאָרענעם הויז; אָבער זי האָט ניט געוואָלט. איר האָט זיך זעהר געגלוסט, אַז איר יונגער האַר זאָל ווידער פאַרנעמען זיין אַמאָליגען חדר. וואָס אַלץ איז געבליבען נאָך אַזוי, ווי ער האָט עס געהאַט פאַרלאָזען; ער האָט אָבער מורא געהאַט, מ'זאָל אים ניט אַנטדעקען, דען דאָס וואָלט געשטעלט אין סכּנה זיין חקירה־ודרישה וועגען זיינע פֿאַרפאַלענער מאַמען און שוועסטער, דעריבער איז פאַר אים געווען וויכטיג, אַז זיין פֿאַרבלייבען אין ירושלים זאָל בלייבען דערווייל אַ סוד. ער האָט איר צוגעזאָגט צו באַזוכען וואָס עפטער, אָבער נאָר ביינאַכט. זי האָט זיך נעמוזט דערמיט באַנוגענען און האָט תּיכּף גענומען טראַכטען, וואָס אַזוינס צו טאָן פאַר אים, צו פֿאַרשאַפען אים נחת. דערביי איז איר גאָר אויף דער מחשבה ניט אַרויף, אַז ער איז געווען ניט קיין אינגעל, נאָר אַ מאַנספּאַרשוין, און אַז זיינע אַמאָליגע קינדערשע פֿאַרלאַנגען און נייגונגען האָבען זיך פֿאַר דער לאַנגער צייט געקאָנט איבערבייטען. דערהויפּט האָט זי געמיינט צו האַווירען אים דערמיט, וואָס זי וועט פאַר אים צוריכטען זיינע אַמאָליגע באַליבטע מאַכלים. זי האָט געדיינקט, אַז אַמאָל האָט ער האָלט געהאַט נאַשערייען און איינגעמאַכצען, און ביי איר איז געבליבען אָנצוגרייטען זיי וואָס מער, טאָמער קומט ער זי געוואָר ווערען.

## קאפּיטעל פינף.

### די באגעגעניס.

ס'איז געווען אינדערפריה פונ'ם ערשטען טאָג אינ'ם זיבעטען חודש, ווען בן-חור האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין געלעגער אין אכסניה, נישט צופרידען מיט דער גאַנצער וועלט. ער האָט געוואַרט אויף מלוכן, כּדי תּיכף-ומיד אָנהייבען עפּעס צו טאָן. ער האָט געברענט פאַר אומגעדולד צו דערגיין שוין וואָס עס איז מכּוח זיין פאַרלוירענער מאַמען און שוועסטער.

ענדלאך איז מלוך געקומען. זיי האָבען זיך מיישב געווען נאָר אַ קורצע צייט. מלוך האָט די זוכענישען אָנגעהויבען פון דער פעסטונג אַנטאָניע און האָט זיך דרייסט געקערט גלייך צום טריבון, דעם ממונה איבער איר. ער האָט אים דערציילט די געשיכטע פון דער פאַמיליע חור און אַלע פּרטים פונ'ם אומגליק, וואָס איז געשעהן דעמאָלט מיט גראַטוסן, אַזוי אַז ס'איז באַשיינפּערלאַך קלאָר געוואָרען, אַז מ'האָט דאָ געהאַט צו טאָן ניט מיט אַ פאַרברעכען, נאָר פּשוט מיט אַ סיבה. מלוך האָט מוסיף געווען, אַז מיט די איצטיגע אויספאָרשונגען איז ער אויסען צו דערגיין, צי לעבען נאָך די אומגליקלאַכע ווייבער, און אויב יע, דערלאַנגען דעם קיסר אַ השתּדלות וועגען באַפרייען זיי און אומקערען זיי דעם קאָנפיסקירטען אייגענס און די בירגערלאַכע רעכט זייערע. ס'איז ביי אים ניט געווען קיין שום ספק, אַז אַזאַ השתּדלות וועט ברייננען דערצו, אַז מ'וועט איבעראַנייס איבערקוקען דעם גאַנצען עניין, און פאַר'ן רעזולטאַט פונ'ם איבערקוקען קאָנען די פריינד פון דער פאַמיליע חור זיין פולקום רוהיג.

גי נישתימס איז אָבער מלוך געוואָרען, ווען ער האָט דערהערט דער טריבונס ענטפער. דער טריפון האָט אים באריכות דערציילט, ווי אזוי ער האָט די ווייבער אַנטדעקט אין קאַמער נומער VI און ווי אזוי ער האָט זיי היינט, אָט ערשט טאַקע, באַפרייט. דערביי האָט ער אים געוויזען דעם פּאַפּיר, וואָס ער האָט צונויפגעשטעלט וועגען דעם דאָזיגען עניין.

אויסער זיך פאַר שימחה איז מלוך אויף גיך אַוועק צו בן-הירן.

ס'איז אוממינלאַך איבערגעבען דעם רושם, וואָס די בשורה האָט געמאַכט אויפ'ן יונגען מאַן. זיין פרייד איז געווען צו טיף, ער זאָל זיך קאָנען באהערשען. טרערען פון פאַרלייכטערונג האָבען ווי פון אַ קוואַל אַ שטראָם געטאָן פון זיינע אויגען. זיינע ליבע און טייערע, נאָך וועלכע ער איז אויסגעגאַנגען אַזויפיל לאַנגע יאָרען נאָכאַנאַנד, לעבען און באַלד וועט ער זיך ווידער מיט זיי זעהען!

משוגענערווייז האָט ער זיך געלאָזט לויפען פון זיין אכסניה צום פּאַלאַץ פון בית-חור, זייענדיג זיכער, אַז ער וועט שוין געפינען דאָרטען די, וואָס זיינען געווען זיין איינציגע מחשבה סיי ביי טאָג סיי ביינאַכט.

אין דערזעלביגער צייט זיינען אויף דער גאַס, וואָס פירט פון דער פעסטונג אנטאָניע צום פּאַלאַץ פון בית-חור, געגאַנגען צוויי ווייבער. ביים ראָג פונ'ם פאַרלאָזענעם מויער זיינען זיי שטיין געבליבען און איינע האָט שטיל געזאָגט צו דער אַנדערער:

—אָט איז אונזער הויז, תירצה.

זיי זיינען צוגענאַנגען צום טויער. פּלוצלונג זיינען זייערע בליקען געפאַלען אויפ'ן ברעטעל מיט דער אויפשריפט: „ד אָ ס א י ז ד ע ם ק י ס ר ס א י י ג ע נ ס".

די מאַמע האָט אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל, פאַרבראָכען מיט די הענט און אַרויסגעלאָזט אַ קרעכץ פון טיפען-טיפען צער.

— וואָס איז מיט דיר, מאַמע? דו שרעקסט מיך!

— אַך, תירצה — האָט יענע געענטפערט — ווי אָרים ער איז, ווי אָרים! און אונזערע חכמים זאָגען, אַז „עני חשוב כמת."

— ווער איז אָרים, מאַמע?

— דער ברודער דיינער. זיי האָבען ביי אים אַלצדינג צונג־ומען... אַלצדינג... אפילו די הויז.

פלוצלונג האָט זי אַ ציטער געטאָן. איבערן נאָס האָט זיך דער־נעהענטערט אַ מאַנספּאַרשוין מיט גיכע טריט. זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו תּירצהן און האָט קוים באַוויזען אויסצושרייען:

— איך שווער ביי גאָט, אַז דאָס איז ער, תּירצה, מיין זון, דיין ברודער...

און זי האָט אויסגעבראָכען אין אַ געוויין פון שמחה און גליק.

מיר לאָזען איבער דעם לעזער אַליין צו מאַכען זיך אַ השגה וועגען דער סצענע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט צווישען די מיט־גלידער פון דער פאַמיליע חור, וועלכע האָבען זיך ענדלאַך ווידער געפונען ביי די טויערן פון זייער אַלטען, היימישען פּאַלאַץ.

## קאַפּיטעל זעקס.

### אסתּר און איראַס.

— אסתּר, אסתּר! זאָג דעם דינער, ער זאָל מיר ברייננגען אַ בעכער וואַסער!

— אפשר ווילסטו בעסער ווײַן, טאַטע?

— הײַס ברייננגען ביידע זאַכען.

דער דאָזיגער שמועס איז פֿאָרגעקומען אין דעם זומער-הויז אויפ'ן דאַך פונ'ם אַלטען פּאַלאַץ פֿון בית-חור אין ירושלים. אסתּר איז צוגעגאַנגען צו דער מעקה, האָט אַ רוף געטאָן אַ דינער, וואָס איז געשטאַנען אונטען אין הויף, און האָט אים איבערגעגעבען דעם טאַטענס באַפעל.

פאַר דער צײַט וואָס איז אַריבער זינט די געשעהענישען, וואָס זיינען שוין פריהער באַשריבען, האָט מלוך, אַלס מירשה פון בן-חור'ן, וועלכער האָט שוין לייננגער ניט געקאָנט צוזעהן די וויסט-קייט און אָפּגעלאָזענקייט פון זיין ירושה-הויז, עס אָפּגעקייפט צוריק ביי פּאָנטיוס פּילאַטוסן. דער אַלטער פּאַלאַץ פֿון בית-חור מיט אַלע פֿאַרשיידענע הויפֿען איז פֿון אויבען ביז אַראָפּ געוואָרען אָפּגעפרישט און רעסטאַווירט. לא-די וואָס אין אים איז ניט פאַרבליבען קיין שום זאַך, וואָס זאָל דערמאָנען אָן די טראַגישע געשעהענישען, וועלכע האָבען אַרייננגעוואָרפען די פאַמיליע חור אין אַזאַ אומגליק, איז ער, אדרבה, נאָך באַנייט געוואָרען מיט אַ סך מער פראַכט ווי פֿריהער. דער באַזוכער האָט אויף יעדען טראָט געפֿונען סימנים פֿונ'ם פיינעם אויסגעאיידעלטען געשמאַק.

וואָס דער יונגער בעל־הבית פֿונ׳ם פּאַלאַץ האָט זיך דערוואָרבען, פֿאַרברײנגענדיג יאָרען נאָכאַנאַנד אין דער ווילע בײַ מיזענום און אין דער קיסר־שטאָט רוים.

אַלס גאַסט פֿון בן־חור׳ן האָבען זיך אין פּאַלאַץ באַזעצט דער מיצרי בלשאצר מיט זײַן טאָכטער איראַס; און די שײנקײט פֿון דער מיצרית האָט נאָך אַלץ געהאַט די באַצױבערנדיגע ווירקונג אויפֿ׳ן יונגען אידען.

וואָס איז שײך צו סימאָנידעסן און צו אסתּרן, זײַנען זײ שוין מיט עטלאַכע טעג צוריק אָנגעקומען אַהער פֿון אַנטיאָכיע. פֿאַר דעם קראַנקען סוחר איז די נסיעה געווען זעהר שווער, וואָרום ער האָט זיך געמוזט לאָזען טראָגען אין אַ פּאַלאַנקין. וואָס איז געהאַנגען צווישען צווײ קעמלען, וועלכע זײַנען ניט אַלעמאָל געגאַנגען אין גלײַכען טריט. אָבער איצט, נאָכ׳ן אָנקומען קײן ירושלים, האָט זיך דער אײדעלער מאַן גאָר זאַט ניט געקאָנט אָנקוקען מיט זײַן פּאָטערשטאָט. מיט אַ באַזונדער הנאה פֿלעגט ער פֿאַרברײנגען דעם גרעסטען טײל פֿון טאָג אויפֿ׳ן דאַך פֿון הויז. זיצענדיג אין זײַן פּאָטעל אינ׳ם שאָטען פֿונ׳ם זומער־הויז, האָט ער מיט אַ אמתן נחת־רוח אײַנגעאָטעמט די הערלאַכע לופֿט, וואָס האָט געשטרוימט אַהער פֿון די אַלט־באַקאַנטע בערג. ער פֿלעגט נאָכקוקען דעם גאַנג פֿון דער זון, פֿון איר אויפֿשײַנען ביז׳ן פֿאַרגײן, און זעהענדיג לעבען זיך די טאָכטער זײַנע, וועלכע האָט אים אַרומגערינגעלט מיט אַזאַ ליבשאַפֿט און איבערגעגעבענקײט, פֿלעגט ער זיך דערמאָנען אָן איר מאַמען, דער געליבטער פֿון זײַן יוגענד, זײַן טײַערער ווײַב, וואָס זײַן צוגעבונדענקײט צו איר איז געוואַקסען אַלץ מער, וואָס עלטער ער איז געוואָרען.

פֿונדעסטוועגען האָט ער זיך אַפֿילו דאָ ניט אינגאַנצען פֿאַרגונען די רוה. אַלע טאָג פֿלעגט צו אים קומען צו פֿאָרען אַ קוריער מיט אַ דין־וחשבון פֿון סנבלטען, וועלכען ער האָט איבערגעגעבען צו פֿירען די גרויסע געשעפֿטען פֿון זײַן האַנדעלס־הויז אין אַנטיאָכיע; און אַלע טאָג פֿלעגט ער שיקען סנבלטען אינסטרוקציעס, אַזעלכע גענױע און אויספֿירלאַכע, אַז פֿון יענעם איז כמעט

אַרױף די גאַנצע פאַראַנטװאָרטליכקײט; אַלע שאַנסען, װאָס אַ מענשענס שכל קאָן נאָר פֿאַרקלערען, זײנען פאַראױסגעזעהן געװען אין די דאָזיגע אינסטרוקציעס.

אסתּר איז געװעזען אין רעכטען בליהען פֿון איר יוגענד. אַ קלײנע, חנעװדיגע געשטאַלט, מיט געשניצטע איבּרים, מיט אַ פּנים, װאָס האָט געשפּריצט מיט יוגענד און געזונט, האָט איר גאַנצער װעזען געטעמט מיט קלאָרען פֿאַרשטאַנד, מיט ליבּשאַפט און צױבּער. די דאָזיגע פרוי האָט יעדערער געמוזט האָלט האָבּען, װאָרום זי גופא איז געװען פול מיט ליבּע און טרײשאַפֿט.

זי איז געשטאַנען לעבּען איר מאַטען, װעלכער האָט געהאַלטען דעם אַלטען קאָפּ טיף אַראָפּגעלאָזען.

— דו האָסט אים האָלט, אסתּר? — האָט ער ענדלאַך געזאָגט.

— יע, — האָט זי געענטפֿערט.

— האָסטו אַ טראַכט געטאָן, װאָס דערפון װעט אַרױסקומען?

— איך האָבּ זיך געפּלײסט צו טראַכטען װעגען אים נאָר װי װעגען אונזער האַר, װאָס צו אים בּינדט מיך צו דער חוב; אָבּער מײנע בּאַמיהונגען זײנען געװעזען אומזיסט. איך בּין געװען ניט גענוג שטאַרק.

— דו בּיסט אַ גוט קינד און אַ ליבּ קינד, גערעכטען אין דײן מאַמען — האָט סימאָנידעס זיך אָפּגערופען און פאַרטראַכט.

דערנאָך האָט ער װידער אָנגעהױבּען:

— איך זאָל ניט פאַרזינדיגען מיט מײנע רײד, אָבּער... דײן ליבּע װאָלט אפשר ניט געװען אומזיסט, װען איך װאָלט אײנגעהאַלטען, װאָס איך האָבּ פֿאַרמאָגט און װאָס איך האָבּ עס לײכט געקאָנט טאָן. געלט איז אַ גרױסער כּוח!

— װען דו װאָלסט אַזױ געטאָן, װאָלט מיר נאָך איצט זײן אַ סך ערגער. איך װאָלט ניט װערט זײן צו קוקען אים אין די אױגען אַרײן און װאָלט ניט געקאָנט זײן שטאָלץ מיט דיר, טאַטע!

— דערלױבּ מיר צו זאָגען דיר דאָס ערגסטע, מײן קינד, — האָט סימאָנידעס געזאָגט — פון דײן טובה װעגען טאַקע. ס'װעט דיך אפשר ניט אַזױ שװער טרעפען, װען דו װעסט עס געװאָר װערען פון מיר. זײן ליבּע, אסתּר, געהערט שױן צו אַ אַנדערע.

— איך ווייס עס — האָט זי רוהיג געענטפערט.

— די מיצרית האַלט אים אין איר נעץ — האָט ער ווייטער גערעדט — זי האָט די שאַלקהאַפטיגקייט פון איר פאָלק מיט אַלע סגולות פון איר שיינקייט אַלס צוגאָב — אַ גרויסע שאַלקהאַפטיגקייט און אַ וואונדערלאַכע שיינקייט. אָבער אַזוי ווי איר פאָלק, האָט זי קיין האַרץ ניט.

— די טאָכטער, וואָס פאַראַכט איר טאַטען — האָט סימאָנידעס ווייטער גערעדט — וועט איר מאַן ברייינגען נאָר צער.

— זי פאַראַכט אים דען?

— יע, — האָט דער זקן געענטפערט. זי לאַכט פון אים. בלשאצר איז אַ מענש מיט חכמה, וואָס האָט שוין אַ סך געזעהן אויף דער וועלט. ער איז פון די חסידי-אומות-העולם, און נאָט דער האַר האָט צו אים אַרויסגעוויזען זיין באַזונדערן חסד, אָפּקערענדיג אים פון דער עבודה-זרה צו אונזער הייליגער אמונה. איך האָב אַליין נעכטען געהערט, ווי זי האָט געזאָגט: „די נאַרישקייטען פון דער יוגענד קאָן מען מוחל זיין; זקנים קאָנען זיך איבערנעמען נאָר מיט חכמה. און ווער ס'פאַרלירט זי, דאַרף בעסער שטאַרבען". גרויזאַמע ווערטער, וואָס פאַסטען נאָר פאַר אַ רוימער. זי האָט מיר דערמאָנט, אַז אויך איך וועל באַלד זיין אַזוי שלאַף, אַזוי ווי איר טאַטע. אָבער דו, אסתר, דו וועסט קיינמאָל ניט זאָגען: „ס'וואָלט זיין בעסער, ער זאָל שטאַרבען", ניין, וואָרים דיין מאַמע איז געווען אַ טאָכטער פון יהודה.

מיט טרערען אין די אויגען האָט זי אים אַ קוש געטאָן און געזאָגט:

— און איך בין אַ קינד פון מיין מאַמען.

נאָך אַ קורצען שווייגען, האָט ער אַרויפגעלייגט די האַנט אויף איר אַקסעל און האָט ווידער אָנגעהויבען:

— אַז ער וועט האָבען די מיצרית פאַר אַ ווייב, וועט ער מיט אַ געפיל פון חרטה און מיט אַ גרויסער בייינקשאַפט אין דער נשמה זיך דערמאָנען אָן דיר. וואָרים ער וועט באַלד געוואָר ווערען, אַז ער איז פאַר איר נאָר דער דינער פון איר בייזער תאווה נאָך כבוד. רוים איז דער מיטעלפונקט פון אירע חלומות. פאַר איר

איז ער אַרױס, דער זון פֿונ׳ם דואימוויר, ניט דער זון פֿון חור-דער פירשט פֿון ירושלים.

אסתּר האָט ניט געפּרובט צו פֿאַרבאָרגען, ווי טיף די דאָזיגע ווערטער האָבן זי געטראָפֿען.

— ראַטעווע אים, טאַטע! ס׳איז נאָך ניט צו שפּעט! — האָט זי געזאָגט מיט תּחנונים.

מיט אַ שטילען שמייכעל האָט סימאָנידעס געענטפֿערט.

— אַ דערטרינקענדיגען קאָן מען ראַטעווען. אַ פֿאַרליבטען — קיינמאָל ניט.

— אָבער דו האָסט אַ השפּעה אויף אים. ווייז אים די סכּנה, וואָס שטייט אים פֿאָר. זאָג אים, וואָס פֿאַר אַ פֿרוי איראַס איז.

— דאָס וואָלט אים געקאָנט באַפֿרייען פֿון דער מיצרית נעץ, אָבער צי דען וועט עס אים ברענגען צו דיר, אסתּר? ניין — און זיינע ברעמען האָבן זיך געדיכט צונויפֿגעצויגען — איך בין אַ קנעכט, אַזוי ווי מיינע אָבות זיינען געווען. פונדעסטוועגען וואָלט איך צו אים ניט געקאָנט זאָגען: „אָט איז, אַדוני, מיין טאָכטער! זי איז שענער פֿאַר דער מיצרית און האָט דיך העלטער". אין די לאַנגע יאָרען פֿון פֿרייהייט האָב איך געלערענט שטאָלץ צו זיין. אַזעלכע ווערטער וואָלטען מיר די צונג אָפּגענומען; איך וואָלט זיך געמוזט שעמען פֿאַר די אַלטע שטיינער אויף די בערג דאָרטען קענענאיבער. ניין, אסתּר, בעסער וואָלט איך שוין געוואָלט שלאָפֿען דעם אייביגען שלאָף מיט דיר אינ׳ם קבר פֿון דיין מאַמען.

אַ ברענענדיגע רויטקייט פֿון בושה האָט איבערצויגען אסתּרס פּנים.

— איך האָב ניט געמיינט, אַז דו זאָלסט צו אים אַזוי ריידען, טאַטע. איך האָב געטראַכט נאָר וועגען אים... וועגען זיין גליק... ניט וועגען מיינעם. אויב איך האָב זיך דערוועגט אים ליב צו האָבען, וויל איך אויך ווערט זיין אַכטונג. נאָר דערמיט קאָן איך זיך פֿאַרענטפֿערן אין מיינע אייגענע אויגען.

און דערווייל איז אַריינגעקומען אַ דינער און געבראַכט וויין און וואַסער. אינדערצייט וואָס אסתּר האָט דערלאַנגט דעם טאַטען צו טרינקען, איז אויפֿ׳ן דאַך אַרויף איראַס.

קײנמאָל נאָך האָט די מיצרית ניט אױסגעװיזען דער אידישקע אַזױ שײן װי אין דעם מאָמענט. אירע דופטיגע מלבושים האָבען געפלאַטערט אַרום איר לײב װי אַ װאָלקען; אױף׳ן שטערן, אױף׳ן האַלז און אױף די הענט האָט געגלאַנצט רײכע צירונג, װאָס די פרױען פון מצרים האָבען אַזױ ליב געהאַט. מיט אַ פרײלאַך פּנים, מיט אַ לײכטען שװעבענדיגען טראָט, שטאָלץ און זיכער, אָבער אָהן אַ שום אַפעקטאַציע, האָט זי זיך דערנעהענטערט. בײ איר אָנקומען איז אסתר עפּעס װי אײנגאַנצען אַרײן אין זיך און זיך צוגעטוליעט שטאַרק צו איר טאַטען.

— פריד צו דיר, סימאָנידעס, און צו דיר, ליבע אסתר — האָט איראַס געזאָגט און אַ נײג געטאָן דעם קאָפּ צו דער יונגער מײ-דעל — דו דערמאָנסט מיר, אײדעלער פרײנד, — אױב איך קאָן עס נאָר זאָגען, ניט באַלײדיגענדיג דיך — אָן די פּערסישע כּוהנים, װאָס װען דער טאָג נײגט זיך, שטײגען זײ אַרױף אױף די דע-כער פון זײערע טעמפּלען צו שיקען תּפלות דער זון, װעלכע נעמט אָפּשײד. טאָמער ביסטו ניט גאָר באַהאַװענט אין דער עבודה פון די פּערסער, קאָן איך דיר צושיקען מײן טאַטען. ער איז דאָך פון די חרטומים.

— שײנע מיצרית — האָט דער סוחר געענטפערט מיט אַ ערנ-סטער העפלאַכקײט — דײן טאַטע איז אַ אײדעלער מאַן און ער װעט קײן פאַראיבעל ניט האָבען, אױב איך װעל זאָגען, אַז זײן בקיאות אין דער חרטומים-קונסט איז נאָר דער קלענסטער טײל פון זײן חכמה.

איראַס האָט אַ ביסעל שפּאָטיש פאַרצױגען די ליפּען.

— כּדי צו רײדען מעשה-פילאָזאָף אַזױ װי דו, מוז איך דיר זאָגען אַז דער קלענסטער טײל פאָדערט שטענדיג די מציאות פון אַ גרעסערן. מאָג איך פרעגען, װאָס דו האַלטסט פאַר דעם גרעסערן טײל פון יענער זעלטענער מעלה, װאָס דיר איז װאויל-געפעלען צוצושרײבען מײן טאַטען?

ניט אָהן שטרײנגקײט האָט איר סימאָנידעס געענטפערט:

— די אמתע חכמה איז תּמיד געװענדט צו גאָט. די העכ-סטע חכמה איז דאָס דערקענען גאָט. און איך האָב זעלטען גע-

זעהן אַ מענשען, ביי וועלכען די דאָזיגע חכמה זאָל דעריגרייכען אַ העכערע מדריגה ווי ביי דיין טאַטען, און וואָס זאָל זי דורך ווערטער און מעשים בעסער באַשטעטיגען, ווי דער איידעלער בלשאצר.

און כדי צו מאַכען אַ סוף מיט דעם שמועס, האָט ער צוגע־טראָגען דעם בעכער צו די ליפּען.

אַ ביסעל געפּלעפּט, האָט די מיצרית זיך געווענדט צו אסתּרן.

— אַ מענש, וואָס פאַרמאָגט מיליאָנען און גאַנצע פלאָטען פון שיפען אויפ׳ן ים, קאָן ניט פאַרשטיין, וואָס פאַרשאַפט הנאה אונז פשוטע פרויען. לאָמיר אים איבערלאָזען מיט זיך אין אַליין אַ בי־סעל אַ פלוידער טאָן דאָרטען ביי דער מעקה. זיי זיינען צוגענאַנגען און שטיין געבליבען גראָד אויף דעם אָרט, וואו מיט יאָרען צו־ריק האָט זיך אונטער בן־חורס האַנט אָפּגעריסען דער ציגעל, וואָס האָט געטראָפען גראַטוסן אין קאָפּ.

— דו ביסט קיינמאָל ניט געוועזען אין רוים? — האָט איראַס אָנגעהויבען, שפּילענדיג מיט איינעם פון אירע פּילע בראָנזע־לעטען.

— ניין — האָט אסתּר קורץ געענטפערט.

— האָט זיך דיר קיינמאָל גאָר ניט געגלוסט צו זיין דאָרטען?

— ניין.

— אַך, ווי איינג און באַגרעניצט דיין לעבען איז געוועזן!

דער זיפץ, וועלכער האָט באַגלייט די דאָזיגע ווערטער, וואָלט ניט געקאָנט זיין מיטליידיגער, ווען ער וואָלט זיך אפילו באַצוי־גען אויף איר גופה. אָבער שוין אין אַ רגע אַרום האָט זי זיך פו־נאַנדערגעלאַכט אַזוי הויך, אַז מ׳האָט עס געקאָנט הערען אויף דער גאַס.

— אָ, דו קליינע תּמימות מיינע! — האָט זי אויסגערופען. — די האַלב־באַפעדערטע פייגעלאַך פונ׳ם נעסט אין די אויערן פון דער גרויסער סטאַטוע צווישען די מעמפיסער זאַמדען זיינען שוין כמעט געניטער פון דיר.

באַמערקט אסתּרס פאַרלעגענהייט, האָט זי איבערגעביטען איר טאָן און האָט אינטים געזאָגט:

— דארפסט ניט ווערן ברוגז. איך האב עס דאך געזאגט אין שפאס. לאמיך דיך איבערבעטען מיט א קוש, און איך וועל דיר דערציילען, וואס איך וואלט קיינעם אין דער וועלט ניט פאר־טרויט.

זי האט זיך ווידער צולאכט, כדי צו פארמאסקירען דעם שאר־פען בליק, וואס זי האט געווארפען אויף אסתרן.

— בן־הור קומט היינט אין אווענט.

אומזיסט האט זיך אסתר געפלייסט צו בלייבען קאלטבלוטיג; זי האט ארויפגעלאזט די אויגען, און א פארזעטערישע רויטקייט האט באדעקט אירע באקען און שטערן. זי האט ניט געזעהן דעם ניצחון־שמייכעל, וואס האט שנעל ווי א בליץ דורכגעשוועבט אי־בער דער מיצרית פנים.

— זעה, אט איז זיין צוזאג.

זי האט ארויסגענומען פון גארטעל א פארמעטענעם קוויטעל און האט ווייטער גערעדט:

— פריי זיך מיט מיר, מיין פריינדין! היינט וועט ער דא ווי־דער זיין. ביים טיבער שטייט א הויז, א אמתער פאלאץ, וואס פאסט פאר א קיניג; אט דאס הויז האט ער מיר צוגעזאגט; אבער כדי צו ווערן א בעל־הביתטע פון דעם הויז, מוז מען...

דער הילך פון האסטיגע טריט איבער דער גאס האט איבער־געריסען אירע רייד. זי האט זיך אריבערגעבויגען איבער דער מעקה, כדי א קוק צו טאן, ווער ס׳גייט. דאן האט זי א שפרונג געטאן אויף צוריק און אויסגערופען מיט אויפגעהויבענע הענט:

— געלויבט איז איזידע! דאס איז ער — בן־חור אליין! ווי גוט, וואס ער איז געקומען נראד בשעת איך האב וועגען אים געטראכט! דאס איז א גוטער סימן. נעם מיך ארום, אסתר, גיב מיר א קוש.

די אידישקע האט אויפגעהויבען די אויגען. די באקען האבען איר געברענט, און אין אירע אויגען האט געפינקעלט א כעס, וואס איז בכלל פרעמד געווען איר נאטור. זי איז אויף א צו גרא־בען אופן באליידיגט געווארען אין אירע איידעלסטע געפילען. לא־די וואס מ׳האט ביי איר אוועקגענומען דעם רעכט צו טראכ־מען וועגען דעם, וואס זי האט ליב געהאט, האט זי נאך געמוזט

צוהערען ווי איר גליקלאַכע קאָנקורענטין באַריטעט זיך חצופ׳יש מיט אירע ערפאָלגען און דערציילט די גלענצענדע הבטחות, וואָס זי האָט באַקומען. וועגן איר, דער טאָכטער פון קנעכט, האָט בן־חור אפילו ניט געטראַכט. און יענע. די אַנדערע, ווייזט איר זיין ברייוו, איבערלאָזענדיג איר אַליין צו טרעפען, וואָס דאָרטען שטייט.

—דו האָסט אים טאַקע האַלט, אָדער רוים איז דיר טייער?— האָט אסתר געפרעגט.

די מיצרית איז אָפּגעטראָטען א טראָט אַהינטער, דאַן האָט זי אַראָפּגעביינגען איר שטאָלצען קאָפּ גאַנץ נאָהענט צו אסתרס פּנים און האָט געזאָגט:

— וואָס איז ער דיר, טאָכטער פון סימאָנידעס?

— ער איז מיין... האָט אסתר אָנגעהויבען.

אָבער אַ געדאַנק, שאַרף ווי אַ בליץ, האָט ניט געלאָזט איר דערענדיגען. זי איז בלייך געוואָרען און האָט געציטערט, האָט זיך אָבער צונויפגענומען מיט די כוחות און האָט געענטפערט:

— ער איז מיין טאַטענס אַ פריינד!

די צונג האָט זיך איר ניט איבערגעדרייט צו מודה זיין, אַז זי איז זיינע אַ שקלאַפין.

איראַס האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— ניט מער ווי דאָס? — האָט זי זיך אָפּגערופען. אָ, איך שווער ביי די גוטע געטער פון מיצרים, דו מעגסט האַלטען דיינע קוי־שען פאַר זיך. איצט וואַרטען אויף מיר דאָ אַ סך זיסערע קושען.

און זיך אויסגעדרייט אַוועקצוגיין, האָט זי אַ וואָרף געטאָן אויף אסתרן אַ בליק איבערן אַקסעל און געזאָגט:

— כ׳וועל זיי גיין באַקומען. פריד צו דיר.

אַז די מיצרית איז אַראָפּ פון די טרעפּ און מ׳האָט זי שוין ניט געזעהן, האָט אסתר פאַרבאָרגען דעם פּנים אין די הענט און אויס־געבראָכען אין אַ שטראָם טרערען, טרערען פון בושה און באַליי־דיגטער ליבע, וואָס האָבען ברענענדיג־הייס גערונען צווישען אירע פינגער.

און אַזוי ווי כדי צו פאַרגרעסערן די ביטערקייט פונ׳ם דאָזיגען

צער-אויסבראָך, וואָס איז אַזוי פרעמד געווען איר רוהיגען זאַנפטען טעמפּעראַמענט, זיינען איר אַרויף אויפ'ן זינען איר טאַטענס ווערטער, שוין מיט אַ נייער באַטייטונג: „דיין ליבע וואָלט אפשר ניט געווען אומזיסט, ווען איך וואָלט אַיינגעהאַלטען, וואָס איך האָב פאַרמאָגט, וואָס איך האָב עס לייכט געקאָנט טאָן.“

די שטערן האָבען זיך שוין געוויזען אויפ'ן הימעל און געגאָסען זייער ווייכען שיין איבער דער שטאָט און דעם קראַנץ טונקעלע בערג אַרום איר. ווען אסתר האָט זיך געהאַט אויף אַזוי פיל באַרוהיגט, אַז זי זאָל קאָנען זיך אומקערען צוריק אין זומער-הויז און ווידער שטיל פאַרנעמען איר געוויינטלאַכען פלאַץ לעבען טאַטען, כּדי גרייט צו זיין צו דינען אים אין ענייוותדיגער ליבע. דאָרטען איז געוועזען איר אָרט. ערפילען דעם דאָזיגען חוב אירען איז איר איצט פאָרגעקומען אלס די איינציגע אויפגאַבע פון איר לעבען. און מ'דאַרף זאָגען דעם אמת — זי האָט גובר געווען דעם ביטערן צער, און האָט זיך מיט שמחה אונטערגעגעבען דעם דאָזיגען חוב.

## קאַפּיטעל זיבען.

### די מאסקע אראפגעווארפען.

בן-חור און איראַס זיינען געוועזען אַליין.

די לעצטע אויפרעגענדיגע געשעהענישען האָבען כמעט ארויסגעשטופּט פֿון בן-הירס מיח דעם געדאַנק וועגען דער שיינער מיצרית. טאָמער פלעגט ער זיך טיילמאָל דערמאָנען אָן איר, איז נאָר מיט יענעם אויגענבליקליכען געפיל פון פאַרגעניגען, וואָס מיר לעבען איבער ביים געדאַנק וועגען די תענוגים, וועלכע שטייען אונז פאָר. און איצט, אַז ער האָט זי דערזעהן אַריינקומען אָדער ריכטיגער געזאָגט — אַריינשוועבען געהילט אין אַ וואָלקען ווייסען שלייער-אַרטיגען געוועב, וואָס זי האָט עס אַזוי ליב געהאַט, האָט ער איבעראַניים דערפילט דעם גאַנצען צויבער אירען. ער איז האַסטיג צוגעגאַנגען צו איר, איז אָבער שטיין געבליבען ווי געפּלעפּט. אַזוי גרויס איז געוועזן די פאַרענדערונג אין איר.

ביז אַהער האָט זי געטאָן אַלע סגולות, כדי אים צוצובינדען צו זיך. איר גאַנץ וועזען איז דורכגעדרונגען געוועזען מיט אַ וואַרימען געפיל פון אַנטקעגענקומען, יעדער בליק אירער איז געווען אַ צוזאָג, יעדער באַוועגונג — אַ הבטחה. זי פלעגט אים פאַרשיכּירן מיט חניפה און באַוואונדערונג. אַז זיי פלעגען זיין צוזאַמען, האָט ער זיך נים געקאָנט זאַט אָנקוקען אויף איר, און אַוועקגיין פון איר פלעגט ער מיט דער זיסער זיכערקייט, אַז זי וועט מיט אומגעדולד וואַרטען אויף זיין צוריקקומען. פאַר אים האָט זי געפאַרבט אירע לאַנגע ברעמען, וואָס זיינען איר אַראָפּגעהאַנ-

גען איבער די לײַכטענדיגע מאַנדעלפֿאָרמיגע אויגען; פֿאַר אים איז באַשטימט געווען דער ליבער שמייכל פֿון אירע ראָזיגע ליפּען. פֿאַר אים האָט זי כּסדר דערציילט די פּאָעטישע לעגענדעס, וואָס זי האָט געהערט בײַם פֿאָלק אין אַלעקסאַנדריע; פֿאַר אים האָט זי נאָכאַנאַנד געזונגען די אַלטע לידער פֿון נילוס; פֿאַר אים האָט זי אָנגעטאָן די טײַערסטע אבנים־טובֿות, די פֿײַנסטע געשפּיצטע שלייערס, שאַלען און אַנדערע זעלטענע געוועבן פֿונ׳ם אינדישען זיידענס; פֿאַר אים האָט זי אויפֿגעשלאָסען דעם גאַנצען כּישוף פֿון איר שיינקייט און פֿון איר גײַסט, — אַזוי אַז בײַ אים איז קיין שום ספֿק ניט געבליבען, אַז ער איז איר אויסדערוויילטער העלד. האָט זי דאָך אים דאָס אַלע טאָג נעגעבען צו פֿאַרשטיין אויף טויזענטערליי אופֿנים, מיט אַלע קונצען פֿון דער קאָקעטעריי אויף וועלכער זי איז געווען אַזאַ בריה.

אַזאַ איז די מיצרית געווען פֿאַר בן־חורן פֿון דעם אָוועגט אָן, ווען ער איז מיט איר נעפֿאָרען איבער דער אָזערע אין דעם פּאַלמען־וואַלד. און איצט?

זעלטען וועלכער מענש האָט ניט קיין טאָפּעלטע נאַטור — אַ געבאָרענע און אַ געוואָרענע; די לעצטע איז דאָס רובֿ אַ פּראָדוקט פֿון דערציהונג; און די דאָזיגע בײדע נאַטורען שמעלצען זיך מיט דער צײַט אַזוי צונויף, אַז ס׳איז טײלמאָל זײַ שווער אָפּצושיידען. בײַ איראַסן האָט זיך איצט אַנטפּלעקט איר אמתע געבאָרענע נאַטור.

אַפּילו אַ אומבאַקאַנטען וואָלט מען ניט געקאָנט באַגעגענען מיט אַ קאָנטינגערן געפֿיל פֿון פֿרעמדקייט, ווי זי האָט איצט באַגעגענט בן־חורן. זי איז געווען ווי פֿאַרגליווערט, רוהיג און קאַלט אַזוי ווי אַ סטאַטוע; נאָר דעם שטאָלצען קאָפּ האָט זי אַ ביסעל פֿאַרוואָרפֿען אַהינטער און פֿעסט צונויפֿגעפּרעסט די ליפּען.

זי האָט די ערשטע איבערגעריסען דעם שווייגען.

— דו ביסט געקומען צו דער רעכטער צײַט, זון פֿון חור — האָט זי געזאָגט מיט אַ שאַרפֿער קאַלטער שטים — איך וואָלט דיר געוועלט אַרויסזאָגען מײַן דאַנק פֿאַר דײַן גאַסטפֿרײַנדלאַכקייט; שפּעטער וועל איך שוין ניט האָבען די געלעגענהייט דאָס צו טאָן.

בן־הור האָט זיך גרינג פאַרנייגט, ניט אַראָפּנעמענדיג דעם בליק פון איר.

— איך האָב געהערט, אַז ביי די קוביה־שפּילערס איז אָנגענומען אַ שיינער מינהג — האָט איראַס ווייטער גערעדט — גענדיגט די שפּיל, מאַכען זיי אַ חשבון פון געווינס און אָנווער און קרוינען דעם גליקלאַכען געווינער מיט אַ קראַנץ. אויך מיר האָבען אַ שפּיל געשפּילט, אַ שפּיל, וואָס האָט זיך געצויגען אַ סך טעג מיט נעכט. און איצט, אַז זי האָט זיך געענדיגט, וואָלט געווען אַ יושר צו דערגיין, וועמען ס׳געהערט דער קראַנץ.

— טאָלטער פון בלשאַצר — האָט בן־חור רוהיג און מיט ווערדע געזאָגט — אייב דו האָסט מיט מיר געוואָלט שפּילען די שפּיל, טאָ נעם זיך דעם קראַנץ, איך לאָז דיר אים אָפּ. אָבער אַ שאָד אומזיסטע ווערטער. די האָסט עפּעס אַ כוונה; און דעם בין איך זיכער. זאָג זשע מיר אָפען, וואָס דו ווילסט, און איך וועל דיר ענטפערן. דערנאָך וועלען מיר זיך פונאַנדערגיין יעדערער זיין וועג און מיר וועלען פאַרגעסען, אַז מיר האָבען זיך ווען עס איז באַגעגענט. רייד, איך הער.

זי האָט אים אַ ווילע נאָכאַנאַנד שאַרף אָנגעקוקט, גלייך זי וואָלט זיך געיישובט, וואָס זי זאָל טאָן — און אפשר האָט זי געוואָלט אויספאָרשען די פעסטקייט פון זיין ווילען? — דאַן האָט זי קאַלט געזאָגט:

— איך האַלט דיך ניט. גיי.

— פריד צו דיר — האָט ער זיך אָפּגערופען און זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג.

אַז ער איז שוין געווען ביי דער טיר, האָט זי אים אַ רוף געטאָן:

— נאָך איין וואָרט.

ער איז געבליבען שטיין און האָט זיך אומגעקוקט צו איר.

— באַקלער נאָר אַלצדינג, וואָס איך ווייס וועגען דיר.

— שיינע מיצרית — האָט ער געזאָגט, צוגייענדיג נעהענטער — וואָס איז דאָס אַזוינס, וואָס דו ווייסט וועגען מיר?

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ צושטרייטען בליק.

— דו ביסט מער רוימער, זון פֿון חור, ווי אַלע דײַנע פֿאָלקס־ברידער.

— בין איך דען אַזוי ווייניג געראָטען אין מיינע לאַנדסלייט? — האָט ער געפֿרעגט.

— נאָר צווישען די רוימער געפֿינט מען איצט העלדען.

— און אָט צוליב דעם ווילסטו מיר דאָס זאָגען, וואָס דו ווייסט העגען מיר?

— דײַן איינלאַנקייט אויף די רוימער קאָן מיך באַוועגען צו ראַטעווען דיך.

— מיך צו ראַטעווען?

אירע פֿינגער, נעפאַרבט מיט ראָזיגער פֿאַרב, האָבען זיך גע־שפּילט מיט די פּערל פֿון׳ם האַלזבאַנד, און איר שטים איז גע־וואָרען אויסערגעוויינטלאַך שטיל און ווייך; נאָר דאָס אומרוהיגע קלאַפּען פֿון אירע שײַן־געפּוצטע זײַדענע סאַנדאַלען אָן דער פֿאָר־לאָגע, האָט מתרה געווען בן־חורן, ער זאָל זײַן אויף דער וואַך.

— איך קען אַ אידען — האָט זי לאַנגזאַם אָנגעהייבען, אַ אַנט־לאָפֿענעם גאַלערען־שקלאַף, וועלכע האָט געהרגעט אַ מענשען אין דעם פּאַלאַץ פֿון אידערניי.

בן־חור האָט ערשטוינט אויפֿגעהייבען די אויגען.

— דער זעלביגער איד האָט געשלאָסען אַ בונד צו קעמפּפען קעגען רוים און דער שייך אילדערים איז איינער פֿון זײַנע בונד־חבירים; דער שייך און דער זעלביגער איד האַלט אין אָרגאַניזירען די בני־גליל אויף אַ מלחמת־מצווה.

זי איז צוגעגאַנגען נעהענטער צו אים און האָט כמעט ווי שעפּטשענדיג צוגעגעבען:

— דו האָסט געלעבט אין רוים. שטעל זיך פֿאָר, אַז אַלצדינג, וואָס איך האָב דיר אָקאָרשט געזאָגט, וועט איבערגע׳חזרט ווערען פֿאַר די אייערן פֿון... דו ווייסט פֿון וועמען... אהא דו ביסט בלייך געוואָרען!

ער האָט זיך אַ רוק אָפּ געגעבען פֿון איר אַ הינטער מיט׳ן גע־פֿיל פֿון אַ מענשען, וועלכער האָט געמיינט — ער שפּילט מיט אַ קאַץ און פּלוצלונג זיך אָנגעשטויסען אויף אַ טיגער.

— דו קאָנסט דעם רוימישען היף, דו קענסט אויך סעיאַנוּס׳. הײנט שטעל זיך פאָר, אַז אימיצער װעט איִם דערצײלען מיט ראיות אין האַנט, אָדער אַפילו אָהן ראיות, אַז אַט דער דאָזיגער איד איז דער רײַכסטער מענש אינ׳ם גאַנצען מזרח-לאַנד, און אַפילו אין דער גאַנצער רוימישער אימפעריע. װאָס פאַר אַ טײַערער ביסען דאָס װעט זײַן פאַר די פיש פון טיבער! ניט אמת אפשר, זון פון הור? און װאָס פאַר אַ גלאַנצפולע שפילען ס׳װאָלטען דאַן געגעבען װערען אין צירק! משמח צו זײַן דעם רוימישען פאָלק — איז אַ גרויסער קונץ; אָבער צו שאַפען די געלט פאַר אַזעלכע מיני שימחות — איז נאָך אַ גרעסערער; און ס׳איז נאָך קײנמאָל ניט געװען נאָך אײנער אַזעלכער, װאָס זאָל זיך אין דעם קאָנען פאַרמעסטען מיט סעיאַנוסען!

בן-חור האָט מיט אַלע כּוחות געפּלײַסט זיך צו באַהערשען און האָט װי װײַט מיגליך רוהיג געענטפערט:

— איך װעל דיר אָנטאָן דעם נחת, דו טאָכטער פון מיצרים, און װעל אָנערקענען, אַז דו האָסט מיך איבערגעקלינט. כ׳װעל מודה זײַן, אַז איך בין בײַ דיר אין די הענט. איך װײס אויך, אַז איך האָב זיך ניט װאָס צו ריכטען אויף דײַן גענאַד. איך װאָלט דיך געקאָנט טויטען, אָבער דו ביסט אַ פרוי. דער מידבר איז גרײט מיך צו אַנטפאַנגען, און הגם די רוימער זײַנען זעהר געניט אין דער חכמה פון מענשען-געיעג, פונדעסטװעגען װעט זײ גאַנץ שװער אָנקומען מיך דאָרטען צו כאַפּען. אַגב איז אין מדבר דאָ ניט נאָר זאַמד לרוב, נײַערט אויך שפּיזען און שװערדען אָהן אַ שיעור, און נים װײַט זײַנען אויך די נאָך נישטבאַזיגטע פּרתים. אָבער װען איך האָב זיך אַפילו געלאָזט איבערקליגען פון דיר — נאַר, װאָס איך בין — מאָג איך דאָך פרעגען בײַ דיר, פון װעמען ביסטו דאָס אַלץ געװאָר געװאָרען? אין גלות, צי אין געפאַנגענשאַפט, אָדער האַלטענדיג בײַם שטאַרבען — לאָמיר כאָטש האָבען די שטיקעל נחמה צו שיקען דעם בוגד די קללה פון אַ מענשען, װאָס האָט אין זײַן לעבען גאָרנישט געװאוסט אַ חוץ יסורים און צער. װער האָט דיר דערצײלט דאָס אַלץ, װאָס דו װײסט װעגען מיר?

אפשר האָט זי זיך עס געמאַכט, און אפשר איז דאָס געווען אַ אויפֿריכטיג געפיל — דער פּנים פֿון דער מיצרית האָט אָנגענומען אַ ווייכערען אויסדרוק.

— אין מיין געבאָרען-לאַנד, אָ זון פֿון חור — האָט זי זיך אָפּגערופען — זיינען פאַראַן קינצלערס, וואָס קלייבען אויפ׳ן ברעגים צונויף פאַר שיידענפאַרביגע מייערקעפּלאַך, צושניידען זיי דערנאָך אויף שטיקלאַך און שטעלען פֿון זיי קינציג צונויף פּראַכטיגע בילדער. אפשר שטייסטו זיך אָן אויף דער שייכות צווישען דער דאָזיגער קונסט און דער חכמה צו דערגיין סודות? כ׳וועל דיר בלויז זאָגען, אַז אויך איך האָב געזאַמעלט דאָ און דאָרטען קליינינקייטען, איין וואָרט געהערט פֿון איין מענשען, נאָך אַ וואָרט פֿון אַ צווייטען, דאַן צונויפגעשטעלט עס צוזאַמען און געקליבען נחת פֿון דעם ווערק, ווי אַ פֿרוי, וואָס האַלט אין איר האַנט דעם גליק און דעם לעבען פֿון אַ מאַן, ווען זי האָט...

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, אומגעדולדיג אַ טיפּע געטאָן מיט׳ן פֿוס און פאַרקוקט זיך אָן אַ זייט, גלייך ווי ווען וועלענדיג באַהאַלטען די אויפרעגונג, וואָס האָט זי באַהערשט. דערנאָך האָט זי מיט אַ אויסדרוק פֿון פּיינליכער אַנטשלאָסענקייט דערזאָגט:

— אַ מאַן, מיט וועלכען זי הייבט ניט אָן צו וויסען וואָס צו טאָן.

-- ניין, דאָס איז ווייניג — האָט געזאָגט בן-חיר, אומגערירט פֿון איר שפּיל — דאָס איז ווייניג.

— אמת — האָט זי מיט אַ לעבעדיגקייט געענטפֿערט — אַ כּיסעל בין איך געוואָר געוואָרען פֿון שייך אילדערים, בשעת ער האָט איינמאָל גערעדט מיט מיין טאַטען אין מדבר. די נאַכט איז געווען אַ שטילע, זעהר אַ שטילע, און די ווענטלאַך פֿון געצעלט זיינען געוועזען צו דין פאַר די אויערן פֿון די, וואָס הערען זיך צו צו דעם זשומען פֿון פֿליגען און זשוקעס אין דער לופט.

זי האָט אַ שמייכעל געטאָן ביים דערמאָנען זיך אָן יענער נאַכט און האָט ווייטער גערעדט:

— די איבעריגע שטיקער מייערקעפּלאַך פאַר מיין בילד האָב איך באַקומען פֿון...

— פֿון וועמען?

— פֿון דעם זון הורדס אַליין.

— און מער פֿון קיינעם ניט?

— מער פֿון קיינעם ניט.

— בן־חור האָט אָפּגעעטעמט און געזאָגט:

— איך דאַנק דיר. ס'איז ניט קיין יושר, זאָלסט לאָזן סעיאַגוסן צו לאַנג וואַרטען אויף דיר. ער איז דאָך ניט אַזוי געדולדיג ווי דער מדבר. הכלל, מיצרית, זיי געזונט!

ביז אַהער איז ער געשטאַנען מיט אַ בלויזען קאָפּ, איצט אָבער האָט ער גענומען די טוך, וואָס איז געהאַנגען אויף זיין האַנט, האָט זי אָנגעטאָן אויפ'ן קאָפּ און זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג.

אָבער איראַס האָט אים ווידער אַ מאָל אָפּגעהאַלטען, האָט אַפילו די האַנט צו אים אויסגעשטרעקט.

— בלייב! — האָט זי באַפֿוילען.

ער' האָט געפאָלגט, האָט אָבער ניט אָנגענומען די אויסגעשטרעקטע האַנט, וואָס איז דורכאויס געווען באַדעקט מיט פיני־קעלרינגע אַבנים־טובות. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער הויפּט־עפיזאָד פֿון דער סצענע, וואָס זי האָט איצט פאַר אים אַזוי אומגעריכט אָפּגעשפּילט, קומט ערשט אָן.

— בלייב און זיי מיך ניט חושד, זון פֿון הור, ווען איך וועל דיר זאָגען, אַז איך ווייס, פֿאַרוואָס דער איידעלער אַריוס האָט דיך געמאַכט פֿאַר זיין יורש. און איך שווער דיר ביי איזידען און ביי אַלע געטער פון מצרים — איך ציטער ביים געדאַנק, אַז דו, דער העלדישער און דער גרויסמוטיגער, וועסט אַריינפאַלען אין די נעגעל פֿון רוים. אַ טייל פון דיין יוגענד האָסטו אָפּגעלעבט אין די אַטריומס פֿון דער גרויסער קייזער־שטאָט. היינט באַטראַכט זיך, וואָס קאָן דיר געבען דער וויסטער מדבר אָנשטאָט אַזאַ לעבען! אָ, דו טוסט מיר באַנג, דו טוסט מיר באַנג! אָבער טאָמער וועסטו פאָלגען, וואָס איך וועל דיר זאָגען, דאַן וועל איך דיך ראַטעווען, איך שווער דיר דערויף ביי אונזער הייליגער איזידע!

דער תחנונימדיגער מאָן פֿון די דאָזיגע ווערטער, באַקרעפטיגט

מיט׳ן צווײַבער פֿון איר שײנקײט, האָט געמאַכט אַ שטיקעל אײַנדרוק אויף בן־חירן.

— איך גלײב דיר כמעט... כמעט — האָט ער געזאָגט שטיל און נישט זיכער; אָבער אין דער טיפֿעניש פֿון זײַן האַרצען האָט ער נים געקאָנט גיבר זײַן דעם חשד, װעלכער האָט אים געװאָרענט צו היטען זיך פֿאַר דער דאָזיגער פֿרױ.

— פֿאַר אַ פֿרױ איז דער גרעסטער גליק אין לעבען די ליבע, און פֿאַר אַ מאַן — דער ניצחון איבער זיך אַלײן. און אָט װעגען דעם טאַקע, אָ פֿירשט, װיל איך דיך בעטען!

זי האָט גערעדט גיך און מיט פֿײַער און קײנמאָל האָט זי אים נאָך ניט אויסגעװיזען אַזוי פֿיל צװײַבער.

— דו האָסט געהאַט אַמאָל אַ פֿרײַנד — האָט זי װײַטער גערעדט — איר זײַט נאָך דאַן קינדער געװען. שפּעטער האָט איר זיך צוקריגט און געװאָרען פֿון דעמאָלט אָן דם־שונאים. ער איז געװען אומגערעכט קעגען דיר. אין אַ סך יאָרען אַרום האָט איר זיך װידער באַגעגענט אין צירק פֿון אַנטיאָכיע.

— מעסאַלע!

— יע, מעסאַלע. דו ביסט זײַן קרעדיטאָר. זײַ אים מוחל װאָס געװען. שײנק אים װידער דײַן פֿרײַנדשאַפֿט. קער אים אום זײַן פֿאַרמעגען, װאָס ער האָט פֿאַרשפּילט דורך די גרויסע געװעטן, ראַטעװע אים! פֿאַר דיר האָבען די זעקס טאַלאַנט אַ קנאַפּערע װערדע, װי אַ בלאַט, װאָס פֿאַלט אַראָפּ פֿון אַ נעדיכט באַלעטערטען בוים. פֿאַר אים אָבער... פֿאַר אים, װאָס ליגט מיט אַ צוקאַליעטשעטען קערפּער אין שטויב פֿאַר דיר — פֿאַר אים זײַנען זײ אַלץ. אָ בן־חור, אײדעלער פֿירשט! פֿאַר אַ רױמער פֿון זײַן גראַד איז אָרימקײט ערגער װי דער טױט! טאָ ראַטעװע אים, ראַטעװע אים!

דאָס אַלץ האָט זי אַרױסגערעדט זעהר גיך, אַזױ װי ניט צו געבען בן־חורן קײן צײַט אויף צו באַטראַכטען זיך. זי האָט ניט געװאוסט אָדער האָט פֿאַרגעסען, אַז ס׳זײַנען פֿאַראַן זאַכען, אויף װעלכע ס׳קאָנען קײן װערטער ניט װירקען און איבער װעלכע מ׳דאַרף זיך גאָרניט פֿאַרטראַכטען. אַז אירעס איז אַנטשװיגען

געוואָרען, וואַרטענדיג אויף בן־חורס ענטפער, האָט זיך אים אָפּגעדראַכט, אַז ער זעהט מעסאַלען, ווי ער קוקט אַרויס פון הינטער איר פּלייצע; און דער אויסדרוק פון דעם רוימערס געזיכט האָט ניט אָנגעהויבען אויסצוזעהן ווי פֿון אַ בעטער און אַ פריינד: אויף זיין פּנים איז ווי פֿריהער געלעגען דער חותם פון פּאַטריצישער גאווה און ווי פריהער האָט אַ שפּאָטישער שמייכעל געקרימט די ווינקלען פון זיינע דינע ליפּען.

— איז זיין אפּעלאַציע בכן ניט באַפֿרידיגט געוואָרען און אפילו דער נאָמען מעסאַלע האָט דאָסמאָל ניט געהאָלפען! — האָט בן-חור אויסגערופען. — אַ רוימישער שיפֿט האָט געפּסקנט ניט לטובת אַ רוימער! אַזאַ מעשה דאַרף פֿאַרשריבען ווערען אין דעם ספר-הזיכרונות. האָט עס דיך מעסאַלע, הייסט עס, אונטערגעשיקט צו מיר מיט דער דאָזיגער בקשה, שיינע טאָכטער פון מיצרים?

— ער איז אַ מענש מיט אַ איידעלן כאַראַקטער און האַלט איהך דיך פֿאַר אַזעלכען.

בן-חור האָט אָנגעכאַפּט די האַנט פֿון דער מיצרית.

— אויב דו קאָנסט אים אַזוי גוט, שיינע איראַס, טאָ ענטפֿער מיר אויף דיין נאמנות, צו וואָלט מעסאַלע אין פאַרקערטען פאַל געטאָן פאַר מיר דאָס, וואָס דו פאַרלאַנגסט איצט פון מיר? ענטפער מיר, אין נאָמען פון איזידע!

זיינע אויגען האָבען געפֿלאַמט; ער האָט צוגויפגעדריקט איר האַנט אין זיינער.

— אָ, האָט זי אָנגעהויבען, — ער איז דאָך...

— ער איז דאָך אַ רוימער, ווילסטו זאָגען; דו מיינסט, אַז איך דער איד, טאָר זיך ניט מעסטען מיט'ן זעלביגען מאָסשטאַב, וועלכער ווערט צוגעליינט צו אים; איך, דער איד, מוז אים שיינקען מיין געווינס, ווייל ער איז אַ רוימער. טאָמער האָסטו מיר נאָך עפּעס צו זאָגען, טאָכטער פון בלשאצר, טאָ רייד גיכער, גיכער. אַ ניט שווער איך ביי גאָט פֿון ישראָל, אַז אויב מיין הייס בלוט וועט נאָך הייסער ווערען, קאָן איך נאָך פֿאַרגעסען, אַז דו ביסט אַ פֿרוי און אַ שיינע פרוי. איך וועל אין דיר זעהן נאָר אַ שפּיאָנ-

קע, וואָס דינט דעם מאַן, וועלכען איך האָב אַזוי טיף, בפרט נאָך אַז ער איז אַ רוימער דערצו. רייך-זשע גיכער, גיכער!...

זי האָט אַרויסגעריסען איר האַנט, אָפּגעטראָטען פון אים אַ טראָט אַהינטער און אין איר בליק און איר שטים האָט זיך אַנט-פּלעקט די גאַנצע בייזקייט פון איר וועזען.

— אָ דו — האָט זי געזאָגט — וואָס דו נערסט זיך מיט מע-קענע און פּאָטשאַ! האָסטו טאַקע אויף אַ אמת געמיינט, אַז איך האָב דיך געקאָנט האָלט האָבען, זעהענדיג מעסאַלען? אַזעלכע, ווי דו ביסט, זיינען געבאָרען אים צו דינען! ער וואָלט זיך באַ-נוגענט מיט די זעקס טאַלאַנטען נאָר, איך אָבער פּאָדער, אַז צו די זעקס זאָלסטו צוגעבען נאָך צוואַנציג טאַלאַנט, דו הערסט? נאָך צוואַנציג! פֿאַר יעדען קוש פון מיין גאָטס-פינגערל, וואָס דו האָסט אָפּגענומען; ביי אים — אמת מיט זיין הסכם — מוזטו צאָלען; מוזט באַצאָלען פאַר מיין געמאַכטער ליבע צו דיר און אויך דער-פֿאַר, וואָס איך האָב דיך אַזוי לאַנג פאַרטראָגען, הגם איך האָב עס געטאָן נאָר פון זיינטוועגען. איך וויים, אַז דער ממונה איבער דיין געלט איז דער סוחר, וואָס וואוינט אָטאָ דאָ. אויב מאָרגען ביז האַלבען טאָג וועט ער ניט אַרויסגעבען מיין מעסאַלען אַ אָנ-ווייזונג אויף זעקס און צוואַנציג טאַלאַנט — פאַרצייכען זיך ד' סומע! — ווערסטו האָבען אַ עסק מיט סעיאַנוס'ן. האָב-זשע שכל! זיי געזונט.

זי האָט זיך געלאָזט צו דער טיר, אָבער בן-חור האָט איר פאַרשטעלט דעם וועג.

— אין דיר לעבט דער גייסט פֿון אַלטען מיצרים, — האָט ער געזאָגט. — הער-זשע אויך מיך אויס. אַז דו וועסט זעהען מעסאַלען, מאָרגען אָדער ווען עס איז, הי אָדער אין רוים, זאָלסט אים איבערגעבען אָט וואָס: זאָג אים, אַז איך האָב מיר אומגע-קערט דאָס גאַנצע געלט, אויך די לעצטע זעקס טאַלאַנט — וואָס ער האָט אוועקגערויבט אמאָל ביים צוראַבירען מיין טאַטענס איי-גענס; זאָג אים, אַז איך האָב איבערגעלעבט די שקלאַפעריי אויף דער גאַלערע, צו וועלכער ער האָט מיך געלאָזט פאַרמשפּטן, און אַצינד, געזונט און שטאַרק, קוק איך מיט שימחה אַראָפּ אויף אים,

וואָס ליגט אָרים און פֿאַרשעמט צוטראָטען אין שטויב. זאָג אים, אַז דעם מוס, וואָס איך האָב אים געמאָלט מיט מיין האַנט, האָלט איך פֿאַר א שטראָף פֿין דעם גאָט פון ישראל פאַר זיינע פֿאַרברעכענס קעגען אומבאַשיצטע, אַ שטראָף, וואָס איז פאַר אים ביטערער ווידער טויט; זאָג אים, אַז מיין מאַמע און מיין שוועסטער, וועלכע ער האָט געלאָזט אַריינוואַרפען אין דער פֿעסטונג פון אַנטאָניע, זיי זאָלען אומקומען אין דער שרעקלאַבער תפיסה מיט א לאַנגזאַמען טויט, זיינען פֿריי, פריש און געזונט; זאָג אים, אַז זייער ליבשאַפט וועט מיך באַלוינען פאַר יענע טרייפע לאַסקעס וועלכע דו האָסט מיר דערלויבט אָפּצונעמען ביי אים. זאָג אים — אָ פאַרקערפערטע פֿאַלשקייט, פֿאַר דיר קאָן עס אויך זיין א שטיקעל נחמה! — אַז ווען סעיאַנוס וועט קומען מיך באַרויבען, וועט ער גאָרנישט ניט געפינען, וואָרום די ירושה, וואָס אַריוס האָט מיר איבערגעלאָזען, צוזאַמען מיט דער ווילע אין מיזענום, האָב איך פאַרקויפט, און צו דעם געלט, וואָס איך האָב אָפּגעלייזט דערפֿאַר, קאָן סעיאַנוס ניט גרייכען, ווייל ער צירקולירט איבער אַלע גרויסע האַנדעלס-פלעצער פֿין דער וועלט אין וועקסלען; אין די דאָזיגע הייז און דער איבעריגער איינענס, די סחורות, די שיפען און די קאַראַוואַנען, וואָס סימאָנידעס פירט דערמיט אַזעלכע גלענצענדע געשעפֿטען, דאָס אַלץ איז באַוואָרענט דורך א קייזערלאַכען שוץ-בריוו; וואָרום א קלוגער קאָפּ האָט ניט געקאָרנט קיין געלט פאַר אַזאַ מין בריוו, און אויך סעיאַנוס האָלט, אַז א כשרע פרנסה אין דער פאָרמע פון מתנות איז אַ סך גלייכער, איידער אַ ריווח, מעג זיין אַפּילו א גרויסערער, וואָס מ׳דאַרף אים באַקומען דורך גניבה און גזילה. זאָג דיין מעסאַלען, אַז ווען אַפּילו די געלט און דער אייגענס וואָלט אינגאַנצען געווען אויף מיין נאָמען, וואָלט אים אויך ניט אָנגעקומען קיין פרוטה דערפֿון, אַפּילו ווען איך וואָלט זיך איינגעגעבען אויפֿצוקויפֿען אונזערע אידישע וועקסלען און פֿאַרדערן, צו צאָלען פאַר זיי במזומנים; וואָרים דאַן וואָלט איך אַלץ נאָך געהאַט א מיטעל, ס׳זאָל ניט אַריינפאַלען צו אים די הענט: איך וואָלט עס פּשוט מנדב געווען אין דעם קיסרס אוצר אַריין, אָט וואָס איך האָב זיך אויסגעלערנט זייענדיג אין די

אטרייַמס פון רוים, שיינע מצריתן זאָג אים, אַז איך שיק אים מיין קללה ניט נאָר אין ווערטער — דאָס וואָלט זיין אַ צו קנאַפּער אויסדרוק פאַר מיין אייביגער אומברחמנותדיגער שינאה צו אים — נייערט איך שיק זי אים אין דער פּערזאָן פון דער, וועלכע וועט פאַר אים סוף-כל-סוף ווערען די פאַרקערפּערונג פון דער גאַנצער תוכחה. און ווען ער וועט אַריינקוקען דיר אין די אויגען אַריין טאָכטער פון בלשאַצר, בשעת די וועסט אים דאָס אַלץ איבער-געבען, וועט אים זיין רוימישע שאַלקהאַפטיגקייט שוין געבען צו פאַרשטיין, וואָס איך האָב דערמיט געמיינט. איצט מאָגסטו גיין

ער האָט זי באַגלייט ביז צו דער טיר און האָט מיט אַ צערע-מאָניעלער העפלאַכקייט צוגעהאַלטען פאַר איר דעם פאָרהאַנג.

— פריד זאָל זיין צו דירן — האָט ער געזאָגט, בשעת זי איז אַרויסגעגאַנגען.

## קאַפּיטעל זיבען.

די טאכטער פון יהודה.

אַז בן-חור איז אַרויסגעגאַנגען פון זאַל, איז דער אויסדרוק פון זיין פּנים שוין ניט געווען אזוי לעבעדיג און זאָרגלויז, ווי ווען ער איז אריין אהין. ער איז געגאַנגען מיט לאנגזאמע טריט, דעם קאָפּ טיף אַראָפּגעלאָזען אויף דער ברוסט. די אנטדעקונג, אַז א מענש מיט א צובראָכענעם רוקען קאָן נאָך פינדעסטוועגען מסוגל זיין צו האָבען א געזונטען כּוח אויף פארשיידענע שמד-שטיק, איז געווען פאַר אים אומגעריכט. ווי ס'איז שטענדיג דער סדר נאָך א אומגליק, האָט ער זיך מיט'ן גייסטיגען בליק ארומגעקוקט אהינטער אין דער פארגאנגענהייט און זיך דערמאָנט א סך זאכען, וואָס האָבען אים געמאָגט דינען פאַר א אזהרה. דער געדאנק, אַז אים האָט קיינמאָל אפילו ניט אנגעחויבען איינצופאלען א חשד וועגען באציהונגען צווישען דער מיצרית און מעסאלען און אַז ער האָט איר די גאנצע צייט כּסדר בלינד געטרויט, און זיך וואָס ווייטער אלץ מער אונטערגעגעבען אונטער איר השפּעה, האָט געשלאָגען א שווערע וואונד אין דער אַמביציע פונ'ם יונגען מאַן.

„איצט דערמאָן איך זיך — האָט ער גערעדט צו זיך אליין — אַז ביי איר האָט זיך ניט ארויסגעריסען קיין איין וואָרט פון גרים-צאָרן, ווען דער חוצפּהדיגער רוימער איז אנגעפאלען ביים קאס-טאלישען קוואל אויף איר קעמעל; און ביים שיפען זיך אין יענעם אָווענט אויף דער אָזערע אין פּאלמען-וואלד האָט זי ניט געפונען גענוג ווערטער צו לויבען און צו רימען אים...“

פלוצלונג איז ער שטיין געבליבן און האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט:

„היינט יענע געהיימניספולע טרעפעניש, וואָס זי האָט מיר באַשטימט אינ׳ם פּאַלאַץ פון אידערניי, איז שוין מער פאַר מיר קיין געהיימניספולע ניט״.

צום גליק אָבער איז נאָך קיינמאָל קיינער ניט געשטאָרבן פון פאַרוואונדעטער אַמביציע. פון אַזעלכע וואונדען ווערן די מענשען גיך געזונט. באַלד האָט שוין בן-חור געפונען אַ שטיקעל נחמה:

„געליבט איז גאָט — האָט ער אויסגערופן — וואָס די פרוי האָט מיך פעסטער ניט צוגעבונדען צו זיך. איצט זעה איך באַשיינפערלאַך, אַז איך האָב זי קיינמאָל ניט האָלט געהאַט״.

און אַזוי ווי אַראָפּגעוואָרפען פון זיך אַ טייל משא, וואָס האָט שווער געדריקט אויף זיין נשמה, איז ער אַוועק מיט גיכערע טריט און איז צוגעקומען צו אַ טעראַסע, פון וואַנען טרעפ האָבן געפירט אַרונטער אין הויף און אין דערהייך אויפ׳ן דאַך. ער האָט זיך געלאָזט גיין אַרויפצו, אָבער פלוצלונג איז ער געבליבן שטיין פאַרטראַכט:

„ניט שוין-ושע איז בלשאצר געווען אַ שותף אין דער קאָמעדיע, וואָס זי האָט מיט מיר געשפּילט? ניין, בשום-אופן ניט. צביעות איז פרעמד פאַר אַזעלכע יאָרען. בלשאצר איז אַ רעכטפאַרטיגער מאַן״.

ער איז אַרויף אויפ׳ן דאַך. די לבנה איז אַ קיילאַכדיגע געשטאַנען אויפ׳ן הימעל, און איר זאַנפטער שיין האָט זיך אויסגעמישט מיט׳ן ליכט פון די פולע פייערן, וואָס האָבן געברענט אומעטום אויף די פלעצער און גאַסען פון דער שטאָט. דאָס איז געווען פסח-צייט, ווען דער פאָלק האָט פון אַלע זייטען זיך צונויפגעשטראָמט קיין ירושלים אויפ׳ן גרויסען יום-טוב פון יציאת-מצרים. אין דער לופטען האָבען זיך געטראָגען די אומעטיגע אַקאָרדען פון די אַלטע אידישע תהילים-נעזאַנגען.

בן-חור האָט געוואָרפען אַ האַסטיגען בליק פון איבער דער

מעקה איף דער גאַס אַרויס און האָט זיך געלאָזט גיין צום זו־מער־הויז, פאַרטיפט אין געדאַנקען.

„זיי מאָגען טאָן וואָס זיי ווילען, — האָט ער געטראַכט — מע־סאַלען וועל איך ניט מוחל זיין; כ׳וועל מיט אים ניט טיילען מיין פאַרמעגען און וועל ניט פאַרלאָזען די שטאָט פון מיינע אָבות. קודם־כל וועל איך איפּרופען די בני־הגליל און וועל זיי אויפ־הייבען צום קאַמף. דורך העלדישע גבורות וועלען מיר צוציהען איף אונזער זייט אַלע איבעריגע שבטים. דער רוימער מוז פאַר־טריבען ווערען פון אונזער היילינגען לאַנד״.

אינעווייניג אין דער זומערהויז, צו וועלכען בן־חיר האָט זיך דערנעהענטערט מיט שטילע טריט, איז געווען שוואַך באַלויכטען מיט די בלייכע שטראַלען פון דער לבנה, און איף דער פּאָדלאָגע זיינען געלעגען שאָטענס פון די זיילען. אַריינגעקוקט אינעווייניג, האָט בן־חיר דערזעהן, אַז סימאָנידעסעס פאָטעל איז צוגערוקט צו יענעם אָרט, פון וואַנען ס׳האָט זיך אַנטפּלעקט אַ אויסזיכט איף דער שטאָט און איפ׳ן מאַרק־פּלאַץ.

„סימאָנידעס איז דאָ — האָט בן־חיר אַ טראַכט געטאָן — אויב ער שלאָפט ניט, וועל איך זיך דורכריידען מיט אים״.

שטיל האָט ער זיך דערנעהענטערט צום פאָטעל. אָבער אַרי־בערגעקוקט איבערן הויכען אָנלעהן, האָט ער באַמערקט אָנשטאָט דעם אַלטען — אסתרן. איינגעטוליעט זיך אינ׳ם טאַטענס מאַנטעל, איז זי געשלאָפען זיצענדיג אין שטול. די האָר זיינען איר האַלב צופּלאָנטען געפאַלען איבערן פנים; זי האָט געעטעמט שטיל און נישט רעגעלמעסיג. איינמאָל האָט זיך ביי איר אַרויסגעריסען אַ טיפער זיפץ, וואָס האָט אָפּגעקלונגען אַזוי ווי אַ פאַרשטיקט כלי־פען. דער דאָזיגער זיפץ אָדער אפשר די איינזאַמקייט, און וועל־כער ער האָט זי געטראָפען, האָט אים געגעבען אָנצוהערען, אַז זי איז ניכער אַנטשלאָפען געוואָרען פון צער איידער פון מידינ־קייט. די מאַמע־נאַטור שיקט אַלעמאָל דעם שלאָף אַלס נחמה די וויינענדיגע קינדער, און בן־חיר איז נאָך אַלץ געוואוינט געווען צו קוקען איף אסתרן ווי איף אַ קינד. אָנגעשפאַרט די הענט אויפ׳ן אָנלען פון שטול האָט ער זיך פאַרטראַכט.

„איך וועל זי ניט וועקן. איך האב איר גארנישט וואס צו זאגן... גארנישט, אויסער דעם, אז איך האב זי האלט. זי איז א טאכטער פון יהודה, און אזוי שיין, אזוי ניט איינלאך אויף דער עגיפטערין. אין יענער איז אלץ — פוסטע גאווה און גענארערישער גלאנץ, אין דער — אלץ אמת; ביי יענער תאווה נאך כבוד ביי דער — איבערגעגעבנקייט און טרייהאפט; ביי יענער — לויטער עגאאיזם, ביי דער — פארקערפערטע מסירת-נפש...

„ניין, די פראגע איז ניט, צו איך האב זי האלט, נאר צי זי האט מיך האלט. זי איז פון אנהייב אן געווען צו מיר פריינדלאך. ווי קינדיש האט זי אין יענעם אוונט זיך געבעטן ביי מיר, איך זאל ניט פארפיינדען רוים קעגן מיר! מיט וואס פאר א אינטערעס האט זי זיך צוגעהערט צו מיינע דערציילונגען וועגן מיין לעבן אין רוים, וועגן דער ווילע אין מיזענום! איר האט זיך אזוי געוואלט דאן, איך זאל איר געבן א קוש... געדיינקט זי נאך יענעם קוש? איך האב אים ניט פארגעסן. איך האב זי ליב. זי וועט זיין פאר מיין מאמען א צווייטע טאכטער, און תירצה וועט געפינען אין איר א לעבנדיגע שוועסטער... אפשר אויפוועקן זי און דערציילן איר אלץ?... נאר ניט וועגן דער מיצרית... ניין, אויב דערציילן, איז שוין אלצדינג... אבער ניט איצט. איך וועל בעסער אוועקגיין און וועל אפווארטן א אנדער צייט, א בעסערע. שלאף דערווייל, ליבע אסתר, מיין געטריי און גוט קינד, טאכטער פון יהודה!

און ער איז אוועק פונקט אזוי שטיל, ווי ער איז אריין.

סוף פינפטער טייל.

## עפּילאָג.

אין אַ יאָר פינף אַרום נאָך די באַשריבענע געשעהענישען איז אסתּר, די ווייב פֿון בן־חורן, געזעסען אין איר חדר אין דעם פּאַלאַץ פון בית־חיר אין ירושלים. ס'איז געווען די צייט פֿון האַלבען טאָג, און די ארץ־ישׂראלדיגע זון האָט פאַרפלייצט מיט אירע ברענענדיגע שטראַלען דעם קאָמפּאָרטאַבעל אײַנגעאָרדענטען חדר.

אויף דער ערד, אויף אַ לײַבענפעל, איז געזעסען תּירצה און זיך געשפּילט מיט צוויי קינדער, און די צערטלאַכע בליקען, מיט וועלכע אסתּר האָט געקוקט אויף זיי, האָבען געמסרט, אַז דאָס זיינען אירע קינדער.

די צייט האָט גאָרנישט געמינערט פון איר חן; זי איז נאָך געוועזען שענער ווי פֿריהער. דורכדעם, וואָס בן־חיר האָט זי געמאַכט פאַר דער בעל־הביתטע פון זיין ירושה־הויז, איז מקוים געוואָרען דער שענסטער חלום אירער.

אַ דינער האָט זיך באַוויזען אין דער טיר פֿונ'ם חדר און האָט געמאָלדען:

— עפּעס אַ פרוי וואַרט אין פאָרהויז, זי וויל ריידען מיט דער האַרינטע.

— זאָל זי אַרײַנקומען. איך וועל זי אַנטפאַנגען אָט אָ דאָ.

די פֿרעמדע איז אַרײַן. אסתּר האָט זיך אויפגעהויבען פֿון איר אָרט און האָט זיך געלאָזט גיין איר אַנטקעגען, אָבער פּלוצלונג איז זי שטיין געבליבען, די פאַרב איז איר אַוועק פֿון פּנים און, אָפּגעטראָטען אַ טריט אַהינטער, האָט זי אַרויסגערעדט:

— איך קאָן דיך, גוטע פרוי. דו ביסט...

— איך בין געווען איראַס, די טאָכטער פון בלשאצר.

אסתּר האָט באַהערשט איר ערשטוינונג און געהייסן דעם די־נער ברענגען אַ שטול פאַר דער מיצרית.

— ניין — האָט איראַס קאַלט זיך אָפּגערופן — איך גיי גלייך אַוועק.

ביידע פרויען האָבן זיך אָנגעקוקט. אסתּר איז געווען, ווי מיר ווייסן שוין, אַ שיינע פרוי, אַ גליקלעכע מוטער, אַ צופרידענע ווייב. איר אַמאָליגע קאָנקורענטין האָט, ווייזט אויס, ניט געהאַט אַזאַ גליקלעכע מערכה. איר הייכע פיגור האָט נאָך, אמת, ניט איינגאַנצן פאַרלאָרען איר אַמאָליגע גראַציע, אָבער די גאַנצע גע־שטאַלט האָט אַרויסגעוויזן שפּירען פון אַ חטאימדיגען לעבען. דער פנים אירער איז געווען פאַרגרעבט, די גרויסע אויגען — רויט און פאַרשוואָלען, אונטער די אונטערשטע וויעס טיפע רע־דער, די באַקען אָהן אַ שים גלאַנץ. אַרום די ליפּען איז געלעגען אַ צינישער הארטער אויסדרוק, און די אַלגעמיינע אָפּגעלאָזענקייט האָט זי געמאַכט עלטער, ווי זי איז געווען. אָנגעטאָן איז זי גע־ווען ניט שיין און אומציכטיג, און דער גאַסען־שטויב האָט דיק באַדעקט אירע סאַנדאַלען.

ענדלאַך האָט איראַס איבערגעריסען די פּיינליכע שטילשווייגעניש.

— דאָס זיינען דיינע קינדער?

אסתּר האָט מיט אַ שמייכעל אַ קוק געטאָן אויף זיי און האָט געענטפערט.

— יע. דו ווילסט מיט זיי ריידען?

— זיי וועלען זיך דערשרעקען פאַר מיר — האָט איראַס גע־ענטפערט:

זי האָט זיך דערנעהענטערט צו אסתּרן, אָבער באַמערקט, אַז יענע טרעט פאַר איר אָפּ אַהינטער, האָט זי געזאָגט:

— האָב ניט קיין מורא. גיב איבער דיין מאַן אַ שליחות פון מיר. זאָג אים, אַז זיין שונא איז טויט און אַז מיין האַנט האָט עס אים דערשלאָגען אַלס געצאָלט פאַר די אַלע צרות, וואָס ער האָט געבראַכט אויף מיין קאָפּ.

— זיין שינא?

— יע, מעסאַלע. ווייטער זאָג דיין מאַן, אַז פאַר אַלדאָס בייז, וואָס איך האָב אים געוואָלט פאַרשאַפן, בין איך אַזוי האַרט באַ־שטראָפט געוואָרען, אַז אַפילו ער וואָלט אויף מיר רחמנות געהאַט.

טרערען האָבען זיך געשטעלט אין אסתּרס אויגען. זי האָט גע־וואָלט עפּעס זאָגען, אָבער איראַס האָט זי איבערגעשלאָגען:

— איך דאַרף ניט קיין טרערען און ניט קיין רחמנות. גיב אים נאָר איבער, אַז איך האָב נאָר אײנגעזעהן, אַז זיין אַ רוימער הייסט זיין אַ אוממענש. זיי געזונט!

זי האָט זיך אויסגעדרייט אַוועקצוגיין.

— גיי ניט אַוועק, וואַרט אויף מיין מאַן — האָט זי אסתּר אָפּ־געהאַלטען — ער האָט ניט קיין כעס אויף דיר. ער האָט דיך אומעטום געזוכט. בלייב דאָ. מיר וועלען זיין דיינע פריינד.

אָבער איראַס האָט זיך ניט געלאָזט איבעררייִדען:

— ניין. וואָס איך בין, בין איך עס פון מיין אייגענעם ווילען. באַלד וועט צו אַלץ נעמען אַ סוף.

— אָבער... — אסתּר האָט זיך געקווינקעלט, — אפשר קאָנען מיר דערפילען אַ וועלכע ס'איז וואונש דיינעם. אפשר איז פאַראַן עפּעס, וואָס דו וואָלסט...

דער מיצרית האַרטער פּנים איז געוואָרען אַ ביסעל מילדער. אַ שאָטען פון אַ שמייכעל האָט זיך געוויזען אַרום אירע ליפּען. זי האָט אַ קיק געטאָן אויף די קינדער.

— איך וואָלט וועלען... — האָט זי געזאָגט.

אסתּר, וועלכע האָט פון איר די אויגען ניט אַראָפּגענומען, האָט פאַרשטאַנען.

— דו מאָגסט — האָט זי זיך אָפּגערופען.

איראַס איז צוגעגאַנגען צו די קינדער, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער לייבען־פעל און האָט זיי ביידען אַ קוש געטאָן. דערנאָך איז זי אויפגעשטאַנען, נאָכאַמאָל זיך אומגעקיקט אויף די קליינע און איז אַרויס פון מיר אומגעזעגענט. אַזוי גיך איז זי פאַרשוואונ־דען, אַז אסתּר האָט קיין צייט ניט געהאַט זי אָפּצוהאַלטען.

אַז בן-חור איז געוואָר געוואָרען פונ׳ם דאָזיגען באַזוך, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט זי זוכען, אָבער אומזיסט. קיינער האָט זי שוין מער קיינמאָל ניט געזעהן און קיינער האָט פון איר שוין מער ניט געהערט. די שטילע וואַמערן פון שילוח פאַרבאָרגען אונטער די אין זונען-שיין גלאַנצענדיגע כוואַליעס ניט איין טונקעלן סוד. ווען זיי וואָלטען געקאָנט ריידען, וואָלטען זיי אפשר אונז עפּעס דערציילט וועגען דעם גורל פון דער מיצרית.

סימאָנידעס איז זאַט געוואָרען מיט טעג און האָט ביז אין דער טיפער עלטער אַריין געבליבען ביי זיין קלאָרען שכל און זיין גוט האַרץ; די הצלחה איז אים טריי געבליבען ביז׳ן סוף.

פאַר דער דאָזיגער צייט האָבען זיי איבערגעלעבט נאָר איין צער. דעם טויט פון בן-חורס מאַמען.

איינמאָל פאַרנאַכט, בשעת זיי זיינען געזעסען אויפ׳ן דאַך פונ׳ם זומערהויז, איז אַריין מלוך, וואָס איז נאָך אַלץ געווען דער גע-טרייער דינער פון דער פאַמיליע, און האָט דערלאַנגט בן-חורן אַ פּאַקעט.

— ווער האָט געבראַכט דעם דאָזיגען בריוו? — האָט בן-חור געפרעגט נאָכ׳ן איבערלייענען אים.

— אַ אַראַבער.

— וואו איז ער?

— ער איז גלייך אַוועקגעגאַנגען.

— הער אויס — האָט בן-חור געזאָגט צו סימאָנידעסן.

און ער האָט אָנגעהויבען צו לייענען דעם בריוו אויף אַ קול:

„איך אילדערים, דער זון פון אילדערים דעם נדיב און דער שייך פון שבט אילדערים — צו יהודה דעם זון פון חור.

„ווער געווען, אַ פריינד פון מיין טאַטען, ווי שטאַרק ער האָט דיך האָלט געהאַט. לייען איבער דעם ביינעליינגטען כתב און דו וועסט עס וויסען. זיין רצון איז מיין רצון. דעריבער איז דאָס, וואָס ער האָט דיר געגעבען, דיין אייגענטום.

„אַלצדינג, וואָס די פרתים האָבען ביי אים צוגענומען אין דער גרויסער מלחמה, אין וועלכער ער איז דערהרגעט געוואָרען, האָב איך אָפּגענומען צוריק. בתוכם אויך דעם דאָזיגען כתב און דעם

גאַנצען דיר פון יענער מירע, וועלכע איז אין די טעג פון טיין טאַטען געוועזען די מאַמע פון אַזויפיל אָדלערפעדר. איך האָב נקמה גענומען.

„פריד זאָל זיין צו דיר און צו דיין גאַנצען הויז.

„די דאָזיגע שטים אויס דער מדבר איז די שטים פון

„אילדערים דעם שייך״.

בן-חור האָט דאַן פונאַנדערגעוויקעלט אַ פּאַפּירוסענע מגילה וואָס איז געווען געל, ווי אַ פאַרוועלקט בלאַט פון אַ ווייַנבוים, און האָט איבערגעלייענט אָט דעם כתב:

„אילדערים, מיט׳ן צונאָמען דער נדיב, דער שייך פון שבט אילדערים, צו דעם זון, וואָס איז זיין יורש.

„אַלצדינג, וואָס איך פאַרמאָג, אָ מיין זון, זאָל געהערען צו דיר אין דעם טאָג, ווען דו וועסט ווערען מיין יורש, אַ חוץ דער נחלה אין דער נאָהענט פון אַנטיאָכיע, וועלכע איז באַקאַנט אונטער׳ן נאָמען דער פּאַלמען-וואַלד. דאָס זאָל געהערען דעם זון פון חור, וועלכער האָט אונז אַמאָל פאַרשאַפט אין צירק אַזוי פיל כבוד — אים און זיינע יורשים אויף אימער און אייביג.

„האַלט טייער די צוואה פון דיין טאַטען.

„אילדערים דער נדיב, שייך״.

—וואָס זאָגסטו דערצו? — האָט בן-חור געפרעגט סימאָנידעסן.

אסתר האָט מיט אַ קאָנטיגער הנאה גענומען דעם בריוו מיט דער צוואה און עס נאָכאַמאָל איבערגעלייענט. סימאָנידעס האָט געשוויגען, געקוקט אין דער ווייט אַריין מיט אַ ערנסטען פאַר-טראַכטען בליק. ענדלאַך האָט ער געזאָגט:

— מיין זון, גאָט דער האַר האָט דיר פאַר די לעצטע יאָרען אַרויסגעוויזען זיין גרויסען חסד און דיך געבענטשט מיט גרויס הצלחה. דו האָסט גענוג טעמים צו דאַנקען און צו לויבען זיין ליבען נאָמען. אפשר איז שוין צייט אַ טראַכט צו טאָן, ווי אַזוי צו פאַרווענדען די גרויסע עשירות, וואָס האָט זיך צונויפגעזאַמעלט אין דיינע הענט און וואָס האַלט אין איין וואַקסען.

— ביי מיר איז שוין לאַנג געבליבען — האָט בן-חור געענט-פערט — אַז דעם פאַרמעגען דאַרף מען פאַרווענדען אויף דער

גרעסטער מצווה פון אונזער צייט: אויף דער מלחמה פאר אונזער פאָלקספרייהייט. אונזער היילינגסטער חוב איז איצט צוצונרייטען דעם פאָלק צו דער מלחמה מיט'ן פארהאסטען רוימישען יאָך, אונטער וועלכען ער קרעכצט אזוי שווער. באַפעסטיגען די הייליגע שטאָט ירושלים — דאָס איז איינע פון די וויכטיגסטע הכנות דערצו. אָרגאַניזירען לעגיאָנען פון באוואָפענטע גליל־לייט, די מיטיגסטע קעמפער פאר אונזער פרייהייט — אין דעם זעה איך דעם ציל פון מיין לעבען. און אָט אויף דעם דאַרף מען מנדב זיין דעם גרויסען פארמעגען, וואָס מיר האָבען אין אונזער רשות.

— געבענטשט זאָלסטו זיין, מיין זון, וואָס אין די טעג פון דיין איינענעם גליק האָסטו ניט פארגעסען אָן די גרויסע התחייבות, וואָס ליגען אויף דיר, און אָן די גרויסע עניינים, צו וועלכע גאָט דער האר האָט דיר געגרייט. איך גיב דיך מיין ברכה אויף דעם ווערק, צו וועלכען איך בין שוין צו אלט. גאָט איז מיט דיר און וועט זיין מיט אונזער פאָלק.

— און וואָס ווערסטו זאָגען, אסתר? — האָט בן־חיר נעפרעגט.

אסתר איז צוגעגאַנגען צו אים, אוועקגעליינט איר האַנט אויף זיין אַקסעל און האָט געזאָגט:

— וואָס פאַר דיר איז הייליג, איז אויך פאַר מיר הייליג. ערלויב מיר נאָר: לא־די וואָס איך וועל דיר ניט שטערען אין דער גרויסער זאך, וועל איך נאך דיר דינען מיט אלע מיינע כוחות, און העלפען דיר אין אַלצדינג.

---

און בן־חור האָט ערנסט און טיף דורכגעטראַכט דעם גאַנצען עניין און האָט זיך בלב־ונפש איבערגעגעבען צו דער גראַנדיעזער אַרבעט פון צוגרייטען די נאולה און די ישועה פאַר זיין טייערען פאָטערלאַנד, וועלכען ער האָט היים האָלט געהאַט. ער האָט אַלע זיינע פלענער פארטרויט דעם נייען איידעלען מלך פון יהודה, אַגריפּוס דער זון פון אַריסתּובלוס, דער זון פון דער אומגליקלאַכער מרים החשמונאית. אגריפּוס איז פון די דאָזיגע גראַנדיעזע פלענער און פון דער מיגלאכקייט זיי דורכצופירען אריינגעקומען אין אַזאַ התפּעלות, אז מיט התלהבות און ממש מיט מסירת־נפש

האט ער זיך איבערגעגעבן דער דאזיגער הייליגער ארבעט פאר דער נאהענטער גאולה. בן-חור האט געשטעלט אים אין רשות אלע קאלאסאלע אוצרות און האט געשיינט פון הארציגער שימחה און טיפסטען גליק, דערפילענדיג, אז ער האט באקומען דעם אמתען ציל אין לעבען, אז זיינע ליכטיגע חלומות און האפענונגען זיינען נאהענט מקויים צו ווערען. אמת, די ארבעט האט מען געמוזט פירען מיט דער גרעסטער פארזיכטיגקייט און מסירת-נפש, ווארום רוים האט געהאט אויגען אהן א צאל. אבער דווקא דאס האט אים און דעם יונגען אגריפוס'ן נאך מער באגייסטערט.

מ'האט אנגעהויבען צו פירען קיין ירושלים, קיין בית-צור, יודפת און קיין מסדה גאנצע בערג צעדערן און ציפרעסען פונ'ם וואלד לבנון, מירמעלשטיינער פונ'ם הר-לבנון און פונ'ם חרמון, אייזענווארג און קופער פון ווייסע כפתור. בן-חור האט אויסגענוצט זיינע פארבינדונגען מיט די אראבער פון דער מדבר, געלאזט דינגען טויזענטער און צעהנדליגער טויזענטער ארבעטער און געצאלט זיי מיט א ברייטער האנט, כדי וואס גיכער און וואס בעסער צו באפעסטיגען די גרעניצען פונ'ם לאנד ישראל, פארריכטען די אלטע מיבצרים פון גליל און יהודה און בויען נייע. ער האט אראפגעבראכט פון מיצריים בוימייסטערס און מומחים אינ'ם עניין פון קאנאלען און האט געלאזט דורכפירען א גאנצע סיסטעמע וואסער-איינזאמלונגען אונטער דער ערד פון ירושלים און איר סביבה, א סיסטעמע פון אונטערערדישע קאנאלען, באסיינען און ברונימער, כדי בשעת א נייט צו באזארגען די הייליגע שטאט מיט וואסער. אויך האט ער זיך מיט אלע כוחות גענומען אייפקויפען אין די מדינות ארום דעם לאנד ישראל כלערליי תבואה און פירות און אפלייגען דאס אלץ אין 26 בתי-אוצרות, (וואס מ'האט ספעציעל אויסגעבויט), מאסען בהימות פון די מינים, וואס זיינען פאסיג און וועלען נויטווענדיג זיין פאר זיין פאלק אין דער גרויטער און הייליגער שעה, ווען די אויסדערוויילטע אבער צופייניגטע יהודה וועט קאנען און דארפען מקיים זיין די צוואה פונם גרויסען לערער און מנהיג י ה ו ד ה ה ג ל י ל י, דעם רייטוואנען פון ישראל און זיין רייטער — צו באפרייען די הייליגע לאנד פון

אונטער דעם יאָך פֿון די אַכזריותדיגע טיבעריוסעס און די ווילדע משוגענע קאַליגולעס מיט זייערע געטרייע משרתים די גראַטוסעס, פּילאַטוסעס און פּעטראָניוסעס. און מער ווי אַלץ האָט ער זיך אָפּגעלייגט אויף דער אַרבעט אַרומצורינגלען ירושלים מיט אַזעלכע מויערן, וועלכע עס זאָלן צעשמעטערט ווערן אַלע תּחבולות פֿון דעם פֿאַרפֿלוכטן רוים, און דורכצופֿירן גוואַלדיגע היילען פֿון ירושלים ביז אין גליל און באר־שבע און ביז ירדן.

אין די דאָזיגע גראַנדיאָזע הכנות צום הייליגען קאַמף מיט רוים האָט בן־חור פֿאַרענדיגט זיינע טעג. דאָס איז געווען די צייט פֿון קיר־צען, קלאָרען זון־אונטערגאַנג פֿון דער יידישער מלוכה. אויף אַ רגע האָט זיך דער פֿינסטערער, מיט כמאַרעס פֿאַרלייגטער האָריזאָנט אויס־געלייטערט, אַ פֿאַרכישופֿטע אָוונט־רויטקייט האָט זיינע קאַנטן באַגילט און דערוועקט אין האַרצען די שיינע האָפֿענונגען אויף די נאָהענטע ליכטיגע טעג פֿון באַפֿרייאונג. בן־חורן איז באַשערט געווען ניט צו דערלעבן, און דער לעצטער שטראַל איז אויסגעלאָשן געוואָרן און איבערן הייליגען לאַנד האָט זיך אַראָפּגעלאָזט די נאַכט — אַ פֿינסטערע, אַ שטורמדיגע, אַ אימהדיגע.

(ס ו ף).

XIV 1942:1812

ב.ק.